This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש היימלאנד

3

1989

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

מאַרט

1989

אינהאַלט

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קפסס 3

מעמאָריאַל־צעטל פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און פובליציסטן — קאָרבאָנעס פון די סטאַלין־רעפּרעסיעס אין די 30־ער—50־ער יאָרן 4

יויסעף בוכבינדער. פון מײַן טאָגבוך (סאָף) . . . 6

א ליד פון אונדזערן א לייענער. מאָטל קאַפּלאַן. אין יענער שווארצער ווינטער־נאַכט 39

צו שאָלעם־אליכעמס 130־יאָריקן געבורטסטאָג. כאַיִם ביידער. פּאָסטריט לויט די שפּורן פון דעם גרויסן שרײַבער 40

ליובאָוו פּאָסטילניק. נײַע דאָקומענטן וועגן שאָלעם־אליכעמען 53

נײַס פונעם ייִדישן קולטור־לעבן . . . 59, 94, 117, 160

וויקטאָר לענזאָן. מוזיק אין שאָלעם־אליכעמס ווערק 60

אירמע דרוקער. צוויי דערציילונגען 68

שאָלעם־אליכעם. דער בלוטיקער שפּאַס (פאָרזעצונג) 79

יאַנוש קאָרטשאַקס ליכטיקן אָנדענק 95

כראָניק 96, 131, 164

אלעקסאַנדער איוואַנטשענקאָ. די צעשיסונג אין באָגוסלאַוו (פונעם בוך „דער זעגל פון מײַן בריגאַנטינע”) 97

איבערוף פון צײַטן. א קאָמפּעטענטע מיינונג פון דער פירשטן־טאָכטער יעקאַטערינאַ אלעקסאַנדראָוונאַ מעשטשערסקאַיא 105

א פרײַנטלעכע בליק־רײַזע קיין מאָסקווע (לייב דאָמב־טרעפּערס אלמאָנע אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד”) 110

וואַלענטין טאָמין. פון די אָפּרופן אין דער סאָוועטישער פּרעסע וועגן דער „רויטער קאַפּעלע” אף א הויכן קאָל 113

דיכטונג. הירש רעלעס. אויסדויער (לידער) . . 114

צוויי מיינונגען. צי וועט די קאָנטאָניזירונג ברענגען שאָלעם פאַר יִסראָעל. יאַקאָוו ראַבקין. די קוואַדראַטור פונעם קרײַז. אלעקסאַנדער זאָטאָוו. רעמי, אָבער ניט קיין גלײַכער . 118

ייִדיש אין ייִסראָעל: צוויי נאָטיצן אין דער צײַטונג „דער וועג” פאַרן 29 אָקטיאַבער 1988 122

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט. מיראָן ווײַסמאַן. באַבעל און הערשעלע אָסטראָפּאָליער 125

אונדזערע מיטיילונגען. וסעוואָלאָד וויכנאָוויטש. ווי געפינט זיך הארקאַוויס וויכטיקסטע ווערק 132

ווערק פון אונדזערע לייענער. באָריס כאַיִס. קינדערלידער 135

רוווּן קויענמאַן. דאָס בלינדע הינטעלע . . . 140

ייִדישע געשיכטע. פּראָפּ. נ. מ. ניקאָלסקי. דאָס אוראַלטע פאָלק ייִסראָעל (פאָרזעצונג) 141

דאָס איז טשיקאַווע. וועלוול טשערנין. שאָלעם־אליכעמס א וויזיט־קאַרטל 158

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 165

רעזיומע I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

א. טווערסקאָי,

ב. מאָגילנער, כ. מעלאַמוד,

ב. סאַנדלער, ג. עסטרײַך (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר),

ה. פּאָליאַנקער,

י. שוסטער, י. שרײַבמאַן

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס

„וועגן צוגאָבלעכע מיטלען, קעדיי ווידערופשטעלן די גערעכטיקייט בענעגייע די קאָרבאָנעס פון די רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן געהאַט אָן אָרט אין פּעריאָד פון די 30־ער—40־ער, אָנהייב 50־ער יאָרן"

אינעם באַשלוס מיקויעך דער דאָזיקער פּראַגע מערקט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס אָפּ, אַז די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, די דערפאַרונג פון רעאַביליטאַציע, וועלכע איז אָנגעזאַמלט סײַ דירעקט נאָך דעם XX און XXVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, סײַ אין דער סאַמע לעצטער צײַט, זאָגן אײַנבאַשטרײַטבאַר אײדעס: אינעם פּעריאָד פון די 30־ער—40־ער, אָנהייב 50־ער יאָרן האָט געהאַט אָן אָרט אַ פּראַקטיק פון מאַסן־רעפּרעסיעס און ווילקיר. דער הויכפּונקט פון געזעצלאָזיקייט זײַנען געוואָרן די ספּעציעלע געשאַפענע ניט־גערעכטלעכע אָרגאַנען — די אַזוי־גערופענע „דרײַלינגען", „ספּעציעלע באַראַטונגען", ווי אויך די פּראַקטיק פון צונויפשטעלן און באַשטעטיקן רעשימעס פון די רעפּרעסידטע.

אַזאַ פּראַקטיק האָט דערפירט צו טראַגישע פאָלגן פאַר הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע מענטשן, זי האָט געהאַט אַ פאַרדאַרבלעכע ווירקונג אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, אײַנגעפונדעוועט אינעם באַוווּסטזײַן אַ ביטל־באַציִונג צו די נאָרמעס פונעם געזעץ און פון דעם מענטשלעכן לעבן. דעם פּראָגרעס פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, דעם סאָציאַליזם און דעם אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי איז אָרײַנגעבראַכט געוואָרן אַן ערנסטער שאָדן.

די ווידערופשטעלונג פון דער היסטאָרישער, יורידישער גערעכטיקייט האָט איצט באַקומען אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדײַטונג. פון איר איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק די פאָרויסבאַוועגונג צו אַ סאָציאַליסטישער רעכטלעכער מעלוכע, די אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן. די עפנטלעכקייט, די קרויווים און נאָענטע פון די געליטענע וואַרטן, אַז אַלע אומשולדיק רעפּרעסירטע זאָלן פולשטענדיק רעאַביליטירט ווערן און עס זאָל פאַרייביקט ווערן זייער אָנדענק.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס האָט באַשלאָסן אַרײַנטראָגן אויף אַ באַהאַנדלונג אין פּרעזידיום פונעם אייבער־סאָוועט פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַ פאָרשלאָג — אָפּשאַפן מיט אַ געזעצגעבערישן אַקט די אויסער־גערעכטלעכע באַשלוסן, וועלכע עס האָבן אַרויסגעטראָגן אין פּעריאָד פון די 30־ער—40־ער, אָנהייב 50־ער יאָרן די „דרײַלינגען", „ספּעציעלע באַראַטונגען", וואָס האָבן דעמאָלט פונקציאָנירט. האַלטן אַלע בירגער, וועלכע זײַנען רעפּרעסירט געוואָרן דורך די באַשלוסן פון די אָנגעוויזענע אָרגאַנען, פאַר רעאַביליטירטע.

גלײַכצײַטיק דאַרף מען אָנערקענען, אַז דאָס דאָזיקע מיטל ווערט ניט פאַרשפּרייט אויף פאַרעטער פונעם היימלאַנד און אָנטיילנעמער פון שטראָף־אַקציעס בײַם דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אויף נאַציסטישע פאַרברעכער, אָנטיילנעמער פון נאַציאָנאַליסטישע באַנדע־פאָרמירונגען און זייערע מיטהעלפער, אויף די מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַלסיפיצירן קרימינעלע איניאָנים, ווי אויך אויף יענע, וועלכע זײַנען באַגאַנגען בעקיווונדיקע מאָרדן און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכנס. בענעגייע די איבערגעמאַנטע קאַטעגאָריעס דאַרף זײַן גילטיק די אײַנגעשטעלטע מיצאַד דעם געזעץ אָרדענונג פון אָנגעבן אָנקלאָגעס און פון נאָכאַמאָל באַטראַכטן די אַרויסגעטראָגענע אורטיילן און אַנדערע באַשלוסן.

דער צק קפּסס האַלט פאַר נויטווענדיק פאַרשנעלערן דאָס באַטראַכטן אין דער אײַנגעשטעלטער דורכן געזעץ אָרדענונג די קרימינעלע איניאָנים אויף די פאַרמישפּעטע אין די רעפּרעסיע־יאָרן מיצאַד די גערעכט־אָרגאַנען.

באַוואָרענען די אַרבעט אויף צו קאָמפּענסירן אין דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג דעם מאַטעריעלן העזעק פאַר די רעאַביליטירטע, דאָס צו וויסן געבן זייערע קרויווים.

דער צק קפּסס האָט אונטערשטיצט די פאָרשלאָגן פון דער סאָוועטישער עפנטלעכקייט וועגן שאַפן בײַ די קאָנטישע, געגנטלעכע און שטאָטישע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן, איבער־סאָוועטן פון די פאַרבאַנדישע און אויטאָנאָמע רעפּובליקן קאָמיסיעס, צונויפגעשטעלטע פון פאָלקס־דעפּוטאַטן און פאָרשטייער פון דער עפנטלעכקייט, קעדיי מיטהעלפן די סאָוועטישע אָרגאַנען אינעם זיכערן די רעכט און אינטערעסן פון די רעאַביליטירטע, אינעם אויפשטעלן דענקמעלער די קאָרבאָנעס פון די רעפּרעסיעס, ווי אויך אינעם אויפהאַלטן אין אַ געהעריקער אָרדענונג די ערטער פון זייער קווורע.

נועמאָריִאַל־צעטל
פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און פובליציסטן-
קאָרבאָנעס פון די סטאַלין־רעפּרעסיעס
אין די 30־ער-50־ער יאָרן

אבטשוק אווראַם (1887 — 1937)
אגורסקי שמועל (1884—1937)
אבראַם לייב (1896 — ?)
אלעק ש. (1888 — 1937)
אקסעלראָד זעליק (1904 — 1941)
אַשעראָוויטש עליע (1879 — 1937)
בערגעלסאָן דאָוויד (1874 — 1952)
בראַכמאַן אלעקסאנדער (1897 — 1942)
בראָנשטיין יאשע (1906 — 1937)
בריל הירש (1901 — 1937)
גילדין כאַים (1884 — 1944)
גרינבערג זאַרעך (1887 — ?)
דאַמעסעק אווראַם (1893 — 1937)
דובראָוויצקי מוישע (? — ?)
דושמאַן לעאָן (1886 — ?)
דוניעץ כאַצקל (1896 — 1937)
דימאַנשטיין שימען (1888 — 1937)
האַלמשטאָק כאַים (1882 — 1942)
האַלמשטאָק פּײַוול (1880 — ?)
האַפּשטיין דאָוויד (1889 — 1952)
וואָלאָברינסקי אַרן (1900 — 1937)
ווײַנשטיין אַרן (1877 — 1938)
זוסקין בינימין (1899 — 1952)
זשיץ הערשל (1896 — 1953)
טשעמערינסקי אלעקסאנדער (1880 — 1936)
יאַכינסאָן י. (1887 — 1937)
יודעלסאָן אַרן (1907 — 1937)
יאַנקעלעוויטש יאַנקל (1904 — 1938)
כאַריק איזי (1898 — 1937)
כאַשין אלעקסאנדער (צווי אווערבוך) (1886 — 1939)
ליבערבערג יויסעף (1889 — 1937)
ליטוואַקאָוו מוישע (1879 — 1937)
לעוו זיסקינד (1896 — 1937)
לעווין יאַנקל (1882 — 1937)
לעוויטאַן מיכל (1882 — 1937)
לעווין נאָכעם (1907 — 1949)
מאַץ דאָוויד (1902 — ?)
מאַרקיש פּערעץ (1895 — 1952)
מאַרשאַק דאַניִעל (1872 — 1937)
מערעזשין אווראַם (1880 — 1937)
נאַדעל וואָלף (1897 — 1939)

נוסינאָוו ייִצחק (1889 — 1950)
דער ניסטער (פּינכעס קאַהאַנאָוויטש) (1884 — 1950)
סאָלאָווייטשיק העניך (? — 1936)
סלוצקי דאָוויד־בער (1877 — 1955)
סטרעליץ אָסקאַר (1892 — 1937)
סעגאַלאָוויטש וואָלף־הירש (1890 — 1937)
ספּיוואַק עליע (1890 — 1952)
עסטער פרומקינאַ (מאַלקע ליפשיץ) (1880—1938)
עריק מאַקס (זאַלמען מערקין) (1898 — 1937)
פּערסאָוו שמואל (1889 — 1952)
פּעפער איציק (1900 — 1952)
פרידליאַנד צווי (1897 — 1936)
צאַרט לייב (? — ?)
צינבערג ייִסראָעל (1873 — 1939)
קאַדישעוויטש מענאַכעם (1895 — 1937)
קאַמענשטיין מוישע (? — ?)
קולבאַק מוישע (1896 — 1940)
קוויטקאָ לייב (1890 — 1952)
קיפּער מאָטל (1869 — 1938)
קליטעניק שמואל (1904 — 1940)
קאָבלענץ באָרעך (? — 1937)
קאָפּעליעוויטש בעניע (1891 — 1941)
ראַווין יויסעף (1890 — 1937)
ראַווין שלוימע־איטשע (1892 — 1937)
ראַטנער זאַלמען (1884 — 1938)
ראַפּאַלסקי מיכאָיל (1889 — 1937)
ריווקין הערץ (1908 — 1951)
רובינשטיין נאָכעם (1902 — 1938)
שאיעוויטש כאַיִם (? — 1937)
שנייער־אָקון זאַלמען (? — 1952)
שפּראַך עפראַיִם (1890 — 1937)

פון דער רעדאַקציע

פּובליקירנדיק דאָס מעמאָריאַל־צעטל פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און פּובליציסטן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די טפּיסעס און לאַגערן — קאָרבאָנעס פון די סטאַלין־רעפּרעסיעס אין די 30־ער—40־ער, אָנהייב 50־ער יאָרן, האָבן מיר אין זינען, אַז דאָס צעטל פאָדערט נאָך אייניקע צוגאָבלעכע ידיִעס. וועגן א סאַך פון די קאָרבאָנעס ווייסן מיר ניט קיין גענויע דאַטעס פון געבורט אָדער דאָס יאָר פון זייער אומקום. מעגלעך, אַז עס זײַנען פאַראַן געוויסע אומפּינקטלעכקײַטן אויך אין די שוין געבראַכטע דאַטעס. דעריבער בעטן מיר אונדזערע לייענער זיך פאַרבינדן מיט דער רעדאַקציע, אויב זיי האָבן מער פּינקטלעכע ידיִעס וועגן די אומגעקומענע, קעדיי אַרײַנטראָגן די נייטיקע איסבעסערונגען און דערגאַנצונגען.

יויסעף בוכבינדער

פֿון מײַן טאָגבוך

אין דער פּאַלאַטע פֿון פּסיכיש־קראַנקע בין איך אָפּגעוועזן קנאַפּע דרײַ כאָדאָשים. די ערשטע צײַט בין איך געווען אַפּילע צופֿרידן, וואָס מע וועט מיך ניט טשעפּען יעדן באַנאַכט, ניט פֿירן צו דעם אויספֿאָרשער. נאָר וואָס ווײַטער, איז געוואָרן ערגער. געפֿינענדיק זיך צווישן אַזעלכע ווילדע מעשוגאָיִם, האָב איך דערפֿילט שידערלעכע קאַפּוויטיקן בלויז פֿון זײַן אָנגעשטרענגט און שפּילן די ראָל פֿון אַ מעשוגענעם. דאָס ליגן אונטער דער קאָלדרע שווײַגנדיק, ניט באַהעפֿטן זיך מיט קיינעם, אַבוץ אין די עטלעכע רעגעס, ווען ס'קומען אַרײַן איין מאָל אין וואָך איינער אָדער צוויי דאָקטוירים אין דער פּאַלאַטע און פֿרעגן אויס, ווי פֿיל איך זיך, ענטפֿער איך שטענדיק מיט טרערן: „איך בין אין גאַרנישט ניט שולדיק... ראַטעוועט מיך!"

איין זאַך האָב איך אָפּגעטאָן אין פֿאַרלויף פֿון די עטלעכע כאָדאָשים, זײַענדיק אין פּסיכישן לאַזאַרעט. די קראַנקע האָט מען יעדע צווייטע טעג אַרויסגעפֿירט אויף אַ שפּאַציר אין אַן אָפּגעגרויזעוועט שטיקל ערד, אַרומגעצאַמט מיט הויכע ציגל־ווענט, אויף דער טעריטאָריע פֿונעם טפּיסע־לאַזאַרעט. דאָ איז די וואָך געווען ניט קיין שטרענגע, מע האָט געלייגט ווייניק אַכט אויף דער אופּירונג פֿון די כאָלאָיִם, פֿאַרט מעשוגאָיִם. אויפֿן שפּאַציר אינעם הויף האָב איך געזאַמלט אָפּגעברענטע שוועבעלעך, אָקורקעס, וואָס די אַרעסטאַנטן פֿון אַנדערע קאַמערן האָבן נאָכן רייכערן דאָ איבערגעלאָזט. מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו פּאַקן אַ ליידיק פּעקעלע פֿון שוועבעלעך מיט אַ צעריסן שאַכטל פֿון סיגאַרעטן, און אין פּאַלאַטע, אַז קיינער זאָל ניט זען, ווען אַלע שלאָפֿן שוין, האָב איך מיט די אָפּגעברענטע שוועבעלעך אָנשטאָט אַ בלײַער אויף אַ צעריסן שאַכטל פֿון דער לינקער זײַט, וואָס איז געווען עטוואָס ווײַס, געשריבן אַ בריוול צום אָנגעזעענעם אוקראַיִנישן שריפֿטשטעלער, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען, מיט אַ באַקאָשע, ער זאָל זיך ווענדן צו די העכערע געריכט־אינסטאַנצן, צו דער עמגעבע־אָנפֿירונג, אַז דער שריפֿטשטעלער, מיט וועלכן ער איז פּערזענלעך באַקאַנט, איז אַן ערלעכער מענטש, אַז זײַנע שריפֿטן זײַנען דורכגעדרונגען מיט ליבע צום לאַנד, מיט פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט. אינעם בריוו האָב איך אָנגעשריבן דעם אַדרעס פֿונעם שרײַבער און זיך געווענדט צו אַן אומבאַקאַנטן דורכגייער, וואָס וועט אויפֿהייבן דאָס בריוול, זאָל ער עס אַוועקשיקן אין אַ קאָנווערט צום גרויסן שרײַבער פֿון דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט — צו מאַקסים רילסקין.

דאָס דאָזיקע פּאַקעטל, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרצן פֿאָדעם און צום פֿאָדעם צוגעבונדן אַ שטיינדל, האָב איך אויף איינעם פֿון די שפּאַצירן אינעם אַרומגעצאַמטן הויף אַריבערגעוואָרפן איבערן טפּיסע־פּלויט. דערזעענדיק דעם קלאָפּנדיקן פֿאַל אויפֿן טראָטואַר, האָב איך טייקעף פֿאַרלייגט די הענט אויף הינטן, אײַליק געטומען שפּאַצירן איבערן הויף צוזאַמען מיט די כאָלאָיִם, גלײַך איך האָב גאַרנישט ניט אָפּגעטאָן. וועגן דעם גוירל פֿון דעם אָנגעשריבענעם בריוול מיט דער שוואַרצקייט פֿון אָפּגעברענטע שוועבעלעך וועט דער לייענער זיך דערוויסן אין די פֿאַרלעצטע קאַפּיטלען... דערווײַל ברענגט מען מיך פֿונעם פּסיכישן לאַזאַרעט צוריק אין דער טפּיסע, פֿונוואַנען מע האָט מיך אַוועקגעפֿירט.

ס אָ ף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 2, 1989.

אָט אַזאַ איז דער לעבעדיקער מענטש, צו אַלץ װערט ער צוגעװױנט. נעכטיקסטו איבער איין נאַכט מיט צאָרעס, װערסטו צו זיי צוגעװױנט אויך אױף װײַטער.

דריי איך זיך װידער אום אין קאַמער, װי אַ פייגל אין שטײַג, און װייס ניט, װאָס עס שטייט מיר פאָר אױף װײַטער. זיי האָבן געװאָלט מאַכן מיך פאַר אַ מעשוגענעם — האָט זיך עס ניט אײַנגעגעבן.

מע רופט מיך װידער אַרויס, נאָך אַ לענגלעכן איבעררײַס, זינט איך בין געקומען פונעם פסיכישן לאַזאַרעט, צום אויספאָרשער. און דאָ דערזע איך פאַר זיך גאָר אַ נײַעם מענטשן — אַ הויכװוּקסיקן משאַנצבל מיט אַ גראָבער נאָז, מיט אַ רויטן קאַרק, דאָס פּנים עטװאָס געשטופּלט. ער זעט אויס צו זײַן אַן ערנסטער, נאָר דער גאַנצער אויסזען זײַנער מאַכט אַן אײַנדרוק פון ניט קיין שלעכטן מענטשן. און עפשער האָב איך אַ טאָעס? לאָזט זיך אויס, אַז ניין. די אויספאָרשונג, װעלכע האָט זיך געצויגן קימאַט אַ כוידעש, איז פאַר מיר געװען װי אַ קוראָרט. ערשטנס, איז די אויספאָרשונג געגאַנגען בלויז באַטאָג. דערמיט אַליין איז מיר געװאָרן לײַכטער אױף דער נעשאָמע, עס האָט זיך אָפּגעטראָגן אַ ביסל די בענקשאַפט נאָכן שלאָף, עטװאָס פאַרשװוּנדן איז די גװאַלדיקע מידקײַט, די פּײַניקונג פון גיין באַנאַכט נאָך נאַכט צום אויספאָרשער, װאָס האָט אַזוי געפּאַטערט מײַנע נערװן, אַז כ׳האָב ביכלאַל ניט געװוּסט, װאָס עס טוט זיך מיט מיר. שוין ניט קיין מענטש, נאָר אַ שאָטן פון אַ מענטשן. עפּעס אַ קלייניקײַט, זיך געפינען קנאַפּע דרײַ כאָדאָשים אין דער קאַמער פון פסיכיש־קראַנקע! כ׳בין דאָרט אומגעגאַן װי אין אוילעם האַטויע. דערפאַר האָבן די באַטאָגיקע אויספאָרשונגען עטװאָס דערמונטערט, צוגעגעבן אַ ביסעלע דרייסטקײַט, און שטילערהייט ערגעץ אין אַ װײַט פאַרבעפּלט װינקעלע פון האַרצן האָט זיך פאַרבלאָנקעט אַ געפיל, אַז אויב די אויספאָרשונג װערט געפירט באַטאָג און ניט בלויז באַנאַכט, איז עפּשער אַ סימען, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין די מויכעס פון די אויספאָרשער, און לויטן גאַנג פון מײַן איניען האָבן זיי זיך איבערצײַגט אין מײַן אומשולד, דעריבער פאַרלײַכטערן זיי איצט די פאָרזעצונג פון דער אויספאָרשונג נאָך מײַן אומקערן זיך פון דער „פסיכושקע". אַזוי טראַכט איך בײַ זיך, באַזונדערס איצט, װען דער נײַער אויספאָרשער, װאָס פירט מײַן איניען, האָט אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן כוידעש פאַרשריבן אין די פּראָטאָקאָלן אַלע מײַנע ענטפערס. אױף יעדער איינער און דער זעלבער פראַגע מיצאַד דעם אויספאָרשער, װי, צום בײַשפּיל: „דערצייל װעגן דײַן קאָנטער־רעװאָלוציאָנערער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקײַט", און מײַן ענטפער: „איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט אַזאַ טעטיקײַט".

דער אויספאָרשער: „רײדן רעדסטו זייער שיין, נאָר אָפּגעטאָן האָסטו אַ סאַך נידערטרעכטיקע מײַסים. נו גוט, זאָל זײַן, װי דו זאָגסט. צי װעט מען דיר גלייבן אָדער ניט גלייבן, נאָר די װערק דײַנע װײַזן, אַז דו ביסט אױף דורך און דורך אַ נאַציאָנאַליסט. דאָס דאָזיקע באַשטעטיקן דרײַ קאַנדידאַטן פון פילאָלאָגישע װיסנשאַפטן. נו, װאָס װעסטו זאָגן דערויף?"

„בירגער אויספאָרשער, איך בין זיכער, אַז דער דאָזיקער בילבל װעט פּלאַצן װי אַ זייפן־בלאָז. דערמאָנט זיך נאָר, מיט װאָס האָט זיך געענדיקט דער דרייפוס־פּראָצעס? מ׳האָט דאָך דרייפוסן, דעם ערלעכן אָפיצער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אויך באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש... און װער װייסט ניט װעגן דעם קיִעװער בײליס־פּראָצעס? ער האָט דאָך אויפגערודערט די װעלט, אַזױנס האָבן געקאָנט אויסטראַכטן פּאָגראָמשטשיקעס פון צאַרישן רוסלאַנד..." איך בין אַרײַן אין אַזאַ עקסטאַז, אַז כ׳האָב אַפילע פאַרגעסן, װוּ איך געפין זיך. נאָר דער אויספאָרשער האָט קימאַט װי ניט רעאַגירט, ער איז געזעסן, װי שטענדיק, פאַרטאָן אינעם צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל. אַרײַנגעװאָרפן אין אַשבעכער דעם אָקוראָק, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אויסגעצויגן דעם שלאַנקן קערפּער מיט אַ דויערנדיקן געגענעץ און אַרויסגעשטאַמלט: „פונדאַנען קערט מען זיך ניט אום... דײַן היים איז דער לאַגער".

נאָכן אונטערשרײַבן די „דװוּכסאָטקע" (דאָס איז אַן אַרטיקל פון קרימינעלן קאָדעקס נומער 200), װען די אויספאָרשונג איז געענדיקט און דער באַשולדיקטער באַקאַנט זיך מיט אַלע פּראָטאָקאָלן און דאָקומענטן, װאָס זײַנען בײַגעלייגט צום איניען, בין איך פּאַשעט נישטוימעס געװאָרן, — צװיי דיקע בענדער. אין פאַרלויף פון דרײַצן כאָדאָשים האָבן פיר אויספאָרשער געשריבן נאַכט נאָך נאַכט, און אױף די טאָװלען פון יעדן באַנד איז מיט שװאַרצע אויסיִעס געװען אָפּגעדרוקט — „אָפּהיטן אייביק!".

כ׳האָב דערזען אַן אָפּגעדרוקט זײַטל פונעם טפיסע־לאַזאַרעט פאַר פסיכיש־קראַנקע, דאָרט איז געװען גאַנץ דײַטלעך אָנגעשריבן, אַז איך האָב אין פאַרלויף פון דרײַ כאָדאָשים, זײַענדיק אין לאַזאַרעט, זייער אָפט זיך אומגעדרייט אין פּאַלאַטע און, אויפהייבנדיק די רעכטע האַנט, די גאַנצע צײַט געשריען: „הײַל היטלער! הײַל היטלער!". דיִאַגנאָז — פּסיכאַסטעניִע. איך האָב באַם אויספאָרשער גאָרנישט ניט געפרעגט, עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און שטילערהייט בײַ זיך געטראַכט: קאָן זײַן, דערפאַר האָט מען אָפּסנײַ אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, און דער נײַער אויספאָרשער האָט אין יעדן פּראָטאָקאָל פאַרשריבן װאָרט בײַ װאָרט, װאָס איך האָב געזאָגט. איז דאָס עפּשער אַ גליק אין מײַן אומגליק, װאָס מיך, דעם ייִדישן נאַציאָנאַליסט, האָט דער פּסיכיאַטער פונעם לאַזאַרעט פאַרװאַנדלט אין אַ פאַשיסט! גאָט מײַנער, װאָס טוט זיך דאָס מיט מיר?..

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען מיך איבערגעפירט אין לוקיאַנאָווער טפיסע. אָט דאָ האָב איך זיך דערפילט, ווי אייגער, וואָס ווערט פון טפיסע באַפרײַט און קאָן זיך ניט אַנזעטיקן מיט דער פרישער דרויסנדיקער לופט. נאָך אַזויפיל כאָדאָשים נאָסאַנאַנד, זײַענדיק פארשפאַרט אין דער אינער־לעכער טפיסע און בלויז געציילטע פופצן מינוט אָטעמען מיט ארומגעצאַמטער לופט, ווען מע פירט דיך ארויס אַף א שפּאַציר אינעם טפיסע־הויפל איין מאָל אין צוויי טעג, האָב איך דאָ, אין דער קאָר מער פון לוקיאַנאָווער טפיסע, ווו ס׳האָבן זיך געפונען 25 פּאָליטישע ארעסטירטע און די גראַטעס אַף די פענצטער זײַנען ניט פארדאַנגען מיט קיין דורכויסיקע אײַזערנע פאַנצערס, פאַר פרייד גע־טאַנצט אַף דער נאַרע און אַלץ ארויסגעקוקט דורך דעם גראַטע־פענצטער. באַטראַכט די דעכער פון די הײַזער, די הויכע קרויען פון בליִענדיקע ביימער און טיף אײַנגעאָטעמט די לופט, וואָס האָט דערפרישט ניט בלויז די עמפּיזעמישע לונגען מײַנע, נאָר, ווי ס׳האָט זיך מיר געדוכט, איך בין אַפּסנײַ געבוירן, אַלע מײַנע איווורים האָבן זיך שטילערהייט צעזונגען און זיך צעשפּילט, ווי אַף סטרונעס.

אַך, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל בעסער זײַן א קאָמפּאָזיטאָר און פארשרײַבן אָט די קלאַנגען מיט שוואַרצע נאָטן אַף די שורעס, אַז ניט פארגעסן זאָל איך די ליידן די אומזיסטע פון די אָוועס, און אויך יענע אויסגעקריצטע ווייען סײַ אין הארצן דאָ אין טפיסע, סיי די ווייען, די פאַר־שריבענע אַף פּאַרמעט, מיט וועלכע ניט בלויז איך אַליין האָב אומגעוואַנדערט איבער דערנער, איבער כורוועס און זיי געהיט פון אַנטרינונג, און אויב איך אַליין וועל ניט פארבלײַבן, זאָל כאָטש בלײַבן דאָס געזאַנג, וואָס איז ארײַן אין מײַנע ביינער. און בעשאַסמײַסע טאַנץ איך אונטער אַף דער נאַרע.

— ביסט מעשוגע, צי וואָס? — האָט דער שאָכן פון דער נאַרע מיט א גוטמוטיקן שמייכל זיך געווענדט צו מיר.

ענטפער איך אים:

— דו ביסט מיסטאָם געבוירן אין א דערפל צי אין א שטעטל, האָסטו מיסטאָם געזען א יונג פערדל, ווען מע צעצוימט עס און ס׳גיט זיך א יאָג מיט א צעפּאַטלטער גריווע, מיט א פאריסענעם עק איבער דעם פרײַען פּאַשע־פעלד. אָט דאָס בין איך אַליין...

— איך בין אויך ענלעך אַף אַזאַ פערדל, — האָט זיך אָנגערופן צו מיר דער שאָכן מײַנער. — אַזאַ איז אונדזער גוירל... טאַקאָוואַ נאַשאַ דאָליאַ...

ליגנדיק אַף דער נאַרע באַם גראַטע־פענצטער, דערזע איך א גרויסע ליסטיקע לעוואָנע, אַן ארומגערינגלטע מיט שטערן, און ס׳דוכט, אַז דאָס איז די זעלבע לעוואָנע, וואָס האָט געלויכטן איבער מיר, ווען ניט איין מאָל האָב איך זיך געשיפט אַף א שיפל זומערצײַט אַף דעם טעטערעוו־טײַך מיט מײַן ערשטער געליבטער. דאָ, אַף דער נאַרע, ווען אַלע שלאָפן שוין אַזוי געשמאַק, און ווען ניט די הייזעריקע כראָפּערײַ פון די ארעסטירטע און דער שטיקנדיקער רייעך פון די פּאַראַשעס, פארפולטע מיט האַשטאָנע, וואָלט זיך מיר געדוכט, אַז אָט גייען מיר ביידע ארום לענגויס דעם טײַך־ברעג, און אָט נעם איך זי ארום, דריק זי צו צו זיך, נאָר זי שפּאַרט מיך אָפּ. איך וואָלט איצט איר אַלץ מויכל געווען, ניט געקוקט אַף אַלע ליידן און פּײַניקונגען, שווערע איבערלעבונגען און דעריקער די בענ־קענדיקע נאַיעניש, וואָס דאָס האַרץ מײַנס האָט געקלעמט נאָך איר אין פארלויף פון דרײַ יאָר.

זי מיט אירע צוויי פארפלאָכטענע קאַשטאַנען־צעפּלעך, מיט די צוויי כיין־גריבעלעך, מיט איר מאָלעטאַמעדיקן שמייכל, מיט דער אויסגעטאָקטער טאַליע האָט מיך די גאַנצע נאַכט ניט געלאָזט צורו. ס׳איז קיין שלאָף ניט געקומען אַף מײַנע אויגן... מאַכשאָוועס זײַנען שטיל אָנגעשווומען און אָפּגעשווומען, ווי שיפן געלאָדענע צו ווײַטע לענדער, און אויב אין האַרץ מײַנעם צעפּינקלט זיך א פּײַערל, פאַרלעש איך עס, דערטרינק עס אַף מײַן כוואַליעדיקן ווײג.

— ראָכל, ראָכעלע! — טו איך ניט מיט מײַן קאָל א געשריי. — ראָכל, ראָכעלע!

זיך אופגעהויבן פון דער נאַרע, אַז קיינער זאָל ניט הערן, בלײַב איך שטיין א ווײַלע ווי פאַר־גליווערט לעם גראַטע־פענצטער און לייג זיך ווידער אוועק אַף דער האַרטער ביינערדיקער נאַרע.

ניט באַוויזן אײַנצודרעמלען, ווי די קאַרמושקע האָט זיך געעפנט און דער נאַדזיראַטעל האָט מיט א פארשלאָפן קאָל אויסגעשעפּטשעט:

— שטייט אוף! פּאָדיאָם!

פריִער פון אַלעמען האָב איך זיך אָנגעטאָן, ווײַל די גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן, און זיך אוועקגעשטעלט אַף דער פּאָווערקע. אַזעלכע פּאָווערקעס קומען פאַר יעדן אינדערפרי האַלב זעקס און אָפּדערנאַכט פאַרן לייגן זיך שלאָפן ארום צען אוייגער. דער טפיסע־דעזשורנע רופט אויס לויט א צעטל יעדערנס פאַמיליע, און דער ארעסטירטער דאַרף ענטפערן „יאָ! איךן". צוויי מאָל אין טאָג ווערט קאָנטראָלירט די צאָל ארעסטירטע אין יעדער קאַמער באַזונדער.

כאָטש צווישן די פּאָליטיש־ארעסטירטע האָב איך ניט געטראָפן קיין איין באַקאַנטן, האָבן אַלע מיר פרײַנטלעך ארומגערינגלט און מיט נײַגער אין איין קאָל געפרעגט:

— וויפל האָסטו באַקומען?

באַטראַכטנדיק אַלעמענס אויסגעמאַטערטע פּנעמער, האָב איך מיט טיפן מיטלײַד געענטפערט:

— איך ווייס אליין ניט, מע האָט מיר גאָרניט געזאָגט...

די טפּיסעניקעס האָבן זיך גלײַך איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן און מיט כשאַד זיך פאַמע־לעך אָפּגעדוקט פון מיר. בלויז איינער פון זיי, א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַן עטוואָס פולבלע־כער, מיט שיטערע הערעלעך אויפן פּאָנעם (אויפן רעכטן אויער האָט ער געטראָגן א ווײַס בײַוועלע פּאָדעם, צוגעבונדן צו א צעבראָכענער בריל אָן גלעזלעך), האָט פּלוצעם אויסגעגלאָצט אויף מיר די אויגן און אויף א הויך קאָל, קעדיי די גאַנצע קאַמער זאָל הערן, זיך אָנגערופן צו די כעוורע:

— ווײַזט אויס, א קלאַפּער...

דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט דאָ, אין דער קאַמער, כאָטש זײַענדיק אויף דער פרײַ, ווי אויך אין דער אויספאָרשונגס־טורמע, האָב איך געוווּסט וועגן אַזעלכע מענטשלעך, נאָר גערופן האָט מען זיי מוסערס. דעריבער האָב איך באַם שאָכן לויט דער נאָרע געפרעגט:

— זאָג נאָר מיר, וואַסיע, וואָס הייסט א קלאַפּער?

דער שאָכן האָט מיט פאַרוווּנדערונג א קוק געטאָן אויף מיר, א דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ברודערקע. וועסט זיך נאָך דערוויסן. נאָר בּיכלאַל איז דאָס א מיִעסע שטעלע. אַזעלכע כעוורע האָט מען פײַנט. מע פאַראַכטעט זיי, און אויב מע איבערצײַגט זיך, אַז ער איז טאַקע „א קלאַפּער" און קען דיך פאַרקויפן פאַר א ביסל הירזשענער קאַשע, מעגסטו אים ניט מעקאַנע זײַן. שטילערהייט רוקט מען אים אַרײַן א מעסער און באַך (דה. געענדיקט מיט אים).

איך בין נישטוימעם געוואָרן: וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו מיר?..

— זײַ רויק, ברודערקע, — טרייסט מיך דער שאָכן, — דער דאָזיקער פאַרשוין מיטן ווײַסן בײַוועלע, וואָס האָט דיך אַזוי אָנגערופן, איז ניט מיט אַלעמען. קוק זיך גוט צו, וועסטו זען, ווי־אַזוי ער דרייט זיך אום אין דער קאַמער, טאַפּט זיך אַלעמאָל אָן באַם בײַוועלע, צי איז עס פונעם אויער ניט אַראָפּגעפאַלן. ווײַזט אויס, אים דוכט זיך די גאַנצע צײַט, אַז ער טראָגט זײַנע פריִערדיקע ברילן, וואָס מע האָט בא אים אָפּגענומען בײַס דער אויספאָרשונג, ער זאָל, כאָלילע, ניט אַרויסנעמען א גלעזל און זיך ניט איבערשנײַדן די אָדערן. האַלט ער אויף א בײַוועלע דאָס צעבראָכענע רעמל, ווי דאָס וואָלטן געווען זײַנע ברילן, און באַמקעט די גאַנצע צײַט איין און דעם זעלבן ניגן.

— ווער זשע איז ער, דער דאָזיקער פאַרשוין?

— רעדן רעדט ער ווייניק. ווײַזט אויס, עפּעס א געלערנטער, צי עפּשער א זינגער...

אויף דעם מענטשן מיטן בײַוועלע האָבן אַלע ראַכמאָנעס. ווער ס'פאַרמאָגט עפּעס פון עסנוואַרג, טיילט זיך מיט אים. מע זאָגט, אַז ער האָט באַקומען פופצן יאָר. און זײַן פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט א דערפערסירטן באַנדעראָוועץ. ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, זיך ניט באַטייליקט אין קיין שום געשפּרעכן, וואָס די טפּיסעניקעס פירן צווישן זיך. בלויז מיט איין פראַזע שטייט ער צו צו אַלעמען:

— נו, ברודערקע, ווילסט כאַפּן א שאָך? אָדער א דאָמינאָ?

אין דער קאַמער איז ער דער בעסטער דאָמיניסט, בא יעדערן געווינט ער. מע איז אים די ערשטע צײַט כוישעד געווען, אַז ער ווייסט די ביינדלעך לויטן אויסזען, באַזונדערס דעם דובל זעקס און דעם דובל פינף. נאָר דער דאָזיקער כשאַד איז אײַנגיכן אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווײַל מע האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער קען טאַקע גוט שפּילן. עפּשער איז ער א געוועזענער לערער פון מאַטעמאַטיק? נאָר דאָס זײַנען געווען בלויז האַשאָרעס. זײַן געניטקײַט אין דאָמינאָ האָט זיך נאָך מער באַשטעטיקט, ווען אין קאַמער האָט מען אַרײַנגעוואָרפן א באַנדיטשאַק (א נײַעם אַרעסטירטן), וועמען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן דורכטראָגן א שפּאָגל־נײַעם דאָמינאָ פון קליינע ביינדלעך אין א קאַרטאָן־שאַכטעלע. ער האָט עס צוגעבונדן צום פאַרזוימטן לײַסטל פון די גאַטקעס. און ווער עס האָט מיט יענעם פאַר־שוין געשפּילט מיט די דאָזיקע נײַע ביינדלעך, אַפילו דער באַלעבאָס ווייערער, אַלצײַנס האָט יענער אויסגעשפּילט.

דער טפּיסעניק מיטן ווײַסן בײַוועלע האָט געהאַט א טעווע דערמונטערן דעם פאַרשפּילער, מיט א לײַכטן שפּאַס באַדאַנקען דעם קעגנער זײַנעם און מיט טיפער פאַרזאָרגטקײַט אַרויסשטאַמלען:

— עך, ברודערקע, מיר אַלע האָבן אונדזער לעבן פאַרשפּילט...

די דאָזיקע פראַזע איז מיר ניט געפעלן געוואָרן. עטלעכע מאָל האָב איך אים פאַרשוויגן, נאָר איינמאָל האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און דעם שווײַגער געצווונגען אַרײַנצושלעפּן אין א וויקוועך:

— מוט פאַרלוירן — אַלץ פאַרלוירן. אויב טראַכטן אַזוי, איז בּיכלאַל ניט קעדײַ צו לעבן אויף דער וועלט. און איך האָף, אַז דער פוכיר וועט פּלאַצן.

יענער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, נאָר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: ווויל צו די, וואָס גלייבן...

אויף דעם שווײַגנדיקן מענטשן מיטן בײַוועלע אויפן רעכטן אויער זײַנען אַלע מויכל געווען מאַכ־מעס זײַן קראַנקהײַט און צוגעשלאָגנקײַט, צו וועלכער ער איז דערפירט געוואָרן.

אין איינעם א שיינעם טאָג איז דער מענטש פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון קאַמער. די טפּיסעניקעס האָבן צווישן זיך גערעדט: ווײַזט אויס, מע האָט אים שוין אָפּגעשיקט אין לאַגער...

אין די אויגן באַם שאַכן פֿון דער נאַרע האָב איך נויסע כּיין געזען. קאָן זײַן, דערפֿאַר, וואָס איך האָב זיך מיטן לעצטן ביסן מײַנעם געטיילט, באַזונדערס די לעצטע וואָכן, ווען מ׳האָט מיר דערלויבט שוין באַקומען א פּערעדאַטשע. דער דאָזיקער טאָג איז אומפֿאַרגעסלעך. אי פֿרייד, אי טרערן. די אויסגעדאַרטע הענט מײַנע האָבן געציטערט, ווי א דין צווײַגעלע פֿון א יונגן בערעזבוים. געציטערט און אויפֿגעהערט. דער שאַכן מײַנער האָט מיר מיטגעהאָלפֿן איבערנעמען די פּערעדאַטשע דורך דער קאַרמושקע און אַוועקלייגן אויף דער נאַרע. עס האָט א ווײַלע געטאָן מיט בענקשאַפֿט נאָך דער היים. דאָס ווײַסע ציצענע טאָרבעלע מיטן געבעקס, די קאַרזשיקעס, באַשאָטענע מיט צימרינג, דאָס שקאַרמיצל מיט די טרוסקאַווקעס — די ערשטע זומער־פּרוכטן האָבן צעטרודערט דאָס האַרץ מײַנס. וויאַזוי איך האָב זיך ניט געסטאַרעט אײַנהאַלטן די טרערן, שטילערהייט זיי אַראָפּשלינגען, האָבן עטלעכע זיך דורכגעריסן און זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן אויף די פֿאַרשמאָלצעוועטע ברעטער פֿון דער נאַרע.

— וויין ניט, ברודערקע. זאָלן די סאָנים אונדזערע זיך ניט פֿרייען.

אויף דער נאַרע, ווו איך שלאָף, אויף דעם, מישטיינס־געזאָגט, געלעגער מײַנעם האָב איך אויסגעשפּרייט א האַנטעכל און אַרויסגעלייגט אויף דעם אייביקע פּראָדוקטן. פֿילאָטענקאָ, דער שאַכן מײַנער, האָט זיך אָפּגערוקט אין א זײַט, קעדיי מיר ניט שטערן. ער האָט ניט געוואָלט, איך זאָל אפֿילע א טראַכט טאָן, אַז ער איז מיר מעקאַנע, וואָס עמעצער זאָרגט וועגן מיר. ער האָט בלויז א פֿרעג געטאָן:

— מיסטאָמע, די פֿרוי?

— מעגלעך, צוזאַמען מיט דער טאָכטער, און עפּשער זי אַליין, — האָב איך געענטפֿערט און זיך אַלץ געפּאַקעט מיט די פּראָדוקטן.

אַוואַדע בין איך גליקלעכער פֿון אים. זײַן פֿרוי מיט דער טאָכטער...

— ווער ווייסט, ווו זיי זײַנען. מע האָט דאָך זיי אַרויסגעשיקט פֿונעם דאָרף. און עפּשער אין לאַגער, — האָט פֿילאָטענקאָ מיטן אַרבל פֿון דער פֿופֿײַקע אויסגעווישט די טרערן. — צוליב וואָס אַזויפֿיל? — האָט ער מיט א פֿאַרשעמט קאָל זיך אָנגערופֿן, ווען כ׳האָב אים אויסגעטיילט א היפּשן כּיילעק פֿון די פּראָדוקטן.

— עס, עס, זשאַלעווע ניט, — האָב איך אים באַרויִקט און צוגעלייגט נאָך א פּאָר רעדעלעך קאָלבאַס און א פּאָר ציינדעלעך קנאָבל. איך האָב ווי ווײַט מעגלעך זיך באַמיט אָפּווענדן די אויגן פֿון מײַן שאַכן, ער זאָל ניט מיינען, אַז איך צייל אים דעם ביסן אין מויל. די ברעקלעך פֿונעם געבעקס האָט ער צונויפֿגעשאַרט אין א קופּקעלע, א העלפֿט אָפּגעטיילט דעם שאַכן, און די צווייטע העלפֿט מיטאַמאָל אַרײַנגעוואָרפֿן אין מויל און פֿאַרבונדן דאָס טאָרבעלע מיט די געבליבענע שפּײַזפּראָדוקטן. דער שאַכן האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעצײלעמט און דערנאָך פֿאַרביסן מיט א גראָבן ציגאַר מאַכאָרקע. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט א קלינגערײַ פֿון שליסלען. פּופּציק אַרעסטירטע אויגן האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער קאַמער־טיר, ווי שטענדיק, האָט דער נאַדזיראַטעל מיט זײַן פֿאַראַכטונגס־געמבע א קאָמאַנדעווע געטאָן:

— נאַ פּראָגולקו... אויף א שפּאַציר!

צום ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו זײַן אויף א פּראָגולקע מיט א סאַך אַזעלכע, ווי איך. איך דערמאָן זיך, ווי אָפֿן שפּאַציר אין דער אויספֿאָרשונגס־טפּיסע דריי איך זיך אום איינער אַליין אינעם שמאָלן הויפֿל, וואָס איז אַרומגעצאַמט פֿון אַלע זײַטן מיט א פּלויטל פֿון שוואַרצע ברעטער, ווי א שטײַג, און ווי גיך זײַנען די רעגעס געלאָפֿן אין די דאָזיקע דאַלעדאַמעס, מע פֿלעגט ניט באַווײַזן אפֿילע אַרײַנצונעמען אין זיך א ביסל פֿרישע דרויסנדיקע לופֿט, א קוק טאָן אָפֿן שטיקל פֿאַרצאַרעדיקן הימל, וואָס איז געהאַנגען אין דער הייך איבער מײַן קאָפּ, טראַכטנדיק דערבײַ: ווי אומגליקלעך איז דאָס דאָזיקע שטיקל הימל, וואָס דאַרף שטענדיק זען פֿאַר זיך דערשלאָגענע, אומשולדיקע אַרעסטאַנטן צי ווייסט דאָס בלויע שטיקל הימל, וואָס זעט אויס זומערדיק־לויטער, אַז איך, דער גוואַלדיקער ליבהאָבער פֿון דער נאַטור, איז אָפּגעזונדערט פֿון איר שיינקײַט און געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל — קאָנטריק. כאָטש איצט האָב איך א שטיקעלע פֿאַרגעניגן, וואָס אויף דער פּראָגולקע אינעם אַרומגעצאַמטן הויף זע איך א גרויסע שטיק הימל מיט באַטאַגיקער ליכטיקײַט, גלײַך איך וואָלט אַרויס אויף דער פֿרײַ...

כאָטש די קאַמער איז א גרויסע, נאָר פֿון די פֿאַראַשעס, אין וועלכע עס געפֿינט זיך די האַשטאָגע פֿון 25 אַרעסטאַנטן, גייט אַזאַ שוידערלעכער רייעך, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן. נאָר מע ווערט ניט דערשטיקט, צו אַלץ ווערט צוגעוווינט דער מענטש.

די פֿערציק טעג און נעכט אין לוקיאַנאָווער טפּיסע זײַנען פֿאַר מיר געווען די סאַמע ליכטיקסטע אין פֿאַרגלײַך מיט יענע גרויזאַמע, אומדערטרעגלעכע פֿאַרגאַנגענע 390 טעג און באַזונדערס

די שלאָפלאָזע נעכט. אָבער צו דער דאָזיקער, מישטיינס־געזאָגט, „ליכטיקייט" האָט אויך געקומען א סאָף.

אין איינעם א האַרבסט־טאָג — אָקטיאבער 1952 — האָט מען מיך אַרויסגערופן פון קאַמער, געבראַכט צו פירן אַפן ערשטן שטאָק אין דער דזשורקע. א מאַנספּאַרשוין אין מיליטער־קליידער, לויטן טשין א פּאָלקאָווניק, א פּולבלעכער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי שטיקער קוילן פון פאַר־לאָשענע האָלעוועשקעס, האָט מיך אין דער אַנוועזנהייט פונעם טפיסע־שעף און פון עטלעכע נאַד־זיראַטעלעס דערלאַנגט א קליין קוואַדראַט פּאַפּירל, מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך דאָס גענומען, געלייענט אין זיך און גאָרניט פאַרשטאַנען. עפּעס האָבן די שורעס זיך געפּלאָנטערט, געבלענדט אין די אויגן: „דער בירגער יויסעף שמולעוויטש בוכבינדער, געבוירן אין יאָר 1908 אין א שטעטל אַף וואָלין, לויט דער נאַציאָנאַליטעט א ייִד, פּראָפעסיע — ניט באַוווּסט, איז אין פאַרלויף פון דרײַ כאָ־דאָשים, זײַענדיק אין פּסיכישן שפּיטאָל, אַרומגעגאַנגען איבער דער פּאַלאַטע מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און האָט די גאַנצע צײַט, באַטאָג און אַמאָל באַנאַכט, געשריִען: „הײַל היטלער".

ריבוינעשעלוילעם, האָב איך זיך א כאַפּ געטאָן באַם קאָפּ, וואָס קומט דאָ פאָר?

דער עמגעבע־פּאָלקאָווניק טוט א זאָג מיט א ביטל־טאָן:

— וואָס שטודירסטו עס אַזוי לאַנג? סאיז ניט קיין דיסערטאַציע, און ניט קיין ראָמאַן, לייען איבער און שרײַב עס אונטער. ביסט ניט איינער.

— סאיז דאָך ניט קיין אורטייל, — זאָג איך אים, — מיך האָט מען אַפן געריכט ניט אַרויס־גערופן, קיין אַדוואָקאַט איז ניט געווען, כ'האָב קיין ריכטער ניט געזען.

— ביסט צו א קלוגיטשקער. דו זעסט, — זאָגט דער עמגעבע־פּאָלקאָווניק, — ווער ס'האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל? אַסאָ — איז האָב דערעכערעך. שרײַב אונטער. אויב ניט, וועט זײַן נאָך ערגער...

דאָס קוואַדראַטע פּאַפּירל איז געווען צעווירעט אַף דער העלפט מיט א גראָבער ליניע, ווו עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַף א מאַשינקע, אין דער פאָרם פון א פּראָטאָקאָל. פון דער ־רעכטער זײַט געהערט: אַזאַ און אַזאַ, לויט דער נאַציאָנאַליטעט א ייִד, ווערט באַשולדיקט לויט דעם אַרטיקל פון קרימינעלן קאָדעקס 54, פּונקט 10, 11. באַשטימט: פאַר אַנטיסאָוועטישער, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער, נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַרמישפּעטן אַף צען יאָר אין א ספּעצלאַגער פון שטרענגן רעזשים".

עטלעכע מאָל האָב איך איבערגעלייענט און געמאָלדן:

— אַזאַ אורטייל שרײַב איך ניט אונטער. זאָל מען טאָן, וואָס מע וויל.

דער עמגעבע־פּאָלקאָווניק האָט א כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּירל פון מײַנע הענט און געזאָגט:

— מיט א שלעכטער כאַראַקטעריסטיק וועסטו אָפּגעשיקט ווערן אין לאַגער, און ווי א סוינע פון פאָלק וועט דיר זײַן דאָרט... געדענק...

איך האָב גאָרניט געענטפערט. וואָס קאָן מיר ערגער זײַן, איידער איצט? עס איז נאָך אַדאַנק גאָט, וואָס די באַשולדיקונג אַלס שפּיאָן איז אָפּגעפאַלן. דער טפיסע־נאַדזיראַטעל האָט מיך צוריק אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמער. פּילאַגענקאָ האָט מיך גענומען טרייסטן:

— דו נעם זיך ניט צום האַרצן. מיר געפינען זיך אין די הענט פון מערדער, גאַזלאָנים. זיי זײַנען די פײַנט פון אונדזער היימלאַנד, ווײַל ווי קאָן אַנדערש זײַן. איך אַליין בין א פּראָנטאָוויק, א פאַרוווּנדעטער, ערלעך זיך געשלאָגן קעגן פאַשיזם, האָט נאָך דער מילכאָמע געטראָפן מיט מיר אַזאַ פאַל. באַנאַכט זײַנען אין דערפל, ווו איך האָב געלעבט, אַרײַנגעקומען צוויי היצעלעס, באַוואָפנטע באַנדעראָווצעס און געזאָגט: „דײַ יִיסטי, גיב עסן!" אַן אַנדער ברייִרע האָב איך געהאַט? נאַט — און ווערט דערוואָרגן, האָב איך געטראַכט בא זיך. דערפאַר האָט מען מיר געגעבן 25 יאָר, ביידע זין צו 20, דער פרוי מיט ביידע טעכטערלעך פאַרשיקט אין לאַגער. פרעג איך דיך, זײַנען דאָס ניט קיין מערדער? ווען איך גיב זיי ניט עסן, האַרגענען זיי מיך און עפּשער אויך ביידע זין, — פּילאָ־גענקאָ האָט זיך אָפּגעקערעוועט אין א זײַט און אָפּגעווישט די טרערן.

די נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. מיך האָט געמוטשעט דער געדאַנק: צוליב וואָס האָב איך עס געדאַרפט? צוליב וואָס האָב איך העכער דרײַ כאָדאָשים געדאַרפט זיך געפינען צווישן פּסיכיש־קראַנקע? כ'האָב זיך דאָך שיר ניט געווירט פון זינען. איך בין דאָך געווען א נאָרמאַלער מענטש. איך דערמאָן זיך, ווען אין דער פּאַלאַטע פלעג אַרײַנגיין לעפּאָנעם א דאָקטער און פרעגן, אַף וואָס קלאָג איך זיך, איז קיין ענטפער ניט געווען. איך האָב בלויז אויסגעסטאַרטשעט מײַנע אויסגעבענקטע דערשראָקענע אויגן, א שמייכל געטאָן אָדער זיך צעלאַכט און ווידער זיך פאַרוויקלט מיט דער קאָל־דרע. אָט אַזוי האָב איך דרײַ כאָדאָשים נאָכאַנאַנד זיך געהאַלטן פאַר א מעשוגענעם. און וואָס באַ־שולדיקט מען מיך? אין שפּיאָנאַזש? אַז איך האָב געזאַמלט עקאָנאָמישע אָנגאַבן פאַר אַן אויסלענדי־שער ראַזוועדקע און די דאָזיקע אָנגאַבן האָב איך אַריבערגעפּעקלט קיין אויסלאַנד דורכן ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט?

איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב געהאַט די ערע זיך באַטייליקן אינעם גרויסן אַלפֿאַרבאַנדישן יאָמטעוו אין דער דאַרעמדיקער שטאָט פֿון אוקראַינע און אַלס שריפֿטשטעלער אָנשרײַבן אַ קינסטלערישע פֿאַרצייכענונג. דאָס איז פֿאַרבליבן אויף שטענדיק אין מײַן זיקאָרן, ווײַל ווי קאָן מען פֿאַרגעסן אין אָט דער יאָמטעוודיקער שײַנקײַט, אין אָט דער בעמעסדיקער פֿרייד, וואָס איך האָב דערזען אַליין מיט מײַנע אייגענע אויגן. און געזען האָב איך אָט וואָס: אַ הויכע מעכטיקע דאַמבע, אַ לאַנגער צעך, וועלכער זעט אויס ווי אַ ליכטיקער פּראָספּעקט, וואָס ציט זיך העכער אַ קילאָמעטער, און איבער אים אַ הויכער געגלאָזטער דאַך, און אינעם דאָזיקן צעך געפֿינט זיך אַ ראָלגאַנג, אויף וועלכן דער הייבקראַן לייגט אַרויף אַ מעכטיקע גראָבע סליאַבע פֿון אַ פּראַכט־קאָנטיינער, און אין סאַמע עק פֿונעם ראָלגאַנג שווימען אַרויס דינינקע שטאָלענע בויגנס, כאָטש שפּיגל זיך אין זייער גלאַנץ, און פֿונדאַנען פֿירט מען זיי אַוועק פֿאַר אַוויאַ־ און אויטאָמאָביל־זאַוואָדן. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געזען אַזאַ שיינעם פּראָדוציר־פּראָצעס. איך בין געווען פֿאַרגאַפֿט. אין טאָג פֿון אָפּגעבן אין עקספּלואַטאַציע דעם צעך פֿון דינע בויגנס זײַנען געקומען צו פֿאָרן אַ סך געסט פֿון מאָסקווע, לענינגראַד, קוזניעצק, אוראַל, דאָנבאַס, טשעליאַבינסק, מאַגניטאָגאָרסק — די מערהײַט געבוירענער פֿון אָט די שטאָלענע בויגנס. עס איז געווען בעמעס יאָמטעוו אינעם לאַנד. איך געדענק די רעדע פֿונעם אַקאַדעמיקער באַרדין — דעם פֿאָרזיצער פֿון דער רעגירונגס־קאָמיסיע, וועלכער איז געקומען ספּעציעל אויפֿנעמען די דאָזיקע בויגנג פֿון „זאַפּאָראָזשסטאַל”. און איצט וואָס? מײַן באַגײַסטערונג, וועגן וועלכער כ'האָב געשריבן, האָט מען צעטאָפּטשעט און צעטראָטן. ווען מע האָט מיך געבראַכט צום אויספֿאָרשער, האָט ער ווידער און ווידער געפֿאָדערט פֿון מיר איינס און דאָס זעלבע: איך זאָל זיך מודה זײַן אין מײַן פֿאַרברעכן, ווײַל אויב ניט, וועט מען מאַכן אַן אויגיקע באַגעגעניש מיטן שעף פֿון דער בויגנג, און דאַן מעג איך זיך געזעגענען מיטן לעבן. מע ווייסט דאָך אַלץ.

— ביסט דאָך געווען בײַ אים אין שטוב צוגאַסט?

— בײַ וועמען?

— וואָס מאַכסטו זיך טאַמעוואַטע, ער האָט דאָך אַפֿילע דיר צוגעשיקט דעם „פּיאַט”, זאָלסט קומען צו פֿאָרן צו אים. מיר ווייסן, אַז איר האָט פֿײַן אויסגעטרונקען און ער האָט דיר געגעבן עקאָנאָמישע אָנגאַבן פֿון דער בויונג.

בײַם שעף אין שטוב, ווּהין איך בין געווען אײַנגעלאַדן, האָט אַלץ אויסגעזען יאָמטעוודיק שיין, איך האָב זיך אַליין ניט געריכט דערויף, ווײַל ווי האָב איך געקאָנט טראַכטן, אַז אָט דער אָנגעזעענער שעף, דער אינזשעניר־מעטאַלורג, וואָס איז געווען גוואַלדיק פֿאַרנומען אויף דער בויונג, זאָל מיר שענקען אַזוי־פֿיל אויפֿמערקזאַמקײַט. כאָטש וואָס גרעסער און טאַלאַנטפֿולער דער מענטש איז, אַלץ גרעסער איז זײַן באַשיידנקײַט. אין דעם האָב איך זיך נאָך מער איבערצײַגט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דער שעף פֿון דער בויונג. אַ געוויינלעכער צימער, אַן אויסגעווײַסטער מיט קאַלך. אַן אײַזערן בעטל, פֿאַרשפּרייט מיט אַ בײַקעווער קאָלדרע. אַ דיקטענע טישל מיט עטלעכע פּראָסטע בענקלעך, און אַ רעפֿלעקטאָר, וואָס דערוואַרעמט די אָנגעיאָגטע קעלט. אָט דאָ רוט זייער אָפֿט דער שעף, ווען ער נעכטיקט אויף דער בויונג, באַזונדערס אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך דער מילכאָמע. הײַנט שטעלט זיך פֿאָר מײַן פֿרייד, ווען דער דאָזיקער כאָשעווער מענטש האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אין שטוב, קעדיי כאָטש אין די געציילטע מינוטן פֿון מיטיק־צײַט דערציילן וועגן זײַנע שעפֿערישע דערפֿינדונגען און פֿאַנאַנדערגעאַרבעטע מעטאָדן פֿון העכערן די קוואַליטעט פֿון טשוהון און שטאָל־שמעלצונגען און וויאַזוי אויפֿשטעלן און אויסבויען דאַמנע־איזוווּנס. דאָס איז געווען זייער טשיקאַווע פֿאַר מיר, ווײַל מיר האָט זיך געוואָלט אָנשרײַבן אַ קינסטלערישע פֿאַרצייכענונג, וואָס זאָל זײַן אינטערעסאַנט דעם לייענער. מיך האָט אויך אינטערעסירט זײַן פּערזענלעך לעבן, זײַנע עלטערן. דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוווּסט, זײַענדיק בײַם שעף אין שטוב. וואָס שײַך גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט, האָב איך פֿאַר מײַן גאַנץ לעבן קיין גרעסערע ניט באַגעגנט. אויפֿן געדעקטן טיש אינעם עסצימער זײַנען געווען פֿרישע געפֿילטע פֿיש, געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלעס, באַגאָסן מיט הינער־שמאַלץ. אַ יויך מיט אַ לאָקשן־קוגעלע, וואָס האָט פֿאַרשמעקט די שטוב, און צוויי גרויסע זאַפּטיקע קאָווענעס אויף פֿאַרבײַסעכץ.

— אַנטשולדיקט... איך מוז אײַך פֿאַרלאָזן, ווײַל איך דאַרף שוין גיין אויף דער בויונג, — האָט דער שעף זיך געווענדט צו מיר און זייער פֿרײַנטלעך זיך געזעגנט. איך בין דאַן אָפּגעזעסן נאָך עטלעכע מינוט, און זיך געלאָזט אַוועקגיין, נאָר דעם שעפֿס עלטערן האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזט. קימאַט צוויי שאָ בין איך דאָ אָפּגעזעסן און אַלץ געשמועסט וועגן דעם זון זייערן און אויך וועגן אַנדערע זאַכן, באַזונדערס וועגן דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. די באַגעגעניש איז געבליבן אין מײַן האַרצן ווי דאָס שענסטע, וואָס האָט געקאָנט פֿאָרקומען מיט אַ מענטשן. פֿאַר מײַנע אויגן שטייט ביז איצט דעם שעפֿס פֿאָטער מיט זײַן לאַנג־צעקעמטער באָרד, מיט איר גאַדלעסדיקער ברייטקײַט, שוין אַפֿילע מיט אַ ביסעלע אומעט, וואָס האָט זיך ווי פֿאַרוקט אין אַ ווינקעלע אין זײַנע עטוואָס פֿאַרמאַטערטע אויגן. הײַנט די צניעסדיקע מוטער זײַנע מיט איר גראָוון פֿאַרפֿלאָכטענעם קובלעך

און איר בענימעסדיקן שמייכל, וואָס האָט באַצייכנט און באַשײַנט איר עטוואָס צעקנייטשטש געזיכט. אָט דאָס אַלץ האָט זיך פאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן. געדענקט און ניט פאַרגעסן. ווײַל ווער קאָן פאַרגעסן אַזאַ היימלעכע וואַרעמקײַט, מיט וועלכער זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט? ווער קאָן פאַרגעסן אין אָט יענע שיינע פאָלקסלידער, וואָס דער גראַמאָפאָן האָט אויסגעשפּילט און מיטגעזונגען האָבן די צוויי עלטערע לײַט צוזאַמען מיט מיר? ווער זשע קאָן דאָס פאַרגעסן? דאָס האַרץ איז פול געווען מיט פאַרגעניגן. שוין לאַנג ניט געהערט קיין יידישן ניגן. ווײַל וווּ האָב איך געקאָנט הערן? אין דער סיבירער שטאָט אין דער עוואַקואַציע? איך האָב זיך אויפגעהויבן פון בענקל, זיך דערנעענטערט צו אוריִעלס פאָטער, אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַלע דרײַ זײַנען אַוועק אין אַ טאַנץ, אַז די טעלער אויפן טיש האָבן געציטערט. אוריִעלס פאָטער, אַ פאַרסאָפּעטער, האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אויפצוּלאַכעס די סאָנים, זיך פרייען און טאַנצן. היטלער האָט געטראַכט אומברענגען אונדזער פאָלק, נאָר אַ פאָלק ברענגט מען ניט אום. מיר האָבן איבערגעלעבט אָן אַ שיר גזיירעס, און דאָס פאָלק איז געבליבן...

— אָבער זעקס מיליאָן זײַנען ניטאָ...

— איך אַליין האָב פאַרלוירן אַ טאַטן, אַ מאַמע, שוועסטערלעך, פיר קליינע קינדער, שוין ניט ריידנדיק פון פעטערס, מומעס, פלימעניצעס, — האָט אוריִעלס מוטער געזאָגט, שטייענדיק לעם אָפענעם פענצטער, און אויסגעווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אירע בענקענדיקע אויגן.

די באַגעגעניש מיט אוריִעלס עלטערן איז געווען אַ ביז גאָר רירנדיקע. זיי האָבן מיך מיט גרויס פרײַנטשאַפט אַרויסבאַגלייט ביזן האָטעל, פונוואַנען איך בין דערנאָך אָפּגעפאָרן צוריק אַהיים. און איצט? טפּיסע. איצט פאָדערט פון מיר דער אויספאָרשער, איך זאָל אונטערשרײַבן, אַז זײַענדיק בײַ אוריִעלן אין שטוב, האָט יענער אים איבערגעגעבן עקאָנאָמישע אָנגאָבן פאַר אַן אויסלענדישער מעלוכע. וועגן דעם דאָזיקן שווידער דערמאָן איך זיך, ליגנדיק אויף דער נאַרע אין לוקיאַנאָווער טפּיסע.

די פאַרעדאַטשעס, וואָס די פרוי מײַנע גיט מיר איבער איין מאָל אין צען טעג, איז געווען פאַר מיר סײַ אַ פרייד, סײַ גרויס אָנגעמעסנעפּעש. די בענקשאַפט נאָך דער מישפּאָכע איז געווען אומגעהײַער גרויס, דערפאַר איז יעדער פאַרעדאַטשע, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ קליין צעטעלע, וווּ עס זײַנען געווען אויסגערעכנט בלויז די פּראָדוקטן, וואָס מע גיט איבער (מער שרײַבן איז געווען פאַרבאָטן) מיט דער אונטערשריפט פון דער פרוי, האָט יעדעס מאָל מיך גוואַלדיק צערודערט, און זייער אָפט באַנאַכט, ווען אַלע אין קאַמער זײַנען געשלאָפן, פלעג איך אַרויסנעמען פון דער לײַוונטענער טאָרבע דאָס ציכעלע, אַ באַזוימטס מיט אַ ווײַסער קרוזשעווע, אויף וועלכער ס'איז געבליבן אַ רויט פּאַסיקל פון ליפּן־פּאָמאַדע. עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד האָב איך דאָס געקושט און ווידער דאָס צונויפגעלייגט אַזוי, אַז די ליפּן־פּאָמאַדע זאָל זיך, כאָלילע, ניט אָפּרײַבן, זי זאָל לאַנג, לאַנג בלײַבן אויפן ציכעלע אַלס שפּור און אַלס דערמאָנונג אין דער פרוי מײַנער, ווען זי האָט עס אָנגעצויגן אויפן קישעלע און מיר מיטגעגעבן זיך ניצן מיט דעם אין טפּיסע. נאָך יעדן מאָל, ווען איך האָב אין דער קאַמער, באַם אויסבעטן פאַר זיך דעם אַזויגערופענעם „געלעגער" אויף דער נאַרע, וואָס האָט געמוליעט און געקוועטשט די צעבראָכענע ביינער, האָב איך לאַנג געקוקט אויף דעם פּאָמאַדע־פּאַסיקל און זיך דערמאָנט אין יענע באַטאָגיקע אָפּרו־שאָען, ווען זי האָט געסאָפּעט אַ דרעמל אויף דער טאַכטאַ און דאָס דאָזיקע קישעלע אונטערגעלייגט זיך צוקאָפּנס, און איך האָב ניט איין מאָל זיך צוגעשפּאַרט לעם איר און זי האָט דעם קאָפּ אָפּגערוקט עטוואָס ווײַטער, קעדיי מיר מאַכן אַ שטיקל אָרט אויפן קישעלע, און, ווײַזט אויס, דאַן האָט זי מיט די אָנגעשמירטע ליפּן פון פּאָמאַדע פאַרפלעקט דאָס ציכעלע. איך האָב עטלעכע מאָל דאָס אַרומגעשמעקט פון אַלע זײַטן, זיך צוגעטוליעט צו דעם, באַנעצט מיט טראָפּנס טרערן, און ווידער דאָס ציכעלע אַראָפּגעשלעפּט פונעם קישעלע, אַקוראַט דאָס צונויפגעלייגט, עס זאָל זיך די פּאָמאַדע ניט אָפּרײַבן, און אַרײַנלייגן דאָס אין דער לײַוונטענער טאָרבע.

דאָס סאַמע שווערסטע און פּײַנלעכסטע, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין לוקיאַנאָווער טורמע, איז געווען די באַגעגעניש מיט דער פרוי. נאָך אַ דרײַצנכאָדאָשימדיקער צעשיידונג מיט איר און מײַן איינציקן טעכטערל, וואָס מע האָט ניט צוגעלאָזט זיך זען מיט מײַן פאָטער, איז די באַגעגעניש, וועלכע דויערט בלויז צען מינוט און ווערט באַוואַכט פונעם טפּיסע־נאַדזיראַטעל, געווען פאַר מיר ביז גאָר טראַגיש.

די באַגעגעניש־פּראָצעדור קומט פאָר דאַן, ווען די אויספאָרשונג אין דער עמגעבע־טפּיסע ווערט פאַרענדיקט און מע דאַרף דיך אָפּשיקן שוין אין לאַגער.

אינעם טפּיסע־קאָרידאָר בײַ אַ שמאָלן אַרײַנגאַנג, וועלכער איז פון ביידע זײַטן אַרומגעצאַמט מיט אײַזערנע טירלעך, האָט מען מיך אַוועקגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן פּאַנעם־על־פּאָנעם מיט דער פרוי אויף אַ מעהאַלעך פון קנאַפּע צוויי מעטער. מײַן אינהאַלט פונעם געשפּרעך בײַס דער באַגעגעניש באַקאַנט אײַך פריִער דער נאַדזיראַטעל. דער טפּיסעניק האָט די רעכט צו פרעגן, וואָס סע מאַכט די טאָכטער, ווי פילט זי זיך אין געזונט, ווי גייט בײַ איר די שול־לער. שטרענג ווערט געוואָרנט, אַז

איך אַליין דאַרף זיך האַלטן מונטער, זיך ניט קלאָגן אויף די טפּיסע־באַדינגונגען, און אַז איך האָף אײַנגיכן זיך אומקערן אַהיים. וועגן מיר דאַרפן זיי ניט זאָרגן, זאָלן זיי אָפּהיטן דאָס געזונט פֿאַר זיך און אויך פֿאַר מײַנטוועגן. ניט באַוויזן צו ענדיקן דעם צענמינוטיקן געשפּרעך, ווי מיטאַמאָל דערהער איך אַ היסטערישן געשריי פֿון דער פֿרוי און דערזע, ווי זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד און געפֿאַלן אין חלשות. ניט מיט מײַן קול האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— גזלנים, ראַטעוועט מײַן פֿרוי...

אין איין קעהערעף־אײַן שפּאַרט מיך אַרויס דער נאַדזיראַטעל פֿון דעם שמאָלן פֿאַרצאַמטן אַרײַנגאַנג, און גיט מיט רעציכע אַ קאָמאַנדעווע:

— מאַרש פֿאָרויס, זשאַנודאַ!

אין דער קאַמער האָבן די טפּיסעניקעס מיך אַרומגערינגלט, געוואָלט זיך דערוויסן, נאָך וואָס האָט מען מיך אַרויסגערופֿן און וואָס ס׳איז מיט מיר פֿאָרגעקומען, נאָר שווײַגנדיק בין איך געלעגן אויף דער נאַרע מיט אונטערגעלייגטע הענט צוקאָפּנס און זיך ניט געקאָנט באַרויקן. די אויגן זײַנען פֿול געווען מיט סינע, מיט קאַס: פֿאַר וועלכע זינד דאַרף איך עס אָפּקומען?..

איך האָב אויסגעבעטן אַ פּערטל פּאַפּיר בײַ מײַן שכן פֿון דער נאַרע און האָב אָנגעשריבן אַן אָנקלאָגע צום פּראָקוראָר. קיין ענטפֿער האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, ניט באַקומען, נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער נאַדזיראַטעל צעעפֿנט די טיר, געהייסן מיר נעמען די „וועשטשעס" (אַזוי באַרופֿן זיי — „ס וועשטשאַמי") און אַרויסגעפֿירט פֿון דער קאַמער. צוערשט האָב איך געמיינט, אַז אויף וויפֿל די באַגעגעניש מיט דער פֿרוי האָט זיך איבערגעריסן, האָט דער פּראָקוראָר באַטראַכט מײַן גערעכטע טײַנע און דערלויבט זיך באַגעגענען מיט דער פֿרוי אַ צווייט מאָל. נאָר ווײַ איז צו דעם, וואָס פֿאַלט אַרײַן צו זיי אין די הענט! אַנשטאָט דער באַגעגעניש האָט מען מיך אַרויסגעפֿירט אין טפּיסע־הויף און באַזעצט אין אַ באַזונדערער קופּע פֿון אַ וואַגאָן. דער וועג איז געווען אַ ביז גאָר שווערער, ניט געקוקט דערויף, וואָס אין דעם קופּע־וואַגאָן (אָדער, ווי די זעקאָוזעס רופֿן אים, סטאָליפּין־וואַגאָן) האָב איך געהאַט אַ באַזונדערע קופּע, נאָר דאָס ליגן אויף דער הילצער באַנק, מיד, צעבראָכן, ניט געוואַשן, מיט די געזאַלצענע וואָבלעס און מיט אַ קוואַרטל רויער וואַסער, וואָס מע גיט אויפֿן וועג ביזן לאַגער, האָב איך זיך דערהרגעט, ווען כ׳האָב דערזען דעם אײַזערנעם שוואַרצן טויער פֿונעם לאַגער. געבראַכט האָט מען מיך ניט בלויז אַליין, נאָר מיט אַ היפּשער גרופּע פֿאַרמישפּעטע אַרעסטאַנטן, אַרומגערינגלט מיט וועלפֿישע הינט און אויטאָמאַטשיקעס. די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַט אַן אויסזען ווי שאָף, וועלכע מע ברענגט צו פֿירן צו דער בוינע. שטיי איך און טראַכט, און אין קאָפּ קומען אויף שורעס פֿון אַ ליד, וואָס איך האָב באַהאַלטענערהייט פֿאַרפּאַסט. פֿאַר דער דאָזיקער ליד, וואָס מע האָט בײַ מיר אין באַראַק געפֿונען בײַם „אַ שמאָנד" (אויף דעם לאַגער־לאָשן הייסט עס אַן אונטערזוכונג), ווען מע טוט דיך אויס אינגאַנצן נאַקעט און מע באַפֿוילט דיך זיך פֿאַרבייגן אַזוי, אַז דער נאַדזיראַטעל זאָל קאָנען זען, צי אין הינטן האָסטו ניט באַהאַלטן עפּעס אַ געהיים צעטעלע. און אויב מע געפֿינט עפּעס, באַקומסטו דרײַ מעסלעס קאַרצער. נאָר די ליד האָב איך גוט פֿאַרגעדענקט:

„אויב איך האָב זיך טאַקע פֿאַרזינדיקט, איז קעגן וועמען? אויב איך האָב עפּעס אַ שולד אין מײַן האַרצן געכאַוועט, אויב איך האָב געטראָגן אַ פֿײַנטלעכן געווען צו אַנדערע פֿעלקער, וועלכע האָבן זייער פֿרײַהײַט פֿאַרהאַרעוועט, איז זאָל איך כאָטש וויסן קעגן וועמען. און ניט נאָר איך אַליין זאָל וויסן וועגן מײַן אייגענער זינד, זאָלן זיי עפֿענען די טויערן פֿון דער שולד מײַנער אָפֿן, זאָלן אויך די בעסטע פֿרײַנט מײַנע מײַן נאָמען פֿאַרברענען אויף די שײַטערס פֿון זינד, מיך גרויזאַם באַשטראָפֿן. אויב איך האָב פֿאַרזינדיקט, איז זאָג פֿאַר אַלעמען אָפֿן. נאָר איך שטיי ווי אַ פֿאַרשטוינטער לעם דער שולד, אַ געפּלעפּטער, אַז כ׳ווייס ניט פֿון גאָרנישט, אַז איך האָב ניט קיין אַנונג אין מײַנעם אַ פֿײַנטלעכן טאַט. אין איינס בין איך זיכער, אַז געדינט כ׳האָב דעם לאַנד, ווי יעטווידער ערלעכער שעפֿער, כ׳האָב די פֿריידן און לײַדן פֿון מײַן פֿאָלק אין האַרצן געטראָגן, ווי פֿון ווײַן טראָגט די פֿריידן אַ ליכטיקער בעכער. איז אין דעם בין איך שולדיק? מיט פֿאַרביטערטן צאָרן שפּאַרט אַרויס אַ פֿאַרדראָס פֿון מײַן האַרצן, פֿאַרוואָס זאָל אַזוינס גאָר פּאַסירן, אַז רעכילעס זאָל מיך, אַ לײַטישן מענטשן, מיט ערלעכער פֿרײַנטשאַפֿט צעשיידן..."

שטיי איך אַצינד ווי געקאָוועט אויף די וועגן פֿון טרויער, אויף די וועגן פֿון בענקשאַפֿט, ווײַל מיך האָט אַ בילבל געבראַכט צו אָט דעם טויער און פֿאַרשלאָסן, פֿאַריגלט מײַן נאָמען מיט שלעסער מיט שווערע. און די בענקשאַפֿט, ווי אַ פֿיקהאָלץ, פּיקט אַלץ אין האַרצן. שווער איז מײַן בענקשאַפֿט, און גרויס זײַנען די פֿאַרדראָסן, פֿיל שווערער פֿונעם זאַק אויף די פּלייצעס, וואָס איך טראָג נאָך פֿון דר׳היים ווי אַ באַגלייטער. עס פֿאַלט צו שוין די נאַכט, די פֿאַרגאַנגענע זון האָט איר רויטקייט צעגאָסן אין קאַזאַכישן הימל, פֿון זאָרגן, פֿון דײַגעס פֿאַרמאַטערט, פֿון אומרעכט דאָס האַרץ איז צעבראָכן, די אויגן פֿון מידקייט פֿאַרמאַכן זיך אַליין. דערשראָקן באַטראַכט איך מײַן נאָענטן שכן. מיר דוכט, אַז ערגעץ אָט דאָרט, צווישן דעם קאַמיש, האָט אַפֿילו דער ווינט זיך צעוויינט, ווײַל

ס׳האָבן צוויי הערצער זיך צעשיידט און האָבן נאָך פֿריִהײַט זיך פֿאַרבענקט. צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך דערזען דעם קאָזאַבישן קאַנט, זײַנע פּילזאַמדיקע ווענט און פֿון זײַן רוויערד די שיינקײַט, וואָס איז מיר ליב און וואָס געפֿעלט מיר — איך וואָלט מיט פֿרייד און פֿאַרגעניגן אי געהאַרעוועט דאָ, אי געשרימן. נאָר בײַ וועמען פֿרעגט מען, בײַ וועמען זיך בעטן? סאַם בילבל, וואָס האָט מיך פֿון מענטשן, פֿון מײַן ליבן געזינדל פֿאַרוואָרפֿן? אַז דאָס האַרץ מײַנס זאָל הערן בלויז פֿון בענקשאַפֿט און טרויער די שווערע קרעכצן? נאָר זאָל ער מיך פּיקן, דער טרויער, זאָל עסן דאָס האַרץ מײַנס, אַלצײַנס וועט דער עמעס ניט ווערן פֿאַרלוירן! צי איז דען מעגלעך, אַז די גערעכטיקײַט זאָל שטאַרבן? זאָלן זיי זאָגן, וואָס זיי ווילן, ווײַל ניט איך בין דער סויגע, נאָר זיי. און ווער זײַנען די איידעס בײַ זיי? ווילקיר און רעכילעס — דער צווילינג פֿון פֿאַלשקײַט.

עס האָט דאָך געפּלאַצט די יעזשאָווטשטשינע פֿון 1937־טן. עמעס, אַ סאַך ערלעכע מענטשן זײַנען נעבעך אומגעקומען. איצט, אין 1948, כאַזערט זיך איבער דאָס זעלבע. שווער, ס׳איז מיר זייער שווער, ווען כ׳דערמאָן זיך אין איינעם פֿון די שענסטע באַכערים אין אונדזער יִשעווו, אין אַלטערלען. אין דער צײַט פֿון די פּאָגראָמען האָט זיך בײַ אונדז אין שטעטל באַוויזן אַן אַכצניאָריקער יונג, אַ הויכוווּקסיקער, אַ דאַרינקער, אין אַ לעדערנעם מאַנטל, מיט אַ מאַוזער, און אויפֿן קאָפּ אַ פּאַפּאַכע מיט אַ רויט שטערנדל אין דער מיט. און ער איז געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון אַ זעלבשוץ־אָטריאַד און אָפּגעהיט דאָס שטעטל פֿון פּאָגראָמען. כאָטש פּאָגראָמען ביז דאַן זײַנען עטלעכע געווען שוין. איז אָט, פּאַסירט מיט מיר אַזאַ צופֿאַל. זײַענדיק אַ סטודענט אין 1929־טן יאָר אין אָדעסער פּעדטעכניקום, בין איך אין איינעם אַן אָפּרוטאָג אַרײַנגעקומען צו מײַנעם אַ גוטן־פֿרײַנט, אַ לאַנדסמאַן. ווי נאָר איך האָב געעפֿנט די טיר, האָב איך דערזען פֿאַר זיך אַלטערלען. כאָטש איך בין דאַן נאָך געווען אַ קינד, האָט זיך זײַן אויסזען מיר פֿאַרקריצט אין זיקאָרן. שטייענדיק אויף דער שוועל, האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— זדאָראָוו, אַלטערל!

און אומגעריכט האָט איינער פֿון די בײַוועזנדע באַם כאַווער מיך אָפּגעשטויסן פֿון דער טיר און מיט אַ באַפֿעלערישער שטים געמאָלדן:

— פֿאַרלאָזט דאָס הויז!

מײַן כאַווער האָט געשוויגן און ניט רעאַגירט דערויף. אַ דערשראָקענער האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די טרעפּ און אַרויס אין דרויסן פּיטשעטאַס פֿונעם שוויס, וואָס האָט מיך באַשלאָגן. כ׳האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס קומט עס פֿאָר. איך בין אַרײַן אין אַנטקעגנדיקן סקווער, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרוקט אין אַ ווינקל, און מיט אָנגעשטרענגטע אויגן געשפּירט נאָך דער פֿאַרמאַכטער פּאַדערטיר, דורכוואַנען איך פֿלעג אָפֿט אַרײַנקומען צו מײַן לאַנדסמאַן, וועלכער איז דאַן געווען אַ סטודענט פֿון דעם פּעדינסטיטוט. עס האָט אָנגעהויבן צופֿאַלן די נאַכט. אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך גענומען שפּרייטן אַרום דעם סקווער, און פֿון די אויגן איז ביסלעכווײַז פֿאַרשוווּנדן אי די פּאַדערטיר, אי דאָס הויז. איך האָב זיך געלאָזט אַריבערגיין אויף דעם אַנטקעגנדיקן טראָטואַר, ווי פֿונדערווײַטנס האָב איך מיטאַמאָל דערזען אַלטערלען מיט אַ פּעקל אונטער דער האַנט, און פֿון ביידע זײַטן איז ער געווען באַוואַכט פֿון צוויי מאַנצבילען אין ציווילע קליידער. זיך אָפּהייבן צוריק צום כאַווער מײַנעם האָב איך מוירע געהאַט, טאָמער וועט עמעצער נאָכשפּירן, בין איך אַוועק אין צוזאַמענוווינונג, וווּ כ׳האָב זיך געפֿונען קבֿאַפּע פֿיר יאָר. אין אַ צײַט אַרום, דערוויס איך זיך וועגן דער שרעקלעכער פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפֿן מיט אַלטערלען. און פּאַסירט האָט אַזוינס, וואָס איז פֿאַרבליבן לאַנג אין מײַן האַרצן. קימאַט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך ניט געגלייבט אין די דאָזיקע קלאַנגען. צי דען האָט מען געקאָנט פֿאַרניכטן אַזאַ ערלעכן באָכער, וואָס איז געבוירן דאַפֿקע בײַ פֿאַרמעגלעכע עלטערן אין אַ דאָרף ניט ווײַט פֿון אונדזער יִשעווו. אַלטערלס פֿאָטער איז געווען אַ שטיקל מויכערטוווּעניק און זייער אַ פֿרומער ייִד. אין איין שיינעם טאָג האָט אַלטערל, דער זעכצניאָריקער באָכער, פֿאַרלאָזט דאָס דערפֿל, אוועק מיט אַ בודיאָנישן אָטריאַד אויפֿן פֿראָנט, געאַרבעט אַ פּאָר יאָר אין טשעקאַ, געווען אַ פּלאַמיקער לעניניעץ. אין יִשעווו האָט מען אים זייער געלויבט פֿאַר זײַן מוטיקײַט און העלדישקײַט. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אָטריאַד צו פֿאַרהיטן דאָס שטעטל פֿון פּאָגראָמען. און איין שיינעם טאָג איז ער נעלעם געוואָרן.

אין אַ צײַט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מע האָט אים צוזאַמען מיט זײַן בעסטן כאַווער פֿונעם דערפֿל אַנדריי טשעליוק, דעם געוועזענעם פּאָלק־קאָמיסאַר פֿון דער שטשאָרס־דיוויזיע, צעשאָסן אַלס סאָנים פֿון פֿאָלק. קלאַנגען זײַנען געווען פֿאַרשיידענע. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין טראָצקיזם, און אייניקע האָבן געטײַנעט, אַז זיי זײַנען געווען פֿאַרווערבירט אַלס שפּיאָנען.

איך האָב אין דעם ניט געגלייבט, נאָר אַרויסזאָגן זיך עפֿנטלעך וועגן דעם האָב איך מוירע געהאַט. צווישן די בעסטע פֿרײַנט האָב איך דיך אויסגערעדט דאָס האַרץ: דאָס צעשיסן זיי ביידע איז גלײַך ווי מע וואָלט מיך צעשאָסן. אַזעלכע העלדן, וועלכע זײַנען געווען מיט לײַב און לעבן

איבערגעגעבן דעם לאנד, דער רעוואליוציע, האט מען אומגעבראכט. און וווּ זער חייסט, ווו זייער געביין איז אהינגעקומען...

אט די שווידערלעכע מאכשאוועס זיינען אופגעקומען בא מיר, ווען איך בין געשטאנען לעם דעם שווארצן לאגער־טויער מיט א גרופע „זעקאוצעס", שוין אויך פארמישפעטע. ווי א סטאדע שאף האבן די אווטאמאטשיקעס זיי אריינגעטריבן אין דער זאנע. לויט א פאראָרדענונג פון דער לאגער־אדמי־ניסטראציע האט מען זיי צעווארפן אין פארשיידענע זעמליאנקעס, אייניקע אין באראקן. מיר האט מען געגעבן אן ארט אין אן ענגער זעמליאנקע, איבער וועלכער עס איז געהאנגען א פענדל פון רויטן קרייץ. ווי איך האב זיך דערוווּסט דערנאך, אין די זעמליאנקע געווען פאר אינוואלידן־קאליקעס, און געהייסן האט עס פאלוסטאציאנאר. צוזאמען מיט מיר זיינען געווען נאך דריי אינוואלידן. איינער אן עפילעפטיקער, דער צווייטער געליימט אף א האנט און א פוס, דער דריטער אן אסטמאטיק, און איך אלס אינוואליד מיטן צעשניטענעם בויך נאך א שווערער אפעראציע פון דער מאגן־יאזווע. נאך דער שווערער אפעראציע איז בא מיר פארבליבן א גרויסע קילע מיט קליינע געשווילעכצן אפן בויך.

איך בין געווען אפגעשוואכט, קוים ווּיך געהאלטן אף די פיס, און לויט דער באשטימונג פון די לאגער־דאקטוירים, דזה. באם דורכגיין די מעדיצינישע „קאמיסאוועק", האט מען מיר געגעבן די פערטע גרופע אינוואלידנאסט. די „קאמיסאוועקעס" זיינען פארגעקומען אלע צען טעג. עס האבן אנ־טיילגענומען דאקטוירים רעפרעסירטע און דאקטוירים עמוועדיסטן. פיל לאגערניקעס, וועלכע האבן זיך געקלאגט אף זייער געזונט־צושטאנד און בעעמעס ניט געקאנט ארויסגיין אף דער ארבעט אויסער דער זאנע, האט די קאמיסיע אנערקענט אלס געזונטע און קראנקערהייט זיי ארויסגעטריבן אף דער ארבעט — אייניקע אף פארשיידענע בויונגען, אייניקע אין די קופער־שאכטעס. די לאגער־זאנע איז באשטאנען פון א גרויסן ערד־שטעטל, אף וועלכן עס זיינען געווען צעווארפן עטלעכע באראקן, און די מערהייט זיינען געווען זעמליאנקעס מיט בלאטיקע ערדישע דילן. די גאנצע זאנע איז געווען ארומגערינגלט מיט הויכע סאמאן־ווענט. פון אויבן אף די ווענט, ארומגעצוימט מיט שטעכיקן דראט, זיינען געווען צעשטעלט ביידלעך (די לאגערניקעס האבן זיי אנגערופן „קוקושקעס"), אין וועלכע עס זיינען געשטאנען קוילנווארפערס און לעם זיי אווטאמאטשיקעס. אין לאגער האבן זיך געפונען אן ערעך אנדערהאלבן טויזנט „זעקאוצעס". די מערהייט פון זיי האבן באקומען צו 20 און 25 יאר. איך האב באקומען 10 יאר. אזא טערמין האט בא די לאגערניקעס געהייסן „דיעטסקי סראק" (א קינדערשער טערמין). דער שאכן מיינער, פילאנענקא, האט באקומען א פינף־און־צוואנציקער.

לעגגויס דעם גאנצן וועג פון קאראגאנדא ביז מיין לאגער קינגיר, דזשעזקאזגאנסקער ראיאן, אן ערעך 600 קילאמעטער, האבן זיך געצויגן אן א שיר לאגערן מיט רעפרעסירטע. די ערשטע טעג אין לאגער בין איך ארומגעגאנגען איבער דער זאנע, ווי א פארבלאנדזשעטע שאף, וואס זוכט איר סטאדע — אזוי האב איך געזוכט עפעס א היימישן צי א באקאנטן, נאר איך האב קיינעם ניט געפונען.

איך בין אריין אין עסצימער, ווו מע האדעוועט די „זעקאוצעס". דאס איז געווען א גרויסער באראק־צימער, אין וועלכן עס זיינען געווען צעשטעלט לאנגע אויסגעפארבטע טישן, עטוואס פאר־גאסן מיט פעטקייט, פארשמאלצעוועטע בענק לעגגויס די טישן און נאסע פארטונקלטע שויבן, פון וועלכע ס'רינען אראפ קליינינקע טראפנדלעך, ווי טרערן בא קינדער, וועלכע צעוויינען זיך, ווען די מוטער פארלאזט זיי איינער אליין אין שטוב, און זיי ווילן זיך ארויסרייסן אין דרויסן און כאפן פרישע לופט. איז עפשער, טראכט איך בא זיך, וויינען אט די שויבן, וואס מע האט זיי פארגלאזט אין אזעלכע ראמען, וואס בענקען שטענדיק נאך ליכטיקייט, נאך פרייער פרישער לופט, וויל דער רייעך אינעם לאגערדיקן עסצימער פארשלאגט דעם אטעם פון די פארשטונקענע געפרעגלטע וואבלעס און פון די שווארצע שאף־ביינער, וואס קאכן זיך אין די קעסלען צוזאמען מיט פוילע קארטאפל. דאס איז דער ערשטער מייכל, וואס רופט זיך אן „בארשטש" און ווערט צעגאסן אין קלעפיקע צינקעווע שיס־לען. דער צווייטער מייכל איז געקאכטע וואבלעס מיט א זשמענקעלע הירזש אדער מיט א ביסעלע פערלגרויפן. צו די דאזיקע פיינע מייכאלים ווערט יעדן טאג ארויסגעגעבן א פייקע ברויט פון 400 גראם. וואס איז דאס פאר א ברויט, האב איך שוין פריער דערציילט — דאס זעלבע, ווי אין לוקיאנאווער טפיסע.

איך האב אפט מיין פייקע ברויט אפגעגעבן דעם ראבאטיאגע פילאנענקא, וועלכער האט גע־הארעוועט אויסער דער זאנע. ווייזט אויס, אז אין לעבן איז פאראן א ניט־זעענדיקע קראפט, וואס באוועגט דעם מענטשלעכן גוירל, איז מיר באשערט געווען זיך טרעפן מיט פילאנענקאן אט דא, אין קארקאנטין. פון איין זייט איז ער געווען זייער צופרידן, וואס ער האט זיך מיט מיר באגעגנט אין לאגער, נאר שוין אין דער ערשטער נאכט איז אונדז ביידן אויסגעקומען צו זען א שרעקלעך בילד. ליגנדיק אף דער נארע, האב איך דערהערט א מאדנעם בארכלענדיקן געשריי, א דערשטיקטן גויסעס־דיקן זיפץ. איך האב געפרווט זיך אויסקערעווען און א קוק טאן, פונוואנען עס גייט דער געשריי, — האט פאר מיינע אויגן א בלענד געטאן א שפיציקער מעסער, און איינער, וואס האט געהאלטן דעם

מעסער אין האַנט, האָט שטרענג געוואָרנט: „קיין איין וואָרט זאָל מען ניט הערן פון דיר. האָסט קיינעם ניט געזען. שווײַג... אויב ניט...“

ווען דער נאַדזיראַטעל האָט אופגעשלאָסן דעם באַראַק און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „פּאָדיאָם!“, בין איך דערשיטערט געוואָרן. כ'האָב דערזען, ווי איינער אַ לאַגערניק, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט מיר, איז געלעגן אין אַ קאַליוזשע בלוט אַ צעשטאָכענער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין באַראַק אַרײַנגעקומען דער „אָפּער“ פון קאָגעבע (אָדער ווי מע רופט אים אין לאַגער — דער קום), מיט גלײַכגילט באַטראַכט דעם קערבן און באַפעלעריש זיך געווענדט צו מיר, איך זאָל איבערדעקן דעם מעס. פון דערשרעק האָט מיך באַשלאָגן אַ שווייס. מיט ציטער האָב איך איבערגעדעקט דעם דערמאָרדעטן מיט אַ פאַרשמאָלצעוועטן בושלאַט, וואָס איז געלעגן אויף דער נאַרע לעם דעם דערהאַרגעטן. פונעם לאַגער־לאַזאַרעט, זײַנען אַרײַנגעקומען צווײ „זעקאָוצעס“ — סאַניטאַרן מיט אַ טראָגבעטל, אַרופגעוואָרפן דעם מעס און אים אוועקגעטראָגן. צווישן די לאַגערניקעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שושקערײַ. פילאָנענקאָ, דער שאָכן מײַנער, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן צו איבערדעקן דעם מעס, איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. שטילערהייט האָט ער געשעפּטשעט מיט די ליפן, ווי צו זיך אַליין גערעדט, און מיט איין אויער זיך צוגעהערט, ווי אַ גרופּע „זעקאָוצעס“ האָבן געשמועסט צווישן זיך. פילאָנענקאָ האָט מיך אַ רוף געטאָן און געזאָגט:

— קום, שוין צײַט גיין עסן אָנבײַסן.

אויפן וועג איבער דער זאָנע צום עסצימער האָט ער זיך אומגעקוקט, צי קיינער שטייט ניט נאָענט לעם אונדז, און מיט שטרענגער וואָרענונג מיר פאַרטרויט:

— דו ווייסט, פאַרוואָס מע האָט אים געהאַרגעט? ער האָט עס קאָשער פאַרדינט. דאָס דאָזיקע האָט דערציילט איינער אַ לאַגערניק, מיט וועלכן איך בין געזעסן נאָך אין טפּיסע. אָט דער דערמאָרדעטער איז געווען אין נאָרילסקער לאַגער, און פון דאָרטן האָט מען אים איבערגעוואָרפן צו אונדז. ער איז געווען אַן עכטער „קלאָפּער“. אָפּט אין די שמועסן מיט די לאַגערניקעס, וועלכע האָבן זיך געקלאָגט אויף די אומענטשלעכע באַדינגונגען, אויף דער שוידערלעכער דערנערונג און אכזאָריעסדיקער באַציִונג מיצאַד די נאַדזיראַטעלעס, האָט ער טייקעף אַלץ אָפּגעטראָגן דעם „קום“, און יענער האָט געטאָן שוין אַלץ, וואָס מע דאַרף: אַרײַנוואַרפן אין „באָר“ (באַראַק אָסאָבאָוואָ רעזשימאַ) אויף עטלעכע טעג, ניט געבן קיין עסן אַאַז. ווי דו זעסט, אַפילע אין לאַגער פאַרקויפט מען איינער דעם אַנדערן...

די כאָוורעשאַפט אונדזערע האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט. מיר פלעגן ביידע אָפּט דורכגיין די קאָמיסאָוקעס, עסן צוזאַמען און אָפּט געפירט געשפּרעכן.

דער פאָלוסטאַציִאָנאַר, אין וועלכן מיר האָבן זיך ביידע געפונען, איז געווען אַ מין קלייניקער פיליִאַל פונעם לאַגער־לאַזאַרעט. דער אינערלעכער אויסזען איז געווען ענלעך אויף אַ טפּיסע־קאַמער. דער ערדיקער דיל איז שטענדיק געווען נאַס. די אויסשטאַטונג — דרײַ וואַגאָנקעס מיט איינשטאָקיקע נאַרעס, געפאַרבט אין רויטן, אַ פאַראַשע מיט כלאָרקע, אַ שוואַרצער קײַלעכדיקער אויוון, אַרומגעקלאַפּט מיט בלעך און געפאַרבט מיט שיטערער סמאָלע. אַ צווייפיסיק טישל פון אַלטע סאָסנאָווע ברעטלעך מיט צווײ טאַבורעטקעס, מיט הינקעדיקע אונטערגעשניטענע פיסלעך. די לופט אַ געדיכטע, אַ שטיקנדיקע, כאָטש הענג אויף אַ האַק...

די עטלעכע אינוואַלידן־פאָלוסטאַציִאָנאַרניקעס האָבן די ראַבאָטיאַגעס אָנגערופן פּרידורקעס. פאַקטיש זײַנען די דאָזיקע אינוואַלידן געווען אַראָפּגעשריבן פונעם לעבנס־באַלאַנס. קיינער האָט זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט, קיינעם זײַנען ניט אָנגעגאַנגען זייערע פיזישע ווייטיקן, און ווען איינער פון זיי האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע זײַנע, האָבן אַפילע די רעפּרעסירטע לאַזאַרעט־דאָקטוירים און אוואַדע די וואָלנאָנאַיאָמנע, דה. די מעלוכישע דאָקטוירים, זיך פּאָשעט מעכײַע געווען, וואָס אין לאַגער וועט זײַן ווייניקער מיט אַ קאַליקע, מיט אַ פּאַראַזיט, וואָס דרייט זיך אום פאַר אַלעמענס אויגן, טוט גאָרניט, ליגט אויף דער נאַרע קוועטשט דעם אָכער און לויפט אַלעמאָל אין לאַזאַרעט נאָך רעפּועס.

— גענוג צו שטינקען דאָ, — האָבן די נאַדזיראַטעלעס אָפּט מיט שטעקנס זיי געטריבן צו רייניקן די זאָנע. נאָכן אויפראַמען די זאָנע האָט מען זיי אויסגעניצט צו קנעטן דעם סאַמאַן. איך שטיי מיט פאַרקאַטשעטע הויזן באַרוועס און מיט מיר צוזאַמען פילאָנענקאָ. פאַרשמאַכטע, הונגעריקע, שלעפּן מיר אויף אַ טאַטשקע ליים, באַגיסן מיט וואַסער, צעמישן מיט שטרוי, קנעטן אויס מיט די פיס דעם סאַמאַן און פּליעסקען אויס מיט די בלאָווע קאַלטע דלאָניעס ציגל. מיט פּאָרזיכטיקײַט צעלייגן מיר יעדן ציגל באַזונדער אויף דער ערד, קעדיי די דזשעזקאַזגאַנער יול־זון זאָל וואָס בעסער זיי אויסטריקענען. טאָמער האָט אַ ציגל זיך ניט באַקומען אַזוי, ווי עס פּאָדערט דער נאַדזיראַטעל, וועט ער הייסן איבערקנעטן עטלעכע מאָל און פאַרהאַלטן נאָך אַ פּאָר שאָ, קעדיי מיר זאָלן בלײַבן אָן מיטיק.

די אָנגעגליטע ווינטן פון די קאַזאַכישע סטעפּעס, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך אָנגעווייטע שטויבן, האָבן מיך געשטיקט, געוואָרגן. ניט איין מאָל פלעג איך פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן, נאָר

וועמען גייט עס אָן? בלויז פּילאַנענקאָ פּלעג מיר צוליגן א קאָמפּרעס צום האַרצן, ווי אויך אַרופלייגן אַפן אָנגעהיצטן שטערן א צעריסן טאַרבעלע פון ליַוונט, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן זײַן פּיַיקע ברויט. פון אויסקנעטן דעם סאמאַן זײַנען בא מיר אַף די פּיס אַרויסגעשפּרונגען ווײַסע פּוכירן, וואָס האָבן געפּלאַצט און איבערגעלאָזט רויטע וווּנדן. מיט עפּעס א שמירעכץ האָב איך די וווּנדן באַשמירט, איבערגעבונדן מיט ווײַסע העמד־שטריקלעך פון צעריסענע אַרבל, וואָס איך האָב אויסגעבעטלט באַם דניעפּראָלנע פּונעם באַראַק. נאָר די וווּנדן אַף די פּיס האָבן זיך וואָס ווײַטער צעיאַטערט, און מיר איז שווער געווען צו קנעטן דעם סאמאַן. פאַר איינעם פון די נאַדזיראַטעלעס, וועלכער האָט יעדן פרימאָרגן מיט זײַן שטעקן געטריבן אַף דער אַרבעט, האָב איך צעוויקלט דעם בינט, געוויזן די וווּנדן. נאָר דער נאַדזיראַטעל האָט ניט געוואָלט אפילו א קוק טאָן און מערדעריש באַפוילן:

— פּאַרוויקל, סימוליאַנט! פון א דראַפּ מאַכסטו א טאַראַראַם. אַנו, הײַדאַ צו דער אַרבעט...

מיט פאַרפרעסטע ציין האָב איך פאַרוויקלט די וווּנדן, וואָס האָבן געשמאַרצט, קוים אַרויסגע־קראָכן פון דער נאָרע און זיך געלאָזט גיין צו די סאמאַן־ציגל, וואָס זײַנען געלעגן אַף דער ערד און זיך געטריקנט אונטער דער זון. די ברײַענדיקע שמערצן פון די וווּנדן אַף די פּיס זײַנען געוואָרן אומדערטרעגלעך, און איך בין אומגעפאַלן. דער נאַדזיראַטעל האָט אומבאַרעכמאָנעסדיק מיך א שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל און א נוקע געטאָן:

— גיי, וואָס פאַראַוועסטו שטיק!

נאָר איך האָב זיך ניט געקאָנט אופהייבן, ער האָט מיך איבערגעלאָזט ליגן אַף דער ערד און מיט רעציכע אַרויסגעשטאַמלט:

— סימוליאַנט, קאָנטריק, פּאַדלאַ. די נעשאַמע פון דיר...

מיט די נעגל האָב איך זיך אײַנגעגראָבן אין דעם פאַרטריקנטן סאמאַן, זיך קוים אופגעהויבן און, קריכנדיק אַף אַלע פיר, זיך קוים דערקליבן צום לאַזאַרעט. לעם לאַזאַרעט האָב איך דערזען פּילאַנעגקאָן.

— וואָס איז מיט דיר? ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען ניט אַזוי מיט מיר, נאָר מיט דעם, וואָס איך האָב זיך דאָ דערוווּסט, וואָלסטו זיך פאַרן קאָפּ געכאַפּט. בא מיר האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר.

— וואָס ושע האָט זיך עס אַזוינס געטראָפן?

— מיילע, מיט מיר איז דער נאַדזיראַטעל זיך באַגאַנגען ווי א מערדער, און צופעליק האָט מיר א לאַגערניק געהאָלפן זיך דערקלײַבן אַהער. נאָר ביז דעם צופאַל מיט מיר האָט דער „קום" מיך אַרויסגערופן צו זיך און געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן דעם דערמאָרדעטן אין קאַראַנטין. צי קען איך אים? ווײַל ער איז דאָך פון מײַנע קאַנטן. ווען ער האָט אָנגערופן זײַן פאַמי־ליע, איז מיר שלעכט געוואָרן ביז צום כאַלעשן... צי דען איז ער פּעיִק אַף אַזא זאַך? אַזא ערלעכער מענטש.

דערזען, ווי פּילאַנעגקאָ איז צערודערט, האָב איך זיך באַמיט וואָס ווייניקער אים אויספרעגן. איך האָב אים בלויז דערציילט, נאָך וואָס כ'בין געקומען אין לאַזאַרעט — די דאָקטוירים זאָלן זען מײַנע קראַנקע פּיס און מיר געבן א באַפרײַונגס־צעטל פון דער אַרבעט, ווײַל איך קאָן שוין מער ניט קנעטן דעם סאמאַן...

— אָט מערדער, — האָט זיך אָנגערופן פּילאַנעגקאָ. — כאָטש איך פּיל זיך ניט גוט, וועל איך די פּאָר שאָ אָפּאַרבעטן פאַר דיר...

העכער א כוידעש בין איך אַף דער אַרבעט ניט געגאַנגען. כ'בין געלעגן אַף דער נאָרע אין זעמליאַנקע, אײַנגעדעקט מיטן בושלאַט, פון מאָל צו מאָל אַרויסגעקראָכן אין דער זאָנע, זיך אַוועק־געזעצט אַף דער ערד לעם דעם פענצטערל מיט די גראַטעס און געוואַרעמט די צעבראָכענע ביינער.

— א מענטש איז שטאַרקער פון אײַזן און שוואַכער פון א פליג, — האָב איך געזאָגט צו פּילאַ־נעגקאָן, ווען יענער האָט צוגיפגעבונדן זײַן רוקזאַק, אַרײַנגעלייגט אַהין די שמאַטעס זײַנע און מיט א שווער האַרץ מיר געזאָגט:

— מיך שיקט מען אַף פּונדאַנען, און וווּהין? ווער ווייסט?..

קראַנקערהייט האָב איך אים באַגלייט ביז דער וואַכטע, מיר האָבן ווי לײַבלעכע ברידער זיך אַרומגענומען.

דאָס צעשיידן זיך מיט פּילאַנעגקאָן איז געווען זייער שווער פאַר מיר. מײַן ערשטע צופעליקע באַגעגעניש אין לוקיאַנאָווער טפיסע און דערנאָך אין לאַגער, ווו מיר זײַנען ביידע געלעגן בישכיינעס אַף דער נאָרע, האָבן אונדז שטאַרק באַפרײַנדעט. איינמאָל האָבן מיר זיך צערעדט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאָטער זײַנער, וועלכער האָט געלעבט אינעם דערפל ניט ווײַט פון אונדזער יישעוו, פלעג, זײַענדיק שוין א קאָלווירטלער, זומערצײַט אָפּט פאַריכטן אַן אַלטן וואָגן און אויך א נײַעם וואָגן געמאַכט פאַרן קאָלווירט בא מײַן פאָטער. דעמלט, נאָך אין 1932־טן, איז דער וואָגן

געווען דער חיכטיקסטער מין טראַנספּאָרט. דער פֿאָטער זײַנער, א געוועזענער „סערעדניאַק" (א מיטל־פּויער), האָט, לאָזט זיך אויס, געקענט שמילעקן דעם סטעלמאַך.

— איך געדענק זייער גוט, — האָט געזאָגט פּילאַנעטקאַ, — ווען איך, א יונג באָכערל, האָב געאַרבעט אין קאַלווירט אלס פּאַסטעך פֿון דער פּי־טשערעדע, האָט ער דערציילט וועגן דײַן טאַטן. און אויך שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען בריגאַדיר אויף דער מילך־פֿערמע, פֿלעגט מען בא אונדז זיך אָפּרופֿן וועגן דײַן טאַטן זייער גוט: „שמילעק — אָ צע סטעלמאַך, ער פֿאַרמאָגט גאָלדענע הענט! אז שמילעק האָט געמאַכט א ראָד — יאַק שמילעק קאָלעסאָ זראָביוו, איז די ראָד געגאַנגען איבער די שווערסטע וועגן. זי איז מעסוגל געווען צו טראָגן היפּשע פּראַכטן און זעלטן־ווען האָט זיך א ספּיצע צעבראָכן..."

איך האָב זיך שטילערהייט צעוויינט. קוקנדיק אויף מיר, האָט פּילאַנעטקאַ, אָט דער מענטש מיטן פֿעסטן כאַראַקטער, מיט קאַלטע אָנגעשטרענגטע אויגן און אויסערגעוויינלעכער רויִקייט, זיך אָפּגעקערעוועט אין א זײַט און מיטן אַרבל פֿונעם בושלאַט אָפּגעווישט די טרערן. ווען דער שווערער לאַגער־טויער האָט צעעפֿנט זײַן שלונג און פּילאַנעטקאַ מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס צוזאַמען מיט נאָך עטאַפּניקעס זײַנען פֿאַרשוווּנדן פֿון מײַנע אויגן, האָב איך זיך מיט א צעבראָכן האַרץ דערקליבן צו מײַן זעמליאַנקע. קימאַט א גאַנצע נאַכט בין איך געווען וואַכזאַם. כ'האָב זיך געדרייט פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, און ס'האָט מיך קיין שלאָף ניט גענומען. פֿאַר די אויגן זײַנען אויפֿגעקומען ווידער־אַמאָל דער ייִשעוו, דער טאַטע, די סטעלמאַשין, די וואָלינער וועלדער, די היים, די קינדהײַט... מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין איצט ווי א רעדל א פֿאַרלוירענס פֿון די אַקסן, וואָס האָט זיך פֿאַרקײַקלט פֿונעם וועג, און ערגעץ יאָגן דעם טאַטנס רעדער, ווי האַלטן אין איין פֿרעגן: „ווו זײַנען זיי, אָט יענע הענט, וואָס האָבן געמאַכט אָט די וועגענער, די דאָזיקע קלינגענדיקע רעדער?" נאָר קיינער ענטפֿערט ניט. עס שווײַגן די פֿאַרשאָטענע גריבער אינעם ייִשעוו, כאָטש די ביימער, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן נאָך דער גרויסער נאַציסטישער שכיטע, שטייען ווי לעבעדיקע איידעס און דערמאָנען יעדערן, וואָס די ייִדן אין אונדזער ייִשעוו האָבן איבערגעלעבט. וועגן די דרײַ גריבער מיט ייִדישע האַריגים האָבן די פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער געוווּסט, ווי האָבן געוווּסט, אַז אין גרוב ליגן די מאַנצבילען, אין א צווייטער — די פֿרויען און אין דער דריטער גרוב — קינדער. פּילאַנעטקאַ האָט מיר דערציילט, אַז די ראָצכים האָבן צונויפֿגענומען די ייִדן אין שטעטלדיקן ראַט, זיי אָנגעהאַדעוועט מיט א גרויפּענעם קוליש, וועלכער איז געווען פֿאַרסאַמט. וועגן דעם האָט פּילאַנעטקאַ זיך דערוווּסט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿונעם פֿראָנט, אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע, ווען אינעם ייִשעוו, ווו איך בין געבוירן, איז פֿאָרגעקומען אַן אָפֿענער פּראָצעס איבער דרײַ טאַליאָנים, וועלכע האָבן צעשאָסן די ייִדן פֿונעם שטעטל. צווישן די ראָצכים איז געווען אויך איינער א שלאָפּאַק, וועלכן מע האָט אינעם ייִשעוו געקענט פֿאַר זייער א לײַטישן, באַשיידענעם מענטשן. ער פֿלעג שטענדיק יעדן אײַנעם באַגעגענען מיט א זיסן שמייכל, זיך שטענדיק געפֿרײַנדעט מיט ייִדן. ביז דער מילכאָמע האָט ער געאַרבעט אין „זאַגאָטסקאָט" אלס באַפּולמעכטיקטער פֿון פֿאַרגרייטן פֿאַר דער מעלוכע רויע פֿעל פֿאַר לעדער־זאַוואָדן. און ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל ווערן א פּאָליצײַ? וועגן אים האָב איך זיך דערוווּסט א סאַך פּראָטים פֿונעם אָפּערבאַפּולמעכטיקטן פֿון דער געגנטלעכער קאַגעבע, וועלכער האָט מיר ניט איין מאָל געשיקט פּאָוועסטקעס, איך זאָל קומען זיך באַקענען מיטן אויספֿאָרשונגס־איניען וועגן די מערדערישע אַקטן פֿון די ראָצכים. נאָר איך בין ניט געקומען. מיר איז געווען אומדערטרעגלעך זיך באַקענען מיטן דאָזיקן שודער. און פֿאָרגעקומען איז אָט וואָס ערעוו שלאָפּאַקס אַרעסט. אין איינעם א זומער־טאָג אין 1949 האָב איך דערהערט, ווי עמעצער קלינגט אין טיר. צוערשט האָב איך געטראַכט, אַז עפּשער איז עס דעם שאָכנס באָכערל: ווען ער קומט צו גיין פֿון דער שול, קלינגט ער שטענדיק אין מײַן גלעקל, איך זאָל אים עפֿענען די פֿאַדערטיר. איך האָב זיך ניט געאײַלט צו גיין אים עפֿענען, ווײַל מאַכמעס פֿאַרשײַטקייט פֿאַרגעסט ער אָפֿט דעם שליסל אינדערהיים און קלינגט עטלעכע מאָל אין טאָג בלויז צו מיר. פֿונדעסטוועגן האָב איך אַרופֿגעכאַפּט אויף זיך די פּיזשאַמע, און ביז איך בין צוגעגאַנגען צו דער פֿאָדערטיר, האָט דאָס קלינגען זיך איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. געעפֿנט די פֿאָדערטיר אויפֿן קייטעלע, האָב איך דורך דער שמאָלער עפֿענונג א פֿרעג געטאָן:

— צו וועמען דאַרפֿט איר?

— אָט דאָ וווינט יויסעף סאַמאָילאָוויטש?

כ'האָב פֿאַמעלעך געעפֿנט די טיר און דעם אומבאַקאַנטן מענטשן פֿאַרבעטן צו זיך אין שטוב. לויטן הויכן וווּקס און שטרענגע געמאָסטענע טריט, לויט דער העפֿלעכקײַט און אויסגעמוסטירטער קאַלטבלוטיקייט האָב איך גלײַך דערפֿילט, אַז דאָס דאַרף זײַן א מענטש פֿון די דרײַ בוכשטאַבן (ק.ג.ב.), ווײַל ערעוו מײַן אַרעסט איז צוערשט איינער א מאַנספֿאָרשוין מיר נאָכגעגאַנגען, עמעס פֿונדערווײַטנס, און געשפּירט נאָך מיר (דערנאָך זײַנען שוין דרײַ כאַווערע אים נאָכגעגאַנגען, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערציילט). קעדיי זיכער זײַן, אַז דאָס איז ווירקלעך פֿון יענע לײַט, האָב איך

געבעטן, ער זאָל מיר ווײַזן די צײַגעניש. יענער האָט מיט פאַרגעניגן אַרויסגענומען פון דער זײַטקעשענע אַ רויט ביכעלע, און איך האָב איבערגעלייענט: „אַפּערבאַפּולמעכטיקטער פון זשיטאָמירער געגנטלעכער קאָגעבע מאַיאָר וולאַדימיר פיליפּאָוויטש. די פאַמיליע האָב איך ניט פאַרגעדענקט. מיר איז געוואָרן עפּעס קאַלעמוטנע. אַ ציטער האָט זיך אַדורכגעטראָגן דורך מײַן לײַב, נאָר איך האָב זיך גלײַך גענומען אין די הענט. ווען דער אַפּער האָט מיר דערקלערט, צוליב וואָס ער איז געקומען צו פאָרן, האָט מיך אַ קלעם געטאָן אַ מאָדנער היסטערישער געוויין, טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן. דער גאַסט האָט מיך גענומען באַרויִקן, געטרייסט, אַז אָט, זעט איר, ווי אונדזערע אָרגאַנען פאַרנעמען זיך מיט אויסגעפֿינען פאַרברעכער בײַם דער דײַטשישער אָקופּאַציע: ווו זיי זאָלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן, אַלצייַנס וועלן מיר זיי אָפּזוכן, און די רוצחים וועלן ניט אויסמײַדן די שטראָף.

— איז וואָס פאַר אַ שײַכעס האָב איך צו דעם?

— אין אײַער געבורטשטעטל ישעפּאָל האָבן די נאַציסטן מיט זייערע פּאַרטיזאַנער, קאָמוניסטן און פֿיל ציווילע בירגער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, צווישן זיי אויך אַ סאַך ייִדן. ווי עס האָט פעסטגעשטעלט די אויספאָרשונג, זײַנען אין אײַער ישעפּאָל צווישן די אומגעבראַכטע אויך געווען אײַערע עלטערן. אונדז אינטערעסירט, צי קאָנט איר פעסטשטעלן אַן ערעך זייער עלטער און עפשער אויך פון קרויווים אײַערע.

כ׳האָב זיך באַמיט צו זײַן רויִק און אָנגעשטרענגט דעם זיכּאָרן אַף זיך דערמאָנען די נעמען פון קרויווים, שוועסטערקינדער, נאָר דער „אַפּער" האָט מיך געבעטן צוערשט געני אָנרופן דעם נאָמען און פאַטערנאָמען פון מײַנע עלטערן, ווי אויך פון מײַנע שוועסטער. איך האָב זיך אופגעהויבן פון בענקל, זיך אַפּגעקערעוועט אין אַ זײַט, אַז דער גאַסט זאָל ניט זען, ווי איך ווישׁ אויס די שווערע טרערן פון די אויגן, זיך באַמיט אײַנצוהאַלטן דעם ציטער פון די קינבאַקן, און אַרויסגעשטאַמלט:

— היטלער האָט בא מיר זעלבסט צוגענומען דאָס סאַמע טײַערסטע פון מײַן לעבן — דעם טאַטן, די מאַמע, דרײַ שוועסטער מיט קליינע קינדערלעך. ווייוויי, שוין אָפּגערעדט פון פעטערס, מומעס, פון מײַן אַלטיטשקער באָבע...

נאָכן צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איך האָב געכאַסמעט, האָט דער גאַסט העפלעך מיך געבעטן זיך אַראָפּכאַפּן אין דער געגנט־שטאָט און אַרײַנקומען צו זיי, ווו ער וועט האָבן אַ מעגלעכקײַט זיך געני באַקאַנען מיט די פּראָטאָקאָלן פונעם דאָזיקן איניען.

ווען דער „אַפּער" איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך צוגעלייגט אַף דער טאַכטאַ, פון וועלכער ס׳האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט די האַלב־צעבראָכענע פּרוזשינעס, גלײַך ווי אייִנער, וואָס פאַלט אַרײַן אין אַ גרוב. נאָר איצט האָב איך גאָרנישט ניט געפילט. איך בין געלעגן מיט צונויפגעלייגטע הענט צוקאָפּנס מיד, צעבראָכן, זיך געדרייט פון איין זײַט אַף דער צווייטער און פאַמעלעך זיך אופגעהויבן, געעפנט דאָס שאַפעלע, ווו ס׳זײַנען געלעגן אייניקע פאַרצייכענונגען, ווי אויך ניט־פאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן, און פון דער באַהעלטעניש אַרויסגעשלעפּט די האַלבע פלאַש מיט „כערעס", אויסגעטרונקען ביזן דנאָ דעם ווײַן, אָן שום פאַרבײַסעכץ, און בין אַוועק צו דער אויטאָבוס־סטאַנציע נעמען אַ בילעט אַף אַראָפּצופאָרן אין מײַן געבורטשטעטל.

די באַגעגעניש מיט פּילאָנענקאָס מיזיניק, מיט אַנדרייקען, וועלכער האָט זיך געכאַוועט מיט מײַן אומגעבראַכטער זעכציאָריקער שוועסטער, דער מיזינקע פון אונדזער מישפּאָכע, האָט מיר אַזוי צעבראָכן מײַן געמיט, אַז כ׳בין קוים דערקראָכן צום קריסטלעכן בעסוילעם, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער ברודער־קייווער.

— דו ביסט גערעכט, אַנדרייקע. כאָטש ס׳איז שוין אַדורך אַכט יאָר, זי וואָלט איצט אַלט געווען, ווי דו, קנאַפּע 24 יאָר, נאָר פאַרגעסן קאָן איך ניט. דאָס האַרץ וויינט. ווײַל וויאַזוי קאָן איך פאַרגעסן אין אָט דעם שוידער?

— און איר טראַכט, אַז איך האָב פאַרגעסן, — האָט זיך אָנגערופן אַנדרייקע. — ביז איצט שטייט מיר פאַר די אויגן די יאָגנצע טראַגעדיע. ווי נאָר די ידײַטשן זײַנען אַרײַן, — האָט דערציילט אַנדרייקע, — האָט דער „שטילינקער" שלאַפּאַק צוזאַמען מיט די דײַטשישע רוצחים אַף די ווענט און אַף די לאָדנס מיט שוואַרצער פאַרב אָנגעשריבן: יודעו!". הײַנט וואָס איז ווײַטער פאָרגעקומען! פרעגט ניט. ביז איצט שטייט נאָך די קאָלווירטישע קלוניע, צו וועלכער איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל אונטערגעגאַנוועט באַנאַכט, קעדיי עפּעס איבערגעבן די פאַרשפּאַרטע ייִדן. איך האָב אַ קריגל מילך מיט אַ ברויטל באַנאַכט געטראָגן מיט זיך, געפּרוּווט אַרונטערקריכן די פאַרצוימונגען און פלוצעם דערהערט אַ שאָס. די קויל איז מיט אַ זשומערײַ דורכגעפלויגן פאַרבײַ. איך בין געבליבן ליגן אַ פאַרגליווערטער, און דאָס קײַלעכדיקע ברויטל האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט. וויאַזוי איך בין לעבן געבליבן, ווייס איך אַליין ניט, ס׳איז פּאַשעט אַ נעס...

— ס׳איז באַשערט דיר לעבן. איך גלייב אין גוירל פון מענטשן. ווײַזט אויס, אַז די ערלעכקײַט פּראַוועט מיטן מענטשלעכן גוירל, מיט זײַן מאַזל, מיט זײַן גליק. אויב ניט גלייבן אין דעם, קאָן מען מעשוגע ווערן, — האָב איך געזאָגט אַנדרייקען, דערנעענטערנדיק זיך שוין צום דענקמאָל.

דער מיטינג איז שוין געגאַנגען. דאָס גאַנצע פעלד אַרום דעם קריסטלעכן בעסוילעם, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט וואַלד, מיט דופּטיקע הייזלאַנקעס, ווי אין זומער־טעג פלעגן אָן א שיר מענטשן פאַרברענגען ביז דער מילכאָמע, איז פול געווען מיט מענטשן, דעריקער מיט פויערים פון די אַרומיקע דערפער. ווער ס׳איז געקומען צופוס, ווער אַף געבעטע מיט שטרוי וועגענער און ווער אויך אַף פערד ניט־געזאָטלטע. דער ברודער־קייווער, אַף וועלכן ס׳איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן א דענקמאָל, איז באַשטאַנען פון אויסגעגראָבענע ביינער, וועלכע זײַנען געלעגן אין דרײַ גריבער. מאַנצבלשע ביינער, פרויען־ביינער און ניט קיין סאַך קינדער־ביינער. די דאָזיקע דרײַ גריבער האָט מען אויסגעגראָבן לויט דער אָנווײַזונג פון דעם פאַרעטער שלאַפאַק. ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע געשאָכטן און געסאַמט דאָס ביסל יידן פונעם יישעוו, ער האָט געוויזן די גריבער פון די האַרוגים. א מעדיציניש עקספּערטיזע פון אָנגעזעענע דאָקטוירים האָבן לויטן אויסזען פון די סקעלעטן באַשטימט, וויפל זײַנען דאָ מאַנצבלשע, וויפל פרויישע, און אַלע זיי האָט מען צונויפגעלייגט אין איין הילצערנער טרונע און אַראָפּגעלאָזט אין א היפשער גרוב, אַף וועלכער מ׳האָט אַוועקגעלייגט א מאַרמאָר־ברעט מיט אַן אויפשריפט:

„אָט דאָ ליגן קאָרבאָנעס פונעם דײַטשישן פאַשיזם — פאַרטיזאַנער, קאָמוניסטן, אומלעגאַלע טוער און אַרבעטנדיקע פון וואָליך". דאָס וואָרט — יידן איז אינעם אויפשריפט ניט געווען.

מיט א שווער געמיט האָב איך פאַרלאָזט דאָן דעם יישעוו, נאָר א שטיקעלע טרייסט האָט פאַרלײַכטערט מײַן אומרו. ווען איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס דער „אָפער" פון קאַגעבע האָט באַם געזעגענען זיך מיט מיר שטאָלץ געמאָלדן: „קיין איין מערדער וועט זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון אונדז".

איצטער, א פאַרשפּאַרטער אין לאַגער, הייב איך אָן צו טראַכטן: א מאָדנע זאַך, אַנשטאָט צו מישפּעטן דעם הענקער מישפּעט מען גאָר דעם קאָרבן! מע טאָר ניט שווײַגן, מע דאַרף קלאַפּן אין אַלע טירן, פאָדערן גערעכטיקײַט. נאָר אַף יעדער אָנקלאָגע באַקום איך א קורצן ענטפער: „איר זײַט ריכטיק פאַרמישפּעט, און ס׳איז ניטאָ קיין שום סיבע אַף איבערקוקן אײַער איניען". די דאָזיקע פאָרמולירונג גיט מען מיר אַלעמאָל איבערלייענען אין ספּעץ־אָפּטייל פון דעם לאַגער. הונדערט אָנקלאָגעס האָב איך פאַר די קנאַפּע פינף יאָר, זײַענדיק אין לאַגער, אָנגעשריבן. און צו וועמען האָב איך זיך געווענדט? פאַרשטייט זיך, צו יאָסיף ווויסאַריאָנאָוויטשן און צו לאַווערענטי פּאַוולאָוויטשן.

אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם ספּעצלאַגער, אָן אַרומגערינגלטן פון אַלע זײַטן מיט סאָמאָנען־ווענט און מיט די קוקושקעס־קוילנוואַרפערס פון אויבן, היט מען מיך פון אַלע זײַטן, איך זאָל, כאָלילע, ניט אַנטלויפן, מע זאָל מיך ניט צוגאַנווענען. נאָר ניט אַנטלויפן קאָן איך, ניט צוגאַנווענען וועט מען מיך. און וועמען בין איך נייטיק?

אין איינעם א יון־טאָג פון 1952, ווען אין לאַגער זײַנען אָנגעקומען עטאַפּניקעס פון פאַרשיידענע עקן לאַנד, בין איך געזעסן איינער אַליין אַף דער ערד לעם מײַן זעמליאַנקע און געוואַרעמט מײַנע בלאָווע געשוואָלענע פיס. און פלוצעם האָט צווישן א גרופּע אָנגעקומענע אַרעסטירטע, שוין אויסגעקליידעטע אין לאַגער־מאַלבושים, געשטעמפּלט מיט סמאָלע־נומערן, א בלענד געטאָן פאַר מײַנע אויגן זייער א קענטלעך פּאָנעם. דערנענטערנדיק זיך צו מיר, איז פונעם רעדל לאַגערניקעס צוגעלאָפן איינער און מיך געכאַפּט קושן און האַלדזן, ווי ער וואָלט דערזען זײַן אייגענעם ברודער.

— האָסט ניט דערקענט נאָטקען, דײַן כאַווער נאָך פון די יוגנט־יאָרן?

— און מיך האָסטו דערקענט?

— פאַרשטייט זיך. עמעס, ס׳איז שווער דיך צו דערקענען, נאָר עפּעס־וואָס איז נאָך פאַרבליבן.

— פונוואַנען קומסטו?

— פון דער לוביאַנקע. און דו?

און ס׳איז אַוועק א שמועס.

— א פײַנע וווינונג! וואָס זאָגסטו, נאָטקע, אַף אונדזער גוירל? אָט מערדער!

— וואָס זײַנען זיי שולדיק? זיי זײַנען ניט מער ווי אויספּילער.

— נאָר די מעטאָדן פון פירן די אויספאָרשונג זײַנען דאָך בעעמעס פאַשיסטישע, צי דען ווייסט ניט בעריאַ, וואָס דאָ קומט פאָר? אַזעלכע מענטשן, טאַלאַנטן, אַלטע פאַרטיזאַנער זיצן אין די טורמעס. די שענסטע און פעיִקסטע פון דער אינטעליגענץ. די אָנגעזעענסטע יידישע שרײַבער שמאַכטן אין די טפיסעס. וואָס הייסט עס? וואָס שווײַגט די וועלט? און ווער ווייסט, וואָס עס וועט זײַן נאָך מיט די פאַרבליבענע אַף דער פרײַ? און די לאַגע פון אונדזערע פרויען, אונדזערע קינדער, אונדזערע ברידער מיט די מישפּאָכעס, זיי שלאָפן דאָך אויך ניט. יעדער קלונג, יעדער קלאַפּ אין דער טיר רײַסט אָפּ דאָס האַרץ בא יעדן פון זיי. מיר זײַנען סאָנים פון פאָלק — זײַנען זיי אויך סאָנים. אַזוי האָט ניט איין מאָל מיר געזאָגט דער אויספאָרשער.

איך קוק אַף מײַן פרײַנט און פרוו אים טרייסטן:

— באַרויִק זיך, נאָטקע. איך בין זיכער, אַז דער דאָזיקער פוכיר וועט פּלאַצן. צי וועלן מיר דערלעבן? מע דאַרף זיך שטאַרקן. געדענק מײַנע ווערטער. כאָטש כ׳בין ניט קיין נאָווי, נאָר איך

ווייס ניט ווייניק פֿאַלן, ווען מענטשן, וועלכע זײַנען, פּונקט ווי מיר, געווען פֿאַרמישפּעט צו צען, צו צוואַנציק יאָר, האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע היימען...

נאַטקע איז אַנדערש געשטימט:

— איך בין דיר מעקאַנע, וואָס דו גלייבסט אין דעם. איך האַלט, אַז מיר זײַנען פֿאַרפֿאַלן — פֿונדאַנען וועט זיך קיינער ניט אומקערן. ווער וועט אויסהאַלטן אָט דעם רעזשים, אָט די שוידערלעכע באַדינגונגען? הײַנט די דערנערונג, כּאַיירים האָבן וווינט מען אַ סאַך בעסער...

— פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר וועט גרינגער זײַן איבערצוטראָגן דעם שרעקער, און ניט נאָר מיר אַליין. די אַלע, וואָס באַקומען פֿון דר׳היים פּאַסילקעס, דאַרפֿן ניט אָנקומען צו דער פֿאַרשטונקענער לאַגער־דערנערונג. אָט בין איך נאַרוואָס געווען אין דער פּאַסילאַטשנע. לאָזט זיך אויס, אַז דער פֿאַר־וואַלטער איז אויך אַ וואָלינער. בײַם דער מילכאָמע איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿענקעניש צו די דײַטשן. עפּעס אַ פּאָר וואָכן איז ער געווען אין אַ דײַטשישן לאַגער אין ווײַסרוסלאַנד, און ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפֿרײַט האָמעל, איז ער ווידער געווען אויפֿן פֿראָנט אַלס אַרטילעריסט, האָט באַפֿרײַט פּראָג. נאָך דער מילכאָמע האָט מען אים אין 1946־טן יאָר רעפּרעסירט אַלס פֿאַרעטער פֿונעם היימלאַנד, ווײַל ער האָט ניט געשאַרט אַרײַנפֿאַלן אין געפֿענקעניש, לויטן אוסטאַוו דאַרף ער זיך שלאָגן ביזן לעצטן אָטעם און זיך ניט אונטערגעבן. ניט די פֿאַרווונדונגען, ניט די באַלויינונגען האָבן נישט געהאָלפֿן. לויטן קרימינעלן קאָדעקס איז דאָס געווען קוואַליפֿיצירט אַלס פֿאַראַט אין צײַט פֿון מילכאָמע און לויטן אַרטיקל 1ב האָט ער באַקומען 10 יאָר. נאָר מער פֿון אַלץ וואָלט איך געוואָלט, נאַטקעלע, דיר דערציילן וועגן דעם רעפּרעסירטן כירורג פּוסטער. אַ ייִד פֿון שפּאַניע, געווען אַ פּאַרטיי־מיטגליד נאָך איידער ער איז געקומען אין ראַטנפֿאַרבאַנד. איז הער מיך אויס.

נאַטקע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָנגעהיצטער ערד, נאָענט לעם מיר, און כ׳האָב אים דערציילט די געשיכטע.

זײַענדיק אַן אינוואַליד, בין איך געווען באַפֿרײַט פֿון שווערער אַרבעט סײַ אויסער דער זאָנע, סײַ אין דער זאָנע. אָפֿט איז מיר אויסגעקומען זיך ווענדן נאָך הילף צו די לאַזאַרעט־דאָקטוירים. אין איינעם אַ געשפּרעך מיטן כירורג האָב איך דערפֿילט, אַז ער באַציט זיך צו מיר מיט מיטלײַד און פֿאַרגעלייגט מיר אײַנגיין אויף אַן אָפּעראַציע, נאָר צוגעגעבן:

— אײַער געזונט־צושטאַנד איז ביבלאַל ניט קיין וואונשנער. איך בין ניט זיכער, צי אין אָט די לאַזאַרעט־באַדינגונגען וועט איר נאָך דער אָפּעראַציע בלײַבן לעבן...

מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן: איך בין געווען דערשיטערט פֿון זײַן באַציִונג צו מיר. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געקומען צו אים. קלוימערשט נאָך אַן אייצע, נאָר דעריקער איז געווען די מאַטאָנע, וואָס איך האָב אים געבראַכט. ער האָט זיך אָבער געקווענקלט. האָב איך אים שטאַרק געבעטן:

— דאָס איז היימיש געבעקס, וואָס מײַן ווײַב האָט מיר געשיקט אין אַ פּאַסילקע. איר האָט דאָך ניט אַזוינס.

דער דאָקטער האָט גענומען בלויז אַ קיכעלע, פֿאַרזוכט און באַדאַנקט:

— מער דאַרף מען ניט. עסט אַליין בעסער, איר זײַט אַ קראַנקער מענטש.

כ׳האָב אַליין געעפֿנט די טומבאַטשקע, וואָס איז געשטאַנען לעם זײַן אײַזערן בעטל, פֿאַרזיכטיק אַרײַנגעלייגט די איבעריקע קיכעלעך און, פֿאַרמאַכנדיק דאָס טירל פֿון דער טומבאַטשקע, באַדאַנקט דעם דאָקטער פֿאַר זײַן גוטהאַרציקײַט.

אין אַ באַזונדערן לאַזאַרעט־צימער האָבן געלעבט דרײַ רעפּרעסירטע דאָקטוירים, וועלכע האָבן באַדינט די לאַגערניקעס. צווישן זיי איז געווען דער שפּאַנישער דאָקטער פּוסטער. אַלס גענייטער כירורג, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ היפּשן באַגאַזש פֿון וויסן, באַזונדערס אין הילכעס כירורגיע, פֿלעג מען אים אָפֿט אויסניצן פֿאַר די הויכע מיליטער־טשינעס פֿון „סטעפּלאַג", „לוגלאַג", פֿאַר די עמוועד־דיסטן, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט מיט צענדליקער לאַגער־פּונקטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף צענדלי־קער קילאָמעטער לענגויס די קאַזאַכישע סטעפּעס, זומערצײַט, אָנגעגליטע און אָנגעפּילטע מיט הייסע שטויבן, און ווינטערצײַט, מיט שניי־בוראַנען און מיט שטאַרקע פֿרעסט.

פּוסטערן דעם קאַטאָרזשניק, דעם געוועזענעם שפּאַנישן קאָמוניסט פֿון 1922 יאָר, האָט דער „אָסאָ" פֿאַרמישפּעט צו 20 יאָר ווי אַ שפּאַנישן שפּיאָן, ווײַל ער איז אַריבערגעפֿאָרן פֿון באַרסעלאָנע קיין מאָסקווע צוליב אַ פֿרוי אַן אַקטריסע, אין וועלכער ער איז געווען פֿאַרליבט און פֿאַר איר כאַסענע געהאַט. ער איז שוין געווען אַ סאָוועטישער בירגער העכער אַ צענדליק יאָר, נאָר בעריאַס עמ־געביסטן האָבן זיך פּלוצעם באַטראַכט, אַז זײַן קומען קיין מאָסקווע איז פֿאַרבונדן מיט שפּיאָנאַזש, און ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גזירע אויף דאָקטוירים, איז פּוסטער אַרײַנגעפֿאַלן אין דער דאָזיקער נעץ.

נאַטקע, דער מאָסקווער זשורנאַליסט, וועלכער האָט כּוח עסייען געשריבן אויך פּראָזע סײַ אין ייִדיש, סײַ אין רוסיש, האָט זיך געכאַוועט מיט מיר. נאָר אין אַ צײַט אַרום, ווען אין לאַגער האָט

אנגעהויבן פונקציאנירן א בופעט, אין וועלכן מ'האט געקאנט קויפן פאר מעזומען געלט פירעזשקעס, צוקער און אפילע פאפיראסן, האט נאטקע באקומען דארט א שטעלע. ער איז געווען אי א קאסיר, אי אן אופראמער. אזא פיינע שטעלע קאן באקומען בלויז אזא לאגערניק, וואס איז פארבונדן מיטן „קום" (דה. מיטן „אפער").

מיר איז געווען זייער ניט אנגענעם און אפילע עקלדיק, ווען כ'האב געהערט, ווי אייניקע לאגערניקעס האבן זיך אזוי אפגערופן וועגן נאטקען. צי דען איז ער פעיק אף אזא טאט? — האב איך געטראכט. — צי דען וועט ער צוליב א פירעזשקע ווערן א מוסער?

ביסלעכווייז האב איך זיך צוגעוווינט צום לאגער־לעבן. און ווי די מאמע מיינע די צעשאסענע פלעג זאגן: „מיט צארעס ווערט מען געווינט". יעדן אינדערפרי פלעג איך אופשטיין צוזאמען מיט די ראבאטיאגעס האלב זעקס אזייגער, ארייננקומען אין עסצימער מיט מיין קאטעלאקל, אנעמען זודיקע וואסער, ארײנשיטן א זשמעניע טיי און פארפארען אזוי, אז ס'האט אויסגעזען ווי מינכענער ביר. כ'האב ליב געהאט שטארקע טיי. אנומלט האט מיר אליאשין, מיט וועלכן איך האב צוזאמען געלעבט אינעם האלב־סטאציאנאר, א זאג געטאן:

— יויסעף (אזוי האט ער מיך גערופן אפט, ווען אים האט געדוכט, אז ער ווענדט זיך צו זיין בעסטן פראנט־כאווער, מיט וועלכן ער איז געלעגן אין אקאפ, — ווי איך באמערק, ווערסטו א טשיפער־ריסט. וועסט פאטערן דאס הארץ.

— כאלילע, — האב איך געענטפערט, — זייענדיק אף דער פריי, האב איך שטענדיק ליב געהאט צו טרינקען שטארקע טיי און כ'בין קיין טשיפעדיסט קיינמאל ניט געווארן. דעם עמעס גערעדט, גיט מיר צו דא, אין לאגער, די שטארקע טיי קרעפטיקייט. עס ווערט מיר עטוואס ווארעמער אף דער נעשאמע. און ביכלאל זאלסטו וויסן, אז אלץ, וואס איז שטארק, איז טאקע געשמאק...

— נאר דא זיינען דאך גאר אנדערע באדינגונגען, — האט געענטפערט אליאשין און בעשאס־מייסע אנגענומען אין ביידע הענט נאסע קוילן און ארײנגעווארפן אין דער קיילעכדיקער הרובע, וואס האט אנגעווארעמט דעם בלאטיקן ערדענעם דיל פון דער זעמליאנקע, די פארשטונקענע לופט, וואס האט זיך געטראגן פון דער פאראשע, ווי אויך פון די אנעטשעס, וואס האבן זיך געטרינקט אף די נארעס.

פון יעדער באקומענער פאסילקע האב איך אויסגעטיילט פאר אליאשינען א כיילעק עסנווארג — א שטיקל כאזער, א פאר ריפטלעך קאלבאס, עטלעכע קארזשיקעס, א פאר ציבעלעס און א קעפעלע קנאבל. די ביטערניש פון ציבעלעס און פון קנאבל האט פארהיט דעם לאגערניק פון צינגא. אזוי האבן אלע לאגערניקעס זיך איינגערעדט, און מעגלעך דערפאר טאקע געדענק איך ניט, אז עמעצער בא אונדז אין לאגער זאל שלאפן זיין אף דער דאזיקער געפערלעכער קרענק.

— געגוג, געגוג שוין ריידן, טראכטן וועגן קראנקהייטן, איך וויל שוין מער ניט הערן און ניט זען אט די גרויזאמע בילדער, וואס איך זע קימאט יעדן טאג. אט בין איך אליין געווען קראנק אף דיזענטעריע און שיר ניט אוועק אף יענער־וועלט. אט פירט מען ארויס דורך דער וואכטע קימאט יעדן פארנאכט און אמאל אינדערפרי, ווען אין דער זאנע איז קימאט קיינער ניטא, אין הילצערנע מאלבושים טויטע קערפערס פון ארעסטאנטן — ראבאטיאגעס. אף דער וואכטע נעמט דער דעזשורנע א הילצערנעם האמער, איידער ער עפנט דעם טויער, קעדיי ארויספירן דעם מעס, גיט אים א זעץ אין קאפ, קעדיי זיך איבערצייגן, אז ער איז טויט, ווייל טאמער מאכט ער זיך טאמעוואטע.

די דאזיקע בילדער, וועלכע איך האב א פאר מאל צופעליק געזען, האט בא מיר ארויסגערופן א גוואלדיקן צארן. אליאשין האט דאס אויך ניט איין מאל געזען. מיין לאגער־פריינט איז געווען פון טאמבאווער געגנט, אן אינוואליד, אן א פוס, און געארבעט אין קאלווירט אלס בוכהאלטער. אף די פאמינקעס פון זיין פארשטארבענעם פאטער האבן זיך פארזאמלט בא אים אין שטוב עטלעכע פראנ־טאוויקעס. זיצנדיק באם טיש, האט אליאשין פארפירט א געשפרעך וועגן זיין פאטער, וואס האט ערלעך געהארעוועט און באארבעט די ערד, זיך גערעכנט פאר א פעסטן מיטלפויער, נאר אין 1933־טן יאר האט מען אים געמאכט פאר א באלעגוף און פארשיקט קיין סאלאווקי, וווּ ער איז געשטארבן.

דערמאנענדיק דאס אלץ, האט אליאשין אן אופגערעגטער א קלאפ געטאן מיט דער קוליע אין סטאלינס בילד, וואס איז געהאנגען בא אים אין צימער. אף מארגן איז גלייך געווען דער מישפעט, זיין טאט איז קוואליפיצירט געווארן אלס טעראר, און ער האט באקומען 25 יאר ספעצלאגער.

א, וויפל שוידערלעכע געשעענישן האב איך זיך דא אנגעהערט!

אפן מאסקווער אווטאזאוואד האט מען אין 1949 יאר ארעסטירט א גרויסע גרופע, העכער הונדערט אינזשעניערן, וועלכע האבן זיך געגרייט „אונטערייסן דעם זאוואד". בעראש פון דער דאזיקער „דיווערסאנטן־גרופע" איז געשטאנען עפעס איינער א ייד ק. (איך געדענק ניט זיין פאמיליע). מיט איינעם פון דער „דיווערסאנטן־גרופע" האב איך זיך געטראפן אין לאגער. זיין פאמיליע איז געווען געניקין. אן אלטער פארטייער, א קאדראוויק פונעם זאוואד, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער ארבעט, האט ער באקומען 20 יאר קאטארגע. דער דאזיקער מענטש האט

זיך אויך געכאַוועט מיט איינעם אַ לאַגערניק ראַבינס, וועלכער איז אין די דרײַסיקער יאָרן אַריבערגעפֿאָרן פֿון ניו־יאָרק קיין מאָסקווע, ווו ס'האָבן געוווינט זײַנע ברידער. אַ פּאַרטיי־מיטגליד פֿונעם 1920־טן יאָר. זײַן פֿרוי איז אין אַמעריקע געווען אַ ייִדישע אַקטריסע. אין מאָסקווע האָט זי אָפּט באַזוכט דעם גאָסעט אױף מאַלע בראָנע, דער מאַן אירער איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט אָנגעזעענע אַקטיאָרן. מע פֿלעג גײן צוגאַסט איינער צום אַנדערן, באַזונדערס אין די יאָמטויווים־טעג. דער זון זייערער — אַליק, אַ יונגער סקולפּטאָר, האָט אויסגעקלעפּט אַ פֿײַנעם ביוסט פֿון מיכאָעלסן אין דער ראָל פֿון קיניג ליר. אַ שטיקל צײַט איז דער פֿאָטער פֿונעם סקולפּטאָר געווען דירעקטאָר פֿונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. נאָר גאָר אײַנגיכן איז ער אַריבערגעגאַנגען אױף אָנפֿירנדיקער אַרבעט אין פֿינאַנץ־מיניסטעריום און פֿאַרוואַלטעט מיטן אַלפֿאַרבאַנדישן סטראַכיר־אָפּטייל. זײַענדיק אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך אויך אין גרונט פֿאַרנומען מיט סטראַכאָווקע. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בעריִאַ־דיווערסיע און דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען ליקווידירט, די אָנפֿירער רעפּרעסירט, ווי אויך דעם שעף פֿון אינפֿאָרמביוראָ, דעם אַלטן פּאַרטייער, געוועזענעם פּאָרזיצער פֿון פּראָפֿינטערן לאָזאָווסקין, האָבן די בעריִאַ־היצלעס ווי שאַקאַלן זיך אַ וואָרף געטאָן אויסזוכן יעטווידן מענטשן, וואָס האָט געהאַט די סאַמע ווײַטסטע אָדער נאָענטסטע פֿאַרבינדונג מיט די אַקטיאָרן פֿון גאָסעט צי מיטן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. אַ גרויסן טייל שרײַבער האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין מאָסקווע — אױף לוביאַנקע, אין קיִעוו — אױף לוקיאַנאָווקע, אין דער אינערלעכער טפּיסע פֿון עמגעבע. די „שוואַרצע וואָראָנס" האָבן זיך געיאָגט טאָג ווי נאַכט פֿון איין טפּיסע צו דער צווייטער. דערנאָך, ווען דער אַרעסטירטער איז שוין דורכגעגאַנגען דעם אויספֿאָרשונגס־געניעם, האָט מען אים באַזעצט אין אַ סטאָליפּין־וואַגאָן און אָפּגעפֿירט אין לאַגער — קיין נאָרילסק, מאַגאַדאַן, קאָלימאַ, צאָפֿן־קאַזאַכסטאַן. איך בין דאַן פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן ין דזשעזקאַזגאַנער ראַיאָן, איז ספּעצלאַג נומ. 3.

אין איינעם אַ זומער־פֿאַרנאַכט, ערעוו דעם אָטבאָי, האָט מען דורך דעם אײַזערנעם טויער אױף דער וואַכטע אַרײַנגעיאָגט אַ מאַכנע צעפּויזעטע רעפּרעסירטע „ביטאָוויקעס", ווי אַ ווילדן פֿערד־טאַבון. די דאָזיקע אַרעסטאַנטן זײַנען אײַנגאַנצן געווען ניט ענלעך אױף אונדז, פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס זײַנען געווען קעשענע־גנאָווים, כוליגאַנעס, רעצידיוויסטן, מיט איין וואָרט — אויסוואָרפֿן, אוגאָלאָווניקעס. די יעדיִע ווענן אָט דער דאָזיקער קאָדלע האָט זיך טייקעף צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער, און אַלע מיר, פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיט די שוואַרצע סמאָלע־נומערן אױף די לאַגער־מאַלבושים, האָבן זיך פֿון דער דאָזיקער כעווריֵע אָפּגעקערעוועט אין אַ זײַט. צום אַלעם ערשטן האָבן די פּאָליטישע לאַגערניקעס אָנגעהויבן באַהאַלטן, פֿאַרשליסן זייערע זאַכן. אַפֿילע די 400־גראַמאָווע פּײַקע ברויט, וואָס איז געווען דאָס סאַמע הייליקע באַם לאַגערניק. ווער עס האָט געהאַט שפּײַז פֿון די באַקומענע פּאָסילקעס פֿון דר'היים — קאָלבאַס, פֿעטס, געבעקס — האָט גלײַך דאָס אָפּגעטראָגן אין דער פּאָסילביוראָ. מײַנע ווערטפֿולע זאַכן — דעם וואָלענעם סוועטער, אַ גוט פּידזשאַקל, אַ וואַרעם פּאָרל גרעט, וואָס איך האָב גענומען נאָך פֿון דער היים, האָב איך געדאַרפֿט געווען אָוועקטראָגן אין זאַך־קאַמער. נאָר איך האָב עס ניט געטאָן. אין איינעם אַן אינדערפֿרי, ווען איך בין אַוועק אין לאַזאַרעט נאָך רעפּועס, האָבן די „ביטאָוויקעס" אַרויסגעשלעפּט פֿון הינטער מײַן בושלאַט, וואָס איז געלעגן אױפֿן בעטל, מײַן וואָלענעם סוועטער, דאָס וואַרעם פּאָרל גרעט און די וואָלענע שקאַרפּעטקעס. כ'האָב זיך געווענדט צום נאַטשאַלניק פֿון רעזשים, צו די נאַדזיראַטעלעס, נאָר ס'האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. די כאַווײרים מײַנע פֿונעם האַלב־סטאַציאָנאַר האָבן מיר ביכלאַל געייעצט מאַכן אַ שווײַג, זיך ניט קלאָגן פֿאַר קיינעם, ווײַל דער, וואָס האָט צוגעגאַנוועט די זאַכן, קאָן זיך צופֿעליק דערוויסן און מיך אונטערשטעכן. דערויף האָב איך געענטפֿערט מיט גײַווע:

— זאָל ער נאָר פּרוּוון, דער אורקע, זיך פֿאַרמעסטן, וועט ער שוין קיין לעבעדיקער ניט אַוועקגײן. דו זעסט, אַליאָשין, אָט דעם מעסער, אים טראָג איך שטענדיק מיט זיך. כוץ דעם, ווען די ראַבאָטיאַגעס מײַנע, וועמען איך צעגיב די בריוו אַלס פּאָטשטאַליאָן, ניט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל מיך אָנרירן מיט אַ פֿינגער.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט אַליאָשין מיט איראָניע מיר אָפּגעענטפֿערט, — ביסט זייער נאַיִוו, יאָסיף, דו וועסט ניט באַווײַזן זיך אַ ריר טאָן, ווי אָט די גנאָווים וועלן אויסכאַפּן בא דיר דעם מעסער און מיט אים דיך אונטערשטעכן.

— אײַ, אַליאָשין, ניט אַזוי טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. פֿאַרגעס ניט, אַז איך באַדין צוואַנציק בריגאַדעס, און זיי שעצן מיך. איך בין דאָך איצט שוין ניט קיין לײַדיקגייער. אַ שטיקל ראַבאָטיאַגע.

אַ פּאָר יאָר אין לאַגער האָב איך גאָרנישט ניט געטאָן. נאָר מיר איז דערעסן געוואָרן די לײַדיקגייערײַ, דאָס האָט נאָך מער פֿאַרגרעסערט מײַן בענקשאַפֿט נאָך דער היים. הײַנט דאָס שטענדיקע טראַכטן וועגן דעם, וואָס וועט זײַן, צי וועל איך בעעמעס דאַרפֿן שמאַכטן אַלע צען יאָר אין לאַגער. האָב איך באַשלאָסן זיך צושלאָגן צו עפּעס אַ גרינגער אַרבעט. און אין דעם האָט מיר מיטגעהאָלפֿן

מײַנער א גוטער באַקאַנטער, א מענטש אַן ערודיט, א סקולפּטאָר, װעלכער האָט אָנגעפירט מיט דער קולטור־אויפקלערערישער אַרבעט.

איך בין געװאָרן א פאָטשטאַליאָן. מײַן אַרבעט איז באַשטאַנען אָט אין װאָס. דער צענזאָר־עמװע־דיסט פלעג ברענגען אין דער זאָנע א היפּשן פּאַק מיט בריװ (פאַרשטײט זיך, מיט אָפענע קאָנװערטן, װײַל דער צענזאָר האָט פאַרפריִער זײ געדאַרפט איבערלײענען צי ס׳זײַנען ניט פאַראַן, כאָלילע, קײן געהײמע יעדיִעס אָדער מיליטער־סוידעס). איך האָב געהאַט א קאַרטאָטעק פון צװאַנציק בריגאַדעס מיט זײערע פאַמיליעס און געדאַרפט אױף די קאָנװערטן אָנשרײַבן די נומערן פון די בריגאַדעס און די בריװ צעטראָגן איבער די באַראַקן. ניט האָבנדיק קײן פאָטשטזעקל, האָב איך אויסגעבעטן באַם קאָמ־מענאַרמוס אַן אַלטן צעריסענעם לײַלעך, אים צעשניטן אױף צװײען, באַ אַליאָשינען גענומען א נאָדל מיט װײַסע פעדעם, אויפגענײט צװײ גרױסע קעשענעס און זײ אײַנגעפראַװעט אונטערן בושלאַט. אין די דאָזיקע גרױסע קעשענעס האָב איך אַרײַנגעװאָרפן די בריװ.

יעדן פאַרנאַכט, װי נאָר די ראַבאָטיאַגעס פלעגן זיך אומקערן פון דער אַרבעט און אַרײַנגײן אין דער זאָנע, פלעגט מען שױן, דערזעענדיק מיך פונדערװײַטן, שרײַען:

— הײ, פאָטשטאַליאָן, פאַראַן א בריװ?

װען איך בין מיט דער האַנט אַרײַנגעקראָכן אין די קעשענעס אַרױסצונעמען די בריװ, איז אַרום מיר שױן געשטאַנען א היפּשע צאָל לאַגערניקעס, פאַרשטױבטע, פאַרמאַטערטע פון צען שאָ אַרבעטן אױף די דזשעזקאַזגאַנער בױונגען, און װען דער אָדער יענער זעקאָװעץ האָט באַקומען א בריװ, האָט ער ניט געװוּסט, װאָס צו טאָן מיט מיר: מע האָט געטראָגן מאַטאַנעס פון אַלע זײַטן, נאָר איך האָב זײ ניט גענומען, װײַל כ׳האָב זיך אין דעם ניט גענײטיקט. פאַרקערט, פון די פּאָסילקעס, װאָס די פרױ האָט מיר צוגעשיקט, האָב איך שטענדיק א היפּשן כײלעק צעטײלט פאַר אײניקע ראַ־באָטיאַגעס, װעלכע האָבן קײן שום הילף פון דער הײם ניט באַקומען. באַקומען כאָטש עטלעכע שורעס פון דער הײם איז געװען א יאָמטעװ באַם לאַגערניק. געשריבן האָט מען אָבער זײער זעלטן, װײַל פרײַנט און באַקאַנטע האָבן מוירע געהאַט צו האָבן פאַרבינדונגען מיט „א סױנע פון פאָלק": ביסט ניט געװען זיכער, אַז אין דעם זעלבן טאָג אָדער אין דער זעלבער נאַכט זאָל מען ניט קומען פון עמגעבע מיט אַן אָרדער אױף אַרעסט.

קימאַט א האַלבער לאַגער האָט מיך געקענט אַלס בריװנטרעגער. אין פאַרלױף פון די צװײ מיט א האַלבן יאָר האָבן א סאַך געװוּסט, אַז איך בין א ייִדישער זשורנאַליסט, א שריפטשטעלער, און האָבן זיך צו מיר באַצױגן מיט אָפּשײַ.

װי שװער ס׳איז ניט געװען, פלעג איך אױסניצן א מינימאַלע מעגלעכקײַט עפּעס אָנצושרײַבן. געשריבן האָב איך באַנאַכט, שטילערהײט, אַז קײנער זאָל ניט זען, װײַל אױב דער „אָפּער" װעט זיך דערװיסן, װאַרפט מען מיך גלײַך אַרײַן אין „באָר" (באַראַק אָסאָבאָװאָ רעזשימאַ), װאָס איז טפיסע אין א טפיסע. א צװײיענדיקע טורמע. די שטיקלעך צעקנײטשטע קאָנװערטן פון די בריװ, װאָס כ׳האָב אויסגעניצט צום שרײַבן, פלעג איך צונױפדרײען אין א טרײַבל און באַהאַלטן צװישן דער שטרױ פונעם מאַטראַץ, און ביז כ׳האָב ניט פאַרגעדענקט אױף אױסװײניק דאָס געשריבענע, האָב איך די גאַנצע צײַט דאָס געהיט און פאַרהיט.

נאָר אין אײנעם א „שמאָן" (שמאָן — באַטײַט אַן אונטערזוכונג), װען מע טוט דיך אױס נאַקעט און מע טרײסלט איבער אַלע דײַנע קלײדער, דײַן געלעגער און מע באַפױלט דיר אַפילע זיך אָנבײגן מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַז דער „אָפּער" אַלײן זאָל א קוק טאָן אינעם כאַלעל פונעם הינטן, צי האָסטו דאָרט ניט באַהאַלטן עפּעס אַן אָנגעשריבן צעטעלע, א געהײמס, קעגן דעם לאַגער, צי האָסטו זיך ניט פאַרבונדן מיט עמעצן צו אַנטלױפן פונדאַנען, — שמאָנען זײַנען פאָרגעקומען אַלע צען טעג. אין אַזעלכע טעג האָב איך געלעבט אין שרעק און אין פּאַכעד, מע זאָל, כאָלילע, ניט געפינען די אָנגעשריבענע סקיצע. פון אױסן האָב איך זיך געהאַלטן דרײסט און פּעסט, געװוּסט און געפילט, אַז ניט יעדער װעג באַהאַלט דעם סאָד פון פרעמדע פאַלשע טריט. ניט יעדער װעג מאַכט זיך טױב, קעדײ ניט הערן, װיאַזױ דער מערדער יאָגט זיך באַהאַלטן. כאָטש די ערד איז אומענדלעך גרױס, נאָר זי קוקט, און הערט, און שפּירט, און היט מיך אָפּ פון אומקום. װײַל װאָס קאָן איך האָבן צו רוסלאַנד, װאָס איז גרױס און ברײט, דער הימל איבער מיר איז אָנגעלאָדן מיט שטערן? אָט די שײַנ־קײַט װעקט מיך, רעגט מיך און רירט דאָס האַרץ מײַנס, און אָפט קומט אױף א זעונג אַזאַ װײַטע אומגעריכט און גײט מיר נאָך פוסטריט, װי א יעגער נאָך דער יאַגד, און שעפּטשעט שטילערהײט צו אים אין דער זעמליאַנקע: גיב א קוק, מײַן פרײַנט, װי ס׳גײט דאָרט קאַראָלענקאָ און מיט אים טאָלסטאָי, און קופּרין אױך, און גאָרקי, א דערשיטערטער ביז טרערן, פון מיטלײַד א פאַרצאָרנטער, א פאַרמאַטערטער פון לײדן, גײט מיט זײ צוזאַמען צום קײסערלעכן הױף, זײ װילן צעברעכן, צע־שטערן די פײַנטשאַפט צו ייִדן, װאָס שפּאַרט פון דאָרט אַרױס, און די שערבלעך, די פאַרבלײַבענע פון סינע, נעם, דעספּאָט, זײ אַלײן צונױף און מעלדע בעקאָל ראָם, אַז ניט בלױז פּעטערבורג, נאָר אַז אַלע די, װאָס קומען מאָרדעװען דאָס ייִדישע פאָלק, זאָלן טײקעף פון דײַן ערד אַנטרינען און

פאַרשווינדן ווערן. א פאָלק, וואָס האָט מיט געטריישאַפט, אָפֿענער פאַר דיר, ראַסיי, פאַר דײַן קומענדיקן מאָרגן, אײַנגעשטעלט דאָס לעבן, האָט ווייניק־וואָס געמענט פאַר זיך אַליין, נאָר מער געטאָן פאַר דײַנטוועגן. נאָר פֿונעם קיניגלעכן הויף איז קיינער ניט אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן. ס'האָבן שווײַגנדיקע קופּאָלן פון קלויסטערס געסטאַרטשעט אין דער הייך, זיך ניט הערנדיק געמאַכט, ווען גערופן האָט טאָלסטאָי צו ראַטעווען די לעבנס פֿון דער קעשענעווער ברינע, ווען געוואַלגערט אױף דײַן ערד האָבן זיך יידישע הארוגים, אַז צעווײנט האָט זיך די דאָינע, און די שעכטער האָבן געלאַכט... אָך, ווי שווער איז מיר צו דערמאָנען יענע יאָרן די פאַרשווּנדענע, יענע פּענטעס אױף די הענט און אױף די פיס, אויך ווי געבונדענע!.. גרויסע וויכערס אױף דער ערד דער רוסישער האָבן זיך אױף אַלע וועגן מיט פלאַמען דורכגעטראָגן, ס'האָבן שטערן זיך באַוויזן אױף די הימלען די צעצונדענע. ווער איז דאַן ניט אַוועק אין יענע פײַערדיקע טעג אין ריזיקן און גרויזאַמען געראַנגל אױף קאָלטשאַקן, צי אױף וורא־נגעלן? די גאַנצע אַרעמקײַט פון שטעטלעך האָט געלאָזט זיך, הונגעריק און באָרוועס, צעברעכן די אָסטראָגן, די קייסערלעכע טורמעס און מיט בודיאָניס רײַטער אין געפערלעכע געפעכטן קעגן באַנדעס, ווײַסגוואַרדייער, אין ראַנגלעניש אין געװעכטן. געגאַנגען זײַנען אײנײנעם מיט די זין דײַנע, ראַסיי, אַזויפיל יידן אין דער בודיאָנישער אַרמיי! און אויב ליכטיק איז מײַן הײַנט, איז דאָס די העלקײַט פֿונעם נעכטן. און עס טוט מיר וויי, ווען איך גיב זיך א דערמאָן אין די נעמען די פאַרגאַנגענע, וואָס לעשן אין מײַן האַרצן קיינמאָל זיך ניט אויס. נאָר ווי רעכנט מען זיי אויס, ווען די צײַט איז אַזוי גרויס? מיר דערמאָנען זיך בליוכער און טשאַפּײַעוו, ראַטמאַנסקי און טשודנאָווסקי, שטשאָרס און דובאָווױ, וואָלאָדאַרסקי און סווערדלאָוו, גאַמאַרניק און יאַקיר, דאָס צעטל האָט ניט קיין סאָף, ווי מײַן ווייטיק האָט ניט קיין שיר. צי האָט געוווּסט פון זיי טאָלסטאָי? צי האָט געהערט פון זיי קופּרין? ס'איז רוסלאַנד גרויס און ברייט, דער הימל איבער מיר, אָן אָנגעלאָדענער מיט שטערן, און ס'דוכט מיר, אַז איך זע, ווי קאָראָלענקאָ גייט און מיט אים דאָרט, זאַלבעדריט, זײַן בלינדער מוזיקאַנט אין דער פינצטערניש, ער הערט ניט אױף צו שפּילן די ליד פון אויסגעלייזטער לייד... און כ'פיל, ווי עפעס קומט מיר צו. און עפעס־וואָס פון ווייטיקן פאַרגייט. פאַר רוסלאַנדס ערלעכע מאַרטירער, פאַר דער לויטערקײַט פון וואָלגיקער ברייט, וואָס שווענקט אַראָפּ די קויטיקײַט פון ברעגן, גלייבט מיר, מענטשן, בין איך גרייט פאַר אַלעמען פאַר זיי אָפּגעבן דאָס לעבן...

און פּלוצעם א געשריי, א געפּילדער. א סומאַטאָכע אין לאַגער האָט איבערגעריסן מײַן רויִקײַט, מײַן אַרומגײן איבער דער זאָנע. ווען כ'האָב שטילערהייט געכאַזערט די אָנגעשריבענע סקיצע, איז קיינעם אַפֿן געדאַנק ניט געקומען, אַז די אויסלייזונג דערנעענטערט זיך. וועגן סטאַלינס טויט האָבן מיר, די רעפּרעסירטע, זיך דערוווּסט אין א כאַדאָשים צוויי נאָך זײַן פּטירע, ווען צו אונדז אין לאַגער איז געקומען א פאָרשטייער פון מאָסקווע און אונדז אַלעמען (א מענטשן פינף טויזנט) צונויפגענומען אין דער זאָנע און געמאָלדן:

— גראַזשדאַניע זאַקליוטשאָניע, בירגער אַרעסטירטע! איך בין געקומען אײַך מודיִע זײַן, אַז לויטן באַשלוס פון דער סאָוועטישער רעגירונג איז געשאַפן געוואָרן א ספּעציִעלע געריכטקאָלעגיע, וואָס קוקט איבער אײַערע אינִיאָנים. אַלע אומשולדיקע וועלן אײַנגיכן זיך אומקערן אַהיים. מיר ווענדן זיך צו אײַך בלויז מיט א ביטע: זײַן רויִק, נאָרמאַל אַרויסגיין אױף דער אַרבעט ביזן טאָג פון אײַער באַפרײַונג...

פאַרכידעשט און מיט אומגלויבן אין דעם, וואָס עס האָט געמאָלדן דער פאָרשטייער, זײַנען א סאַך לאַגערניקעס געבליבן ווי געפּלעפט. בא מיר, ווי בא פיל אַנדערע, זײַנען געשטאַנען טרערן אין די אויגן.

וואָס עס איז פאָרגעקומען אױף מאָרגן, איז פּאַסט ניט צו באַשרײַבן. פונוואַנען האָט זיך גענומען אַזויפיל בראָנפן אין דער זאָנע? סײַ אין פלעשער, סײַ אין טשאַשקעס, אין צינקעווע פּליאַגעס. מע האָט געהאַלטן אין איין טרינקען, און קיינער איז ניט געווען שיקער. איך האָב עטוואָס א זופּ געטאָן בראָנפן פון אַליאָשינס צינקעווער טשאַשקע און האָב פון פרייד אויסגעשריִען:

— נו, זאָג, ווער איז גערעכט? כאָטש איך בין ניט קיין נאָווי, נאָר דאָס האַרץ מײַנס האָט די גאַנצע צײַט מיר אונטערגעזאָגט — עס מוז נעמען א סאָף, וויבאַלד ער איז געשטאָרבן, און בעריאַן האָט מען צעשאָסן. זײַ מיר מויכל, אַליאָשין, נאָר דו ווײסט נאָך זען, וואָס עס וועט ערשט זײַן...

דערווײַל האָט פּאַסירט א געשעעניש, וואָס האָט א כּודעש פאַר דעם, ווען צו אונדז איז געקומען דער פאָרשטייער פון מאָסקווע, אופגעטרייסלט דעם גאַנצן לאַגער.

און געשען איז אָט וואָס:

בישכײנעס מיט אונדזער מאַנצבלשן לאַגער, אַן אָפּגעצאַמטן מיט הויכע סאַמאַנעד־ווענט, אױף וועלכע עס זײַנען געשטאַנען וועכטער, באַוואָפנטע מיט אווטאָמאַטן און קוילנוואַרפערס, האָבן די ביטאָוויקעס, די אוגאָלאָווניקעס, פוּיזענדיק אױף אַלע פיר, אונטערגעגראָבן די מעכיצע־ווענט. צווישן אונדז און דער פרויען־זאָנע האָט זיך אָנגעהויבן א שיסערײַ פון קוילנוואַרפערס, וועלכע האָט געדווערט קימאַט א גאַנצע נאַכט. די אוגאָלאָווניקעס זײַנען אַרײַנגעדרונגען צו די פרויען און באַהערשט

זייער לאגער. צוערשט האבן מיר, די קאנטריקעס (אזוי האט מען גערופן די פאליטישע ארעסטירטע), פארורטיילט אט דעם אויסערגעווייינלעכן טאט פון דער באנדיטישער קנופיע, נאר אפן צווייטן און אפן דריטן טאג, ווען פון אונדזער ספעצלאג נומער דריי האבן די ביטאוויקעס ארויסגעטריבן די נאדזיראטעלעס, די גאנצע נאטשאלסטווע פונעם לאגער און פארכאפט די ווידטשאפטזאנע, ווו ס'האבן זיך געפונען די דערנערונגס־רעזערוון פאר די לאגערניקעס און געווארן באלעבאטים פונעם גאנצן לאגאפטייל, האט א גרויסער טייל פון די פאליט־ארעסטירטע זיך פאראייניקט צו די ביטאוויקעס, זיך אפגעזאגט ארויסצוגיין אף דער ארבעט. דרייסיק טעג און נעכט נאכאנאנד האט אין לאגער געהערשט א מאדנע שטילקייט, גלייך ווי אלע וואלטן אויסגעשטארבן. די אלטע לאגערניקעס, וועלכע זיינען שוין אפגעווען א טערמין פון 12—14 יאר, האבן זיך ביז גאר אויסגעהונגערט, זיך פארבענקט נאך א פרוי. אויך די פאליטישע ארעסטירטע פון דער פרויען־זאנע האבן אופגענומען די מאנצבלען אין זייער לאגער מיט גרויס פרייד און פארגעניגן. נאר די צאל מאנצבלען האט איבערגעשטיגן די צאל פרויען, און קעדיי באפרידיקן זייער סעקס, האט איין פרוי געלעבט מיט צוויי־דריי מאנצבלען. אין לאגער איז געשאפן געווארן א שטאב אף אנצופירן מיטן אופשטאנד, אדער ווי די לאגערניקעס האבן די דאזיקע געשעעניש געקרוינט מיטן נאמען „סאבאנטוי". בעראש פונעם שטאב איז געשטאנען א געוועזענער פאדפאלקאווניק פון וולאסאווס ארמיי. דער שטאב האט זיך געווענדט צו די ארעסטירטע מיט אן אופרוף: קיינער טאר ניט ארויסגיין אף דער ארבעט, ביז מע וועט ניט איבערקוקן אונדזערע איניאנים און ניט פארבעסערן די לאגער־באדינגונגען. אף די ווענט פון דער זאנע האבן זיך באוויזן לאזונגען, פלאקאטן, וואס האבן געפאדערט, מע זאל טייקעף באפרייען די אומשולדיקע.

צוערשט האב איך, ווי אויך אנדערע לאגערניקעס, זייער פארזיכטיק זיך באצויגן צו דעם דאזיקן סאבאנטוי. מיר איז ניט געפעלן געווארן, וואס מיט דער דאזיקער געשעעניש פירט אן א וולארסאוועץ און דער שטאב זיינער באשטייט מערסטנטייל פון עכטע אוגאלאווניקעס. די ערשטע צען טעג האט דער אופשטאנד געטראגן א מער־ווייניקער מענטשלעכן כאראקטער, די לאזונגען האבן גערופן צו פרייהייט, געפאדערט פון די העכערע אינסטאנצן איבערקוקן די איניאנים, געבן א מעגלעכקייט דעם לאגערניק צו שרייבן ניט קיין צוויי בריוו א יאר, נאר וויפל יעדערער וועט וועלן, און אז די לאגער־אדמיניסטראציע זאל געבן א פאראדענונג ארויפנעמען די גראטעס פון די פארפינצטערטע פענצטערלעך פון די באראקעס, ניט פארשליסן אף באנאכט די טירן, פונקט ווי אין טפיסעס, ארויסנעמען פונעם באראק די פאראשעס און אויסבויען אין דער זאנע טואלעטן. צו די דאזיקע מענטשלעכע פאדערונגען האב איך זיך פאראייניקט מאראליש, נאר ניט מיט קאנקרעטן טאט. מיר און אליאשינען איז געפעלן געווארן, וואס לויט דער פאראדענונג פונעם שטאב איז איינגעפירט געווארן א באנאכטיקע וואכטע פון פרויען און מאנצבלען. קעדיי אפצוהיטן די ארדענונג, האט מען אין דער ווירטשאפט־זאנע אויסגעפונען גראבע שטאנגען, אף וועלכע מע האט אויסגעשמידט שארפע שפיצן, ווי פיקעס, און באוואפנט די באנאכטיקע און באטאגיקע וועכטער, אז קיינער פון די נאדזיראטעלעס זאל ניט וואגן אריינקומען אין לאגער.

— צוליב וואס באדארף מען אזא קאראול און נאך מיט פיקעס? — האב איך געטיינעט צו אליאשינען.

— עס וועט זיך שלעכט ענדיקן, — האט אליאשין געזאגט.

ניט איין מאל האט אליאשין זיך געווענדט צו מיר, איך זאל צוזאמען מיט אים באזוכן די פרויען־זאנע:

— נארעלע וואס דו ביסט, לאמיר אויסניצן דעם מאמענט. סיי איך, סיי דו ליידן דאך דערפון, וואס העכער פיר יאר זיינען מיר אפגעריסן געווארן פון אונדזערע פרויען, און די בענקשאפט נאך א פרוי איז די סאמע שווערסטע, די סאמע פיינלעכע. וויפל מאל האט זיך מיר געכאלעמט, אז כ'האב געשלעכט־באציונגען געהאט מיט א פרוי. כ'האב זיך אופגעכאפט פון שלאף, א באגאסענער מיט שוויס, א מידער, א צעבראכענער פון ליידנשאפט. קום, לאמיר גיין. עס וועט אונדז נאכדעם באנג טאן. א מאנצבל בלייבט א מאנצבל, ביפראט נאך אין אזא מאמענט, ווען קיין איין פרוי פון דער זאנע זאגט קיינעם ניט אפ. זיי טוען עס ניט בלויז צו שטילן זייערע אייגענע טייוועס, זייער אייגענעם גלוסט, נאר אויך מאכמעס דעם געפיל פון מיטלייד: זיי זיינען דאך אויך אומגליקלעך, זייערע מענער קומען אפ ערגעץ אין די לאגערס פון קאלימא, מאגאדאן און בענקען נאך זייערע אייגענע פרויען.

פאר די אויגן איז געשטאנען די פרוי מיינע, מיט וועלכער איך האב זיך ביז איצט ניט צעשיידט. עס גייט ניט דורך קיין טאג, איך זאל ניט טראכטן וועגן מיין מישפאכע, וועגן מיין פערצניאריק טעכטערל, וועגן יענער טראגישער נאכט, ווען מ'האט מיך נאך א פינפשאיקער אונטערזוכונג ארויסגעפירט פון שטוב מיט א זעקל אף די פלייצעס און געבראכט צו פירן אין טפיסע.

די טרערן פון מיין געזינדל, די שטילע איינגעהאלטענע זיפצן, די בענקענדיקע בליקן, פארלאפענע מיט טרויער, גייען מיר נאך פוסטריט, און יעדער רעגע באגלייטן זיי מיך, ווו איך זאל ניט זיין, מיט וועמען איך זאל זיך ניט באגעגענען.

די נאַכט, ווען אַליאָשין האָט ניט געגעכטיקט אין דער זעמליאַנקע, בין איך ווי קימאַט ניט געשלאָפֿן. עפּעס האָט מיך געקימערט, ס'האָט מיך געאַרט, וואָס ער, אַליאָשין, האָט די פֿיר יאָר אינעם לאַגער ניט אויפֿגעהערט מיר צו דערציילן וועגן זײַן פֿרוי, וואָס איז אַזוי אים איבערגעגעבן, געטרײַ, און ווי גליקלעך וועט ער זײַן, ווען ער וועט ווידער פֿרײַ ווערן און זײַן מיט איר צוזאַמען, און איצטער האָט ער ניט אויסגעהאַלטן, איז אַוועק צו אַ פֿרעמדער פֿרוי און פֿאַראַט זײַן אייגענעם געפֿיל. צי עפּשער דאַרף איך גאָר ניט אַזוי אים באַשולדיקן? זײַענדיק אױף דער פֿרײַ, בין איך דאָך אויך ניט געווען קיין מלאך... כ'האָב דאָך אויך ניט איין מאָל געזינדיקט, האָב איך געטראַכט בײַ זיך, ליגנדיק אױף דער נאַרע.

נאָר איין זאַך איז זינדיקן אױף דער פֿרײַ, און אַ צווייטע זאַך איז זינדיקן דאָ, אין לאַגער, ווען דאָס האַרץ איז אַזוי צעבראָכן פֿון בענקשאַפֿט, ווען דער פֿאַרדראָס עסט דיך און הריזעט, פֿאַרוואָס האָט מען אונדז אײַנגעזעצט. קאָן איך בײַ זיך ניט פּויעלן צו פֿאַראַטן מײַן אייגענע פֿרוי, וועלכע האַלט מיך אונטער אַזוי מאַטעריעל און מאָראַליש סײַ מיט בריוו, סײַ מיט פּאַסילקעס. ניין, איין מאָל ניין! כ'וועל ניט גיין אין דער פֿרויען־זאָנע, כאָטש איך ליד זייער אַלס מאַנצבל, כאָטש אָפּט צעברענט זיך אין מיר די טײַוווע. איך בין אַראָפּ פֿון דער נאַרע, אַרופֿגעשלעפּט אױף זיך די לאַגער־קליידער און בין אַרויס אין דער זאָנע. עס האָט פֿאַמעלעך אָנגעהויבן שאַרײַען. כאָטש צוליב די הויכע סאַמאַנען־ווענט האָסטו נישט געקאָנט זען ניט דעם זון־פֿאַרגאַנג, ניט דעם אויפֿגאַנג. ווי שאָטנס, געקליידט אין די בושלאַטן מיט די געשטעמפּלטע נומערן אױף די הענט, אױף די פּלייצעס, האָבן זיך אומגעדרייט מיט פֿאַרשאַרפֿטע פּיקעס אין די הענט צענדליקער לאַגערניקעס, וועלכע האָבן באַוואַכט די זאָנע. ווען ס'איז געוואָרן עטוואָס ליכטיקער, האָב איך דערזען אױף די סאַמאַנען־ווענט גרויסע פּלאַקאַטן און לאָזונגען מיט ווײַסע בוכשטאַבן געשריבן: „לאָמיר ענגער שליסן אונדזערע רייען, לאָמיר געמיינזאַם קעמפֿן קעגן די עמיגראַנטן! נידער מיט דער ראַטנמאַכט! זאָל לעבן די נײַע דעמאָקראַטישע אָרדע־נונג!" איך בין פּאַשעט דערשטוינט געוואָרן. כ'האָב ניט געגלייבט מײַנע אייגענע אויגן. ווער האָט עס געקאָנט אַזעלכע לאָזונגען אָנשרײַבן און צעהענגען איבער די ווענט? אומקערנדיק זיך צוריק צום באַראַק, האָב איך באַגעגנט אַליאָשינען.

— נו, וואָס זאָגסטו, וואָס דאָ טוט זיך?

— טײַערינקער יאָסיק מײַנער, זאָלסט געווען זען, וויאַזוי זי האָט מיך באַגעגנט, וויאַזוי זי האָט מיך אויפֿגענומען. אַ יונגע, אַ שלאַנקע מויד מיט זייער געשמאַקע בריסטן האָט פֿאַרהאַנגען מיט צוויי לײַלעכער די וואַגאָנקע פֿון ביידע זײַטן, אַז קיינער זאָל ניט זען, ווי מיר נעמען זיך אַרום, ווי מיר האַלדזן זיך. כאָטש זיי שעמען זיך ניט איינע פֿאַר דער צווייטער, איז איר געווען ניט באַקוועם, אַז עמעצער זאָל זי זען ליגן מיט אַ מאַנצבל אין אויסגעטאָנענע. זי האָט מיר דערציילט וועגן איר טראַגעדיע און וועגן אירע עלטערן, אַז פֿאַר גאָרניט האָט מען זיי געמישפּעט. די מאַמע אירע איז דאָ, אין לאַגער, געשטאָרבן, און זי איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעציילעמט און אַרויסגעשטאַמלט: „באָזשע לאַסקאָווי, שטאָ ראַביטסיאַ נאַ בילאָם סוועטי?" — „גאָט מילדער, וואָס טוט זיך אױף דער העלער וועלט?".

— אַליאָשין, — זאָג איך, — דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט מיר דערציילט, איז אינטערעסאַנט און בעפֿיירעש רירנדיק. מעגלעך, אַז פּילאַגעוּנקאַ, מיט וועלכן כ'האָב זיך געטראָפֿן אין טורמע און אויך אין לאַגער, איז גאַלקעס פּאָטער. ער איז דאָך אויך אַ מײַרעוודיקער און זײַן מישפּאָכע האָט אויך געליטן פֿון אַזאַ, מישטיינס־געזאָגט, פֿאַרברעכן. הײַנט איך און דו, פֿאַרוואָס לײַדן מיר? דאָס איז אַלץ עמעס. נאָר גיב אַ קוק, וואָס עס טוט זיך איצט אין דער זאָנע? האָסט געזען די פּלאַקאַטן מיט די לאָזונגען?

— ניין, — האָט אַליאָשין געענטפֿערט.

— איז גיי צו צום עסצימער וועסטו זען, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. ווער ס'איז שיין, און איך בין קלוג. כ'האָב ווי אַ נאָווי דאָס אַלץ פֿאַרויסגעזען.

אַליאָשין איז אַרײַנגעגאַנגען אין זעמליאַנקע אַ צעטראָגענער.

— מיר דאַרפֿן זיך האַלטן בײַ אַ זײַט פֿון דעם דאָזיקן סאַבאַנטוי, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — זיי וועלן שלעכט אָפּשנײַדן.

די לעצטע צוויי וואָכן האָט זיך אין לאַגער געטאָן כוישעך. די אַדמיניסטראַציע האָט אין איינעם אַ באַנאַכט דורכגעקלאַפּט לעכער אין די סאַמאַנען־ווענט און פֿון אויבן, ווו ס'האָבן זיך געפֿונען די בודקעס מיט די אויטאָמאַטשיקעס, אָדער ווי מע האָט זיי גערופֿן אין לאַגער די קוקושקעס, צעשטעלט הויכריידערס, און אַלע האַלבע שאָ האָבן זיך געהערט שטימען מיט איין און דעם זעלבן אויפֿרוף: „בירגער אַרעסטריטעו! צו אײַך ווענדט זיך די לאַגער־אַדמיניסטראַציע. גייט אַרויס אױף דער אַרבעט. דער, וואָס וועט ערלעך אַרבעטן, וועט זיך גיכער באַפֿרײַען. אַלע אינוואַנים אײַערע וועלן ווערן איבערגעקוקט, און די מערהײַט פֿון אײַך וועט זיך אומקערן צו זייערע היימען. ווער עס וויל ניט אָנטיילנעמען אין סאַבאַנטוי, גייט אַרויס צו אונדז דורך די פֿראָיאָמען, וואָס מיר האָבן פֿאַר אײַך פֿאַרגרייט".

און אזוי טאָג־אײַן, טאָג־אויס. ווען די אָנפירער פונעם „סאבאנטוי” האָבן דערזען, ווי מאכנעס־ווײַז די פּאָליטיש־ארעסטירטע האָבן אָנגעהויבן אנטלויפן דורך די פּראַיאָמען אױף יענער זײַט זאָנע, ווו ס׳האָט זיך געפונען די גאנצע לאַגער־אָנפירונג און וווּ אױף א היפשן שטעטך זײַנען געשטאנען באוואָפנטע סאָלדאטן מיט אוטאָמאטן, מיט קוילנוואַרפערס און אפילע טאנקען מיט פאריסענע האר־מאטן־דערן, האָבן די עכטע פארברעכער מיט דער היקף פון די ביטאָוויקעס, וועלכע האָבן געוועל־טיקט אין לאַגער, צעשטעלט לעם די פּראַיאָמען זייערע כעוורעלײַט, באוואָפנט מיט מעסערס און פיקעס. און ווער עס האָט געפרוווט ארויסלויפן, האָבן זיי גלײַך אפּן אָרט געשטאָכן. איך האָב ניט באוויזן צו מאכן די פלייטע, ווײַל פון שווערע איבערלעבונגען האָבן זיך די פיס בא מיר ווי אונטער־געהאקט. איך האָב בלויז באוויזן מיטהעלפן אליאָשינען, ער זאָל זיך ארויסכאפּן דורכן פּראַיאָם. אין איינעם א פארנאכט ווען דער וועכטער פונעם פּראַיאָם האָט זיך אױף א ווײַלע ארײַנגעכאפּט צו זיך אין באראק, קעדיי עפּעס־וואָס איבערצוכאפּן, האָב איך די גאנצע צײַט געטשאטעוועט, אײַליק גענומען מיט אליאָשינען די פאראשע אױף אויסצוגיסן די האשטאָנע אין א ספּעציעלער אויסגעגראָ־בענער גרוב, און הינקעדיקערהייט איז ער ארויסגעשפּרונגען דורכן פּראַיאָם. איך האָב אפגיך איינער אליין קוים ארײַנגעשלעפּט די ליידיקע פאראשע צוריק אין זעמליאנקע. א צערודערטער, האָב איך זיך אוועקגעלייגט אױף דער נארע, זיך אײַנגעדעקט מיטן בושלאט, געמאכט דעם אויסזען, אז איך שלאָף.

מיט יעדן טאָג איז אין לאַגער געוואָרן אלץ ווייניקער און ווייניקער ארעסטירטע. א היפּשע צאָל לאַגערניקעס (זעקאָוצעס), וועלכע איך האָב גוט געקענט, אומשולדיקע, ווי איך אליין, זײַנען דורך די פּראַיאָמען אנטלאָפן און געבליבן פון יענער זײַט זאָנע. דער שטאב פונעם אופשטאנד, ווי אויך זייערע מיטהעלפער, האָבן דערזען, ווי עס דערנעענטערט זיך זייער דורכפאל, זײַנען זיי געוואָרן נאָך מער אכזאָריעסדיקער אין דער באציִונג צו די געבליבענע. אין יעדן פון זיי האָבן זיי געזען א קינפטיקן „פארעטער”. דעריבער האָבן זיי נאָך מער פארשטארקט דעם רעזשים, און ווען מע איז כוישעד געווען, אז ער שמעקט אהינצו, צו אנטלויפן פון דער זאָנע, האָט מען גלײַך איזאָלירט, ארײַנגעוואָרפן אין „בור” (לאַגער־טפיסע) אָדער אױף אייניקע פון די „פארברעכער” אופגעהאנגען אפן האלדז א ברעטל מיטן אופשריפט „פארעטער” און אים געפירט איבער דער זאָנע, אז די איבעריקע זאָלן זען, וואָס פאר א שטראָף עס וואַרט פאר אלע די, וואָס וועלן וואגן צו „פאראטן” דעם אופשטאנד...

די לעצטע טעג בין איך ניט ארויסגעגאנגען פון דער זעמליאנקע, ניט באזוכט דעם עסצימער, די פּאָסילביוראָ, דעם בופעט, די מענטשן, וואָס זײַנען געבליבן. איך האָב קיינעם ניט געוואָלט זען. דאָס ביסל עסנווארג, וואָס איז בא מיר פארבליבן אין דער לײַוונטענער טאָרבע, האָט מיר געקלעקט אױף ניט זײַן הונגעריק. איך האָב ביכלאָל ווייניק געגעסן, מיר האָט זיך ניט געוואָלט עסן. איך בין געווען צערודערט, פארצווייפלט און ניט געוווּסט, וואָס זאָל איך טאָן. צי זאָל איך זיך ווענדן צום שטאב, צי ניט? זיי קאָנען דאָך מיך כוישעד זײַן, אז איך בין אויך א „קלאפּער”, כאָטש די אלע לאַגערניקעס, וועלכע כ׳האָב באדינט אלס בריוול־טרעגער, ווי אויך אייניקע פון די מיטגלידער פונעם שטאב, האָבן זיך צו מיר באצויגן מיט אָפּשײַ.

און איך באשליס גיין צום שטאב, וואָס האָט זיך געפונען אין באָד, מע זאָל באפרײַען מײַן דאָקטער, דעם כירורג פוסטערן, וועלכן מע האָט לויט א רעכילעס אײַנגעזעצט אין „באָר” אלס א קלאפּער. עס איז צוגעפאלן די נאכט. אין דער זאָנע האָט געהערשט א גרויזאמע שטילקײַט. די פינק־לענדיקע פײַערלעך פון די אומעטיק־צעהאנגענע לעמפּעלעך אױף די הילצערנע סטויפּעס האָבן אױף מיר אָנגעווייעט א שווערע מאָרעשכוירע, און א נאָגנדיקע בענקשאפט האָט געהריזעט מײַן הארץ. באזונדערס שווער זײַנען מיר געוואָרן די לעצטע טעג און נעכט פונעם „סאבאנטוי”. קיין בריוו האָב איך ניט באקומען, אָפּשיקן דעם איינציקן בריוו, וואָס מע דערלויבט איין מאָל אין זעקס כאדאָשים, קאָן איך ניט, קיין פּאָסילקע באקום איך ניט. אלץ איז אין לאַגער ווי אָפּגעשטאָרבן. מיט אלע די, וואָס זײַנען געבליבן אין זאָנע, האָב איך מוירע אויסצורײדן א וואָרט, ווײַל ווער ווייסט, ווער עס רינגלט מיך ארום און וואָס עס קאָן מיט מיר פּאסירן. כאָטש שווײַגן איז מיר שווער, קיין אוולעס קאָן איך ניט פארלײַדן, איז וויִאזוי זאָל איך אופהענגען א שלאָס אױף מײַן מויל? ס׳האָט דאָך די מאמע מײַנע די צעשאָסענע געערעדט צו מיר מיט א וויגליד אינעם וויגל, און איך האָב זי פארשטאנען ווי א דערוואקסענער. כאָטש געקענט, האָב איך, בלויז איין שפראך — בלויז ווײַנען און שרײַען, אָפּטמאָל פארגיין זיך ביז בלאָוו ווערן, נאָר געפילט האָב איך פון קינדווײַז, ווי זי איז מיר געטרײַ. און מיר דוכט, אז מײַן מאמע רעדט צו מיר ווידער און טײַנעט, אז זי האָט מיר געגעבן פליגל, איך זאָל טראָגן דעם עמעס אין לעבן, מונטער און דרייסטער, ניט האלטן דעם עמעס באסייסער, ווײַל געוווינט איז דער עמעס עפנטלעך לעבן, באהאלטסט אים אויס — צעשרײַט ער זיך שטארקער און דרייסטער.

אליאָשין האָט געטײַנעט צו מיר נאָך אײדער ער איז אנטלאָפן:

— דײַנע רייד קלינגען זייער פײַן, זייער ערלעך, נאָר וואָס וועט ארויסקומען פון דײַן גיין אין שטאב און בעטן, מע זאָל באפרײַען פוסטערן? עס איז ניטאָ דאָך, מיט וועמען צו ריידן. זיי האָבן זיך

פאַרפּלאָנטערט מיט זייערע אופרופן, מיט זייערע טועכצן. זיי וועלן פּאַסקודנע ענדיקן. זיי וועלן האָבן א ווינסטן סאָף.

מעגלעך, אז אליאַשין איז געווען גערעכט, נאָר איך וועל מאָרגן אינדערפרי אומבאַדינגט גיין צו זיי. זאָלן זיי טאָן מיט מיר, וואָס זיי ווילן. מיר דוכט, אז מיך וועלן זיי ניט טשעפּען. מיט די דאָזיקע מאַכשאָוועס האָב איך גענומען אײַנדרעמלען אויף דער נאַרע, ווי מיטאַמאָל דערהער איך א שיסערײַ פון הארמאַטן. די שיסערײַ האָט זיך וואָס ווײַטער, אלץ מער פארשטאַרקט, איך בין אַראָפּגעקראָכן פון דער נאַרע, אַרופגעשלעפּט אויף זיך די געשטעמפּלטע בגאָדים און זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. נאָר די טיר פון דער זעמליאַנקע איז געווען פון אויסן פארשלאָסן. איך בין דערציטערט געוואָרן און זיך אומגעקערט צו דער נאַרע. פּלוצעם האָבן זיך אין גראַטע־פענצטערל פון מײַן זעמליאַנקע באַוויזן צוויי סאָוועטישע אוטאָמאַטשיקעס, און איינער פון זיי האָט שטאַרק געריסן די טיר.

— שרעקט זיך ניט, — האָבן די סאָלדאַטן געשריִען און געוואָרנט, אז ווי נאָר דער, וואָס וועט אַרויסגיין פון דער זעמליאַנקע, דאַרף ער אופהייבן די הענט אַרוף און ניט באַוועגן זיי.

זײַענדיק אין זעמליאַנקע איינער אַליין, האָב איך מיט גרויסער אָנשטרענגונג אַרופגעשלעפּט אויף זיך דעם בושלאַט, גענומען דעם רוקזאַק, און אין דער באַגלייטונג פון אן אוטאָמאַטשיק האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון דער זאָנע. אויסמײַדנדיק די קאַליוזשעס מיט בלוט, אין וועלכע עס זײַנען נאָך געלעגן הארוגים, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און ניט מיט מײַן קאָל א געשריי געטאָן:

— ווײ־ווײ, ווי קומסטו אַהער, בירגער נאַטשאַלניק? — האָב איך זיך געווענדט צום סערזשאַנט, וועלכער האָט מיך באַגלייט (מיטן וואָרט „כאַווער" האָט א פּאָליט־אַרעסטירטער ניט געטאָרט אָנרופן דעם מיליטער־שעף, ווײַל ער איז דאָך א סוינע פון פאָלק — א קאָנטריק). — גיט א קוק, איין רעגעלע, דאָס איז דאָך א באַקאַנטע פון מײַן יישעווו, מוישע דעם קאַוואַלס טאָכטער, דערלויבט א רעד טאָן מיט איר.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געוואָלט זי אופהייבן, נאָר מיטאַמאָל האָב איך דערזען, אזביידע פיס אירע ליגן אין א קאַליוזשע בלוט, ווי צוגעקוועטשטע. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע אויסגעבלייכטע הענט, איך זאָל זי אופהייבן, א קוק געטאָן אויף מיר מיט פארגליווערטע אויגן און זיך א וואַלגער געטאָן טויטערהייט אין דער קאַליוזשע.

— שאַגאָם מאַרש! — האָט דער אוטאָמאַטשיק א קאָמאַנדעווע געטאָן. — דו זעסט דען ניט, ווי אָט די נעווײלע איז טויט? זי איז, ווײַזט אויס, געווען אן אַקטיוויסטקע אינעם אופשטאַנד, א סאַבאָטאַזשניצע.

אין א צײַט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אז זי, עסטערקע, איז די נאַכט לויטן באַפעל פון שטאַב געשטאַנען אויף דער וואַך, און ווען די טאַנקען זײַנען אַרײַן אין לאַגער צו דערשטיקן דעם אופשטאַנד, איז זי אומגעקומען. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אז זי האָט געהאַט צען יאָר לאַגער פאַר עפנטלעך אַרויסטרעטן קעגן דעם סעקרעטאַר פון קאָמיוג, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אן אַנטיסעמיטישער רעדע אויף דער קאָמיוגישער פארזאַמלונג. איר אַרויסטרעטונג איז קוואַליפיצירט געוואָרן אלס נאַציִאָנאַליסטישע, און דערפאַר האָט זי באַקומען אַזא שטראָף.

ווען איך בין אַרויס אויסער דער זאָנע, האָב איך דערזען, ווי לענגויס דעם סטעפּ, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום דעם לאַגער, זײַנען אַלע רעפּרעסירטע, וועלכע מע האָט אַרויסגעפירט פון דער זאָנע נאָכן אופשטאַנד, געלעגן מיט די פּנעמער אַראָפּ, קיינער האָט ניט געוואַגט אופהייבן זיך, ביז מע האָט ניט אָנגערופן זײַן נומער. א פּאָליטישער לאַגערניק האָט קיין נאָמען און פאַמיליע ניט געהאַט, בלויז א געשטעמפּלטן שוואַרצן נומער פון סמאָלע. אויף דעם באַלאַגערטן סטעפּ זײַנען געווען צעשטעלט עטלעכע טישלעך, און לעם זיי זײַנען אויף טאַבורעטקעס געזעסן עמוועדיסטן מיט אַלערליי צעטלען. אין די צעטלען האָבן פיגורירט לאַגערניקעס — אַקטיוויסטן פונעם אופשטאַנד, וועלכע האָבן ניט דערלאָזט די ראַבאָטיאַגעס אַרויסגיין אויף דער אַרבעט, און צעטלען פון די, וואָס זײַנען געשטאַנען אין א זײַט און האָבן ניט גענומען קיין אָנטייל אינעם אופשטאַנד. די דאָזיקע יעדיִעס האָבן געקליבן די נאַדזיראַטעלעס, וועלכע זײַנען געשטאַנען פון אויבן אויף די סאָמאַנעדרוועס און פאָטאָגראַפירט יעדן איינעם, מיט וואָס ער פארנעמט זיך. פאַר די דרײַסיק טעג פונעם אופשטאַנד האָט די לאַגער־אַדמיניסטראַציע דורכגעקלאַפּט פראָיאָמען אין די סאָמאַנעדרוועס און יעדן טאָג דורך ראַדיאָ זיך געווענדט צו די לאַגערניקעס מיט אן אופרוף:

— ווער עס וויל וואָס גיכער ווערן באַפרײַט און גיין אַהיים, זאָל אַרויסגיין אויף דער אַרבעט, ניט פאָלגן דעם שטאַב פון די אופשטענדלער, וואַרפן די פּיקעס, ווי אויך דאָס געווער.

צווישן אַלע די, וואָס זײַנען געשטאַנען אין א זײַט בייסן אופשטאַנד, בין איך געווען און אליאַשין. ווען דער עמוועדיסט האָט אָנגערופן מײַן נומער 33562 C און 3348 C .אליאַשינס נומער, האָבן מיר איינער דעם אנדערן געהאָלפן זיך אופהייבן און צוגיין צום טישל, וווּ עס איז געזעסן דער עמוועדיסט און אָפּגעמערקט די נומערן. דערנאָך האָבן זיי דערלויבט אַרײַנגיין אין דער לאַגער־זאָנע. די דאָזיקע פּראָווערקע האָט געדויערט ביז פארנאַכט. מיך און צעבראָכן האָבן מיר זיך אומגעקערט

אין דער זאָנע. דער לאַגער האָט אויסגעזען ווי נאָך א פּאָגראָם. אױף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע שטיוול, צעריסענע פּפּײַקעס, פּרויען־טופּליעס און הילזעס פון פּאַטראָנען. ווו־ניט־ווו זײַנען נאָך געבליבן שפּורן פון טאַנקען־רויפּן. אונדז איז אויסגעקומען אַפּצורייניקן די זאָנע פון דער גרויזאַמער בלוטבאָד. די שטאַב־אַנפירער פונעם אופשטאַנד זײַנען אַפּגעשיקט געוואָרן אױף קאָלימאַ. אין לאַגער האָבן זיך מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן פאַרבעסערן די באַדינגונגען. עס איז ניט געווען צו דערקענען די נאַדזיראַטעלעס — זיי האָבן העפלעך זיך געגריסט און מיט א מענטשלעכער שפּראַך זיך געווענדט צו יעדן איינעם.

ס'איז ניט געווען צו דערקענען אויך דעם רעזשים־נאַטשאַלניק (אין לאַגער האָט מען אים גערופן „שאַקאַל"). פריִער, ווי נאָר ער פלעג זיך באַווײַזן אין דער זאָנע, האָבן אַלע געוווּסט, אַז ניט איין לאַגערניק וועט שלעכט אָפּשנײַדן און ס'וועט זיך ענדיקן מיט באַשטראָפונגען — אָדער א נאַריאַד אויסער דער ריי, אָדער דרײַ ציַ פינף מעסלעס טפיסע. איצט כאָטש לייג אים צו צו א מאַקע. דער „שאַקאַל" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א טויב. אַט נאָרוואָס האָט ער צונויפגענומען עטלעכע לאַגערניקעס און זיך געווענדט:

— מע דאַרף, כעוורע, אַראָפּנעמען די גראַטעס פון די פענצטער, אײַער היכל איז זייער נייטיק.

דערבײַ האָט ער א פרעג געטאָן איינעם:

— זאָג נאָר, אין ראַדיִאָ פאַרשטייסטו עפּעס?

— וואָס הייסט, איך בין דאָך א געוועזענער ראַדיסט.

— אויב אַזוי, איז קום און העַנג אױף לעם עסצימער און לעם דער קאַוועטשע אָט די דאָזיקע צוויי רעפּראָדוקטאָרס. און דו, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — וועסט דאַרפן איצט פאַרקאַטשען די אַרבל און א ביסל צוהאָרעווען. דער פאַרנעם פון דער פּאַטשט האָט זיך אױף א סאַך פאַרגרעסערט. דו זעסט, — האָט ער אָנגעוויזן אױף א גרויסן סאָסנאָוון פּאַטשטקאַסטן, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן לעם דער קאַוועטשע, — פון הײַנט אָן און ווײַטער קאָן יעדער לאַגערניק שרײַבן בריוו, וויפל ער וויל.

די לאַגערניקעס, וואָס זײַנען געשטאַנען לעם פּאַטשטקאַסטן, האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן און ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

אין א פּאָר כאָדאָשים אַרום איז ניט געווען צו דערקענען דעם לאַגער. ס'האָבן זיך באַוויזן צײַטונגען, ראַדיִאָ, שאַך, שאַשקעס, דאָמינאָ. ס'האָט זיך אַפילע אָרגאַניזירט א טעאַטראַלער אַנסאַמבל, וועלכער האָט געשטעלט טשעכאָווס פּיעסע „ווישניאָווי סאַד". בלויז איינס געדענק איך ניט, צי האָבן מיר אַראָפּגענומען די נומערן פון זיך, צי זיי זײַנען געבליבן.

און אָט איז דער דאָקטער פּוסטער.

— טײַערער פרײַנט, — האָב איך אים אַרומגעכאַפּט, געקושט און מיט פרייד־טרערן אין די אויגן געזאָגט: — מיר וועלן פאָרן אַהיים. איצט גלייב איך אין דעם. מיר וועלן זיך זען מיט אײַך אין מאָסקווע אָדער אין קיִעוו.

— איך מיין, אַז מיר וועלן זיך זען בעסער אין באַרסעלאָנע, אין מײַן געבורט־שטאָט. דאָרט איז דורכגעגאַנגען מײַן קינדהײַט, דאָרט האָב איך געאַרבעט אַלס דאָקטער, דאָרט האָט מען מיך אָנגענומען אין דער פּאַרטיי, און גיי ווייס, אַז מײַן קומען קיין מאָסקווע וועט זיך ענדיקן מיט לאַגער, מיט שפּיִאָנאַזש. דער טײַוול זאָל עס נעמען. ווער בויטעט אַזוי די קלאָרקײַט פונעם לעבן? ווער זײַנען די שולדיקע אין דער דאָזיקער טראַגעדיע?

— אין דער געשיכטע ווערט גאָרניט פאַרפאַלן. אַלץ וועט אַרופשווימען, ווי בוימל אױף וואַסער, — האָב איך געטרייסט פּוסטערן.

ווען די אַרויספאָר־סעסיע פונעם געגנטלעכן געריכט איז פון קאַראַגאַנדאַ געקומען קיין דזשעזקאַזגאַן, האָבן אַלע זיך דערפרייט, באַזונדערס די אומשולדיק געליטענע. נאָר מיר האָט ניט אָפּגעגליקט. דער געגנטלעכער געריכט האָט באַטראַכט מײַן איניען און מיך אַקטירט אַלס אינוואַליד און מיט א גאַנצער גרופּע אַזעלכע, ווי איך און אַליאָשין, אָפּגעשיקט אין אינוואַלידן־לאַגער, קיין טערעכטי. דער וועג איז געווען א שרעקלעכער. אױף א פּראַכט־אַוטאָמאָביל האָט מען אַרופגעזעצט העכער דרײַסיק מענטשן. שטייענדיק זײַנען מיר געווען צוגעקוועטשט איינער צום אַנדערן, ווי מע פירט צו דער בויִנע פי. אין די ווינקלען פון דער מאַשין זײַנען געשטאַנען די וועכטער־אַוטאָמאַטשיקעס. ס'איז געווען א הייסער זומערדיקער טאָג, דער וועג איז געווען אָנגעגליט, און דער שטויב, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אונדז, האָט ביזן אָנקומען קיין טערעכטי פאַרוואַנדלט יעדן אין א שטויב־זײַל. איינער דעם אַנדערן האָט ניט דערקענט — אין די אויגן, אױף די ליפּן גרויער שטויב. איך בין קוים אַרויסגעקראָכן פון דער מאַשין. דער לאַגער, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע באַראַקן, האָט ניט געהאַט קיין באָד. וואַסער האָט מען מיט פעסלעך אַרײַנגעפירט אין דער זאָנע, זי אָנגעוואַרעמט אױף דער זון, און אין א ניט־פאַרענדיקטן באַראַק, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר ווענט, אָן א דאַך, האָב

איך אָפּגעשוועכט דאָס לײַב און צעשמירט דעם שטויב איבערן פּנים, ווײַל וואַסער איז געווען ווייניק און קיין זייף האָב איך ניט געהאַט.

אַליאָשין איז געווען פאַרצווייפלט:

— נו, וואָס זאָגסטו דערויף? אַט דאָ וועלן מיר אומקומען. דאָס איז דאָך אַ לאַגער פון אָפּגעשריבענע, אַראָפּגענומענע פון לעבן־באַלאַנס. קאַליקעס, אינוואַלידן, וועגער באַדאַרף זיי? וואָס פאַר אַ נוץ האָט מען פון זיי? מע האָט אונדז אַהער געבראַכט, קעדיי מיר זאָלן דאָ ענדיקן דאָס לעבן.

איך האָב אים געטרייסט:

— ניט געזאָרגט, אַליאָשין, גאָט איז אַ פאָטער. דער שולדיקער אין אונדזער אומגליק, בעריאַ, איז שוין פאַרמישפּעט. דאָס איז בלויז אַן אָנהייב. איך צו אונדז וועט קומען דער טאָג פון באַפרײַונג. פיר יאָר האָבן מיר איבערגעלעבט, וועלן מיר אויך ווײַטער איבערלעבן. עס איז געבליבן ווייניקער ווי געווען.

און דאַפקע דאָ, אין טערעכטי, באַגעגן איך צוויי גוטע באַקאַנטע, אויך אַקטירטע אינוואַלידן, מיט וועלכע איך בין געווען אין דזשעזקאַזגאַנער לאַגער. דאָס זײַנען געווען גאָלדין־ראַבינס, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, און גענקין. צווישן די דאַקטוירים איז געווען אַ באַקאַנטער דאָקטער, אַן אוזערבײַדזשאַנער, אַ ווױלער גוטמוטיקער מענטש. ער האָט זיך צו אונדז זייער פרײַנטלעך באַצויגן. מיטן נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט דער דאָקטער געהאַט אַן ענגן קאָנטאַקט, און דאָס האָט פאַרלײַכטערט אונדזער שווערע לאַגע. מיר אַלע, פיר לאַגערניקעס, וועלכע מע האָט אַהער געבראַכט, האָבן באַקומען אונדזערע פּאַסילקעס מיט שפּײַז: כאַזער, קאַלבאַס, קאָנסערוון, געבעקס, ציבעלעס און קנאָבל. אַ טייל פון די דאָזיקע פּראָדוקטן, באַזונדערס כאַזער, קאַלבאַס און ציבעלעס, האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן אויסבײַטן אויף קאַרטאָפל און בוימל. די צוויי כאַדאָשים צײַט אין טערעכטי זײַנען געווען כאַנעקע־כאַדאָשים, ווײַל אַלע טאָג האָבן מיר געגעסן קאַרטאָפל־לאַטקעס. די אַרבעט צווישן אונדז אינפירן איז געווען אַזוי פאַרטיילט: איך בין געווען דער רײַבער — דאָס הייסט, אַז ווי נאָר אַליאָשין דער שיילער האָט אָפּגעשיילט די קאַרטאָפל, האָב איך געדאַרפט זיי אָנרײַבן. אַ ריבײַזן האָט אויסגעאַרבעט גענקין, דער אינזשעניער־אַווטאָמאָביליסט. ער האָט געקראָגן אַ בלעכן דעקל און אַ טשוואָק און מיט אַ שטיינדל, אַנשטאָט אַ האַמערל, דורכגעקלאַפּט אַ צענדליק לעכלעך, דערבײַ זיך געסטאַרעט, אַז יעדער לעכל זאָל פאַרהיטן אַרום זיך די שאַרפקײַט. אין דער ליניקער דלאָניע האָב איך געהאַלטן דעם ריבײַזן און מיט דער רעכטער האַנט געריבן די קאַרטאָפל. געפּרעגלט די לאַטקעס האָב איך און ראַבינס. אָבער ווו זשע נעמט מען אַ סקאָווראָדע? האָט ראַבינס אין סאַן־אָפּטייל צוגעגאַנוועט אַ קוואַדראַטע אַליומיניעווע וואַנאָטשקע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע מעדמאַכשירים, און איר אַ נאָמען געגעבן סקאָווראָדע. און ווו זשע נעמט מען שפּענדלעך אויף צו הייצן? איז טאַקע גוט, וואָס מע האָט ניט פאַרענדיקט אויסבויען די באָד, בלויז אוועקגעשטעלט פיר סאַמאַנען־ווענט. ראַבינס האָט אין אַ ווינקעלע, ווו ס'זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן שטיינער, אײַנגעמאָסטעט די סקאָווראָדע, און איך האָב באַזאָרגט די פּרעגלעניש מיט טרוקענע שפּענדלעך, וועלכע האָבן געפלאַקערט געהיים, אַז קיינער זאָל ניט זען. אָנגעפּרעגלט אַ שטיקלעך פּופּציק לאַטקעס, האָט ראַבינס זיי אַרײַנגעוואָרפן אין אַ צינקעווע קאַסטעליאַקל (ווו ער האָט עס געפּאַקט, האָט קיינער ניט געוווּסט) און אײַנגעלאַדן דעם אַזערבײַדזשאַנער דאָקטער אויף לאַטקעס. קעדיי איינער זאָל ניט אויפעסן מער פונעם צווייטן, איז באַשטימט געוואָרן, אַז איך גיב אַ קלאַפּ מיט מײַן בלעכענעם לעפל אינעם קאַסטעליאַקל, די איבעריקע לאַטקע־פּרעסערס האָבן געהאַט הילצערנע לעפל, דערהערט זיך אַ קלונג, שטעקט יעדערער לויט דער ריי אַרײַן זײַן גאָפּל און נעמט אַרויס איין לאַטקע. אָפּגעגעסן די איינע לאַטקע, גיב איך ווידער אַ קלאַפּ אָפּ אין קאַסטעליאַקל, און יעדערער לויט אַ ריי, נעמט די צווייטע לאַטקע. און אַזוי צען קלונגען — צען לאַטקעס. דעם דאָקטער האָט יעדערער פון אונדז אַראָפּגעגעמען פון זײַן פּאָרציע צו צוויי, אַזוי אַז ער האָט אויך באַקומען אַ גלײַכן כיילעק.

צוויי כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָבן זיך געצויגן די כאַנעקע־לאַטקעס. און אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט מען מיך מיט ראַבינסן אַרויסגערופן אין ספּעץ־אָפּטייל און געמאָלדן, אַז מע פאַרשיקט אונדז קיין טעמירטאַו. אַליאָשין און גענקין זײַנען אונדז מעקאַנע געווען: זיך אַרויסרײַסן פון אָט דעם אינוואַליד־לאַגער באַטײַט זיך ראַטעווען פון אומקום. נאָר פאַרוואָס אין פאַרשיקונג? צי דען בין איך ערגער פון אַנדערע, וועלכע מע האָט באַפרײַט און זיי זײַנען שוין אינדערהיים? דאָס האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ בריוו, וואָס די פרוי האָט מיר צוגעשיקט. נאָר וואָס קאָן איך טאָן? אַזאַ איז מײַן מאַזל.

קיין טעמירטאַו זײַנען מיר אָנגעקומען שפּעט באַנאַכט. וווהין גיין און צו וועמען זיך ווענדן, האָבן מיר ניט געוווּסט, אַ פרעמדע שטאָט. זײַנען מיר איבערגעזעסן אויפן וואָקזאַל. לויט דער פאַראָרדענונג פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָבן מיר זיך געדאַרפט מעלדן אין ראַיאָפּטייל פון קאַגעבע. דאָרטן האָבן מיר באַקומען ספּראַווקעס, אין וועלכע עס איז געווען קלאָר אָנגעשריבן, אַז אַלע צען טעג דאַרפן מיר זיך יאַווען אין ראַיאָפּטייל זיך אָפּמערקן. אַרויספאָרן פון שטאָט אָן אַ דערלויבעניש

האָבן מיר קיין רעכט ניט, בלויז פינף קילאָמעטער פון שטאָט האָבן מיר יאָ די רעכט זיך דערווײַטערן. וואָס איז שײַך ארבעט, זיך באַזאָרגן מיט דערנערונג — דאָס איז אונדזער פּערזענלעכער איניען.

— אויב איר וועט זיך נייטיקן אין הילף, — האָט אונדז געמאָלדן דער שעף פון קאַגעבע, — וועלן מיר אײַך מיטהעלפן. וואָס איז שײַך ארבעט אפן אידעאָלאָגישן געביט, איז דאָס פאַר אײַך פאַרבאָטן.

— נו, ראַבינס, וואָס זאָגסטו? אי פרײַ, אי ניט פרײַ.

— ניט געזאָרגט. איך וועל גיין ארבעטן אפן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט אלס כעושבנפירער. איך בין דאָך געווען אמאָל א שטיקל בוכהאַלטער. און דו וועסט זײַן לעם מיר. לאָמיר זיך דערווײַל אליין אין עפּעס פאַרטשעפּען.

א וווינונג האָבן מיר ביידע גלײַך געקראָגן. ניט ווײַט איינער פונעם אנדערן. מײַן באַלעבאָס איז אליין געווען א פאָטאָגראַף. האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיך אויסלערנען פאָטאָגראַפירן. נאָר צו דער דאָזיקער פּראָפעסיע האָט מיך ניט געצויגן, זי איז ביכלאַל מיר ניט געווען צום הארצן. זיך פאַרנעמען בלויז מיט שרײַבערײַ — פונוואַנען זשע וועל איך נעמען געלט אף עסן, אף דער דירע? ווער ווייסט, ווי לאַנג וועט דויערן די פאַרשיקונג.

די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך אפילע ניט געוואָלט טראַכטן וועגן ארבעט. איך האָב זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער היימישקײַט פון שטוב, לופט, מיטן פרײַ ארומגיין איבער דער שטאָט אָן קיין שום היטערס. זאָל א ביסל אָנטרינען פונעם זיקאָרן דער לאַגער, דער סאַבאַנטוי, די הויכע סאַמאַנען־ווענט, זאָל ארויס פון מײַן קאָפּ אָט דער ראַש.

צו ראַבינסן קיין טעמירטאַו איז פון מאָסקווע געקומען צו פליִען זײַן עלטערע טאָכטער ווערע. זי האָט זיך דערוווּסט וועגן אים פון א טעלעגראַם, וואָס ער האָט איר געשיקט אפן אַדרעס פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, וווּ זי איז געווען שוין אפן לעצטן קורס פון דעם ביִאָלאָגישן פאַקולטעט. דער טעקסט פון דער טעלעגראַם איז געווען אזאַ: „איך געפין זיך אין א קאָמאַנדירונג אין טעמירטאַו, אויב דו קאָנסט, איז קום צו פאָרן. איך קוש דיך — פאַפּאַ“.

ווערע איז געקומען קיין טעמירטאַו און האָט דערמונטערט ניט בלויז איר פאָטער, נאָר אויך מיך. זי האָט דערציילט וועגן דער מיטיילונג פון דער פּראָקוראַטור פון פּסטר, אין וועלכער עס האָט זיך גערעדט וועגן ריומינען, דעם אַמגעוועזענעם פאַרברעכער אין עמגעבע־מיניסטעריום און זיך געשטעלט א ציל קאָמפּראָמעטירן ערלעכע אומשולדיקע מענטשן. אויך איינער אַן אַמגעוועזענער מעלוכעמענטש, וועלכער האָט קורירט די עמגעבע, האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אַן ענגלישן אַגענט. די דאָזיקע מאַטעריאַלן זײַנען פּובליקירט אין די צענטראַלע צײַטונגען.

— זאָלסט, פאַפּאַ, זען, וואָס עס טוט זיך ארום דער פּראָקוראַטור לעם העכסטן געריכט! טויזנטער מענטשן מיט אַנקלאָגעס. זיי ספּראַווען זיך פּאַשעט ניט. אזויפיל איניאַנים. מע זאָגט, אז אין די לאַגערן געפינען זיך העכער צען מיליאָן אַרעסטירטע. די מערהײַט אומשולדיקע. אָט אזעלכע, ווי דו. איך האָב שוין אוועקגעשיקט פינף אַנקלאָגעס אין פּראָקוראַטור, מע זאָל איבערקוקן דײַן איניען.

— א שיינעם טאַכלעס האָבן זיי געמאַכט פון אונדז. — האָב איך מיט א שווערן זיפץ ארויסגעשטאַמלט. — איך בין דאָך אַן עמעסער קאַליקע געבליבן.

— נישקאָשע, — האָט די טאָכטער מיך געטרייסט, — די גערעכטיקײַט, די פרײַהײַט וועט אַלץ אויסהיילן.

דאָס האַלבע יאָר, וואָס איך בין געווען אין פאַרשיקונג, האָב איך געאַרבעט בלויז פיר כאָדאָשים אלס לערער פון געאָגראַפיע און ליטעראַטור אין די פינפטע און זעקסטע קלאַסן. ארבעטנדיק אין שול, האָב איך געפילט די אָפּגעזונדערטקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט פונעם לערער־קאָלעקטיוו. מע האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט אומצוטרוי, כאָטש ניט אַלע האָבן געוווּסט, אז איך בין ניט לאַנג צוריק געקומען פון לאַגער אהער אלס פאַרשיקטער. די קינדער אָבער זײַנען געווען צופרידן מיט מיר אלס לערער. ווען דער פאַרוואַלטער פון לערן־אָפּטייל האָט באַזוכט עטלעכע מאָל מײַנע לימודים, האָט ער אף א פּעדאַגאָגישן ראַט מיך געלויבט אלס א מוסטער, וויִאַזוי מעטאָדיש פאַרגאַנצט זײַנען געבויט בא מיר די לימודים, וויִאַזוי די שילער זײַנען פאַרגאַפט, באַזונדערס ווען איך דערקלער זיי צי איך לייען איבער פאַר זיי עפּעס פון טיוטשעוון, פון פּושקינען צי פון נעקראַסאָוון.

ניט איין מאָל, גרייטנדיק זיך צו די לימודים אין שול, האָט זיך פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין די אַנגעוועזענע יִידישע דיכטער און שרײַבער, וועלכע איך האָב אין די קינדער־יאָרן דערלערנט אין דער יִידישער ארבעט־שול אף פּערעצעס נאָמען. בא זיך אין יִשעוו אף וואָלין איז ניטאָ מער קיין שול, ניטאָ מער קיין שרײַבער. כאָטש איך ווייס באָך ניט, וואָס עס הערט זיך מיט פּעפּערן, מיט האָפשטיינען, מיט קוויטקאָן, מיטן וווּנדערלעך שיינעם גרויסן דיכטער מאַרקישן...

און אָט איז געקומען פֿאַר מיר דער גרויסער טאָג.

אין דעם דאָזיקן טאָג בין איך געווען אי פֿריילעך, אי אומעטיק. פֿאַרשיידענע ראַיוניעס זײַנען מיר אויפֿגעקומען, ווען איך האָב געהאַלטן די פּאָסטקע אין האַנט. מע רופֿט מיך אַרויס אױף מאָרגן צען אינדערפֿרי קיין קאַראַגאַנדאַ — אין געגנטלעכן אָפּטייל פֿון קאַגעבע.

— נאָך וואָס רופֿט מען מיך אַרויס? אויב מײַן ענין האָט מען באַטראַכט, איז דאָך צו זען, אַז מע דאַרף מיר גלײַך באַפֿרײַען. דעם דאָזיקן באַשלוס האָט מען דאָך געקאָנט צושיקן אין ראַיאָפּטײל אַהערצו, קיין טעמירטאַו. ווײַזט אויס, אַז עפּעס־וואָס האָט פֿאַרהאַלטן די לייזונג פֿון מײַן רעאַביליטאַציע. און ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. אַרײַנגעקומען אין צימער נומער צען, האָב איך באַגעגנט אַ שלאַנקן מאַנצביל אין ראַנג פֿון אַ פּאָלקאָווניק. מיט געמיטלעכער ערנסטקייט האָט ער מיך פֿאַרבעטן זיך אַוועקזעצן און אַרויסגענומען פֿון סייף אַ פּאַפּקע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען דער באַשלוס פֿון העכסטן געריכט פֿון פּססר.

— נאַט, לייענט!

ניט בלויז די הענט האָבן געציטערט בײַ מיר, נאָר אויך דער גאַנצער קערפּער מײַנער. קוים אײַנגעהאַלטן די עטלעכע זײַטלעך פֿונעם באַשלוס. עטלעכע מאָל האָב איך זיך אומגעקערט צו איין און דעם זעלבן אַבזאַץ און בעשום־אופֿן ניט געקאָנט זיך קאָנצענטרירן און פֿאַרגעדענקען דאָס איבערגעלייענטע. אָט לייען איך ווידער איינס און דאָס זעלבע און פֿאַרשטיי ניט, ווּהין ווערן געצילט די דאָזיקע פֿאָרמולירונגען, מיט זייערע קאַזיאָנע יורידישע קאָנסטאַטאַציעס און אויספֿירן. ענדלעך, בין איך געקומען צום לעצטן זײַטל. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן און זיך געווענדט צום פּאָלקאָווניק:

— איך וויל, איר זאָלט פֿאַרשטיין, כּבֿוד פּאָלקאָווניק (איצט האָט מען דערלויבט אים אָנרופֿן כּבֿוד), ווי אומגעלומפּערט, ווילד און אידיאָטיש זעט אויס די באַשטימונג. צי דען געפֿינען זיך נאָך אַזעלכע אַמעראַצים אינעם העכסטן געריכט? מיר איז אַ בזיון, אַ שאַנד צו לייענען אָט דעם נאַרישן באַשלוס. איך, אַלס ייִדישער שריפֿטשטעלער, בין אינעם יאָר 1948, לויט אַ קאָמאַנדירונג פֿון דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, ווי אויך לויטן אויפֿטראָג פֿונעם אוקראַיִנישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אַרויסגעפֿאָרן קיין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר, געלייענט די אייגענע ווערק און גלײַכצײַטיק גערופֿן די לייענער זיך מער אינטערעסירן מיט ליטעראַטור, זיך אַבאָנירן אױף דער ייִדישער פּרעסע, אױף דעם זשורנאַל „דער שטערן" אַזוי. שרײַבט עפּעס איינער פֿון די קאַלעגיע־מיטגלידער פֿון העכסטן געריכט, אַז איך, דער שרײַבער, בין אַרויסגעטראָטן אין אַ מעסיבע פֿון אַ נאַציאָנאַליסט און זיי פֿאַרגעלייגט זיך אַבאָנירן אױף אַן אַנטיסאָוועטישן זשורנאַל. נאָר נעמענדיק אין אַכט, אַז איך האָב מיטן דאָזיקן פֿאַרברעכן ניט אָנגעטאָן קיין וועזנטלעכן שאָדן דער סאָוועטישער מעלוכע, געפֿינט דער געריכט פֿאַר נייטיק אָפּצושאַפֿן די פֿריִערדיקע באַשטימונג פֿון „אָסאָ", וועלכע האָט מיך פֿאַרמישפּעט צו צען יאָר, פֿאַרקלענערן דעם טערמין ביז פֿינף יאָר און אויף סמך פֿונעם אוקאַז פֿון אויבער־ראַט פֿון פּססר וועגן אַמניסטיע — מיך באַפֿרײַען פֿון אַרעסט און אַראָפּנעמען פֿון מיר די פֿאַרמישפּעטקײַט... פֿרעג איך אײַך, ווי־אַזוי האָט געקאָנט אַן ערלעכער שריפֿטשטעלער פֿאַרשפּרייטן צווישן נאַציאָנאַליסטן אַ סאָוועטישן זשורנאַל, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד? ס׳איז אַלצייגס, ווען מע זאָל באַשולדיקן אַ רוסישן שרײַבער פֿאַר דעם, וואָס ער האָט אַגיטירט, אַז לייענער זאָלן זיך אַבאָנירן אױפֿן זשורנאַל „נאָווי מיר". טשעפּוכאַ! אַזאַ קאָלעגיע־מיטגליד פֿון העכסטן געריכט דאַרף באַזײַטיקט ווערן פֿון זײַן פּאָסטן. זאָל ער גיין אַרבעטן אין שאַכטע, אַרויסבאַקומען קוילן, וועט ער ברענגען נוץ דעם לאַנד.

טרערן האָבן זיך געשטעלט אין מײַנע אויגן. עס האָט מיך געפֿיבערט, אַ קאַלטער שווייס איז אַרויס אױף מײַן שטערן.

דער פּאָלקאָווניק איז געווען דערשטוינט פֿון מײַן רעאַגירונג, כאָטש איך האָב אים איבערצײַגט אין דער אומגעלומפּערטקײַט פֿון דער באַשטימונג. נאָר קעדיי אָפּהיטן דעם רענאָמע פֿון אַזאַ בעקאָוועדיקן געריכט־אָרגאַן, האָט ער מיך העפֿלעך געמוסערט, אַז ס׳איז ניט שיין אַזוי פֿון מײַן זײַט אָנצורופֿן אַ קאָלעגיע־מיטגליד מיט אַזעלכע ווערטער, ביפֿראַט נאָך, אַז דאָס דאָזיקע האָט באַשלאָסן דער העכסטער געריכט. גלײַכצײַטיק האָט ער מיך געטרייסט און געזאָגט:

— איר פֿאָרט דאָך אַהיים, איר באַקומט אַ פּאַספּאָרט, ווי אַ סאָוועטישער בירגער, און איר האָט די פֿולע רעכט אָנצוגעבן אַן אָנקלאָגע אױפֿן נאָמען פֿון דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פּססר, אַז דער באַשלוס וועגן אײַך איז ניט קיין ריכטיקער און אַז איר פֿאָדערט פֿולשטענדיקע רעאַביליטאַציע.

— איך פֿאַרשטיי זייער גוט, כּבֿוד פּאָלקאָווניק. איך וועל זיכער אַזוי טאָן. נאָר ווו נעמט מען נערוון און געדולד אױף צו קעמפֿן? פֿינף יאָר בין איך, אַן ערלעכער, אומשולדיקער שריפֿטשטעלער, אָפּגעזעסן אין טפֿיסע און אין לאַגער. איצט אָנהייבן אָפּסנײַ צו קעמפֿן, צו דערווײַזן דעם גענעראַל־פּראָקוראָר, אַז איך בין ניט קיין קעמל.

כאָטש דער מעהאַלעך פֿון קאַראַגאַנדאַ ביז טעמירטאַו איז ניט קיין גרויסער, האָט זיך דער וועג מיר געצויגן שאַ̈ענווײַז. נאָר וואָס קאָן מען טאָן? אײנעם פֿאַספּאָרט, וואָס איך האָב באַקומען, איז בעפֿײדעש געווען אָנגעשריבן, אַז אַפֿן סמך פֿון דער צײַגעניש מיט יענעם שײנעם נומער האָב איך באַקומען דעם פּאַס, ד.ה., אַז איך האָב נאָך ניט קיין פֿולע רעכט אױף צו וווינען אין גרויסע שטעט. ווידער זײַן באַגרענעצט, ווידער זײַן ניט מיט אַלע גלײַך. אַזאַ איז דער גורל מײַנער.

די פֿרייד פֿון זיך אומקערן אַהיים נאָך אַזעלכע שווערלעכע פֿינף יאָר טפּיסע און ספּעצלאַגער מיט אַ באַזונדערן רעזשים, ווען דו ביסט צעשיידט מיט דײַן אײגענער פֿאַמיליע, מיט נאָענטע פֿרײַנט, ווען די פֿרײַהײַט בײַ דיר איז אָוועקגערויבט און קוקסט אױף דער וועלט דורך אײַזערנע גראַטעס — אַזאַ פֿרייד, האָט מיר געדוכט, איז עפּשער נאָך גרעסער פֿון יענער יאָמטעוודיקער גרויסער פֿרייד, ווי דאָס אומקערן זיך פֿונעם פֿראָנט דעם סאָלדאַט, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דורך גרויזאַמע געפֿאַרן אין פֿאַרלויף פֿון די פֿיר יאָר פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. אָפּט איז דאָס לעבן זײַנס געהאַנגען אױף אַ האָר, נאָר ער האָט וועגן טויט ניט געטראַכט, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז ער קעמפֿט פֿאַר גערעכטיקײַט, פֿאַר פֿרײַהײַט, פֿאַר זײַן אײגן לאַנד. ער האָט העלדיש מיט זײַן אײגענעם קערפּער פֿאַרמאַכט די אַמבראַזור, ווײַל מיט אים איז געווען דאָס לאַנד, דאָס פֿאָלק. און ווער איז געווען דאָ, מיט מיר? אַלע פֿרײַנט, און אַפֿילע דער אײגענער ברודער האָבן מוירע געהאַט אַ בריוול אָנשרײַבן. און טאַקע בעעמעס. זײַן פֿאַרבונדן מיט מיר, מיט אַ סוינע פֿון פֿאָלק, ווערסטו אויך דערקלערט אַלס אַ סוינע. נו, זאָג מיר, ניט אַזוי?

— ביסט גערעכט, אין בעריאַס צײַטן האָסטו ריזיקירט מיט דײַן לעבן, כאָטש איך, און ניט בלויז איך אַליין, האָבן געוווּסט, אַז דו ביסט, נעבעך, אין גאָרניט ניט שולדיק, אַז דו ביסט אַן ערלעכער מענטש, נאָר גיי זאָג עס עפֿנטלעך, ווען די שרעק האָט געלויערט איבער יעדן אײנעם — האָט מיט פֿאַרביטערטקײַט און פֿאַרדראָס געזאָגט דער פֿאַלקאָווניק, אַליענקעס פֿאָטער, וואָס איז ספּעציעל געקומען זיך זען מיט מיר. מיט דער ערשטער פֿרוי איז לעאָניד זיך צעגאַנגען און האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ געוועזענער מעדשוועסטער, וועלכע האָט געדינט אין זײַן פֿאָלק בײַס דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. דאָס טעכטערל זײַנס האָט זיך געלערנט אין דער זעלבער שול און אין זעלבן קלאַס, ווו עס האָט זיך געלערנט מײַן טעכטערל אַניעטשקע. די פֿרײַנטשאַפֿט צווישן בײדע שילערנס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פֿונעם 5־טן קלאַס, ווען זיי זײַנען געזעסן אױף איין פּאַרטע אין דער צענטיאָריקער מיטלשול. ביזן אַרעסט, ווי אויך נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אומגעקערט, האָט זי געטאָגט און גענעכטיקט בײַ אונדז אין שטוב, ווײַל אַליעטשקע האָט זיך ניט גוט געפֿילט מיט דער שטיפֿמוטער. און זי איז געווען פֿאַר מיר, ווי אַן אײגענע טאָכטער. ווי איך האָב שוין פֿריִער דערציילט, האָבן זיי פֿונקט די נאַכט, ווען מע האָט מיך אַרעסטירט, בײדע זיך געגרייט צו אַ קאָנטראָל־אַרבעט אױף מאַטעמאַטיק. אַליענקע איז געווען ביכלאַל זייער אַ פֿעיִקע, באַזונדערס צו מאַטעמאַטיק. מײַן טעכטערל האָבן זיך מער אײַנגעגעבן הומאַניטאַרע קעגנשטאַנדן, באַזונדערס ליטעראַטור. מעגלעך, אַז דאָס האָט זי געיאַרשנט באַם טאַטן. די פֿרײַנטשאַפֿט צווישן זיי בײדע האָט זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקט, ווען מע האָט מיך אַרעסטירט. דער פֿאָטער אירער האָט זייער אָפּט זיך באַגעגנט מיט מײַן פֿרוי, זיך אינטערעסירט מיט מײַן געזונט־צושטאַנד, און מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער מיטגעהאָלפֿן. צופֿעליק האָט אַליענקען זיך אײַנגעגעבן צו באַהאַלטן בײַס דער אונטערזוכונג ביאַליקס לידער אין רוסיש און אויך אַ בוך וועגן מיכאָעלסן. אָט די ביכער האָבן זיי בײדע געלייענט, בײַס זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן.

דער געדעקטער טיש אין צוזאַמענהאַנג מיט מײַן קומען איז געווען אַ גאַנץ פֿײַנער. אַ ברייטער אויסוואַל פֿון פֿאַרבײַסעכצן: געהאַקטע הערינג, לעבער מיט ציבעלעס, הינער־שמאַלץ, פֿאַרשיידענע ווורשטן, סאַלאַט אָליוויע, און פֿון הייסע מײַכאָלים — אַ ייִדישע זראַזע, אַ יויך מיט מאַנדלען, אַ ראָזשינקע־קוגעלע און פֿרישע פּירעזשקעס מיט לעבער, איבערגעשמאָלצן מיט הינער־שמאַלץ. הײַנט קאָרזשיקעס, אַ ביסקוויט און גלענצנדע פּיראָזשנעס מיט קרעם. וואָס איז שײַעך טרינקעכצן, איז אויך געווען ניט ווייניק: בראָנפֿן, קאָניאַק, היימישער ווישניק. נאָר געגעסן און געטרונקען האָט מען זייער ווייניק. מ'האָט געהאַלטן אין איין ריידן, פּירן וויקוכים אַרום מײַן אַרעסט, וועגן מײַן קומען ניט קיין רעאַביליטירטער. אַרויסזאָגונגען זײַנען געווען פֿאַרשיידענע. אײניקע האָבן געהאַלטן, אַז דער גרונט־שולדיקער איז דער באַלעבאָס פֿונעם לאַנד. ער האָט ניט געקאָנט וויסן פֿון אַ סאַך געוויינלעכע אומשולדיקע מענטשן, ווי אויך וועגן אַזאַ קליין מענטשעלע, ווי איך, אָבער וועגן אָנגעזעענע געלערנטע, קאָמאַנדאַרמען, וועלכע האָבן דעראָבערט פֿאַר רוסלאַנד פֿרײַהײַט, האָט ער וועגן זיי אויך ניט געוווּסט?

— נאָר איין זאַך טאָר מען ניט פֿאַרגעסן: ווען ניט ער, וואָלטן מיר ניט דעראָבערט דעם זיג איבערן פֿאַשיזם, — האָט לעאָניד טעמפּעראַמענטפֿול געזאָגט און מיטאַמאָל זיך אָפּגעלאָשן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין די עלטערן פֿון זײַן צווייטער פֿרוי, ווען איר פֿאָטער איז אין 1937 יאָר אומגעקומען, אַן אַלטער פּאַרטייער.

— ביסט געגרעכט און ניט גערעכט. ניט ער, דער גזלן, האָט דערצאַבערט דעם זיג, נאָר דאָס רוסישע פֿאָלק מיט אַלע פֿעלקערשאַפֿטן צוזאַמען האָבן ניט קיין קלײנעם כײלעק אין דעם זיג. אונדזער פֿאָלק, ייִדן — וויפֿל העלדן האָבן מיר? הונדערטער. אויפֿן צווייטן אָרט נאָך די רוסן! וועגן דעם האָט דאָך דער אַלטיטשקער סטאַראָסטע מיטן שפּיציקן בערדל עפּנטלעך געמאָלדן.

— איך ווייס וועגן דעם, און כאָטש איך בין אַ רוסישער מענטש, שעץ איך הויך אײַער פֿאָלק מיט אַלע זײַנע כעסרוינעס. ווײַל וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגט בלויז מײַלעס? יעדעס פֿאָלק האָט זײַנע פֿאַדאָנקעס.

— יאָ, מיר, ייִדן, פֿאַרמאָגן אויך און ניט ווייניק פֿאַסקודניאַקעס, נאָר פֿאַרוואָס איז אַזוי גרויס די פֿײַנטשאַפֿט צו אונדז? אין 1905 יאָר — קעשענעווער פּאָגראָם, אין 1919 — פּעטליורישע, הײַנט באַנדעס אין די שטעטלעך! נאָר דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, גרויזאַמסטע, וואָס איז ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט קיין שום שכיטעס, מיט קיין שום אינקוויזיציעס, האָבן די ייִדן געליטן מער פֿון אַלע פֿעלקער בײַסן דײַטשישן פֿאַשיזם. זעקס מיליאָן קאָרבאָנעס, ווײַבער, מאַנצבילן, קלײנע קינדער, אַלטע לײַט, קרעמאַטאָריעס, גאַז־קאַמערן, מײַדאַנעק, אַשווענטשים. און איצט — אונדז, ייִדישע שריפֿטשטעלער, קולטור־טוער, האָט מען באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליזם, אַגענטן, שפּיאָנען... און די גרונטלײגער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור האָט בעריאַ צעשאָסן. סטאַלין האָט באַפֿוילן... גאָט מײַנער, פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען קומען מיר אַזוי אָפּ? — האָב איך זיך צערעדט מיט אַ צאָרנדיקער אויפֿגעבראַכטער שטים.

און איך האָב פֿאָרגעלײענט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע מײַן באַלאַדע אויף דער דזשיקער טעמע:

— זאָג, פֿאַרוואָס האָסטו פֿײַנט מיך? צי האָב איך מיט עפּעס פֿאַר דיר זיך פֿאַרזינדיקט, צי האָב איך אַמאָל דיך אומזיסט דען באַליידיקט, פֿאַרשאַפֿט דיר אי ליידן, אי ווייטיק, וואָס בלויז צוליב מיר האָט דײַן האַרץ זיך געפּײַניקט? זאָג עס מיר אָפֿן, צווייפֿעלמעדיק זײַ ניט. ווײַל ווער ווייסט נאָך אַזויפֿיל, ווי דו ווייסט דעם עמעס, אַז איך בין אין גאָרנישט ניט שולדיק, אַז כ׳האָב ניט פֿאַרזינדיקט פֿאַר דיר זיך מיט עפּעס. איז פֿאַרוואָס, ווען עס טרעפֿט זיך מיט דיר בלויז אַ קלײנינקער אומגליק, טײַטלסטו שטענדיק אויף מיר מיט די פֿינגער, אַז איך בין נאָר שולדיק. און דערפֿאַר האָסטו פֿײַנט מיך?..

לעאָניד, וועלכער האָט לאַכלוטן ניט פֿאַרשטאַנען מײַנע שורעס, האָט דאָך, ווײסנדיק דעם אינהאַלט, וועגן וועלכן כ׳האָב פֿאָרפֿריִער דערציילט, דערפֿילט מײַן פּראָטעסט קעגן אַנטיסעמיטיזם. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און אַ קוש געטאָן, דערנאָך מיט פֿאַרביטערטן פֿאַרדראָס אַ זאָג געטאָן:

— פֿאַדאָנקי... אַנטיסעמיטן זײַנען דאָך די זעלבע פֿאַשיסטן... כאָטש ייִדיש פֿאַרשטיי איך ניט, נאָר דעם פּראָטעסט קעגן זיי האָב איך דערפֿילט... מאָלאָדיעץ, יאַסיף!

ווען אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען, האָב איך גענומען ווידער טראַכטן, צו וועמען זאָל איך צום אַלעם ערשטן זיך ווענדן וועגן מײַן רעאַביליטאַציע. שטײענדיק לעם באַלקאָן־פֿענצטער, אַן עטוואָס פֿאַרפֿרוירענעם און פֿאַרשאָטענעם מיט גרויליכן שנײ, וואָס האָט שוין זײַן פֿוכיקע ווײַסקײַט פֿאַרלוירן, האָב איך דערזען פֿלוצעם אַרומגיין אינעם הויף מײַן „גוטן־פֿרײַנט“, דעם שאָכן, וועלכער האָט אויף אַן אומגעזעצלעכן אויפֿן אָפּגענומען מײַן קאַבינעט־צימער, וווּ איך פֿלעג זיצן און שרײַבן. ניט האָבנדיק די מעגלעכקײַט צו באַהערשן ביידע צימערן (אין אײנעם איז דאָך געבליבן די פֿרוי מיטן טעכטערל), האָט ער די געמיינזאַמע טיר, וואָס האָט פֿאַרײניקט ביידע צימערן, פֿאַרמויערט מיט ציגל, דעם וואַנט־צימער רויִנירט, פֿאַרוואַנדלט אין אַ טאַמבור, דורכגעקלאַפּט אַ טיר אויף אַרײַנגיין אין מײַן קאַבינעט און זיך אַרײַנגעקליבן אַהער מיט זײַן מישפּאָכע. דער מאַיאָר עמוועדיסט האָט געהאַט בעדייע צו פֿאַרנעמען אויך דעם צווייטן צימער, כאָטש ער איז געווען אַ קנאַפּער מאַכער אין די אָרגאַנען, אין וועלכע ער האָט געדינט און ניט געוווּסט אַפֿילע וועגן מײַן אורטייל. דאָך האָט ער פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די שכײנים פֿון דער דירע, אַז מיך האָט מען פֿאַרמישפּעט אַלס אַ שפּיאָן, קעדיי אָנשרעקן די פֿרוי מיטן טעכטערל, ווי אויך די שכײנים, זיי זאָלן ניט וואַגן קיין שום טרייסטוואָרט אַרויסזאָגן לעטוויוועס מײַן מישפּאָכע. די פֿינף יאָר, וואָס איך בין ניט געווען, האָט דער עמוועדיסט גאַנץ פֿײַן זיך אײַדיעקעוועט איבער מײַן געזינדל. ניט פֿירנדיק קיין שום וויקועך מיט מײַן פֿרוי, האָט ער, אַרויסגײענדיק אין קיך, ניט אײן מאָל געמאָלדן:

— דו מיט דײַן טעכטערל וועלן גאָר אײַנגיכן זײַן דאָרט, ווו דײַן מאַן איז. דו זוך זיך צו אַ ווינקל.

זי פֿלעג אָפּווישן די ליפּן און מאַכן אַ שווײַג, ווײַל מיט וועמען וועט זי פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך? ער איז דאָך ווײערער אַ מענטש, פֿון דאָרטן...

— אויב איך וועל איצט זיך אַפֿילע קלאָגן אויף אים, וועט ער זײַן דער גערעכטער, און מיך וועלן זיי ערשט נעמען פֿאַרפֿאָלגן, איז וואָס וועל איך דעמלט טאָן? וווּהין וועל איך זיך אַהינטאָן מיטן קינד? אַפֿילע די קרויווים מײַנע, ווי אויך די נאָענטסטע פֿרײַנט אונדזערע, האָבן מוירע געהאַט ניט בלויז זיך באַגעגענען, נאָר אַפֿילע אָנקלינגען. מע דאַרף איבערוואַרטן. דולדן, ביז ס׳וועט קומען

א מאפאלע אף זיי, — האט מײַן פרוי אפטמאל זיך געטיילט מיט אירע שווערע איבערלעבונגען און לײדן בלויז מיט דער אייגענער מוטער, ניט געקוקט דערויף, וואס אלס איידעם בין איך דער שוויגער ניט געווען אזוי צום הארצן. צווישן זיי, אז טאניע, די טאכטער אירע, זאל ניט הערן, פלעגן פארקר מען כילוקע־דייעס איבער פארשיידענע פראגן, נאר ווען מ׳האט געדארפט אפשיקן מיר א פאסילקע אין לאגער, האט זי געבראכט א פאר באנקעס קאנסערוון, א ביסל היימיש געבעקס, אריינגעלייגט דאס אלץ אין דיקטענעם קעסטעלע און געהאלפן מײַן פרוי אפטראגן די פאסילקע אף דער פאטשט.

ווען איך בין אריינגעקומען צו מאקסים רילסקין אין שטוב, האב איך אים ניט געטראפן. די פרוי זײַנע האט מיך זייערווארעם באגעגנט, פארבעטן אין עסצימער און געהייסן צוווארטן, ווײַל אט־אט דארף ער אריינקומען. צי האט די פרוי זײַנע געוווסט וועגן דעם, אז איך בין אפגעזעסן קנאפע פינף יאר און ערשט ניט לאנג זיך אומגעקערט פון לאגער? דאס דאזיקע האב איך ניט געקאנט פעסטשטעלן, כאטש די עטלעכע ווערטער אירע, ווען זי האט מיך דערזען, זײַנען געווען: „נו, סלאווא באגו, שטא זשיווים אסטאלסיא!" איז קענטלעך, אז די פרוי האט יא געוווסט, נאר זי האט ניט געוואלט ריידן וועגן דעם, צערודערן די ווונד מײַנע. זי האט זיך באמיט גארניט פרעגן, נאר בלויז זיך אינטערעסירט מיט מײַן געזונט־צושטאנד, ווי אויך מיטן געזונט־צושטאנד פון מײַן פרוי און פון דער טאכטער, מיט וועלכע זי איז געווען באקאנט נאך בײַס דער מילכאמע, ווי אויך נאך דער מילכאמע.

ווען איך האב דערזען דעם שרײַבער, בין איך געבליבן שטיין, ווי פארגליווערט און ניט געוווסט, וואס פריער צו טאן. האב איך גענומען אפטרייסלען פון זײַן מאנטל דעם שניי, וואס האט אנגעהויבן צעגיין, נאר רילסקי האט עטלעכע מאל נאכאנאנד געזאגט:

— גענוג, ס׳וועט זײַן גענוג. א דאנק, א דאנק. כ׳האב ליב צו גיין אין אזא דרויסן לאנג־לאנג, ווען דער שניי פאלט שטיל אף דער ערד. סארא כיעס. נו, וואס הערט זיך בא אײַך? דערציילט, ווי פילט איר זיך?

— ליבער פרײַנט מאקסים! איך בעט מיך אנטשולדיקן, וואס כ׳וועל אפנעמען בא אײַך צײַט, נאר איך בין געצוווּנגען דאס צו טאן, ווײַל דאס איז בא מיר א לעבנס־פראגע. צי האב איך די רעכט ווידער זיך אומקערן צו מײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט און ווידער אופגעשטעלט ווערן מיטן פריערדיקן סטאזש אין שרײַבער־פאריין? ס׳איז דאך א פרינציפּיעלע פראגע. דער עמעס מוז דאך זיגן. ביטע, לייענט איבער.

מאקסים פאדייעוויטש מיט זײַן שטענדיק גוטמוטיקן שמייכל און אומרויִקער רויִקײַט האט, לייענענדיק אין זיך דעם באשלוס פון העכסטן געריכט, מיטאמאל זיך אופגעהויבן, צוגעגאנגען צום ביכער־שראנק, ארויסגענומען א בלאנק, אף וועלכן עס איז געווען אפגעדרוקט זײַן נאמען און פאמיליע, זײַן טיטל אלס אקאדעמיקער און דעפוטאט פון אויבער־סאוועט פון פססר און לאנגזאם געשריבן, ווי שטענדיק, זײַענדיק געוווינט אונטערצושפארן מיט דער לינקער דלאניע דעם עטוואס צעקארבטן שטערן, געמאכט עטלעכע פאוזעס בייסן שרײַבן. און ווען ער האט שוין פארענדיקט און אונטערגעשריבן די אפיציעלע הישטאדלעס צום העכסטן געריכט, האט ער אף א באזונדער בייגעלע פאפיר אנגעשריבן א פרײַנטלעך בריוול וועגן מײַן איניען צו אלעקסיי סורקאוון און געבעטן אים מיטהעלפן אין מײַן גערעכטער אנקלאגע. עטלעכע מאל האב איך באדאנקט מאקסימען, געדריקט אים די האנט און אפגיך ארײַנגעגאנגען אין עסצימער, קעדיי זיך געזעגענען מיט זײַן פרוי. ניט באוויזן צו מאכן עטלעכע שריט, האב איך, שטייענדיק אין טאמבור לעם ליפט, ארויסגענומען דעם בריוו פונעם קאנווערט (דער קאנווערט איז געווען אן אפענער) און געלייענט: „געערטער גענעראל־פראקוראר פון פססר! באקאנענדיק זיך מיט דער באשטימונג פונעם העכסטן געריכט וועגן דעם איניען פונעם יידישן שריפטשטעלער, בין איך פאשעט נישטוימעם געווארן. עס איז אן אומגעלומפערטע באשולדיקונג. דער קאלעגיע־מיטגליד פון העכסטן געריכט איז פאשעט ניט באהאוונט אין פראגן פון ליטעראטור. איז דען מעגלעך, אז דער יידישער זשורנאל „שטערן", אן אפיציעלער ארגאן פון דעם אוקראינישן שרײַבער־פארבאנד, אין וועלכן ס׳האבן זיך געדרוקט פארשיידענע הײַנטצײַטיקע סאוועטישע ווערק ניט בלויז פון יידישע שרײַבער, נאר אויך איבערזעצונגען פון אנגעזעענע אוקראינישע שריפטשטעלער, זאל זײַן א נאציאנאליסטישער זשורנאל און אז דער דיכטער האט דעם דאזיקן זשורנאל פארשפרייט צווישן ציוניסטן...

דעריבער בעט איך אײַך זייער, איר זאלט זיך פערזענלעך באקאנען מיטן דאזיקן איניען און מיט דער הילף פון אײַער פראטעסט זאל אפגעשאפן ווערן דער דאזיקער באשלוס און פולשטענדיק רעאביליטירן דעם אומשולדיקן יידישן שריפטשטעלער".

אין א וואך ארום בין איך געקומען קיין מאסקווע. כאטש געהאט האב איך א סאך פרײַנט, באוויירים אין מאסקווע, האב איך ניט ליב געהאט זיך אפשטעלן בא א קארעוו, קעדיי ניט זײַן קיין איבעריקע לאסט בא יענעם, נאר איצט, ווען איך בין נאך ניט קיין פולשטענדיקער סאוועטישער בירגער, האב איך, פארשטייט זיך, ניט געקאנט אפילע טראכטן וועגן זיך אפשטעלן אין א האטעל.

דעריבער בין איך פֿאַרפֿאָרן מיט דער עלעקטריטשקע צו דער פּרויס א ווײַטן קאָרעוו היגטער מאָסקווע, נאָר דאָרט האָב איך קיינעם ניט געטראָפֿן. בלויז א הונט אַף דער קייט מיט צווײ אויסגעסטאַרטשעטע בייזע אויגן האָט מיך מיט זײַן האוזקען געטריבן אַלץ ווײַטער פֿון שטוב און מיך ניט געלאָזט אפילע א קוק טאָן אין פֿענצטער. אַן אלטער מאַנצבל האָט מיט א כריפּענדיקער שטים דורך דער פֿאַרטקע געזאָגט: „זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צוגאַסט צו זייער זון קיין מאָזשײַסק, ערשט אין א פּאָר טעג ארום וועלן זיי זיך אומקערן. וואָס זאָל איך זיי איבערגעבן?”

— גאָרניט, — האָב איך געענטפֿערט, — איך וועל נאָכאַמאָל דאָ זײַן. — און מיט דער באַנאַכטיקער עלעקטריטשקע זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע און איבערגעזעסן ביז פֿאַרטאָג אַף בעלאָרוסקי וואָקזאַל. אינדערפֿרי בין איך אַוועקגעפֿאָרן אַף וואָראָווסקי־גאַס, 52, ביז האַלבן טאָג זיך ארומגעדרייט אין הויף, דערנאָך אין וועסטיביול און ענדלעך ארײַנגעקומען אין אופּנאַם־צימער און געפֿרעגט בא דער סעקרעטאַרשע, צי וועט סורקאָוו הײַנט זײַן אין פֿאַריין. די סעקרעטאַרשע, א פֿולבלעכע פֿרוי, האָט מיר זייער העפֿלעך געענטפֿערט, אַז סורקאָוו איז אַף דער דאַטשע, אויב איך וויל אים עפּעס איבערגעבן, איז ביטע: אין א האַלבער שאָ ארום וועט די מאַשין פֿאָרן צו אים. אויב איך וויל אים זען פּערזענלעך, קאָן איך.

— איר פֿאַרשטייט, איך האָב צו אים א פּערזענלעך בריוול פֿון אַן אוקראַיִנישן שרײַפֿטשטעלער.

— ביטע, איר קאָנט פֿאָרן מיט דער מאַשין און צוריק זיך אומקערן קיין מאָסקווע, ווײַל די מאַשין וועט ניט בלײַבן אַף דער דאַטשע. ביכלאַל איז דער כאַווער סורקאָוו איצט אין אורלויב.

אַף מאָרגן איז אַלעקסיי סורקאָוו געקומען זייער פֿרי קיין מאָסקווע. איך האָב ניט געוווּסט, צי איז ער ספּעציִעל געקומען צוליב מײַן איניען, צי האָט ער באַדאַרפֿט לייזן אַנדערע איניאַנים. דער בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַפֿן נאָמען פֿונעם גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פּססר, האָט מיך ביז גאָר געריִרט. איך בין געוואָרן אַזוי דערמוטיקט און דרייסט בא זיך, אַז די מידקײַט פֿון דער שלאָפֿלאָזער נאַכט אַפֿן וואָקזאַל איז ווי מיטאַמאָל פֿון מיר פֿאַרשוווּנדן, עפּעס א צופֿלוס פֿון פֿרישקײַט, מונטערקײַט האָט דערוועקט דאָס האַרץ מײַנס, וואָס איז געווען ווי פֿאַרשטיינערט סײַ אַפֿן וועג קיין מאָסקווע, סײַ אַפֿן וועג צו דעם ווײַטן קאָרעוו, וועלכן איך האָב ניט געטראָפֿן אינדערהיים, סײַ דאָס פֿאָרן אַף דער דאַטשע, ניט וויסנדיק, וויִאַזוי מע וועט מיך אופּנעמען און ווי לאַנג וועט דויערן די לייזונג פֿון מײַן איניען.

און געדויערט האָט די לייזונג פֿון מײַן איניען קימאַט דרײַצן כאַדאָשים. ענדלעך, האָט מען מיך אין יאַנוואַר 1957 פֿולשטענדיק רעאַביליטירט.

עס זײַנען דורכגעגאַן 30 יאָר זינט יענער אומפֿאַרגעסלעכער רעפּרעסירטער צײַט. פֿאַר דער דאָזיקער צײַט האָב איך ארויסגעגעבן העכער א צענדליק זאַמלונגען — סײַ אין יִדיש און סײַ אין איבערזעצונגען אַף רוסיש און אוקראַיִניש.

• • •

דערמיט וויל איך פֿאַרענדיקן די בלעטלעך פֿון מײַן טאָגבוך. אייניקע וועלן זאָגן, אַז דאָס איז ניט טיפּיש, ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונדזער הײַנט. נאָר דאָס זײַנען דאָך לעבעדיקע גרוילזאַמע פֿאַקטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט, וועגן וועלכער איך וואָלט געוואָלט, אַז מע זאָל וויסן. די מערהײַט מענטשן, וועגן וועלכע איך דערמאָן דאָ, זײַנען שוין ניטאָ. א גרופּע יִדישע שרײַבער, קולטור־טוער זײַנען צעשאָסן געוואָרן בײַס דער הערשאַפֿט פֿון בעריִא. א טײל איז געשטאָרבן. א סאַך זײַנען אומגעקומען בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע. אָבער די גערעכטיקײַט, די מוטיקע העלדנטאַטן, די איבערגעגעבנקײַט דעם היימלאַנד, די זויבערע פֿרײַנטשאַפֿט צווישן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן פֿון מײַנע העלדן, וואָס פֿיגורירן אין מײַן דערציילונג, איז דאָך פֿאַרבליבן און וועט בלײַבן אַף דאָר־דוירעס.

איך בין גליקלעך, וואָס איך גאָר פֿאַרמעקן אין זיקאָרן אָט יענע שוידערלעכע טעג, ווען כ׳בין אומגעגאַנגען פֿאַרלוירן, א פֿאַרצווייפֿלטער פֿון שרעק, ווען געהוליעט און געוועלטיקט האָט אַף וועגן דער ווילקיר, ווען באַגלייט האָבן פֿאַרדעכטיק בליקן פֿײַנטלעכע נאָך מיר. אַך, ווי גוט, וואָס ס׳איז פֿאַרשוווּנדן יענער שוידער איבער מיר!

נאָר ניט פֿאַרשווינדן פֿון זיקאָרן וועלן יענע שוידערלעכע יאָרן, וועלכע האָבן געלאָזט אין האַרצן טיפֿע אײַנגעקאַרבטע שראַמען. אָט די שראַמען ניט־פֿאַרהיילטע, די באַרעמלטע אין שוואַרצן. ווער זשע קאָן אין דעם פֿאַרגעסן, אין יענע נעמען ניט־דערציילטע, אין די וווּנדן ניט־פֿאַרהיילטע, אין די בערגלעך די פֿאַרשטיינטע, אין די אויגן די פֿאַרוויינטע?

•

מאָטל קאַפּלאַן
(מינסק)

אין יענער שוואַרצער ווינטער־נאַכט

פאַראַנען פירער אַלערליי:
א פירער, וואָס פירט וואַלד,
א פירער, וואָס פירט היי,
א פירער, וואָס פירט אײַז,
א פירער, וואָס פירט שניי,
א וואַסער־פירער,
א זאַמד־פירער.
פאַרשיידענע פאַראַנען פירער,
א באַלעגאָלע איז א פירער
און דעם אַוטאָ פירט א פירער...

א פירער האָט געפירט דעם גאַסט
אין א מינסקער גאַס.
פראָסטיק איז דער גראָער אָוונט,
סווישלאָטש ליגט אין אײַז פאַרקאָוועט.
דורך דער אַלטער ליאַכאָווקע
שאָטנס שווינדלען נאַכטיקע.
באַרג־אַרויף אויף קרומער גאַס,
אויף א וועג פאַרשנייטן
פאָרט דער וווּנדערלעכער גאַסט
צווישן הײַזלעך, פּלויטן.

און עס דאַכט:
באַלד פון א הײַזעלע,
וועט זיך עפענען א טיר
און פריילעך וועט באַווײַזן זיך
א שפּאָגל־נײַער גוויר.
שימעלע, דאָס שנײַדערל,
א נאָגיד אויף א ווײַל,
אין קאַמזויל אין זײַדענעם
פּאַוואָלינקע זיך אײַלט.
אין סאַמעטענעם סמאָקינג
עס לאָזט זיך אין א רײַזע,

שימעלע סאָראָקער —
„אַמכאָ שער־און־אײַזן"...

נאָר עפּעס טרויעריק דער ניגן
הײַנט בא שימעלען דעם גוויר.
אוי, ס'וועט הוליען די האַריגע,
אוי, אָט איז ער, דער וואַמפּיר.

מיט שווערע פויסטן אויפן רודער
ער זיצט געהיים, ער יאָגט און דרייט.
אונטער רעדער שנייען הרודעס
און... טראָפּנס רויטע אויפן שניי.

ביימער טרויעריקע שווײַגן
בא דעם ראַנד פון שטילער גאַס,
וויגנדיק די קרוינען־צווײַגן,
זעגענען זיך מיטן גאַסט.

דער אַוטאָ־פירער, דער וואַמפּיר
אין יענער שוואַרצער ווינטער־נאַכט
האָט געטייט דעם קיניג ליר, —
דעם האַר, דעם גאָדל אומגעבראַכט.
(אַזוי באַפוילן האָט די שלאַנג —
דער פירער פונעם העכסטן ראַנג).

פון דעמלט אָן, פאַרשטיקטערהייט,
פון האַרץ ניט אויסגערעדטע רייד,
עס קרעכצט אין מיר א ווייגעשריי,
א ווייגעשריי!..

געווען איז אַלץ — סײַ פרייד, סײַ לייד,
געווען איז בלוטיקער פאַרדראָס,
און איצט כ'אַריקס ווייגעשריי:
„פאַרוואָס?
פאַרוואָס?!"

צו שאָלעם־אַלייכעמס 130־יאָריקן געבורטסטאָג

כאַים ביידער

פּוסטריט לויט די שפּורן פון דעם גרויסן שרײַבער

א מײַסע מיט א יערושע און מיט באָהוסלאַווער כעווורע־קאַדישע

אין י.־ד. בערקאָוויטשעס „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" זײַנען דעם דאָזיקן עפּיזאָד געווידמעט געציילטע שורעס:

„1885. וווינאָרט: בעלאַצערקאָוו. נאָכן טויט פון זײַן שווער עלימעלעך לאָיעוו איז ער געוואָרן אַפּעקון איבער זײַן יערושע... איבער א סיכסעך מיט דער באָהוסלאַווער „כעווורע־קאַדישע", וואָס האָט געפאָדערט פאַר דער קווורע פון זײַן שווער 30.000 רובל, האָט ער פאַרעפנטלעכט א דערקלערונג אינעם „קיִעווליאַנין"..."

שאָלעם־אַלייכעם איז שוין צו יענער צײַט געווען דער אווטאָר פון א ריי ווערק, וועלכע האָבן אים געבראַכט א שעם אין דער ליטעראַטור. די ווערק זײַנען אונדז באַוווּסט, אָבער וואָס איז דאָס פאַר א „דערקלערונג" אין דער קיִעווער צײַטונג „קיִעווליאַנין" און וואָס פאַר א סיכסעך האָט דער שרײַבער געהאַט מיט דער באָהוסלאַווער „כעווורע־קאַדישע"? צי קאָן מען ניט אַצינד, אין העכער הונדערט יאָר ארום נאָך יענער געשעעניש, אויסקלאָרן דעם איניען?

צוערשט לאָמיר זיך דערמאָנען, ווער עס איז געווען אָט דער עלימעלעך לאָיעוו. אין 68־טן קאַפּיטל פון שאָלעם־אַלייכעמס „פונעם יאַריד" ווערט באַשריבן די ערשטע באַגעגעניש פון דעם יונגן ראַבינאָוויטשן, וועלכער קלײַבט זיך קריגן א שטעלע פון א לערער אין אַן אָנשטענדיקער מישפּאָכע, מיט זײַן קינפטיקן שווער: „דער אײַנדרוק, וואָס דער אַלטער לאָיעוו האָט געמאַכט אַפן לערער, איז געווען אויסערגעוויינלעך. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז א ייִד זאָל האָבן אַזא אויסזען, אַן אויסזען פון א גענעראַל, א פעלדמאַרשאַל, מיט א קאָל פון א לייב..."

דאָס איז דער ערשטער אײַנדרוק. אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען פון דעם זעלבן ווערק קומען צו א סאַך אַנדערע פּראָטים פון עלימעלעך לאָיעווס געשטאַלט. דער לייענער דערוויסט זיך, אז לאָיעוו איז געווען א גרויסער באָקי אין די קליינע אויסיִעלעך, געקענט אויסגעצייכנט רוסיש און העברעיִש, שוין אָפּגערעדט פון ייִדיש, כאָטש ייִדיש איז נאָך דעמלט ניט געווען אין דער מאָדע.

„ביכלאַל איז דאָס געווען א זעלטענער טיפּ, א גרויסער אָריגינאַל, א ייִד ניט ווי אַלע ייִדן. אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין א פרומער ייִדישער שטוב, אין א ייִדישער שטאָט, אין באָסלאַוו, איז געווען צו באַוווּנדערן, וויִאַזוי איז דאָס אויסגעוואַקסן פון דאָרט אַזא מין עקזעמפּליאַר? ווי קומט צו א באָסלאַווער ייִדן גאָר א האַסאָגע צו פירן א פּריצישן שטאַט, ליב האָבן ערד און אָפּגעבן זיך אינגאַנצן צו פעלד־אַרבעט? עס איז ווערט געווען אָנצוקוקן אים אין א פרימאָרגן, אָנגעטאָן אין הויכע גלאַנציקע באָטפאָרטן און אין א קורץ סאַמעטן רעקל ביז די קני, שטיין אַפן טויק בא דער דרעשמאַשין, קאָמאַנדעווען מיט די אַרבעטער און וואַרפן די סנאָפּעס אין קאַסטן ארײַן, אָדער דרייען די „ווייעלקע", אָדער וואַרפן מיט דער „רעשעטע". אומעטום איז ער געווען אליין: באַם אַקערן, באַם זייען, באַם פּאָלען, באַם גראָבן, באַם שנײַדן. באַם ארײַנפירן און ארויספירן די טוווע, בא די פערד, בא די אָקסן, בא די בעהיימעס — אומעטום אליין..."

און שאָלעם־אַלייכעם מאַכט אַן אויספיר:

„איך מיין, אז אויב עס וואָלט ווען אַמאָל געווען נייטיק צו באַווײַזן פאַר פרעמדע פעלקער א מוסטער פון א ייִדן א פּאָמעשטשיק, א גוטבאַזיצער און אַן עמעסן פעלד־אַרבעטער, וואָלט דער אַלטער לאָיעוו געווען דער בעסטער מוסטער. קריסטן האָבן אָרנטלעך ארויסגעזאָגט, אז בא דעם ייִדן בא־

דאַרף מען זיך גיין לערנען, ווי צו פירן באַלעבאַטישקייט, ווי צו באַאַרבעטן די ערד אױפֿן בעסטן שטייגער און ווי צו באַגיין זיך מיט די אָרעמע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זײַן צופֿרידן..."

בײַ אָט דעם דאָזיקן ייִדן איז דער יונגער שאָלעם ראַבינאָוויטש געווען אַ הויזלערער קאַרגע דרײַ יאָר. ס'איז באַוווּסט, מיט וואָס עס האָט זיך פֿאַרענדיקט די לער פֿונעם פּערעיאַסלאַווער רעפּעטיטאָר מיט לאָיעווס טאָכטער. זיי האָבן זיך פֿאַרליבט און באַשלאָסן כאַסענע האָבן. דער אַלטער לאָיעוו האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט אײַנגיין אויף אַזאַ ניט־גלײַכן שידעך. קעדיי ווייכער מאַכן דאָס האַרץ באַם קינפֿטיקן שווער, האָט דער יונגער לערער אָנגעשריבן זײַן ערשטע ייִדישע דערציילונג „צוויי שטיינער", אין וועלכער ער האָט אָנגעמאָלט אַ שוידערלעכע געשיכטע, וויאַזויביידע פֿאַרליבטע נעמען זיך דאָס לעבן. די דערציילונג האָט אָפּגעדרוקט די פּעטערבורגער צײַטונג „יודישעס פֿאָלקסבלאַט". דער אַלטער לאָיעוו, וועלכער איז געווען אַן אַבאָנענט פֿון דער צײַטונג, האָט געקאָנט זיך אָנשטויסן, וואָס פֿאַר אַ טראַגעדיע עס וואַרט אויף זײַן טאָכטער, אויב ער וועט ניט געבן די האַסקאָמע אויפֿן שידעך. דאָס יונגע פּאָרל האָט דעם 12 מײַ 1883 כאַסענע געהאַט און זיך באַזעצט אין בעלאָצערקאָוו, ווו עס ווערט געבוירן זייער ערשט טעכטערל ערנעסטינע. אינגיכן אָבער, אין סאָף יאַנוואַר 1885, שטאַרבט אין סאָפּיעווקע עלימעלעך לאָיעוו, און ס'פּאַסירט די געשיכטע מיט דער כעווּרע־קאַדישע, וועגן וועלכער מיר האָבן דערמאָנט אין אָנהייב פֿון אונדזער אַרטיקל.

דעם 5 פֿעוראַל 1885 דרוקט די צײַטונג „קיִעוולײַאַנין" אַזאַ מיטיילונג:

„די טעג איז די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿונעם שטעטל באָהוסלאַוו געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס דורך אַזאַ, ביז איצט ניט געהערטן דאָרט צופֿאַל. דעם 26 יאַנוואַר, זונטיק אינדערפֿרי, איז געבראַכט געוואָרן פֿונעם דאָרף סאָפּיעווקע, וואָס געפֿינט זיך 15 וויאָרסט פֿון באָהוסלאַוו, דער גוף פֿונעם אומגעריכט געשטאָרבענעם פֿון אַ האַרץ־פּלאַצונג „אַרענדע־אײַגנטימער" מיילעך לאָיעוו, וועלכער האָט אָנגעזאַמלט אַ קאַפּיטאַל פֿון קנאַפּע 300.000 רובל, צוליב באַערדיקן אויפֿן אַלגעמיינעם ייִדישן בעסוילעם. די אָרטיקע ייִדישע קעהילע, וויסנדיק וועגן דער יערושע, וואָס לאָיעוו האָט איבערגעלאָזט דער פֿרוי זײַנער און זײַנע אייניקלעך, האָט אָנטשיידן זיך אָפּגעזאָגט צוטיילן אַן אָרט אויפֿן בעסוילעם, קאָלזמאַן עס וועלן ניט איבערגעגעבן ווערן 30.000 רובל לעטויוועס די ייִדישע אָנשטאַלטן פֿון באָהוסלאַוו. אָבער אַזוי ווי די פֿרוי פֿונעם געשטאָרבענעם האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנטראָגן די סומע, וועלכע ס'האָט געפֿאָדערט די קעהילע, האָט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון באָהוסלאַוו זיך צעבונטעוועט און איז באַשטאַנען אויף זייערס: אויב די מישפּאָכע לאָיעוו וועט ניט מענאַדעוו זײַן 30.000 רובל, וועט ניט געגעבן ווערן קיין אָרט אויפֿן בעסוילעם, נאָר אויסטיילן ערגעץ־ווו הינטערן ריוו. דערבײַ, קעדיי שטעלן צו שאַנד דעם פֿאַרשטאָרבענעם, האָבן די ייִדן פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער ניפֿטער האָט געלעבט אין סטירע מיט זײַן ווײַב. זי כוישעד געווען אינעם טויט פֿון איר מאַן, האָבן זיי דערקלערט דעם פּריסטאַוו און דעם געריכט־אויספֿאָרשער, אַז לאָיעוו איז געשטאָרבן אומגעריכט און געפֿאָדערט, מע זאָל פֿאַלמעסן דעם מעס. ביינע לעביינע, ביז מע וועט אַרויסטראָגן דעם מעס אויפֿן בעסוילעם, איז פֿאַרדונגען געוואָרן אַ צימער אינעם אײַנפֿאָרהויז פֿונעם ייִדן ווײַסבורט, ווו דער מעס איז געלעגן דרײַ מעסלעס, אײַנגעוויקלט בלויז אין אַ לײַלעך, און פֿון דער פֿאַרדומפּטער אין צימער לופֿט, צעלייגנדיק זיך, פֿאַרשפּרייט אַזאַ געשטאַנק, אַז אויף אַ מעהאַלעך, ווי עס באַשטעטיקן בײַזעער, פֿון 30 סאַזשענס פֿונעם הויז איז שווער געווען דורכגיין די גאַס, ניט פֿאַרשטעקנדיק דאָס מויל און די נאָז. דאָס דינגעניש צווישן דער ייִדישער קעהילע און דער מישפּאָכע פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם איז געגאַנגען אין מעשעך פֿון דרײַ טעג, און דער רעזולטאַט איז געבליבן דער זעלבער: די ייִדן זײַנען אײַנגעשפּאַרט געשטאַנען אויף 30.000 רובל, נאָר די מישפּאָכע פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם האָט פֿאָרגעלייגט בלויז 4.000 רובל. דער ווייגעשריי פֿון די קרויווים פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם צום ייִדישן קאָהאָל, און, פֿאַרקערט, די קוילעס פֿון קאָהאָל מיט דער פֿאָדערונג 30.000 רובל האָבן אין מעשעך פֿון דרײַ טעג צוגעצויגן טויזנטער צושויער, אַזוי אַז די גאַסן און די פּלעצער פֿונעם שטעטל, פֿאַרפֿולטע

עלימעלעך לאָיעוו

מיטן אוילעם, האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך א דורכויסיקע מאַסע פון מענטשישע קעפּ און זײַנען ענדלעך געווען אויף עפּעס אַן אומגעזעענעם טעאַטראַלן ספּעקטאַקל. ענדלעך, האָבן דעם 28 יאַנוואַר, אַזייגער 7 אָפּדערנאַכט, דער פּריסטאַוו, דער געריכטאויספאָרשער און דער דאָקטער געמאַכט אַן אונטערזוכונג פונעם מעס, נאָר וואָס זיי האָבן אויסגעפונען, איז ניט באַוווּסט. ס'איז בלויז באַוווּסט, אַז דער פּריסטאַוו, אַנשטאָט א פּאָזיטיווער פאַראָרדענונג טײַקעף צו באַערדיקן דעם צעפוילטן גוף, האָט געמאַכט א פאַרשטענדיקונג מיט דער ייִדישער קעהילע, זיך געשטעלט בעראָש פון די פאַרהאַנדלונגען מיט דער מישפּאָכע פונעם פאַרשטאָרבענעם, באַקומען 4000 רובל און איבערגעגעבן זיי דעם סויכער וואָלאָוויקן אויף אָפּגעבן דער ייִדישער קעהילע. אין אָט דער צײַט האָט דער פאַרזאַמלטער ריזיקער אוילעם ייִדן אָנגעהויבן הויך צו סווישטשען און שרײַען „הוראַ!" און אַזוי זיך געפירט, אַרויסבאַגלייטנדיק דעם קערפּער פונעם פאַרשטאָרבענעם ביזן סאַמע בעסוילעם. ניט געקוקט אויפן אָנטייל אין דער דאָזיקער צערעמאָניע פון דער גאַנצער פּאָליציי מיט די נידעריקסטע טשינען, האָט דער האַמוין זיך ניט אײַנגעשטילט, פאָרזעצנדיק צו טומלען און גוואַלדעווען, וואָס עס איז געווען געגליכן צו א באַוואָלשער טויהו־וואָוויהו".

ענלעכע מיטיילונגען, באַגלייט מיט פאַרשיידענע אויסגעצויגטע פון די פינגער פּראַטים אַרום דעם באָהוסלאַווער סיכסעך, האָבן זיך באַוויזן אויך אין אַנדערע צײַטונגען, דערונטער אין דער צײַטונג „זאַריאַ". און קעדיי מאַכן א סאָף צו די אַלע כקירעס, האָט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, לאַיעווס איידעם, באַשלאָסן צו מאַכן אַן עפנטלעכע דערקלערונג. אינעם נומ. 43 פאַרן 1885 דרוקט די צײַטונג „קיִעוולײַאַנין" זײַן בריוו אין רעדאַקציע, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

„אין נומ. 32 פון דער צײַטונג „זאַריאַ" האָט זיך באַוויזן א קאָרעספּאָנדענץ פונעם שטעטל באָהוסלאַוו, וועלכע באַשרײַבט די טרויעריקע לעווײַע פון לאַיעוון. אינעם כראָניק־אָפּטייל האָט די רעדאַקציע געפונען פאַר נייטיק זי באַגלייטן מיט עטלעכע דערקלער־שורעס: „מיר האַלטן ניט פאַר איבעריק צו ברענגען דאָ, — זאָגט די רעדאַקציע, — די אומשטאַנדן, וועלכע דערקלערן עטוואָס די אָרפירונג פון דער באָהוסלאַווער ייִדישער קעהילע. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס ניט לאַנג פאַרן טויט איז לאַיעוו געקומען צו פאָרן קיין באָהוסלאַוו און אין א געשפּרעך מיט אייניקע אָרטיקע ייִדן זיי מיטגעטיילט, אַז נאָך זײַן טויט וועט ער איבערלאָזן לויט א צוואָע לעטויווס די אָרעמע ייִדן פון באָהוסלאַוו 30.000 רובל. זיך דערוויסנדיק וועגן לאַיעווס טויט, האָבן די אָרעמעלײַט זיך באַאומרויִקט, ווײַל קיין צוואָע, וועלכע זיי האָבן דערוואַרט, איז ניט געווען. זיי האָבן געהאַט א פאַרדאַכט, אַז מע האָט די צוואָע געגנבעט, מיט וואָס עס דערקלערט זיך די פאָדערונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט צו פרוי לאַיעוו וועגן אַרויסגעבן זיי 30.000 רובל".

ווי אַן איידעם פונעם פאַרשטאָרבענעם, בײַוועזנדיק פונעם אָנהייב ביזן סאָף בײַם דער דאָזיקער שענדלעכער לעווײַע און נאָך מער שענדלעכער דינגענישׁ פאַר אַן אָרט אויפן בעסוילעם, האַלט איך פאַר מײַן מאָראַלישן כויוו אופצושטעלן דעם עמעס אין אַזאַ אויסזען, ווי עס איז, און וויל וואַרפן א געוויסע שײַן אויף אָט דעם טונקעלן איניען.

1) אַלס מענטש, וועלכער איז דער מאַן פונעם פאַרשטאָרבענעם לאַיעווס אייניציקער טאָכטער און האָט געוווּסט אַלע זײַנע איניאָנים, וואָג איך צו פאַרזיכערן אַלעמען, אַז דער פאַרשטאָרבענער שווער מײַנער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שום צוואָע און אַז ער האָט קיינעם ניט קיינמאָל אפילו קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן מענאַדעוו זײַן 30.000 לעטויווס די באָהוסלאַווער שוין אַליין דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט א לאַנגע צײַט אין באָהוסלאַוו און האָט געוווּסט לויט דער דערפאַרונג, אויף וואָס די באָהוסלאַווער ניצן ביכלאַל אויס דאָס געלט, וואָס מע איז מענאַדעוו מיט פילאַנטראָפּישע צילן (דער בײַשפּיל מיט די 40.000, וועלכע ס'האָט איבערגעלאָזט גרינבערג, איז נאָך בא אַלעמען פריש אין זיכּאָרן). אויב ער וואָלט ווירקלעך געוואָלט שענקען אַזאַ גרויסע סומע פון זײַן קאַפּיטאַל, וואָלט ער בעלי־סאָפעק געפונען פאַר זיי מיטלען, וועלכע אַנטשפּרעכן מער די אָנשויונגען און איבערצײַגונגען זײַנע.

2) פונדעסטוועגן האָט די מאַדאַם לאַיעווא, ברענגענדיק דעם קערפּער פונעם מאַן אירן פון דעם דאָרף סאָפּיעווקע קיין באָהוסלאַוו, שוין אין ערשטן טאָג לויט איר אייגענער איניציאַטיוו, געשענקט לעטויווס די אָרעמע 3000 רובל, און פאַר אַן אָרט אויפן בעסוילעם מאַסקים געווען צו באַצאָלן באַזונדער 4000 רובל, ניט פאָדערנדיק קיין שום קוויטל, ווי עס גייט ניט ריכטיק איבער דער אווטאָר פון דער קאָרעספּאָנדענץ. נאָר אויפן אַנדערן טאָג האָט דער פאַרזאַמלטער האַמוין, וועלכן ס'האָבן אָנגערייצט די אַמערסטן באַוווּסטע טוער־שרײַער, אָנגעהויבן פאָדערן אַנשטאָט 4.000 רובל צוערשט 30.000, דערנאָך 100.000 און ענדלעך א דריטל מיליאָן! אַלע מײַנע באַמיִונגען אײַנשטילן דעם דאָזיקן האַמוין און קומען מיט אים צו א פאַרשטענדיקונג זײַנען געווען אומזיסט.

אפילו דער אָרטיקער קאַזיאָנער ראַבינער — אויך ער האָט ערגעץ ווײַט זיך פאַרבאַהאַלטן און האָט טאַקע זייער גוט געטאָן, ווײַל ער האָט ריזיקירט צו זײַן א געשלאָגענער מיצאַד זײַן אייגענער צעלאָזטער איידע. בלויז דעמלט בין איך געצוווּנגען געווען זיך צו ווענדן צו דער היגער פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אומבאַהאָלפן קעגן דעם האַמוין, וואָס האָט שוין באַוויזן צעטראָגן די מיטע און פאַרגיסן מיט וואַסער דעם קייווער, וואָס מע האָט אויסגעגראָבן אויפן בעסוילעם. אַזאַ מין בילד וואָלט געקאָנט דינען פאַר א ווירדיקער באַפּוצונג פון א באַליבּיקן אַנטי־ייִדישן פּאָגראָם.

3) נאָך דעם אַלעמען, וועגן וואָס איך האָב אויבן דערציילט, בין איך ווירקלעך געצוווּנגען געווען מאַסקים צו זײַן אָפּצאָלן 4000 רובל, אַרויסגעבן דער קעהילע א קוויטל, אַז מיר האָבן די דאָזיקע 4000 רובל מענאַדעוו געווען פרײַוויליק (!?).

ס. ראַבינאָוויטש".

אונטער ס. ראַבינאָוויטשעס בריוו האָט די רעדאַקציע פון דער צײַטונג געגעבן אַ צושריפט:

„זײַנערצײַט זײַנען אין „קיִעווליאַנין" אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי קאָרעספּאָנדענציעס אין שײַכעס מיט דער אויפֿדונג פון באָהוסלאַווער קאָהאָל באַם מעקאַבער זײַן דעם ייִד לאַיעוו. אין זעלבן נוסעך האָט געשריבן אויך די צײַטונג „זאַריאַ", נאָר די רעדאַקציע פון „זאַריאַ" האָט אָנגענומען דעם צאַד פון באָהוסלאַווער קאָהאָל, וועלכער דאַרף פאַרורטיילט ווערן, באַמיִענדיק זיך צו פאַרגלעטן זײַן שולד. אין דער רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ ווערט געזאָגט, אַז די פאָדערונג אָפּצוצאָלן 30.000 רובל ווערט דערקלערט מיטן קלאַנג, אַז לאַיעוו האָט אַזאַ סומע קלוימערשט פאַרזאָגט לעטויוועס די אײַנוווינער פון באָהוסלאַוו. אַזויווי דער דאָזיקער צופאַל האָט אַ געזעלשאַפטלעכן אינטערעס און ס'איז נייטיק אָנעמען מיטלען קעגן אַזעלכע שענדלעכע פאַקטן, דרוקן מיר דאָ דעם בריוו פון לאַיעווס קאָרעוו, וועלכן ס'האָט איבער עפּעס זיך אָפּגעזאָגט צו אָפּדרוקן די צײַטונג „זאַריאַ".

דערמיט וואָלט מען געקאָנט פאַרענדיקן די געשיכטע מיט לאַיעווס לעווײַע און מיט די פּאַסירונגען אַרום איר. נאָר בלעטערנדיק דעם „קיִעווליאַנין" ווײַטער, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן נאָך אויף צוויי נאָטיצן, וועלכע די צײַטונג האָט פאַרעפנטלעכט אין זעלבן 1885 אין שײַכעס מיט אָט דעם אינינען. די ערשטע נאָטיץ — אַ כראָניק אינעם נומער פאַרן 14 יוני, ווו עס ווערט מיטגעטיילט, אַז אין באָהוסלאַוו איז געווען אַ סריפע, און וואָס עס איז מיט אָט דער געשעעניש פאַרבונדן:

„די ייִדישע באַפעלקערונג באַציט זיך מיט מיטלײַד צו די ניסראָפים און זאָגט אַרויס אַ פאַרלאַנג אַרויסגעבן צו 50 רובל יעדערן אָן אומקער פון די 4000, וועלכע זײַנען ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען אַלס געשאַנק דער קעהילע לעטויוועס די אָרעמע פונעם פאַרשטאָרבענעם סויכער לאַיעוו, אָנדערע אָבער באַשטימען די ציפער 2000 רובל אין זילבער פון דער סומע".

די צווייטע אינפאָרמאַציע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין „קיִעווליאַנין" דעם 12 יולי, דאָס הייסט, עטוואָס מער ווי אין אַ כוידעש אַרום, טראָגט שוין דעם כאַראַקטער פון אַ שטיקל מאָראַל:

„זײַנערצײַט איז אין „קיִעווליאַנין" מיטגעטיילט געוואָרן וועגן דעם אומגעריכטן טויט פונעם ייִד לאַיעוו, וועגן דער באַרבאַרישער פאָדערונג פון דעם אָרטיקן קאָהאָל צו באַצאָלן פאַר מעקאַבער זײַן דעם פאַרשטאָרבענעם 30.000 רובל און וועגן דעם ווילדן אויפן פון אויסדריקן אָט די פאָדערונג.

דעמלט טאַקע איז געווען קאָנסטאַטירט, אַז מע איז, ענדלעך, אײַנגעגאַנגען אויף אַ סומע 4000 רובל, דערבײַ איז דאָס געלט איבערגעגעבן געוואָרן גלײַך אַפּן בעסוילעם דעם אָרטיקן גוויר וואָלאָוויקן, וועלכער האָט, אויפהייבנדיק אין דער הייך די הענט מיט די פעקלעך הונדערטער, ווײַזנדיק זיי דעם האַמוין, געשריִען: „פיר טויזנט, ייִדן! פיר טויזנט רובל האָט מען געגעבן!"

טשיקאַווע, אַז דאָס דאָזיקע געלט איז טאַקע געבליבן שטעקן אין וואָלאָוויקס הענט: אַלעמאָל, ווען די כעווורע־קאַדישע שטייט צו אים צו מיט דער פאָדערונג אַרײַנטראָגן עס אין דער קאַסע פון דער קעהילע, טײַנעט וואָלאָוויק שטענדיק איינס און דאָס זעלבע, דעהײַנע, אַז ער קאָן עס דערווײַל ניט טאָן, ווײַל אויב עס וועט אויפקומען אַן איניען מיקויעך עפּעס אַ שאַנטאַזש, וועלן אָט די 4000 צוריק קומען צוליב פאָטער ווערן פון מעגלעכע אָנשיקענישן. אַזויאַרום, זײַנען די 4000 רובל, וועלכע קאָהאָל האָט גענומען מיט רויבערײַ, געקומען צוריק ניט אים, נאָר וואָלאָוויקן".

שאָלעם־אַלייכעם האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן, וויאַזוי באָהוסלאַווער קאָהאָל איז זיך באַגאַנגען מיט זײַן שווער, און ער האָט אַלעמאָל, ווו נאָר עס איז געווען מעגלעך, זיך באַמיט אַ שטאָך טאָן די באָהוסלאַווער טויששווים. אין 1887 דרוקט ער אין „יודישן פאָלקסבלאַט" אַ פעליעטאָן אונטערן נאָמען „פון ווײַטע מעדינעס", אין וועלכן ער זאָגט גוט אַרײַן דער דאָזיקער שטאָט:

„אָ, באָהוסלאַוו! באָהוסלאַוו! דו שיינע, טײַערע, ערלעכע שטאָט!.. אין דער דאָזיקער הייליקער שטאָט, אַז עס שטאַרבט אַ גוויר און זײַנע יאָרשים ווילן זיך ניט צעטיילן מיט עטלעכע קאָהאָלשע שיקורים מיט דער יערושע, האַלט מען אים אויף דרײַ טעג בעלוי קווורע און מע טוט אים אָן אַזעלכע ביזיוינעס, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפויר, אַז מע הערט אַזעלכעס צווישן ייִדן, ראַכמאָנים בנײ ראַכמאָנים..."

אַזאַ איז די געשיכטע מיט עלימעלעך לאַיעווס טויט, מיט זײַן לעווײַע און מיט כעווורע־קאַדישע פון דעם שטעטל באָהוסלאַוו. ווען די דאָזיקע געשיכטע איז זיך פאַרלאָפן, איז שאָלעם ראַבינאָוויטש אַלט געווען 26 יאָר, ער איז נאָרוואָס אַרײַן אין דער ליטעראַטור, דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז געווען אין אָנהייב, און ווען ער וועט שרײַבן וועגן קאַסרילעווקע און מאַזעפּאָווקע, וועגן יעהופּעץ און זלאַדייעווקע, וועט ער זיך דערמאָנען אין די באָהוסלאַווער טויששווים.

שאָלעם־אַלייכעם און שלעז דער בריוול־שרײַבער

אין 1884 האָט זיך אין דער פּעטערבורגער „יודישעס פאָלקסבלאַט" געדרוקט שאָלעם־אַלייכעמס אַ ציקל דערציילונגען אונטערן נאָמען „אַן איבערשרײַבונג צווישן צוויי אַלטע כאַווײרים" — פון שאָלעם־אַלייכעמען צו „שלעז דעם בריוול־שרײַבער" און פון „שלעז דעם בריוול־שרײַבער" צו שאָלעם־אַלייכעמען. דער ציקל באַשטייט פון פיר דערציילונגען.

„שלעז דער בריוול־שרײַבער" איז ניט קיין אויסגעטראַכטער נאָמען. צום ערשטן מאָל האָט

אַף דעם אָנגעוויזן שאָלעם־אַלייכעמס לאַנגיאָריקער פרײַנט, דער באַקאַנטער ייִדישער שרײַבער מאָרדכע ספעקטאָר אין זײַנע זיכרוינעס, וועלכע זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אינעם זאמלבוך „צום אָנדענק פון שאָלעם־אַלייכעם", וואָס איז דערשינען אין 1917, צום ערשטן יאָרצײַט פונעם ייִדישן קלאַסיקער. לויט מ. ספעקטאָרס מיטיילונג, איז שלעז געווען „א פערזאָן, וואָס וווינט אדהײַעם (דה. צום 1917. — כ. ב.) אין פאָלטאַווער גובערניע און איז איצט א באַקאַנטער ייִדישער קלאָל־טוער".

אין שאָלעם־אַלייכעמס „פונעם יאַריד" (קאַפיטל 48 — „די געראָטענע איידעמס") רעדט זיך וועגן איינעם א לייזער־יאָסל, וועמען ס'האָט פון קאָרסון קיין פערעיאַסלאַוו אראָפגעבראַכט א נאָגיד א לעדער־הענדלער און אויסגעגעבן פאַר אים זײַן ניט איבעריקס שיינע טאָכטער, נאָר דערפאַר אים געגעבן א רײַכן נאַדן.

„לייזער־יאָסל איז געווען אַן אילוי: א יונגער־מאַנטשיק, וואָס האָט געקענט — אַזוי האָט מען געשמועסט — טויזנט בלעטער גמרא בעאַלפע. 1000 — ניט קיין 1999 פונעם טאַנאַך שמועסט מען ניט. הײַנט א באַל־לאָשנקוידעש און א באַל־מיילעץ. א ברען א לעץ, א פאַרשלעפטע קרענק..."

צו דעם דאָזיקן געשטאַלט האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך געדאַרפט אומקערן אין די ווײַטערדיקע קאַפיטלעך פון זײַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק. אין „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" איז פאַרעפנטלעכט א רעשימע פון קאַפיטלעך פאַרן בוך „פונעם יאַריד", וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט צונויפגעשטעלט ניט לאַנג פאַרן טויט, און איינס פון די דאָזיקע קאַפיטלעך האָט געדאַרפט הייסן „לייזער־יאָסל שלעז".

אין דער „איבערשרײַבונג צווישן צוויי אַלטע כאַווײרים" זאָגט „שלעז דער בריוול־שרײַבער" וועגן זיך:

„...איך בין דאָך א מומכע אַף בריוו שרײַבן, און מײַן נאָמען גייט דאָך פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן: אין קאַסרילעווקע, אין האַראַדישטשי, אין לאַהישין, אין וואַסילקאָוו, אין לוקעשיווקע — און ווי ניט? איך בין דאָך אַליין „שלעז דער בריוול־שרײַבער". פון אַלע מעדינעס, ווו עס ווערט געפאָדערט א האַרבער, א שאַרפער, א סייכלדיקער בריוו, קומט מען אָן צו מיר!.. א בריוו צום סבאָרשטשיק פון א קליין שטעטל, ער זאָל אַרויסשיקן א פאַס; א בריוו פון אַן אַרענדאַר צום ראָוו מיקויעך מעכיראַס־כאָמעץ; א בריוו דעם בערדיטשעווער שויכעט קיין צפאַס... בריוו פון אַגונעס צו זייערע מענער, וואָס זײַנען אַוועקגעפאָרן אין די ווײַטע לענדער; בריוו פאַר גיסראָפים, וואָס לאָזן זיך אַוועק קלײַבן געלט... הײַנט אַף „ליבע־בריוולעך" בין איך דאָך גלאַט א מאַזיק..."

שימען דאָבין, וועלכער איז געווען באַפרײַנדעט מיט שאָלעם־אַלייכעמען נאָך פון די יונגע יאָרן אָן, שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס (געדרוקט אין אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", נום. 12, 1941), אַז בײַם זייערע שמועסן האָט שאָלעם־אַלייכעם עטלעכע מאָל דערמאָנט שלעזן. ש. דאָבין דערציילט, אַז ער האָט פערזענלעך געקענט אָט דעם שלעזן, ווען יענער איז געווען א לערער אין קאָרסון:

„ער האָט אויסגעצייכנט און שיין גערעדט ייִדיש. ער האָט ליב געהאַט צו שרײַבן ייִדישע בריוו און זיי צו לייענען — און ניט איין מאָל — פאַר „מעווינים" זיך מיט זיי באַרימען..."

שלעז האָט פאַרמאָגט א געוויסע ליטעראַרישע באַגאַבטקײַט, און שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך באַמיט אים אַרײַנצוציִען אין דער ליטעראַטור. ס'האָט זיך אָבער דערפון גאָרנישט ניט באַקומען. ווען ש. דאָבין האָט צום לעצטן מאָל געזען שלעזן, איז דאָס געווען א געבראָכענער מענטש, ער האָט פאַרלוירן די פעיִקײַט ערנסט צו אַרבעטן. ס'האָט אים אויך געפעלט דער אָרגאַנישער אינטערעס צו שרײַבן, ווײַל „די באַלוינונג איז א שפאָט קליינע". ער איז געבליבן דאָס, וואָס עס איז אים געווען אַמגרינגסטן צו בלײַבן — א באַהעמע־מענטש, אַן עססעס, א גערימטער שאָך־שפילער, א וויצלינג, אין געוויסע קרײַזן — א ליבלינג.

שאָלעם־אַלייכעם אַליין האָט דערנאָך דערמאָנט שלעזן מיט פאַרביטערונג, ווײַל פון אַלע זײַנע באַמיִונגען צו מאַכן פון אים א ייִדישן שרײַבער, האָט זיך איבער שלעזס שולד גאָרנישט ניט באַקומען. נאָך מער, שאָלעם־אַלייכעם האָט אים אַרײַנגעשטעלט אינעם צעטל פון כאַסאָנים בײַ דעם לאַנדשאַדכן לעבעלסקין („מענאַכעם־מענדל"):

„קרעמענטשוק. א מאַסקל... א כאָכעם — א בעריע אין שאָך. געמאָרע אַף אויסווייניק. קענער און רעדנער. א פײַערדיקער ווערטלזאָגער. א גרויסער שרײַבער".

שלעז האָט זיך, געוויינלעך, אין אָט דעם רעקאָמענדיר־צעטל דערקענט, און קיין גרויס פאַרגעניגן ניט געהאַט פון דעם, וואָס שאָלעם־אַלייכעם רופט אים מיט איראָניע אָן „א גרויסער שרײַבער".

אין די באַמערקונגען צום ווערק „אַן איבערשרײַבונג צווישן צוויי אַלטע כאַווײרים", וואָס איז געווען אײַנגעשלאָסן אין ערשטן באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס „אַלע ווערק" (אָגיז, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1948), ווײַזן אָן די אויטאָרן פון די קאָמענטאַרן נ. אויסלענדער און א. פרומקין:

„וואָס פאַר א כאַראַקטער עס האָט געטראָגן די ליטעראַרישע צוזאַמענאַרבעט פון שלעז און דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעם, איז ניט באַוווסט, מעגלעך, אַז שלעז האָט זײַנע בריוו געשריבן גאַנץ זעלבשטענדיק. ערטערווײַז אָבער טרעפן מיר אין שלעזס בריוו אַזעלכע סטיל־אייגנשאַפטן, וואָס לאָזן דרינגען, אַז די דאָזיקע בריוו זײַנען פריִער דורכגעגאַנגען שאָלעם־אַלייכעמס רעדאַקציע".

די קאָמענטאַטאָרן ווײַזן דערבײַ אָן, אַז שלעז פלעג זײַנע בריוו שיקן אין דער רעדאַקציע פון „יודישן פאָלקסבלאַט" ניט דירעקט, נאָר דורך שאָלעם־אַלייכעמס פאַרמיטלונג און זיי ברענגען צוויי בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען צו שלעזן, געשריבן אין רוסיש אין יאָר 1884. זיי ווערן איצט פאַרהיט אינעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט (צגאַלי) אין מאָסקווע. אין איין פאַפקע מיט זיי האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן נאָך אַף א בריוו, אַף וועלכן די ליטעראַטור־פאָרשער האָבן איבער עפעס־וואָס ניט געלייגט קיין אַכט. עס גייט א רייד וועגן א קסאַוויאַד, געשריבן אַף דרײַ זײַט־

לעך פון גרויסן פאָרמאַט און אַדרעסירט פון בעלאַצערקאָוו צו מאָרדכע ספּעקטאָרן קיין פּעטערבורג. אָט איז זײַן פולער טעקסט:

Б. Ц.

Дорогой Спектор!

זאָג מיר, מעשומעד איינער, וואָס איז מיט דיר דער מער? הער שלעז, ווייס איך, האָט דיר עפּשער 15 מאָל געטאָלקאָוועט, אַז דו מעגסט זיך באַגראָבן 9 איילן אין דער ערד מיט אַלע דײַנע ראָמאַנען פאַר איין שורע פון זײַן שרײַבן, איז ער איצט בא מיר אין בעלאַצערקאָוו און שווערט און כאַפּט די ערד, אַז ער האָט דיר געשריבן א בריוו...

...און הערט פון דיר קיין פאַרע ניט. דו מוזסט וויסן זײַן, כאַזער איינער, אַז איך האָב פײַנט פּוילע טערוצים מיט ליגנערישע כאַפּלעך, פאָ־סאָלדאַטסקי никак нет-с.

הער זשע אויס, מאַמזער! כעמוי ווי דו וועסט מעקאַבל זײַן דעם דאָזיקן בריוו, זאָלסטו צוגיין (ארויסגיין זאָל פון דיר די פּאַרע, האַרציקער פאַטער!) אין דער רעדאַקציע און זאָלסט פאַרבאָטן א באַפויל, אַז מע זאָל שיקן (שיקן זאָל דיר גאָט פּאַרעס שלעק, ריבוינעשעלוילעם!) אַן עקזעמפּליאַר „פאָלקסבלאַט" צום ה' שלעז קיין קאָרסון אויף דעם דאָזיקן אַדרעס:

Ф.Ж.Д. Ст. Корсунь, Лазарю Шлезу.

איניִכן וועט די רעדאַקציע דערהאַלטן א גאַנצע סעריע פעליעטאָנען פון מיר מיט שלעזן צוזאַמען, און דו מעגסט זיך שוין אָנגרייטן א טאַרבע און גיין אין די הײַזער, קעדיי צו קויפן זיך עטלעכע אַרשין לײַוונט אויף טאַכריכים, און דײַן פּען מעגסטו שוין פאַרוואַרפן ווײַטרוויַט העכער (די הײַזער אויף יענער זײַט סאַמבאַטיען הינטער די האָריי כוישעך, וווּ די רויטע ייִדעלעך זיצן און זאָגן „אַדיעו!"

אַלע דײַנע בריוו האָב איך דערהאַלטן מיט חיייניק פאַרגעניגן און בין אויף דיר אין גרימצאָרן...

...וואָס דו שרײַבסט מיר אַזוי ווייניק, ביסט ניט קראַנק שרײַבן מערער. זאָג מיר נאָר, דו, אומאַרנער גאַנעוו[1], דו האָסט שוין אָנגעהויבן קריכן אין די פעליעטאָנען אויך[2] און אויף וויפל יאָר? איך בין זייער נײַגעריק צו זען דײַנע פעליעטאָנען, נאָר דאָך בעט איך דיך, מײַקע ניט און מוטשע זיך ניט — א וואָרט און 2 און מאַהאַריטש, קריך ניט אין רפכשתיו[3] אַרײַן (סע הייסט אין די גאַרגאַרעס אַרײַן, האָב איך זיך טויע געווען, איך בעט איבער אײַער קאָוועד). אָט וואָס, אַשטייגער קעדוימע לעמאָשל, איז מײַן „נאַטאַשאַ"[4] ניט געלונגען, נאָר

[1] אַן אָנדײַטונג, אַז מ. ספּעקטאָר איז א געבוירענער אין אומאַן.

[2] מ. ספּעקטאָר איז דעמלט באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון פעליעטאָנען אין דער „פאָלקסבלאַט".

[3] שאָלעם־אַליכעמס אויסגעטראַכטע ראָשעטייוועס.

[4] „נאַטאַשאַ" — אַזוי האָט געהייסן שאָלעם־אַליכעמס דערציילונג, וואָס איז אין יאָר 1881 דערשינען אַלס בײַלאַגע צום „יודישן פאָלקסבלאַט". שפּעטער האָט שאָלעם־אַליכעם אָנגערופן די זעלבע דערציילונג מיטן נאָמען „טײַבעלע" און זי גרינטלעך איבערגעאַרבעט.

וואָס קוועטשן זיך? זאָג מיט א פּיסק, מאַמזער איינער, אָבער וואָס זאָגסטו אויף מײַן (ניט צו פאַנאַנדערקלײַבן — כ. ב.) סכוירע מיט... אַזוי לאַנג קרענקסטו מיט אַלע דײַנע ליבע, ווי דו וועסט דערקלערן אַזאַ אָריגינאַלן געדאַנק מיט אַזאַ טעמאַ. דײַן בעסטער פרײַנט, וואָס זעט אין דיר ווײַטער, ווינטשט זיך ניט.

ש. א.

...זײַט געזונט[1], און לאָמיר זײַן באַקאַנט, און טאָמער בין איך א ביסל ניט אַכטיק פאַרן ערשטן מאָל, בעט איך בא אײַך מעכילע. עס נעמט צו די טעג, וואָס ייִדן זײַנען זיך מויכל איינער דעם אַנדערן (יאָמקיפּער), און איך זאָג אײַך צו, אַז ערעוו יאָר באַנאַכט וועל איך בעטויך קלאַל ייִסראָעל זאָגן מיט א ניגן: וואָס האָב איך גערעדט א גאַנץ יאָר, האָב איך געבילט, ווי א הונט (דער טאַמציס פון קאַלנידרע). אײַערער און קאָל ייִסראָעלס שלעז דער בריוול־שרײַבער...

...מיקויעך די עקזעמפּליאַרן פון מײַן פּאָוועסט בין איך אויך אַלץ מערוצע, מער קיין געלט זאָל מיר ניט קאָסטן — א כאַניפּעלע פון א קליינשטעטלדיק גווירל... קאָוועד יאָ, געלט ניט...

...זאָגט מיר, איך בעט אײַך. איר האָט אַמאָל געזען, אַז א ייִד זאָל שרײַבן א טעלעגראַמע פון 9 ווערטער? וואָס הייסט? ער צאָלט דאָך פאַר 10 ווערטער![2] איז וואָס, זאָל איבערגיין זײַנס?.. ער קוועטשט זיך און מוטשעט זיך און געפינט א צענט וואָרט; יאָ, און מיר זײַנען קיין ייִדן ניט? וואָס הייכט איבערלאָזן אַזאַ ליידיקן פּלאַץ, אַזאַ סטעפּ, לאַנג, ווי דער גאָלעס, און ברייט, ווי דער כצאַר האַמאַשקן? וואָס איז? א מיצווע האָבן אין פּאָניעון? נאַדיי איך וועל דאָ שרײַבן זיבן מאָל לעמאַנאַצייעך, וואָס מע זאָגט פאַר טקיִעס, אָדער שיר האַמײַלעס פון א קימפּעטאָרן... און מײַנס איבערגיין וועל איך ניט לאָזן! שאַט! זאָגט לעמאַנאַצייעך 7 מאָל... נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? נאָר ווי לאַנג קאָכעט א קאָפּאָסטעוו, וועל איך אים צולאָזן אפילע עפּעס? איך וועל שוין דערשרײַבן... ווייסט איר וואָס? איך וועל אײַך איבערשרײַבן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון אײַער „ראָמאַן אָן א נאָמען" (איך האָב אים אָנגעהויבן צו לייענען), און ער איז דאָך טאַקע זייער גוט — סע הייסט וואַרעמע בלינעס מיט פּאַיעסנע איקרע איז אפילע בעסער... גענוג, דאַכט זיך, שוין נויקעם געווען אין פּאַנקען, ראַכמאָנע ליצלאָן — לאָז ער שוין איבערגיין אויף אַנדערע הענט...

שלעז".

אַזאַ איז ער, דער דאָזיקער בריוו, וועלכער, ווי איך האָב שוין פריִער אָנגעוויזן, געפינט זיך אינעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט. אָבער דאָס איז ניט דער אָריגינאַל פון דעם בריוו, נאָר א קאָפּיִע, ריכטיקער געזאָגט, איינע

[1] ווי ס'איז צו זען, איז שלעז צו יענער צײַט, דה. אין יאָר 1884, ווען ס'איז געשריבן געוואָרן דער דאָזיקער בריוו, מיט מ. ספּעקטאָרן פּערזענלעך ניט געווען באַקאַנט, דעריבער איז ער מיט אים אויף „איר" און ניט אויף „דו" — אין הייפעך צו שאָלעם־אַליכעמען.

[2] דער מינימום, וואָס מע האָט דעמלט געדאַרפט צאָלן פאַר א טעלעגראַם.

פֿון די פֿינף קאָפּיעס. פֿאַרוואָס פֿינף? וועגן דעם גייט א צושריפֿט פֿונעם איבערשרײַבער:

„דערבײַ לייג איך צו פֿינף קאָפּיעס פֿון שאָלעם־אליכעמס בריוו, וועלכע איך האָב גענומען בײַ זײַן קאָרעוו (קיִעוו) אליעזער ראַבינאָוויטש.

דער בריוו צו ספּעקטאָרן איז געשריבן בעשוטפֿעס מיט שלעזן.

שלעז איז געווען א נאָענטער פֿרײַנט שאָלעם־אליכעמס, ביידע אײדעמס פֿון פּערעיאַסלאַוו. שלעז איז געווען זייער א באַגאַבטער און קלוגער. געאַכטער אין „פֿאָלקסצײַטונג“ און אין נאָך א צײַטונג אין וואַרשע, ווו ספּעקטאָר איז געווען דער רעדאַקטאָר אירער. שלעז פֿלעגט דאָרט שרײַבן זייער וויציקע און בײַסנדיקע בריוו, געכאַסמעט „לייזער־אַנשל דער בריוול־שרײַבער“. דער בריוו, וואָס איך שיק דאָ, איז געשריבן געוואָרן צו ספּעקטאָרן קיין פּעטערבורג, ווײַל ער איז געווען דער ממונה איבער דעם פֿעליעטאָן־אָפּטייל פֿונעם „פֿאָלקסבלאַט“. שלעז שרײַבט מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפֿיע: מור, דור אאַו. צי איז דער בריוו אָפּגעשיקט געוואָרן ספּעקטאָרן, איז ניט באַקאַנט.

ב. ס.“

דער איבערשרײַבער, וועלכער האָט צוגעשיקט די קאָפּיעס פֿונעם בריוו, האָט געזען דעם אָריגינאַל מיט די אייגענע אויגן. ער ווײַזט דערבײַ אָן, וואָס פֿאַר אַן ערטער אינעם בריוו געהערן צו שאָלעם־אליכעמען און וואָס פֿאַר אַן ערטער צו שלעזן. די דאָזיקע באַמערקונגען געפֿינען זיך סײַ אין סאַמע אָנהייב פֿון דער קאָפּיע, סײַ אין מיטן.

ווער זשע איז ער אַליין, אָט דער איבערשרײַבער, און צו וועמען האָט ער איבערגעשיקט די קאָפּיע פֿון שאָלעם־אליכעמס און שלעזס בריוו? דאָס זײַנען געווען צוויי רעטענישן, וואָס מע האָט זיי געדאַרפֿט אויסקלאָרן.

די ערשטע רעטעניש איז געלייזט געוואָרן, ווען מיר האָבן גענומען בלעטערן די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון די 30־ער יאָרן, אין וועלכע ס'האָבן זיך געדרוקט מאַטעריאַלן וועגן שאָלעם־אליכעמען. און אַזעלכע מאַטעריאַלן זײַנען אין יענער צײַט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אָן א שיר. צווישן די ליטעראַטור־פֿאָרשער, וועלכע זײַנען דעמאָלט געווען באַזונדערס אַקטיוו אין אָט דער הינזיכט, פֿלעג אָפֿט זיך באַווײַזן אַף די שפּאַלטן פֿון די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן בער סלוצקי. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט א ריי מאַטעריאַלן, געווידמעט שאָלעם־אליכעמס ביאָגראַפֿיע און שאַפֿונג, און אונדזער האַשאָרע, אַז ב. ס. — דאָס איז בער סלוצקי, באַזירט זיך אַף זײַן אויסערגעוויינלעכער אַקטיוויקײַט אין יענער צײַט. ב. סלוצקי האָט דעמאָלט געלעבט אין קיִעוו און איז געווען א מיטאַרבעטער אינעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור בײַ דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוססר. בײַ דעם קיִעווער טוישעוו, שאָלעם־אליכעמס קאָרעוו, אליעזער ראַבינאָוויטש, האָט ער געקאָנט געפֿינען דעם בריוו, וועגן וועלכן עס גייט א רייד.

וועמען האָט ב. סלוצקי איבערגעשיקט די פֿינף קאָפּיעס פֿון שאָלעם־אליכעמס און שלעזס בריוו, איז אויך קלאָר, אַף וויפֿל די קאָפּיע פֿון אָט דעם בריוו איז געפֿונען אין אַרן גורשטיינס אַרכיוו, פֿונוואַנען מיר האָבן אים טאַקע גענומען. פֿאַרוואָס בײַ א. גורשטיינען, איז אויך גאַנץ פֿאַרשטענדלעך: דער באַוווּסטער קריטיקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער האָט צוזאַמען מיט י. דאָברושינען געדאַרפֿט זײַן דער צונויפֿשטעלער און רעדאַקטאָר פֿון צוויי בענדער שאָלעם־אליכעמס עפּיסטאָלאַרישער ירושה, וועלכע זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אין דעם פּלאַן פֿון אַרויסגעבן „אַלע ווערק“ פֿון שאָלעם־אליכעמען.

דער באַאוולטער שרײַבער

די דאָזיקע געשיכטע איז שוין באַוווּסט אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט. איינער א מאַטראָס פֿונעם שוואַרציאַמישן פֿלאָט האָט בײַם זײַן רײַזע קיין יאַפֿע זיך אָנגעשטויסן בײַ א דאָרטיקן ייִדן אַף א פּעקל שאָלעם־אליכעמס בריוו, ער האָט באַצאָלט יענעם ייִדן עטלעכע רובל, געבראַכט די בריוו קיין אָדעס און דאָרט זיי גלײַך אַוועקגעטראָגן אין דער רעדאַקציע פֿון דער אָדעסער צײַטונג „איזוועסטיִא“.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אינעם פּעקל, וואָס דער מאַטראָס האָט געבראַכט, געווען א גרויסער אוצר: פֿינף און צוואַנציק בריוו פֿון שאָלעם־אליכעמען פּערזענלעך צו די רעדאַקטאָרן פֿון דער וואַרשעווער צײַטונג „דער פֿרײַנד“ ש. ראַפּאַפּאָרט, ש. גינזבורג און ש. ראָזענפֿעלד און צו דער רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג, צוויי בריוו פֿון שאָלעם־אליכעמס אײדעם י.־ד. בערקאָוויטש און איין בריוו פֿון שאָלעם־אליכעמס פֿרוי אָלגע ראַבינאָוויטש צו ש. ראַפּאַפּאָרטן. די בריוו, וועגן וועלכע עס גייט א רייד, כאַפּן אַרום די צײַט פֿון דעקאַבער 1907 ביז יולי 1909 — אַכצן כאָדאָשים. דאָס איז געווען זייער א קריטישע און זייער א וויכטיקע צײַט אין שאָלעם־אליכעמס לעבן און שאַפֿן, ווען דער שרײַבער איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן, זיך געהיילט אין נערווי, איטאַליע, און פּונקט אין יענער צײַט — אין 1908 — זײַנען פֿאָרגעקומען די פֿײַערונגען פֿון זײַן יובילײַ, ווי אויך די קאַמפּאַניע פֿאַר אויסקויפֿן זײַנע ווערק בײַ די פֿאַרלעגער.

אָט די בריוו, וועלכע פֿירן אַרײַן אין שאָלעם־אליכעמס שעפֿערישער לאַבאָראַטאָריע און גיבן א גענויע פֿאָרשטעלונג, וויפֿל ליידן און יעסורים איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן סאָכריש־עקספּלואַטאַטאָרישן צוגאַנג צו אים מיצאַד די פֿאַרלעגער, זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אינעם נומ. 1 פֿון דער אויסגאַבע „וויסנשאַפֿטלעכע יאָרביכער“, וועלכע ס'האָט אַרויסגעלאָזט דער צענטראַלער פֿעלקער־פֿאַרלאַג פֿון פֿססר אין מאָסקווע אין 1929. אין אַרײַנפֿיר צו די בריוו האָט אָנגע־

שריבן דער באַוווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער פּראָפעסאָר ייִצחאָק נוסינאָוו, די קאָמענטאַרן האָט צוגעגרייט ש. ניעפּאָמניאַשטשי. און האַגאַם דער דאָזיקער בוך איז שוין פון לאַנג געוואָרן א ביבליאָגראַפישע זעלטנהײַט, קאָן מען פאָרט אים אָפּזוכן. אייניקע פון די דאָזיקע בריוו זײַנען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס.

אייניקע, נאָר ניט אַלע. און באַזונדערס — די צווײ בריוו פון י.־ד. בערקאָוויטשן און דער בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמס פרוי אָלגע ראַבינאָוויטש צו ש. ראַפּאָפּאָרטן. אונדז האָט פאַראינטערעסירט די פּוסנאָטע, וועלכע ווערט געגעבן אויף דער זײַט 165 פון דער דערמאָנטער אויסגאַבע:

„מיר גיבן דאָ בלויז דעם פולן טעקסט פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו, און פון די בריוו פון י.־ד. בערקאָוויטשן און אָלגע ראַבינאָוויטש ווערן נאָר געבראַכט אייניקע אויסצוגן אין כ׳ י. נוסינאָווס אַרטיקל“.

פאַרוואָס בלויז אייניקע אויסצוגן און ניט דער פולער טעקסט? צי דען זײַנען די דאָזיקע בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמס נאָענטסטע מענטשן אַזוי מינדערווערטיק, אַז זיי האָבן ניט קיין רעכט צו פּובליקירט ווערן? און עפּשער האָט י. נוסינאָוו אויסגערעכנט, אַז די בריוו וועלן אָפּגעדרוקט ווערן שפּעטער, אינעם צווייטן באַנד פון די „וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער“? אָבער קיין צווייטער באַנד איז ניט דערשינען.

די פראַגעס האָבן מיך לאַנג געמאַטערט, ביז איך האָב זיך ניט אָנגעשטויסן אויפן גורשטיין־פאָנד אינעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט (צגאַלי). כ׳האָב געוווּסט, אַז אַרן גורשטיין האָט געגרייט א פולע אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס עפּיסטאָלאַרישער ירושה, אָבער ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אַרבעט — אין 1941 איז ער אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניִע און אומגעקומען הינטער מאָסקווע. נאָר א. גורשטיין איז ניט געווען דער אייציקער, וועמען דער פאַרלאַג „דער עמעס“ האָט פאַרטרויט די צוגרייטונג פון שאָלעם־אַלייכעמס פולער אויסגאַבע פון ווערק און בריוו. דער צווייטער ליטעראַטור־פאָרשער איז געווען יעכעזקל דאָברושין.

הייסט עס, אַז מע דאַרף זוכן.

פאָנד נומ. 2270, גורשטיינס פאָנד. ער אַנטהאַלט די בריוו, וועלכע ס׳האָט געבראַכט פון יאַפּע דער סאָוועטישער מאַטראָס.

י. דאָברושינס א צושריפט:

„איך רעכן פאַר מעגלעך געבן די אויסצוגן פון אָלגע ראַבינאָוויטש אין דרוק, ווײַל דאָס זײַנען בריוו ניט פון זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן. זיי האָבן א שײַכעס צום אייניעם „פרײַנד“ — שאָלעם־אַלייכעם און „קרוינען“, אַזוי צו זאָגן, די גאַנצע אונטערהאַנדלונגען.

י(עכעזקל) ד(אָברושין)“.

די אויסצוגן, וועגן וועלכע עס גייט א רייד אין י. דאָברושינס צושריפט, געפינען זיך אין דעם אייניען, זיי זײַנען איבערגעזעצט פון רוסיש אויף ייִדיש. מיר האַלטן אָבער, אַז איצט, אין אכציק יאָר אַרום, זינט זיי זײַנען געשריבן געוואָרן, האָבן א געזעלשאַפטלעכן אינטערעס ניט בלויז די אויסצוגן, נאָר דער פולער טעקסט פון די דאָזיקע בריוו.

י.־ד. בערקאָוויטשעס בריוו

J. D. Berkovits
Nervi (Italia)
Via della Marina, N° 14 Piano 3

איך האָף, אַז דער דאָזיקער בריוו וועט אײַך ניט זייער פאַרוווּנדערן און וועט ניט אויפגענומען ווערן מיצאַד אײַך, ווי א זײַטיקער מענטש וואָלט געקראָכן מיט זײַן אויסטאָוו אין א פרעמדן מאַנאַסטיר, ביפּראַט, אַז דער, ווער עס שרײַבט דעם דאָזיקן בריוו, איז אײַך באַוווּסט ווי א פּערזאָן, וועלכער שטייט נאָענט צו שאָלעם־אַלייכעמען.

מיר אַלע דאָ זײַנען איבעראַשט פון דער אויפירונג פון אײַער „פרײַנד“. פון זינט אײַער צײַטונג „פרײַנד“ איז באַנײַט געוואָרן, האָט איר ווי בעקיוון מיט קיין איין וואָרט ביז איצט זיך ניט אַרויסגעזאָגט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען אַלס יובילאַר, אַלס אָביעקט פון אויפמערקזאַמקייט פאַרן גאַנצן ייִדישן עולעם אין איצטיקן מאָמענט. מיר באַקומען אַלע טאָג אַלערליי צײַטונגען און פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ, ווו ס׳ווערט געמאָלדן וועגן פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און פײַערונגען לעקאָוועד דעם שאָלעם־אַלייכעם־יובילײ, און דער „פרײַנד“, אַפּצולאָכעס אַלע אונדזערע דערוואַרטונגען, פאַרשווײַגט דאָס אַלץ. ס׳איז פאַרשטענדלעך, וואָס אַנדערע צײַטונגען שווײַגן, די וואַרשעווער צײַטונגען אַן ערעך, וועלכע נעמען נעקאָמע פונעם יובילאַר פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך אײַנגאַנצן איבערגעגעבן דעם „פרײַנד“, אָבער (דאָס דאָזיקע) איז לאַכלוטן ניט פאַרשטענדלעך מיצאַד דעם „פרײַנד“ גופע. ביפּראַט, אַז ביז דער באַנײַונג איז אײַער צײַטונג געווען די ערשטע, וועלכע האָט באַצײַטנס אַזוי ענערגיש אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם דעמלט קומענדיקן שאָלעם־אַלייכעם־יובילײ. ווי אַזוי זשע קאָן מען איצט דערקלערן דאָס ניט אָנטיילנעמען פונעם „פרײַנד“ אין דעם יובילײ פון איר שרײַבער אין דער צײַט, ווען וועגן אַזעלכע פײַערונגען, ווי די, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין בערדיטשעוו, אַקערמאַן, אַלעקסאַנדריִע (עגיפּטן), ניו־יאָרק, סענט־לויִס און פיל אַנדערע שטעט, ווו דער יובילײ ווערט געפײַערט און וועט זײַן געפײַערט מיט א פאַרשפּעטיקונג אין משעך פון א גאַנצן ווינטער (צוליב דער שווערקײַט פון דערלויבענישן) — וועגן דעם אַלעמען וועט דער יובילאַר דאַרפן אויסלייענען פון „ראַזסוועט“ און אַנדערע צײַטונגען, און ניט פון דעם „פרײַנד“. צי דערקלערט זיך עס ניט דערמיט, וואָס

„דער פריינד" האט זיך באנייט מיט א נייעם צוזאמענשטעל פון דער רעדאקציע, וועלכע צייכנט אויס דעם „פריינד" מיט דעם, וואס ער איז א „פארשריטלעכער" און „האלט ניט" שאלעם־אליי־כעמען און איגנארירט אים אף אלע אויפאנים. צוציענדיק (אף אזא אויפן) שאלעם־אליכעמען אין „פריינד", שטעלט איר אים אוועק אין זייער א לעכערלעכער און זייער ניט קיין לויבבארער לאגע — ס'איז שוין צופיל... אוודע איז דאס אונדזער האשארע, אבער ס'איז דאס אייציקע, וואס קומט אין קאפ אריין, ווייל, חיסנדיק דעם פריערדיקן „פריינד" און די פריערדיקע זיינע פארשטייער, קאנען מיר דאס ניט פארשטיין.

מיט גאנצער אכטונג י.־ד. בערקאוויטש

מיין אדרעס איז אנגעוויזן פון אויבן. דעם ענטפער בעט איך אדרעסירן אף מיין נאמען".

דעם 21 יאנואר 1909, דאס הייסט אין דעם זעלבן כוידעש, שיקט בערקאוויטש אוועק ש. ראפאפארטן א צווייטן בריוו:

„איך דערלויב אייך, לויט אייער באקאשע, זיך ווענדן צו שאלעם־אליכעמען מיט אן אנקלאגע אף מיר.

וואס זשע איז שייך אייער רעדאקטארישן „שפאס" מיקויעך דער ערדציטערניש אין מיין אומנארמאלקייט, איז ער, אוודע, זייער א געלונגענער; ער דערמאנט מיר אבער דעם באוווסטן פאסעק פון דאוויד האמיילעכן: „יופיטער, אויב דו ביסט אין קאס, הייסט עס, אז דו ביסט ניט גערעכט, דעריבער זידלסטו זיך".

מיט קאוועד י.־ד. בערקאוויטש".

די פרעכע אופירונג פונעם ארויסגעבער פון דעם „פריינד" האט אופגעבראכט שאלעם־אליכעמס פרוי. ס'האט זי אויך פארדראסן ש. ראפאפארטס „שפאס" מיקויעך דעם, אז די איטאליענישע זון האט ארויסגערופן אין די מויכעס פון שאלעם־אליכעמס קרויווים א גאנצע ערדציטעניש, און דערפון טאקע הייבט זי אן איר בריוו פארן 29 יאנוואר 1909:

„איך דארף אייך ווארענען, אז די איטאליענישע ערדציטערניש האט נישט געהאט קיין שום ווירקונג ניט אף מיינע גייסטיקע פעיקייטן, ניט אף די נערוון. דעריבער ריזיקיר איך ניט צו ווערן אפגעזידלט מיצאד אייך, ווי בערקאוויטש, וועלכן איר האט לאבלוטן ניט אף קיין רעדאקטארישן אויפן אפגעזידלט און אומגערעכט באליידיקט. מיר איז באוווסט דער אינהאלט פון בערקאוויטשעס בריוו, און איך קאן ניט נישט פארייניקן זיך צו זיינע מיינונגען. אוודע קאן קיינער ניט אנבינדן אייך מיינונגען, נאר אויב איר זאלט וועלן אויסהערן אונדזערע געדאנקען רויק, בין איך זיכער, אז איר וואלט אייער מיינונג געביטן.

די זאך באשטייט אין דעם, אז מיין מאן איז קראנק און זיין קרענק — ס'איז קיין סאד ניט — פאדערט א סאך געלט, בכדיי ער זאל זיך ענערגיש היילן, און קיין געלט פארמאגט ער ניט, שאלעם־אליכעם, און קאן ניט פארמאגן (קאלזמאן ער איז קראנק). און אט, גוטע לייט, א דאנק זיי, האבן זיך דערמאנט אין דעם יובילײ, זיך אנגעכאפט פאר דעם, ווי פאר דער איינציקער רעטונג. (פון) די ערשטע, וואס האבן גענומען ריידן, וויאזוי אויסניצן דעם דאזיקן יובילײ, איז געווען „דער פריינד". דערנאך האט „דער פריינד" ציטטוויליק זיך אפגעשטעלט. דעם יובילײ האט מען געפייערט. פריינט האבן געארבעט אין קיעוו, אין ווארשע און אין אנדערע צענטערס. מע האט עפעס־וואס באוויזן אפטאן, כדיי מע זאל קאנען אף אן אנשטענדיקן אויפן אונטערהאלטן דאס געזונט פונעם שרייבער, לעכאלדהאפאכעס אין מעשעך פונעם סעזאן. ווארשע האט אפילע מער אופגעטאן. מע האט אפגעקויפט קימאט אלע ווערק פון שאלעם־אליכעמען — א מאטאנע דעם יובילאר (סע סטייעט זיי בלויז א ניט קליינער סכום), אבער איר ווייסט דאך, אז רוים האט מען ניט אויסגעבויט פאר איין טאג און איין שוואלב (ברענגט) ניט קיין פרילינג. די הויצאעס זיינען גוואלדיקע. די צייט פליט. אויב דער ווינטער איז פארזיכערט, איז וואס וועט זיין זומער? הארבסט? דאס זיינען אלץ אזעלכע פארפלוכטע פראגן, וועלכע פאדערן אנטשיידונג. מער ווי א העלפט שטעט, וואס האבן צוגעגרייט אונטן, האבן בעעצעם ביז איצט ניט געקאנט מאכן זיי איבער דער אדמיניסטראציע. אייניקע צייטונגען פילן ניט אויס דאס, צו וואס זיי האבן זיך געגרייט, ווייל די צייטונגען ריידן ווייניק וועגן דעם יובילײ. און אויב מע רעדט ניט, איז א סימען, אז מע דארף ניט. און ווייסט איר, פארוואס עס ריידן ניט די צייטונגען? אט וועל איך אייך זאגן. „אונדזער לעבן" איז דאך אן אלטער סוינע, און אלץ, וואס די דאזיקע צייטונג האט געשריבן, איז געווען אלפי נויט. דער „היינט", וועלכער האט אזויפיל געטומלט וועגן דעם יובילײ, האגאם קיינער האט ניט געבעטן, האט אלץ געהאפט, אז אט וועט שאלעם־אליכעם ווערן געזונט און אנהייבן שרייבן פארן „היינט" פעליעטאנען. און פלוצעם — וו דרוקט זיך שאלעם־אליכעם? אין „פריינד". פארשטייט זיך, אז דער „היינט" איז געווארן אופגעבראכט — דאס ווייס איך בפראט. עס בלייבט, הייסט עס, איין „האזמאן", וועלכער לאזט קימאט ניט דורך קיין טאג, ער זאל ניט געבן עפעס א באמערקונג וועגן שאלעם־אליכעמען, אבער דער „האזמאן" האט זייער א שוואכע פארשפרייטונג. אויך די „טעאטער־וועלט" זוכט שטענדיק עפעס אויס, אבער זי איז גאר אומבאדייטנדיק. דערנאך דער „ראזסוועט", וואס האגאם ער איז א פארטייישער ארגאן, פונדעסטוועגן האט ער געגעבן א היפש ביסל יעדיעס וועגן די שאלעם־אליכעם־פייערונגען. איך דארף אייך ניט כאנפענען. איר ווייסט אויסגעצייכנט, וואס פאר א באדייטונג ס'האט „דער פריינד", וו שאלעם־אליכעם דרוקט זיך (און אף זשארגאן דרוקט זיך שאלעם־אליכעם בלויז אין „פריינד"), — איז דארט ניטא קיין איין באריכט וועגן דעם יובילײ, קיין ווארט, קיין רעמעז. פארשטייט זיך, אז דאס דאזיקע ווירקט שלעכט אף דער זאכלאגע. דערפאר האט זיך בערקאוויטש אויסגעדריקט — און איז געווען, ווי איך מיין, גערעכט, — אז דאס דאזיקע שטעלט אוועק מיין מאן אין זייער א לעכערלעכער לאגע. איר (וועט) זאגן, אז א צייטונג צאלט איר מיטארבעטער

מיט האַבאַראַר און ניט מיט יובילייען. איר זײַט גערעכט. קיינער איז ניט מעכוניעו, און ס'וואָלט געווען לעכערלעך צו פֿאָדערן. אָבער די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס פּובליקום פֿאַרשטייט עס ניט... דאָס פּובליקום מאַכט פֿון דעם אַזאַ מין אויספֿיר: שאָלעם־אַליכעם שרײַבט פֿאַרן „פֿרײַנד". אַפּאַנעם, אַז „דער פֿרײַנד" צאָלט אים גאַנץ גוט. אָבער „דער פֿרײַנד" פּילט ניט מיט דעם יובילײ, און דעריבער שווײַגט ער. דאָס פּובליקום קאָן ניט באַנעמען, אַז איר טוט עס אויס דזשענטלמענישקײַט. דאָס זעלבע קאָן דאָס פּובליקום ניט באַנעמען, אַז שאָלעם־אַלייכעם קאָן שרײַבן אין „פֿרײַנד" גאָר ניט צוליב דעם גוטן געצאָלטס. דאָס פּובליקום וועט קיינמאָל ניט וויסן, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט געווייטיקט, ווען „דער פֿרײַנד" האָט אויפֿגעהערט אַרויסגיין, און ווי ער האָט זיך דערפֿרייט, דערוויסנדיק זיך, אַז ער האָט אויפֿגעלעבט. כ'קער זיך אָבער אום צו אונדזערע איניאָנים. עס איז זייער טרויעריק בכלל, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו אַזאַ לאַגע, אַז דער יובילײ פֿון שאָלעם־אַלייכעמען איז געוואָרן דער איינציקער קוואַל אויף צו מאַצל זײַן דאָס לעבן זײַנס און אונטערהאַלטן זײַן געזונט. געווען אַ צײַט, ווען דער זעלבער שאָלעם־אַלייכעם האָט איינעם אַ שרײַבער, בײַ וועמען ס'איז קראַנק געוואָרן אַ שוועסטער, געגעבן פֿיר מאָל מער, איידער דער פּעטערבורגער יובילײ־אָוונט האָט אים אַרײַנגעבראַכט. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס'איז אויף אונדז געקומען אַזאַ פּלוצעמדיקע צאָרע און מיר האָבן שיער ניט אָנגעוווירן שאָלעם־אַלייכעמען. ווען ניט גוטע לײַט, גלייב איך ניט, צי איך וואָלט אײַך געשריבן דעם בריוו. איר זאָגט, אַז מיט אײַער שווײַגן פֿאַרהיט איר בלויז שאָלעם־אַלייכעמס קאָוועד. איך גלייב, אַז דאָס טאַקע זײַט איר אויסן. אָבער באַקד מען באַקומט זיך עפּעס אַנדערש. ווי כ'האָב אײַך פֿריִער דערקלערט, דאָס איז מײַן מיינונג און אויך בערקאָוויטשעס מיינונג, וואָס ער האָט זי אָרנטלעך אַרויסגעזאָגט. און איך פֿאַרשטיי בעעמעס ניט, פֿאַרוואָס איר האָט אים אָנגעשריבן אַזאַ האַרבן בריוו. אויב איר זײַט אַ מענטש, וואָס דולדעט ניט, ווען מע זאָגט אײַך אַרויס אָרנטלעך אַ מיינונג, וועט איר עפּשער אויס פֿרויען־ערע ראַכמאָנעס האָבן און וועט מיך ניט זידלען אַזוי, ווי איר האָט געזידלט בערקאָוויטשן. אָבער ניט אין דעם גייט עס. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס מע וואָלט געדאַרפֿט צעציִען די פֿײַערונגען פֿונעם יובילײ אויף אַ מער דויערנדיקער צײַט, און דאָס וואָלט געבראַכט פּרוכעס. אָט, לעמאָשל, אין די אַמעריקאַנישע שטאָטן האָט מען ערשט איצט אָנגעהויבן דעם יובילײ צו פֿײַערן. איך האָב ידיעס דערווײַל פֿון פֿאָלגנדע שטעט: ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע, ס.־לויִס, דעטראָיט, מאָנטרעאָל, קליוולענד, באַלטימאָר, דענווער, טאָראָנטאָ.

דאָ קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן ערגײַץ, וועגן וועלכער איר רעדט אינעם בריוו צו בערקאָוויטשן, נאָר אויסשליסלעך וועגן נוץ. איך בין אַ פֿרוי, און פֿרויען זײַנען בכלל פּראַקטיש. אָט, לעמאָשל, האָט איר צוויי־דרײַ פֿאַקטן, וואָס עס וואָלט געווען שעדלעך זיי צו פֿאַרשווײַגן, און ריידן איז נוצלעך.

ערשטנס, וואַרשע. דער וואַרשעווער יובילײ־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אויסקויפֿן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק בײַ זײַנע דרײַ פֿאַרלעגער. דער קאָמיטעט האָט זייער ענערגיש געאַרבעט און האָט זיך דערשלאָגן, אַז בײַ איינעם אַ הויפּט־פֿאַרלעגער (דעם הער לידסקי) איז שוין אויסגעקויפֿט 75 דרוק־בויגנס. איצט איז די ריי נאָך צו צוויי אַנדערע. אויב די פּרעסע רעדט וועגן דעם, אַרבעטן די מענטשן ווײַטער און וועלן דערפֿירן די זאַך ביזן סאָף, ווײַל מענטשן טוען גאָרנישט ניט גלאַט אַזוי. איינער פֿאַרלאַנגט געלט, אַן אַנדערער — מע זאָל אים אַ לויב טאָן.

צווייטנס, קיִעוו. דער דאָרטיקער קאָמיטעט האָט צונויפֿגעזאַמלט אַ געוויסן קאַפּיטאַל און וויל אײַנקויפֿן אַ שטיבל אין פּאַלעסטינע פֿאַר שאָלעם־אַלייכעמען אויפֿן ברעג פֿונעם מיטללענדישן ים, ווײַל די דאָקטוירים זאָגן, אַז ער וועט אויך אין קומענדיקן ווינטער דאַרפֿן אַ וואַרעמען קלימאַט. מיר ווייסן אָבער, ווי גיך עס ווערט געטאָן און ווי אַ מײַסעלע דערציילט זיך. און אויב דאָס מײַסעלע דערציילט זיך ניט, ווערט אויך, ווײַזט אויס, גאָרנישט ניט געטאָן.

דריטנס, אָדעס. דאָרט האָט מען די טעג באַשלאָסן אײַנאָרדענען אַ גראַנדיעזן אָוונט, און פֿון דער האַכנאָסע אַרויסגעבן שאָלעם־אַלייכעמס אַלע העברעיִשע דערציילונגען און אונטערטראָגן דעם יובילאַר.

דאָס זײַנען אַלץ פֿאַקטן, וועגן וועלכע ס'איז נוצלעך צו ריידן, און שווײַגן איז שעדלעך. איך האָב שוין געזאָגט, פֿאַרוואָס.

איך האָף, פֿילגעאַכטער הער ראַפּאָפּאָרט, אַז איר וועט מיר מוחל זײַן, וואָס איך האָב בײַ אײַך צוגענומען אַזויפֿיל צײַט.

אַן ענטפֿער בעט איך צושיקן אויף מײַן נאָמען, ווײַל איך וויל ניט, אַז דער מאַן זאָל וויסן וועגן די דאָזיקע געשיכטעס.

מײַן אַדרעס...

מיט קאָוועד צו אײַך

אַ. ראַבינאָוויטש".

כאָטש די בריוו פֿון י.־ד. בערקאָוויטשן און פֿון אָלגע ראַבינאָוויטש נייטיקן זיך ניט אין קיין קאָמענטאַרן, דאַרף מען אָבער געבן אַ פּאָר דערקלערונגען.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אין יענער צײַט, ווען עס זײַנען געשריבן געוואָרן די דאָזיקע בריוו, געדרוקט אין „פֿרײַנד" זײַנע שעדעוורס — „בריוו פֿון מענאַכעם־מענדלען", „שיר־השירים", „טעוויע פֿאָרט קיין ערעץ־ייִסראָעל", און ער האָט באַקומען פֿון דער צײַטונג צו 5 קאָפּ. אַ שורע (דערבײַ האָלט די בוכהאַלטעריע פֿון דער צײַטונג אין איין פּעדשעווען: אָנשטאָט, לעמאָשל, 4826 שורעס האָט מען אים אויסגעצאָלט פֿאַר 3747 שורעס). אַלע וואַרשעווער צײַטונגען פֿאַרשווײַגן שאָלעם־אַלייכעמס יובילײ, דערונטער אויך „דער פֿרײַנד", וועלכער דרוקט דעם שרײַבערס ווערק. דאָס האָט טיף באַליידיקט שאָלעם־אַלייכעמען, ער האָט געוואָלט בכלל איבעררײַסן מיטן „פֿרײַנד", נאָר די אויסערסט שווערע לאַגע האָט אים דעמלט ניט דער־

ליבט דאָס צו טאָן. שפּעטער האָט ער סאָפּקאָלסאָף איבערגעריסן זײַן מיטאַרבעטערשאַפֿט מיטן „פֿרײַנד". אין 1911 האָט ער שוין געדרוקט זײַנע ווערק אין וואַרשעווער „הײַנט", דערונטער דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס".

וועגן אייניקע פּערזאָנען, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די געבראַכטע בריוו. שאַבסע (אַלעקסאַנדער) ראַפּאָפּאָרט (1862 — 1928) — דער גרינדער און אַרויסגעבער פֿון דער פּעטערבורגער צײַטונג „דער פֿרײַנד". נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע עמיגרירט קיין פּאַלעסטינע און דאָרט געשטאָרבן. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די בריוו, וועלכע שאָלעם־אַליכעם, בערקאָוויטש און אָלגע ראַבינאָוויטש האָבן צו אים געשריבן, האָט ער פֿאַרכאַפּט מיט זיך און ער גופֿא צי זײַנע קרובֿים האָבן פֿאַרקויפֿט די דאָזיקע בריוו דעם סאָוועטישן מאַטראָס אין יאַפֿע.

יאַקאָוו לידסקי (1868 — 1921) — אייגנטימער פֿונעם וואַרשעווער פֿאַרלאַג „פּראָגרעס", וועלכער פֿלעג אַרויסלאָזן שאָלעם־אַליכעמס ווערק.

א פּאָסטקאַרטל פֿון די שוואַרצוואַלדער בערג

אויף א באַזונדער בלעטל פֿון מײַן נאָטיצביכל איז פֿאַרשריבן: „מ. אָסטראָווסקי. שאָלעם־אַליכעמס אַן איבערזעצער? אויסזוכן, ווער דאָס איז".

מ. אָסטראָווסקי. אַנשטאָט דער פֿולן פֿאָטערנאָמען — אַן איניציאַל. מאַרק? מאָיסיי? מיכאַיל?

„ליבער מ. אָסטראָווסקי!

באַקומען אײַערע בריוו, אײַער אופֿריכטיקײַט האָט מיך גערירט.

דערלויבט מיר אײַך אויסוואַרפֿן נאָר איין זאַך, דעם אומקלאָרן קסאַוו און די נאַכלעסיקײַט פֿונעם שרײַבן. כטאָרעט זיך שרײַבן פּאַמעלעך, דאַן וועט פֿון זיך אַליין אַרויס שענער. נאָך מײַן מיינונג נאָך — זײַנען די געדאַנקען פֿאַרבונדן מיטן קסאַוו. פֿאַראַן, לאָזט זיך אויס, א פֿאַרבינדונג צווישן דעם פּראָצעס פֿון שאַפֿן. מע דאַרף שיין שרײַבן, שיין דענקען, שיין שאַפֿן. יעדעס ווערק מײַנס בײַ זײַן גאַנצער אומדערפֿקײַט איז זאָרגעוודיק איבערגעשריבן און איבערגעאַרבעט דורך מיר ניט ווייניקער ווי 6 — 7 מאָל. מערער א ביסל געדולד, יונגערמאַן! — הײַנט שרײַב איך אויס פֿאַר אײַך פֿון וואַרשע אַלץ, וואָס געפֿינט זיך בײַ מײַן הויפּטפֿאַרלעגער (לידסקי). אַז איר וועט איבערלייענען, און אויב עפּעס־וואָס וועט אײַך באַזונדערס געפֿעלן, זאָלט איר אומגעזאַמט מיר אָנשרײַבן וועגן אײַער ווונטש איבערצוזעצן, און איך וועל אײַך אומגעזאַמט אײַך ענטפֿערן, צי עס איז קעדײַ איבערצוזעצן, צי ניין. אויף יעדער אײַער איבערזעצונג וועט איר אַזוי־אַרום האָבן א באַזונדערע דערלויבעניש, אַנדערש גייט עס ניט. וועגן דעם, ווו צו דרוקן, וועלן מיר שמועסן דערנאָכדעם. אײַער ערשטע איבערזעצונג איז מיר צוגעשיקט געוואָרן ניט פֿון דער רעדאַקציע, נאָר מיצאַד פֿרײַנט. כ'וועל זײַן זייער צופֿרידן, אויב כ'וועל מיט עפּעס־וואָס זיך אַרויסווײַזן אײַך נוצלעך.

אַלעס בעסטע.

שאָלעם־אַליכעם".

דער דאָזיקער בריוו איז פֿאַרעפֿנטלעכט אויף דער זײַט 220 פֿונעם פֿופֿצנטן באַנד פֿון שאָלעם־אַליכעמס „אויסגעוויילטע ווערק", וועלכער איז דערשינען אינעם פֿאַרלאַג „דער עמעס" אין 1941 (דער באַנד „אויסגעוויילטע בריוו", צונויפֿגעזאַמלט פֿון י. מיטלמאַן, כ. נאַדעל, מיט א פֿאָרוואָרט, קאָ־



מענטאַרן און אויסטײַטשונגען פון די צונויפזאַמ־לער). עס ווערט אָנגעוויזן, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט אים געשריבן דעם 23 אָקטיאַבער 1909, און אין די קאָמענטאַרן צו אים:

„מ. אָסטראָווסקי — א פּעטערבורגער איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק".

ווו האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן דעם בריוו און וואָס האָט מ. אָסטראָווסקי איבערגעזעצט, — דאָס קאָן מען פון דער פּובליקאַציע ניט אויסקלאָרן. דער זיקאָרן אָבער האָט פּאַרהיט נאָך איין פּובליקאַציע פון דעם זעלבן בריוו, און מיר געפינען זי אין דער „זאַמלונג קריטישע אַרטיקלען", געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכע איז דערשינען אין קיִעוו, אינעם „אוקרמעלוכענאַצמינדפּאַרלאַג" אין 1940, דאָס הייסט מיט א יאָר פריִער, איידער דער מאָסקווער באַנד. עפּשער וועט יענע פּובליקאַציע אַרײַנטראָגן מער קלאָרקייט אין אונדזערע זוכונגען?

און אָט האַלטן מיר אין די הענט די דאָזיקע זאַמלונג. יאָ, דער בריוו איז דאָ, ער איז פּובליקירט סײַ אין אָריגינאַל (שאָלעם־אַלייכעם האָט אים געשריבן אין רוסיש), סײַ אין א ייִדישער איבערזעצונג. ער איז באַצייכנט מיטן נומער 17 אינעם אָפּטייל „ניט־צונויפגענומענע בריוו" אויף די זײַטלעך 282—283, און די אויטאָרן פון דער פּובליקאַציע — די זעלבע כ. נאַדעל און י. מיטלמאַן — ווײַזן אָן אין די קאָמענטאַרן זייערע, אַז דער בריוו איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם זשורנאַל „רעזעץ", נומ. 7 פאַרן יאָר 1939, „דער אַדרעסאַט — אַן איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין רוסיש". דער פולער נאָמען פונעם אַדרעסאַט איז ניט געבראַכט, ווידער — „מ. אָסטראָווסקי", ס'איז אויך ניט אָנגעוויזן, פונוואַנען האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן דעם בריוו. עמעס, א קליינע באַמערקונג ציט צו די אויפמערקזאַמקייט: „דער אָריגינאַל געפינט זיך אינעם קסאַוויאַד־אָפּטייל פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק".

עס זײַנען דורכגעגאַנגען א סך יאָרן. די ליטעראַטור־קענער האָבן פאַרגעזעצט פאָרשן שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישע שאַפונג, דערונטער זײַן עפּיסטאָליאַרישע ירושע. פיל מאַטעריאַלן האָבן אונדזערע ליטעראַטור־פאָרשער אָפּגעדרוקט שוין אין „סאָוועטיש היימלאַנד". צווישן זיי — כאַצקל נאַדעל. אין נומ. 1 פונעם זשורנאַל פאַרן 1966 פאַרעפנטלעכט ער א נײַ פּעקל בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען און שרײַבט אין זײַנע קאָמענטאַרן:

„...כוץ פּינוסן האָבן שאָלעם־אַלייכעמען איבערגעזעצט ש. אַנ־סקי, אַנדריי סאָבאָל, סאַרא ראַוויטש, א. מאַרקאָוו, ע. פּאַרכאָמאָווסקי, מ. אָסטראָווסקי אאַ.".

דאָס האָט שוין גענומען אויסזען, ווי א רעטעניש, און אונדז איז אײַנגעפאַלן א געדאַנק: עפּשער זיך ווענדן צו דער ערשטער פּובליקאַציע פונעם בריוו, דאָס הייסט צום זשורנאַל „רעזעץ" נומ. 7 פאַרן 1939? אָבער קוידעמקאָל דאַרף מען, ווײַזט אויס, זאָגן, וואָס דאָס איז פאַר א זשורנאַל — אַזאַ אויסגאַבע האָב איך ניט געוווּסט, און ווען כ'האָב זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אויפן נאָמען פונעם זשורנאַל אין די קאָמענטאַרן צו שאָלעם־אַלייכעמס בריוו, האָב איך א קוק געטאָן אין דער „קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע" און זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען א ליטעראַרישע צווייוואָכנשריפט, וועלכע איז דערשינען אין די יאָרן 1924—1939 אין לענינגראַד, צוערשט אַלס בײַלאַגע צו דער אָרטיקער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ", און פונעם 1935 — אַלס אָרגאַן פון דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד, און אויסגאַבע קוידעמקאָל פאַר ליטעראַטן־אָנפאַנגער און אַרבקאָרן, און לעסאָף — פון דעם „גאָסליטיזדאַט", דאָס הייסט פונעם פאַרלאַג, וועלכער איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען „כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטוראַ".

אין נומער 7 פונעם זשורנאַל פאַרן 1939 יאָר איז געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמס 80־טן געבורטסטאָג א גאַנצע רײ מאַטעריאַלן. שוין אָפּגערעדט פונעם שרײַבערס פּאָרטרעט אויף דער הילע (קינסטלער אי. קאַפּלאַן), זעען מיר דאָרט ב. מיילאַכס אַרטיקל „שאָלעם־אַלייכעם און זײַנע געשטאַלטן", א פּובליקאַציע פון שאָלעם־אַלייכעמס דרײַ ביז דעמלט ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו: איינעם פאַרן 23 נאָיאַבער 1912 — צו וו. ג. קאָראָלענקאָ, דער צווייטער פאַרן 20 דעקאַבער פון דעם זעלבן יאָר — צום מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל „רוסקאַיאַ באָגאַטסטוואָ" א. כ. פּעטרישטשעוו, דער דריטער, פאַרן 23 דעקאַבער 1909 — צו מ. אָסטראָווסקין.

אויף וויפל די ערשטע צוויי בריוו זײַנען איצט שוין גאַנץ באַוווּסט, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז אויפן דריטן — אויפן בריוו צו מ. אָסטראָווסקין, וועלכער אינטערעסירט אונדז. און אָט וואָס דער אויטאָר פון דער פּובליקאַציע מ. מאַכאַרינסקי שרײַבט מויקויעך דעם דאָזיקן בריוו:

„אינעם קסאַוויאַד־אָפּטייל פון דער מעלוכישער עפנטלעכער ביבליאָטעק אויף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען אין לענינגראַד, ווי עס האָט אונדז מיטגעטיילט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דעם דאָזיקן אָפּטייל כ' ט. ק. אוכמילאָוואַ, ווערט אָפּגעהיט שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו איינעם אַן איבערזעצער פון זײַנע ווערק מ. אָסטראָווסקי. דער דאָזיקער בריוו, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט אויפמערקזאַמקייט צום ליטעראַט־אָנפאַנגער, זאָגט איידעס וועגן דעם, אַז דער גרויסער שרײַבער האָט דערגרייכט לײַכטקייט און פּאַשעטקײַט אַדאַנק דער אײַנגעשפּאַנטער אַרבעט איבער זײַנע ווערק. דער בריוו איז צוגעשיקט פון א שוואַרצוואַלדער סאַנאַטאָריע, ווו שאָלעם־אַלייכעם, וועלכער איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָז פון די לונגען, האָט זיך געהיילט אין 1909. אָט איז דער דאָזיקער בריוו..."

אַזויאַרום, האָבן מיר זיך שוין דערקלײַבן צום אורקוואַל פון דער פּובליקאַציע פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו מ. אָסטראָווסקין.

עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז שאָלעם־אַלייכעם, וועלכער, ווי ס'איז צו זען פונעם בריוו, האָט באַקומען פון יענעם אָסטראָווסקין ניט איינעם, נאָר עטלעכע בריוו („באַקומען אײַערע בריוו..."), זאָל זיך ווענדן צום אַדרעסאַט, אָנרופנדיק אים בלויז לויטן איניציאַל... דאַרף מען, הייסט עס, זוכן דעם ערשטן קוואַל — ניט די ערשטע פּובליקאַציע, נאָר טאַקע אַליין דעם בריוו. און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אויף

מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען, אין איר קסאַוויאַד־אַפּטייל, איז דער בריוו פֿאַראַן. עמעס, ניט קיין בריוו, נאָר אַ פּאָסטקאַרטל. און דער אַדרעסאַט האָט אַ נאָמען און אַ באַשטימט וווינאָרט, און אַז ער איז לאַכלוטן ניט קיין „פּעטערבורגער איבערזעצער פֿון שאָלעם־אַליכעמס ווערק"... אָט, איבערצייַגט זיך אַליין: „מאַיסעיו אָסטראָווסקאָמו. מ. ניקאָפּאָל, יעקאַטערינ. גוב. כערסאָנסקאַיאַ גאָראַ, דאָם דונדוקאַ" (מאַיסיי אָסטראָווסקין, שטאָט ניקאָפּאָל, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, כערסאָנער באַרג, דונדוקס הויז). און אַלץ ווערט אַוועקגעשטעלט אויפֿן געהעריקן אָרט. איצט קאָן מען שוין פֿאַריכטן ניט בלויז דעם פֿעלער אינעם אַדרעס, נאָר אויך אין דעם טעקסט פֿונעם בריוו גופֿא, ווייַל די אויסגאַבן פֿון דער פּובליקאַציע האָבן זיך פֿאַרלאָזט איינער אויפֿן אַנדערן. דעריבער האָבן זיי ניט גאַנץ פּינקטלעך איבערגעגעבן דעם טעקסט (לעמאָשל, די פּוסנאָטע „אויף יעדער איבערזעצונג וועט איר, אַזוי־אַרום, האָבן אַ באַזונדער דערלויבעניש. אַנדערש גייט עס ניט", וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט געפּונען פֿאַר נייטיק באַזונדערס אונטערשטרייַכן, — איז אין אַלע פּובליקאַציעס פֿונעם בריוו אַרייַנגעשלאָסן אין טעקסט גופֿא).

„מע דאַרף שיין שרייַבן, שיין דענקען, שיין שאַפֿן..." — צי ניט דאָס איז דער עיקר אין שאָלעם־אַליכעמס קורצן פּאָסטקאַרטל צו זייַן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט? אײַנקוקנדיק זיך אין שאָלעם־אַליכעמס קסאַוו, וואָלט מען טאַקע געקאָנט מיינען, אַז די פּען זייַנע איז געגאַנגען איבערן פּאַפּיר לייַכט־שפּילעוודיק. אָבער ס'איז ווייַט ניט געווען אַזוי. אין „שאָלעם־אַליכעם־בוך", אין דעם אָפּטייל „דאַטומס אינעם לעבן און שאַפֿן פֿון שאָלעם־אַליכעם", איז פֿאַרן יאָר 1909 אָנגעוויזן: „וווינאָרט: ביז זומער — נערווי (דאָס זעלבע הויז, וואָס פֿריִער); זומער — סאַנאַטאָריום סט. בלאַזיִען (דאָרעם־שוואַרצוואַלד); האַרבסט — לוגאַנאָ (רעגינאַ האָטעל) און לוצערן (פּאַנסיִאָן קויפֿמאַן); דערנאָך — ווידער נערווי (וויִאַ דעל פּאַצצאַ, 65). דעם גאַנצן יאָר פֿאַרבראַכט אין די אויבנדערמאָנטע קורפֿלעצער אונטער דער השגחה פֿון דאָקטוירים, אָפּט געקרענקט און געלעגן אין בעט מיט אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור..."

ווי אַזוי האָט זיך שאָלעם־אַליכעמען דעמאָלט געשריבן? אָט זייַנען עטלעכע אויסצוגן פֿון זייַנע בריוו, אויך פֿון די שוואַרצוואַלדער בערג, און אויך קימאַט אין די זעלבע טעג, ווען ער האָט געענטפֿערט מאַיסיי אָסטראָווסקין:

„...לײַדער בין איך נאָך איצט אויך אויף צאָרעס, און דאָך שרייַב איך אַ סאַך, אַ סאַך! מיט אַ שטיפֿטל שרייַבט שאָלעם־אַליכעם, ליגנדיק אין סאַנאַטאָריום צווישן האַלבע מייסים, הוסטנדיק און הערנדיק הוסטן יענעם, וואָס עס איז נאָך ערגער, וואָרעם אויף מייַן הוסטן ביך איך מיר באַלעבאָס, אָבער אַז יענער קאַכיקעט מיר בייס איך שרייַב — איז פֿע!.." (פֿון אַ בריוו צו י.־כ. ראַווניצקין).

„...און דער גאָט, וואָס האָט מיר געגעבן געזונט און קויעך ביז אַהער צו שרייַבן ליגנדיק אָדער האַלב־זיצנדיק אָנגעשפּאַרט און געמוטשעט, וועט מיך מיסטאַמע ניט פֿאַרלאָזן אויף ווייַטער אויך. און שרייַבן — דאָס איז דאָך מייַן איינציקע רעפֿוּאָ, ווען ניט דאָס שרייַבן, וואָלט איך דאָך איצט שוין אָנגעשפּאַרט — אַהאָ־האָ..." (פֿון אַ בריוו אין דער רעדאַקציע פֿון דער וואַרשעווער צייַטונג „די נייַע וועלט").

„...כאַ־כאַ, די שווייץ האָט מיר פֿאַרשאַט! ניט אַ געלעכטער? האָט מען מיר אַריבערגעפּעקלט אַהערצוצו, און איך הייב אָן ווערן געזונט. טאַקע מיט אָן עמעס, הערט אַ מייַסע: איך באָד מיך שוין אין קאַלטן, אַזוי ווי איר, טאָגטעגלעך. די דייַטשן — אָט אַזוי היילן זיי לונגען־קראַנקע. זיי מיינען, ס'איז אַ נייַס... בעקיצער, ס'איז רעכט. און אַפּעטיט איז שוין אויך דאָ. און די טעמפּעראַטור איז בלאָטע, און הוסטן — פֿע!.." (פֿון אַ בריוו צו מענדעלע מוכער־ספֿאָרים).

אין יענעם יאָר, אין 1909, האָט די ליטעראַרישע וועלט אָפּגעמערקט שאָלעם־אַליכעמס 50־יאָריקן יובילײַ, און ס'האָט גערוישט מיט אים די גאַנצע פּרעסע, און ניט נאָר די ייִדישע. עס ווערט מעקויעם שאָלעם־אַליכעמס טרוים — אַרייַנשווימען אינעם גרויסן אָקעאַן פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. ייִדיע פּינוס האָט שוין געאַרבעט איבער דער איבערזעצונג פֿונעם ערשטן באַנד שאָלעם־אַליכעמס דערציילונגען פֿאַרן פֿאַרלאַג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי" פֿון די ברידער סטאָליאַר. און האָגאָם שאָלעם־אַליכעם האָט געהאַלטן, אַז פּינוס איז טאַקע „זייַן איבערזעצער" — קיין בעסערן וואָלט מען זיך ניט געקאָנט ווינטשן, דאָך האָט ער ניט אָפּגעזאָגט קיינעם פֿון יענע, וועלכע האָבן פֿאָרגעלייגט זייער טירכע איבערצוזעצן אים אויף רוסיש און אויף אַנדערע שפּראַכן. מע האָט אָבער געדאַרפֿט זייַן זייער פֿאָרזיכטיק, ווייַל, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פֿאַלן, קאָנען זיך באַווייַזן קאָלערליי ליטעראַרישע ספּעקוליאַנטן אָדער פּאַשעטע פּאַרטאַטשעס, וועלכע מיינען, אַז זיי קאָנען איבערזעצן אויף „רוסיש" פֿון „זשאַרגאָן", נאָר אינדערעמעסן טויגן זייערע איבערזעצונגען אויף כאַפּאַרעס.

ס'איז נאָך געווען גוט, אויב מע האָט, פֿאַרן צוטרעטן צו דער איבערזעצונג, געפֿרעגט אַ דערלויבעניש באַם שרייַבער. אַנדערע האָבן אַפֿילע ניט געפֿרעגט און געדרוקט אין דער פּראָווינציעלער פּרעסע אַזעלכע איבערזעצונגען, אַז עס האָט געקערט פֿון זיי די גאַל, און שאָלעם־אַליכעם איז ניט אימשטאַנד געווען צו פֿאַרצאַמען דעם שטראָם פֿון מאַכערייַקעס, וועלכער האָט גענומען פֿליסן אונטער זייַן נאָמען.

וואָס שייַך מאַיסיי אָסטראָווסקין, האָט שאָלעם־אַליכעם דערווייַל ניט געהאַט קיין סיבע אויף אים זיך צו בייזערן: עפּשער איז ער גאָר אַ מענטש, וואָס מע קאָן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן? און ער האָט אים געענטפֿערט מיט דער פֿולער ערנסטקייַט. צי האָט מ. אָסטראָווסקי עפּעס פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון זייַנע איבערזעצונגען? גיכער פֿאַר אַלץ, ניין. אַלנפֿאַלס, אין קיין שום ביבליאָגראַפֿישער רעשימע פֿון שאָלעם־אַליכעמס ווערק, איבערגעזעצט אין רוסיש, איז זייַן נאָמען ניטאָ ווייַזט אויס צו שטרענג איז שאָלעם־אַליכעם געווען צו מ. אָסטראָווסקיס פּרווון, און ער האָט אים קיין דערלויבעניש זיי צו פֿאַרעפֿנטלעכן ניט געגעבן.

ליובאָוו פּוסטילניק,
קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

נײַע דאָקומענטן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען

וי באַוווּסט, איז שאָלעם־אַלייכעם געווען באַקאַנט מיט לעוו טאָלסטאָיען, טשעכאָוון, קופּרינען, גאָרקין.

הײַנט קאָן מען דערציילן וועגן נאָך איין בלעטל פון זײַנע פאַרבינדונגען מיט רוסישע שריפטשטעלער, מיט דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס וועט דערמעגלעכן אַרײַנצוטראָגן אינטערעסאַנטע שטריכן אין שאָלעם־אַלייכעמס שעפערישער ביאָגראַפיע, פאַרברייטערן אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן זײַן שאַפונג און טעטיקײַט.

די דאָקומענטן און בריוו פון אַלעקסאַנדער וואַלענטינאָוויטש אַמפיטעאַטראָוון, וועלכע מיר האָבן געפינען אין די פאָנדן פונעם ספּעציעלן אָפּטייל פון דעם פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, גיבן אַ מעגלעכקײַט צו כאַראַקטעריזירן שאָלעם־אַלייכעמען אין יענער צײַט, ווען דער קראַנקער שרײַבער, מוזנדיק זיך היילן, האָט געלעבט אין איטאַליע, ניט אָפּשטעלנדיק זײַן אינטענסיווע אַרבעט.

נאָך דעם, ווי אַמפיטעאַטראָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „ראָסיאַ" אין 1902 זײַן פעליעטאָן „די הערן אָבמאַנאָווס", וועלכער דעמאַסקירט די צאַרישע זעלבסטהערשונג, און די צאַרישע מישפּאָכע באַזונדערס, האָט מען אים שוין אויפן צווייטן טאָג אַרויסגעשיקט פון פעטערבורג אָן אַ געריכט און אויספאָרשונג קיין סיביר, אין דער מינוסינסקער גובערניע, אונטער דעם שטרענגסטן אויפזיכט פון דער פאָליציי. דער קייסער און זײַנע נאָכלויפער, דערקענענדיק זיך גופא אין די פערסאָנאַזשן פונעם פעליעטאָן, וועלכער איז ברייט באַוווּסט געוואָרן ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד, האָבן זיך געסטאַרעט אָפּרעכענען זיך מיטן מעכאַבער.

ניט צופעליק האָט וולאַדימיר איליטש לענין אין זײַנע צוויי אַרטיקלען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין זעלבן 1902 יאָר אונטער די נעמען „סימאָנים פון באַנקראָט" און „אַ בריוו צו די זעמצעס", אויסגעניצט דעם אויסדרוק פונעם פעליעטאָן „ניקאָלײַ אָבמאַנאָוו", צופּאַסנדיק אים „צו דער אָפּשאַצונג פון ראָמאַנאָווס פאַרוואַלטונג מיט רוסלאַנד, וואָס האָט געבראַכט צו אַ רויִנירונג פונעם לאַנד און געשטעלט בעדאַלעס די פויערישע מאַסן" (וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, באַנד VI, ז. 274, 279).

ווען מע האָט אַמפיטעאַטראָוון אַריבערגעפירט,



שאָלעם־אַלייכעמס פאָרטרעט, געמאָלט פון זײַן זון ניומע ראַבינאָוויטש

נאָך פילצאָליקע פּראָטעסטן, פון סיביר קיין וואָלאָגדע, האָט אים מיט גרויס מי זיך אײַנגעגעבן איבער זײַן קראַנקהײַט צו באַקומען אין 1904 אַן אויסלענדישן פּאַס אונטערן אויסרייד, אַז ער דאַרף זיך היילן אין אויסלאַנד. צוערשט האָט ער געלעבט אין פראַנקרײַך, וווּ ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם זשורנאַל „קראַסנאָיע זנאַמיאַ" („די רויטע פאָן") מיט אַן אַנטיצאַרישער ריכטונג. אין אָט דעם זשורנאַל האָט מיטגעאַרבעט אויך גאָרקי. שפּעטער איז אַמפיטעאַטראָוו אַריבערגעפאָרן קיין איטאַליע און געלעבט דאָרט אין קאַווי און פעצאַנאָ. שאָלעם־אַלייכעם האָט דעמאָלט זיך געהיילט ניט ווײַט פון נערווי. מיר ווייסן ניט, ווען פּינקטלעך זיי האָבן זיך באַקאַנט, נאָר, ווי עס ווײַזט אויס, אין סאַמע אָנהייב, ווען שאָלעם־אַלייכעם איז געקומען אַהין, ווײַל אין די געפונענע בריוו פון 1912 פילט זיך, אַז זיי האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן נאָך פריִער. אַמפיטע־

אטראָוו האָט, מיסטאָמע, זיך געווענדט צו שאָלעם־אליכעמען, ווען ער האָט פארטראכט דעם נײַעם זשורנאל „סאָווּרעמעניק" („מיטצײַטלער"), וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן, אָנהייבנדיק פון 1911, אין פעטערבורג. די רעדאקטאָרן זײַנען געווען אליין אמפיטעאטראָוו, גאָרקי אאַ. אין איינעם פון זײַנע בריוו האָט שאָלעם־אליכעם מיטגעטיילט: „עס האָט זיך געווענדט צו מיר אן אָנגעזעענער רוסישער ליטעראטאָר מיט א פאָרשלאָג אָנטיילצונעמען אינעם דיקן זשורנאל „סאָווּרעמעניק", וואָס וועט דערשײַנען אין פעטערבורג. צווישן די מיטארבעטער האָט מען מיר אָנגערופן מ. גאָרקין און אנדערע. און אָט וואָס מע שרײַבט מיר ווײַטער: „מיר און מײַנע כאוויירים וואָלט געווען העכסט אָנגענעם, ווען איר וואָלט אָנטיילגענומען אין אונדזער זשורנאל". איך האָב געענטפערט מיט מײַן האסקאָמע". אָן שום סאָפעק, אז עס איז געגאנגען א רייד וועגן דעם אָנטייל אין „סאָווּרעמעניק", ווו שאָלעם־אלייכעם האָט בעמעשעך פונעם יאָר 1912 געדרוקט פון נומער צו נומער זײַנע „בלאָנדזשנדע שטערן".

ווי עס איז צו זען פון די דאָקומענטן, וועלכע מיר האָבן געפונען אין די פאָנדן פונעם ספּעציעלן אָפּטייל פון דעם פּאָליציי־דעפּארטאמענט, האָבן גאָרקי, שאָלעם־אלייכעם און אמפיטעאטראָוו זיך געפונען אונטערן אויפזיכט פון דער פּאָליציי. די רוסישע מאכט־אָרגאנען האָבן געבעטן, עס זאָלן נאָכשפּירן נאָך זיי די איטאליענישע מאכט־אָרגאנען. מע האָט אויך געשפּירט נאָך די פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך באגעגנט מיט גאָרקין, אמפיטעאטראָוון, ווי אויך מיט שאָלעם־אלייכעמען.

נאָך אין 1905 האָט די צענזור פארבאָטן שאָלעם־אלייכעמס ראָמאן „דער מאבל", געווידמעט דער רעוואָליוציע, און די מאכט־אָרגאנען האָבן זיך באצויגן צום שרײַבער מיט געשפּאנטער אויפמערקזאמקייט. קאָנטראָלירנדיק זײַן קאָרעספּאָנדענץ, ווי אויך אמפיטעאטראָווס, האָבן די זשאנדארם־באאמטע זיך געסטארעט אָפּהיטן בא זיך ניט נאָר די אמערסטן „געפערלעכע" אויסצוגן פון די בריוו, נאָר אויך דעם גאנצן טעקסט זייערן. זיי האָבן ארופגעלייגט קאלקירט פּאפּיר אויפן אָריגינאל און אויף אזא אופן אראָפּגענומען א פּינקטלעכע קאָפּיע. די דאָזיקע „קאלקירטע" בריוו האָבן מיר טאקע געפונען אין די פאָנדן פונעם פּאָליציי־דעפּארטאמענט.

אמפיטעאטראָוו איז געווען א טאלאנטפולער בעלעטריסט און פּובליציסט, וועמענס ווערק ס'האָבן הויך אָפּגעשאצט גאָרקי און שאָלעם־אלייכעם (מ. גאָרקי. געזאמלטע ווערק, באנד 28, ז. 29—30). הויך שעצנדיק זײַן עסטעטישן כוש, האָט אלעקסיי מאקסימאָוויטש אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו אמפיטעאטראָווס מיינונגען וועגן ליטעראטור, וועגן זײַנע נײַע ווערק, זיך געטיילט מיט אים מיט זײַנע שעפערישע פּלענער און פארטראכטן. שאָלעם־אלייכעם האָט אויך זיך צוגעהערט צו זײַנע אָפּרופן. באזונדערס איז ער געווען צופרידן דערמיט, וואָס אמפיטעאטראָוו האָט הויך אָפּגעשאצט זײַן ראָמאן „בלאָנדזשנדע שטערן", וועלכן ער האָט געלייענט נאָך אין אָריגינאל. אמפיטעאטראָוו האָט געפונען אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק „פיל אויפבליצן פון הומאָר, וועלכע ס'איז אוממעגלעך איבערצוזעצן און וועמענס פּרעכטיקייט איז פארשטענדלעך, ווי עפּעס אייגנס". ער האָט אייפערדיק זיך באצויגן צו די איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק אויף רוסיש, סטארענדיק זיך, אז אין זיי זאָלן פארהיט ווערן „דער גײַסט און דער טאָך" פונעם אָריגינאל. אמפיטעאטראָוו איז געווען איבערצײַגט, אז איבערזעצן שאָלעם־אלייכעמען אויף רוסיש קאָן בלויז א מײַסטער, וועמענס טאלאנט איז קרויוויש דעם אויטאָר, און בעסער פון אלץ וואָלט געווען, ווען דער איבערזעצער וואָלט געקאָנט, ארײַנלייענענדיק זיך אין א בלעטל פונעם אָריגינאל, איבערדערציילן זײַן הומאָר מיט א בלעטל פונעם רוסישן הומאָר. אין איינעם א בריוו צו גאָרקין האָט שאָלעם־אלייכעם אונטערגעשטראָכן, אז אמפיטעאטראָוו איז געבליבן מיט דער איבערזעצונג פון זײַן בוך „אבסאָליוט צופרידן", דערבײַ איז שאָלעם־אלייכעמען געפעלן געוואָרן אמפיטעאטראָווס ארטיקל אין דער צײַטונג „אָדעסקיע נאָוואָסטי" (1910, 2 מארט). אמפיטעאטראָוו האָט געגעבן וועגן זײַן בוך אזא באגײַסטערטן אָפּרוף, „אז דעם אוטאָר איז פּאשעט ניט אָנגענעם געווען צו לייענען" (גאָרקיס ארכיוו).

אין די בריוו ווערן דערמאָנט די נעמען פון גאָרקין, קופּרינען, אײַזמאנען, וועמענס ווערק עס האָבן אויך זיך געדרוקט אינעם זשורנאל. ס'איז אינטערעסאנט, אז גאָרקי, וואָס האָט אין יענער צײַט געלעבט אפן אינדזל קאפּרי (איטאליע), ווו אין 1909 איז געווען בא אים צוגאסט גערמאן לאָפּאטין, וועלכער האָט זיך ארויסגעריסן פון דער שליסלבורגער פעסטונג נאָך 20 יאָר טפיסע, האָט באקאנט שאָלעם־אלייכעמען מיטן מערקווירדיקן רעוואָליוציאָנער, ווײַל אין איינעם פון זײַנע בריוו צו גאָרקין דערמאָנט שאָלעם־אלייכעם וועגן אים.

אמפיטעאטראָוו האָט אונטערגעטראָגן שאָלעם־אלייכעמען אלס מאטאָנע זײַנע ביכער מיט ווארעמע אויפשריפטן, ער אינטערעסירט זיך קעסיידער מיט זײַנע ליטעראַרישע איניאָנים, מיט זײַן שעפערישער ארבעט.

אמפיטעאטראָווס אומבאוווּסטע בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען גיבן א מעגלעכקײַט צו פארברייטערן די ידיעס וועגן דעם דיאפּאזאָן פון די פארבינדונגען פון דער ייִדישער און רוסישער ליטעראטורן. אין דער איצטיקער פּובליקאציע ווערן פון די בריוו ארויסגעלאָזט יענע ערטער, אין וועלכע זייער אויטאָר ווענדט זיך אָפּ אויף צווייטראנגיקע פראגן.

1. אַלעקסאַנדער אַמפֿיטעאַטראָוו אַרויס בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען

טעזאַנאָ, 23 מײַ 1912.

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

אַדאַנק פֿאַר דעם בריוו. איך ענטפֿער, ווי איר ווינטשט, טייקעף. איך וואָלט מיט פֿאַרגעניגן זיך גענומען צו רעדאַגירן זאַמלביכער, אָבער לאַכלוטן ניט אויף קאָמערציעלע, ד.ה. פּראָצענטבאַציִונגען, האַגאַם זיי וואָלטן עפּשער געווען לוינבאַרער. אָבער אַ קאָמערץ־זאַך פֿאָדערט אויך אַ קאָמערץ־קאָנטראָל, און איך פֿאַרמאָג ניט אין מאָסקווע און אין פּעטער־בורג קיין מענטש, וועלכן איך וואָלט געקאָנט אָט דעם קאָנטראָל באַופֿטראָגן, ד.ה. אַ נאָענטן און פּראַקטישן מענטשן. [...]

...און פֿאַרוואָס זאָל אײַער פֿאַרלעגער ניט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ זשורנאַל אָנשטאָט זאַמלביכער? אַ גוטע רעדאַקציע פֿאַר אַ זשורנאַל איז בײַ מיר אײַנגעאָרדנט אין אויסלאַנד, און אויב מע קאָן דאָס אויפֿקשטעלן טעכניש אין רוסלאַנד, וועט עס אונדז געבן לאַנגזאַמערע לוינבאַרקײַטן, אָבער אַ סך פֿעסטערע, איידער זאַמלביכער. דער „סאָוורעמעניק" האָט שוין אַ טיראַזש פֿון 6.500 עקזעמפּליאַרן אין יאַנואַר. אויב איך וועל האַרבסטצײַט אָנהייבן אַרויס־לאָזן אַ זשורנאַל, וועט די מערהײַט פֿונעם פּובליקום אַריבער צו מיר, ווײַל די אַבאָנענטן וועלן מיט מײַן אָוועקגיין זײַן זייער ניט צופֿרידן. איך באַקום גאַנץ אָפֿט פֿון זיי בריוו מיט אָנפֿראַגעס, אויף וואָס פֿאַר אַ זשורנאַל איך רעקאָמענדיר זיי זיך אַבאָנירן.

איך רעקאָמענדיר „זאַוועטי" („געבאָטן")...

דעם זשורנאַל האַלט איך פֿאַר בעסער איידער אַ זאַמלבוך, ווײַל ער גיט מיר ראַכוועס אַלס פּובלי־ציסט, און דאָס איז מײַן לײַבלעכע זאַך, ס'איז נאָך ניט געווען קיין פֿאַל, איך זאָל דעם פֿאַרלעגער ניט זײַן לוינבאַר אַלס אַזעלכער.

איז אָט, גיט אַ טראַכט וועגן די אַלע אומשטאַנדן. אויב מיר וועלן זיך צונויפֿריידן, איז גוט, אויב ניט, האָב איך אַזוי אויך אַ וועלט מיט אַרבעט. אויב דער פֿאַרלעגער קלײַבט זיך קיין טעזאַנאָ, — זאָל ער וואָרענען מיט אַ טעלעגראַמע.

ווי האַלט בײַ אײַך מיטן געזונט און ווי לעבט זיך?

איך שיק אײַך עטלעכע ביכלעך מײַנע.

אַ גלענצנדע זאַך „די בלאָנדזשנדע שטערן"! פֿאַר דער איבערזעצונג פֿון דעם לעצטן טייל אינעם אַפּרעל־נומער וואָלט מען נעזשדאַנאָוון געדאַרפֿט גוט שמײַסן איבער די ווייכע ערטער, נאָר ער איז אויסגעמאָגערט און דאַר, ווי אַ שפּיז. מע קאָן דאָך ניט אָנשטאָט «довольно» שרײַבן «хватит» אאַז"וו. און אַ געוויסער כאָכעם אין דער רעדאַקציע לאָזט דורך אַזעלכע נאַרישקײַטן.

זײַט געזונט. איך ווינטש אײַך אַלדאָס גוטס. אַ גרוס אײַערע.

אײַער אַ. אַמפֿיטעאַטראָוו

3 יון 1912

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

אַדאַנק פֿאַר די בריוו און קלאַפּאַטעס.

ל. אַ. סטאָליאַר האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַלס אַ זאַכלעכער מענטש, מיט וועלכן מע קאָן פֿאַר־ווירקלעכן אויף אַ קאָמערץ־אויפֿן אַ קעסיידערדיקן קאָנטאַקט. ס'איז אָבער אַ סאָפֿעק, צי ער טויג פֿאַר אַן אַרויסגעבער פֿון אַ זשורנאַל.

דעם פּראָיעקט פֿון מײַנע טנאָיִם מיט אים האָט ער אײַך, פֿאַרשטייט זיך, באַוויזן. מע דאַרף נאָך איין פּונקט צוגעבן...

די אָנטיילנעמער פֿונעם זאַמלבוך דאַרף מען געבן צו וויסן קאַנגזײַטיק וועגן די קסאָוויאַדן, וועל־כע זײַנען אָנגעמערקט פֿאַר אים, און אַן דער האַס־קאָמע קאָן דער נײַער אַוטאָר ניט אָנגענומען ווערן [...].

זייער אַ גוטע טעמע האָט איר גענומען פֿאַרן זאַמלבוך. און צו דער צײַט, זי וועט האָבן אַ גרויסן דערפֿאָלג.

איך וועל אײַך, מיסטאַמע, געבן אַ גרעסערע דערציילונג אונטערן נאָמען „די צעשמעטערטע אַר־מיי" — וועגן דער נאָכרעוואָליוציאָנערער עמיגראַ־ציע [...].

...בעטעגייע אײַער זאַך, טײַערער שאָלעם. גיט זייער גוט אַ טראַכט וועגן דער איבערזעצונג, ווײַל נעזשדאַנאָוו, האַגאַם ער איז אויף אַ קאָפּ העכער פֿון די פֿריִערדיקע איבערזעצער אײַערע, קאָן די רוסי־שע שפּראַך בלויז אומגעפֿער, און דער רעשט ווייסט, וואָס ער האָט אָנגעפּלאָפּלט אינעם אַפּרעל־נומער פֿון „סאָוורעמעניק".

אויב איר ווילט און טרויט מיר אָן, שיקט צו דעם קסאָוויאַד אָדער די קאָרעקטור פֿון דער אי־בערזעצונג מיר, איך וועל דורכקאָנטראָלירן. זשאַ־לעוועט אויך ניט קיין פֿאַרקירצונגען, פֿאַרקירצט מיט אַ ברייטער האַנט. אַ גרויסע צאָל אומעגלעכע צו ווערן איבערגעזעצט אויפֿבליצן פֿון אײַער הומאָר און קלייניקײַטן, די שיינקײַט פֿון וועלכע ס'איז פֿאַרשטענדלעך ווי אייגענע און זיי זײַנען נייטיק פֿאַר דעם ייִדישן אוילעם, וואָס לייענט אײַך אפֿן זשאַרגאָן, ווערט אין דער רוסישער איבערזעצונג פֿאַרפֿאַלן אָדער ווערט אומגעלומפּערט און איז אַ באַלאַסט... אַגעוו, האָבן מיר מיט אײַך שוין ניט איין מאָל וועגן דעם געשמועסט. אייגנטלעך, דאַרף מען אײַך איבערזעצן אַזוי, ווי אירינאַרך ווערעדענסקי האָט אין די 40־ער יאָרן איבערגעזעצט דיקענסן, אַרײַנלייענענדיק זיך אין אַ בלעטל פֿונעם אָריגי־נאַל, האָט ער אָפּגעלייגט אין אַ זײַט דעם בוך און איבערדערציילט אַ בלעטל ענגלישן הומאָר אויף אַ בלעטל רוסישן הומאָר. אָבער צוליב וואָס דאַרף מען האָבן טאַלאַנט, אויב ער איז ניט געגליכן צום אויטאָרס. זאָל ער כאָטש זײַן קרויוויש צו אים. מע דאַרף גלענצנדיק קענען ביידע שפּראַכן. און ווו וועט איר געפֿינען אַזעלכע רעליקטן? זײַט גע־זונט. אַלדאָס גוטס אײַך. אַ גרוס אַלע אײַערע.

אײַער אַל. אַמפֿיטעאַטראָוו

טעזאנע, 16 יון 1912

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

קופּרין איז מאַסקים אַנטײלצונעמען אין דעם זאַמלבוך, נאָר װײַל ער איז מיטן האָנאָראַר (350 רובל), װעלכן כ׳האָב אים פֿאַרגעלייגט, ניט צופֿרידן, איז זאָל ער זיך דינגען מיטן פֿאַרלעגער אַליין. אַזױװי איך האָב פֿאַרגעסן נעמען ל. א. סטאָליאַרס אַדרעס, װעט קופּרין זיך צונױפֿריידן מיט אײַך, דאָס איז נאָך בעסער, װײַל ער איז א באָכער א גאַכלעסיקער און האָט א שװאַכן װיקאָרן, איז שרײַבט איר אים אַליין אָן קיין ניצא (Hotel Slavia). סטראָשעװסקי האָט זײַן גרעסערע דערצײלונג, צום באַדױערן, שױן פֿאַרקױפֿט. ס׳װאָלט געװען גוט צוציִען צו דער זאַך אײַזמאַנען.

אַף װידערזען. איך װינטש אײַך אַלדאָס גוטס.

אײַער אַל. אַמפֿיטעאַטראָװ

23 יון 1912

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

גאָרקי איז מאַסקים צו געבן אײַנעם זאַמלבוך א דערצײלונג פֿון אײן בױגן. אַלזאָ, פֿון מײַן זײַט איז אַלץ אָפּגעטאָן און אײַנגעאָרדנט, װי איך האָב צוגעזאָגט. פֿון סטאָליאַרן האָב איך ניט קיין שום ידיעס, קיין געלט איז, װי ס׳איז אָפּגערעדט געװען, אױך ניט אַריבערגעפֿירט געװאָרן. װאַרטנדיק א װאָך העכער דעם טערמין, טײל איך עס אײַך מיט. איך װעל װאַרטן נאָך 4 טעג, אױב איך װעל נישט באַקומען ניט קיין ידיעס און ניט קיין געלט, װעל איך האַלטן, אַז דאָס געשעפֿט איז ניט געמאַכט געװאָרן און װעל זיך זעצן פֿאַר אַן אַנדער אַרבעט, אָן קיין שום אַנציקונג, װאָס אַזױפֿיל צײַט איז געפּאַטערט געװאָרן אומזיסט...

זײַט געזונט. איך װינטש אײַך אַלדאָס גוטס.
א גרוס אַלע אײַערע.

21 יול 1912

אײַער א. אַמפֿיטעאַטראָװ

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

מיר װײַזט זיך אױס, אַז די אױפֿפֿירונג פֿון אײַער סטאָליאַר אין דעם איניען מיטן זאַמלבוך רעדט װעגן אַן אונטערנעמער, װעלכער סטאַרעט זיך, ניט פֿאַרמאָגנדיק קיין גראָשן אין קעשענע, צו שאַפֿן אַפֿן כעזשבן פֿון פֿרעמדע אױטאָריטעטן אַן אײגן היפּש געשעפֿט. צי איז עס אַזױ אָדער ניט אַזױ, נאָר די זאַך דוכט זיך מיר אױס צװײפֿלהאַפֿט און איך זאָג זיך אָפּ אַנטײלצונעמען אין אים, ביפּראַט, אַז איך האָב אױסגעפּילט דעם אָפּמאַך.

װעגן גאָרקיס און קופּרינס האָנאָראַר האָט אײַך דער פֿאַרלעגער פֿון „שיפּאָװניק" געזאָגט דעם גאַנצן עמעס, אין יענע אױסגאַבעס, װעלכע איך האָב רעקאָמענדירט, נעמט גאָרקי 400—500 רובל, קופּרין — 350—450.

מיט גאָרקין בין איך מיִעס אַרײַנגעפֿאַלן פֿאַר דעם קומענדיקן זאַמלבוך. און קופּרין קלײַבט זיך בעטן בא סטאָליאַרן העכערן א ביסל דעם האָנאָראַר.

פֿאַרשטײט זיך, אַז איצט װעט מיר אױסקומען אַנשרײַבן סײַ דעם, סײַ יענעם, אַז אינעם איניען זײַנען ניט געװען בלױז צוזאָגענישן.

אים בין נאָך אַלץ זײער קראַנק. כ׳האָב דורכגעלאָזט א סאַך אַרבעטסטעג און פּאָר פּאַטענציִעלע אײַנפֿאַלן, עפֿעקטיװע אונטערנעמונגען, װי סטאָליאַר, האָב איך איצט קיין צײַט ניט.

צום װידערזען. איך װינטש אײַך אַלדאָס גוטס.
א גרוס דער מישפּאָכע!

אײַער א. אַמפֿיטעאַטראָװ

1 אױגוסט 1912

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

עטלעכע טעג בין איך ניט געװען אינדערהײם — געװען בא מאַקסים גאָרקין, װעלכער האָט, דערװיסנדיק זיך, אַז דער פֿאַרלעגער איז סטאָליאַר, געזאָגט: „א שאָד, װאָס איר האָט מיר פֿריִער װעגן דעם ניט אָנגעשריבן".

איך װאָלט אײַך גלײַך געענטפֿערט, אַז דער האָזיקער איניען װעט ניט גײן און ניט דורכגײן, אַז גאָרקי, װאָס שטײט un ourant פֿון די פֿאַרלעגערישע איניאָנים און פֿירמעס, איז גערעכט, װאָס ער שיקט אָפּ דעם בריװ פֿון סטאָליאַרן, װעלכן איך האָב נעכטן באַקומען און אױף װעלכן איך האָב געמוזט ענטפֿערן מיט א בריװ, װעמעס קאָפּיִע איך שיק אײַך. דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך ניט קיין צײַט צו װאָגען זיך מיט אַזעלכע פֿאַרלעגער. קופּרין קען אים, לאָזט זיך אױס, אױך (לױט גאָרקיס װערטער) און מע קאָן אים בשום־אופֿן ניט גלײבן, אַזױ אַז איך האָב אָט דעם איניען געװאָרפֿן, כ׳האָב מױרע פֿאַר אים, ביפּראַט נאָך הינטער־אױגיק. ער קאָן נאָך אונדז אַלעמען קאָמפּראָמעטירן מיט זײַן טאַקטלאָזיקײַט.

זײַט געזונט. איך װינטש אײַך אַלדאָס גוטס.

אײַער א. אַמפֿיטעאַטראָװ

19 אױגוסט 1912

טײַערער שאָלעם־אַלייכעם!

אין טאַלמוד איז געזאָגט: קיינמאָל שטױס ניט אָפּ דעם זינדיקן מיט בײדע הענט. ביפּראַט נאָך, אױב ער דריקט אױס זײַן כאַראָטע אין א ריכטיקער פֿאָרם. איך בין דאָך ניט אַזאַ קאַפּיטאַליסט, אַז איך זאָל זיך װאַרפֿן מיט טױזנטרובלדיקע אַװאַנסן, ביפּראַט נאָך, אַז זײַן װאַרטן איז געװען די סיבע, פֿאַרװאָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אײניקע אַנדערע פֿאַרשלאָגן, װאָס עס איז פֿאַרבונדן מיט געלטמאַנגל. דעריבער, אױב איר װעט צושיקן א דערצײלונג, װעל איך אײַך געבן געלט, ביפּראַט נאָך, אַז איר װעט אַנטײלנעמען אינעם זאַמלבוך.

אָבער קיין שום פֿאַרמיטלונגען קאָן איך מער ניט נעמען אױף זיך. װײַל כאַפּן קופּריען מיט זײַנע שיקורים האָב איך קיין צײַט ניט, און זײַנע הינטער־אױגיקע צוזאָגענישן זײַנען א מיף...

װאָס איז שײַעך גאָרקין, האָט א. ל. סטאָליאַר אַבסאָליוט קאַליע געמאַכט די זאַך, און נאָך דעם שלימאַזלדיקן טשעק האָט גאָרקי גענומען זײַן האַסקאָמע צוריק גאַנץ קאַטעגאָריש. װידער ריידן מיט אים אין שײַכעס דערמיט װעל איך קאָנען בלױז דאַן, װען איך װעל האָבן אין די הענט געלט, קעדײ אָפּן אָרט זיך צעצאָלן מיט אים פֿאַר זײַן בױגן,

אויב ער וועט מאסקים זײַן. אינצווישן זײַנען גרייט בײַ אים צוויי דערציילונגען, וועלכע ער האָט מיר געלייענט אין Measio. איין דערציילונג איז א גוטע, די צווייטע — זייער א גוטע, אפילו 500 רובל איז ניט קיין שאָד צו געבן פאר זיי[...].

...מיט אײַער ראָמאַן אין א גוטער איבערזעצונג, איך מיין „די בלאָנדזשנדע שטערן", וועט מען אומעטום זײַן צופרידן. שיקט אים אָפּ וואלערי בריוסאָוו אין „רוסקאיא מיסל". ער איז א פילכאָרער. דעם ערשטן נומער פון דעם „סאָווּרעמעניק" האָט מען ווירקלעך קאָנפיסקירט.

זײַט געזונט. איך ווינטש אײַך אַלדאָס גוטס.

אײַער אל. אמפיטעאַטראָוו

2. שאָלעם־אַלייכעמס אן אווטאָביאָגראַפיע

אין 1902 האָט גאָרקי, וועלכער איז געשטאַנען בעראָש פונעם פארלאג „זנאַניע", זיך געווענדט צו שאָלעם־אַלייכעמען מיט א באַקאַשע, ער זאָל אָנשרײַבן זײַן אווטאָביאָגראַפיע. אויספילנדיק די דאָזיקע ביטע, האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעשריבן „פון א בריוו צו א פרײַנט", וואָס איז דאַטירט מיטן סאָף 1902. מיר ברענגען דעם דאָזיקן בריוו.

„איר שלאָגט מיר פאָר אָנשרײַבן פאר אײַער אויסגאַבע מײַן אווטאָביאָגראַפיע, כאָטשבי אײַנקורצן. דאָס איז אָבער אוממעגלעך, ווי איז צו א קאָמפּליצירטע און צו רײַך מיט אַלמעגלעכע עפּיזאָדן — ביז גאָר לעכערלעכע און אויסערסט טרויעריקע.

אָפּלייגנדיק אין א זײַט די דאָזיקע ארבעט אויף אן אנדערס מאָל, וועל איך זיך סטאַרען אײַך געבן בלויז אייניקע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן זיך, אין א געפּרעסטער פאָרם.

געבוירן בין איך אין דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו, פּאָלטאַווער גובערניע, דעם 18 פעוראַל 1859 אין א ניט רײַכער, אָבער אינטעליגענטער (אין ייִדישן זין) מישפּאָכע. א דערציִונג האָב איך באַקומען א שטרענג רעליגיִעזע: זיך געלערנט אין אן חדר, פּיִנצטערן און פאַרפּעשטן כיידער ביז 15 יאָר, ניט וויסנדיק די רוסישע שפּראַך, און האָב ארויסגעוויזן גרויסע האָפענונגען צו ווערן א ראָוו אָדער ביכלאַל א ייִדישער געלערנטער. איך גופע האָב געטרוימט זײַן א שויכעט אָדער א מוזיקאַנט, האָטש צווישן די דאָזיקע צוויי פּראָפעסיעס איז ווי באַוווּסט, קיין שום געמיינזאַמס ניטאָ. פארוואָס האָב איך גראָד געוואָלט ווערן א שויכעט אָדער א מוזיקאַנט, קאָן איך ניט דערקלערן. עפּשער דערפאַר, וואָס אין דער סאַמע פריִער קינדהײַט האָב איך זיך געלערנט בײַ א שויכעט, וועלכער האָט, אַגעוו, געשמיסן זײַנע טאַלמידים, ווי נאָר עס קאָן שמײַסן א שויכעט, דה. אויף אן אוממראַכמאָנעסדיקן אויפן, און איך האָב איבער עפּעס געהאַט פאר אָט דעם רעצייעך דעם טיפּסטן ייִראַס־האַקאָוועד. וואָס איז שײַך מוזיק, האָב איך פון קינדווײַז אָן געהאַט א פאַרבאָרגענע לײַדנשאַפט צום פידל, און ניט נאָר צום פידל, נאָר צו יעדן מענטשן, וואָס האָט געשפּילט אויף א פידל. איך האָב אָנגערופן די דאָזיקע לײַדנשאַפט פאַרבאָרגענע, ווײַל איך האָב עטלעכע מאָל זיך גענומען געהיים, פארשטייט זיך, לערנען זיך שפּילן אויף א פידל און יעדעס מאָל האָט דער טאַטע מיך געשלאָגן פאר „די מיִעסע טנועס". פונדעסטוועגן, האָב איך געהיים פארהיט די סימפּאַטיע צו אָט דעם אינסטרומענט, צו וועלכן איך בין געבליבן ניט גלײַכגילטיק ביז הײַנט.

עס זײַנען פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען אינעם לעבן פון אונדזער געזינד, ס'איז געשטאָרבן די מוטער, די איניאָנים זײַנען אוועק אראָפּ־באַרג, און אין די אָנשוויִנגען פון מײַן פאָטער איז פאָרגעקומען א שארפע איבערקערעניש: טראָץ דעם ווילן און די פּראָטעסטן פון אלע קרויווים, האָט ער באַשלאָסן מיך אָפּגעבן זיך לערנען אין א רוסישער שול, און גראָד אין א שול בײַם קלויסטער (פּריכאָדסקאַיע אוטשילישטשע), און פון דאָרט שוין אין אן אויעזדנער שול, קעדיי באַקומען „עכטע" בילדונג. און אָט האָב איך, א פּופּצניאָריקער באָכער, „קימאַט א כאָסן", ווי מע האָט גערעדט בײַ אונדז אין דער מישפּאָכע, זיך גענומען פאַרן אַלעפבייס, און נאָך אים אויך פאר געאָגראַפיע. איך דערמאָן וועגן געאָגראַפיע דערפאַר, ווײַל נעמלעך די איז, אין רעזולטאַט פון דער לערע וועגן דער קײַלעכדיקער פאָרם פון דער ערד און פון איר באַוועגונג ארום דער זון, ניט געווען צום האַרצן איינעם פון מײַנע פעטערס, ווען ס'האָט באַזונדערס אופגעבראַכט די שעדלעכע טעאָריע, וועלכע איז דירעקט אין סטירע מיט דער הייליקער טוירע, ווו ס'איז קלאָר געזאָגט, אַז יעזוס באַווין האָט באַפוילן דער זון צו בלײַבן אין דער שטאָט גיבעאָן. קעדיי אײַנשטילן דעם ניט אויף א שפּאַס צעבייזערטן פעטער, האָט דער טאַטע אים אײַנגעטײַנעט, אַז אין יענע צײַטן האָט די ערד, מיסטאָמע, זיך נאָך ניט געדרייט. דאָס האָט דעם פעטער באַרויִקט...

ניט לײַכט אָבער האָט זיך מיר אײַנגעגעבן די לער און ניט זיס זײַנען מיר געווען די קינדערשע יאָרן. נאָך דער מאַמעס טויט האָט דער טאַטע טייקעף גענומען א שטיפמוטער פאר זײַנע קינדער. זי האָט זיי פאַרפאָלגט און אויף קאָלערליי אויפאַנים גערוידעפט, צווינגענדיק זיי אויספילן קאָלערליי שווארצע שטוב־ארבעט. אזויווי בײַ אונדז איז געווען אן „ארײַנפאָר־הויז", איז אויף מײַן כיילעק ארויסגעפאַלן דער קאָוועד צו זײַן דער הויפּטאַרײַנפירער, דה., כ'האָב געדאַרפט זיצן גאַנצענע טעג בײַ די טויערן, אויף א בענקעלע, און אויסוואַרטן ציִ ס'וועט זיך ניט באַווײַזן א וואָסער־ניט־איז פורגאָן אָדער א באַלעגאָלע, און אויב ער וועט זיך באַווײַזן, זאָל ער ניט פאַרבײַפאָרן, און טאָמער וועט ער פאר־

בײַפֿאַרן, — דאַן באַווײַזט זיך ניט דער שטיפמוטער פאַר די אויגן — זי וועט דיך האַרגענען. אויסער דעם אַרײַנפאָר־הויף, איז בײַ אונדז אויך געווען „אַ רענסקאָווער קעלער פונעם דאָרעם־ברעג", פאַר וועלכן דער טאַטע האָט פאַרגרייט ווײַן, געמאַכט פון שוואַרצע ראָזשינקעס עכטן „כערעס". די ראָזשינקעס האָט מען געדאַרפט האַקן, ניט נאַשנדיק, כאַלילע, עפּעס, אויס מוירע, אַז די שטיפמוטער זאָל לויט די ליפּן ניט באַמערקן, און אויב זי וועט באַמערקן, וועט זי מיימעסן. מע האָט אויך געדאַרפט פאַרוויגן אירע קליינינקע קינדער אָדער זיך שפּילן מיט זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט שפּרינגען גלאַט אַזוי, און אויב זיי וועלן שפּרינגען, וועט זי שלאָגן ביז טויט.

אַזויאַרום, האָט די לער זיך געביטן לויט דער ריי מיטן אַרײַנרופן פּאַסאַזשירן, מיט האַקן ראָזשינקעס, מיט וואַשן געפעס, מיט פּוצן שטיוול פאַר די הערן פּאַסאַזשירן, מיט וויגן און פאַרוויגן די קינדער און מיט אַנדערע אַזעלכע אַרבעטן. אָבער, ווי עס זאָגט אַ שפּריכוואָרט, — «Наука в лес не идет» („די לער גייט ניט אין וואַלד") — איך בין ניט נאָר דערפאָלגרײַך אַריבער פון איין קלאַס אינעם אַנדערן מיט לויב־ליסטעס און מיט אַ באַלוינונג „פאַר מוסטערהאַפטער פלײַס און אויסגעצייכנטע דערפאָלגן", נאָר אויך זיך פאַרנומען מיט דער ייִדישער שפּראַך און מיט אַנדערע ייִדישע לימודים, קעדיי זיך צוגרייטן אַנצוקומען אינעם ראַבינער־אינסטיטוט אין זשיטאָמיר.

צו אָט דער צײַט טראָג איך אָפּ מײַן ערשט ווערק אין געביט פון ליטעראַטור, מײַן ערשטן פּרוּוו אין לידער, פאַרשטייט זיך, — ניט אויף דעם הייליקן העברעיִש, וועלכן דער טאַטע האָט זייער ליב געהאַט, סטאַרענדיק זיך אויך מיר אײַנפלאַנצן אָט די ליבע. ביכלאַל האָט די באַציִונג פונעם פאָטער צו מיר זייער זיך געענדערט. ער האָט אָנגעהויבן זיך באַציִען צו מיר מיט אָפּשײַ, פאַרטיידיקן מיך און ניט לאָזן, אַז די שטיפמוטער זאָל מיך שלאָגן. ער האָט מיך אַבסאָליוט באַזײַטיקט פון יעטווידער שוואַרצאַרבעט און פון שטוביקע רײַסערײַען. דאָס אויבנדערמאָנטע ווערק אין פערזן, אַ נאַרישס לויטן אינהאַלט, האָט געטשעשעט זײַן פאָטערלעכע אייגנליבע. ער האָט נאָכדעם ניט איין מאָל מיר דערמאָנט, וואָס פאַר אַ רום עס דערוואַרט מיך אין דער צוקונפט און וואָס פאַר אַ קאָוועד ער וועט האָבן, מײַן טאַטע, ווען איך וועל אַרויסטרעטן פאַרן אוילעם, ווי אַ באַזינגער אויף אונדזער פּרעכטיקער, הייליקער שפּראַך פון דער ביבל און פון די נעוויִים. אָבער דער גוירל האָט באַשלאָסן אַנדערש: ניט אויף דער פּרעכטיקער, הייליקער שפּראַך פון דער ביבל און פון די נעוויִים און ניט מיט לידער האָב איך דעביוטירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויף דעם פּאַשעטן ייִדישן רייד־דיִאַלעקט, וועלכן מע רופט זשאַרגאָן. איך ווייס ניט, וועמען איך זאָל דאַנקען פאַר דער אַנטדעקונג, אַז מיטן פאָלק דאַרף מען ריידן אויף דער שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק פאַרשטייט בעסער פון אַלץ, אָבער אין 1883, ווען ס'איז נאָך די פּאָגראָמען געבוירן געוואָרן די ערשטע וואָכנשריפט אויף זשאַרגאָן (דאָס ייִדישע פאָלקס־בלעטל), בין איך אַרויסגעטראָטן מיט מײַן ערשטער דערציילונג און אײַנגיכן פאַרנומען אין איר די לאַגע פון אַ שטענדיקן פעליעטאָניסט און דערציילער, קימאַט האַרט ביזן פאַרמאַכן דעם זשורנאַל און ביז דעם מאָמענט, ווען איך האָב געגרינדעט אין 1883 מײַן אייגענעם זשורנאַל — דעם זאַמלבוך „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק". סימפּטאָמאַטיש, אַז אויך דער פאָטער, אַן אייפערזיכטיקער פאַרערער פון דער הייליקער שפּראַך, איז אײַנגיכן מאַסקים געווען מיט מײַנע אַרגומענטן לעטויוועס דער לעבעדיקער רייד־שפּראַך, פאַרפעסטיקנדיק אָט דעם געדאַנק, אויף יעדן פאַל, מיט אַ ציטאַטע אויף דער זעלבער הייליקער שפּראַך: „בעסער אַ לעבעדיקער הונט, איידער אַ טויטער לייב".

צום קאָוועד פונעם „טויטן לייב" דאַרף מען אָבער באַמערקן, אַז בעמעשעך פון מײַן קימאַט 20־יאָריקער ציטעראַרישער טעטיקײַט, וועלכע איך האָב געווידמעט מײַן פאָלק אויף דער מוטער־שפּראַך, האָב איך ניט אויפגעהערט זיך אינטערעסירן אויך מיט יענער אונדזער אַריסטאָקראַטישער ליטעראַטור, וועלכע מע שרײַבט און מע דרוקט. פון צײַט צו צײַט האָב איך אָנטיילגענומען אין אייניקע אויסגאַבעס, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אויף לאָשנקוידעש. ס'איז פאַראַן עפּעס אַ מין געהיימע פאַרבינדונג צווישן דעם ייִדן מיט זײַן היסטאָרישער שפּראַך, פּונקט ווי ס'איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן אים און זײַן היסטאָריש היימלאַנד.

אַזויאַרום, בין איך אין 1883 יאָר אַרויסגעטראָטן מיט מײַנע ערשטע ניט גרויסע ווערק און אָנטיילגענומען אין אַלע אויסגאַבעס אויף זשאַרגאָן, וועלכע האָבן זיך געדרוקט דאָ און אין אויסלאַנד. איך שרײַב פעליעטאָנען, גרעסערע דערציילונגען, סקיצן, קריטישע אַרטיקלען, ראָמאַנען, און בלויז הײַנטיקס יאָר איז צוגעגרייט געוואָרן די ערשטע אויסגאַבע פון אַ פולער זאַמלונג פון מײַנע ווערק אין עטלעכע בענדער. אונטערגעבנדיק זיך אייניקע אויסערלעכע אײַנפלוסן, האָב איך געפּרוּווט זיך ווענדן צו די טויוועס פון דער פאָטערלענדישער שפּראַך: אָפּגעדרוקט עטלעכע זאַכן מײַנע אין „יעווריסקאַיאַ אָבאָזרעניִע", „וואָסכאָד", „אָדעסקיִע נאָוואָסטי". אָבער יעדעס מאָל האָב איך זיך אומגעקערט צו מײַן באַליבטער פאָלקס־שפּראַך, וועלכע איז מיר קרויוויש און איך בין אַפילע ווי אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט איר, האָבנדיק אין זינען, אַז נײַן צענטל פון די ייִדן לייענען, ריידן און דענקען גראָד אויף אָט דעם דיִאַלעקט.

וואָס איז שײַעך דעם אינהאַלט פון דער מערהײַט ווערק, סטאַרע איך זיך, ניט פאַרפאָלגנדיק קיין באַזונדערע טענדענצן, בלויז שילדערן אין זיי דאָס ווירקלעכע לעבן פון מײַן פאָלק אין יענער פאַרדומפּענער אַטמאָספער, וועלכע ס'האָט געשאַפן דער אַזויגערופענער „טכום", — דאָס לעבן מיט אַלע זײַנע ליכטיקע און פינצטערע זײַטן, מיט זײַנע ריטועלע און טרויעריקע דערשײַנונגען, פאַרהיטנדיק די פולקומע קאַלטבלוטיקײַט פון דעם גײַסט און די פריילעכע שטימונג, וועלכע עס גיט מיר דאָס עצעם לעבן פון מײַן כידושימדיק פאָלק מיט זײַן מעשובעדיקן, ביז גאָר קאָמישן דיִאַלעקט, וואָס גיט זיך ניט אונטער קיין שום איבערזעצונג. אַגעוו, אייניקע

פון מײַנע גרעסערע בעלעטריסטישע װערק זײַנען איבערגעזעצט געװאָרן און װערן איבערגעזעצט אױף דײַטש, פּױליש און רוסיש, פאַרלירנדיק, פאַרשטײט זיך, דערבײַ זײער א סאך אין דער קאָלאָריטקײַט און קלאָרקײַט, װעלכע זײַנען אָפּהענגיק פון דער שפּראַך גופא. אזא איז די קראפט פון דער ייִדישער שפּראַך, װעלכע מע רופט און, לױט מײַן מײנונג, ניט אינגאנצן ריכטיק — זשאַרגאָן.

אזעלכע זײַנען אין אלגעמײן די סאכאקלען פון מײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט, אָנהײבנדיק פון 1883 ביז דער הײַנטיקער צײַט, דה. קימאט פאַר 20 יאָר. װאָס איז שײַער מײַן פּערזענלעך לעבן, פון װעלכן איך האָב זיך א ביסל אָפּגעשײגט אין דער זײַט פון ליטעראַטור, דאַרף איך בלױז אונטערשטרײַכן, פאַרענדיקנדיק דעם בריװ צו אײַך, אז ס'איז פאַראַן א מענטשלעך לעבן ביכלאל, און דאָס לעבן פון א שריפטשטעלער איז א באַזונדערס, װאָס שליסט אײַן אין זיך װײניק זיסקײַטן, עפּעס א מין בײזע איראָניע פונעם גורל. אָנהײבנדיק מײַן לעבנס־קאַריערע, װי איר זעט, פון אן אַרײַנרופער פון פּאַסאַזשירן און א פּוצער פון שטיװל, האָב איך שפּעטער דורכגעמאכט אלע גראַדאַציעס פונעם געזעלשאַפטלעכן לײטער. איך בין געװען א לערער, א סױכער, א קאַזיאָנער ראַבינער, א באַנקיר, א מיטאַרבעטער פון צײַטונגען און זשורנאַלן, א בירזשע־מעקלער, א רעדאַקטאָר־פאַרלעגער, אן אַגענט פאַר סטראַכירן דאָס לעבן, א פאַרמיטלער אין פּראַט פון קױפן און פאַרקױפן גיטער, װערנדיק אָפט ביז גאָר אָרעם און אמאָל א ביסל רײַך, און פאַרקערט. איך פאַרמאָג אױך אן אַטעסטאַט אױפן טיטל פון א קינסטלער־דעקאָראַטאָר און שפּאַלירער, איך קאָן צוגרײטן פאַרשײדענעם לאַק, טינט און גומי־שטעמפּלען, װעגן װאָס עס װערט אײַנדרוקספול געזאָגט אין מײַן באַלמעלאָכישער צײַגעניש. איך פאַרמאָג, לעסאָף, א װײַב מיט קינדער... אָבער דאָס איז ניט אינטערעסאַנט. אינטערעסאַנטער װעט זײַן פאַר אײַך דאָס, װאָס מײַנע האָפענונגען אין דער פריִער יוגנט צו װערן װען־עס־איז א שױכעט אָדער א מוזיקאַנט זײַנען ניט מעקויעם געװאָרן, װי עס זײַנען ניט מעקויעם געװאָרן פיל אַנדערע האָפענונגען מײַנע אינעם לעבן, װי עס װערן, אגעװ, ניט מעקויעם די מערהײַט האָפענונגען אונדזערע.

אױף װידערזען. זײַט געזונט.

שאָלעם־אַלײכעם

קיִעװ, סאָף 1902 יאָר״.

● ● ●

<u>נײַעס פונעם ייִדישן קולטור־לעבן</u>

אײדער דער פאָרהאַנג האָט זיך געעפנט

אין קיִעװ עקזיסטירט שױן א פּראָפעסיאָנעלער ייִדישער טעאַטער. װעגן דעם דאָזיקן פרײדיקן פאַקט האָט מיטגעטײלט די אוקראַיִנישע פּרעסע, װי אױך די ראַדיאָ און טעלעװיזיע. די געשעענישן קומען אָבער דערװײַל פאָר הינטער א פאַרמאַכטן פאָרהאַנג, אָפּצײכענענדיק די נאַטירלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע „פאָרשפּיל" און די רעפּעטיציע־צײַט. די אַרבעט גײט אין עטלעכע ריכטונגען. עס װערט רעפּעטירט שאָלעם־אַלײכעמס פּיעסע „שװער צו זײַן א ייִד", לױט מאָטיװן פונעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס", װעלכער דרוקט זיך איצט אין „סאָװעטיש הײמלאַנד". דעם ספּעקטאַקל שטעלט א יונגער ייִסראָעלדיקער רעזשיסער מוניר באַקרי, װאָס אַרבעט אינעם קיִעװער טעאַטער לױט אן אָפּמאַך.

ייִדישע צושױער פונעם עלטערן און אפילו מיטעלן דאָר דערמאָנען זיך ביז הײַנט אין ז. שנײערסאָנס מוזיקאַלישן ספּעקטאַקל „פרײלעכס" מיט לײב פּולװערס מוזיק און אין שלױמע מיכאָעלסעס גענִיאַלער שטעלונג. איצט מאַכט דער קיִעװער ייִדישער טעאַטער א פּרוּװ װידערופשטעלן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, עטװאָס באַנײַענדיק אים. די רעפּעטיציעס פון „פרײלעכס" פירט אַלס רעזשיסער דער אָנפירער פונעם טעאַטער געאָרגי מעלסקי (ער שפּילט אױך די ראָל פונעם באַדכן רעב יעקל). די טענץ שטעלט א באַװוסטער קיִעװער כאָרעאָגראַף אַלאַ רובינאַ. אַלס קאָנסולטאַנט פונעם ספּעקטאַקל טרעט אַרױס די מאָסקװער ייִדישע אַקטריסע מאַניע קאָטליאַראָװע, אן אָנטײלנעמערן פון מיכאָעלסעס „פרײלעכס".

די מוזיקער און זינגער פונעם טעאַטער פאַרענדיקן די צוגרײטונג פון אן „אָװנט פון דער ייִדישער קלאַסישער מוזיק". אין דער פּראָגראַם — װערק פון יו. ענגעלן, מ. גנעסינען, ד. שאָסטאָקאָװיטשן און פון אַנדערע באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן, װעלכע האָבן געשאַפן אױפן יעסאָד פונעם ייִדישן מעלאָס.

אַרבעט — אָן א שיר, פּראָבלעמען — אָן א ברעג. די אַרבעט גײט, און די פּראָבלעמען װערן געלײזט.

װ. טשערנין

וויקטאָר לענזאָן,
קאַנדידאַט פון קונסטקענטעניש

מוזיק אין שאָלעם־אליכעמס ווערק

ראָמען ראָלאַן האָט אַמאָל באַמערקט, אז עס איז פאַראַן אזא קאַטעגאָריע „שרײַבער־מוזיקער", וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן זייערס געווידמעט דער אויספאָרשונג פון מוזיק־געשיכטע און מוזיק־פּסיכאָלאָגיע מיט דער הילף פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. גאַנץ מעגלעך, אז שאָלעם־אליכעם געהערט ניט צו אזעלכע אַנאַליטיקער פון דעם קינסטלערישן מוזיק־באַוווּסטזײַן, ווי ראָמען ראָלאַן גופא אָדער דער צווייטער גרויסער שרײַבער פונעם 20־טן יאָרהונדערט טאָמאַס מאַן. און דאָך קאָן מען אים ניט אָפּרײַסן פון דער מוזיק, ווײַל זי איז געוואָרן דער אָביעקט פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. אין 1888 יאָר האָט שאָלעם־אליכעם אָפּגעדרוקט זײַן ערשטן ראָמאַן „סטעמפּעניו" — וועגן א טאַלאַנטפולן קלעזמער־פידלער, און אין צוויי יאָר אַרום גיט ער אַרויס א נײַ ווערק — „יאָסעלע סאָלאָוויי" — וועגן א כאַזן, א באַגאַבטן אויספילער פון רעליגיעזע ניגונים. אין די יאָרן 1909—1911 דערשײַנט איינס פון שאָלעם־אלייכעמס בעסטע ווערק — דער ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן", אין וועלכן די העלדן ראָזע ספּיוואַק ווערט א באַוווּסטע זינגערין, און א רײַ אַנדערע פּערסאָנאַזשן (די זינגערין מאַרטשעלאַ עמבריך און דער פידלער גרישע סטעלמאַך) זײַנען באַוווּסטע אין דער וועלט מוזיקער־אויספילער. דער מוזיק האָט שאָלעם־אליכעם געווידמעט די דורכדרינגלעכע מיט איר סאָציאַלער פונקציאָנעלקײַט דערציילונג „אפן פידל" (1902). אָבער ניט נאָר אין די נעמען און אין דער טעמאַטיק פון די ווערק ליגט שאָלעם־אליכעמס „מוזיקאַלישקײַט". די מוזיק קאָן מען ניט אָפּרײַסן פונעם לעבן פון די פּערסאָנאַזשן, זי ווערט א באַשטאַנדטייל פון זייער כאַראַקטעריסטיק, פון א סאַך סאָציאַלע און שטייגער־דערשײַנונגען. זײַענדיק א שרײַבער־רעאַליסט, באַשרײַבט שאָלעם־אליכעם דאָס לעבן אין זײַן גאַנצער פילאַרטיקײַט — אָנהייבנדיק פון א שטייגער־אַנעקדאָט ביזן העכסטן שוווּנג פון דעם מענטשלעכן גײַסט.

צומאָל איז דאָס א שטריך צו דער סיטואַציע, ניט קיין גרויס, אָבער א באַדײַטנדיק ליטעראַריש „קעמערל". טעוויע האָט ליב א זאָג טאָן: „פאָרנדיק אזוי אין וואַלד, זומער־לעבן, די זון באַקט, נאָר פון ביידע זײַטן וואַלד דער שאָטן פון ביימער, דער רייעך פון סאָסנעס, מעכײַע־נעפאָשעס, צי איך מיך אויס ווי א גראָף אין וועגעלע, לאָז נאָך מײַן כעווערמאַן די לייצעס... — און אַליין צעלאָז איך מיך אַף א קאָל און זינג מיר א ניגנדל. אפן האַרצן איז עפּעס יאָמטעוודיק; עס זינגט זיך שטיקלעך פון יאָמים־נױראָים..."

מיט פאָטערלעכער וואַרעמקײַט איז דורכגעדרונגען אויך אזא עפּיזאָד פונעם ראָמאַן: געזעגענענדיק זיך מיט זײַן טאָכטער בײַלקען, דערמאָנט טעוויע: „אַמאָל, געדענקסטו, ווי דו פלעגסט זיצן באַנאַכט בײַ א רויכעדיק לעמפּל און נייען און זינגען א לידל..." קאַסריעל דער וואַסערפירער, דער פּערסאָנאַזש פון דער מײַסע „מעסושעלעך", שפּאַנט זײַן פערדל אײַן פּאַוואָלינקע אין פעסל, זעצט זיך אויף און פאָרט צום טײַך נאָך וואַסער „און זינגט בעשאַסמײַסע מיט א מעשונע־מאָדנעם ניגון: „אשרײ האיש אשער לוי האַלאַך...". שמעלקע דער שויכעט („אָן אייצע") — „...מיט א ווײַסן קאָלנער, מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעך און אַנטלויפט נישט פאַר קיינע יונגע ווײַבלעך, און האָט א פײַן העלדזל, קאָן שיין זינגען...". פּייסי דער אײַנבינדער („דרײַ קעפּלעך") שטייט דעם גאַנצן טאָג אַף די פיס און קלעפּט שאַכטלעך „...און זינגט בעשאַסמײַסע אַלטע און נײַע יידישע און נישט־יידישע לידלעך, צומיינסטן פריילעך־טרויעריקע, מיט א פריילעך־טרויעריקן ניגון". פּונקט ווי די גיבוירים, וואָס האָבן געפונען א מיטל דעם סוינע צו באַזיגן, זינגען לידער די טאַלמידים פונעם כיידער, אומקערנדיק זיך אַהיים נאָכן באַשלוס נעקאָמע נעמען אינעם „מעלאַמעד" בויעז, וועלכן אַלע האָבן פײַנט („מעלאַמעד בויעז"). פײַפנדיק א פריילעך לידל, טראַכט וועגן ערנסטע זאַכן ניסל שוואַלב („בלאָנדזשנדע שטערן")...

מוזיק־רעמאַרקעס, שטענדיק פּסיכאָלאָגיש פּינקטלעכע, דערגאַנצן די כאַראַקטעריסטיק פון שאָלעם־אליכעמס געשטאַלטן אָדער סיטואַציעס. אָבער זיי טראָגן אויך געוויסע אינפאָרמאַציע, אז די מוזיק איז געווען א באַשטאַנדטייל פונעם שטייגער פון דעם פאָלק. „קוידעמקאָל, — דערציילט זײַן כאָלעם טעוויע, — האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז ס'איז בײַ אונדז א סימכע; איך ווייס ניט, צי א קנאַסמאָל, צי א כאַסענע, מענטשן א סאַך, יידן און ווײַבער, דער ראָוו און דער שויכעט, הײַנט קלעזמער...". אן אינהאַלטרײַכער שטריך — אינגאַנצן אין עטלעכע ווערטער — דערציילט מאָטל וועגן זײַן ברודערס כאַסענע („מאָטל פּייסי דעם כאַזנס): „די קלעזמער טוען א זעץ א שיינעם ניגון, א וואָלאַך". פון מיט הומאָר איז אויך די אַנדערע שטייגער־

פאַרצייכענונג: „יעכיעל דער קלעזמער שפּילט א ייִדישן ניגון, באַווייַזט, וואָס ער קען, און דער אוילעם קנאַקט ניסלעך, עסט באַרלעך און רעדט און לאַכט...“ („בלאָנדזנדע שטערן“).

דאָס ריידן גופֿא פֿון שאָלעם־אַלייכעמס העלדן איז מעלאָדיש. ווען דער קליינשטעטלדיקער ייִד רעדט, „זינגט“ ער. אָט דער אַרט ריידן איז מיט יאָרן צוריק געוואָרן א טעמע פֿאַר אַנעקדאָטן, נאָר עס האָט, אַגעוו, געהאַט גאַנץ באַשטימטע סאָציאַלע און קולטור־היסטאָרישע וואָרצלען. א גרויס אָרט אינעם לעבן פֿון די שטעטלשע ייִדן פֿלעגט פֿאַרנעמען דאָס דאַוונען. דער ייִד האָט געדאַרפֿט מיספּאַלל זייַן א סאַך מאָל אין טאָג: אינדערפֿרי, אָפּדערנאַכט באַם עסן, אין די יאָמטויווים אאַוו. דאָס דאַוונען האָט באַ דעם ייִדן פֿאַרנומען גאַנצע שאָען, דער טעקסט פֿון די טפֿילעס איז יעדערן געווען באַוווּסט פֿון דער פֿריִער קינדהייַט אָן, און געדאַוונט האָט מען דאָך מיט א ניגון. אָט דאָס דאַוונען „מיט א ניגון“ האָט, אָפּאָנעם, מיט דער צייַט שטאַרק געווירקט אָפֿן אַרט ריידן פֿון די מענטשן, אין די אינטאָנאַציעס פֿון וועלכע איז געווען פֿיל ענלעכס אָפֿן נוסעך פֿון זייער דאַוונען. טעוויע דערציילט: „...איך... זאָג די שמוינע־עסרע הויך, מיט א ניגון, ווי, לעהאַוודל, באַם אָמעד...“. שימען־עליע פֿון דער דערציילונג „דער פֿאַרקישעפּטער שנייַדער“ לייענט „גאַנץ פֿייַן, מיט זייער א שיינעם ניגון...“. קינדער אין דער מייַסע „דאָס מעסערל“ טאַדלען דעם כאַווער זייערן מיט א ניגון: „בערעלע גאַ־אַ־אַנעוו! בערעלע דער גאַ־אַ־אַנעוו!“ אין דער דערציילונג „אוילעמהאַבע“ שילדערט דער שרייַבער א געוויינלעכן פֿרימאָרגן פֿון א קליין שטעטעלע אָף אַזא אויפֿן: „עס האָט זיך אָפּגעכאַפּט, אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, געכאַפּט אָף זיך דאָס מאַלבעש און גענומען זיך צו דער אַרבעט: די מאַנצבלען צו אַוווידאַס־האַבוירע, דאַוונען, לערנען, זאָגן טילים און די ווייַבער צו די אויוונס..., צו די קעלבלעך מיט די ציגן...“. אין דער דערציילונג „די גרויסע בעהאָלע פֿון די קליינע מענטשעלעך“: „אַדאָם האַרישן שטייט אויף גאַנצפֿרי, ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, שלעפּט מיט די געזונטע גראָבע יאַדאַים אָן עמער נאָך אָן עמער און זעצט בעשאָסמייַסע גאַנצע שטיקער טילים אויסווייניק מיט א ניגון“. די טפֿילעס ציטירט מען שטענדיק און אומבאַדינגט מיט א ניגון. גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, וואָס איינער פֿון די ערשטע איינדרוקן באַ מאָטל פּייסי דעם כאַזנס איז פֿאַרבונדן מיט דעם, ווי זייַן טאַטע האָט געזונגען מיט פֿיר מעשוירימלעך די טפֿילעס באַם אָמעד...

דער כאַזן, „א זינגענדיקער מענטש“, איז דער העלד פֿון שאָלעם־אַלייכעמס פֿיל דערציילונגען, און דאָס איז ניט צופֿעליק. דער כאַזן איז דאָך א מערקווירדיק געשטאַלט אין לעבן פֿונעם שטעטל. ער איז א פֿאַרשפּרייטער סאָציאַלער טיפּ מיט זייַן אָרט אינעם שטייגער, אין עפֿנטלעכן לעבן. א מענטש, א הויכגעשעצטער (מע האָט שטאָלצירט: „פֿון אונדזער מישפּאָכע זייַנען אַרויס כאַזאָנים...“), נאָר קימאַט שטענדיק א קאַפּצן, א טאַלאַנטירטער אין קונסט און א נעבעכדיקער אינעם טעגלעכן לעבן, א הייסער כאָסיד פֿון עפּעס א „סייפער“ און א מוטיקער, אומייגננוציקער אין מענטשלעכע ליידן.

אַזא איז דער כאַזן ייִסראָלי („בלאָנדזנדע שטערן“), דער כאַזן מיילעך פֿון „שיר־האַשירים“. אַזא איז אויך דער לאַמזשער כאַזן. אָבער דער כאַזן איז אויך דער טרעגער פֿון דער פֿאָלקישער לידער־טראַדיציע. ער איז אָבער א פּראָדוקט פֿון דער פֿאָלקס־שטרעבונג צום זינגען, איידער א פֿאָרמעלער רעזולטאַט פֿון דעם רעליגיעזן קולט. שימען־עליע, דער קאַפּצן אין זיבן פֿאָלעס, לייענט: „גאַנץ פֿייַן, מיט זייער א שיינעם ניגון“, מיט הומאָר. זייער פּינקטלעך כאַראַקטעריזירט שאָלעם־אַלייכעם דעם כאַזן הערש־בער („מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“): ער „איז א ייִד א מעגאַזים (זינגער), דאָס הייסט, ער אַליין קאָן ניט זינגען: ער האָט נעבעך קיין קאָל ניט... נאָר ער פֿאַרשטייט נעגינע. און זינגערלעך האָט ער א שטיקלעך פּופּצן“. צווישן די כאַזאָנים האָבן זיך, אַגעוו, באַגעגנט עמעסע זינגער. אָט ווי שאָלעם־אַלייכעם באַשרייַבט די „אַרויסטרעטונג“ פֿון איינעם פֿון זיי. ייִסראָלי „הייבט... אָן „זאָגן“ א זאַך, געוויינלעך פֿון יאָמים־נויראָים, קאַטשעט זיך אָפֿן האַלדז, כאַפּט זיך אַרויף גאַנץ הויך און לאָזט זיך אַראָפּ ביז דער נידעריקסטער „אָקטאַווע“, און ווידעראַמאָל אַרויף, און ווידער אַראָפּ, געדרייט און געקאַטשעט זיך, און געקאַטשעט זיך... די געסט האָבן געקוקט איינס אָף דאָס אַנדערע אָן ווערטער, נאָר געווונקען מיט די אויגן, געמאַכט מיט די ליפּן, געקוויקט זיך, ווי פֿון א געשמאַקן מייַכל אָדער פֿון א גוט גלעזל וויין... דעם כאַזן, נעבעך, האָט זיך אויש דער קאָפּ פֿאַרדרייט. אַז ס'איז יאָ אַזוי, דאַרף מען זיי ערשט ווייַזן, וואָס ער קאָן! און ער האָט גענומען זינגען נאָך א שטיקל און נאָך א שטיקל...“ גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, וואָס די כאַזאָנים־ווירטואָזן האָט מען באַזונדערס ליב געהאַט. אין זייער מייַסטערשאַפֿט האָט זיך פֿאַרקערפּערט די קאָלעקטיווע דערפֿאַרונג פֿונעם פֿאָלק, וואָס האָט שטענדיק געאַכטעט זייַנע גרויסע זינגער. די שטרעבונג צו פֿאַרפֿולקומען דאָס זינגען פֿלעגט זיך צומאָל אויסדריקן אין א היפּערבאָליזירט אָפּשאַצן אַפֿילע באַשיידנסטע פֿעיִקייַטן אין דעם געביט: „ער פֿאַרהערט מיך זינגען. איך זאָג אים א „מאַגייןאַוויס“ מיט א „דריידל“. ער גלעט מיך און זאָגט מייַן ברודער, אַז איך האָב ניט נאָר סאָפּראַנאָ, נאָר א סאָפּראַנאָ שעבעסאָפּראַנאָ“ („מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“). און וועגן דער יונגער נאָך רייזל פֿונעם ראָמאַן „בלאָנדזנדע שטערן“ זאָגט איינער פֿון די פּערסאָנאַזשן: „זי האָט, שמועסט מען, א שטימעלע און זינגט, זאָגט מען, לידלעך — א קאַפּאָרע דרייַצן פּאַטיס מיט זיבעצן נעלסאָנס...“

מיט אַזא היספּייַלעס איז דורכגעדרונגען דער טעקסט פֿון דעם אַנאָנס, וואָס טיילט דאַפֿקע מיט וועגן דעם אַרויסטריט פֿון א בעעמעס גרויסן כאַזן: „א מענטש — א סאָלאָוויי. א האַלדז — א קלאַרנעט. א קאָל — א פֿידל, דאָס איז דער וועלט־באַרימטער לאַמזשער כאַזן מיט זייַן אייגענעם כאָר. ער וועט זינגען קאָלנידרע אין דעם מוזיק־האָל מיט באַגלייטונג פֿון דער אייגענער קאַפּעלע...“

דאָס כאַזאָנעס איז א גאַנגבאַרער עלעמענט פֿונעם טעגלעכן לעבן, נאָר פֿון א שטייגערישער זאַך הייבט אים אויף שאָלעם־אַלייכעם צו דעם ניוואָ פֿון הויכע עסטעטישע פֿאַראַלגעמיינערונגען: „מיילעך

דער כאָזן זינגט נאָך הײַנט אַזוי שיין, ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. אַ ביסעלע נאָר איז אים פֿאַרדומפּן דאָס קאָל. עס הערט זיך אין זײַן דאַווענען אַ נײַער טאָן: מער געוויין, ווי געזאַנגען". דעם כאַזנס קאָל קלינגט אין „שיר־השירים", ווי אַ סימבאָל פֿון אומגליקלעכער ליבע...

דאָס שטערבן פֿונעם פֿאָלק צו מוזיק איז זייער גרויס. שאָלעם־אַלייכעם האָט אונדז געשענקט אינטערעסאַנטסטע באַאָבאַכטונגען פֿון אַ געבורט פֿון דער ליד גלײַך פֿונעם לעבן אַרויס. אין דער דערציילונג „דער פֿאַרקישעפֿטער שנײַדער" איז פֿאַראַן אַ טשיקאַווע סצענע. ווען די קינדער זײַנען געוואָיר געוואָרן פֿון דער מאַמען, אַז דער טאַטע האָט געבראַכט צו פֿירן אַ ציג, „איז געוואָרן סאָסן־וועסימכע, און מע איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די בעטלעך אין איינע העמדלעך, און מע האָט געכאַפּט אַ טענצל, בעשאַסמײַסע צוגעזונגען אַ לידל, וואָס איז בײַ זיי נאָר־וואָס באַשאַפֿן געוואָרן:

א ציג, א ציג, א ציגעלע!
דער טאטע האָט געבראכט א ציגעלע!
דאָס ציגעלע וועט געבן מי־לך!
די מאמע וועט קאָכן לאָק־שן!

אַז די דאָזיקע סצענע קומט גלײַך פֿונעם לעבן אַרויס, קאָן מען ניט סאָפּעקן, ווײַל די ציג, דאָס ציגעלע איז זייער אַ פֿאַרשפּרייטער פּערסאָנאַזש אין ייִדישן פֿאָלקלאָר. זי איז די שפּײַזערן — דאָס הייסט אַן אייגנאַרטיקער סימבאָל פֿון וווילזײַן. ניט צופֿעליק ווערט די ציג „באַזונגען" אין לידער, באַזונדערס אין קינדער־לידער. שאָלעם־אַלייכעם באַשרײַבט, וויאַזוי עס איז געבוירן געוואָרן דאָס באַוווּסטע פֿאָלקסלידל „כ'בין אַ ציגעלע".

אַן אַנדער לידל האָבן געמאַכט אויף דער „אַקציזניטשקע האָדל" ווײַבלעך און מיידלעך פֿון „זלאַדייעווקע", דאָס לידל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

די לעוואָנע האָט געשײַנט,
האלב נאכט זיצט בא דער טיר...
און האָדעלע זיצט בא דער טיר...

און פֿאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער:

איך האָב דיך ליב, דושענקע,
גאָר אָן אַן עק,
איך קאָן אָזש ניט לעבן אָן דיר!

אויך אָט די ליד האָט אַ לעבעדיקע אַנאַלאָגיע אין פֿאָלקלאָר, ביפֿראַט אין דער ליד „שיין, ווי די לעוואָנע".

ס'איז אַבסאָליוט קלאָר, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט „געהערט" די אָדער יענע לידער, ווען ער פֿלעג ברענגען אויף די זײַטן פֿון זײַנע ווערק זייערע טעקסטן. אָט קלינגט אין די אויערן דאָס קינדער־לידל — אַן איבערקרימעניש:

קישקעס קאָכן
אינדערוואָכן!
מיר א ברויט,
דיר א טויט!
מיר א וואָגן,
דיך באגראָבן!
מיר א שליטן,
דיך באשיטן!

אַזוי האָבן די קינדער זיך געטרייצט מיטן שוואַרצמייעניק („די גרויסע בעהאָלע פֿון די קליינע מענטשעלעך").

ווי אַן אויטאָביאָגראַפֿישע זעט אויס אַזאַ סצענע פֿון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס": „אַ קאָל... האָב איך אַ שיינס. אַ סאָפּראַנאָ־שטימע, בעירושע פֿון מײַן טאַטן... איך האָב געגעבן אַ זינג אַרויס אויף אַ קאָל און האָב איבערגעדרייט דעם פּאָסעק מיט די פּיס אַרויף (באַם פֿאַרקויפֿן דעם „קוואַס"):

זיסער קוואס א גלאָז!
א קאָפּיקע א ייִד,
א קוויק און א קאלט —
א דערטרינקעניש!..

דער זעלבער מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, אַ שטיפער און אַ שאַפֿער פֿון קאָלערליי ווערטעלעך און לידלעך, האָט צו זײַן ברודער עליעס ווערטער צוגעמאַכט אַ ניגן פֿון זמירעס:

זי איז קליג
ווי דעם רעבנס ציג —
כאפּט דער רועך זייביידן...

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן דעם אַנטשפּרעכנדיקן גראָטעסק־עפֿעקט...

שאָלעם־אַלייכעמס פּיעטעט צו דער פֿאָלקסשאַפֿונג, צו דער פֿאָלקסליד איז זייער גרויס. אָט וואָס ער זאָגט וועגן ראָזע ספּיוואַק, דער זינגערין, וואָס האָט שוין דערגרייכט דעם וועלטרום: „אַז עס קומט איר אָן — זאָל זי זיך אײַך צעזינגען טאַקע נאָר ווי אַ סאָלאָוויי. איר מיינט אָוואַדע — אַריעס? קאָנצערטן? כאָלילע! דאַפּקע ציגײַנער־לידער, דאַפּקע אַ וואַלעך, אָדער גאָר ייִדישע לידלעך". און ווײַטער: „אַז איך זאָג אײַך, ליבער פֿרײַנט, אַ קאָר פֿאַרע זיבעצן קאָנצערטן מיט אַכצן סימפֿאָניעס פֿאַר איר איין ייִדיש לידל!"

ייִדישע פֿאָלקסלידער האָבן שאָלעם־אַלייכעמס העלדן אויסגעפֿילט מיט אַ באַזונדער וואַרעמקײַט און אָפֿריכטיקײַט. אין אָנהייב פֿונעם ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן" ניצט אויס דער שרײַבער די פֿאָלקסליד לעשעם כאַראַקטעריזירן די יונגע, שיינע, ריינע רייזל: „און רייזל האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן ייִסראָלי דעם כאַזן, די הענט פֿאַרלייגט אַהינטער, די אויגן אויפֿגעהויבן צו דער סטעליע און מיט אַ גלאַטער, זיסער, ריינער, מעטאַלקלינגענדיקער שטימע, ווי אַ פֿידל, האָט זי אויסגעצויגן אַ טרויעריקן עכט־ייִדישן ניגן מיט אַ טפֿילע־נוסעך, אין וועלכן עס האָבן זיך געלאָזט הערן אי אַ קלאָג, אי אַ געבעט, אי טרערן... שאָלעם־מייער האָט... אויסגעשריגן מיט זײַן הייזעריקלעכער שטימע: „בראַוואָ! בראַוואָ! ביס!" ער האָט אָבער אַליין באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער „בראַוואָ, בראַוואָ, ביס" האָט דאָ אַ פּאָנעם פֿון מוזיק. צו טרויעריק איז דער מאָטיוו. צו הייליק זײַנען די ווערטער. צו זיס איז די דאָזיקע יונגע פֿידל־שטימע און צו שיין און צו געטלעך איז די יונגע זינגערין..."

ענלעכע פראַגמענטן, פאַרבונדענע מיט פאָלקסלידער, געפינען זיך אין די עפּיזאָדן פון „שיר־השירים“, אין „בלאָנדזונדע שטערן“, וווּ עס ווערט געגעבן די כאַראַקטעריסטיק פון זלאַטען...

צי דען דאַרף מען צוגעבן, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט באַמערקט, עפּשער דערעכאַגעוו, אַבער זייער פּינקטלעך — איינעם פון די כאַראַקטער־שטריכן פון די ייִדישע פאָלקסלידער — זייער אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. זינגען האָט פאַר ייִדן קיינמאָל נישט באַטײַט זינגען נאָר ייִדישע לידער און נאָר אַף ייִדיש. די נאַציאָנאַלע קולטור פונעם פאָלק האָט פּילבאַר אײַנגעזאַפּט אין זיך די ווירקונג פון די קולטורן פון די פעלקער, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס ייִדישע פאָלק. רייזל דערמאָנט זיך אין אַ ליד, וואָס זיי (זי און דער טאַטע) „פלעגן... זינגען קימאַט אַלע שאַבעסצונאַכטס, אַז דעם כאַזן איז געווען אופגעלייגט אַפן האַרצן. די ליד הייסט „מאַשיעך“, און זינגען דאַרף מען זי האַלב אַף ייִדיש, האַלב אַף גאַיִש. דער כאַזן צו איר אַף ייִדיש, און רייזל צו אים אַף גאַיִש. געענדיקט האָט זיך דאָס לידל מיט אַ צוזינג.

עס איז זייער מערקווירדיק אויך אַזאַ סצענע אין ייִדישן טעאַטער אין לאָנדאָן („בלאָנדזונדע שטערן“): „איינער פון די אַקטיאָרן דערלאַנגט פלוצעם דעם כאַווער אַ טראַסק אין פּלייצע און גייט גלאַט אַ טענצל, זינגט צו דערבײַ מיט אַ הייזעריק קאָל אַ גאַיש לידל, גאָט ווייסט פונוואַנען עס האָט זיך אַהער גענומען: „הע, בוו טײַ נעמאַ, טײַ פאַיכאַו דאָ מלינאַ!..“

איבעריקנס, די ציִונג פונעם פאָלק צו מוזיק דעפינירט שאָלעם־אַליכעם ברייטער און טיפער, איידער פּאַשעט ווי ליבע צו דער פאָלקסליד אָדער צו זינגען ביכלאַל. איינער פון די לייטמאָטיוון פון זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען איז די פאַרערונג פאַר די אומויסשליסלעכער, פאַנאַטישער, קימאַט אומדערקלערלעכער פונעם שטאַנדפּונקט פון געזונטן סייכל — אַלץ און אַלעמען אַפּצולאַכעס — נעטיִע צו מוזיק און מוזיצירונג. ניט איין מאָל קומט דער שרײַבער אין היספּײַלעס פון דעם, ווי עס ווערט געבוירן מוזיק אין דעם קינדס נעשאָמע. אַלע קינדער אין דער מישפּאָכע פונעם לאָמושער כאַזן זײַנען „לויטערע זינגער און מחיקער. פון דעם טאַטן דעם כאַזן ביזן קלענסטן קינד, וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין פיר יאָר, זינגען און שפּילן אַף אַלע אינסטרומענטן“.

אַזאַ געזינדל האָט אויך נאַפּטאָלצע בעזבאָראַדקע („אַפן פידל“). קינדער איז בײַ זיי געווען „אַ טוץ אָנדערהאַלבן, אויב ניט מער. אָפּגעריסענע, האַלבנאַקעטע און באָרוועסע, און אַלע, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, האָבן זיי געשפּילט, דער אַפן פידל, דער אַף דעם „אַלט“, דער אַפן באַס, דער אַפן טרומייט, דער אַף דער פלייט, דער אַפן פאַגאָט, דער אַף דער האַרפע, דער אַפן צימבל, דער אַף דער באַלאַלײַקע, דער אַפן פּויק, דער אַף די טאַצן. צווישן זיי זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט אויספּײַפן דעם גרעסטן ניגן מיט די ליפּן, אַף די ציין, אַף גלעזלעך אָדער אַף טעפּלעך, אַף שטיקלעך האָלץ אָדער גאָר אַף די באַקן — שיידים, רוכעס און גאָרן!“. „העמעלע האָט געשפּילט אַף אַ מעשונע־מאָדנער קיילע, עפּעס אַ מין זאַך אַזעלכע, וואָס אַז מע בלאָזט זי אָן, לאָזט זי נאָכדעם אַרויס אַ מעשונע קאָל, אַ מאָדנעם קוויטש, ווי אַ קאַץ, בעשאַס מע טרעט איר אָן אַפן ווידל“. אויך רוועלע איז פאַרליבט אין מוזיק („מעסושעלעך“): „ער האָט פון קינדווײַז אָן ליב געהאַט קלעזמער, אויסגעגאַנגען נאָך אַ פידל, טאַקע מאַמעש עס האָט זיך אים געגעסט דאָס כיִעס, אַז ער האָט דערהערט שפּילן. און דערצו האָט ער געהאַט אַ שיין קעלעכל, געקאָנט אַלע ניגונים אַף אויסווייניק. ער האָט גאָר אַנדערש ניט גערעכנט, אימירצעהאַשעם, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועט ער זיך קויפן אַ פידל און וועט שפּילן טאָג ווי נאַכט אַפן פידל. דערווײַל האָט ער זיך געמאַכט פון אַ שטיק האָלץ אַ קליין פידעלע, מיט פעדעם אַפן אָרט פון סטרונעס...“

רוועלע דעם פידלערס טעזע האָט באַקומען איר ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג אין דער מײַסע „אַפן פידל“. אָט די מײַסע איז גיכער פון אַלץ אָן אויטאָביאָגראַפישע. אָט וואָס עס שרײַבט שאָלעם־אַליכעם אַליין: „איך ווייס ניט, וויאַזוי איד — איך, פון זינט איך בין צו מײַן סייכל געקומען, בין איך אויסגעגאַנגען נאָך אַ פידל און האָב ליב געהאַט קלעזמער, ווי דאָס לעבן! איז געווען ערגעץ אַ כאַסענע אין שטעטל, בין איך געווען דער ערשטער, וואָס איז געלאָפן מעקאַבל־פּאָנעם זײַן די קלעזמער, זיך פאַרגאַנווענען פון הינטן צום קאָנטראַבאַס, אַ צי טאָן בײַ דער גראָבער סטרונע: בום! — און אַנטלויפן... ניט איין מאָל בין איך געלעגן אונטער אַ באַנק און געהערט, ווי די קלעזמער שפּילן... און פון דאָרטן, פון אונטער דער באַנק, געקוקט אַף שײַקעס דינע פינגערלעך, ווי זיי טאַנצן איבער די סטרונעס, און זיך צוגעהערט צו די זיסע קולעס, וואָס ער האָט אַזוי קונציק אַרויסבאַקומען פון זײַן פידעלע. דער כיישעק צו שפּילן אַפן פידל איז געוואַקסן מיט מיר אינאיינעם. וואָס עלטער איך בין געוואָרן, איז דער כיישעק געוואָרן נאָך גרעסער“.

דאָס גאַנצע ציטערניש פון שפּירן דעם באַרוף, די גאַנצע נעטיִע פון דער יונגער נעשאָמע צו דער וועלט פון קלאַנגען גיט איבער אַזאַ עפּיזאָד אין דער מײַסע: „מיט גרויסע פּאַכדים, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט ציטערנדיקע פיס האָב איך אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פונעם דאַכיקן קליינעם גאַניידן (די היים פון דעם אָרעמען נאַפּטאָלצע דעם קלעזמער. — וו. ל.).

מײַן נײַער כאַווער פּיניע האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַרן פאָטער:

— שאָלעם נאַכעם וועוויקס, אַ נאַגידס אַ ייִנגל, האָט כיישעק לערנען אַפן פידל“.

שאָלעם־אַליכעמס דערציילונגען זײַנען פול מיט באַשרײַבונגען פון פאַרשיידענע מינים מוזיק־אינסטרומענטן; גרויס איז די אויפמערקזאַמקײַט צו זיי, וואָס טראָגט קלאָר ניט קיין דינסטלעך־סיוזשעטישן כאַראַקטער. און ס'איז קיין כידעש ניט. די ליבע פונעם פאָלק צו מוזיק האָט געטראָגן ווײַט ניט קיין אַבסטראַקטן כאַראַקטער. זי האָט געקראָגן איר טיקן און אינטערעס צו אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט מוזיק און קוידעמקאָל צו „פּראָדו־

„ציר־מיטלען" — די מוזיק־אינסטרומענטן. די „געזינדלער" פון לאַמזשער כאַזן און נאַפּטאַלצע קאָנען דאָ דינען פאַר א בײַשפּיל. נאָר זיי זײַנען ווײַט ניט די איינציקע. אָט איז מאָטל פּייסי דעם כאַזנס אַף דער כאַסענע: „איך האָב קיין צײַט ניט צו קוקן אַף כאַסן־קאַלע, איך בין פאַרנומען. איך דאַרף זען די קלעזמער. און ניט אַזוי די קלעזמער, ווי זייערע קיילים. דער כיסאָרן, וואָס מע קאָן ניט צוגיין נאָענט א פּרווו טאָן די קיילים..." אנשל ווערט ניספּאָעל פון דער האַרפּע־שפּיל אין א בוקאַרעשטער קאַפע: „און א געזאַנג טראָגט זיך איבערן גאַנצן זאַל און צעגיסט זיך איבער אַלע אייווורים, א זיס געזאַנג, ווי פון א סאַך פרויען־העלדזער. עס איז שווער צו דערקענען, אַז דאָס זינגען ניט קיין מענטשן, אַז דאָס שפּילן גאָר האַרפּעס; אַז די זיסע קוילעס גייען ניט פון לעבעדיקע העלדזער, נאָר פון מעשענע סטרונעס, פון הילצערנע קיילים, האַרפּעס" („בלאָנדזנדע שטערן").

און נאָך א בילד, וואָס מע וואָלט געקאָנט אָנרופן „א פּאָרטרעט מיט דער פּאָרטעפּיאַנע": „די ווענט זײַנען באַהאַנגען מיט אַלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אינמיטן שטוב א גרויסער אויסגעדינטער פּאָרטעפּיאַן אָפן, און א קליין מיידעלע פון א יאָר זעקס־זיבן, און עפּשער אכט (ניסל שוואַלב זאָגט, אַז זי איז נאָך ניט אַלט קיין פיר — טאָ! לאָמיר אים צוליב טאָן), מיט רויטע הערלעך זיצט און ציט פונעם אינסטרומענט מוירעדיקע קוילעס. יעדנפאַלס, ניט די קוילעס, וואָס דאָס קינד וויל".

נאָר דער ערשטער אינסטרומענט אין די מאָלדאַווישע און מײַרעוו־אוקראַיִנישע שטעטלעך איז אָוודאי דער פידל, וואָס איז א פאַרבאָרגנסטער טרוים פון די קליינע רווועלעך, סטעמפּאַכס, מאָטעלעך, שאָלעמלעך. דער עמעסער הימן דעם פידל איז די מײַסע מיט דעם זעלבן נאָמען. און די שוווּע — „איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, עס מעג זיך קערן די וועלט, איך מוז האָבן א פידעלע, עס מעג מיך קאָסטן מײַ־ידייע וואָס!" — שפּיגלט אָפּ די באַציִונג צו דעם אינסטרומענט, ווי צו א בעעמעס פּאַלקישן. די זאַך איז, פאַרשטייט זיך, ניט בלויז אינעם אינסטרומענט. דער פידל — דאָס איז א סימבאָל. אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערטער פון אָט דער מײַסע: „נישטאָ, אַזוי דאַכט זיך מיר, קיין שענערס און בעסערס, ווי אַז מע קאָן שפּילן אַפן פידל" — איז דער עצעם טאָך פון דער פאָלקס־פאַרערונג פאַר דער קונסט, מוזיק, זײַן אידעאַל פונעם שיינעם.

נאָר... דאָ ווערט געבוירן איינער א מעשונעווילדער, כ'וואָלט אפילע געזאָגט א טראַגישער פּאַראַדאָקס אין לעבן פונעם ייִדישן שטעטל אַפן ראַנד פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערטן. דאַפקע די שטרעבונג צו מוזיק, צו דעם פידל ווערט די סיבע פון דער גאַנצער טראַגעדיע פון דער קינדער־נעשאָמע אין „אַפן פידל". די יעדיִע, אַז דער זון גייט הערן דעם פידל און שפּילן אַפן פידל, האָט אַרויסגערופן א גרויסע אופטרייסלונג אין דער באַלעבאַטישער מישפּאָכע. זי האָט געבראַכט דערצו, אַז דעם העלד פון דער מײַסע האָט מען אָפּגעשיקט די טנאָיִם מיט די קאַלע־מאַטאָנעס, און ער איז געוואָרן אויס כאָסן. דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן האָט שאָלעם דערזען דעם טאַטן זײַנעם וויינען.

„— דער ביזאָיען! — האָט ער דערבײַ געזאָגט. — דער ביזאָיען איז מיר ערגער פון אַלץ!"

דער קאָנפליקט, וואָס האָט זיך ביז גאָר אַנטפּלעקט אין דער מײַסע „אַפן פידל", זעט זיך באַ אַנדערע אומשטאַנדן אין פיל אַנדערע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען. רווועלע, דער זעלבער, וואָס האָט זיך געמאַכט פון א שטיקל האָלץ א קליין פידעלע, האָט דערבײַ „געכאַפּט גוטע קלעפּ פון דער מאַמען". באַאָבאַכטנדיק אַף זײַן ברודערס כאַסענע די אינסטרומענטן, זיפצט מאָטל: „אַך, ווען די מאַמע זאָל זײַן א גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר א קלעזמער. איך ווייס אָבער, אַז זי וועט דאָס ניט וועלן. ניט מאַכמעס זי איז א שלעכטע, נאָר מאַכמעס די וועלט וועט ניט דערלאָזן, אַז פּייסי דעם כאַזנס ייִנגל זאָל זײַן א קלעזמער" (לויט אַזאַ מין לאָגיק איז א כאַזן, פאַרשטייט זיך, ניט קיין מוזיקער, נאָר פּאַשעט א כאַזן. — וו. ל.). זייער אָפּט קאָן מען פון שאָלעם־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן הערן: „איך ווייס, אַז ער (פּעדאַצערס טאַטע — וו. ל.) איז געווען א קלעזמער". ביילקע פון „טעוויע דעם מילכיקן": „א קלעזמער וועט פון דיר אויסוואַקסן? ניט דערלעבן זאָל איך דאָס!" (רווועלעס מאַמע): „וואָס פאַר א מעכוטן ביסטו מיט קלעזמער?" (שאָלעמס מאַמע). בעניע ראַפּאַלאָוויטשעס א טאָכטער „האָט כאַסענע געהאַט, דעם טאַטן אַפּצולאָכעס, פאַר יעכיעל דעם קלעזמערס א ברודער, אויך א קלעזמער". אין שטעטלשן באַוווּסטזײַן דערגייט צומאָל די גײַוועס לעגאַבע דער שיטע פון קלעזמער ביזן פולן אַבסורד. אַלס בײַשפּיל קאָן דאָ דינען די טיפּישע פּסיכאָלאָגיע פון לייען, ראָזעס ספּיוואַקס מאַמען. לויט דער סיפּער־האַמײַסע פונעם ראָמאַן דאַרף פאַרקומען ראָזעס קנאַסמאָל מיטן באַרימטן יונגן פידלער גרישע סטעלמאַכן. וואָס איז לייע? „דער באָכער (גרישע) איז טאַקע א פײַנער באָכער, — זאָגט זי, — מע קאָן נישט זאָגן, און א פאַרדינער איז ער אויך, ווער זאָגט דען, אַז ניין? נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז ער איז נעבעך א קלעזמער, האָסטו געזען א ביסל!.. דרײַסיק מאָל אַרטיסט, קוים שפּילט ער אַפן פידל, איז ער א קלעזמער. טאַקע א פײַנער באָכער... לאָז גאָט צושיקן זײַן זיווע, ווי ער פאַרדינט... און איר טאָכטער זאָל דער אייבערשטער באַשערן עפּעס אַנדערס, וואָרעם איר מאַן, אַלעווהאַשאָלעם, האָט אַליין ניט געשפּילט אַפן פידל, און זײַן טאַטנס טאַטע האָט ניט געשפּילט אַפן פידל". און ווײַטער: „מײַן טײַערע טאָכטער, דו זאָלסט שוין קומען צו פאָרן און זאָלסט מיך שוין דערפרייען עפּעס מיט א רעכטן כאָסן, אַזאַ, וואָס שטייט דיר אָן, ניט ווי יענער, דער קלעזמער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, איך האָב צו אים כאָלילע גאָרניט, נאָר פאַר ייִסראָלי דעם כאַזנס טאָכטער איז ער ניט קיין גלײַכן. זאָל אים דער אייבערשטער צושיקן זײַן באַשערטע ערגעץ אַנדערס, און דיר וועט ער מיכטאָמע מויכל זײַן, וואָס דו האָסט געבראָכן דאָס וואָרט, כאָטש באַ אונדז איז דאָס פאַרעכנט פאַר א גרויסער אווייִרע".

דער הימלשרײַענדיקער קאָנפליקט צווישן דער

נאַטירלעכער מוזיקאַלישקײַט פֿונעם פֿאָלק, זײַן שטרעבונג צו מוזיק און אכטונג צו דער פּראָפֿעסיע „קלעזמער" האָט געטראָגן א בוילעטן סאָציאַלן כאַראַקטער. זײַנע וואָרצלען געפֿינען זיך אין די באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט געלעבט דאָס שטעטל און וועלכע שאָלעם־אַליכעם האָט אַזוי רעאַליסטיש באַשריבן. אין אָט דעם שטעטל האָט דער שנײַדער גענייט בגאָדים, דער טעסלער געבויט א הויז, דער מילכיקער געטראָגן מילך, דער וואַסערפֿירער געפֿירט וואַסער, דער כאַזן געדינט גאָט. אַלע האָבן זיי, אַזויאַרום, געבראַכט געזעלשאַפֿטלעכע נוץ. דער קלעזמער אָבער האָט גאָרנישט ניט פּראָדוצירט, אַכוץ קלאַנגען, און גאָרנישט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר זײַן אַרבעט ניט באַקומען, און, הייסט עס, געווען א מענטש זייער אַן אָרעמער. און ס׳איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿאַר די עלטערן באַטײַט די פּערספּעקטיוו פֿון זייער קינד צו ווערן א קלעזמער א סאָף צו אַלע זייערע האָפֿענונגען, ווײַל א קלעזמער איז דאָס זעלבע, ווי אַן אָרעמאַן. אַזאַ איז די אומראַכמאָנעסדיקע „לאָגיק" פֿונעם באַלעבעסלדיקן און אָרעמען לעבן אין דעם שטעטל. פֿונדאַנען שטאַמט אויך דאָס ניט אַכטן די מוזיק־פּראָפֿעסיע. אַן אויסנאַם עפּשער האָט מען געגעבן בלויז דער פֿאָרטעפּיאַנע, ווײַל זי האָט מען געהאַלטן פֿאַר א סימבאָל פֿון ווילזײַן. דער העלד פֿון דער דערציילונג „דרײַ אַלמאָנעס" האָט געזאָרגט, אַז איינע פֿון די „אַלמאָנעס" „זאָל האָבן דעם בעסטן לערער, ...זאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן אין גימנאַזיע, זאָל שפּילן פּיאַנע, ...זאָל גיין טאַנצן..." קעדיי געפֿעלן ווערן די שאַדכאָנים, שפּילט סאָניעטשקע פּיאַנע אאוו. שפּילן פּיאַנע ווי א צוגאָב צום אַלגעמיינעם ווילזײַן — אַדעראַבע, אָבער בעשום־אויפֿן ניט מאַכן פֿון דעם קיין פּראָפֿעסיע.

בעכיין, איז דער קלעזמער אין שטעטל דער סימבאָל פֿון נויט. דאָ אַנטפּלעקט זיך דאָך נאָך איין ראַנד פֿון דער אייגנאַרטיקער באַציִונג צו קלעזמער. פֿון קאַדמוינים אָן האָט מען אין אָן אָרעמער ייִדישער מישפּאָכע געהאַלטן, אַז דער מענטש זינגט און שפּילט ניט דערפֿון, וואָס אים איז גוט. „אָן אָרעמס און א פֿריילעכס" — אָט די פּראָזע פֿון דער דערציילונג „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האָסאָגעס" וואָלט פּאָרט געקאָנט דינען אַלס עפּיגראַף צו דער אײַנגעשטעלטער אין פֿאָלק, אונטער דער דויערנדיקער האַשפּאָע פֿון נעגאַטיווע פֿאַקטאָרן, פֿאַרשטעלונג וועגן די סיבעס פֿון געבוירן ווערן פֿון דער ליד און מוזיק אינעם שטייגער: „כאָטש ווער צעזעצט, סוינע־ציִען, זינגענדיק דאָס לידל:

וואָס טויג מיר מײַן לעבן, וואָס טויג מיר מײַן וועלט,
אַז כ׳האָב ניט קיין מאַזל, אַז כ׳האָב ניט קיין געלט?" —,

קלאָגט זיך טעוויע דער מילכיקער. אים זאָגט נאָך דער שנײַדער שימען־עליע: „וואָס מער קאַפּצן, מער לעבעדיק, וואָס מער הונגעריק, מער געזונגען..."

מיט דער זעלבער שטימונג איז דורכגעדרונגען אויך די דערציילונג „נאַכעס פֿון קינדער", אין וועלכער עס קומט זיך צונויף א גרויסע אָרעמע מישפּאָכע בײַ א יאָמטעוודיקן טיש און זינגט צי פֿון סימכע, צי פֿון ייִעש: „צאַהאַלאָ מעסאַמייכאָ" (דאָס יובלען און דאָס פֿרייען זיך).

יאָ, אַזוי יובלען און פֿרייען זיך האָט אָפֿטער פֿון אַלץ געקאָנט בלויז דער אָרעמאַן. נאָר שטענדיק האָט „געיובלט און געפֿרייט זיך" דער קלעזמער — א קאַפּצן אין זיבן פֿאָלעס. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די סוויווע האָט געדאַרפֿט אונטערדריקן א באַליביקע שטרעבונג צו פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרנעמונגען מיט מוזיק. נאָר ניין, דער עמעסער קויעך פֿונעם פֿאָלק האָט זיך טאַקע אַנטפּלעקט אין דעם, וואָס, ניט געקוקט אויף די שווערסטע סאָציאַלע באַדינגונגען, פֿלעגט עס קאָנען אַרויסרוקן פֿון זײַן סוויווע טאַלאַנטפֿולע מוזיקער, וועלכע האָבן, טראָץ דער נויט, טראָץ דער אומפֿרײַנטלעכער באַציִונג פֿון דער „קאַהאָלשער מייִנונג", טראָץ די פֿאָרורטיילן פֿון יאָרן, געקאָנט מיטיילן דער וועלט די עמעסע ראָליע פֿון דער מוזיק אין דער נעשאָמע פֿונעם פֿאָלק.

מע קאָן מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז די טעמע — טאַלאַנט, וואָס שטאַמט פֿונעם פֿאָלק, איז א צענטראַלע אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿונג. איר זײַנען געווידמעט א סאַך זײַטן אין די ראָמאַנען „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי" און „בלאָנדזנדע שטערן".

אָנגעהויבן האָט גרישע סטעלמאַך אַזוי, ווי נאַפּטאַלצע בעזבאָראָדקיס קינדער, אָדער ווי די יאָרשים פֿונעם לאָמזשער כאַזן. „אינדערהיים, — דערציילט זײַן טאַטע, — ...א קראַנק ווײַב מיט קליינע קינדער, דאָס עלטערע איז נאָך ניט אַלט געווען דעמלט קיין זעקס יאָר. הערשעלע האָט מען אים דעמלט גערופֿן, געווען פֿון קליינווײַז אויף א געראָטן קינד, א גאָלד. טאָג ווי נאַכט פֿלעג ער אַרומגיין מיט צוויי שטעקעלעך און שפּילן, און שפּילן, און שפּילן. „הערשעלע, וואָס טוסטו דאָס?" — „איך שפּיל, זאָגט ער, אויפֿן פֿידל". גייט דער טאַטע זײַנער אויף טשיקאַוועס איינמאָל און ברענגט אים צו טראָגן א פּראָסטן הילצערנעם פֿידל. „דאָס קינד האָט דערזען א פֿידל, האָט עס זיך אויש צעוויינט. ווו האָט ער געזען א פֿידל? ווער האָט אים באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף שפּילן?.. דאָס קינד האָט, זאָגט ער, אַליין, אַליין פֿון זיך גענומען רימפּלען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אָנגעהויבן שפּילן ניגונים". דער טאַטע איז געווען נאַווענאַד, אַרומגעבלאָנקעט אָן שטיוול מיט גרישען איבער שטעט און שטעטלעך צווישן ייִדן, „פֿאַר איין דרײַערל געשפּילט זיי זעקס ניגונים און איינעם א צוגאָב..." זיי האָבן „געשמייכלט צו א פּראַנדזעל, א גלעזל טיי מיט פּוטער איז געווען א יאָמטעוו, און א פּערטל אויף האָט מען געזען אין כאָלעם, און פֿאַר איין עפּל אָדער צוויי פֿלוימען האָט אײַך גרישע געקאָנט אָפּשפּילן דעם שענסטן ניגון!"

ביכלאַל איז דאָס א געוויינלעכע געשיכטע פֿון א יונגן שטעטלשן קלעזמער. נאָר ס׳איז דאָך מעקוייעם געוואָרן דאָס, וואָס, לויטן יוישער, האָט געדאַרפֿט מעקוייעם ווערן — גרישע איז געוואָרן א באַרימטער מוזיקער, און שאָלעם־אַלייכעם קאָן זיך ניט אָפּזאָגן אינעם פֿאַרגעניגן צו געניסן פֿון זײַן שפּיל. אין איר איז די נעשאָמע פֿונעם פֿידל, די

נעשאַמע פונעם ריַפן טאַלאַנט: „און זיַין פידל האָט אים ניט געשפּילט, נאָר גערעדט. גערעדט אויף א געטלעכער שפּראַך, אַזאַ שפּראַך, וואָס נאָר א גרויסער אַרטיסט קאָן אַזוי ריידן, און נאָר א גרויסער אַרטיסט קאָן זי פאַרשטיין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מלאָכים האָבן זיך געטראָפן אין דער דאָזיקער וועלט פון הימלשע געזאַנגען, אין דעם דאָזיקן יאַם פון ניט־ערדישע קעלער. זיי האָבן זיך געטראָפן אויף און אָפּ. זיי האָבן באַגריסט און געזונגען אויף טויזנטער־טויזנטער קעלער... הונדערטער גערטנער האָבן דאָרטן אויפגעבליט. טויזנטער פייגלען האָבן דאָרטן געזונגען. און ער האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן אויף זיַין געטלעכער שפּראַך, אַלעמאָל זיסער און שטאַרקער. ער האָט ניט אויפגעהערט צו דערציילן ראָזען אויף זיַין פידל שיינע מיַיסעס. ער האָט ניט אויפגעהערט צו טרוימען פאַר איר זיסער מיט גאָלד געוועבטע כאַלוימעס...“

אויך רייזל, די העלדין פונעם ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן“, שטאַמט פון דער סאַמע טיפענִיש פונעם פאָלק. אַלס קינדער־פידל איז פאַר איר געווען די נאַיווע, אָבער האַרציקע און אופריכטיקע יידישע פאָלקסלידער. אויך איר וועג אין קונסט איז אין פיל הינזיכטן ענלעך צו דעם וועג פון גרישע סטעלמאַכן. א דושנע אַטמאָספער פונעם שטעטל, ווו קיינעם, כוץ איר פאָטער, איז ניט אָנגעגאַנגען איר זינגען, דאָס נאָזענאַדעווען מיטן וואַנדער־טעאַטער, דער דאַלעס, די צופעליקע באַגעגעניש מיט דער זינגערין מאַרטשעלע עמבריך (אַזוי רופט שאָלעם־אַליכעם די רעאַל לעבנדיקע זינגערין מאַרצעלינע קאָכאַנסקע, וואָס האָט געטראָגן דעם פסעוודאָנים מאַרטשעלאַ זעמבריך (1885—1935). ניט צופעליק, עפּשער טראָגט דער פאַבל פונעם ראָמאַן, וואָס באַזירט זיך אויף דער ראָמאַנטישער ליבע צווישן ראָזע ספּיוואַק און לייבל ראַפּאַלאָוויטש (לעאָ ראַפאַלעסקאָ), אַנטפּלעקט ראָזע מער קרויוישע שטריכן מיטן פידלער גרישע סטעלמאַך, איידער מיטן אַקטיאָר ראַפּאַלעסקאָ. סטעלמאַכס שפּיל געבירט אין איר דעם העכסטן געפיל פון קונסט, וואָס אַנטפּלעקט אין איר אַלע מיַיַלעס פון איר טאַלאַנט: זי איז „צוגעלאָפן צום פּאַרטעפּיאַן, אויפגעריסן דאָס דעקל, גענומען א פּאָר מעכטיקע אַקאָרדן און אוועקגעשטעלט זיך זינגען — אָן א באַשטימטן פּלאַן, אָן נאָטן, נאָר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריַין. זי האָט ניט געזונגען, נאָר עס האָבן זיך געגאָסן קוילעס. עס האָבן זיך געשאָטן רולאַדן און טרעלן. עס האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען און מעלאָדיעס אַזעלכע, וואָס קיין אויער האָט דאָס נאָך ניט געהערט, וואָס קיין קאָנצערט־זאַל האָט נאָך ניט זוֹיכע געווען דערצו“.

אין שאָלעם־אַליכעמס ראָמאַנען איז דער טריוּמף פונעם טאַלאַנט די באַלוינונג פאַר די אַלע אינוּיִים, פון וועלכע עס ליַידן זיַינע העלדן אויף זייער שווערן לעבנסוועג. און וואָס עס זיַינען טאַקע בעעמעס גליקלעך ראָזע ספּיוואַק און לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, — דאָס איז די פאַרליבטקיַיט אין דער אַלץ פאַרכאַפּנדיקער שאַפונג. זי איז א זינגערין, ער — אַן אַקטיאָר.

אין אָנהייב פון דעם ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן“ טרוימען די העלד; וועגן דעם, אַז „...זיי וועלן ביידע גיין אין איין וועג. זיי וועלן ביידע לערנען איין זאַך, ער — שפּילן, און זי — זינגען. ביידע וועלן זיי ווערן באַרימט אויף דער וועלט — ער מיט זיַין שפּילן, זי מיט איר זינגען“.

אין אָט דעם „גיין אין איין וועג, לערנען איין זאַך“ — איז דער מאַמאָשעסדיקער זין, וואָס שפּיגלט אָפּ אייניקע פאַרשטעלונגען פון דער סיסטעם פון קונסט און דער ראָליע פון מוזיק אין איר, וועלכע האָבן זיך געשאַפן אַפן ראַנד פון יאָרהונדערטער. „בלאָנדזשנדע שטערן“ איז אייגנטלעך א „טעאַטראַלער ראָמאַן“. דאָ ווערט געגעבן א פּינקטלעך בילד פונעם יידישן טעאַטער אין סוף 19־טן — אָנהייב 20־טן יאָרהונדערטער, אָנהייבנדיק פונעם שטעטלשן באַלאַגאַן און ענדיקנדיק מיטן גרויסן הויפּטשטאָטישן טעאַטער. אָבער וועגן וואָס פאַר אַן אָרט טעאַטער שאָלעם־אַליכעם זאָל ניט רעדן, איז קלאָר, אַז דער יידישער טעאַטער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אָן מוזיק. דאָס איז געווען אין אַלע זיַינע אַנטפּלעקונגען א מוזיק־טעאַטער, און די מוזיק האָט דאָ געשפּילט א ראָליע ניט ווייניקער ווי די שפּיל גופא פון די אַקטיאָרן. דעם מעהוס פון אַזאַ „סימביאָז“ האָט אויסגעדריקט אינעם ראָמאַן דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער שטשופּאַק: „די מוזיק — איז זייער פּאַרנאָסע, דאָס הייסט, זייער פּאַרנאָסע, אייגנטלעך, איז טעאַטער, און טעאַטער מיט מוזיק איז דאָך ווי א ברודער מיט א שוועסטער, אָדער ווי א מאַן מיט א וויַיב“.

דאָס פאַרשטיין דעם טעאַטער ווי א מוזיקאַלע האַנדלונג איז פאַרוואָרצלט אין דעם באַוווּסטזיין פונעם פאָלק. עס זיַינען כאַראַקטעריסטיש אַזעלכע פּראַטים, וואָס דער שריַיבער האָט באַמערקט: „שאָלעם־מייער האָט א חוּנק געטאָן צו יעכיעל דעם קלעזמער, ער זאָל „גיבן“ א פריילעכס. דערהערט קלעזמער, האָט דער אוילעם פאַרשטאַנען, אַז דאָ הייבט זיך שוין אָן די שפּיל...“. „דאָס טעאַטער... איז געווען געפּאַקט, ווי אַלעמאָל, די קלעזמער האָבן געשפּילט, די אַרטיסטן האָבן געזונגען, דאָס פּובליקום האָט געקנאַקט ניסלעך, געראַשט, זיך מעסאַמייעך געווען, ווי אַלעמאָל“. און אָט שריַיט מען פונעם פּובליקום דעם אַקטיאָר: „האָצמאַך! א כאָסידל!..“ א טיפּישע פיגור אין טעאַטער איז דער מענטש פון פאָלק יעכיעל דער קלעזמער מיט זיַין „כמורע“, אָן וועלכער עס האָט זיך אַפילע ניט פאָרגעשטעלט קיין שום טעאַטער־פאָרשטעלונג. יעכיעל גופא איז א גאַנץ רעאַלער פּערסאָנאַזש אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער. ער איז אַן „אייגענער ברודער“ פון זעליק דעם קלעזמער, דעם העלד פון י. לאַטיַינערס פּיעסע, דעם אווטאָר פון וואָדעווילן און אָפּערעטן...

יעדער כאָטש עטוואָס א באַדיַיטנדיקער פּערסאָנאַזש אין יידישן טעאַטער האָט אומבאַדינגט געזונגען זיַינס א לידל, וואָס דאָס פּובליקום האָט גליַיך אונטערגעכאַפּט. אין שיַיכעס דערמיט זיַינען אין שטייגער בריט געווען פאַרשפּרייט לידלעך פון גאָלדפאַדענס, פּיַינמאַנס, לאַטיַינערס פאַרשטעלונגען. דעריבער איז ניט צופעליק, וואָס רייזל האָט באַצויבערט דעם אַנטרעפּרעניאָר מוראַווטשיק דערמיט, וואָס זי האָט „געזונגען פון „שולאַמיס“ דאָס שיינע לידל מיטן שיינעם מאָטיוו, וואָס זי האָט גע־

הערט אין טעאטער". דערנאך האט זי אליין אנגעהויבן זינגען קופּלעטן, און דער גאנצער טעאטער האט זיך געהאלטן דאפקע אף ראזען מיט אירע לידלעך. דאס קענען די לידלעך, די שיינע שטים האט מען צומאל געשאצט העכער, איידער די אקטיארישע מייסטערשאפט.

זייער מעגלעך, אז דער טעאטער מיט די לידלעך און קופּלעטן האט זיך ניט אויסגעטיילט מיט באזונדערס נאוואטארישער דראמאטורגיע, אבער אין טאך גענומען איז ער געווען א פאלקס־טעאטער. זיינע ווארצלען האבן געשטעקט אין דער סוויווע פון די „פורימשפּילער" — אייגנארטיקע אקטיארן־מוזיקער, נאענטע קרויווים פון די רוסישע סקאמאראכן און איטאליענישע טרובאדורן. אין יענעם סינטעטישן טעאטער, וועלכן עס האבן געטראגן מיט זיך די פורימשפּילער, איז די ליד געווען דער סאמע עצעם פון דער האנדלונג; זי האט זיך געשפּילט, נאכגעשפּילט, באקומענדיק, כוץ א בילדעריש־מוזיקאלע, אויך א סוזשעטישע באדייטונג. עס ציט צו זיך צו די אופמערקזאמקייט נאך איין כאראקטעריסטישע ספּעציפישקייט פון דער פאלקסשאפונג. די יידישע פאלקסלידער, כאטש זיי האבן אפילע קיין שייכעס ניט צום טעאטער, טראגן אין זיך זייער אפּט א שפּיל־עלעמענט — אפּט דינען דאס גאנצע סצענקעס, וואס מיינען פּערזאנען, זייער דיאלאג, סוזשעטישע אנטוויקלונג. ס'איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואס די ליד איז אזוי לייכט אריין אין טעאטער און געווארן זיין טאכיקער עלעמענט.

דער שרייבער־רעאליסט שאלעם־אליישעם האט ניט געקאנט פארבייגיין די באזונדערקייטן פונעם מאדערנעם פאר אים יידישן טעאטער, ווי, אגעוו, אויך דעם גאנצן מוזיקאלישן שטייגער פון זיין צייט. זיינע ווערק זיינען פול מיט ציטאטן פון לידער. און כאטש ער ציטירט בלויז דעם טעקסט, קאנען מיר צומאל רעקאנסטרויִרן לויט אים די מוזיק־אטמאספער, וואס האט ארומגערינגלט שאלעם־אליישעמס העלדן און געשאפן א וועזנטלעכן סימען פון דער צייט.

אט זינגט אויס שאלעם־מייער מוראוושיק פאר רייזלען דאס לידל „הייסע באבקעלעך" פון א. גאלדפאדענס „קאלדוניע":

דארט זע איך א שאלטיק אינמיטן גאס,
טוען טוט ער גארניט,
ער גייט ארום פוסט־און־פּאס,
טוט אלעס, וואס מע טאר ניט.
קראנק איז ער אזוי, ווי איך, אויך
צו הארעווען מיטן בלוטיקן שווייס
און צו שרייען אינדערהויך:
— הייסע באבקעלעך, יידעלעך, הייס!

דער רעפרען האט געקלונגען אזוי: „הייסע באבקעלעך, יידעלעך, קויפט!"

האצמאך גייט א טענצל מיט ראפּאלעסקאן, זינגט אונטער מיט דעם ניגן פון „קאלדוניע" — „האצמאך איז א בלינדער":

האצמאך איז א בלינדער!
וואס איז פאר א װוּנדער?

זאגט זשע מיר, קינדער:
האצמאך איז א בלינדער!

בלויז אינעם רעפּערטואר פון די העלדן פון „בלאנדזשנדע שטערן" רייזל און האצמאך ווערן ציטירט אינעם ראמאן מער פון צוואנציק לידער — פאלקסלידער און אוטאריזירטע, וועלכע זיינען באַרופן צו „טאניפיצירן" דעם סוזשעט און די דראמאטורגיע פונעם ווערק. פארשיידן לויטן זשאנער — קינדער־ און טרויער־לידער, כאסענע־לידער און סאטירישע, לירישע און שפּאס־לידער — זיינען דאס אלץ פאלקסלידער, וואס באגלייטן דאס לעבן פון שאלעם־אליישעמס העלדן אין א סאך פון זיינע דערציילונגען, צוגעבנדיק דערמיט דער סיפּער־האמייסע א באזונדערע רעאליסטישע עמעסדיקייט. צומאל צייכנט אן איין מוזיק־שטריך א סאציאל געשטאלט — דעם פּענאמען. לאמיר זיך דערמאנען דעם קאריקאטור־שארזש אף דער „בארימטער" זינגערן מארינעסקא־מילאנעסקא, א טיפּישע פארשטייערן פון דער שונד־עסטראדע. זי זינגט און דאס גאנצע פּובליקום כאפּט אונטער.

שאלעם־אליישעם פירט דעם לייענער אריין אין דער אטמאספער פון קאפע־שאנטאן, צווינגענדיק אים איראניש צו שמייכלען.

אן אנדער שטריך — די ליד „מוישע". זי סימבאליזירט דעם פּוסטן קאמערציעלן טעאטער, וועלכער האט זיך פארשפּרייט אין אמעריקע אין אנהייב פון 20־טן יארהונדערט.

דאס אויסניצן מוזיק־אסאציאציעס איז בא שאלעם־אליישעמען אזוי ברייט, ווי דאס לעבן גופע פון זיינע העלדן. אבער אין שאלעם־אליישעמס ווערק איז דא אויך אן אנדער באדייטונג פון מוזיק און ליד. ווי די העלדן פון שאגאלס בילדער, הייבט ער זיך אויף איבער דעם שטייגער פון זיינע העלדן, און דאן צעעפנט זיך פאר זיין בליק די גרויסע וועלט, א שיינע און הארמאנישע. „שטיל איז אין האלעכעשטי און רויִק. אפּגעקילט האט זיך די ערד נאכן אונטערגאנג פון דער בעסאראבער זון. אפּגעלייגט האט זיך דער שטויב, וואס איז געשטאנען א גאנצן טאג, ווי א זייל, און מע קאן שוין כאפּן דעם אטעם. און א גרינג ווינטעלע פארבלאזט פון ערגעץ, ברענגט צו טראגן א גרוס פון די בעסאראבער גערטנער און פעלדער, וואס שמעקן ניט מיט בסאמים, נאר מיט ברויט, מיט פּאפּעשויעס, מיט עפּל און מיט בארן. און א פייפל לאזט זיך הערן פון א פּאסטעך, וואס טרייבט די שאף ערגעץ דארטן אף דער פּאשע. דאס פייפל קוים־קוים וואס מע הערט, אלעמאל שטילער, ביז סע ווערט פארשטארבן".

אין ראבערט שומאנס „נאוועלעטן" איז דא א נאטן־שורע, וואס ווערט ניט געשפּילט. איבער איר האט דער קאמפּאזיטאר געמאכט א צייכן — „אינערלעכע שטים". אויספּילנדיק די „נאוועלעטן", דארף דער פּיאניסט הערן אט די שטים אין זיך. שאלעם־אליישעמס ווערק פארמאגן אויך זייער אייגענע „אינערלעכע שטים". ווען מיר הערן איר מוזיק, עפנט זיך פאר אונדז די עמעסע פּאעזיע פון שאלעם־אליישעמס ווערק.

■ ■ ■

אירמע דרוקער

איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אמכאָ!

סאָף מײַ און אָנהייב יוני. סאַראַ גוטער סאָף און סאַראַ טײַערער אָנהייב. מע איז נאָך ניט אויסגעניכטערט פֿונעם פֿרילינג און מע ווערט פֿאַרשיכּורט פֿונעם זומער. אַ פֿאַרפּלייצעניש פֿון גרינ־קײַט און בליִ, וואָס גייט איבער אין וווּקס און אין רײַף ווערן.

און אומעטום, אין יעדן אָרט, איז דער סאָף ווי גאָר אַן אַנדער סאָף, און דער אָנהייב, ווי גאָר אַ נײַער אָנהייב.

ניט איין פֿרילינג, נאָר אַ סאַך, אַ סאַך פֿרילינגען...

און וויפֿל פֿרילינגען און זומערס מ׳האָט שוין באַוויזן דורכצולעבן. דוכט זיך אַלץ, אַז ס׳איז דער ערשטער פֿרילינג, דער ערשטער זומער, דער ערשטער מײַ, דער ערשטער יוני, גלײַך ווי מײַ און יוני זײַנען ביז אַהער גאָר ניט געווען פֿאַרעכנט אין דער צאָל כאָדאָשים פֿונעם יאָר.

אָט אין דער צײַט פֿון גוטן סאָף און טײַערן אָנהייב האָט שאָלעם־אַליכעם אין 1908 יאָר גע־מאַכט אַן אַרויספֿאָר אין אַ רײ שטעט, אַרויסגעטראָטן מיט ליטעראַרישע פֿאָרלעזונגען אין אָדעס, וואַרשע, ווילנע און אין די נאָענטסטע גרעסערע און קלענערע שטעטלעך אַרום.

יעדן אָוונט האָט שאָלעם־אַליכעם מעכאַבעד געווען דעם עולם מיט שפּאָגל־נײַע ווערק, וואָס זײַנען נאָרוואָס אַרויס פֿון דער נאָדל און אַפֿילע מיט די שוין פֿון לאַנג באַקאַנטע דערציילונגען, וועלכע די מערהײַט צוהערער האָט געקאָנט קימאַט אויף אויסווייניק, נאָר זיי האָבן אין שאָלעם־אַליי־כעמס מויל אָפּגעקלונגען ווי נײַע. אַ וועלט, די גאַנצע וועלט האָט געוואָלט זען שאָלעם־אַלייכעמען דעם שרײַבער און הערן שאָלעם־אַלייכעמען דעם פֿאָרלייענער.

און די וועלט איז גרויס, און די צײַט איז קורץ, און די קויכעס זײַנען קליין, און וויפֿל מע שרײַבט, איז אַלץ ווייניק, האַלט מען אַלץ פֿון פֿאָרנט.

אָבער ווי באַגעגנט מען זיך ניט מיט די, פֿון וועמען און פֿאַר וועמען ער שרײַבט? דער שרײַ־בער דאַרף און מוז פֿאַרדינען דאָס רעכט צו זאָגן: בתוך עמי אנכי יושב[1] — צווישן מײַן פֿאָלק איך זיץ, איך בין ווי איינער פֿונעם פֿאָלק, ביין פֿון ביין און פֿלייש. זײַן צאָרע איז מײַן צאָרע! זײַן וואָך איז מײַן וואָך, זײַן יאָמטעוו איז מײַן יאָמטעוו!

ליבע האָט פֿײַנט ווײַטקײַט! ליבע שטרעבט שטענדיק צו דערנעענטערונג, פֿאַרלאַנגט זײַן צו־זאַמען!

וואָס באַטײַט דען שאָלעם־אַלייכעם? — שאָלעם־אַלייכעם באַטײַט ניט אַנדערש ווי שטיין פּאָנעם לעפּאָנעם און דריקן איינער דעם צווייטן די האַנט.

און שאָלעם־אַלייכעם זעצט פֿאַר אַ באַגײַסטערטער זײַן ליטעראַרישן לעך־לעכאָ! בלומען! אומע־טום בלומען! בלומען, וואָס לינדערן דעם ווײ פֿון צעשיידונג, און בלומען, וואָס פֿאַרשטאַרקן די פֿרייד פֿון באַגעגענען זיך.

שאָלעם־אַלייכעם לייענט, און דער עולם לאַכט און טראָגט מיט זיך אַוועק און פֿאַרהיט אויף שטענדיק דעם געלעכטער פֿאַר די פֿאַרשיידענע מאַקעס, צאָרעס און פֿוראָניעסן, וואָס די צײַט ברענגט מיט זיך, פֿאַרהיט אים, ווי די זוניקע מײַ־ און יוני־שטראַלן פֿאַר די כמורנע, פֿינצטערע און קאַלטע האַרבסט־טעג...

מײַ און יוני שטייען ניט אויף איין אָרט, זיי האָבן יונגע שטאַרקע פֿליגלען, און זיי פֿליִען אַוועק איידער מע באַווײַזט זיך אַרומקוקן.

און די באַראַנאָוויטשער, וואָס האָבן ניט זוכע געווען צו האָבן שאָלעם־אַלייכעמען אַלס גאַסט אין מײַ און אין יוני, האָבן צו אים געהאַט גרויסע טײַנעס:

— איר זײַט געפֿאָרן און געפֿאָרן און באַראַנאָוויטש פֿאַרלוירן, מוזט איר עס איצט געפֿינען. נישקאָשע, אַ יוליקער גאַסט איז ניט ווייניקער אָנגעלייגט ווי אַ מײַאָווער און ווי אַ יוני־גאַסט.

מ׳האָט געקלאַפּט דעפּעשן, געשריבן בריוו, ניט געזשאַלעוועט קיין קאַרטלעך, און אַלע אין איין קאָל:

פֿון דער שפּעטערישער יערושע.

[1] בעטאָך אמי אנכי יוישעוו.

— קומט צו פֿאָרן! מיר וואַרטן אױף אײַך!

און באַראַנאָוויטש, דאַרף מען זאָגן, האָט מאַזל. ס׳דאַרף טרעפֿן, אַז פּונקט אין דער צײַט, ווען די באַראַנאָוויטשער זײַנען אויסגעגאַנגען זיך צו באַגעגענען מיט שאָלעם־אַלייכעמען, איז אָפּגעגעבן דעם קאָוועד, וועלכן ער האָט פֿאַרדינט און וועלכן ער איז די ווערט, האָט דער גובערנאַטאָר דערלויבט צו גרינדן אין באַראַנאָוויטש אַ ייִדישע ליטעראַטור־ און קונסט־געזעלשאַפֿט, און דאָס איז דאָך גלײַך ווי פֿאַרוואָרפֿן אַ שטריק אױף צו כאַפּן שאָלעם־אַלייכעמען, אַ שטריק, פֿון וועלכער ער וועט זיך ניט קאָנען אויסדרייען.

באַראַנאָוויטש האָט גערוישט, באַראַנאָוויטש איז געגאַנגען כאָדאָראָם, גלײַך ווי ער אַליין, עלײִאָהו האַנאָווי, זאָל אָנזאָגן די בסורע, אַז דער אויסלייזער געפֿינט זיך שוין הינטער די טויערן פֿון שטאָט, גלײַך ווי די אַנימיימעניקעס, וואָס האָבן יעדן טאָג זיך אַרויסגעקוקט די אויגן אױף מאָשיעכן און יעדן טאָג געגעבן דאָס וואָרט וואַרטן אױף אים און וואַרטן, האָבן דערלעבט דעם דערוואַרטן טאָג.

— ליב אײַך מיט אײַער גאַסט! — האָבן די באַראַנאָוויטשער אײנער דעם צווייטן באַגריסט נאָך איידער דער גאַסט האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע צו קומען.

— מאַזלטאָוו!

— מיט מאַזל זאָלט איר לעבן!

— אַזאַ יאָר אױף מיר, סאַראַ מאַזל דאָס איז, אַליין מיט די אייגענע אויגן זען, מיט די אייגענע אויערן הערן שאָלעם־אַלייכעמען.

— אַוואַדע! אַוואַדע! — זײַנען די מאַזלדיקע מאַסקים געווען מיט דעם מאַזלדיקן, — ניט איין שטאָט, ניט איין שטעטל, ניט איין ייִד אין גאָר דער וועלט וועלן אונדז מעקאַנע זײַן. אונדז וועלן מעקאַנע זײַן די קומענדיקע דורות, וואָס מיר, באַראַנאָוויטשער, האָבן געלעבט אין באַראַנאָוויטש אין 1908 יאָר...

און דאָס אַלץ האָט שאָלעם־אַלייכעם געפֿילט, ווי ער זאָל זײַן דערבײַ, און עס האָט אים געהויבן אינדערלופֿטן און ווי אױף פֿליגלען געטראָגן.

די דאָקטוירים פֿאַרווערן, אַלגע, זײַן פֿרוי, שטעלט זיך קעגן — איינמאָל נײן! און שאָלעם־אַלייכעם טעלעגראַפֿירט קיין באַראַנאָוויטש: „איך בין גערירט. אַ דאַנק. איך וועל קומען. לאָמיר האָבן אַ גליקלעכע באַגעגעניש".

די עפֿענונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־ און קונסט־געזעלשאַפֿט איז פֿאָרגעקומען דעם 27־טן יול אין שטאָטישן זומער־טעאַטער.

און ווער ס׳איז ניט בײַגעווען אױף דער עפֿענונג, און ווער ס׳איז ניט בײַגעווען אױף דער באַגעגעניש מיט שאָלעם־אַלייכעמען, דער האָט קיינמאָל אַזאַ שײנקײַט ניט געזען, דער האָט קיינמאָל אַזאַ פֿרייד ניט איבערגעלעבט.

די פּאָליציי האָט געפֿאָדערט, אַז די עפֿענונגס־רעדע, מיט וועלכער מע איז מעכאַבעד געווען שאָלעם־אַלייסעמען, זאָל זײַן אין רוסיש.

די באַראַנאָוויטשער האָבן זיך געוויצלט. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז די פּאָליציי פֿאַרגינט פּאַשעט ניט די באַראַנאָוויטשער דעם פֿאַרגעניגן פֿון הערן זייער ייִדישן שרײַבער אױף ייִדיש. און אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס האָט אין דער פּאָליציי אַ רעד געטאָן דער מענטש, וויבאַלד גאַנץ באַראַנאָוויטש קלײַבט זיך האַנאָע האָבן, איז פֿאַרוואָס זאָלן זיי קיין האַנאָע ניט האָבן? זיי ווילן אויך פֿאַרזוכן אַ לעבעדיק שטיקל שאָלעם־אַלייכעם.

נאָר מיילע, רוסיש איז רוסיש, שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען אויך אין רוסיש ניט באַדאַרפֿט פּיקן דעם צונג.

און שאָלעם־אַלייכעם האָט אונטער דער שוץ פֿון רוסיש, ווי אונטער אַ רויך־פֿאָרהאַנג, געלאָזט פֿראַנק און פֿרײַ פֿליסן די קוואַלן פֿונעם ייִדישן געלעכטער. גלײַכווערטלעך, כאָכמעס און פּסוקים האָבן זיך געפֿילט אין רוסיש ווי בא זיך, אין זייער ייִדישער היים. און ניט אײנער, וואָס האָט זויכע געווען בײַצוזײַן אױף דעם אָוונט, האָט ניט געוווּסט, ווער ס׳האָט אים געשליירט. ווען מ׳האָט בא אַזאַ איינעם געפֿרעגט, ווי עס געפֿעלט אים שאָלעם־אַלייכעמס רוסיש, האָט ער זיך אויסגעלאַכט; וואָס פֿאַר אַ רוסיש, וועלכער רוסיש, שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט גערעדט אין רוסיש, ער האָט גערעדט אױף פּראָסט ייִדיש.

— רעדן האָט ער טאַקע גערעדט אױף רוסיש, — האָבן ניט ווייניקער באַגלייבטע איידעס קלאָר געמאַכט די מיספּאַרשטייעניש, — נאָר אױף וויפֿל ער איז אויך אין רוסיש געבליבן שאָלעם־אַלייכעם, איז זײַן רוסיש בעמיילע געווען ווי ייִדיש.

די פּאָליציי האָט ניט פֿאַרלאָזט דעם זומער־טעאַטער אויך דאַן, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט גענומען פֿאָרלייענען זײַנע דערציילונגען אין ייִדיש. זיי זײַנען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט געלעכטער און האָבן אויך געלאַכט.

זיי האבן געלאכט און געפרעגט בא די לאכנדיקע, וואס לאכט מען? און אז מ׳האט זיי איבער־געזעצט און געגעבן צו פארשטיין, אין וואס עס איז דא דער געלעכטער, האבן זיי נאך שטארקער געלאכט.

שאלעם־אלייכעם האט געלייענט און געלייענט. און וואס מער ער האט געלייענט, אלץ מער האט זיך אים געוואלט לייענען, און וויפל ער האט געלייענט, איז פארן עולם אלץ געווען ניט גענוג.

— ביס! בראוואָ! נאך! נאך!

דער זומער־טעאטער איז צו קליין געווען אף איינהאלטן די באגייסטערטע קוילעס, די רוישיקע אפלאדיסמענטן און הילכיקע געלעכטערס. זיי האבן זיך ארויסגעריסן און זיך פאנאנדערגעטראגן אין דרויסן, און אין דרויסן האבן זיי זיך אנגעטראפן מיט א צען מאל גרעסערן עולם, איידער אין זומער־טעאטער. און קיינער פון די דרויסנדיקע האט זיי ניט געוואלט ארויסלאזן פון די הענט, מ׳האט זיי אונטערגעכאפט און באגייסטערט געשריגן:

— שאלעם־אלייכעם! שאלעם־אלייכעם!

שווער, ביז גאר שווער איז שאלעם־אלייכעמען אנגעקומען זיך ארויסרייסן פונעם זומער־טעאטער, און אט נא דיר, גלייך ווי ער האט זיך נאר באוויזן אין דרויסן, איז ער ווידער אריינגעפאלן אין יידישע הענט...

דער עולם האט געפאדערט, אז שאלעם־אלייכעם זאל עפעס־וואס פארלייענען, ער זאל עפעס־וואס זאגן.

— איך קאן ניט, איך פיל זיך מיד, איך בין שטארק אפגעשוואכט, — האט זיך שאלעם־אלייכעם געבעטן, מ׳זאל אים לאזן צורו.

— איז גיט זשע דאס ווארט, אז איבערמארגן, דעם 29־טן יול, וועט איר ארויסטרעטן אף א צווייטן אוונט. מארגעדיקן טאג גיבן מיר אייך אף זיך אפרוען און קומען צו די קויכעס.

שאלעם־אלייכעם האט אופגעהויבן זיין האנט אין דער הייך, און א „שאו", וואס האט זיך גע־טראגן פון מויל צו מויל, האט איינגעוואלגערט די געשרייען, ווי ס׳ווערט איינגעוואלגערט א בוים אין וואלד — א קראך, און שטיל, ווי ניט געווען.

— איך גיב דאס ווארט, — האט שאלעם־אלייכעם ניט אראפגעלאזט זיין הויך אופגעהויבענע האנט, — איך זאג צו, אז דעם 29־טן וועל איך ארויסטרעטן אף א צווייטן ליטערארישן אוונט.

— איז צום ווידערזען! צום גיכן ווידערזען!

ווי עס ווייזט אויס, האט אט די באגעגעניש, די ליבע־דערקלערונג פונעם שרייבער צום פאלק און דער ליבע־אויסדרוק פון דעם פאלק צו זייער שרייבער, שטארק פארדראסן זיין מאיעסטעט, דעם מאלעכהאמאוועס, וואס זינט די וועלט שטייט, פונעם ערשטן מענטשן, פונעם ערשטן דאר ביז איצט, האבן אים אלע פון קליין ביז גרויס פיינט.

ליב האבן אים בלויז די ווערעם, ווייל ער איז זייער ברויטגעבער, ווייל ער האלט זיי אין איין צושטעלן שפייז...

און דער באלעבאס איבער אלע טויטן, דער גרויסער פריינט פון די ווערעם האט באשטימט אפטאן א מיעס שפיצל די באראנאוויטשער און זיך אפרעכענען מיט שאלעם־אלייכעמען, וואס האט פאר אים ניט דעם מינדסטן דרעכערעך, לאכט זיך אויס פון אים און הערט אים אין דער לינקער פיאטע. און ער האט אופגעהויבן זיין שווערד איבער שאלעם־אלייכעמס געלעכטער און אים שטארק פארוואונדעט. א בלוט־שטורץ אין שאלעם־אלייכעמס לונגען.

א בלוט־שטורץ!

און די פרייד אין באראנאוויטש איז פארשטערט געווארן!

די בראכע פון לאכן האט בא יידן געהאט א סאך קלאלעס: „דו זאלסט לאכן און ניט אופהערן. דו זאלסט לאכן מיט יאשטשערקעס. דו זאלסט לאכן ווי דער טייוול. דו זאלסט לאכן מיט א פאר־ווינט מיסעמעשונע־פאנעם". און די ערגסטע קלאלע איז געווען: „לאכן זאלסטו מיט בלוט". אט די קלאלע איז געווען אזוי אכזאריעסדיק ביטער, ווי דער „כאטש לייג זיך און לאך", וואס האט געהאט דעם זעלבן באטייט, ווי „כאטש לייג זיך און שטארב".

שאלעם־אלייכעם גייט אפ מיט בלוט...

די שרעקלעכע ידיעה איז געגאנגען פון מויל צו מויל, פון שטוב צו שטוב, פון גאס צו גאס און פון שטעטל צו שטעטל. יעדער איינער איז גרייט געווען אונטערשטעלן א פלייצע, טאן אלץ, וואס נאר מעגלעך, אף צו ראטעווען שאלעם־אלייכעמען. פריער גאט און דערנאך דער דאקטער סצע־פערזשינסקי! און די באראנאוויטשער האבן ניט געלאזט צורו ניט גאט און ניט דעם דאקטער סצע־פערזשינסקי.

באראנאוויטש האט געזאגט טילים, און אלע שטעטלעך ארום האבן מיטגעהאלפן. וואס מער זאגערס, אלץ שטארקער איז די טפילע, אלץ גיכער ווערט זי אנגענומען.

און ווען דער טילים האָט ניט געהאָלפֿן, האָט מען געפּרוּווט פֿאַרפּלאָנטערן דעם מַלאך־המָוות מיט צוגעבן שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס האָט געהייסן שאָלעם, א צווייטן צוגאָב־נאָמען — „כאַיִם" — כאַיִם־שאָלעם!

און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפֿן, האָט מען אַרײַנגעשריגן אין די אָרנקוידעשן און זיך אויסגעטײַנעט מיטן ריבוינעשעלוילעם:

— פֿאַרוואָס האָסטו גראָדע אים אויסגעקליבן, קאַרג רעשאָיִם זײַנען דאָ אױף דער וועלט? פֿאַר־וואָס פֿאַרגיסטו אומשולדיק בלוט? צי דען ווייסטו ניט, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז דער לייווי־יִצכאָק פֿון אונדזער צײַט?

זאָגערקעס און קלאָגערקעס האָבן געהאַט וואָס צו זאָגן און וואָס צו קלאָגן, זיי האָבן געריסן קוואָרים, געמאָסטן פֿעלד און אין איין קאָל געשריגן צו די מייסים, אַז זיי זאָלן זײַן גוטע בעטערס, אַז זיי זאָלן זיך דאַביוועגן צום קיסײ־האַקאָוועד און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַפּשרײַען שאָלעם־אַליי־כעמען, אים אויסבעטן בּאַם אַלמעכטיקן!

אַזויפֿיל אָרנקוידעשן געעפֿנט, אַזויפֿיל קוואָרים געריסן, אַזויפֿיל טילים געזאָגט, אַזויפֿיל ביטערע טרערן פֿאַרגאָסן, און דער דאָקטער סצעפּעראַזשינסקי זאָגט אַלץ — ניט גוט!

ווי נאָר ער גייט אַרויס פֿון שאָלעם־אַלייכעמס הויז, באַפֿאַלן אים צענדליקער און הונדערטער בּליקן. קיינער פֿרעגט גאָרניט, און סצעפּעראַזשינסקי ענטפֿערט יעדן איינעם באַזונדער און אַלעמען צוזאַמען:

— ניט גוט! ניט גוט!

דער צווייטער נאָך סצעפּעראַזשינסקין, וואָס האָט געהאַט אַ פֿרײַען אַרײַנגאַנג צום געפֿערלעך קראַנקן שאָלעם־אַלייכעמען, איז געווען דער אַפּטייקער זאַק. ער האָט אַליין געגרייט די רעפֿועס, און אויב ס'האָט עפּעס אויסגעפֿעלט אַ מין פֿון די נייטיקע מינים, פֿלעגט ער עס פֿאַר זײַן אייגן געלט גלײַך אויסשרײַבן פֿון מינסק, פֿון ביאַליסטאָק, פֿון וואָלקאָוויסק און סלאָנים.

אַליין פֿלעגט דער אַפּטייקער זאַק ברענגען די רעפֿועס, אַליין טריפֿן די טראָפּנס, אַליין פֿאַנאַנ־דערגיסן פֿון די פֿלעשעלעך אין לעפֿל אַרײַן, אַליין פֿאַנאַנדערשיטן די פּראָשקעס און אַליין בײַטן די פּילן — ביטערע אױף זיסע, גרויסע אױף קליינע, געלבלעכע אױף ווײַסע און ווײַסע אױף גרינע.

די באַראַנאָוויטשער זײַנען מעקאַנע געווען דעם אַפּטייקער, און ניט איינער האָט זיך בּאַ אים געבעטן, ער זאָל זיי געבן אָפּטראָגן די רעפֿועס. זיי וועלן זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן, זיי וועלן נאָר אַ קוק טאָן אױף שאָלעם־אַלייכעמען און גלײַך אַוועק.

און בעט בּאַ אים און רעד צו אים, איז גלײַך ווי צו דער וואַנט — ניין און ניין! ער וועט אַליין! אַליין אָפּטראָגן!

— ער איז ניט קיין גוטער, דער אַפּטייקער, — האָבן זיך געקלאָגט אױף אים די באַראַנאָווי־טשער, — ווייניק זאָגן ניט קיין גוטער, מאַמעש אַן אַכזער.

נאָר ס'איז גענוג געווען, אַז דער אַפּטייקער זאָל איבערגעבן שאָלעם־אַלייכעמס עטלעכע כאָכ־מעס, אַז די באַראַנאָוויטשער זאָלן אים מויכל זײַן און ענדערן זייער מיינונג וועגן אים:

— סאַראַ טײַערער מענטש ער איז, אָט דער זאַק, אַ דימענטל, לאַנג לעבן זאָל ער! עפּעס אַ קלייניקײַט אַזאַ בסורע, וויבאַלד שאָלעם־אַלייכעם כאָכמעט זיך, איז עס אַ גוטער סימען. ייִדן־לערנער האָבן דערוויזן, אַז עס שטייט בעפֿייִרעש געשריבן: אין משטין בשעת המיתה[1] — אַז מ'האַלט בּאַם שטאַרבן, שפּאַסט מען ניט, און וויבאַלד ער, שאָלעם־אַלייכעם, שפּאַסט, איז עס אַ סימען, אַז ער האַלט בּאַם לעבן.

די באַראַנאָוויטשער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט שאָלעם־אַלייכעמס כאָכמעס, ווי מיט דער גרעסטער האָפֿענונג, אַז עס גייט צום בעסערן.

דער, וואָס האָט ערשט אַליין דערציילט, האָט עס גערן אויסגעהערט פֿון אַ צווייטן, פֿון דעם, וואָס האָט זיך עס נאָרוואָס דערוווּסט פֿון אים.

— פֿונוואַנען זײַט איר, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם? — פֿרעגט אים דער דאָקטער. ענטפֿערט ער — פֿון אײַזן! מ'דאַרף טאַקע זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן איבערצוטראָגן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איבער־געטראָגן.

שאָלעם־אַלייכעם גייט מאַמעש אויס צו דערציילן דעם דאָקטער, וואָס פֿאַר אַ מעדינע דאָס איז, די אײַזערנע מעדינע.

און דער דאָקטער פֿאַרווערט ריידן, איצט באַשטייט די גרעסטע כאָכמע אין שווײַגן, — כאָטש איין וואָרט! ביזן שווײַגן לאָמיר זיך כאָטש אָפּפּאַסטן מיט איין וואָרט. און איידער סצעפּעראַזשינסקי דערלויבט, האָט זיך שאָלעם־אַלייכעם אַרויסגעכאַפּט ניט מיט איין וואָרט:

— דער אָקס האָט אַ לאַנגן צונג און קאָן ניט ריידן, דער מענטש האָט אַ קורצן און קאָן, נאָר

---

[1] איין משאטין בעשאַס האַמייסאַ.

וואָס קומט אַרויס פֿון קאָנען, אַז מ׳טאָר ניט. ווי זאָגן דאָס די פּוילישע ייִדן: „וואָס קומט אַרויס פֿון מײַן פּויליש רעדן, אַז מ׳לאָזט מיך אין הויף ניט אַרײַן״.

זאַק טראָגט אונטער שאָלעם־אַלייכעמען אַ פֿול אָנגעגאָסענעם לעפֿל מיט איינעם פֿון די ביטערע געטראַנקען.

שאָלעם־אַלייכעם קוויקט זיך:

— גוט! אַ מעכײַע! אײַ גוט! — ער צעלאַכט זיך, און ווי ער זאָל זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיך אַליין, דערקלערט ער: — איך לאַך, ווײַל לאַכן לאַכט זיך, ווען ס׳איז ביטער און ווען ס׳איז גוט, הײַנט ווען גאָט העלפֿט, אַז ס׳איז אי ביטער, אי גוט, איז דאָך אַוואַדע און אַוואַדע צום לאַכן.

דער אַפּטייקער זאַק, וואָס איז געוווינט געוואָרן מישן קאַבעבע מיט לאַקריצע, צוזויפֿגיסן ביטערס מיט זיס, זויערס מיט ווײַניקס, צוזויפֿפֿאָרן די געשמאַקסטע פֿעלד־רייכעס מיט די רייכעס, פֿון וועלכע עס קערט די גרינע גאַל, קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, ווי קאָן זיך פֿאָרן ביטערס מיט גוטס.

און שאָלעם־אַלייכעם דערקלערט זײַן פֿרײַנט דעם מיין פֿון פּונקט פֿאַרקערט. אַף אַ בלינדן, וואָס האָט קיין טראָפּן שײַן, זאָגט מען, אַז ער איז פֿול מיט שײַן. איר פֿאַרשטייט, איך האָב זיך צעלאַכט, ווײַל ווען כ׳האָב געזאָגט „גוט״, האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט דער „גוט״ פֿון דעם שטעטלדיקן שלימאַזל.

מע פֿרעגט אים, דעם שלימאַזל, ווי גייט עס? וואָס מאַכט ער? ענטפֿערט ער:

— זייער און זייער גוט!

— אין וואָס באַשטייט די גוטסקײַט?

— אָט אין וואָס: זומער איז מיר גוט הייס, ווינטער איז מיר גוט קאַלט, דאָס ווײַב דערגייט מיר גוט די יאָרן. און מיר אַליין איז אויך גוט פֿאַסקודנע.

דער אַפּטייקער זאַק האָט איבערגעגעבן, ווי שאָלעם־אַלייכעם איז גערירט געוואָרן ביז טרערן, ווען ער האָט אים דערציילט, ווי די באַראַנאָוויטשער זאָגערן פֿון אַלע זאָגערנס און פֿון אַלע קלאָגערנס האָט דאָס „פֿעלד״ געמאָסטן מיט אַ לאַנגן פֿאָדעם, אַז ס׳זאָל פֿאַרכאַפּן די לענג און די ברייט פֿונעם הייליקן אָרט און ניט גיין פֿאַרבײַ קיין איין מעס.

נאָך דעם ווי דער לאַנגער פֿאָדעם איז געהייליקט געוואָרן דורך טפֿילעס, טכינעס און באַקאָשעס, האָט די זאָגערן פֿון אַלע זאָגערנס און פֿון אַלע קלאָגערנס דעם לאַנגן פֿאָדעם אַף קנייטן צעשניטן און אין גרויסע וועקסענע ליכט אײַנגעפֿלאָכטן, און בײַ דער שײַן פֿון אָט די ליכט האָבן ייִדן טוירע געלערנט, טפֿילע געטאָן און טילים געזאָגט, אַז דאָס ליכט פֿונעם לעבן זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן.



שאָלעם־אַלייכעם ווישט אָפּ א טרער און גלײַך ווײַזט זיך א שמייכל אױף זײַן פּאָנעם. ער ניצט אויס די געלעגנהײַט, וואָס אַלגע, זײַן פרוי, און דער דאָקטער סצעפּעראָשינסקי זײַנען בעשאַסמײַסטע ניטאָ אין שטוב און דערציילט אים, זאָקן, א פּאָר מײַסעס וועגן זאָגערנס, קלאָגערנס און פעלד־מעסטערנס, וואָס האָבן צו יעדער מינוט אים אַליין, דעם האַר פון אַלע האַרן, געקאָנט אָפּטאָרן און פאַריידן די ציין.

...ציט זי זיך אַזוי דעם פאָדעם און ציט און רעדט זיך דורך מיטן פאָטער אין הימל:

— ווי דער פאָדעם ציט זיך און ציט זיך און ווערט ניט איבערגעריסן, אַזוי זאָל זיך ציִען דער פאָדעם פון דײַן כעסעד און קיינמאָל ניט איבערגעריסן ווערן. ווי לאַנג דער פאָדעם איז, אַזוי לאַנג זאָלן זײַן די יאָרן, אַזוי לאַנג זאָלן זיך לאָזן הערן בסורעס און טויוועס, אַזוי לאַנג זאָלן קומען יעשועס ווענעכאָמעס.

און איידער די זאָגערן האָט פון אירע לעפצן ארויסגעלעפּצט דעם „אָמיין”, האָט זיך דער פאָדעם איבערגעריסן.

מיינט איר דאָך, אַז זי האָט זיך איבערגעשראָקן, אַז זי איז אָפּהענטיק געבליבן. עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס, זי האָט עס אָנגענומען פאַר א גוטן צייכן און גלײַך אָפּן אָרט געענדערט איר טפילע, איבערגעגאַנגען פון לאַנג אױף קורץ.

— ריבוינעשעלוילעם! אַזוי ווי דער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן, אַזוי זאָלן איבערגעריסן ווערן אַלע ביטערע גזיירעס פון מיר, פון אַלע מײַנע ליבע און טײַערע און פון קאָל יִיסראָעל. ווי דער פאָדעם איז קירצער געוואָרן, אַזוי זאָל קירצער ווערן דער גאָלעס, אַזוי זאָלן קירצער ווערן אַלע וועגן, אױף וועלכע מאָשיִעך באַדאַרף דורכפאָרן אױף זײַן ווײַסן אייזל.

שאָלעם־אַלייכעמען איז שווער צו ריידן, שווער צו אָטעמען, שווער אפילע צו לאַכן, און ער רופט אָן גלײַך א צווייטע זאָגערן.

...סאיז ראָשעשאָנע, די צײַט פון בראָכעס, א בראָכע איבער ווײַנטרויבן, א בראָכע איבער א שטיקל קאַוון, א בראָכע איבער האָניק.

און זי, די זאָגערקע, איז געווען אָרעם. האָט זי די בראָכע געמאַכט איבער א נוס.

נאָכן באַדאַנקען דעם אייבערשטן פאַר באַשאַפן פּיירעס אױף די ביימער, האָט די זאָגערן אַזוי געזאָגט איר אייגן זאָגעכץ:

— אַלמעכטיקער, ווי דער נוס איז זיס, אַזוי זיס זאָל זײַן דאָס יאָר, ווי דער נוס איז פול און פעט, אַזוי זאָל דאָס לעבן זײַן...

און וויבאַלד שוין א בראָכע געמאַכט און א זאָגעכץ געזאָגט, דאַרף מען פאַרזוכן די פּיירע, אַז ניט, איז א בראָכע לעוואַטאָלע, א בראָכע אָפּן ווינט ארויסגעוואָרפן, און דאָס איז א גרויסע אַווירע, ביפראַט אינעם טאָג פון מישפּעט און דין, ווען איין איבעריקע אווירע קאָן איבערוועגן אַלע מיצוועס.

צעקלאַפּט די זאָגערן דעם נוס און א פאַרדווייקעטע פון דער בראָכע, גיט זי מיט פאַרמאַכטע אויגן א כאַפּ ארײַן אין מויל דעם נוס, און עס ווערט איר ביטער און פינצטער, דער נוס, לאָזט זיך אויס, איז ביטער ווי גאַל, פויל און ווערעמדיק. איז זי דאָך אָבער א זאָגערן, שפּײַט זי דרײַ מאָל אויס און זאָגט:

— ריבוינעשעלוילעם! אַלץ, וואָס איך האָב פריִער געזאָגט, איז ווי א הונט האָט געבילט...

לופט! לופט! שאָלעם־אַלייכעמען פעלט אויס לופט!

די פענצטער פון דער דירע, וווּ ער מאַטערט זיך אָפּן טויט, זײַנען אָפּן סײַ באַטאָג און סײַ באַנאַכט, און שטענדיק נעמען זיי פרײַנטלעך אױף יעדן „גוט־מאָרגן”, יעדן „גוט־העלקיו”, יעדן „גוטן־אָוונט”, יעדע „גוטע נאַכט” און יעדן „גוטן שאַבעס” פון די דורכגייענדיקע, דורכלויפנדיקע און קומענדיקע פון דער צענטער גאַס.

און שטענדיק עטעמען פרײַער אָפּ די אָפענע פענצטער פון די צענדליקער בינטלעך בלומען, וואָס ווערן געשיקט פון פאַרליבטע און ווערן איבערגעגעבן דורך אומבאַמערקטע צאַרטע הענט.

די אָפענע פענצטער קאָנען האַלטן א סאָד און גיבן ניט אויס די, וואָס שטייען אויף, ווען גאָט שלאָפט נאָך, מיט זייער פאַרבאָרגענעם גאָב. ווער עס לאָזט איבער א קריגעלע וואַרעמע ערשט אויסגעמאָלקענע מילך, ווער א פרישן צענדליק אייער, ווער א שטיקל פריש פוטער און ווער א געשמאַק געבעקס.

יעדן אינדערפרי זאַמלט זיך צונויף בא דער שטוב מיט די אָפענע פענצטער א גרויסער אוילעם, מ׳פרעגט מיט די אויגן און מ׳רעדט אָפּן ווונק, ניט צו פאַרשאַפן שאָלעם־אַלייכעמען קיין צאַר. וואָלט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָ, לעבן זײַן שטוב, קלײַבט זיך יעדן אינדערפרי צונויף א גרויסער אוילעם, וואָלט עס אים שטאַרק גערירט און אופגערודערט.

אַלגע גייט ארויס צום אוילעם ווי אָן ערשט אופגעוועקטע פון שלאָף. אין די וואַרעמע זומער־

פּרימאָרגנס ציטערט זי אויף און נורעט זיך שטאַרקער אין דער שאַל, וואָס איז אַרופּגעוואָרפֿן אויף אירע פּלייצעס.

...אַ שלעכטע נאַכט. געהוסט, געכראַקעט מיט בלוט, ניט צוגעמאַכט קיין אויג.

...אַ בעסערע נאַכט... אַ גרינגערע נאַכט... ווייניקער געהוסט און מער געשלאָפֿן.

...אַ הויכע טעמפּעראַטור, אַ גאַנצע נאַכט גערעדט פֿון היץ.

אַלגע רעדט און אַלע הערן שאָלעם־אַליכעמס קאָל, זײַן שווערן, קורץ אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— סאַראַ באַלכויוו איך בין! איך בין דאָך געבליבן באַראַנאָוויטש שולדיק אַן אָוונט, איז ווי־אַזוי זשע און ווען זשע וועל איך זיך קאָנען צעצאָלן?!

— באַראַנאָוויטש איז די ווערט אַ סאַך אָוונטן. אַ ווילע שטאָט באַראַנאָוויטש! און די באַראַנאָוויטשער? אַ גובערניע אויסצופֿאָרן און ניט געפֿינען אַזעלכע טײַערע מענטשן. און וואָס וועט זײַן מיט קאַסרילעווקע? אויף וועמען לאָזט מען איבער קאַסרילעווקע? אפֿילע יעהופּעץ איז אַ שאָד איבער־צולאָזן. און בויערקע? אַך, בויערקע, ווען איך וואָלט איצט געווען אין בויערקע, וואָלטן אַלע ביימער אין וואַלד געווען מײַנע דאָקטוירים, זיי וואָלטן מיך אויסגעהיילט, און איך וואָלט געזונט געוואָרן.

...מענאַכעם־מענדל, וואָס פֿליסטו אַזוי? ווּהין טראָגט עס דיך? קוק זיך אַרום, באַטראַכט זיך.

...טעוויע, וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? פֿאָר ווײַטער, טעוויע!

...און אָט איז מאָטל. אוי, מאָטל! סאַראַ ליב טײַער קינד דאָס איז! וואָס וועט זײַן פֿון אים? דער טאַטע זײַנער, פּייסי דער כאַזן, איז געשטאָרבן, און מיט מיר האָלט עס אויך שמאָל... און צוויי מאָל בלײַבן אַ יאָסעם — דאָס איז שוין צופֿיל אפֿילע פֿאַר אַזאַ ווי מאָטל... אַ ראַכמאָנעס, אַ ראַכמאָנעס אויף מאָטלען!

שאָלעם־אַליכעמס קרענק האָט זיך פֿאַרצויגן. דער דאָקטער סצעפּערזשינסקי האָט מוירע שטעלן אויף זיך. טראָגן אַכרײַעס פֿאַר אַ גאַנצער וועלט, איז פּונקט אַזוי אומעגלעך, ווי יויצע זײַן פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעדרע קאָנסיליִומס. ס׳איז אַראָפּגעפֿאָרן דער באַרוסטער דאָקטער ראָזנקראַנץ פֿון ווילנע און דער גאָר־גאָר אָנגעזעענער דאָקטער לונץ פֿון מינסק.

אויסגעשפּילט פֿון די קאָנסיליִומס האָט ניט אַזוי שאָלעם־אַליכעם, ווי דער דאָקטער סצעפּער־זשינסקי. ביידע, סײַ ראָזנקראַנץ און סײַ לונץ, האָבן געהאַלטן, אַז סצעפּערזשינסקי היילט ריכטיק דעם קראַנקן. אויב ס׳איז דאָ אַזאַ דאָקטער, ווי סצעפּערזשינסקי, באַדאַרף מען ניט קיין קאָנסיליִומס. און ווײַבאַלד אַזעלכע צוויי דאָקטוירים לויבן, מעגן די באַראַנאָוויטשער אַוואַדע און אַוואַדע לויבן, און זיי האָבן געלויבט אין טאָג אַרײַן — ער איז דען איין דאָקטער, דער סצעפּערזשינסקי? ער איז אַ גאַנצער קאָנסיליִום! אַז מיר האָבן אַזאַ דאָקטער, איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פֿאַרן מאַלעכהאַ־מאָוועס. פּריִער גאָט און דערנאָך סצעפּערזשינסקי.

וואָס מער די כשיוועס פֿונעם באַראַנאָוויטשער דאָקטער איז געוואַקסן, אַלץ צוגעלאָזטער איז ער געוואָרן צו די באַראַנאָוויטשער. ווער נאָר ס׳האָט אים אָפּגעשטעלט און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף שאָלעם־אַליכעמס געזונט, איז ער ניט אָפּגעקומען מיט עטלעכע געציילטע ווערטער, נאָר געגעני דער־ציילט וועגן גאַנג פֿון דער קרענק, — ווען ער האָט בעדייע דערלויבן שאָלעם־אַליכעמען זיך זעצן און ווען ער האָט בעדייע אים דערלויבן מאַכן דעם שפּאַציר אין שטוב מיט די אָפֿענע פֿענצטער.

ער האָט גערן דערציילט, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אויפֿן קאָנסיליִום, וויִאַזוי ראָזנקראַנץ און לונץ האָבן געשטרײַט צווישן זיך, ראָזנקראַנץ האָט געהאַלטן, אַז די ליבע און די וואַרעמקײַט פֿון די באַראַנאָוויטשער וועלן גיכער אויסהיילן און אויפֿשטעלן אויף די פֿיס, איידער די זון פֿון איטאַליע.

און לונץ האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: נאָר איטאַליע! אָט ווי מע קוקט זיך ניט אַרום, און ס׳איז שוין האַרבסט, און פֿון דעם האַרבסט דאַרף שאָלעם־אַליכעם אַנטלויפֿן, ווי פֿון אַ גאַזלען. ער באַדאַרף די זון, אַ קײַלעכדיק יאָר באַדאַרף ער די זון. וואָס מער זון, וואָס מער וואַרעמקײַט!

און דערווײַל, ביז יענע גוטע טעג, ווען מ׳וועט דערלויבן שאָלעם־אַליכעמען מאַכן דעם ערשטן שפּאַציר און פֿאָרן קיין איטאַליע, איז ער געלעגן אַ פֿאַרכווישעכטער, מיט אײַנגעפֿאַלענע רויט־אָנגעצונדענע באַקן, געהוסט, שווער געאָטעמט און זיך געבאָדן אין שווייס.

אַלגע, סצעפּערזשינסקי און דער אַפּטייקער זאַק זײַנען געפֿאַלן פֿון די פֿיס. כוצן כוילע, איז געווען אַ גרויסע אַרבעט אַרום דעם כוילע. אַלע טאָג פֿלעגן אָנקומען אויפֿן אַדרעס פֿון דער שטוב מיט די אָפֿענע פֿענצטער אַן אַ שיר בריוו און טעלעגראַמעס פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, פֿון פֿאַרשיידענע לענדער פֿון גאָר דער וועלט.

— וואָס מאַכט שאָלעם־אַליכעם?

— אין וואָס נייטיקט זיך שאָלעם־אַליכעם?

אַלע טאָג נײַע געסט און שלוכים פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, פֿאָרשטייער פֿון אַרבעטער־ און קולטור־אָרגאַניזאַציעס מיט צונויפֿגעזאַמלטע סומעס געלט פֿאַרן קראַנקן.

טאָגטעגלעך קומען זיך צונויף די קאָנדוקטאָרן פון די פיל פּאַרצווייַגטע באַן־ליניעס זיך געזעגנען אַ גרויסער אוילעם. קומט נאָר אָן דער צוג, לויפט מען זיך פונאַנדער, יעדערער צו אַ באַזונדערן וואַגאָן, באַגעגנט אַ באַזונדערן קאָנדוקטאָר, גלייַך ווי ער, דער באַזונדערער קאָנדוקטאָר, זאָל זייַן דער גאַסט, אויף וועלכן מע האָט לאַנג געוואַרט און וועלכן מע איז געקומען באַגעגענען. צו דערווייסן, וואָס עס מאַכט דער באַוווּסטער ייִדישער שרייַבער. זיי מוזן וויסן, ווייַל ווו נאָר עס גייען דורך די באַראַנאָוויטשער צוגן, אויף וועלכער סטאַנציע זיי זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן, וואַרט אויף

— איז וואָס זשע מאַכט ער?

אַז מ׳זאָגט „ער“, ווייסט שוין דער קאָנדוקטאָר, וועמען מע מיינט, און ער גיט איבער געניי וועגן דער טעמפּעראַטור, וועגן הוסט, וועגן די לונגען און וועגן דעם האַרצן.

עס זייַנען נייטיק געווען מענטשן, וואָס זאָלן קומען צו הילף. מ׳האָט באַדאַרפט וואַכן בײַ שאָ־לעם־אַלייכעמס בעט און געבן אָלגען אַ מעגלעכקייט עטלעכע שאָ אין דער נאַכט זיך דורכשלאָפן, פאַרלייענען די פאַרשיידענע פּילצאָליקע צייטונגען אין רוסיש, ייִדיש און העברעיִש, ענטפערן אויף בריוו און טעלעגראַמעס, האַלטן אין קורס די קאָנדוקטאָרן פון די פאַרשיידענע צוגן וועגן שאָלעם־אַלייכעמס געזונט־צושטאַנד, אַכטונג געבן אויף דער ריי פון די פאַרשיידענע שליכים אין פאַרשטייער, אַז ס׳זאָל ניט פאָרקומען אַזוינס, אַז איינער זאָל זיך אַרייַנכאַפּן עטלעכע מאָל זען שאָלעם־אַלייכעמען און אַ צווייטער זאָל ניט באַוויַזן אים זען אַפילו קיין איין מאָל.

אָלגע האָט זיך געווענדט צו דער באַראַנאָוויטשער ייִדישער ליטעראַטור־ און קונסט־געזעלשאַפט. און אַלע מיטגלידער האָבן עס אויפגענומען ווי אַ קאָוועד־זאַך, און אַלע ווי איינער האָבן דעם נעשהו[1] — „מיר וועלן טאָן“ פריִער אויסגעשריגן פאַרן נשמע[2] — מיר וועלן הערן“, וואָס און ווען מ׳באַדאַרף טאָן.

און דאָך איז פאָרגעקומען אַ מאַכלויקעס. קיינער פון דער געזעלשאַפט האָט ניט געוואָלט זייַן דער צווייטער אָדער דער דריטער אין דער ריי. אַלע האָבן געוואָלט זייַן פון די ערשטע. אַלע האָבן געוואָלט מיטאַמאָל. אַ גאַר־גאַר שטאַרקע מאַכלויקעס האָט אויסגעבראָכן פאַרטאָג בײַ דער שטוב מיט די אָפענע פענצטער, ווען די באַראַנאָוויטשער זייַנען געקומען מעוואַקער כוילע זייַן, אָפּנעמען אַ גרוס פון אָלגען, וויאַזוי עס איז דורכגעגאַן די נאַכט בײַ שאָלעם־אַלייכעמען.

— וואָס הייסט עס? — האָבן געשריגן די באַראַנאָוויטשער, — וואָס הייסט עס, נעמען און אויסכאַפּן שאָלעם־אַלייכעמען און אים אייַנשרומפּן אין דעם סדאָם־בעטל פון אַ געזעלשאַפט?! ווער האָט זיי עס געגעבן דאָס רעכט?

שאָלעם־אַלייכעם איז ניט קיין שרייַבער פון אַ קרייַזל, פון אַ געזעלשאַפט, ער געהער דעם גאַנצן פאָלק! און אויב ס׳איז אויסגעפאַלן אַזאַ זכיִע ווי אים באַדינען, דאַרפן אַלע פון דעם געניסן...

עס האָבן זיך שטאַרק געאַמפּערט די העברעיִסטן מיט די ייִדישיסטן. איינער אַ העברעיִסט האָט אַפילו געהאַט די העזע אויסשרייַען — שלום־עליכם שלנו[3] — שאָלעם־אַלייכעם איז אונדזערער!

נו, נו, האָט זיך עס אָפּגעטאָן, מע איז אָנגעפאַלן אויף דעם שלאָנעניק פון אַלע זייַטן, אים דוירעס צו זייַן:

— אַהאַנע! אַ כוצפּע!

— אויב „שלנו“, דאַרפן מיר, ייִדישיסטן, הונדערט מאָל זאָגן „שלנו“!

— „שלנו“ ניט אַהער און „שלנו“ ניט אַהין, — האָבן זיך אַרייַנגעלאָזט אין שאָלעם ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכע זייַנען ניט קיין העברעיִסטן און ניט קיין ייִדישיסטן, — שאָלעם־אַלייכעם איז שאָלעם־אַלייכעם און ניט קיין „שלנו“, און ווײַבאַלד אַזוי, איז כל ישראל יש חלק בשלום־עליכם![4] — יעדער ייִד האָט אַ כיילעק אין שאָלעם־אַלייכעמען!

די מאַכלויקעס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט, און וויפל מאָל אָלגע האָט ניט געפּרוּווט בײַ רויִקן דעם אוילעם, האָט זיך ניט אייַנגעגעבן. איז זי אַוועק זיך אָן אייַצע האַלטן מיט שאָלעם־אַליי־כעמען.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און אָלגע איז אַרויס, אַ באַשייַנטע מיט שאָלעם־אַלייכעמס פּסאַק־דין.

עס איז געוואָרן שטיל, און זי האָט גערעדט אַזוי הויך, אַז זי האָט ניט דערקענט איר שטים, וועלכע האָט זיך לעצטנס ניט אויפגעהויבן העכער פון די נידעריק־שטילע, קימאַט בעלאַראַשדיקע טענער.

— איר ווייסט, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז ס׳זאָל זייַן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אמכאָ! אמכאָ, שער און אייַזן, אונדזער פאָלק — אמכאָ. און ווידער האָט ער געזאָגט,

---

[1] נאַסע.
[2] נישמאַ.
[3] שאָלעם־אַלייכעם שעלאַנו.
[4] קאָל ייִסראָעל יעש כיילעק בעשאָלעם־אַלייכעם.

אז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין קליינשטעטלדיקער און קיין קרייזלדיקער. ער איז א ייִד, א פּאָשעטער ייִד צווישן פּאָשעטע ייִדן!

און פּאָשעטע ייִדן האָבן זיך געפרייט, גלייך ווי אַלגע האָט זיי דאָ ערשט אָנגעזאָגט, אז שאָלעם־אַליינכעם איז שוין געקומען צו־זיך, אז היינט־מאָרגן וועט ער זיך ווידער נעמען צו דער פען, אז היינט־מאָרגן וועט ער אָפּצאָלן זיין כויוו און ארויסטרעטן אפן צווייטן ליטעראַרישן אָוונט, וועלכן ער האָט אזוי פייערלעך צוגעזאָגט די באַראַנאָוויטשער.

עס זיינען דורכגעגאַנגען טעג און וואָכן. באַראַנאָוויטש האָט שוין באַוויזן פייערן דעם יאָמטעוו פון שאָלעם־אַליינכעמס ערשטע טריט, דעם יאָמטעוו פון שאָלעם־אַליינכעמס ערשטן שפּאַציר בא דער שטוב מיט די אָפענע פענצטער.

באַראַנאָוויטש האָט שוין באַוויזן באַגלייטן שאָלעם־אַליינכעמען קיין איטאַליע, און נאָך אַלץ, ווי צום ערשטן מאָל, האָט מען ניט אופגעהערט איבערכאַזערן און איבערגעבן איינער דעם אנדערן שאָלעם־אַליינכעמס פּסאַק־דין.

— איר האָט געהערט, ווי שאָלעם־אַליינכעם האָט געזאָגט? — ער האָט געזאָגט, אז ס'זאָל זיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל אמכאָ! אמכאָ שער און איין אונדזער פאָלק — אמכאָ!

דער שוסטער פון דער מאָלדאַוואַנקע

די מאָלדאַוואַנקער האָבן שטאַרק ליב געהאַט שאָלעם־אַליינכעמען, און, ווי פאַרן סאַמע נאָענטסטן פריינט, האָבן זיי פאַר אים גאָרניט אויסבאַהאַלטן. שטענדיק, נאָך איידער די „וועטשאָרקע“, די אָוונט־ציַיטונג, האָט מיטגעטיילט, וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר די לעצטע 24 שאָ אין אָדעס, זיינען שוין די מאָלדאַוואַנקער געווען בא שאָלעם־אַליינכעמען און אים אַלץ אויסדערציילט.

זיי האָבן געוווּסט, אז שאָלעם־אַליינכעם האָט ליב אומעטום זיין דער ערשטער, דער ערשטער זיך דערוויסן אַלע נייַס, דער ערשטער אפן מאַרק, אפן טאָלטשאָק, דער ערשטער אַף א סרייפע, אַף א כאַסענע, אַף א לעווייַע, אַף א געשלעג און אַף יעדן מין אנדער בייזוואונדער.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין יענעם שאַבעס, ווען לייוויק דער שוסטער פון קאַרטאַמישעווער גאַס איז געוואָרן א מעכאַלעלשאַבעסניק בעפּאַרהעסיע.

הענדום־פּענדום זיינען מאָלדאַוואַנקער ייִדן געקומען צי לויפן צו שאָלעם־אַליינכעמען, און איינער באַם צווייטן געפּרוווט אויסכאַפּן די זייערע וויכטיקע נייַס, און אַלע אין איין קאָל:

— א מייַסע שעלוי האַיאַ, זינט מייַסעס האָבן זיך געמייַסעט, איז נאָך אזא מייַסע ניט פאַרלאָפן.

יעדערער האָט אָנגעהויבן די מייַסע אַף זיין אויפן, יעדן איז געפעלן געוואָרן, ווי ער דערציילט, און ער האָט ניט געקאָנט פאַרלייַדן, ווי־אזוי עס דערציילט א צווייטער, א דריטער.

אזוי לאַנג, און אזוי ברייט, ביז מ'האָט גענומען זיך קריגן. און דאָס האָט שאָלעם־אַליינכעם באַדאַרפט, דאָס איז דאָך פאַר אים ניט ווייניקער וויכטיק, ווי די מאָלדאַוואַנקער כראָניק, ווי די מייַסע גופע.

א שטאָך פאַר א שטאָך, א וויץ פאַר א וויץ:

— א נאַר, אז ער דערציילט דעם קליגסטן וויץ, ווערט דער וויץ אויס וויץ.

— יאָ, ס'איז טאַקע נישטאָ קיין מער נאַרישע זאַך אַף דער וועלט, ווי א כאָכמע, וואָס ווערט דערציילט נאַריש. ס'איז אלציינס ווי א נאַריש געלעכטער.

— זעט איר דאָך, א נאַר, א נאַר און שאָקלט זיך, און דער איקער, ער שאָקלט עפּעס אויס.

— אזוי איז שטענדיק, דער נאַר בלייַבט א כאָכעם, און דער כאָכעם בלייַבט באַם נאַר.

— איז דאָך טאַקע ניט גוט!

— אוודאי ניט גוט!

— נו, גוט, — דערפילט שאָלעם־אַליינכעם, אז דאָ וועט ער שוין מער גאָרניט באַקומען, די קריגערייַ איז אויסגעשעפּט, און ער בעט מ'זאָל אים דערציילן די שרעקלעכע מייַסע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אַף דער מאָלדאַוואַנקע.

— אין לייוויק דעם שוסטער האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט א שעד אַן אפּיקוירעס.

— דער אפּיקוירעס־שעד האָט זיך אין לייוויקן אַרייַנגעכאַפּט נאָך נעכטן אפּדערנאַכט צו ליכט־בענטשן.

— הייסט עס, — מאַכט אַ דריטער דעם כּעזשבן, — אַז מיר האָבן אַ קײַמעלאָן פֿון באַלד שוין דרײַ פּערטל מעסלעס אַפּיקאָרסעס.

— עס הייבט זיך ניט אָן, — דערווידערט אַ פֿערטער, — איך בין נעכטן פֿאַרנאַכט דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ לייוויקס קעלער, האָב איך אַליין מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי ליכט אין שאַבעסדיקע לײַכטערס האָבן געברענט, און אַליין מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך געהערט, ווי לייוויק האָט געזונגען זמירעס.

— דאָס האָט שוין דער ניט־גוטער אַרויסגעזונגען פֿון אים. דער אַפּיקורעס־מאַכער האָט זיך געפֿרייט, וואָס ער האָט געפּאַטערט נאָך אַ ייִדן, טרייף געמאַכט און פֿאַרדאָרבן נאָך אַ ייִדישע נעשאָמע.

— מיילע, נעכטן איז נעכטן, נעכטן איז שוין אַ נעכטיקער טאָג. אָבער הײַנט אינדערפֿרי, ייִדן גייען צום דאַוונען, און לייוויק האָט צעעפֿנט דעם פֿענצטער און קלאַפּט מיטן האַמער ניט ווי אַ שוסטער, נאָר ווי אַ געזונטער שמיד. וואָלט ער מעכאַלעל־שאַבעס געווען מיט אַ נאָדל אָדער מיט אַ נאָל, וואָלט קיינער פֿון דעם ניט געוווּסט. איז ניין, דאַפֿקע באַם אָפֿענעם פֿענצטער, און דאַפֿקע מיטן האַמער בעפֿאַרהעסיע, אַז אַלע זאָלן זען, אַז אַלע זאָלן הערן, אַז אַלע זאָלן וויסן!

— איך בין דער ערשטער אַרײַנגעלאָפֿן אין קעלער, — כאַפּט אָן אַ ברייטפּלייציק זשוואָווע ייִדל שאָלעם־אַלייכעמען פֿאַרן לאַץ פֿון זײַן פּידזשאַק, — איז הערט, איך בין דער ערשטער אַרײַנגעפֿאַלן אין קעלער, און איך זע, און איך גלייב ניט מײַנע אויגן. לייוויק זיצט באַם ווערקשטעל, די ליפּן פֿול אָנגעשטאָפּט מיט שטיפֿטלעך. ווײַזט אויס, אַז ער אַליין האָט מוירע געהאַט פֿאַר זײַן מויל, ווײַל וואָלט דאָס מויל געווען אָפֿן פֿראַנק און פֿרײַ, וואָלט ער אַרײַנגעזאָגט דעם אייבערשטן אַזוינס, וואָס קיינער האָט עס נאָך ביז אַהער ניט געזאָגט. און מיינט איר, ער האָט געמאַכט אַ פּאָר נײַע שטיוועלעך, געמאַכט אַ פּאַטשינקעלע? כאַסוועכאַלילע, עס הייבט זיך גאָרניט אָן, ער האַלט אַ שטיק אַלטע אויסגעטריקנטע פּאָדעשווע און קלאַפּט אין איר מיטן האַמער גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. „גאָט איז מיט אײַך, וואָס טוט איר עס?!" — שרײַ איך אויס אַן איבערגעשראָקענער. נעמט לייוויק אַרויס די שטיפֿטלעך פֿון זײַנע ליפּן און ענטפֿערט מיר רויִק: „שאַבעס איז שאַבעס. שאַבעס אַרבעט איך ניט, שאַבעס פֿאַרדין איך ניט קיין געלט. איצט העלפֿט מיר מײַן האַמער בלויז זיך אויסטײַנען מיט זײַן ליבן נאָמען און אים טאָן אַלץ אַפּצולאָכעס..."

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דעם קומענדיקן ערעוו שאַבעס. און ער איז אַוועק אויף דער מאָלדאַוואַנקע, אויף דער קאַרטאַמישעווער גאַס, קעדיי זען מיט זײַנע אייגענע אויגן, ווי לייוויק דער שוסטער איז געוואָרן אַן אַפּיקוירעס, ווי ער איז מעכאַלעל שאַבעס בעפֿאַרהעסיע.

די זומערדיקע זון האָט זיך געזעצט און גענומען אַלץ מער און מער אַרויסשײַנען פֿון די אָרעמע הײַזער, פֿון די קעלערס.

עמעצער האָט שוין געמאַכט קידוש. לכו נרננה[1] — גייט און לאָמיר זינגען, האָט זיך פֿון שול געטראָגן די טפֿילה פֿון מקבל שבת זײַן. אַנשטאָט געזאַנג האָט זיך פֿון ערגעץ געטראָגן אַ געוויין, אַנשטאָט אַרויסבאַגעגענען די שבת־קלה האָט אַ מאַן מיט ביטערע קלאָלעס געשאָלטן זײַן ווײַב:

— אַזוי־פֿיל טעג געוואַרט אויף שבת, און אָט האָסטו דיר אַ וואָכעדיקן שבת, ווי אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אַ מאַמע שרײַט גוואַלד און בעט זיך בײַ דער טאָכטער, זי זאָל מיט דעם באָסיאַק ניט גיין, און די טאָכטער איז אײַן קאָל:

— מײַן באָסיאַק איז דער לײַטישסטער, דער סאַמע בעסטער און דער סאַמע שענסטער צווישן אַלע יונגען.

אַ טאַטשעטשניק איז מיט זײַן טאַטשקע אַרײַנגעפֿאָרן אין שבת אַרײַן, מיט די לעצטע קויכעס זיך קוים פֿאַרשלעפּט ביז צו דער שטוב, און אין שטוב טראָגט מען אים אַרײַן קוים אַ לעבעדיקן.

אויף טריט און שריט דערפֿילט שלום־עליכם, ווי דער שלעכטער מלאך שפּילט דאָ אויף דער מאָלדאַוואַנקע דעם ערשטן פֿידל. ער באָדט זיך אין שלעכטס און ווינטשעוועט, אַז איבער אַכט טעג שבת זאָל אויף דער מאָלדאַוואַנקע ווידער זײַן אַזוי ביטער און פֿינצטער, ווי הײַנטיקן שבת, און דער גוטער מלאך, נעבעך, ענטפֿערט בעל כּרחו — ניט ווילנדיק אָמיין!

אָט איז די קאָרטאָמישעווער גאַס, אָט זײַנען אַלע סימנים, וואָס מ׳האָט שלום־עליכמען אויסגעמעלדעט.

אָרעם און אָרום איז שיק שבת, און נאָר פֿון לייוויק דעם שוסטערס קעלער הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּן מיטן האַמער.

צום קלאַפּן מיטן האַמער איז שלום־עליכם געווען גרייט. ער איז אָבער ניט געווען גרייט צו די פֿײַערלעך פֿון די געבענטשטע שבת־ליכט, וואָס פֿינקלען אַרויס פֿון לייוויקס קעלער.

וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? ניט אַנדערש, אַז לייוויק האָט פֿאַרמאַניעט צו זיך דעם שבת, ער זאָל אים קאָנען פֿאַרשווערן, ער זאָל זיך קאָנען אין אים גוויקעם זײַן.

שלום־עליכם לאָזט זיך אַראָפּ אינדערשטיל צו לייוויקן אין קעלער. אַ ווײַלע אַ טראַכט געגעבן, מיט וואָס פֿאַר אַ „גוטן" זאָל ער באַגריסן דעם באַלעבאָס, באַגריסט ער אים מיט אַ גוט־שבת.

די וואָך האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווי אונטער אַ באַריקאַדע, בלויז בײַם וואָרקשטעל, און אין קעלער איז שבת.

שלום־עליכעמס אויגן זשמורען זיך הינטער די בריקן־גלעזלעך און גלייבן נאָך אַלץ ניט אין דעם, וואָס זיי זעען. אַ געדעקטער טיש מיט אַ ווײַסן סערוועט, לײַכטער מיט פֿינקלענדיקע ליכט. צוויי כאַלעס, אַ גראַפֿין מיט ווײַן און אַ קידוש־בעכער.

לייוויק נעמט אַרויס די שטיפֿטלעך פֿון צווישן די ליפּן, און אַ שמייכל באַווײַזט זיך אויף זײַן פּאָנעם — ער האָט דערקענט שלום־עליכמען, זיך אויפֿגעהויבן, נאָך ניט קיין אויסגעגלײַכטער פֿון זײַן נידעריק שוסטעריש בענקעלע און זיך אָוועקגעשטעלט פֿאַר שלום־עליכמען. און איידער שלום־עליכם באַוויזט צו פֿרעגן, וואָס זאָל דאָס באַטײַטן, דערקלערט אים לייוויק:

— פֿערציק יאָר האָט מײַן עסטער געבענטשט ליכט. ציִנד איך פּרײַטיקצונאַכטס ליכט אין אירע לײַכטער, ווײַל אַלע פֿרײַטיקצונאַכטס איז בײַ מיר יאָרצײַט נאָך מײַן עסטער. איך גרייט דעם טיש, ווי זי פֿלעגט גרייטן, אַזוי, אַז אַלץ זאָל מיר דערמאָנען אין איר, איך זאָל זי דערזען, ווי זי איז געגאַנגען און געשטאַנען אַ שבתדיקע, אַ ליכטנדיקע, אַ שײַנענדיקע...

לייוויק ווערט אויף אַ רגע אַנשוויגן און גיט גלײַך צו:

— אָט טאַקע איר טויט, עסטערס טויט, האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַן אַפּיקורס, פֿאַר אַ מער כאַלעלשאַבעסניק בעפֿאַרהעסיע. קאָלזמאַן עסטער האָט געלעבט, האָב איך געטערפּעט פֿון אים, פֿון גאָט, נאָר ווײַבאַלד ער האָט מיר אָפּגעשפּילט אַזאַ שפּיצל, קאָן איך מער ניט פֿאַרשווײַגן, און אַלע שבעס קיל איך זיך דאָס האַרץ אין אים...

פֿון יענעם שבת אָן האָט לייוויק אויפֿגעהערט מיט זײַן האַמער זיך אָפּרעכענען מיט גאָט, אָבער דער שבתדיקער טיש מיט די פֿינקלענדיקע ליכט זײַנען געבליבן ווי געווען...

יעדן שבת פֿלעגט לייוויק זײַן שלום־עליכעמס גאַסט.

---

[1] לעכו נעראַנענאָ.

●

שאָלעם־אַלייכעם

דער בלוטיקער שפּאַס

אַן איבערגעזעצטער ראָמאַן

דאָס זעכציקסטע קאַפּיטל

העליאָטראָפּ און יאַדאָפאָרם

א נײַע נעשאָמע איז געקומען אין בעטין, אַז זי האָט דערזען, אַז דער נעפּעש מיט די בלויע ברילן און טײַוועדיקע ליפּן איז נישטאָ לעבן איר. איצט מעג זיך זײַן, וואָס עס וויל זיך. איצט לאָז מען זי פירן, וווּהין זיי ווילן, אַבי יענער מענטש איז נישט דערבײַ...

דאָס איז עמעס, אַז דער כיידער, וווּהין מע האָט זי אַרײַנגעפירט און באַזעצט איינע אַליין, איז געווען עפּעס נישט אַזוי פריגלדיק. עפּעס האָט דאָרט געשמעקט מיט זויערס און מיט שימל; אַראָפּ אַף טרעפּ האָט מען זיך באַדאַרפט אַראָפּלאָזן; ווי א מין קעלער האָט דאָס אויסגעזען. עס איז געשטאַנען א גרוי רויכיק האַלב־פינצטערניש. דאָס קליינע לעמפּעלע, וואָס האָט געלײַכט פון יענער זײַט, איבער דער טיר, האָט קוים־קוים אַרײַנגעשטראַלט אַהער דורך א קליין פענצטערל און באַוויזן, אַז אויסער לאַנגע שמאָלע הילצערנע בענק האַרט בא די ווענט איז דאָ נישט פאַראַן קיין שום אַנדער מעבל. פון שלאָפן איז גאָר קיין רייד ניט געווען. עס זאָל אַפילע זײַן ווו, וואָלט זי אויך נישט געלייגט זיך שלאָפן. זי איז געווען גליקלעך, וואָס מע האָט זי דאָ איבערגעלאָזט איינע אַליין, און

פאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 7—12, 1988, נום. 1, 2, 1989.

איז געזעסן, ווי מע זיצט אױף דער וואַך, און נאָר אַרויסגעקוקט, ס'זאָל שוין ווערן טאָג — דאָס איז געווען איר אײנציקער ווונטש — און צוגעהערט זיך צו יעדן שאָרך. אַ מײַזל איז דורכגעלאָפן פֿאַר־בײַ, אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געגעבן אין דרויסן — איז זי שוין געווען גרייט, אַז דאָס גייט מען נאָך איר, און איז שוין געווען אױף די פֿיס. און איז געוואָרן שטיל — האָט זי זיך צוריק אַוועקגעזעצט אױף איר אָרט און ווידער גענומען זיך צוהערן אין דער שטילקײַט פֿון דער דאָזיקער נאַכט.

מיטאַמאָל האָט זי איבעראַשט אַ טומל פֿון אַ סאַך קולעס פֿון אַ סאַך מענטשן און אַ טופּען פֿון אַ סאַך פֿיס, און אַ מאָדנער הײַזעריקער קוויטש פֿון אַ פּרויען־שטים האָט זײ איבערגעשריגן אַלע־מען און געשאָלטן מיט אַזעלכע קלאָלעס און געשאָטן מיט אַזעלכע געקליבענע ווערטער, וואָס בעטי האָט נאָך ביז אַהער אַזעלכע זיכער נישט געהערט. די קולעס פֿון די מענטשן, דאָס טופּען פֿון די פֿיס און דער קוויטש פֿון דער פּרויען־שטים ווערן אַלעמאָל נעענטער און נעענטער און קײַקלען זיך ווי פֿון אויבן אַראָפּ, און אָט זײַנען זײ שוין גאָר נאָענט. עס האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿונעם כלידער, ווו בעטי איז געזעסן, און עטלעכע פּאָר מאַנצבלשע הענט האָבן מיט גוואַלד אַרײַנגעוואָרפֿן אַ מענטשן אינעם געשטאַלט פֿון אַ נעקייווע, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט צו קוויטשען און צו שעלטן זיך מיט מאַנצבלשע קלאָלעס אין דער מאַמען אַרײַן...

די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט און צוגעשלאָסן פֿון יענער זײַט, און די אַרײַנגעוואָרפֿענע נעקייווע איז געלעגן אַ ווײַלע אױף דער ערד, אָנגעלענט אױף אַ נאַקעטן עלנבויגן, און אַרומגעקוקט זיך אױף אַלע זײַטן. דערזען, אַז זי איז ניט אַליין, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, פֿאַוואָלינקע און שאָקלענ־דיק זיך צוגעגאַנגען צו בעטין און גוט אײַנגעקוקט זיך אין איר פּנים. בעטי, פֿון איר זײַט, האָט זיך אויך גענומען אײַנקוקן אין איר פּנים, און אױף וויפֿל ס'איז נאָר מעגלעך געווען בײַ אַזאַ באַ־לײַכטונג, האָט זי דערזען פֿאַר זיך אַ נעקייווע מיט שטאַרק אָנגעפֿאַרבטע באַקן, מיט שיטערע נאָר שטאַרק אָנגעשמירטע געגרײַזלטע האָר אונטער אַ קלאָגעדיק צעקנײטשט און צעפֿלאָכטן היטעלע, וואָס האָט פֿאַרשטעלט אַ נידעריקן פֿרישטשעוואַטן שטערן, פֿונוואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט קלײנע בלויזלעכע אײגלעך מיט שיטערע קרענקלעכע ברעמען. אַ האַרטער קאָרסעט האָט אַרויסגעסטאַרטשעט הויך פֿון פֿאָרנט און אַרויסבאַוויזן שיטערע, מיט וואַטע אונטערגעבעטע בריסט. דאָס אַלעס מיט איר הײַזעריקלעכן קאָל און מיטן הײַזעריקן געלעכטער האָבן אײדעס געזאָגט, אַז די נעקייווע איז נישט פֿון די איבעריק געזונטע... נישט דאָס אָבער האָט אונדזער בעטין אַזוי איבעראַשט, ווי דער בוקעט, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פֿון דער דאָזיקער דאַמע. דאָס איז געווען אַ געמישטער רייעך פֿון העליאָטראָפּ־פֿאַרפֿומען און פֿון יאָדאָפֿאָרם. עס איז שווער געווען צו כאַפּן, וועלכער פֿון די בײדע רייכעס איז דאָ שטאַרקער. אַמאָל האָבן גוויווער געווען די פֿאַרפֿומען און אַמאָל — דער יאָדאָפֿאָרם...

באַטראַכט בעטין פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, האָט זיך די שמעקנדיקע דאַמע אָנגערופֿן צו איר גאָר פֿרײַנטלעך:

— וואָס, טײַבעלע? אויך פֿון דער „גאַס"?..

און נישט וואַרטנדיק אױף ענטפֿער, איז זי זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ הײַזעריקן געלעכטער, וואָס האָט זיך געענדיקט בײַ איר מיט אַ קוויטש. אויסגעשפּיגן און אויסגעשאָלטן זיך מאַנצבלש אין דער מאַמען אַרײַן, האָט זי אַ פֿרעג געגעבן בײַ בעטין, צי האָט זי נישט בײַ זיך אַ פּאַפּיראָסל? ניין, בעטי האָט נישט קײן פּאַפּיראָסל. זי רייכערט ניט. די שמעקנדיקע דאַמע צעלאַכט זיך אױף איר הײַזעריקן געלעכטער: אַ שיינע מײַסע! וואָס איז זי פֿאַר אַ „גאַסן־מיידל", וואָס רייכערט ניט?.. און זי זעצט זיך צו אױף דער באַנק לעבן בעטין און קלאָגט זיך פֿאַר איר, ווי פֿאַר אַ שוועסטער, אַז זי קאָן זיך באַגיין אָן ברויט און אָן שלאָפֿן און אַפֿילע אָן בראַנפֿן; נאָר אָן אַ פּאַפּיראָסל — דאָס פֿאַר קײן געלט! נאָר עפּשער מיינט זי, אַז זי האָט נישט קײן פּאַפּיראָסן? — האָט זי אַ טאָעס. אַזויפֿיל פֿרישטשעס זײ אױף דער צונג, וויפֿל פּאַפּיראָסן זי האָט בײַ זיך אין רידיקיול. האָט מען אָבער צוגענומען בײַ איר דעם רידיקיול, אָט די שײדים, נעמען זאָל זײ בײַ דעם בויך!

די בראָכע ענדיקט זיך בײַ איר, ווי געוויינלעך, מיט דער מאַנצבלשער קלאָלע און זי פֿאַרגייט זיך אין אַ הײַזעריקן געלעכטער. דערנאָך איז זי מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט און אַוועקגעשטעלט איר אָנגעשמירט פּנים אױף בעטין:

— שוין לאַנג, טײַבעלע, אינעם דאָזיקן ברויט?.. — און נישט וואַרטנדיק אױף ענטפֿער, ווי איר שטייגער איז, הייבט זי אָן רעדן פֿון זיך, אַז זי איז שוין לאַנג אין דעם ברויט, פֿון זעכצן יאָר אָן... זי איז נאָך קײן זעכצן יאָר נישט אַלט געווען אַפֿילע... אויב זי וויל, וועט זי איר דערציילן, ווי־אַזוי זי איז געקומען דערצו. דערציילט זי בעטין, ווי־אַזוי זי איז געקומען דערצו — אַ לאַנגע געשיכטע.

דאָס איז געווען אַ געשיכטע אַ געוויינלעכע, איינע פֿון יענע אַלטעגלעכע געשיכטעס, וואָס ווערן איבערגעכאַזערט אין לעבן אױף טויזנטער וואַריאַציעס און טויזנטער וואַריאַציעס און פֿילן אָן די וועלט מיט טויזנטער און טויזנטער קאָרבאָנעס, אומגליקלעכע, קרענקלעכע נעפֿאָשעס, פֿאַרקריפּלטע, צע־טראָטענע, פֿאַרלוירענע נעשאָמעס.

דאָס איז געווען אַ געשיכטע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ גאַנצע מגילה פֿון געשיכטעס, אַ לאַנגע קייט פֿון צרות, רדיפֿות, אינטריגעס, מסירות, הינטערפֿיסלעך און רישעס! אַ ים, אַ וועלט מיט רישעס! און דערציילט האָט זי דאָס אַלעס אין אַזאַ ווּלגאַרן הפֿקר־טאָן, איבערגעשאָטן מיט אַזעלכע פּיקאַנטנע קלאָלעס און מיט אַזויפֿיל ציניש ווערטער, ניבל־פּה, וואָס אַן אַנדערע אַף בעטיס אָרט וואָלט זיכער פֿאַרברענט געוואָרן פֿאַר בושה און פֿאַרשטעלט זיך די אויערן, זי זאָל נישט הערן. מײַן העלדין איז אָבער נישט פֿון די מיידלעך, וואָס מיינען, אָדער זיי ווילן, אַז יענער זאָל מיינען, אַז זיי ווייסן נישט פֿון קיין זאַך, און באַקומען דעריבער פֿאַרב אין פּנים, אַז זיי דערהערן אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערן גערעדט נאָר צווישן מאַנצבילען... בעטי, וואָס איז אַליין אויך נישט אויסגעוואַקסן צווישן מלאָכים, האָט געווּוס אין איר גאַנצן לעבן נישט געהערט קיין הונדערטכיילעק פֿון די מענטשלעכע רישעס, שלעכטיקייט און בייזוויליקייט, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט אין נאַכט פֿון אָט דער דאָזיקער פֿאַרלוירענער הפֿקר־פֿרוי, וועלכע האָט זיך נישט געקלאָגט, נאָר גלאַט איבערגעגעבן מיט אַלע פּיטשטשעווקעס אַלצדינג, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן און טראָגט איבער נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג פֿון די „רוכעס און שיידים" (מיט דעם נאָמען הייסט בײַ איר יעדע באַשעפֿעניש, וואָס טראָגט אַ באָרד), וועלכע יאָגן זי און פּלאָגן זי, לאָזן איר די גאַס נישט דורכגיין... וואָס האָבן זיי צו איר — ווייסט זי אַליין נישט... אַזאַ רעציכע איז דען געהערט געוואָרן אין דער וועלט? טויזנטער גאַנאָווים, גזלנים און באַנדיטן גייען אַרום פֿראַנק און פֿרײַ... זי אַליין ווייסט פֿון אַ כעווראַ „בלאַטניקעס", „כאַפּיסניקעס" און „מאַרוויכערעס", וואָס האָבן נישט לאַנג דערשטיקט אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר דרײַצן, מוירע געהאַט, ער זאָל נישט אַרויסגעבן זייערע גנייווישע סוידעס — עמעצער זאָל זיך עס אַרומקוקן, עמעצער זאָל עס אַפּילע געבן אַ פּיפּס. און אַז אַן אָרעמע מויד האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַף דער גאַס, טאָמער וועט זי עפּעס פֿאַרדינען, זי וויל פֿרעסן — אַהאַ, איז זי שוין בײַ זיי גרויס אין די אויגן!..

אַזוי הערט נישט אויף די דאָזיקע אומגליקלעכע צו באַקלאָגן זיך אַף איר ווייסט מאַזל און אַף דער אומגערעכטיקייט פֿון די מענטשן, און פֿאַרשטייט זיך, אַז דערבײַ ווערט נישט פֿאַרגעסן אַ בראָכע אַף זייער מאַמעס קאָפּ, אַזוי אַז איטלעכער פֿון די „שיידים און רוכעס", גאַנאָווים, גזלנים און באַנדיטן, באַקומען פֿון איר יעדער זײַן כיילעק...

נאָך מער פֿון אַלע האָט די דאָזיקע פֿאַרלוירענע און צערייצטע געפֿײַערט אַף איינעם אַ יונגנמאַן מיטן נאָמען מאַקאַר זשערעבטשיק. דעם דאָזיקן נאָמען האָט זי דערמאָנט אַמאָל צוואַנציק, אויב נישט מער. מאַקאַר זשערעבטשיק — דאָס איז דער העלד פֿון איר ראָמאַן. דאָס איז איר געליבטער, צוליב וועלכן זי האָט זיך מאַפּקיר געווען, צוליב וועלכן זי האָט זיך פֿאַרקויפֿט אין גאַס, בכדיי ער זאָל האָבן אַף וואָס צו הוליען מיט אויסגעלאַזענע מיידלעך — אַ כאָלערע זאָל אַף אים קומען מיט זיי אינאיינעם!.. פֿונדעסטוועגן וואָלט זי אים מויכל געווען, כאַפּט אים דער רוח, לאָז ער זיך אַרומשלעפּן מיט אויסגעלאַזענע מוידן וויפֿל ער וויל! וואָס האָט ער אָבער צו שלאָגן בלאַט מיט פֿרעמדע ווײַבער? און נאָך וואָסערע ווײַבער! — וואָס זייערע מענער פֿאַרנעמען זיך מיט גנייווע, גזיילע און עקספּראָפּריאַציעס! ער מיינט, אַז עס וועט אים אָפּלויפֿן גלאַט אָט דאָס, וואָס ער האָט צוליב זיי דערשטיקט אַ ייִנגל און צעשטאָכן אים דאָס לײַב, געמאַכט ווי אַ רעשעטע... לאָז ער נאָר פּרוּוון ווידער אַרומשלעפּן זיך מיט פֿרעמדע ווײַבער, וועט זי זיך מיט אים אָפּרעכענען! נישקאָשע, זי האָט אַף אים און אַף זיי אַלע אַ רעכטע בײַטש: בײַ איר ליגט נאָך דאָס רענצל פֿונעם דערשטיקטן ייִנגל...

בעטי האָט מער געטראַכט פֿון דער דאָזיקער פֿאַרלוירענער, ווי געהערט אירע מײַסעס. זי האָט געטראַכט וועגן לעבן פֿון דער דאָזיקער אומגליקלעכער, וואָס האָט פֿאַר איר אַליין קיין ווערט, וועגן איר גרעסטן ווונטש, וואָס באַנוגנט זיך מיט אַ פּאַפּיראָסל, און וועגן די בלוטיקע געשיכטעס, וואָס זי דערציילט מיט אַזאַ קאַלטבלוטיקייט. נאָר וואָס ווײַטער האָט זי זיך גענומען אַלץ מער צוהערן צו דער שרעקלעכער געשיכטע מיטן דערשטיקטן ייִנגל, וואָס האָט אין זיך אַ סאַך ענלעכקייט מיט דער געשיכטע פֿונעם געהאַרגעטן קירילי־כעס זונדל... דאָ אַ שטיפֿקינד בײַ זײַן פֿאָטער, און דאָרט אַ שטיפֿקינד בײַ זײַן פֿאָטער. דאָ איז דער שטיף־פֿאָטער אַ שיקער און האַנדלט מיט גנייווישע זאַכן, און דאָרט איז דער שטיף־פֿאָטער אַ שיקער און האַנדלט מיט גנייווישע זאַכן... און עס ווילט זיך איר זייער אַ פֿרעג געבן בײַ דער דאָזיקער פֿאַרלוירענער, וויאַזוי האָט מען גערופֿן דאָס דערשטיקטע ייִנגל?.. נאָר אַזויווי זי האָט נאָך מיט איר דורך דער גאַנצער נאַכט קיין איינציק וואָרט גערעדט, ווייסט זי נישט, וויאַזוי זי זאָל מיט איר אַרײַן אין אַ שמועס. אויביפּראַט, אַז יענע ווערט נישט אָנשוויגן אַף קיין מינוט, דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו. און אַזוי קייטלט זיך בײַ איר איינס מיטן אַנדערן, אַלעמאָל אַן אַנדער געשיכטע. איינע שרעקלעכער און העסלעכער פֿון דער אַנדערער... בעטי האָט זיך גאָרנישט אַרומגעזען, ווו די נאַכט איז אַהינגעקומען — ביז עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פֿון שליסלען און אַ סקריפּ פֿון דער טיר, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל ברייט אויפֿגעעפֿנט און אַ העלער פּאַס פֿון טאָג־ליכטיקייט האָט זיך ווי מיט גוואַלד אַרײַנגעריסן פֿונעם קילן אינדרויסן אַהער

אין דער דאַזיקער גרוב, און דאָ האָט די שמעקנדיקע פרוי צום ערשטן מאָל ערשט דערזען ווי עס געהער צו זײַן דאָס מיידל, מיט וועלכער זי האָט פאַרבראַכט קימאַט א גאַנצע נאַכט און פאַר וועל־כער זי האָט אויסדערציילט אינגאַנצן איר האַרץ — און זי איז איבערראַשט געוואָרן: אַזוי יונג, אַזוי שיין און אַזוי פריש — אַזעלכס האָט זי נאָך קיינמאָל אויף דער „גאַס" נישט באַגעגנט... און נאָך מער איבערראַשט איז זי געוואָרן, אַז זי האָט דערהערט אַז דאָס מיידל רעדן מיט דער פאָליציי.

בעטי, אַז זי האָט דערזען דעם אַרײַנגעקומענעם באַדזיראַטעל און דערהערט, אַז מע הייסט איר גיין מיט אים, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט און האָט געזאָגט גאַנץ פעסט, אַז מיט אים איינעם אַליין וועט זי נישט גיין פונדאַנען, דער טויט זאָל איר זײַן!

יענער האָט דאָס טכילעס נישט געקאָנט פאַרשטיין, אייגנטלעך, וואָס דאָס הייסט, האָט אים בעטי קלאָר געמאַכט, אַז אויב ער וויל, זי זאָל גיין פונדאַנען, זאָל ער אַרויסרופן אַהערצו נאָך איינעם, אַנישט וועט זי זיך נישט רירן פונעם אָרט — סײַדן מיט גוואַלד...

— בראַוואָ! אָט דאָס הייסט א מוידן! א מאָלאָדיעץ א מוידן! — האָט זיך אויסגערופן די שמעקנ־דיקע נעקייווע און פאַרגאַנגען זיך אויף איר הייזעריקן געלעכטער, — אָט אַזוי דאַרף מען מיט זיי האַנדלען, מיט די זשוליקעס! בראַוואָ!...

און אַז בעטי איז געווען אין דרויסן און געזעסן מיט צוויי באַדזיראַטעליעס אויף דער דראָזשקע, האָט זיך איר נאָך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז זי הערט דעם געמישטן רייעך פון העליאָטראָפּ מיט יאָדאָ־פאָרם, וואָס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט דערנאָך דעם גאַנצן טאָג.

דאָס איין־און־זעכציקסטע קאַפּיטל

די בירזשע קאָכט ווי א גענעם

מיט דער גיכקײַט פון א בליץ האָבן די טעלעגראַף־דראָטן צעטראָגן איבער אַלע עקן פון דער וועלט די איבערראַשנדע ידיעה, אַז „ענדלעך האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען דעם מערדער פונעם געהאַרגעטן קריסטלעכן ייִנגל וולאַדימיר טשיגירינסקי און אַז דער מערדער איז א ייִד, נאָך גאַר א יונגער מאַן, וואָס שטודירט אויף דאַנטיסט..."

„דער פאַרברעכער — איז געשטאַנען ווײַטער אין דער ידיעה — האָט זיך דערווײַל נאָך נישט מוידע געווען און זײַנע כאַווײרים האָט ער דערווײַל נאָך נישט אַרויסגעגעבן, נאָר אַלע סימאָנים זײַנען קעגן אים און ס'איז קיין סאָפעק נישט, אַז ער האָט געהאַט צו זיך מינדסטנס נאָך דרײַ מיט־העלפער און אַז דער פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן צוליב א רעליגיעזן צוועק..."

דאָס איז געווען די ערשטע באָמבע, די ערשטע טעלעגראַפישע ידיעה אינקורצן, וואָס די בלעטער פונעם גאַנצן פרײַען האָבן דאָס אויפגעכאַפּט, צעשמירט, צעלייגט אויף טעלערלעך און געמאַכט דערפון א גאַנצן צימעס.

ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, אָנגעלערנט און געוווינט געוואָרן צו דעם בילבל נאָך פון פאַר־צײַטן, האָבן זיך קלוימערשט אויסגעלאַכט דערפון, געמאַכט כויזעק פון דעם גאַנצן איניען, געזאָגט ווערטלעך, אַז דאָס „האָבן גאַזעטן אויסגעטראַכט צוליב פּאַרנאָסע", נאָר אינווייניק אין האַרצן האָט עס פאַרדראָסן: „טאָמער איז קאַרג, נאָט אײַך א רעשטל צו די צאָרעס!..."

נאָר אויב בײַ די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך נאָך געקאָנט געפינען א ווערטל, זײַנען אָבער די ייִדן פון דער שטאָט, וווּ מע האָט געפונען דעם פאַרברעכער, אַרומגעגאַנגען ווי צעטומלט, פאַרכוישעכט פון בייזיען און מיט א פאַרבאָרגענעם פּאַכעד אין האַרצן... און מער ווי אומעטום האָט זיך דאָס אָפּגערופן אויף דער דאָרטיקער בירזשע. די בירזשע האָט דערמיט געוויגט זיך, געקאָכט ווי א קעסל, ווי דער גענעם.

דער זײַטיקער מענטש, וואָס איז ווינציק באַקאַנט מיט דער בירזשע און מיט אירע טוערס, אַז ער גייט דורך פאַרבײַ דעם דאָזיקן פּלאַץ און דערזעט די כאַליאַסטרע מעקלערס, ווי זיי קאָכן זיך, און די היציקע ספּעקוליאַנטן און סאָכרים, ווי זיי זיצן מיט פאַרדײַגעטע פּנעמער אַרום די ווײַסע טישלעך, פאַרטיפט אין א שמועס, מאָלט זיך אים אויס, אַז די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן נישט אין זינען קיין זאַך און רעדן ניט פון קיין זאַך אַחוץ געלט און אַחוץ וועקסלען און אַחוץ אַקציעס, קורסן פון פּאַפּירן, מעקאָכים פון צוקער, זאַמד און ראַפינאַד, „האָס" און „בעס" און „סטעלאַזש" און נאָך אַזעלכע זאַכן, און ווײַטער מעג זיך איבערקערן די גאַנצע וועלט, איז נישט זייער אייסעק.

א טאָעס, א גרויסער טאָעס! מער ווי דרײַ כאָלאָקים צײַט גייט דאָ אוועק אױף נײַס. זאָל פּאַסירן אױף דער וועלט, אָדער אין שטאָט עפּעס א נײַס — מעג עס זײַן א מאַפּאָלע פון א גאַנצער עסקאַדרע בײַ צוסימאַ, אָדער א גווירישע כאַסענע; מעג עס זײַן א גרויסער פּאָגראָם אין שעדליץ, אָדער א קליינער אָנזעץ אין שטאָט; מעג עס זײַן די גרעסטע ערדציטערניש אין מעסינאַ, אָדער א פּלאַטשיקע כאַכמע, וואָס דער שטאָט־מיליאָנער, דער קיניג פון דער בירזשע, האָט געזאָגט וועגן זײַן קעפּסװײַב, — די דאָזיקע אַלע נײַס קומען אָן קוידעמקאָל אַהער אױף דער בירזשע. דאָ ווערט יעדע זאַך איבערגעכאַזערט און אויסגעטײַטשט און איבערגעוויגן און אָפּגעשאַצט פּינקטלעך נאָכן ווערט. און ווײַל די וועלט איז גרויס און נײַס קומט פאַר קימאַט יעדע שאָ, דעריבער איז נישטאָ דער טאָג, וואָס די בירזשע זאָל נישט קאָכן זיך, ניט האָבן איר העלד, איר „העלד פון טאָג“.

איצטיקס מאָל איז דער העלד פון טאָג געווען דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש. אױף דער בירזשע האָט מען קיין אנדער נאָמען נישט געהערט, נאָר דעם נאָמען ראַבינאָוויטש. ווו צוויי, איז ער געווען א דריטער: „ראַבינאָוויטש!.. ראַבינאָוויטש!.. וועלכער ראַבינאָוויטש?.. פון וואָסערע ראַבינאָוויטשעס?..“ דער האָט געמיינט, אַז ער איז אַוואַדע פון די אָדעסער ראַבינאָוויטשעס; און דער האָט געמיינט, אַז פון די קרעמענטשוגער; און דער האָט געדרונגען, אַז נישט פון די אָדעסער און נישט פון די קרעמענטשוגער, נאָר דאַפקע א באָברויסקער פון באָברויסק, א ליטוואַק הייסט עס, האָט זיך אָבער געפונען נאָך איינער, וואָס האָט א זאָג געגעבן, אַז ער ווייסט איינעם א מעקלער מיטן נאָמען קאַץ, וועלכער זאָגט, אַז ער קען זיך מיט דעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטשן „ליטשנע“. אַלזאָ, גיט נאָר אַהער־צו אָט דעם קאַץ!

קאַץ איז א מעקלער נישט פון די געהויבענע. איינער פון די, וואָס רײַבן זיך אַרום די גרעסערע מעקלערס, מעקלערן צווישן איין מעקלער מיטן אַנדערן און, ווי די פייגעלעך, כאַפּן זיי אונטער די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די שאָר האַבאָרס מיט די לעוויאָסנס פון דער בירזשע... מערסטנטייל זעט איר זיי שפּאַצירן אַרום אין דרויסן, בײַ דער בירזשע, און זעלטן, זייער זעלטן טרעפט איר זיי אין א בירזשע־קאַפע בײַ די ווײַסע טישלעך, וווּהין זיי כאַפּן זיך אַרײַן נאָר אונטער א נויט, בעיין ברייִרע, ווען דאָס קנעפּל, וואָס שטייט אין דרויסן אױף דער וואַך, האָט אױף זיי געוואָרפן אַן אויג און מאַווסיעך געווען, אַז טאָמער הערן זיי נישט אױף אַרומצודרייען זיך אױפן טראָטואַר, אַזוי פירט ער זיי אָפּ — זיי ווייסן שוין וווּהין... אַליין איז אָט דער קאַץ א קליינטשקער, מיט קורצינקע פיסעלעך, און דערפאַר רופט מען אים דאָ נישט קאַץ, נאָר קעצעלע.

— זאָגט נאָר, קעצעלע, ס'איז עמעס, וואָס מע זאָגט, אַז איר קענט זיך מיט דעם דאַנטיסט, מיט דעם ראַבינאָוויטשן, „ליטשנע“?

— נאָך א מין קענען! נאָך א מין „ליטשנע“! — זאָגט קעצעלע און איז צופרידן, וואָס גרויסע מעקלערס רעדן מיט אים ווי מיט זייער גלײַכן, גאָר זאַ פּאַניבראַטאַ. מע בעט אים גאָר זיצן.

— וואָס וועט איר טרינקען? טיי אָדער קאַווע?

— לאָז זײַן טיי, לאָז זײַן קאַווע, — זאָגט קעצעלע און זעצט זיך אַוועק גאַנץ ברייטלעך, גלעט זיך אויס קלוימערשט דאָס בערדל מיט די וואָנצעס און לאָזט אַרויס א קליין הוסטעלע.

ער איז אױפן זיבעטן הימל. ער פילט, אַז איצט, אין דער מינוט, איז דער העלד פון טאָג אָט דאָ ער, קאַץ.

— זאָגט זשע נאָר, פּאַני קאַץ (אױף א מינוט ווערט ער אויס קעצעלע, נאָר קאַץ), שוין עפּעס לאַנג, אַז איר קענט זיך מיט דעם דאָזיקן דאַנטיסט, מיט דעם ראַבינאָוויטשן? ווער איז ער? פונוואַנען איז ער? טרינקט, פאַרוואָס טרינקט איר נישט?

— האָט צײַט! אַלצדינג אַפּאַמאָל? — זאָגט קאַץ און וואַרפט אַרײַן אַלע פיר שטיקלעך צוקער אין דעם גלעזל קאַווע, ווי א מענטש, וואָס איז אַנדערש נישט געוווינט געוואָרן צו טרינקען, נאָר זיס, — קענען קען איך זיך מיט אים שוין לאַנג, ס'איז רעכט צו זאָגן, נאָך פון אָנהייב ווינטער אָן. נאָר נאָענט האָבן מיר זיך מיט אים באַקאַנט ערשט אַרום באַנעקע־צײַט (פּלוצלינג צעלאַכט זיך קעצעלע, דערמאָנט זיך עפּעס זייער א לעכערלעכס). כע־כע־כע! וויפל מאָל, מיינט איר, קעדוימע לעמאָשל, האָבן מיר מיט אים געשפּילט אינײנעם אין „סטוקעלקע“, אין „באַנטשאָק“ און אין „טערטעל־מערטעל“? ניין! וויפל אַן ערעך? זײַט איר זיך מעשאַער?..

קעצעלע קוקט אַרום די גאַנצע כאַליאַסטרע מעקלערס און ספּעקוליאַנטן, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס האָט אױף זיי געמאַכט, און, פאַרזופּנדיק מיט דער זיסער קאַווע, דערציילט ער ווײַטער:

— מיט אים שפּילן אין קאָרטן, הערט איר, איז מעסוקן נעפעש! אין „סטוקעלקע“, לעמאָשל, קלאַפּט ער אײַך אַלעמאָל „טיאָמנע“. אין „באַנטשאָק“ אַז מע שפּילט, מעג זײַן א פולע שיסל מיט געלט, איז נישט זײַן אייסעק: „וואַבאַנק“ — און רופט מיך קנאַקניסל! און אין „טערטעל־מערטעל“ איז גאָר אַן אומגליק: ווינציקער ווי א קאַרב א קאָרט ווייסט ער נישט. און אַמאָל איז רעכט צו זאָגן צוויי קאַרבן א קאָרט! און דרײַ קאַרבן א קאָרט! און א פינפערל א קאָרט איז אויך א מאַטבייע! — אַז מע שמועסט געלט איז — טפו!

קעצעלע איז גאַנץ צופֿרידן מיטן עפֿעקט, וואָס זײַנע ווערטער מאַכן אויף דער בירזשע און װיל דערציילן נאָך גרעסערע ווונדער פֿון דעם, ווי אַזוי דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש שפּילט אין קאָרטן, האַקט מען אים איבער:

— גוט, גוט. נאָר ווי נעמט ער אַזויפֿיל געלט?

קעצעלע צעלאַכט זיך מיט אַ צעשאָטן געלעכטערל ווי אַרבעסלעך: כע־כע־כע!

— גוט געזאָגט, ווי איך בין אַ ייִד: ווו נעמט ער געלט? יענער איז אַ גוויר, אַן אדיר, אַ מי־ליאָנער! דאָס הייסט, ער אַליין קיין סך געלט האָט נישט. ער האָט זײַן אייגנס אַ מומע אַ מיליאָנער־שע, וואָס פֿאַרמאָגט, ס'איז רעכט צו זאָגן, גוטע דרײַטהאַלבן מיליאָן, אין סיביר...

— אין סיביר?

— ס'רעדט זיך אַזוי אין סיביר. מײַנען מיינט מען אין די טיף רוסישע גובערניעס. פֿון דאָרטן שטאַמט ער און דערפֿאַר טאַקע רעדט ער נאָר אויף רוסיש און נישט אַ וואָרט ייִדיש. ס'איז רעכט צו זאָגן, אַז אויף ייִדיש פֿאַרשטייט ער גאָרנישט. אָבער וואָס גאָרנישט הייסט! ווי זאָגט איר, נישט אַ לעק! פֿונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן. אַ יונגערמאַן, אויף מיר אַזאַ יאָר! געענ־דיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און שטודירט אויף דאַנטיסט און איז פֿאַרליבט אין דעם באַלעבאָס' טעכטערל, שאַפּיראָ רופֿט מען אים, ער איז, אָט דער שאַפּיראָ, הייסט עס, אַליין אַ סלוזשעשטשי, אַ בוכהאַלטער און נישט קיין איבעריקער קיין איבערגעשפּיצטער. אַזוי זיך אַ ייִד אַ מיטלמעסיקער, דאָס הייסט, נישט קיין גרויסער כּאַכעם און נישט קיין קליינער נאַר, כע־כע־כע! דערפֿאַר אָבער האָט ער אַ טעכטערל — איר זאָלט זען אַ מויד — נו, נו!

אַזוי לאָזט אויס קעצעלע, טוט זיך אַ קוש די שפּיץ פֿינגער, פֿאַרזופּט מיט דעם לעצטן ביסל קאַווע און באַלעקט זיך די פֿאַרנעצטע וואָנצעס מיט דער צונג פֿון אונטן אַרויף.

די בירזשע־לײַט האָבן ליב אויסהערן אַ זאַך דאָפּקע מיט קאָפּ. זיי האָבן אָבער ליב אַרײַנצו־גריבלען זיך אַ ביסל טיפֿער, באַטראַכטן עס פֿון אַלע זײַטן און צעגלידערן ווי עס געהער צו זײַן. עפּעס האָט אויסגעזען בײַ זיי די גאַנצע געשיכטע, וואָס קעצעלע דערציילט, מעשונע ווילד און נישט געלייגט זיך אויפֿן מויעך. נאָכאַמאָל: אַ ייִד קומט פֿון סיביר, האָט אַ מומע פֿון דרײַטהאַלבן מיליאָן — לאָמיר פֿון זיי האַלב אָוועקשענקען דער וואַנט און אַ דריטל אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער, וועט אויך בלײַבן גענוג. קומט ער צו פֿאָרן אַהער מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און שטודירט אויף דאַנטיסט, און שפּילט מיט קעצעלען אין „סטוקעלקע" און אין „טערטעל־מערטעל"! און צו די זײַדענע קליידער פֿאַרליבט ער זיך אין אַן אָרעם מיידל פֿון אַ סלוזשעשטשי, — זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, ס'איז עפּעס צו... צו... צו...

צו וואָס — זאָגן זיי נישט. נאָר פֿון זייער שמועס שטויסט זיך קעצעלע, אַז דער עולם איז נישט אינגאַנצן צופֿרידן. זײַן פּאָנעם באַקומט אַזאַ מין אויסזען, ווי אין דער צײַט, ווען ער לייגט פֿאַר אַ געשעפֿט און עס ווערט נישט אָנגענומען: די אויגן קוקן מאָדנע הינטיש. ער וויל צורעכט מאַכן דעם אײַנדרוק און זאָגט צו זיי ווי מיט אַ געבעט:

— איך ווייס נישט, וואָס אײַך קוועטשט אייגנטלעך, איר האָט מיך נישט וואָס כּוישעד צו זײַן. ווי זאָגט איר: „זאַ טשטאָ קופּיל, זאַ טאָ פּראָדאַל". איך גיב אײַך איבער נאָר דאָס, וואָס איך ווייס, וואָס איך האָב געהערט. און ווײַטער — צוקאָפּנס בײַ אים בין איך, ווי זאָגט איר, נישט געשטאַנען און זײַן געלט האָב איך נישט געציילט, הײַנט וואָס האָט איר מיך דאָ כּוישעד צו זײַן?

אומזיסט פֿאַרענטפֿערט זיך קעצעלע. אַרויסגעוואָרפֿן זײַנע רייד: קיינער הערט אים נישט. דער עולם רעדט שוין גאָר צווישן זיך. און נישט מע רעדט, נאָר מע אַמפּערט זיך, מע קריגט זיך און מע וואַרפֿט זיך דורך מיט שטעכווערטער. עס לאָזט זיך אויס, אַז אַ סך פֿון זיי קענען זיך אויך „לישענע" מיט דעם ראַבינאָוויטשן. דאָס הייסט, קענען זיך קענען זיי נישט, נאָר געזען האָט מען אים וויפֿל מאָל מיט אָט דעם מיידל, שאַפּיראָס טאָכטער, אין טעאַטער, אין צירק און אין קינעמאַטאָגראַף, און גלאַט אויף דער גאַס שפּאַצירן. און דעם מיידלס פֿאָטער, שאַפּיראָן, קענען אַלע. אַ סימען, שלוימע פֿאַמיליאַנט איז זײַנער אַ נאָענטער קאָרעװ, טאַקע אַן אייגענער שוואָגער. דאָס הייסט, אָט דעם שאַ־פּיראָס ווײַב און שלוימע פֿאַמיליאַנט זײַנען שוועסטער און ברודער.

— איר קערט וועלן זאָגן קאַפּויר מיט די פֿיס אַרויף: אָט דער שאַפּיראָ מיט שלוימע פֿאַמי־ליאַנטס ווײַב זײַנען ברודער און שוועסטער.

— לאָז זײַן אַזוי. אָבער וואָס געהער זיך עס אָן מיטן דאַנטיסט ראַבינאָוויטש?

— הערט איר דאָך אַ מײַסע: אַז אָט דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש איז אַ קוואַרטיראַנט פֿון דעם שאַפּיראָ, דעם פֿאָטער פֿונעם מיידל דער קראַסאַוויצע, און דער שאַפּיראָ, דער פֿאָטער פֿון דער קראַ־סאַוויצע, ווינט נישט ווײַט פֿון דעם טשיגרינסקיס מוטער, קיריליכע רופֿט מען זי. און אָט דער שאַפּיראָ, דער פֿאָטער פֿון דער קראַסאַוויצע, האָט אַ זונדל אַ גימנאַזיסטל פֿון דריטן קלאַס פֿון אַ יאָר צוועלף־דרײַצן, וואָס איז געווען באַקאַנט און פֿלעגט שפּילן אין פֿערדלעך מיט קיריליכעס זונדל וואָלאָדיע טשיגרינסקי, הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין, ווי דאָ קייטלט זיך?

— דעריבער איז וואָס? דעריבער גייען קאַטשקעס באָרוועס? — האַקט אים איבער איינער.

— און געגנדז אָן אַרבע־קאַנפעסן? — לייגט צו נאָך איינער.

— אז איר לאָזט נישט אויסרעדן ביזן סאָף, — זאָגט ווייַטער יענער, וואָס גיט צו פאַרשטיין דעם סייכל. — הערט נאָר ווי עס קייטלט זיך דאָ: באַדאַרף אָט דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש לערנען מיט דעם שאַפּיראָס גימנאַזיסטל. און אָט דעם שאַפּיראָס גימנאַזיסטל, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם וואַלאַדקען און שפּילט מיט אים אין פערדלעך, באַדאַרף קומען איינמאָל אַהיים און בעטן בײַ זײַן לערער, בײַם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש הייסט עס, אַזויווי אָט דער וואָלאַדקע איז אַן אָרעם ייִנגל, האָט נישט קיין לערער, און דער שטיפּטאַטע זײַנער, דער גאָי קיריל כמאַרא, הארגעט אים און שלאָגט אים בייס ער, קירילע, שיקערט זיך אָן; אַלקיין זאָל דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש לערנען מיט זײַן כאַוער וואָלאַדקען אָן געלט. איר פאַרשטייט דעם סייכל?..

דעם סייכל פאַרשטייט די ביראָזשע. נאָר צי זי איז צופרידן — דאָס זעט מען נישט. פאַרקערט, מע האָט איר נאָר צערייצט דעם אַפּעטיט, נישט מער. אַדעראַבע, אַז אָט דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש איז אַזאַ ווױלער און אַזאַ גוטער, אַז ער נעמט זיך אונטער לערנען מיט אַן אָרעם שייגעצל אָן געלט, נאָר פאַר ראַכמאָנעס אַליין, — דעריבער איז גערדרונגען, אַז ער האָט דאָס אים געהאַרגעט? דעריבער דאַרף מען כאַפּן אַ ייִדן און אײַנזעצן אים אין געפענקעניש? שטראָם־גראָם מאַך מיר אַ האַרמידער!

— צו וועמען האָט איר טײַנעס, צו מיר? — רופט זיך אָפּ אַ ייִד אַ מעקלער מיט אַ מאַמזעריש קוק און מיט זייער געדיכטע ברעמען.

— טשעפּעט זיך אָפּ. איך האָב אײַך אַפילע נישט אין זינען! — ענטפערט אים דער אַנדערער מעקלער, אַ יונגערמאַן אַן אַנכאַפּער מיט אַ הייזעריקלעך קאָל און מיט אַ רויט פּאָנעם.

— אַז איר האָט מיך ניט אין זינען, — מאַכט צו אים יענער, וואָס מיט די געדיכטע ברעמען, — הײַנט וואָס זשע האָט איר צו מײַנע קנעפּלעך?

— ייִדן צאַפּט זיך בלוט, — רופט זיך אָפּ אַ דריטער, שוין נישט קיין מעקלער, נאָר אַ ספּעקוליאַנט מיט געלע הענטשקעלעך און האַלט דעם קאָפּ א ביסל אָפּ א זײַט. — ייִדן צאַפּט זיך בלוט, און אײַך ליגט אין זינען ווערטלען זיך.

ביידע מעקלערס, דער יונגערמאַן דער אַנכאַפּער און דער, וואָס מיט די געדיכטע ברעמען, קערעווען זיך אויס איינער צום אַנדערן מיט יענער זײַט, וואָס מע באַדאַרף בעטן מעכילע...

— האַקלאַל, ווו זשע האַלטן מיר מיט אונדזער ראַבינאָוויטשן?

און דער שמועס ציט זיך ווײַטער מיט נאָך מער היץ און מיט נאָך מער פײַער.

דער געגעם קאָכט — די ביראָזשע וויגט זיך.

דאָס צוויי־און־זעכציקסטע קאַפּיטל

דער „פאַרברעכער“ אפן פאַרהער

צווישן אַלע, וואָס האָבן אײַנגעלייגט די וועלט און געקאָכט זיך איבער דעם „פאַרברעכער“, וואָס מע האָט געפונען, איז געווען נאָר איינער, וואָס האָט אַרויסבאַוויזן קיין סימען אַפילע, אַז ער איז אופגערעגט אָדער אומרויִק. דאָס איז געווען דער „פאַרברעכער“ אַליין.

צו באַוווּנדערן, ווי רויִק און נישט געצווונגען דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש האָט זיך געהאַלטן, אַז מע האָט אים, נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן און רעכט איבערגעביסן, אַרײַנגעפירט און אַוועקגעשטעלט פאַר דער אויספאָרשונג און גענומען נאָכאַמאָל אפן פאַרהער, — ער זאָל זאָגן, וואָס ווייסט ער וועגן דעם געהאַרגעטן ייִנגל וולאַדימיר טשיגרינסקי?

אָ! ער ווייסט א סאַך, זייער א סאַך וועגן דעם דאָזיקן טרויעריקן פאַקט... און ער כאַזערט איבער נאָכאַמאָל דאָס, וואָס ער האָט שוין אינדערפרי געזאָגט: אַז ער האָט אַליין אין זינען געהאַט אַרויסצוטרעטן מיט זײַן מעלדונג, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן ביז אַהער פון אַרײַנרײַסן זיך ניט־געראָפּענערהייט אין דער אויספאָרשונג איבער א סאַך טײַמים: ערשטנס, האָט ער נישט געוואָלט זײַן קיין מאָסער, שפּילן א ראָל פון א שפּיאָן... צווייטנס, האָט ער גערעכנט, ווי ער האָט שוין אינדערפרי באַמערקט, אַז די אויספאָרשונג וועט שוין אַליין אַרופירן אפן ריכטיקן וועג. איצט, ווײַבאַלד ער זעט, אַז מע האָט די עלטערן פונעם געהאַרגעטן באַפרײַט און מע האָט אַרײַנגעצויגן אַהער מענטשן זײַטיקע, צום בײַשפּיל, דעם ייִדן שאַפּיראָ מיט זײַנע קינדער, וואָס זײַנען גאָט די נעשאָמע שולדיק,

האָט ער שוין כּאַראַטע, וואָס ער האָט געשוויגן ביז אַהער. ער קאָן זאָגן, אַז עס ליגט אים אויף זײַן געוויסן...

אַזוי האָט ראַבינאָוויטש־פּאַפּאַו אָנגעהויבן מיט זײַן געדיכטער באַריטאָן־שטים, וואָס איז געווען אַ ביסל צו הויך געשטימט און וואָס האָט אַ ביסל צו שטאַרק אָפּגעקלונגען אינעם גרויסן, ברייטן, נאָר פּוסטן כיידער, וואָס איז באַשטאַנען מער נישט ווי פֿון אַ לאַנגן טיש מיט געוואַנט געדעקט, עטלעכע הויכע שטולן מיט געשניצטע ווענטלעך און לאַנגע געפּאָלירטע בענק אַרום און אַרום האַרט בײַ די ווענט. פֿונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויפֿן צו הויכן טאָן, האָבן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פֿונעם „פֿאַרברעכער", און איבערהויפּט די לעצטע, אַז עס ליגט אויף זײַן געוויסן, געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק אויף די אויספֿאָרשער, וואָס זײַנען באַשטאַנען פֿון דרײַ מענטשן: איינער — דער זעלבער, וואָס האָט אים געטומען אויספֿרעגן נאָך אינדערפֿרי, — דאָס איז געווען אַ מענטש, פֿול מיט ענערגיע, אַ טיפֿער ברונעט מיט געדיכטע שטייענדיקע אונטערגעשוירענע האָר מיט אַ שוואַרצער פּענסנע. די ענערגיע רעדט אַרויס בײַ אים פֿון זײַנע שאַרפֿע אויגן, פֿון זײַן שאַרפֿער שטים און פֿון זײַן יעדן ריר. אַז ער רעדט, האָט ער ליב אויסציִען די ווערטער און קימאַט אויף יעדן צווייטן־דריטן וואָרט שטעלן דעם טראָפּ, אונטערשטרײַכן און בייסמײַסע האַלב צומאַכן די אויגן. דאָס איז געווען דער פֿירער פֿון דעם פֿאַרהער, דער סודעבנע סליעדאָוואַטעל.

דער אַנדערער — אַ בלאָנדין, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, נאָר שוין מיט אַ גלאַטן קאָפּ, אָן אַ סימען פֿון געוווּקס, און מיט אַ הויכן גלאַנצנדיקן שטערן, וואָס גיט זיך שטאַרק אַרויס פֿאָרנט, און זעט אויס דעריבער ווי ער האָט נישט איין קאָפּ, נאָר צוויי. אין די גאָלדענע ברילן זיצן בײַ אים אַזעלכע דיקע שאַרפֿע גלעזלעך, אַז קוים וואָס מע זעט אַרויס דורך זיי די אויגן, וועלכע קוקן נישט, נאָר זיי שטעכן דורך ווי שפּיזן. דאָס איז אַ קאַנדידאַט אויף סליעדאָוואַטעל.

און דער דריטער — אַ הויכער יונג מיט שפּאָרן, מיט פֿאַרב אין די באַקן, זייער אַן עלעגאַנטער אָפֿיצער מיט אַקסעלבענדער און מיט אַ לעבעדיק פּאָנעם פֿון אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט צו לעבן אַ גוטן טאָג. דער דאָזיקער דריטער האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן ווי אַ זײַטיקער פֿאַרשוין, וואָס נעמט נישט קיין אָנטייל אין דער אויספֿאָרשונג און וואָס איז געקומען מער נישט אויס גרויס אינטערעס צום פּראָצעס און צום באַשולדיקטן. אַלע דרײַ האָבן אויסגעוויזן ווי צופֿרידן מיט דער האַלטונג פֿונעם דאָזיקן „אינטעליגענטן פֿאַרברעכער".

נאָך דעם ווי מע האָט אים איבעראַנײַס איבערגעפֿרעגט און פֿאַרשריבן זײַן נאָמען מיט זײַנע יאָרן מיט זײַן שטאַט מיט זײַן באַשעפֿטיקונג מיט די אַלע איבעריקע פֿאָרמאַליטעטן, האָט אים דער פֿירער פֿונעם פֿאַרהער, וואָס מיטן ענערגישן פּאָנעם און מיט די שוואַרצע פּענסנע, אין זייער אַ פֿרײַנטלעכן טאָן פֿאָרגעלייגט, ער זאָל דערציילן בעהאַדראַגע, נישט געכאַפּט און פּינקטלעך, אַלצדינג, די גאַנצע געשיכטע, פֿונעם אָנהייב ביזן סאָף, מיט אַלע איינצלהײַטן און מיט אַלע קלייניקײַטן, וויִאַזוי, ווו און ווען דאָס איז פֿאָרגעקומען, און אַז ער זאָל אָנרופֿן בײַ די נעמען אַלע די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם מאָרד, צו וועלכן צוועק און אַזוי ווײַטער.

נאָך דעם דאָזיקן אַרײַנטריט האָבן זיך אַלע דרײַ צוגערוקט צום טיש און צוגעגרייט זיך אויסהערן די אינטערעסאַנטע דערקלערונג, וואָס דער פֿאַרברעכער האָט זיי נאָך אינדערפֿרי צוגעזאָגט צו געבן און האָט זיי מאָטיוויִרט געווען, אַז „זיי וועלן שטוינען"...

דער באַשולדיקטער איז אויך געווען נישט ווינציק צופֿרידן, וואָס מע האָט זיך צוגעגרייט אים הערן, ווי עס האָט אויסגעוויזן, מיט קאָפּ. עס איז אים געווען אָנגענעם, ערשטנס, וואָס צוליב אים, ווײַבאַלד ער וועט נאָר אָפּגעבן זײַן ראַפּאָרט, אַזוי וועט מען די אומשולדיקע שאַפּיראָס מיסטאָמע באַלד אַרויסלאָזן פֿרײַ און עפּשער נאָך בעטן מעכילע, וואָס מע האָט זיי כּושעד געווען אין אַזאַ זאַך. צווייטנס, — וואָס ער וועט מיטהעלפֿן דער אויספֿאָרשונג אַרויף אויף אַ ריכטיקן וועג און אויפֿדעקן די עמעסע מערדער פֿונעם אומגליקלעכן וואָלאָדקע. דעריבער איז ער צוגעטראָטן צו זײַן דערקלערונג פֿריילעך, לעבעדיק. ער האָט נאָר נישט געוווּסט, פֿונוואַנען ער זאָל אָנהייבן: פֿון דעם מאָמענט, וואָס דער וואָלאָדקע איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? פֿון דעם, וואָס ער, ראַבינאָוויטש, האָט איבערגעקלערט און איבערגעפֿילט, בייס ער האָט צום ערשטן מאָל געלייענט די געוויסע אַרטיקלען אין די געוויסע בלעטער וועגן דעם געהאַרגעטן וואָלאָדיע טשיגרינסקי, פֿון ייִדן צוליב זייער מאַצע אויף פּייסעך?.. דערבײַ האָט ער אין זינען געהאַט זאָגן אַ פּאָר ווערטער ביכלאַל וועגן דעם אומזיניקן בלוט־בילבל, וואָס וואָלט שוין צײַט געווען, מע זאָל מאַכן אַ סאָף דערמיט. דערנאָך האָט ער זיך באַטראַכט, אַז דאָס וועט ער איבערלאָזן אויפֿן סאָף און איצט וועט ער זיי בעסער איבערגעבן די געשיכטע פֿון סאַמע אָנהייב, וויִאַזוי ער האָט זיך באַקאַנט צום ערשטן מאָל מיט דעם ייִנגל וואָלאָדיע טשיגרינסקי און וויִאַזוי זײַנע עלטערן, פֿינצטערע, אומגעבילדעטע מענטשן, האָבן געקוקט אויף אים קרום, נישט געווען צופֿרידן, וואָס ער, אַן אומבאַקאַנטער סטודענט, שלאָגט זיך אָן אַליין צו לערנען מיט זייער קינד אומזיסט... ער וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די דאָזיקע קאָמישע סצענע, וויִאַזוי ער איז אַרײַנגעקומען צום ערשטן מאָל צו וואָלאָדיקען אַהיים, געטראָפֿן דעם שטיף־פֿאָטער קיריל כּמאַרא אָן אָנגעברויגעזטן,

ווי א מענטש, וואָס האָט זיך נאַרוואָס אויסגעניכטערט און איז בייז אויף דער גאַנצער וועלט. „וואָס דאַרפט איר?“ — איז אויף אים אָנגעפאַלן דער אויסגעניכטערטער כמארא. „אַזוי און אַזוי, בא אייַך, האָב איך געהערט זאָגן, איז דאָ א ייִנגל, הייסט ער וואָלאָדקע און וויל זיך לערנען און האָט נישט מיט וועמען...“ איז דער קיריל געוואָרן נאָך מער בייז: „מיט אייַך וואָס געהער דאָס זיך אָן?..“

ראַבינאָוויטש האָט זיך ערשט פאַרקאַטשעט צו דערציילן, וויִאַזוי נאָכדעם ס'איז אָנגעקומען קידיליכע און, דערהערט דעם שמועס, איז זי געבליבן שטיין אינמיטן שטוב א דער־שראָקענע, נישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל מען אייגנטלעך פון איר וואָלאָדקען האָבן? — האָט אים אָבער דער פירער פונעם פאַרהער, דער, וואָס מיטן ענערגישן פּאָנעם און מיט די שוואַרצע פּענסנע, פּלוצעם איבערגעהאַקט אינמיטן:

— איר וועט עפשער אַזוי גוט זײַן פריִער אונדז אויפקלערן, וויִאַזוי איז דאָס געווען, וואָס איר זײַט געקומען גראָד צו אָט דעם וואָלאָדיע טשיגרינסקי? פאַרוואָס איז געפאַלן דער גורל אויף אים און נישט אויף אַן אַנדערן? ווער האָט אים אויסגעקליבן? ווער האָט אייַך אָנגעוויזן אויף אים?..

דאָ איז ראַבינאָוויטש געבליבן שטיין מיט א צעטומלטן שמייכל אויף די ליפּן. עס איז געווען צו זען, אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס מע פרעגט בא אים: „וואָס פאַר א „גורל“?..“

דער עלטערער, דער פירער פונעם פאַרהער, האָט אַרויסגעזען, אַז דער באַשולדיקטער איז ווי צעמישט, מעוווּלבל געוואָרן, האָט ער אים נאָכאַמאָל פאַרגעלייגט, ער זאָל זיך מאַטריִען זײַן איבערגעבן אַקוראַט, וויִאַזוי איז דאָס געשען, וואָס ער איז געקומען גראָד צו דעם ייִנגל וואָלאָדיע טשיגרינסקי?

„וויאזוי דאָס איז געשען? דאָס איז געשען זייער פּאַשעטו!" — און דער באַשולדיקטער דערציילט די מעשׂה אַקוראַט ווי געווען, וויאַזוי איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צו אים צוגעשטאַנען זיין טאַלמיד, שאַפּיראָס זונדל, אַ גימנאַזיסטל פון דריטן קלאַס, אָט דער, וואָס מע האָט אים נעכטן פאַרנומען אײַנײַנעם מיטן פאָטער: באַשער אַזויווי ער, דער גימנאַזיסט שאַפּירא, האָט אַ כאַווער וואַלאַדקע, אַן אָרעם ייִנגל פון זייער שאַכן, וואָס וויל לערנען און האָט נישט בא וועמען, זאָל ער, ראַבינאָוויטש, אים געבן אַן אוראָק, כאָטש איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך, אומזיסט, געוויינלעך, וואָרעם דער שטיף־פאָטער וועט פאַר אים קיין געלט נישט וועלן צאָלן.

— האָט איר אים שוין, די רעגע, צוליב געטאָן און איר האָט זיך שוין אופגעהויבן און שוין אוועקגעגאַנגען צו אָט דעם וואַלאַדקען?

דער באַשולדיקטער האָט אפאַנעם נישט אַזוי גיך געכאַפּט די איראָניע פון די דאָזיקע ווערטער און געענטפערט ביטמימעס, אַז נישט שוין די רעגע האָט ער זיך אופגעהויבן. נאָר אַז דער טאַלמיד שאַפּיראָ איז צוגעשטאַנען צו אים איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל און נאָך אָנגעשטעלט די שוועסטער און די מוטער: „טוט אים צוליב", — האָט ער אים צוליב געטאָן און נאָר מיט אַ טנײַ, אַז אָט דער וואַלאַדקע, וואָס ער בעט פאַר אים, זאָל קומען צו אים, צו ראַבינאָוויטשן, אפן אוראָק, נישט ער זאָל גיין אַהין.

— וואָס פאַר אַ מיין האָט איר געהאַט דערבײַ?..

דער באַשולדיקטער איז ווידער געבליבן מעוואָלבל, און דער עלטערער האָט אים אוועקגעשטעלט נאָכאַמאָל דאָס אייגענע:

— וואָס פאַר אַ מיין האָט איר געהאַט דערבײַ, וואָס איר האָט דורכויס געוואָלט, אַז וואַלאַדקע זאָל קומען צו אײַך אפן אוראָק, נישט איר צו אים?

קיין שום מיין האָט ער דערבײַ נישט געהאַט, — ענטפערט זיי דער באַשולדיקטער ביטמימעסדיק און פּראָסט, אָן קונצן. עס איז אים געווען מער אָנגענעם צו לערנען מיט וואַלאַדקען בא די שאַפּיראָס אין שטוב און ווײַטער גאָרנישט.

— מער אָנגענעם, זאָגט איר? כאַ... עפּשער מער באַקוועם און מער נוצלעך?.. — האָט אים יענער איבערגעפּרעגט און געשטעלט דעם טראָפּ אפן וואָרט „נוצלעך" און איבערגעקוקט זיך שטאַרק בייסמײַסע מיט זײַנע צוויי קאָלעגן.

— עס קאָן זײַן, אַז מער נוצלעך, — האָט דער באַשולדיקטער צוליב געטאָן, ווידער פּראָסט, אָן קונצן, און גענומען דערציילן ווײַטער, אַז גיין צו אים האָט אָבער דער וואַלאַדקע נישט געקאָנט, ווײַל שאַפּירא, וועלכער האָט נישט אָנגעהויבן צו ויסן, ווער וואַלאַדקע און וואָס וואַלאַדקע, האָט נישט געטאָרט וויסן פון דער גאַנצער געשיכטע... אַזוי אַז ער, ראַבינאָוויטש, האָט געמוזט אײַנגיין דערויף, ער זאָל קומען צו וואַלאַדקען אַהיים און דאָרט מאַכן מיט אים די אוראָקן. אַלזאָ, אַזוי ווי ער איז געקומען אַהין דאָס ערשטע מאָל...

נאָר דאָ ווערט דער באַשולדיקטער ווידער איבערגעריסן:

— זאָגט נאָר: בייס אײַער טאַלמיד האָט מיט אײַך גערעדט וועגן וואַלאַדקען, האָט איר געוויינלעך געוווּסט, אַז דער וואַלאַדקע איז אַ קריסטלעך קינד?..

— וואָס איז דער אונטערשייד? — ענטפערט דער באַשולדיקטער מיט פאַרוווּנדערונג. — אַ קריסט, אָדער ניט אַ קריסט, אַן אָרעם ייִנגל און וויל לערנען, פאַרוואָס זאָל מען אים נישט העלפן?

— מיר לאָזן זיך נישט אַרײַן מיט אײַך אין פילאָסאָפיע... מיר בעטן אײַך נאָר, איר זאָלט ענטפערן גלײַך אױף דעם, וואָס מע פרעגט בא אײַך: איר האָט געוווּסט אין יענעם מאָמענט, אַז וואַלאַדקע טשיגרינסקי איז אַ קריסט, אָדער נישט?..

אין די דאָזיקע ווערטער האָט זיך שוין געלאָזט הערן אַ ביסל פאַרדראָס.

דער באַשולדיקטער טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט, אַז ער האָט עס געוווּסט.

דער, וואָס מיט די שוואַרצע פּענסנע, טוט אַ ווונק צו דעם, וואָס מיט די שאַרפע ברילן, ער זאָל דאָס פאַרשרײַבן. יענער פאַרשרײַבט, און דער באַשולדיקטער קוקט נאָך מיט די אויגן, ווי מע שרײַבט. ער פאַרשטייט נישט, ווײַזט אויס, צו וואָס דאָס איז אַזוי נייטיק צו פאַרשרײַבן...

— אַלזאָ, דערציילט, מיר האָרכן אײַך, — מאַכט צו אים דער עלטערער שוין ווידער מיט אַ ווייכן פרײַנטלעכן טאָן און מיטן געדאַנק, אַז איצט וועט מען אים שוין הערן און מער נישט איבעררײַסן.

און ווידער האָבן זיך אַלע דרײַ צונויפגערוקט און צוגעגרייט האָרכן מיט קאָפּ, ווען וועט שוין קומען די רעכטע „דערקלערונג", וואָס דער „פאַרברעכער" האָט צוגעזאָגט געבן. און דער „פאַרברעכער" האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָט גאַנץ ברייטלעך און מיט זעלטענעם יִישעוו האַדאַאַס רויִק גענומען דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן דער דאָזיקער „שרעקלעכער רעטעניש".

אט דאס איז גאר?

„אז דער בארג גייט ניט צום מאהאמעט, גייט מאהאמעט צום בארג...״ — אזוי האט דער פאר־ברעכער אנגעהויבן זיין געשיכטע בעהארכאוע און דערציילט גרינג און גלאט, ווי א וואסער, וויאזוי ער האט אנגעהויבן אריינצוגיין צו אט דעם וואלאדקען אהיים, וויאזוי ער האט די ערשטע צייט נישט באמערקט קיין באזונדערע זאך, אויסער דעם, וואס דעם וואלאדקעס מוטער און נאך מער זיין שטיף־פאטער קיריל כמארא האבן די ערשטע צייט זיך באגאנגען מיט זייער אומזיסטיקן רעפעטיטאר עפעס ניט אזוי פריינטלעך; זיי האבן געקוקט אף אים, אזוי האט זיך אים אויסגעוויזן, מיט כשאד, מיט פארדאכט...

— וואס האבן זיי געקאנט האבן אף אייך פאר א פארדאכט? — האט זיך דער עלטערער, דער סליעדאוואטעל, נישט געקאנט איינהאלטן פון איבערצורייסן.

דאס ווייסט ער נישט. עפשער האבן זיי אים כוישעד געווען, אז ער איז א געהיים־אגענט פון דער פאליציע?.. ער האט א סימען: בא די ערשטע אוראקן איז דער שטיף־פאטער נישט אפגעטראטן פונעם שטיפקינד, זיך צוגעהערט, טאמער רעדט מיט אים דער רעפעטיטאר פון זייטיקע זאכן...

— איז דאס עמעס, אז איר האט זיך איינמאל אויסגעדריקט פאר טשיגרינסקיס שטיף־פאטער, פארן גאי קיריל כמארא, אז ווען ער זאל אייך אוועקגעבן זיין שטיפקינד אין אייערע יידישע הענט, וואלט איר פון אים געהאט מער נוצן, ווי ער האט פון זיין שטיפקינד?..

דאס געדענקט ניט ראבינאוויטש, ער געדענקט נאר, אז ער האט ניט איין מאל געלויבט זיין טאלמיד פארן שטיף־פאטער, אז וואלאדקע האט גוטע פעיקייטן צום לערנען. און דאס איז געווען אן עמעס. וואלאדקע האט וואס ווייטער־ווייטער ארויסגעוויזן אזעלכע פעיקייטן צום לערנען, אז ער האט גיך ליב געקריגן דאס דאזיקע יינגל. איין זאך נאר, וואס וואלאדקע איז געווען, ווי עס האט זיך אים אויסגעדאכט, אן איבערגעשראקענער און א ביסל א פארטראכטער, איינער פון יענע קינדער, וואס לעבן אין זייער אייגענער פארבארגענער וועלט און האבן עפעס אף דער נעשאמע... נאר ער, ראבינאוויטש, האט נישט אין זינען געהאט אפילע זיך אריינרייסן אין זיין פארבארגן וועלטל. פאר אים איז וואלאדקע געווען מער נישט ווי אן ארעם יינגל, וואס נייטיקט זיך אין זיין אוראק — און ווייטער גייט אים נישט אן... געוווסט האט ער, דאס הייסט, ער האט געהערט פון שאפיראס קינדער, אז וואלאדקע איז בא קיריל כמארא אף גרויסע צארעס און אז ער ווערט פונעם שטיף־פאטער זייער אפט געשלאגן. איז דאס אבער אויך געווען נישט זיין אייסעק. נאר איינמאל האט זיך געטראפן, ער איז געווען ניט־ווילנדיק אן איידעס פון זייער א טרויעריקער סצענע: זיין טאלמיד שאפירא איז אריינגעפאלן איינמאל אין שטוב אריין מיט אן אימפעט: „מע הארגעט וואלאדקען!״ איז אזויווי זיי זיינען געזעסן — ער און די פרוי פון שאפיראן און איר טאכטער, — אזוי זיינען זיי אלע דריי ארייננ־געלאפן צו זייער שכיינע, צו קיריליכען, און ארויסגעריסן דעם אומגליקלעכן וואלאדקען פונעם שטיף־פאטערס הענט קוים א לעבעדיקן. פון דעמלט אן האט זיין טאלמיד וואלאדקע באקומען צו אים מער צוטרוי...

— און איר פלעגט אים אפטלעך ברענגען מאטאנעס?.. — רייסט אים ווידער איבער דער עלטערער.

מאטאנעס? ניין. ביכלעך האט ער אים יא א פאר מאל געבראכט צו טראגן. אלטע ביכלעך פון זיין יידישן טאלמיד, וואס יענער האט זיי שוין בעמיילע נישט באדארפט האבן, און וואלאדקען זיינען זיי געווען נייטיק...

— און קיין געלט האט איר אים קיינמאל נישט געגעבן? — פרעגט אים איבער יענער און פארקוקט אים אין די אויגן אריין.

— ניין, דאכט זיך, אז קיינמאל ניט...

— דערמאנט אייך, עפשער איז יא געווען אמאל דער פאל? דאכט זיך, איר האט אים געגעבן א זילבערנע מאטבייע, ער זאל זיך קויפן א באל אף צו שפילן?..

דער באשולדיקטער דערמאנט זיך: „אך, יא, עמעס. ס׳איז געווען אמאל דער פאל״.

— לעמייזשע פארלייקנט איר פאקטן?..

דער באשולדיקטער קוקט פארוווּנדערט: „פאקטן?.. ער האט עס גערעכנט פאר אזא קלייניקייט, אז ס׳איז גאר ניט קעדיי צו רעדן, אוביפראט עס געהערט זיך צום אייסעק קלאל וועקלאל נישט אן...״

— צי עס געהער זיך ניט אָן אָדער עס געהער זיך יאָ אָן — דאָס לאָזט שוין איבער פאַר אונדז, — מאַכט צו אים דער סליעדאָוואָטעל מיט אַ שאַרפן טאָן, — איר זײַט אַזוי גוט און דערציילט אונדז אַלעס און לאָזט נישט דורך קיין פאַקטן, זיי מעגן זײַן קלייניקייטן...

דאָ איז דער באַשולדיקטער געבליבן שוין גאָר מעטושטעש, פאַרגעסן, ווו ער האַלט, און דעריבער איז ער רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן, וואָס האָט געקאָנט דינען פאַר אַ באַווײַז, אַז דער מענטש וויל עפּעס פאַרלייקענען און אַז מע האָט אים געכאַפּט אין אַ ליגן און ער ווייסט ניט, וואָס צו טאָן ווײַטער. און דערצו האָבן זיך דרײַ פּאָר אויגן אַזוי שטאַרק אײַנגעקוקט אין אים, אַז ער האָט אױש אָנגעהויבן צו שוויצן. דער עלטערער פון די דרײַ איז אים געקומען צו הילף:

— אַלזאָ, האָט איר זיך אָפּגעשטעלט דערויף, וויאַזוי איר האָט זיך אײַנגעקויפט צו אײַער טאַלמיד... דאָס הייסט, וויאַזוי ער האָט באַקומען צו אײַך וואָס ווײַטער אַלץ מער צוטרוי... וואָס זשע, הייסט עס, איז דערפון אַרויסגעקומען?

— דערפון איז ניט אַרויסגעקומען גאָרנישט, — זאָגט דער באַשולדיקטער און קערט זיך אום צוריק צו זײַן דערציילונג: — איינמאָל — דאָס איז געווען, ער האָט קיין טאָעס ניט, אינמיטן ווינטער — קומט ער צו גיין און טרעפט דעם טאַלמיד וואָלאָדקען אַ פאַרוויינטן: „וואָס איז, וואָלאָדקע, מע האָט דיך געשלאָגן?" — ניין, נאָך ערגער..." — „וואָס קאָן זײַן ערגער?" — „מע וויל מיך קוילען... — „ווער וויל דיך קוילען?" — „זיי ווילן מיך קוילען..." — „נאַרישקייטן! פונוואַנען האָסטו עס גענומען?" און וואָלאָדקע דערציילט אים אַ גאַנצע געשיכטע, וואָס ער קאָן זי איבערגעבן אינקורצן:

וואָלאָדקעס שטיף־פֿאָטער, קיריל כמאַרא, פאַרנעמט זיך מיט גנייווע, דאָס הייסט ער אַליין גייט ניט גאַנווענען, עס גייען אַנדערע פאַר אים. זיי זײַנען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע. קומט באַנאַכט — גייען זיי אַרויס אויף דער אַרבעט, און אַלצדינג, וואָס מע מאַכט דורך דער נאַכט, ברענגט מען דאָס צו זיי, און זײַן שטיף־פֿאָטער געפינט שוין דערויף אַן אָרט... וווּ דער שטיף־פֿאָטער באַהאַלט עס, ווייסט נישט וואָלאָדקע. קיינער ווייסט ניט... וויפל מאָל ס'איז שוין געווען פּאָליציע, געמאַכט „אָביסקן", נאָר מע קאָן נישט געפינען גאָרנישט. דערווײַל טרעפט זיך אַ מײַסע: עפּעס אַ פּאַרעך מיט בלויע בריקן שטייט אין גאַס, ניט ווײַט פון זייער שטוב, האַלט אין די הענט אַ שקאַרמיץ און קנאַקט ניסלעך, אַ ניסל נאָך אַ ניסל. שטעלט זיך וואָלאָדקע אָפּ און קוקט, ווי דער פּאַרעך קנאַקט ניסלעך. דערזעט דער פּאַרעך, אַז וואָלאָדקע קוקט, מאַכט ער צו אים: „ווילסטו?" און דערלאַנגט אים אַ פולע זשמעניע מיט ניסלעך... דאָס איז געווען איין מאָל. דאָס אַנדערע מאָל דערזעט ער ווידער דעם זעלבן פּאַרעך מיט די בלויע בריקן, ווידער אויפן זעלבן אָרט און ווידער מיט אַ שקאַרמיץ און סמאָקעט צוקערקעס. דערזעט ער, ווי וואָלאָדקע קוקט אויף אים, מאַכט ער צו אים: „ווילסט?" און דערלאַנגט אים אַ צוקערקע... דאָס דריטע מאָל באַגעגנט ער וואָלאָדקען, רופט ער אים צו און דערלאַנגט אים אַ מאַטבייע און מאַכט צו אים: „נאָ, וועסט זיך אַליין קויפן, וואָס דו ווילסט. דו ביסט דאָך אַ וווילער יינגעלע... דו זאָג מיר אָט וואָס: דו ביסט קיריל כמאַרעס אַ שטיפזונדל, איך קען דיך, דײַן שטיפטאַטע האַנדלט מיט גנייוואישע זאַכן, נאָר ער באַהאַלט זיי אַזוי, אַז דער רוער אַליין וועט זיי נישט געפינען... זאָלסט זײַן אַ וווילינקער, אַ קלוגיטשקער, וואָלסטו זיך אונטערגעהערט, וואָס דײַן שטיפטאַטע רעדט מיט דער כעוורע און וואָלסט זיך אונטערגעקוקט, וווּהין מע טראָגט די גנייוואישע זאַכן... דו דאַרפסט ניט מוירע האָבן, נאַרעלע, פאַר קיין זאַך. דײַן מאַמען וועט דאָס ניט שאַטן, און דײַן שטיפטאַטן, אַז מע וועט אײַנזעצן, וועט זײַן פאַר דיר בעסער — וועסט ווינציקער זײַן געשלאָגן..." געקומען אַהיים, האָט זיך וואָלאָדקע אַ טראַכט געגעבן: וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער דערציילן דער מאַמען צי ניין? און גייט און דערציילט דער מאַמען, פאַרשטייט זיך, בעסאָד. גייט די נאַרישע קיריליכע און גיט עס איבער אַלצדינג דעם מאַן. ווערט ער מאָלע רעציכע און וויל שלאָגן וואָלאָדקען. שטעלט זיך אײַן פאַר אים די מוטער. גייט אַוועק אַ טאָג און אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג. און אויף דער אַנדערער נאַכט ליגט וואָלאָדקע אויף דער ערד אין זײַן ווינקעלע און מאַכט זיך, ווי ער שלאָפט, הערט ער אַ שמועס, ווי זײַן שטיפטאַטע רעדט מיט דער כעוורע גאַנאָווים, גיט זיי איבער די מײַסע מיטן פּאַרעך און האַלט זיך מיט זיי אָן אײַצע: „וואָס טוט מען מיטן מאַמזער?"... „מאַמזער" — דאָס מיינט מען אים, וואָלאָדקען... זײַן שטיף־פֿאָטער, קיריל כמאַרא, רופט אים ניט מיט קיין אַנדער נאָמען אויסער „בײַסטרוק" (דער מאַמזער). וואָלאָדקע הייבט אָן נאָך שטאַרקער צו כראָפּען און הערט, ווי איינער פון זיי רופט זיך אָן, אַז „מע באַדאַרף דעם מאַמזער באַשטאַטן (אוקאָקאָשיט)". ווער(ע)מען די דאָזיקע ווערטער האָבן געהערט, — דאָס קאָן וואָלאָדקע ניט זאָגן אַקוראַט. נאָר דאָס וואָרט „אוקאָקאָשיט" — דאָס האָט ער געהערט פאַר זיכער... דאָס איבעריקע, וואָס די כעוורע האָבן גערעדט, האָט ער שוין ניט געקאָנט הערן, ווײַל ס'איז אָנגעקומען די מוטער און זיי זײַנען גאָר אַנשוויגן געוואָרן... פון דעמלט אָן — אַזוי האָט אים וואָלאָדקע געזאָגט — איז ער ניט זיכער מיטן לעבן. אַלע נאַכט, ווען ער לייגט זיך שלאָפן און לאָזט ער נאָר צומאַכן די אויגן, אַזוי מאָלט זיך אים אויס, אַז אָט קומט מען צו אים מיט אַ מעסער און מע מאַכט אים כיק איבערן האַלדז, אָדער מע נעמט אַ שאַרפע האַק און מע האַקט אים אָפּ דעם קאָפּ...

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אים אויסגעלאַכט און באַרויִקט, ווי ווײַט מעגלעך, — אַזוי לאָזט אויס דער „פֿאַרברעכער“ זײַן דערציילונג, — און וואָלאָדקע האָט, ווי עס ווײַזט אויס, פֿון דער מײַסע גיך פֿאַרגעסן, וואָרעם ער האָט ווידער זיך גענומען צום לערנען. ער אָבער האָט פֿון דער געשיכטע ניט פֿאַרגעסן. וויבאַלד וואָלאָדקע איז נאָר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און זײַן מוטער קיריליכע איז געקומען צו די שאַפּיראָס זיך נאָכפֿרעגן אויף איר פֿאַרפֿאַלענעם זון, האָט ער איר גלײַך אָנגעוויזן, וווּהין זי זאָל גיין און בײַ וועמען זי זאָל זיך נאָכפֿרעגן... ער, ראַבינאָוויטש, האַלט ניט פֿון דער מיינונג, אַז דאָס איז אויסשליסלעך דעם שטיף־פֿאָטערס שטיקל אַרבעט, ווי אַנדערע רעכענען, איבער עפּעס אַ ירושה, וואָס דער וואָלאָדקע האָט אויף זיך געהאַט. געוויס האָט דער קיריל כּמאַרא אין דעם אַ גרויסן כיילעק. נאָר אין דער דאָזיקער בלוטיקער געשיכטע זײַנען פֿאַרמישט די כעוורע גאַנאָווים און באַנדיטן, מיט וועלכע קיריל כּמאַרא שטייט אין שטענדיקער פֿאַרבינדונג, און צווישן זיי באַדאַרף מען, לויט זײַן מיינונג, זוכן די עמעסע פֿאַרברעכער, וואָס זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם, מע זאָל אַפּראַמען און אומברענגען דעם אומגליקלעכן וואָלאָדקע טשיגרינסקי, וואָס האָט זיך זיי אויסגעזאָגט, אַז ער איז פֿאַר זיי אַ שאַטנעז... ער איז איבערצײַגט, אַז מע וועט זיי נאָר געבן אַ רעכטן זוך, וועט מען זיי געפֿינען אַלע ביז איינעם...

— אָט דאָס איז גאָר? — האָט זיך אַרויסגעריסן באַם עלטערן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זײַנע קאָלעגן, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט געהאַט געדולד גענוג אויסהערן די דאָזיקע מער לאַנגע ווי אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס דער „פֿאַרברעכער“ האָט אַזוי קונציק צוגעפּאַסט צום דאָזיקן אייסעק.

און דער „פֿאַרברעכער“ איז דאַפֿקע צופֿרידן מיט דעם, ווי גלאַט ער האָט דאָס איבערגעגעבן זײַן דערקלערונג. עס האָט אים נאָר אויסגעזען אַ ביסל ווונדערלעך דער אויסרוף פֿונעם סליעדאָוואַטעל: „אָט דאָס איז גאָר?“... וואָס נאָך האָט זיך זיי געוואָלט, לעמאַשל?.. דעם רעכטן פּשאַט פֿון די ווערטער האָט ער צעקײַעט ערשט דערנאָך, אַז מע האָט אים אַרויסגעפֿירט און צוריק אין עטלעכע מינוט אַרום אַרײַנגעפֿירט, און ערשט דעמאָלט געגעבן אַ נעם דעם באָכער צום דין־וועכעשבן, ווי עס געהער צו זײַן.

דאָס פֿיר־און־זעכציקסטע קאַפּיטל

ער בלאָנדזשעט

באַם ווײַטערן פֿאַרהער, אַז מע האָט אַרײַנגעפֿירט דעם באַשולדיקטן, האָט ער באַמערקט אַ קליינע פֿאַרענדערונג. אויפֿן גרין־געדעקטן טיש זײַנען געווען צוגעגרייט פֿאַרשיידענע זאַכן, אויסגעלייגט יעדער מין באַזונדער, דאָרט זײַנען געווען:

1) דאָס פּעקל ביכער, וואָס מע האָט פֿאַרנומען בײַ אים אינעם טאָג פֿון ערעוו־פּייסעך.

2) אַלע זײַנע פּאַפּירן, בריוו און נאָטיצן, איבערגעבונדן מיט אַ גרינעם פֿאָדעם.

3) דאָס קליינע בײַכיקע ביכעלע מיטן אויפֿשריפֿט „מײַן טאָגבוך“.

4) אַן אַלטער סייפֿער מיט פֿאַרשמאָלצעוועטע שוואַרצע טאָוולען און מיט אַ געלן צעפּוילטן רוקן. דעם דאָזיקן אַלטן סייפֿער וואָלט דער באַשולדיקטער געמעגט שווערן, אַז ער זעט דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן. מיט אַ באַזונדער נײַגעריקײַט האָט ער באַטראַכט די דאָזיקע אַלע זאַכן און די פּענעמער פֿון די אויספֿאָרשער, וואָס האָבן אויסגעזען איצט נאָך מער האָפֿערדיק, ווי פֿריִער.

וואָס וועט דאָ זײַן?..

פּאַוואָלינקע, פֿאָרזיכטיק איז אויפֿגעבונדן געוואָרן קוידעמקאָל דאָס בינטל קסאָווים און אַרויסגענומען און איבערגעלייענט געוואָרן דאָס באַוווּסטע בריוול פֿון זײַן שוועסטער „וויערא פּ.“, וואָס שרײַבט אים, אַז זי הערט נישט אויף „צו בעטן גאָט פֿאַר אים, עס זאָל אים גרינג אָנקומען, און ער זאָל זיי שוין דערפֿרייען צום הייליקן יאָמטעוו מיט דער גוטער בסורע, אויף וועלכער זיי אַלע קוקן שוין אַזוי אַרויס...“

עס ווערט אים געשטעלט די פֿראַגע: ערשטנס, ווער איז אָט די וויערא פּ., וואָס האַלט אין איין גאָט בעטן? און צווייטנס, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בסורע, וואָס אַלע קוקן אויף איר אַזוי אַרויס צוליבן הייליקן יאָמטעוו?..

די אַלע אונטערגעשטראָכענע ווערטער ווערן אַרויסגעזאָגט צעצויגן און מיט אַ באַזונדערן טראָפּ, און אַלע אויגן זײַנען אָנגעשטרענגט אויפֿן „פֿאַרברעכער“, וואָס וועט ער זאָגן? רויִק און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן דערקלערט זיי דער „פֿאַרברעכער“, אַז די גוטע בסורע, אויף וועלכער אַלע קוקן אַרויס, איז נישט מער ווי אַ טעלעגראַמע פֿון אים, אַז ער, ראַבינאָוויטש, פֿאָרט אויף פּייסעך אַהיים.

— מער נישט קיין זאך?..

מער נישט קיין זאך, אויסער א בריוו, אז ער פאָרט אַף פּייסעך ארויס.

— פריִער האָט איר געזאָגט א טעלעגראַמע, איצט זאָגט איר שוין א בריוו?

— א בריוו, אָדער א טעלעגראַמע, ס׳איז אַלצאיינס.

— נישט אַלעמאָל איז דאָס אַלצאיינס. דאָרט, ווו אַלע קוקן ארויס אַף א גוטער בסורע און בעטן גאָט, ס׳זאָל אָפּלויפן גלאַט, איז א טעלעגראַמע מער אָפּן אָרט ווי א בריוו... נאָר לאָמיר דאָס אָפּלייגן אַף א זייט און זיך אומקערן צום אינהאַלט פונעם דאָזיקן בריוו. איר זאָגט, אז די בסורע, וואָס אַלע קוקן ארויס אַף איר צום הייליקן יאָמטעוו, איז מער נישט ווי אייער קומען צו פאָרן אהיים. נעמען מיר אָן, אז ס׳איז אזוי. פרעגט זיך: ווער זיינען דאָס די אַלע, וואָס קוקן אזוי ארויס אַף אייער קומען צו פאָרן?..

דער באַשולדיקטער פּרוּווט זיך אויסטייטשן, אז אַלע מיינט מען — די גאַנצע פאַמיליע.

— וואָלט געשטאַנען די גאַנצע פאַמיליע. דער באַגריף פונעם דאָזיקן וואָרט אָפּן דאָזיקן פּלאַץ קאָן נאָר זיין א גאַנץ אַנדערער, אַזעלכער, וואָס אייך לוינט זיך עפּשער נישט אָנצורופן.

דעם באַשולדיקטן, ווייזט אויס, איז נישט אָנגענעם, וואָס מע גריבלט זיך אין זיין שוועסטערס בריוו, פרוּווט ער זיך ארויסדרייען דורך אַן אַנדער מיטל. ער דערקלערט זיי, אז זיי האָבן נישט וואָס צו זוכן אינעם דאָזיקן אומשולדיקן בריוול קיין שום פאַרבאָרגענעם געדאַנק, וואָרעם נישט ער, ניט דער, וואָס שרייבט אים דעם דאָזיקן בריוו, פירן נישט קיין פּאָליטישע אַגיטאַציע, און מיט קאָנטראַר באַנדע באַשעפטיקן זיי זיך נישט.

— דאָס איז זייער גוט, — ענטפערט אים דער, וואָס מיט די שוואַרצע פּענסנע, — דאָס איז זייער גוט, וואָס איר פירט נישט קיין פּאָליטישע אַגיטאַציע און וואָס איר באַשעפטיקט זיך נישט מיט קאָנטראַבאַנדע. עס וואָלט אָבער געווען נאָך בעסער, ווען איר זאָלט זיין א ביסל אופריכטיקער און זאָגן, ווער איז אָט די דאָזיקע, אָדער אָט דער דאָזיקער, וואָס שרייבט צו אייך דעם בריוו אונטערן נאָמען „ווירא פ.״.

דאָ איז אים געוואָרן נישט גוט. זייער נישט גוט. נישט ווייל דריי פּאָר אויגן האָבן אים אין דער מינוט דורכגענומען דורך און דורך. אים האָט געקוועטשט אַן אַנדער זאַך: אויסזאָגן זיי דעם עמעס און אופדעקן זיי דעם סאָד, אז די ווירא פ. איז ווירא פּאַפּאָווא, און אז די ווירא פּאַפּאָווא דאָס איז זיינע א שוועסטער און א טאָכטער פונעם געוועזענעם ט—ר פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטווא, א פרומע קריסטן, וואָס בעט גאָט פאַר איר ברודער, ער זאָל קומען אהיים, און ווייטער גאָרניט, — וואָלט געהייסן פלוצעם אַראָפּוואַרפן די מאַסקע פאַר דער אָפּגערעדטער צייט, מאַכן א סאָף צום דאָזיקן שפּאַס, וואָס איז אַזוּעק א ביסל צו ווייט... ער איז דערצו נאָך גאָרנישט צוגעגרייט נישט מיצאַד זיך אליין, נישט מיצאַד זיין כאַזער, דעם עמעסן ראַבינאָוויטש, וועלכן ער קאָן אריינשלעפּן אין א צאַרע און אליין אויך האָבן א רעכטן פּסאַק פאַר מעלדן זיך מיט א פאַלשן נאָמען און פאַר זיצן אַף א פרעמדן פּאַס מיט פרעמדע דאָקומענטן... און וואָס קולאָם — און דאָס איז דער איקער! — זיין ראָמאַן מיט שאַפּיראָס טאָכטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מער ניט ווי א שפּיל, ווי א גרינגער פלירט פון א באָכער מיט א מיידל, און איז אַוועק אזוי ווייט און אזוי ערנסט, אז ער קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, וואָס עס קאָן דערפון ארויס פאַר זיי ביידן, ווען ער רייסט איבער סאַמע איצט אין רעכטן אָנהייב, אין רעכטן ברען פון זייער פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן אריבערגיין אין אזא פלאַם־פייערדיקער ליבע... ניין! לאָז זיך זיין וואָס עס וויל זיך — ער וועט נישט זאָגן, ווער דאָס איז. ער קאָן נישט זאָגן.

— איר קאָנט נישט זאָגן? צי איר ווילט נישט זאָגן?

דער באַשולדיקטער מיינט, אז ס׳איז אַלצאיינס. ער רעכנט, אז יעדער מענטש האָט רעכט צו האָבן זיינע אייגענע אינטערעסן, וואָס געהערן זיך אָן נאָר צו אים אליין...

— גאַנץ ריכטיק, — רייסט אים איבער דער עלטערער וואָס מיט די שוואַרצע פּענסנע און זעצט פאָר זיין ארבעט גאַנץ ענערגיש, — גאַנץ ריכטיק. יעדער מענטש האָט רעכט צו האָבן זיינע אייגענע אינטערעסן. דאָרט אָבער, ווו די אויספאָרשונג שלאָגט זיך דורך א וועג, וויל דערגיין דעם עמעס, וואָס ווערט געזוכט, — דאָרט איז נישטאָ קיין אָרט מער פאַר אייגענע אינטערעסן און סוידעס. איר זייט אזוי גוט און זאָגט אָקאָרשט, ווער איז אָט דער, וואָס שרייבט זיך אונטער מיט א נעקייווישן נאָמען ווירא פ.? ווו וווינט ער? און מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך?

דער באַשולדיקטער האַלט זיך קוים איין, ער זאָל זיך ניט צעלאַכן. וואָס איז זיי געפעלן, אז ווירא פ. באַדאַרף זיין אַן „ער״ — ניט קיין „זי״? ער פאַרשטייט ניט, וואָס פאַר א שייכעס קאָן האָבן זיין שוועסטער ווירא און איר בריוול צו דער אויספאָרשונג? און פאַרוואָס זאָל ער נישט טאָרן האָבן זיינע סוידעס? און ער בלייבט בא זיינעם: „ניין, ער קאָן ניט זאָגן״.

— פאַרשרייבט! — מאַכט דער עלטערער צום יינגערן, און דער יינגערער, דער, וואָס מיט די צוויי קעפּ און מיט די שאַרפע ברילן, פאַרשרייבט. דער באַשולדיקטער קוקט אריין, ווי יענער שרייבט,

גלײַך ווי מע טוט דאָס פֿון זײַן קאָזעד ווענן, און ער פֿאַרשטייט ניט, כאָטש נעמט אים אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס טוט זיך דאָ?..

לאַנג טראַכטן אָבער לאָזט מען אים ניט. דער, וואָס מיט די שוואַרצע פּענסנע, לייגט צוניף דאָס בריוול צוריק אין פּעקל אַרײַן, בינדט עס צונויף מיטן זעלבן גרינעם פֿאָדעם, שטייט אויף, נעמט זיך צום פּעקל ביכער, ציט אַרויס אַ בוך נאָך אַ בוך, רופֿט זיי אָן בײַ די נעמען און ווענדט זיך צום באַשולדיקטן, ענערגיש, נאָר פֿרײַנטלעך, ווי פֿריִער, ער זאָל זיי דערקלערן, צו וועלכע צוועקן ער האָט צונויפֿגעזאַמלט בײַ זיך די דאָזיקע ליטעראַטור פֿונעם אַזױגערופֿענעם „ריטואַל"?

דער באַשולדיקטער איז צופֿרידן, וואָס מע האָט אים געלאָזט צורו מיט זײַן שוועסטערס בריוול, און האָט זיך גענומען גאַנץ אויפֿריכטיק און דײַטלעך צו דערקלערן דעם גאַנצן ענין: אַז אַזויווי אין דער לעצטער צײַט, באַלד נאָך דעם ווי מע האָט געפֿונען דעם וואַלאָדיע טשיגרינסקי אַ גע־האַרגעטן, האָבן די געוויסע בלעטער אויפֿגעהויבן אַ שאַרפֿע אַגיטאַציע וועגן דעם, אַז ייִדן באַנוצן קריסטלעך בלוט אין זייער „מצה" אויף פּייסעך, איז אים געווען זייער אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דער היסטאָריע און מיט דער גאַנצער ליטעראַטור פֿונעם עניִען, וואָס מע רופֿט אים „רי־טואַל", האָט ער אַנטליִען בײַ אַ באַקאַנטן דאָס דאָזיקע פּעקל ביכער אויף איבערצולייענען איבער יאָמטעוו און נאָכדעם אָפּגעבן צוריק.

— און ביז דעמאָלט האָט איר גאָרנישט געוווּסט, וואָס איז אַזעלכס אָט דאָס, וואָס מע רופֿט אָן „ריטואַל"?..

דער באַשולדיקטער האָט נישט באַמערקט, ווי איראָניש די פֿראַגע איז געשטעלט געוואָרן, און ענטפֿערט ביטמימעס, אַז ער האָט קימאַט נישט געוווּסט.

— קימאַט? ווי זאָל מען פֿאַרשטיין דאָס וואָרט „קימאַט"?

ער דערקלערט, אַז „קימאַט" הייסט, אַז ער האָט געוווּסט, אַז ייִדן באַנוצן קריסטלעך בלוט, דאָס הייסט, ער וויל זאָגן, ער האָט געהערט...

— אָט האָט איר נאָרוואָס געזאָגט גאַנץ קלאָר, אַז איר האָט געוווּסט, אַז ייִדן באַנוצן קריסטלעך בלוט, איצט זאָגט איר שוין, אַז איר האָט געהערט... ווו האָט איר עס, אַשטייגער, געהערט?

ווו ער האָט דאָס געהערט? ער האָט געלייענט וועגן דעם אין די בלעטער...

— פֿריִער האָט איר עס געוווּסט, דערנאָך האָט איר עס געהערט, איצט האָט איר שוין נאָר געלייענט פֿון די בלעטער... עפּשער וועט איר זײַן אַזוי גוט אָנרופֿן באַם נאָמען יענעם באַקאַנטן, וואָס האָט אײַך אויסגעליִען די דאָזיקע ליטעראַטור?

דאָ איז אים ווידער געוואָרן שלעכט. אָנרופֿן דעם ראָוו, וועלכער איז געווען אַזוי פֿרײַנטלעך צו אים און אים באַזאָרגט מיט די דאָזיקע ביכער, וואָלט געהייסן אָפּצאָלן אַ ראָע פֿאַר אַ טויווע, וואָרעם ווער ווייסט, וואָס אין די ביכער געפֿינט זיך נאָך, אַז בעסאַכאַקל האָט ער צײַט געהאַט אײנעם טאָג פֿון ערעוו־פּייסעך איבערקוקן מער ניט אַ פּאָר פֿון זיי, אי דאָס געציילטע בלעטלעך. איז ער געפֿאַלן אויף אַן אייצע און האָט זיי אָפּגעטאָקט אַ ליגן און נאָך אַ קייפּל־שמוינעדיקן דערצו: אַז די דאָזיקע בלעטער האָט אים אויסגעליִען אַ באַקאַנטער, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן זײַן נאָמען, און אַז דער באַקאַנטער איז אַוועקגעפֿאָרן — ער ווייסט ניט וווּהין, און אַז ער ווייסט ניט, אויב ער וועט נאָך קומען צוריק...

דאָס האָט ער שוין צוגעטראַכט צוליב דעם, ער זאָל פּאַטער ווערן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿון דעם דאָזיקן פּעקל, וואָרעם ער פֿילט, אַז וואָס ווײַטער ער גייט, מער בלאָנדזשעט ער, און וואָס מער ער רעדט, מער פּלאָנטעט ער מיט דער צונג, און אַלצדינג, וואָס ער זאָגט, זעט ער, ווי עס ווערט פֿאַרשריבן. צו וואָס, אַשטייגער, פֿאַרשרײַבן זיי דאָס, צוליב וועלכן צוועק פֿרעגן זיי זיך אַזוי נאָך אויף די דאָזיקע ביכער? צו וואָס דאַרף מען דאָס? און וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָבן זיי ביכלאַל צו דעם, וואָס מע האָט אים אַהער געבראַכט? און פֿאַרוואָס קערט מען זיך ניט אום צום רעכטן עניִען וועגן וואַלאָדקע טשיגרינסקיס טויט און צו דער דערקלערונג, וואָס ער האָט זיי דאָ הײַנט געגעבן?..

דער באַשולדיקטערווישט זיך דעם שווייס פֿונעם שטערן און קוקט אויף די אויספֿאָרשער, וואָס רעדן זיך דערווײַל דורך שטילערהייט צווישן זיך. די ביכער זײַנען צוריק צונויפֿגעלייגט געוואָרן און איבערגעבונדן אין זייער פּעקל, און אויף זייער אָרט האָט זיך באַוויזן דאָס קליינע בײַכיקע ביכעלע מיטן אויפֿשריפֿט: „מײַן טאָגבוך", און ראַבינאָוויטש האָט זיך אַ טראַכט געגעבן: ניט שוין זשע וועט מען זיך נעמען גריבלען אין זײַן „טאָגביכל", אַזויווי מע האָט זיך געגריבלט נאָרוואָס אין זײַן שוועס־טערס בריוול? נאָר וואָס איז דאָרט פֿאַראַן אויסער געדאַנקען וועגן זײַן געליבטער?.. און וואָס וועט ער זיי זאָגן, טאָמער גריבלען זיי זיך בײַ אים אין דער נעשאָמע: ווער איז בעטי? און וואָס איז בעטי?

אונדזער „פֿאַרברעכער" האָט נעבעך געהאַט אַ גרויסן טאָעס. אַ סוואָרע, אַז בײַ אים אין „טאָג־ביכל" האָבן זיך געפֿונען אַ סאַך וויכטיקערע זאַכן פֿאַר דער אויספֿאָרשונג, ווי אַלע זײַנע נאַטיצן וועגן זײַן געליבטער...

(פֿאָרזעצונג קומט)

סטודענטן לערנען ייִדיש

שוין קימאַט דרײַ כאָדאָשים, ווי אינעם ייִדישן יוגנטלעכן קלוב באַם מאָסקווער אינסטיטוט פון שטאָל און געשמעלצן פונקציאָנירן קורסן פאַר דערלערנען ייִדיש. די צוהערער פון די קורסן נעמען זיך צונויף איין מאָל אין וואָך, און ס'זײַנען דורכגעגאַן נאָך ווייניק לימודים, קעדיי רעדן וועגן וועלכער־ניט־איז ערנסטער דערפאַרונג. אָבער עפּעס וואָס קאָן מען שוין זאָגן.

ווי א לערער אַף אָט די קורסן, קאָן איך מיט פאַרגעניגן אָפּמערקן, אז מיר פילן באַשײַמפּערלעך די רעזולטאַטן. דאָסראָוו פון די 15 שטענדיקע טאַלמידים ווײַזן ארויס דערגרייכונגען אינעם שרײַבן, לייענען, רעדן (פאַרשטייט זיך, מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג).

די גרעסטע שוועריקײַטן זײַנען באַשטאַנען ניט אזוי אין די אָרגאַניזירונגס־מאָמענטן, ווי אין בײַקומען א פּסיכאָלאָגישן באַריער, עפּעס א פאָרורטייל קעגן ייִדיש בא געווויסע מענטשן. וואָס טוט מען, אז אונדזער באַגאַבט פאָלק איז נאָך ניט גענוג אָנגעלערנט צו אופנעמען די לימודים פון דער געשיכטע! ווען ס'איז געוואָרן אָנאָנסירט, אז אין אינסטיטוט וועט פאָרקומען דער ערשטער לימעד פון ייִדיש, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַן ערעך 30 מענטשן. און ווען מע האָט געפרעגט קאָנקרעט, ווער עס קלײַבט זיך רעגולער באַזוכן די לימודים און אויספילן די היימישע פאַרגעבונגען, זײַנען פאַרבליבן בלויז די 15. צום גליק, זײַנען זיי אַלע געטרײַע טאַלמידים.

וואָס איז שײַעך די „אָפּגעפאַלענע", קאָן מען זיי, אײַב איר ווילט, פאַרשטיין. ס'איז הײַנט א וועלט פון ראַציאָנאַליסטן און פּראַגמאַטיקער. דער אַם־האַסייפּער, וואָס איז באַרופן טראָגן דער וועלט גײַסטיקע ווערטן, האָט באַקומען אויך ניט קיין קליינעם כיילעק אין דער הײַנטצײַטיקער ראַציאָנעלקײַט.

צוליב וואָס דאַרף מען פּאַטערן די קויכעס אַף ייִדיש? ס'איז דאָך אין ערגעץ ניט הײַנטצוטאָג אַן אומגאַנג־שפּראַך. מיר האָבן ביז אהער געלעבט אָן ייִדיש, וועלן מיר נאָך דורכלעבן. בעלי־סאָפּעק, ס'איז א שאָד, אז עס שטאַרבט אָפּ די שפּראַך פון אונדזערע זיידעס, די שפּראַך פון אונדזערע וואָרצלען, די שפּראַך פון די קדוישים. נאָר דאָס איז ניט אונדזער אייסעק...

און דאָך זײַנען אין אינסטיטוט פון שטאָל און געשמעלצן פאַראַן 15 יונגע מענטשן מיט אַנדערע געדאַנקען, און לויטן רוף פון נאַציאָנאַלער אכרײַעס זײַנען זיי געקומען דאַפקע לערנען ייִדיש.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב בא זיי דערזען און דערפילט, איז געווען א געוויסער סקעפּטיציזם מיקויעך זיך אַליין. ס'האָט זיך אויך אויסגעקלאָרט, אז די מערהײַט פון זיי האָט א פאַרנעפּלטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס איז ביכלאַל געשאַפן אַף דער שפּראַך, וועלכע זיי זײַנען געקומען דערלערנען. און איך האָב זיך געשטעלט די ערשטע אופגאַבע: פאַרלעשן דאָס פײַער פון סקעפּטיציזם און אָנצינדן א נײַ פײַערל — א פײַערל פון גלויבן...

און דאָס קאָן מען דערגרייכן בלויז מיט איין וועג — ווײַזן, אז „ייִדיש הייסט ניט הוילער כײדעש"; אז ס'איז פאַראַן א גרויסע קולטור אַף אונדזער שפּראַך, א רײַכער פאָלקלאָר. און גראָדע פונעם ערשטן לימעד אָן האָב איך אָנגעהויבן מאַכן לירישע פּאַוזעס, פאָרגעלייענט לידער פון ייִדישע דיכטער, אינקורצן דערציילט וועגן זיי, געבראַכט איבערזעצונגען, דורכגעשפּילט דעם מוזיקאַלישן פאָלקלאָר. און דער דאָזיקער מעטאָד האָט אומגעהײַער געווירקט. מיט יעדעס מאָל איז דאָס פײַערל פון פּעסימיזם אין די אויגן בא מײַנע טאַלמידים געוואָרן אַלץ שוואַכער, און דאָס צווייטע פײַערל — פאַרקערט. אָט איצטער, ווען די ערשטע אופגאַבע איז מער אָדער ווייניקער פאַרווירקלעכט, קאָן מען ערנסט לערנען די שפּראַך.

די לימודים איז מיר אויסגעקומען דורכפירן לויט מײַן אייגענער מעטאָדיק, איר גרונטשטיין איז — אַף קאָלערליי אופאַנים דערגאַנצן דעם לעקסיקאָן. איך האַלט, אז די ווערטער אין דער שפּראַך זײַנען געגליכן צו ציגל, און די גראַמאַטיק — צו צעמענט. האָבנדיק ציגל און אפילע א שלעכטן צעמענט, קאָן מען וועלכער־ניט־איז געבײַדע יאָ אופשטעלן. דעריבער איז יעדער לימעד קוידעמקאָל באַרופן צו דערגאַנצן דאָס ווערטערלעכע פאַרמעגן. צו יעדן קומענדיקן לימעד מוזן די טאַלמידים צוגרייטן א דערציילונג, אריסניצנדיק נײַע ווערטער, פאַרשריבענע אפן פאָריקן לימעד. די פּראַקטיק ווײַזט, אז דאָס איז א גוטער וועג צו באַנעמען דעם לעקסישן מאַטעריאַל. און די גראַמאַטיק דאַרף געגעבן ווערן מיט גיכע טעמפּן, קעדיי זי זאָל קאָנען באַדינען דעם אַלץ וואַקסנדיקן לעקסיקאָן. ס'איז ווינטשנסווערט, אז דער לעקסישער מאַטעריאַל זאָל זיך מערן אפן סמאַך פון גוט באַקאַנטע, פּאָפּולערע שפּראַכלעכע קאָנסטרוקציעס, אשטייגער, מיט דער הילף פון באַקאַנטע זינגלידער, דיכטונג אאַוו.

ס'איז פאַראַן א האָפענונג, אז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט מען שוין קאָנען רעדן וועגן דער דערפאַרונג און זיך טיילן מיט מעטאָדישע אידייען אַף א גאַנץ העכערן ניוואָ.

און דערווײַל, זאָלן זײַן געבענטשט די ליבהאָבער און פאַרזעצער פון דער גאָלדענער קייט פון ייִדיש!

דמיטרי יושקאָווסקי

יאַנוש קאָרטשאַקס ליכטיקער אָנדענק

אַן אָוונט אין באַקו

עס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז די צײַטונג „באַקו" האָט מיטגעטיילט וועגן דעם אָנדענק־אָוונט, געווידמעט יאַנוש קאָרטשאַקס 110־יאָריקן געבורטסטאָג, קורץ פאַר דעם, ווי אין דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע געשעענישן — דער אויפברויז פון דער צווישנאַציאָנאַלער סינע. פיל מענטשן האָבן שוין אפילו געהאַלטן, אַז דער אָוונט וועט אין אַזעלכע באַדינגונגען ניט קאָנען פאָרקומען, אָבער אין דעם גרויסן זאַל פון דער צענטראַלער שטאָט־ביבליאָטעק אױף וו. אי. לענינס נאָמען האָט ניט געקלעקט קיין ערטער, און ס'איז אויסגעקומען צונויפקלײַבן בענקלעך נאָך פון עטלעכע לייענזאַלן.

דער מיטגליד פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָרטשאַק־געזעלשאַפט פּיניע קאַליקאַ האָט, עפענענדיק דעם אָוונט, דערציילט אױף ייִדיש, אַז אין דער דאָזיקער געבײַדע איז אַמאָל געווען א היפּשער אָפּטייל פון ייִדישער ליטעראַטור, און ער האָט ארויסגעזאָגט א האָפענונג, אַז אָט דער אָוונט וועט זײַן אַן אָנהייב פון נײַע אַנטוויקלונגען פון דער ייִדישער קולטור־טעטיקײַט אין אַזערבײַדזשאַן.

צום אָוונט איז אינעם ביבליאָטעק־זאַל פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון יאַ. קאָרטשאַקס ביכער, ווי אויך פון ביכער וועגן דעם לעגענדאַרן מענטשן אױף רוסיש, ייִדיש, איווריט, פּויליש, אַזערבײַדזשאַניש. אַן אינטערעס האָט בא די אָנטיילנעמער פונעם אָוונט ארויסגערופן יאַנוש קאָרטשאַקס פּאָרטרעט, וועלכן עס האָט אָנגעמאָלט אַן אָרטיקער קינסטלער. אין זאַל זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן צוויי עקספּאָזיציעס: „יאַנוש קאָרטשאַק און זײַן יעסוימים־הויז" — א מאָטאָנע פונעם ייִסראָעלדיקן קאָרטשאַק־קאָמיטעט, און די פאָטאָגראַפיעס פון אַלע דענקמעלער קאָרטשאַקן אין דער וועלט. פון פּ. קאַליקאַס פּערזענלעכער קאָלעקציע האָט מען פאַר דער אויסשטעלונג אויסגעניצט ביולעטענען פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָרטשאַק־געזעלשאַפט און די צײַגעניש וועגן צוזייגענען קאָרטשאַקס נאָמען איינעם פון די אַסטעראָידן, וועלכן עס האָבן אַנטדעקט די קרימער אַסטראָנאָמען.

אויפן אָוונט זײַנען אויסגעהערט געוואָרן מיטיילונגען: „יאַנוש קאָרטשאַקס לעבנסוועג" (אינזשעניער מ. סאָפּאָזשניקאָוו), „יאַנוש קאָרטשאַקס וועלטאָנשויונג און זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט" (קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן י. פעלדמאַן), „יאַנוש קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישע אידייען" (פּעדאַגאָג יאַ. שניידער), „די הײַנטצײַטיקע קאָרטשאַק־באַוועגונג" (מיטגליד פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָרטשאַק־געזעלשאַפט י. יושוואיעוו), „יאַנוש קאָרטשאַק, ווי איך האָב אים פאַרגעדענקט, און וועגן דער באַגעגעניש פון זײַנע געוועזענע דערציִגלינגען, וועלכע איז פאָרגעקומען אין וואַרשע זומער 1988" (קורט ראָזענבערג, דער איינציקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד מענטש, וועלכער איז אין 1938 געווען אין דעם הינטערשטאָטישן יעסוימים־הויז אַלס זיגער אינעם קאָנקורס פון יונגע קאָרעספּאָנדענטן פון קאָרטשאַקס קינדער־צײַטונג).

אין זײַן מיטיילונג האָט יאָשוא יושוואיעוו פאָרגעלייגט ווענדן זיך צו דער רעפּובליקאַנישער פּעדאַגאָגישער געזעלשאַפט מיט א הישטאַדלעס וועגן שאַפן א סעקציע פאַר דערלערנען און פּאָפּולאַריזירן יאַנוש קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישע אידייען, וועלכע זײַנען אין איינקלאַנג מיט דער איבערבויונג פון דער סאָוועטישער שול.

פון דעם באַקינער ייִדישן עסטראַדע־דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועלכער גרייט איצט זײַן ערשטע פּראָגראַם, זײַנען אויפן אָוונט ארויסגעטראָטן עטלעכע פאָרלעזער. זיי האָבן געלייענט בעלע דיזשורס, אַלעקסאַנדער גאַליטשס, איוואַן דראַטשס און מאַקסים טאַנקס דיכטערישע ווערק. צוויי יונגע פאָרלעזער פון דער קינדער־סעקציע פונעם אַנסאַמבל האָבן באַקאַנט די צושויער מיט לידער פון באַקינער שילער וועגן יאַנוש קאָרטשאַקן.

אַן אייגנאַרטיקע סענסאַציע פונעם אָוונט איז געווען דאָס ערשטע אויסזינגען פון דער ליד אױף די ווערטער פונעם פאָרזיצער פון דער יאַפּאַנישער קאָרטשאַק־געזעלשאַפט איִראָ קאָנדאָ. דער אַוטאָר פון דער דיכטערישער איבערזעצונג און פון דער מוזיק איז די אָנפירערן פונעם אַנסאַמבל העניִעטע צודיק.

יאָשוא איליזאַראָוו

„וויִאַזוי ליב האָבן קינדער"

אין אונדזער לאַנד ווײַזט מען ארויס א גרויסן אינטערעס צו יאַנוש קאָרטשאַקס שאַפונג, צו די אויפטוען און אידייען פונעם מערקווירדיקן פּעדאַגאָג און פּובליציסט. די צײַט פאַרמינערט ניט די באַדײַטונג פון זײַנע געדאַנקען וועגן דער דערציִונג פון א מענטשן.

א נײַע אויסגאַבע פון זײַנע ווערק איז דערשינען אין דעם כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג. אין איר איז אײַנגעשלאָסן איינע פון קאָרטשאַקס סאַמע וויכטיקע אַרבעטן — „וויִאַזוי ליב האָבן קינדער". לויט אָט דעם בוך האָבן זיך געלערנט עטלעכע דורות עלטערן אין פיל לענדער.

כ. געניקין

כראניק

א קאנצערט אין דער מאסקווער כארשול

אין גרויסן זאל פון דער מאסקווער כארשול איז פארגעקומען א צדאקע־קאנצערט פון אמעריקא־נער און קאנאדער כאזאנים. אין דער פראגראם האבן געקלונגען ווערק פון קאמפאזיטארן־קלאסיקער, יידישע פאלקס־מוזיק, כאזאנישע קאמפאזיציעס.

נאך איינער אזא קאנצערט איז פארגעקומען אין קאנצערט־זאל פונעם מעלוכישן מוזיקאליש־פעדאגאגישן אינסטיטוט אפן נאמען פון די גנע־סינס. די האכנאסע פון די קאנצערטן איז איבערגע־געבן געווארן אין סאוועטישן קינדער־פאנד אף וו. אי. לענינס נאמען.

כאזאניש געזאנג שטעלט מיט זיך פאר איינע פון די סאמע אלטערטימלעכע מוזיקאלישע טראדי־ציעס, וואס ציילט אן יארטויזנטער. פארהיטנדיק בלויז א רעליגיעזע פונקציע און אויספילנדיק א וויכטיקע ראליע אין דער גאטדינסט, איז דאס כא־זאנישע זינגען געבליבן אויך ווי אן אלגעמיינער קולטור־פארמעגן, א לעבעדיקער דענקמאל פון דער אלוועלטלעכער מוזיקאלישער קונסט.

דער גרויסער זאל פון דער מאסקווער כארשול איז איבערגעפולט. צום מיקראפאן גייט צו דער הויפט־ראוו פון מאסקווע א. שאיעוויטש:

— טייערע פריינט, היינט וועלן מיר אין די דא־זיקע ווענט הערן דאס ערשטע מאל פאר לאנגע יארן בארימטע כאזאנים — אויספילער און היטער פון דער יידישער נאציאנאלער מוזיק. עס איז שווער איבערצושאצן די דאזיקע געשעעניש. אין נאמען פון דער מאסקווער יידישער געמיינדע, פון אלע בייוועזנדע וויל איך אויסדריקן א דאנק אונדזערע פריינט פון דער אמעריקאנער געמיינדע, דעם פאר־פאלק טשילע און כאים ווינער — אדאנק זיי איז געווארן מעגלעך דער היינטיקער קאנצערט. איך וויל אויך באדאנקען דעם סאוועטישן קינדער־פאנד אף וו. אי. לענינס נאמען, וועלכער האט גענומען אף זיך די ארגאניזאציע פונעם קאנצערט.

מיט דאנק־ווערטער צום אוילעם האבן זיך גע־ווענדט די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג פונעם קינדער־פאנד ז. דראגונקינא און די פאלקס־אר־טיסטקע פון פססר נ. דוראווא.

די אויספילער זיינען זייער גוט אופגענומען גע־ווארן. עטלעכע לידער, אמערסטן פאפולערע, האט דער זאל אונטערגעכאפט און געזונגען אינאיינעם מיטן כאזן. דאס אלץ האט אויסגעזען באזונדערס הארציק.

בייס אן איבערייס האט זיך צו די בייוועזנדיקע געווענדט כ. ווינער, דער פרעזידענט פונעם פאנד פאר פארשפרייטן די כאזאנישע קונסט. אין זיין ארויסטרעטונג האט ער דערציילט וועגן דער צדאקע־טעטיקייט פונעם פאראייניקטן אמעריקאנער יידישן קאמיטעט און פונעם ווינער־פאנד, וועלכער דינט דער גייסטיקער און קינסטלערישער באר־ייכערונג.

„מיר האבן געבעטן גאט, — האט געזאגט אין סאף פון זיין רעדע כ. ווינער, — אז אונדזער באזוך זאל דינען דער פארפעסטיקונג פון פריינטשאפט און צוזאמענארבעט צווישן אונדזערע פעלקער און לענ־דער. קינדער, אומאפהענגיק פון דעם, ווער זיי זיינען לויט דער נאציאנאליטעט און וווּ זיי וווינען, זיינען די צוקונפט פון אונדזער פלאנעטע, און מיר קאנען נישט ניט זארגן וועגן זיי.

כ. ווינער האט איבערגעגעבן די מיטארבעטער פונעם סאוועטישן קינדער־פאנד אף לענינס נאמען א שטעק אף 10.000 דאלאר — א מאטאנע פונעם פאראייניקטן אמעריקאנער יידישן קאמיטעט און פו־נעם ווינער־פאנד.

ו. רעמיזאוו

די צעשיסונג אין באָגוסלאוו

(פונעם בוך „דער זעגל פון מײַן בריגאַנטינע")

אין זיקאָרן שווימען אוף שטיקלעך פון לעבעדיקע בילדער. ס'לעבן אוף פענעמער, אָדער אײנצלנע פאָרטרעט־דעטאלן פון מענטשן. עפּעס זע איך מער דײַטלעך, אפילע מיט פּראָטים, אַנדערס — אומקלאָר, ווי דורך א נעפּל...

דאָס סאמע בוילעטע בילד איז די אומענדלעכע קאָלאָנע ייִדן. זיי זײַנען אָנגעלאָדן מיט פארשיידענעם האָב־און־גוטס אף זיך, אף טאטשקעלעך, זיי פירן קינדער־וועגעלעך. דורכן גאנצן שטעטל האָבן זיי זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו מיראָנאָווקע — צו דער באַן־סטאנציע, פערצן קילאָמעטער, ווי איך ווייס איצט.

ס'איז געווען זייער א הייסער טאָג. נאָר עפּעס אײנער אן אלטער ייִד אין א יארמעלקע איז געווען אָנגעטאָן אין א שווארצן מאנטל מיט לאנגע פּאָלעס, וואָס איז זייער ענלעך געווען אף א גאלעך־האלבאָשע. איבערן האלדז איז בא אים אראָפּגעהאנגען א גרויסע געשטריקטע שארפּע — אײן עק נידעריקער פון דעם אנדערן. אף די פיס — רעזינענע באָטן מיט צײַגענע בלאָווע פּראַזשקעס אף קנאָפּקעס. אײַנגעהויקערט, מיט געמאָסטענע טריט, אין טאקט פון וועלכע ס'האָט זיך אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזט זײַן צעפּאטלטע גרוי־ווײַסע באָרד, האָט ער געשטויסן פאר זיך א טאטשקע אף אײן רעדל. אף דער טאטשקע איז געלעגן א גרויסער געל־בארוועגער טיוק. ווײַזט אויס, אז געלעגן איז די טאָרבע ניט ווי ס'דאַרף צו זײַן, ווײַל דאָס וועגעלע האָט זיך געוואלגערט אף א זײַט און געשלעפּט נאָך זיך דעם אלטיטשקן. בײַסמײַסע פלעגט ער א הייב טאָן דעם פּוס אינעם באָט, קימאט פאלנדיק, נאָר אין א רעגע ארום זיך אויסגלײַכן, ווידער האָט ער געשפּאנט געמאָסטענערהייט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער הייבט זיך אוף אף א הויכן בארג. און, ווען די טאטשקע האָט זיך ווידער פארוואלגערט אף א זײַט און ער האָט ווידער געדארפט זי שטעלן אף דער ראָד, האָט קיינער אים ניט געהאָלפן.

מענטשן פלעגן דורכגיין, אויסמײַדנדיק אים, און פארומערטערהייט גיין ווײַטער...

איך בין אלט געווען זעקס יאָר. איך בין ניט קיין ייִד. כ'האָב בעשום־אויפן ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס גייען זיי אוועק, און מיר בלײַבן דאָ. וווּהין און פארוואָס טרײַבט זיי דער מילכאָמע־געהילך, וואָס האלט אין איין דערנענטערן זיך, — און מיר בלײַבן?.. אז זיי לויפן פון באָגוסלאוו איבער דעם, וואָס דער פראָנט איז אלץ נעענטער און נעענטער, האָב איך געוווּסט, געהערט. נאָר דעם טאָך פון דער סיבע האָב איך ניט געקאָנט באַגרײַפן.

שטענדיק, פון זינט איך געדענק זיך, האָבן מיר געלעבט צווישן ייִדן. כ'האָב זיך געשפּילט מיט די קינדער, גערעדט אף ייִדיש — געגרײַגערט, ווי אף אוקראַיִניש, ס'איז מיר געווען אלצײנס, מיט וועמען כ'שפּיל זיך, מיט א ייִדיש קינד, צי מיט אן אוקראַיִניש. כ'האָב, פארשטייט זיך, געזען, אז ייִדן טיילן זיך אויס. ניט די קינדער — די דערוואקסענע, איבערהויפּט עלטערע מענטשן, נאָר ניט אף אזויפיל, אז מיר זאָלן זײַן אין פארשיידענע לאַגעס (כ'מיין, אז דאַן האָב איך וועגן „פארשיידענע לאגעס" ניט געקלערט). כ'האָב ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס אנטלויפן זיי, און מיר בלײַבן. עמעס, מ'האָט גערעדט, אז די פאשיסטן וועלן קומען, וועלן זיי אויסהארגענען די ייִדן, נאָר פארוואָס בלויז ייִדן? די ראַדיאָ האָט אלע טאָג גערעדט וועגן דעם „כײַישן פארצעף פונעם פאשיזם". בייזע כײַעס זײַנען אלצײנס געפערלעך פאר אלעמען, אָבער די אוקראַיִנער לויפן ניט פון באָגוסלאוו. ס'איז מיר זייער ניט געפעלן געווען די מײַסע און אויך די ייִדן, וואָס רײַסן זיך אזוי אוועק פונדאנען. פּאַכדאָנישע האָזן!

פלוצעם האָט זיך דערטראָגן פונעם פארבלענדטן הימל א געהויל און ס'האָבן זיך באוויזן עראָפּלאנען. זיי זײַנען געפלויגן ביז דעם טײַכל ראָס, דאָרט האָבן זיי פארקערעוועט אף צוריק און

איינציקוויי, אין א שרעגע, איינער נאכן אנדערן, קימאט אנרירנדיק די שפיצן פון די ביימער, זיך דורכגעטראגן איבערן שאסיי, וואס איז געווען פארפלייצט מיט די יידן. אף די זילבערדיקע פליגלען פון די אעראפלאנען האבן געגלאנצט שווארצע קרייצן און דורך די קיילעכיקע גלעזערנע קאפעקעס פון די קאבינעס האט מען געקאנט זען די קעפ פון די פילאטן אין אראנזשעווע העלמען און שיינענדיקע אנטקעגן דער זון ברילן.

צו באגוסלאוו האט זיך דערטראגן די אומופהערלעכע קאנאנען־שיסעריי פונעם פראנט, מ'איז שוין געוווינט געווארן צו דעם. נאר קיין אנדערע שיסערייען האב איך קיינמאל ניט געהערט. דערפאר האב איך אפילע אין דער ערשטער רעגע ניט פארשטאנען, אז מ'שיסט אין די מענטשן פון אעראפלאנען. כ'האב דערהערט, אז צו דעם וואיען פון די מאטארן איז צוגעקומען עפעס א טראכקעניש און דערזען, אז אף דער גאס איז פלוצעם געווארן א שרעקלעכע מעהומע, איניקע זיינען נאזנדיק געפאלן, אנדערע — האבן זיך אומנאטירלעך אראפגעזעצט אף דער ערד. א סאך האבן גענומען לויפן, ווארפנדיק אלץ. נאר דער אלטיטשקער אין דער יארמעלקע האט, האלטנדיק די טאטשקע, באלאנסירט אינמיטן גאס אף איין ארט. מ'האט געקאנט מיינען, אז זיין איינציקע זארג איז די טאטשקע — מער גארניט. דערנאך האב איך דערזען, אז פון די, וואס זיינען געבליבן ליגן, פליסן און צעשווימען זיך רויטע ריטשקעלעך. כ'בין שטיין געבליבן א געפלעפטער נאך איידער כ'האב פארשטאנען, אז ס'איז בלוט. ס'איז אף מיר אנגעפאלן א מוירעדיקער שרעק. כ'האב זיך פארוקט אין א טויער־דורכגאנג און געשטאנען דארט, ביז ס'זיינען ווידער אנגעפלויגן די אעראפלאנען. איצט זיינען זיי געפלויגן מיט הארט צוגעטוליעטע איינער צום אנדערן פליגל. צו דריי אין א ריי. פון זיי האט זיך אפגעטיילט עפעס, ענלעכס אף גרויסע שווארצע זייפנבלאזן. כ'בין געשטאנען נאך א פארקאוועטער פון פאכעד, נאר די נייגעריקייט איז געווען שטארקער.

דער ערשטער שווארצער זייפנבלאז איז אראפגעפאלן פונקט אינעם טורעמשפיל פונעם געוועזענעם קאטוילישן קאסטיאל, ווו ס'איז געווען א סקלאד. ס'האט אזא הילך געטאן, אז ס'האט מיר פארלייגט די אויערן. דער פיראמידאלער דאך אפן קאסטיאל האט אף איין אויגנבליק זיך ווייער אנגעבלאזן און גלייך גענומען זיך (לאנגזאם, ווי אין כאלעם) פאנאנדערפאלן.

ביז כ'האב געקוקט אפן קאסטיאל — ס'זיינען פאריבער, מיסטאמע, ניט מער, ווי עטלעכע סעקונדעס — האט גענומען קנאלן איבערן גאנצן שטעטל. ווי נאר ס'איז שטיל געווארן דער געהילך, האט זיך דערהערט א געשריי:

— דער פראדמאג! דער פראדמאג ברענט!

א מענטשן־לאווינע האט זיך א לאז געטאן אין שטאט־פראדמאג.

— זאלץ! זייף! שוועבעלעך ברענען!

מיטגעריסן פון מענטשן־שטראם, בין איך אויך געלאפן. עפעס א ווייבל, וואס איז געלאפן, שווער אטעמענדיק, האט מיך א צי געטאן פאר דער פלייצע:

— טו אויס די מייקע! פארבינד די שלייקעלעך, וועסטו קאנען אנשיטן זאלץ. מאך עס גיכער. אוי, נארעלע, מ'דארף כאפן זייף, שוועבעלעך! לויף גיכער!

כ'האב גענומען צונויפבינדן די שלייקעס, ניט אויסטוענדיק די מייקע, ס'האט זיך גארניט באקומען. די לאווינע האט מיך געשלעפט מיט זיך. אט איז שוין דער פלאמענדיקער פראדמאג. מענטשן ווארפן זיך אין פייער און מ'שלעפט פון דארטן פעק, אדער מ'לויפט פון דארטן ארויס מיט אופגעשוואלענע בוזעמס.

דער אוילעם שפארט אף מיר און איך ווארף זיך אויך מיט אלעמען צוזאמען אין גענעם־שייטער. מיר זינקען אין א קעלער, ווו ס'שטייען קעסטלעך מיט זייף. כ'ווארף אין בוזעם צוויי שטיקלעך. ס'איז זייער הייס און דער רויך שטיקט מיך. כ'נעם שרייען. אלע שרייען. מענטשן האבן מיך צונויפגעקוועטשט און טראגן מיך. לאנג הענג איך צווישן פלייצעס און הער ניט אוף צו שרייען מיט אלע קויכעס. אף די פיס האב איך זיך געשטעלט שוין אין דרויסן. קיינער שטופט מיך ניט, נאר די פלייצע ברענט — א שרעק. כ'לויף ווייטער פונעם פייער, שטעל זיך אפ און דערזע, אז די מייקע איז ארויסגעשלעפט פון די טרוסן, און די צוויי שטיקלעך זייף זיינען ניטא. כ'האב אנגעהויבן וויינען מיט ביטערע טרערן. ס'איז מיר א גרויסער פארדראס, גלייך מ'האט בא מיר צוגענומען די צוויי שטיקלעך זייף. קיין גרעסערע אוולע איז גאר אף דער וועלט ניטא. ס'איז מיר שלעכט, ס'איז ניטא מיט וואס צו אטעמען. ס'ציט מיך ברעכן, נאר איך לויף, כ'וויל אהיים. מיטאמאל דערזע איך זיך אפן ברוק, וואס איז געדיכט פארוואלגערט מיט פעק, ווענעלעך, שמאטעס און טויטע מענטשן. אז דאס זיינען מייסים, פארשטיי איך שוין גאנץ גוט...

אהיים! גיכער אהיים, צו דער מאמען!

לויפן דארף מען טאקע איבער דער צענטראלער גאס, וואס זעט איצט אויס אזוי גרויזאם. א סאך געביידעס זיינען אופגעריסן, א סאך — ברענען נאך! נאר כ'בין קימאט זיכער, אז אונדזער ווייסע שטוב אונטערן רויטן בלעכענעם דאך איז גאנץ.

די מאמע שטייט בא דער אפענער קאליטקע און קווידערט א האנטעך אין די הענט, זי איז עפעס איינגאנצן אן אנדערע מ'קאן זי ניט דער־

קענען. זי לאָזט זיך אנטקעגן מיר, פאַלט קימאַט.

— שורקאַ! ביסאָווא דיטינאַ!

זי פּאַטשט מיך מיטן האַנטער, שטיקט זיך מיט די טרערן און האַלט אין איין קלאָגן זיך:

— אוי, אומגליק מיינער! אוי, צאָרע מײַנע! אין וועמען האָסטו זיך אײַנגעגעבן אזוי?!

...פון מיראַנאָווקע האָבן זיך געטראָגן מאָ־טאָציקלען מיט קאָליאַסקעס, אויף וועלכע ס'זײַנען געזעסן דײַטשן אין גרינע קאַסקעס.

די מאַמע איז געשטאַנען א פאַרשטיינערטע מיט אראָפּגעלאָזטע הענט.

איצט ווייס איך פון דאָקומענטן, אז די פאַ־שיסטן האָבן פאַרכאַפּט דעם צענטראַלן טייל פון אונדזער שטאָט, וואָס געפינט זיך אויפן לינקן ברעג פונעם טײַך ראָס, דעם 26 יולי, נאָר אויפן רעכטן ברעג האָט זיך נאָך געראַנגלט אויף דער שוין־ליניע די 26־טע אַרמיי פונעם דאָרעם־מערבדיקן פראָנט, מיט וועלכער ס'האָט קאָמאַנדעווען דער גענעראַל־לייטענאַנט פ. יאַ. קאָסטענקאָ. דעם 8 אויגוסט האָט די אַרמיי פאָרסירט דעם טײַך און דערלאַנגט דעם סוינע א שטאַרקן קלאַפּ, קאָנטר־אַטאַקירט אים און אָפּגעוואָרפן צוריק צו מיראַנאָווקע. די דײַטשן זײַנען געצוווּנגען געווען אָפּשטעלן דעם אָנגריף פון די הויפּט־טיילן פון זייער ערשטער טאַנקען־גרופּע אויף קרעמענטשוג און איבערוואַרפן אין ראַיאָן פון באָגוסלאַוו און בעלאַיאַ צערקאָוו דרײַ פּעכאָטישע און איין טאַנקען־דיוויזיע. באָגוסלאַוו איז ווידער אריבער צו די דײַטשן. זיי האָבן צו־ריקגעקערט קימאַט אַלע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן. דערווײַל ניט געטשעפּעט זיי. אפילו שאָלעם־אַלייכעמס דענקמאָל ניט אָנגערירט (שפּע־טער האָבן זיי אים פאַרניכטעט). לענינס און סטאַלינס סטאַטועס האָבן זיי גלײַך אופגעריסן.

פון די ערשטע טעג אָקופּאַציע האָט מען באַ־פוילן די ייִדן אַרופּנייען אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע געלע מאָגנדאָווידן און אויף דער גאַס גיין נאָר אויף דער לינקער זײַט. פאַר אונדז, איקראַי־נער, האָבן זיי אויסגעטיילט די רעכטע זײַט, וווּ זיי אליין זײַנען געגאַנגען. אַלע דערוואַקסענע און אויך קינדער האָבן שטרענג אויסגעפילט אַלע באַ־גרענעצונגען. אָבער מיר, אוקראַינישע קינדער, זײַנען איווהער געווען אויף די קלאָלים. ווי האָב איך געקאָנט בלײַבן אויפן רעכטן טראָטואַר, אז אויפן לינקן האָב איך דערזען מײַן גוטן כאַווער יאַסקע הערשקאָוויטש מיט זײַן מוטער? כ'האָב זיך אויס־געשפּיגן אויף אַלע זייערע אײַנשטעלונגען און כ'בין אריבער צו יאַסקען:

— הער נאָר, הערשקאָ־ווערשקאָ, ווי גייט עס? — כ'האָב זיך געפילט, ווי א העלד און פריילעך געגריסט זיך מיט מײַן כאַווער.

— זײַ געגריסט, שי־קאַבראַ מעדוועדסקי, — האָט מיט א זיפץ, ניט אופהייבנדיק די אויגן, געענטפערט יאַסקע אויך מיט מײַן צונעמעניש, וואָס איז מיר אָנגעקומען אין א פּאַרוואַס. קיינער האָט ניט געוווּסט דעם באַדײַט און איך אויך — דערפאַר האָב איך זיך קיינמאָל ניט באַליידיקט, וואָס מ'רופט מיך אזוי.

אין א לאַנגער טונקל־בלאָווער קלייד, א הויכע און א גראָבע, האָט די מומע אסיע, יאַסקע־לעס מאַמע, גענומען זיך שטילערהייט און גיך־גיך בעטן בא מיר:

— שוראַטשקע, ביסט זייער א טײַער יינ־געלע און מיר האָבן דיך זייער ליב, — נאָר, ווי איז מיר, דו ווייסט ניט, וואָס דו טוסט, גאָט זאָל היטן, ביסט דאָך א שוואַרצינקער, ווי מײַן יאַסעלע. וואָס וועט זאָגן דײַן מאַמע? ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן טרעפן. זיי קאָנען מיינען, אז דו האָסט ניט צוגענייט די געלע לאַטע... גאָט זאָל היטן, האָב ראַכמאָנעס און גיי גלײַך אריבער אויף יענער זײַט...

דאָס אַלץ האָט זי אויסגערעדט גיך־גיך, נאָר עטוואָס אײַנגעהאַלטן דעם שפּאַן. נאָך די רייד האָט זי גענומען מיט איין האַנט יאַכעלען, די צווייטע — צוגעלייגט צום האַרצן און מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ, קוקנדיק נאָר פאָרויס, פאַר־גיכערט די טריט.

איצט האָב איך זייער ראַכמאָנעס געהאַט אויף זיי. דאָס געפיל פון העלדנטאַט, מיט וועלכן כ'בין צו זיי צוגעלאָפן, איז פאַריבער, פאַרביטן געוואָרן מיט א ביזאָיען, א שולד פאַר זיי... פונדעסטוועגן, בין איך נאָך א ביסל געגאַנגען לעבן שווײַגנדיקן און אָנגעכמורעטן יאַסקען.

— גיי אוועק, שוראַטשקע! כ'בעט דיך אין גאָטס נאָמען. מ'דאַרף ניט טאָן אזוי, מ'דאַרף ניט... — האָט די מומע אסיע, שעפּטשענדיק, גע־בעטן ראַכמים בא מיר, מוירע האָבנדיק אויס־דרייען אָדער אָנבייגן צו מיר דעם קאָפּ.

די ייִדן, וואָס זײַנען געגאַנגען אונטער אונדז, האָבן אַלץ געהערט. זיי האָבן גענומען, אומבאַ־מערקט פאַר א זײַטיק אויג, ווייך אָפּשטופּן מיך אויף דער פאַרברוקירטער גאַס. כ'האָב זיך אומגע־קערט אויף מײַן „זאַקאָנע" טראָטואַר. כ'בין שוין ניט געלאָפן צוריק. כ'האָב זיך געשלעפּט און גע־טראַכט, אז די ייִדן היטן מיך אויס פון זייער גוירל.

אונדז האָבן די דײַטשן ניט געצוווּנגען צו־נייען געלע לאַטעס, גיין נאָר אויף דער לינקער זײַט, קוקן נאָר פאָרויס, ריידן שטיל, ניט לאַכן... אויף אונדזער זײַט האָבן מיר געשפּילט, געלאַכט, געהאַט דאָס רעכט זיך פירן, ווי מיר האָבן גע־וואָלט. די דײַטשן אַליין זײַנען געגאַנגען צווישן אונדז.

צו פֿאַרשטײן די אומגערעכטיקײט פֿון דער „נײַער אָרדענונג" האָט מען ניט געדאַרפֿט קײן סאַך שׂכל. מיר איז געװען אײנגאַנצן זעקס יאָר. מיט דער גאַנצער נעשאָמע בין איך געװען קעגן אַזעלכע טאַקאָנעס, ס'איז מיר געװען אַ ביזאָען געפֿינען זיך אין מײַן פּריװילעגירטער לאַגע. מיט װאָס בין איך בעסער? פֿאַרװאָס האָט מען אונדז צעטײלט? פֿאַרװאָס האָט מען בײַ מיר אָפּגענומען מײַנע בעסטע כאַװײרים? מיט יאַסעלען זײַנען מיר געװען צוזאַמען גאַנצע טעג, אַ גאַנץ לעבן. און איצט האָט ער מוירע אַפֿילע רײדן מיט מיר.

— קראַפּירן זאָלט איר, פּאַשיסטן פֿאַרשאָלטענע!

לײדער, האָט מײַן קינדערשער פּראָטעסט אױף דעם זיך געענדיקט, כאָטש אינװײניק האָט אין מיר געזאָטן אַזאַ גרימצאָרן, אַזאַ אױפֿגעבראַכטקײַט, אַז כ'האָב קײן אָרט פֿאַר זיך ניט געפֿונען. מײַן פּאַרדראָס, װאָס כ'קאָן מיט גאָרניט העלפֿן, איז געװען אַזױ גרױס, װי בײַ אַ דערװאַקסענעם, עפּשער נאָך גרעסער.

װיאַזױ מיר האָבן געלעבט אין אָקופּירטן באָגוסלאַװ קאָן איך ניט דערצײלן. כ'בין פֿונדעסטװעגן געװען צו קלײן, כ'זאָל אַלץ פֿאַרשטײן און פֿאַרגעדענקען. אַכוץ דעם, האָט מען מיך ניט אַרױסגעלאָזט פֿון שטוב, װען מע האָט זיך דערװוּסט, אַז כ'לױף אַריבער אױף דער לינקער זײַט. די מאַמע איז געװען זײער אָנגעשראָקן.

מײַן ברודערל הריצקאָ — אים איז פֿערצן יאָר, מײַנע צװײ שװעסטער — די זעכצניאָריקע מאַרוסיע און אַכטיאָריקע װערע, װאָס איז פֿון געבױרן אַ קרענקלעכע און דערפֿאַר אַפֿילע אין שול ניט געגאַנגען, — זײַנען געװען העל־בלאָנדע, װי די מאַמע. נאָר איך האָב זיך אײַנגעגעבן אין טאַטן. װען ניט די אוקראַיִנישע װאָנצעס, װאָלט דער טאַטע געװען אײנגאַנצן געראָטן אױף אַ גרױסװוּקסיקן ציגײַנער, אָדער אױף אַ שײנעם שװאַרצהאָריקן ייִדן. דערפֿאַר האָט די מאַמע געהײסן מאַרוסיען, זי זאָל פֿון מיר קײן אױג ניט אַראָפּלאָזן. מאַרוסיע איז בײַ אונדז געװען אַן אומראַכמאָנעסדיקע. ביכלאַל, האָט זי מיך ליב געהאַט, געשטאָלצירט מיט מיר אַפֿילע. פֿאַר דער מילכאָמע פֿלעג זי אומעטום מיך מיטנעמען מיט זיך, זיך באַרימען, װאָס פֿאַר אַ ברודערל זי האָט. נאָר פֿון גרױס ליבע און פּאַכעד, ס'זאָל מיט מיר גאָרניט פּאַסירן, פֿלעג זי מיר אַזױ אַרײַנלײגן אין די בײנער, אַז כ'האָב געהאַט פֿון איר קאַלטס און װאַרעמס, אָט קושט זי מיך, לעקט מיך און אָט װײַזט זיך איר אױס, אַז כ'האָב אַ שטיף געטאָן צו געפֿערלעך פֿאַר מײַן לעבן — הײבט זי אָן מיך קאַלױצען ביז כאַלאָשעס, טאַקע דערפֿאַר פֿלעג איך זיך האַלטן לעבן שטוב.

בײַ אונדז אין עפּל־סאָד איז געשטאַנען אַ דײַטשישע פֿעלדקיך. כ'בין ניט־װױלנדיק אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ דײַטשישער אַרומרינגלונג.

אַזױװי כ'האָב געקאָנט ייִדיש, האָב איך פֿאַרשטאַנען די דײַטשישע שפּראַך און קײן סעקרעט פֿון דעם ניט געמאַכט. דאָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן שלעכט פֿאַר מיר.

זײ האָבן אױף מיר אױפֿמערקזאַם און מיט כשאַד געקוקט און געפֿרעגט, צי איך בין אַ יודע.

— נײן, מײַן מאַמע און מײַן טאַטע זײַנען אוקראַיִנער. נאָר מײַנע כאַװײרים זײַנען ייִדן. אין באָגוסלאַװ זײַנען דאָ אַ סאַך ייִדן, — האָב איך בראַװע און מוטיק געענטפֿערט אױף ייִדיש.

ס'קאָן זײַן, אַז עמעצער פֿון די לײענער װעט אַ טראַכט טאָן, אַז אַזאַ שנעק האָט ניט געקאָנט אַזױ ענטפֿערן. נאָר כ'האָב דאַן שױן געװוּסט, אַז די נאַציאָנאַליטעט פֿון אַ מענטשן װערט פֿעסטגעשטעלט לױט די עלטערן און מײַן באַציִונג צו ייִדן איז געװען אַזאַ, װי כ'האָב געזאָגט דעם דײַטש. דער פּעמפּיק לוטץ מיטן ליסענעם קאָפּ, װאָס איז זײער ענלעך געװען אױף אַ גרױס אײ, אַ באַדעקטס מיט ראָזעװן לאַק — דער הױפּטקוכער פֿון דער פֿעלדקיך — האָט, ציִענדיק די װערטער, געזאָגט:

— יאַ־יאַ! פֿאַרשטײט זיך. נאָר ס'איז זײער פּאַסקודנע.

— פֿאַרװאָס?

— ייִדן זײַנען און אומװירדיקע ראַסע. — דערנאָך: — גוט. דײַן טאַטע איז אַן אוקראַיִנער. נאָר זאָג מיר, װוּ איז ער?

— מײַן טאַטע איז אױף דער מילכאָמע.

— יאַ־יאַ, איצט איז עס נאַטירלעך. אַ קריג בלײַבט אַ קריג. נאָר פֿאַרװאָס זײַנען דײַנע כאַװײרים ייִדן?

כ'האָב אים געענטפֿערט, אַז אין באָגוסלאַװ זײַנען ייִדן מער, װי אוקראַיִנער, פֿאַרװאָס זשע זאָל איך זיך ניט כאַװערן מיט זײ?

— יאַ־יאַ, פֿאַרשטײט זיך. נאָר דו ביסט אַ נאַר. ייִדן זײַנען אַן אומװירדיקע ראַסע.

דאַכט זיך, אַז ער האָט שױן געגלײבט, אַז כ'בין ניט קײן ייִד. נאָר אײנמאָל איז ער אַרײַן צו אונדז אין קעמערל, װוּ מיר האָבן איצט געװױנט, װײַל פֿונעם הױז האָבן די פּאַשיסטן אונדז אַרױסגעטריבן און אַלײן פֿאַרנומען אַלע צימערן, — און געהײסן, כ'זאָל אים װײַזן דעם טאַטנס פּאָטאָ. ער איז אַרױס אין הױף, װײַל אין קעמערל איז געװען טונקל, גענומען באַטראַכטן דעם טאַטנס פּאָנעם אױף דער זונען־שײַן. סאָפּקאַלסאָף האָט ער געזאָגט:

—ס'איז מעגלעך, אַז ער איז ניט קײן ייִד. דו ביסט אױף אים ענלעך. װער איז ער געװען ביז דער מילכאָמע?

כ'האָב געזאָגט, אַז מײַן טאַטע איז געװען אַ טעסלער.

— אָ, אַ טישלער!

לוטץ האָט צופרידן א כמיקע געטאָן און אויף דעם האָבן זיך זײַנע כשאָדים, דוכט זיך, געענדיקט.

כ׳בין אים געפעלן געווען. ער פלעג מיר אָפּט שענקען שאָקאָלאַד אין בלישטשענדיקע ברוינע פּאַפּירלעך. ער האָט מיך אפילע פאַרטיידיקט פון מארוסיעס באַשטראָפונגען. ער פלעג זאָגן:

— דײַן שוועסטער איז צו גרויזאַם!

ער האָט זיך ניט באַליידיקט, ווען כ׳פלעג אים אָנרופן, ווי די מאמע, רויבער. ער און זײַנע מיטהעלפער האָבן אין ערשטן טאָג געקוילעט אונדזער קאַבאַן, דערנאָך — די הינער און גענדז. אויסגעגראָבן אין גאָרטן די יונגע קאַרטאָפליעס, די ציבעלעס, מערן, בורעקעס. ארומגעריסן אלע אוגערקעס און פּאָמידאָרן. ס׳איז גאָרניט געבליבן פון די עפּל, כאָטש זיי זײַנען געווען נאָך ניט רײַף, געריסן זיי ניט פּאָשעט, נאָר צוזאמען מיט די צווײַגן, בייסמײַסע זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. געדענקענדיק, ווי דער טאטע פלעג אכטונג געבן אויף דיביימער, היטן זיי פון צעשעדיקונג, פלעג איך זיך וואַרפן אויף די דײַטשן מיט א געשריי און קלאַפּעס. זיי פלעגן נאָך מער לאכן און אָפּשטופן מיך, ווי א האווקענדיק הינטל.

כ׳בין געווען דערשטוינט, ווען איך פלעג זען, ווי זיי גרייטן זייער געקעכטס. אין א גרויסן קעסל, וואָס איז געווען ענלעך אויף אן איבערגעקערטער קאַסקע, וואָס איז געהאנגען אויף רעדער, פלעג מען לויט לוטצס אָנווײַזונגען — ער פלעג סאָליד שפּאַנען ארום דער קיך אין זײַן שניי־ווײַסן כאַלאַט — וואַרפן אכוץ פאַרשיידענע — געלע, רויטע, גרוי־בלויע, — בריקעטן, וואָס איר ווילט. אפילע שטיקלעך גרינע קירבעסן און עטוואָס רויטע קאַלינעס. אלץ צוזאמען פלעגן זיי פאַרגיסן מיט וואַסער און קאָכן, ווי האַדיוווליע פאַר כאַזיירים. צו דער אָנגעמערקטער שאָ פלעגן אלע סאָלדאַטן באַקומען זייער כיילעק און אַזוי קוויקן זיך מיט דעם, ווי קיין געשמאַקערע מײַכאָלים זײַנען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

דאָס, וואָס זיי האָבן כאָרעוו געמאַכט אונדזער גאָרטן און דעם סאַד, איז פאַר אונדזער פאַמיליע פון פינף מײַלער געווען אן אומקומעניש. מיר האָבן שוין אַזוי אויך געהונגערט — איצט איז נאָך פאַרגעשטאַנען א לאַנגער ווינטער. דער טרעלבוויכיקער לוטץ פלעג פאַנאַנדערפירן זײַנע גראָבע פעטע הענט מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, שאָקלען מיטן געגליכענעם צו אן איי קאָפּ און מאַסקים זײַן:

— יאַ־יאַ, ס׳וועט מיסטאמע אײַך זײַן שווער, נאָר... א קריג איז א קריג.

אויף זײַן גראָבן, רויטן פּאָנעם, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי מ׳זאָל אים אָנשמירן מיט פעטס, איז ניט געווען קיין שום ענלעכקײַט מיט א ווילדער כײַע... פּאָשעט, א גוטמוטיקער פּעמפּיק. צו מיר האָט ער זיך באַצויגן מיט א רײַכער וואַטראָנישקײַט. אוי, ווי כ׳האָב זיי פײַנט געהאַט! ווען זײַנע מיטהעלפער האָבן בא אונדז אויסגעשאַרט די לעצטע גרויפּן, בין איך גרייט געווען זיי צו האַרגענען. מערער פון אלעמען האָב איך געהאַסט דעם „גוטן" לוטצן. כאָטש די שאָקאָלאַדקעס פלעג איך נעמען בא אים. נאָר אַזוי, אז מארוסיע זאָל ניט וויסן. זי וואָלט מיך צעמיימעסן, ווען זי ווייסט... כ׳פלעג ניט פאַרגעסן אלעמאָל זאָגן א דאַנק. ווײַזט אויס, אז דער האַס איז ניט בעקויעך געווען בײַקומען דעם ניסאָיען.

כ׳געדענק, אז די בלעטער אויף די ביימער האָבן שוין גענומען געל צו ווערן און אינדערלופטן האָט געשוועבט דער שפּעטזומערדיקער שפּינוועבס. איינעם א פרימאָרגן האָבן די דײַטשן מיט אוטאָמאַטן אויף דער ברוסט און די פּאָליצײַען מיט קורצע טשעכישע ביקסן צונויפגעטריבן אלע באַגורסלאַווער אײַנוווינער, — אפילע מאַמעס מיט זויגקינדער אויף די הענט און כאַרעווע זקיינים, — אויף צוויי צענטראַלע פּלעצער: די ייִדן מיט פּעקלעך — אפן גרויסן מארק־פּלאַץ, די אוקראַיִנער אָן זאכן — אפן קלענערן פּלאַץ באַם געוועזענעם קולטור־הויז, אין וועלכן ס׳איז געווען איצט א פרײלעכער אנשטאַלט „נאָר פאַר דײַטשן".

צוליב וואָס מ׳האָט אלעמען צונויפגעטריבן, האָט קיינער ניט געוווּסט. נאָר אלע האָבן פאַרשטאַנען, אז ס׳וועט פאַרקומען עפּעס גאָר וויכטיקס... אַזוינס איז נאָך ביז איצט ניט געווען, אז מ׳זאָל קאַיאָר אלעמען צונויפזאַמלען. און קיינמאָל זײַנען אין באָגוסלאַוו ניט געווען אַזויפיל דײַטשן מיט אָדלערס אויף די אַרבל און אַזויפיל סאָלדאַטן מיט אווטאָמאַטן און בלעכענע האַלבלעוואָנעס איבער די העלדזער. די סאָלדאַטן מיט די פּאָליצײַען האָבן ארומגערינגלט, ווי מיט א קייט, דעם צונויפגעטריבענעם אוילעם. מיר מיט דער מאַמען זײַנען געשטאַנען באַם ראַנד. אויף איין שפּאַן פון אונדז איז געשטאַנען צו אונדז מיט דער פּלייצע אין א פּאָליציײַשער אוניפאָרם דער באַוווּסטער בא אונדז טימאָפיי גאַרקאַווענקאָ. ער איז געבליבן אין שטאָט, ווײַל ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן פון דער מאָבילידאַציע. פריִער איז ער געווען א פינינספעקטאָר. ער פלעג זייער וואַזשנע שפּאַנען איבער די גאַסן מיט אן אַלטן אָפּגעריבענעם פּאָרטפעל און אין א צעקנײטשטער פעטרענע שליאַפּע. מיט דעם האָט ער זיך אויסגעצייכנט. נאָר פאַר מיר און, מיסטאמע, פאַר אונדזערע קינדער איז ער געווען א דיאַדקע, ווי אלע. אָבער איצט איז אויף אים א שוואַרצע געוואַנטענע פּאָרמע, א ברייטער טונקל־ברוינער רימען און א ביקס. דאָס האָט אים זייער געענדערט — ניט צום דערקענען.

— טימעש, הער נאָר, טימעש, — האָט שטילערהייט, פול מיט אומרו, אויסגערעדט די

מאמע אין זײַן פּלײצע, — וואָס וועט דאָ פּאַרקומען?

— שווײַגן! — האָט ער קורץ א זאָג געטאָן איבערן אקסל.

מײַן מאמע האָט טיף געזיפצט, צודריקנדיק צו זיך מיט איין האנט מיך, מיט דער צווייטער — וועראָטשקען. א ווײַלע געשוויגן. אָבער זי האָט ניט לאנג אויסגעהאלטן:

— טימעש, הער נאָר, טימעש, ביסט א מענטש, צי ניט?

דער פּאָליצײַ איז אין קאס געוואָרן. האסטיק א דריי געטאָן דעם קאָפּ צו אונדז. מיר האָבן דערזען זײַן דארן פּאָנעם אין רויטע פלעקן. נאָר דעם קאס האָט ער אײַנגעהאלטן:

— איך בין א מענטש! אָבער ווער איז דײַן סעמען? אָט דאָס דארפסטו וויסן! דו האָסט פיר קינדער...

און ווידער פארגליווערט געוואָרן אין דער פריערדיקער פּאָזע. נאָר זײַן פּלײצע איז שוין ניט געווען אזוי אָנגעצויגן. ווײַזט אויס, אז ער איז געבליבן צופרידן מיט זיך: דעם קאס אײַנגעהאלטן און געענטפערט פּילדײַטיק.

ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אז דער טאטע קעמפט קעגן די דײַטשן, נאָר אלע האָבן עס געוווּסט. פון באָגוסלאוו זײַנען די מערהײַט מענער אוועק אפן פראָנט. זייערע ווײַבער לײַדן דערווײַל ניט פון קיין באזונדערע נעגישעס. נאָר ער, גארקאווענקאָ, האלט עס פאר א פארברעכן.

מײַן ספּילשליווע מאמע וואָלט, מיסטאמע, ארײַנגעזאָגט אים עטלעכע אויסדיקע ווערטער, ווען ניט מארוסיע, וואָס האָט גלײַך פארשטעלט מיט דער האנט דער מאמעס מויל.

— מאמע, וואָס דארפסטו אים האָבן? מיר וועלן שוין זען, וואָס ס׳וועט זײַן.

נאָכן טאטן איז מארוסיע בא אונדז געווען די סאמע פארנונפטיקע און די רעדלפירערן אין שטוב. מײַן דערציִונג האָט זי אינגאנצן גענומען אַף זיך. דעם ברודערס כאראקטער צו יענער צײַט געדענק איך אבסאָליוט ניט. ווײַזט אויס, אז ער האָט זיך מיט מיר אינגאנצן ניט פארנומען. מארוסיע איז געווען זייער א ליבעפולע און זייער א שטרענגע. בענעגייע מײַן דערציִונג האָט אפילע די מאמע מוירע געהאט איר א וואָרט צו זאָגן.

אַף דעם אייבערשטן טרעפּל פונעם פּאראַדנעם ארײַנגאנג אין קולטור־הויז האָט זיך באוויזן איינער אין ציווילע קליידער, נאָר איבערגעגארטלט מיט א סאך רימענס. ער האָט געהאלטן א מין זילבערנעם שקארמיק, אין וועלכן ער האָט ארײַנגערעדט אַף א רייגעם אוקראַינישן לאָשן:

— אכטונג! די דײַטשישע מאכט רופט אײַך צו אָרדענונג! איר דארפט שטיין שטיל און וואַרטן. צוליב וואָס מ׳האָט אײַך צונויפגעזאמלט, וועט מען אײַך שפּעטער דערקלערן. ווער ס׳וועט זיך אופירן ניט לויט די פּאָדערונגען, וועט באשטראָפט ווערן לויט די דינים פון קריגס־צײַט. איר דארפט זיך באציִען צו דעם, וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרן, מיט דער פולער ערנסטקײַט.

ער האָט ניט געשריגן אינעם זילבערנעם שקארמיץ, נאָר מ׳האָט אים זייער גוט געהערט.

— גאָטעניו, וואָס וועט זײַן מיט אונדז? — האָט אויסגעזיפצט די מאמע, ווי נאָר דער איבערגעגארטלטער איז אוועק פון די טרעפּלעך.

— מ׳האָט דיר געהייסן שווײַגן! — האָט א הוקע געטאָן גארקאווענקאָ און אויסגעקערעוועט זיך צו אונדז מיטן גאנצן קערפּער, — ס׳איז דיר דאָס לעבן דערעסן?

— אנטשולדיקט, דיאדקאָ טימעש, זי האָט דאָך גאָרניט געזאָגט, — האָט מיט א שולדיקן טאָן געווענדט זיך צו אים מארוסיע, — מיר וועלן שווײַגן.

— אָט אזוי! האָט אין זינען, אז כ׳בין א גוטער ביז א געוויסער צײַט! — האָט ווידער שטרענג געוואָרנט דער פּאָליצײַ.

דער אָנגעשראָקענער אוילעם האָט געשוויגן. פונעם מארק־פּלאץ האָט זיך אויך ניט דערטראָגן אהער קיין איין קלאנג. מיר האָבן געמיינט, אז דאָרט שטייען נאָר די ייִדן.

וויפל זײַנען מיר אזוי געשטאנען, איז שווער צו זאָגן. דערנאָך האָב איך געהערט, אז זעקס שאָ, עפשער איז עס אזוי געווען. כ׳געדענק נאָר, אז צוויי מאָל האָבן זיך געביטן די סאָלדאטן און די פּאָליצײַען, וואָס האָבן ארומגערינגלט אונדז. די פיס האָבן שוין ניט געהאלטן. די קינדער האָבן שוין מער ניט געקאָנט בײַקומען די נאָטירלעכע באדערפענישן — זיי האָבן געוויינט אַף א קאָל. אונדזער שוואכינקע ווערע האָט שוין אויך ניט געקאָנט שטיין. מארוסיע און הריצקאָ האָבן זיך געהאלטן אונטער די הענטלעך. אלע זײַנען געווען הונגעריק. מ׳האָט דאָך ארויסגעיאָגט קאיאָר, געוועקט פון שלאָף. קיינער האָט אפילע ניט באוויזן כאַפּן א ביסן.

פארבײַ אונדז זײַנען דורכגעפאָרן לאסט־מאשינען, אָנגעלאָדענע מיט א סאך לאָפּעטעס.

— וווּהין פירט מען דאָס? — האָט מען זיך געשעפּטשעט, באגלייטנדיק מיט די אויגן די מאשינען, — וואָס וועט מען גראָבן? אַף וואָס דארף מען אזויפיל לאָפּעטעס?

אַף אלעמען איז אָנגעפאלן א טויט־שרעק. אפילע די קינדער האָבן אופגעהערט וויינען.

אין א צײַט ארום נאָך דעם, ווי די מאשינען זײַנען דורכגעפאָרן, האָט זיך ווידער באוויזן אַף די טרעפּלעך דער ציווילער מיט די רימענס און געזאָגט דורכן שקארמיץ:

— אכטונג! אלע דארפן אָרגאניזירטערהייט אויסשטעלן זיך צו פיר אין א ריי, מיטן פּאָנעם אהין, — ער האָט אָנגעוויזן אין דער זײַט, וווּהין ס׳זײַנען אוועקגעפאָרן די מאשינען. — אויב איר

וועט זיך שטופּן, וועלן די סאָלדאַטן שיסן אָן א וואָרענונג.

אַלע האָבן באַשטימט, אַז מ׳פירט אונדז אַלעמען צעשיסן. צוליב דעם האָט מען אַוועקגעפירט אַזויפיל לאָפּעטעס, דאָרט גראָבט מען שוין גריבער. אָדער עפּשער וועט מען אונדז אַליין הייסן גראָבן גריבער פאַר זיך. ס׳איז אומעגלעך איבערגעבן, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די מענטשן. בא אונדזער וועגן זײַנען גלײַך אויסגעטריקנט געוואָרן די טרערן, נאָר די שוואַרצאַפּלען זײַנען געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פאַרנומען א האַלבן פּנים, וואָס איז אינגאַנצן געוואָרן, ווי א פאַרגלאָזטער... בא דער מאַמען און בא מאַרוסיען האָבן זייער געציטערט די ליפּן. נאָר הריצקאָ איז געווען אָנגעכמורעט, ווי שטענדיק, ווען ער טראַכט פון עפּעס. ווי איך האָב אויסגעזען — ווייס איך ניט.

מוירע האָבנדיק, אַז די אויטאָמאַטן וועלן באַצײַטנס נעמען שיסן, זײַנען אַלע „אָרגאַניזירטערהייט” אַרויס אַפן שליאַך און זיך אויסגעשטעלט צו פיר. ס׳זײַנען אַף געוויס געווען א סאַך, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט „געסטראָיעט”, נאָר אַלע האָבן זיך אויפגעפירט אַזוי געניט, ווי ס׳זאָל זײַן פאַר זיי א געוויינלעכע זאַך... נאָר איין ווײַבל מיט א קינד אַף די הענט האָט זיך א ביסל פאַרלוירן, ניט וויסנדיק, צי רעכענען זיך מיטן קינד פאַר צוויי, צי ניין, — נאָר אין א רגע אַרום איז זי שוין געשטאַנען די פערטע אין ריי.

ביזן קעסלטאָל זײַנען מיר ניט דערגאַנגען, ווי כ׳מיין איצט, א פופציק מעטער. מ׳האָט אונדז פאַרקערעוועט אַף לינקס, אין פעלד און דאָרט אָפּגעשטעלט. מ׳האָט אונדז באַפעלט זיך אויסדרייען מיטן פּנים אַף רעכטס, צום וואַלד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונדערווײַטנס. ס׳האָבן זיך באַקומען פיר אויסגעצויגענע רייען. אַזוי האָט מען אונדז אַוועקגעפירט ווײַטער און אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פונעם קעסלטאָל. מ׳האָט אונדז צעטיילט אַף צוויי האַלבע קרײַזבויגנס.

מיר האָבן דערזען, וואָס ס׳קומט פאָר אין קעסלטאָל. כ׳בין דערשטוינט געוואָרן: נעענטער צו אונדז איז ענג געשטאַנען א גרויסע מאַסע ייִדן. א ביסל ווײַטער האָבן די איבעריקע געגראָבן א לאַנגגן ריוו. זיי זײַנען שוין ביז האַלב געווען אין אויסגעגראָבענעם טאָל, געגראָבן טיפער און געוואָרפן די ערד אַף ביידע זײַטן.

כ׳האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי זײַנען זיי געקומען אַהער אַף אַזויפיל פריִער פאַר אונדז. כ׳האָב געטראַכט פון וואָס איר ווילט, נאָר אַז דאָ וועט מען באַלד צעשיסן מענטשן — איז מיר אַפילע אַפן געדאַנק ניט געקומען. כ׳האָב געזען, אַז אַרום און אַרום שטייען דײַטשן מיט אָדלערס אַף די אַרבל, אין שוואַרצע קאַסקעס אַף די קעפּ. אַכוץ דעם זײַנען געווען אָנגעשטעלט אַהין, ווו די ייִדן האָבן געגראָבן, קוילנוואַרפערס. אַפילע אונטער אונדזערע רייען זײַנען אויך געשטאַנען דרײַ. לעבן יעדן קוילנוואַרפער — צוויי דײַטשן. ערשט איצט האָב איך גענומען פאַרשטיין, וואָס ס׳וועט באַלד געשען. כ׳האָב געטראַכט, אַז מענטשן מיט לאָפּעטעס זײַנען מער, ווי פאַשיסטן. ווען זיי וואַרפן זיך אָן מיט די לאָפּעטעס אַף די דײַטשן, וואָלטן זיי געקאָנט עפּעס אויפטאָן, אַז כאָטש א העלפט זאָל זיך ראַטעווען. זיי זײַנען געווען נאָענט פון געדיכטן וואַלד, וווּהין מ׳וואָלט געקאָנט אַנטלויפן און זיך ראַטעווען. פאַרוואָס טוען זיי דאָס ניט? ס׳האָט זיך מיר זייער געוואָלט אויסשרײַען הויך־הויך, אַז זיי זאָלן דערהערן: „האַרגעט די דײַטשן און לויפט! וואַרט ניט! זיי וועלן באַלד אַלעמען צעשיסן!”. מיר האָבן גאָרניט געהאַט אין די הענט און זײַנען געשטאַנען אַף א הויך אָרט, דערפאַר איז פאַר אונדז ניט מעגלעך געווען אָנצופאַלן אַף די פאַשיסטן. נאָר זיי... ווי קומט עס זיי ניט אַפן זינען? וויִאַזוי אונטערזאָגן זיי? מיסטאַמע, וואָלט איך גענומען שרײַען, נאָר מאַרוסיע האָט מיך געהאַלטן פעסט פאַר די פּלייצעס און כ׳האָב פאַר איר מוירע געהאַט אַפילע איצט, פאַרן טויט. אַז מ׳וועט אונדז אַלעמען צעשיסן, האָב איך געוווּסט. עמעס, נאָר מיטן געדאַנק. כ׳האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז כ׳וועל ליגן אַזאַ, ווי יענע מענטשן אַפן שאָסיי, וועמען מ׳האָט צעשאָסן אין ערשטן טאָג פון די אַעראָפּלאַנען. עפּשער דערפאַר איז מײַן שרעק ניט געווען אַזאַ, ווי בא וועגן. ביינע לעביינע, איז מיר געוואָרן זייער פּריקרע, כאָטש אייניצײַטיק האָב איך דערפילט א פאַרבאָרגענע פרייד: ס׳איז מיר לײַכטער געוואָרן צו אָטעמען. און מאַרוסיע שווײַגט. זי האָט אַפילע ניט באַמערקט מײַן קאָנפוז.

דאָרט, אַפן דנאָ פון קעסלטאָל, האָט מען נאָך אַלץ געגראָבן. פונעם ריוו האָבן זיך שוין געזען נאָר שפּיץ קעפּ. די ערד איז געפלויגן פון דאָרט אַף די הויך־אָנגעשאָטענע וואַלן. איין געדאַנק האָט מיר געגעבערט דעם מויעך: זיי וועלן שוין פון דאָרט ניט אַרויס...

אַנטקעגן אַפן ראַנד האָט זיך באַוויזן א שערענגע דײַטשן מיט אויטאָמאַטן. זיי האָבן זיך ענג אויסגעשטעלט לענגויס דעם ריוו. שווער און לאַנגזאַם האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אַפן וואַל פון יענער זײַט. איינער האָט עפּעס אויסגעשריגן צו די, וואָס האָבן געגראָבן. וואָס, האָב איך ניט דערהערט, נאָר דערזען, אַז פונעם ריוו זײַנען אַרויסגעפלויגן די לאָפּעטעס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א קנאַלערײַ פון די אויטאָמאַטן. די דײַטשן האָבן געשאָסן אין ריוו... דערנאָך האָט מען געפירט גרופּעסווײַז די, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער צו אונדז, אַרופגעטריבן אַפן וואַל, געשטעלט מיטן פּנים צום וואַלד און געשאָסן זיי אין די פּלייצעס. זיי זײַנען געפאַלן טויטערהייט אין ריוו, ווי געוואָרפן זיך אין וואַסער. די

לעבן ריוו האָט מען זיי געהייסן נעמען די פּאַנאַנדערגעוואָרפענע לאָפּעטעס און פאַרשיטן אים מיט דער אויסגעגראָבענער ערד. פון איין זײַט און פון דער צווייטער. אַזוי איז אויסגעוואַקסן א הויכער ערד־וואַל — א קוורע־וואַל.

מע האָט זיי ניט געהייסן גראָבן א נײַעם ריוו פאַר זיך.

אַלע אוטאָמאַטשיקעס, די דײַטשן און די פּאָליצײַען, האָבן שנעל זיך א לאָז געטאָן צו דער זײַט, ווּ דער שיפּוי פון קעסלטאָל איז געווען נידעריקער, אין דער זײַט צום וועג. מיט די קוילנוואַרפערס זײַנען אַלע ארוף אויף די מאַשינען, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיי, און זײַנען שנעל אַוועקגעפאָרן.

מיר זײַנען געבליבן אַליין, אָן וואָך. געשטאַנען פאַרלוירענע, געפּלעפּטע, ווי אין א שאָק. אין דער רעגע איז שווערער געווען זיך באַפרײַען פון דער אופטרייסלונג, ווי דאָס וואַרטעניש אויפן טויט.

ס׳איז דורך א היפּשע צײַט, ביז די מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען געבליבן לעבן. די, וואָס זײַנען געווען אונטן, האָבן גענומען קלעטערן צו אונדז. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א שרעקלעכער יאָמער, א געשריי. כ׳געדענק זייער גוט, ווי מאַרוסיע דריקט מײַן קאָפּ צו זיך און קלאָגט, שרײַט, טרייסלענדיק זיך מיט יעדן אייווער.

מער געדענק איך גאָרניט. גלײַך, ווי ס׳איז שוין מער קיינמאָל גאָרניט ניט געווען. כ׳מיין, אַז די אופטרייסלונג פון יענעם טאָג האָט מיר פאַרטונקלט דעם זיכּאָרן אויף לאַנגע טעג און כאַדאָשים.

מאַמעס האָבן ניט ארויסגעלאָזט פון די הענט די קליינע קינדער, פאַרשטעלט זיי מיט זיך פון די קוילן. די קינדער זײַנען געפאַלן אין ריוו לעבעדיקערהייט.

כ׳האָב געזוכט מיט די אויגן יאָסעלען און זײַן מאַמען. ניט געפונען. דער ריוו איז געווען זייער א לאַנגער — כ׳האָב ניט געקאָנט אַלעמען זען.

לאַנג האָט געדויערט די שיסערײַ. דער ריוו איז געווען איבערגעפּולט מיט טויטע. קיינער איז ניט געבליבן.

מיר זײַנען געשטאַנען פאַרשטיינערטע. געוואַרט אויף אונדזער ריי. ס׳האָט זיך ניט געהערט אפילע קיין זיפץ. אפילע די וויגקינדער האָבן געשוויגן. מיר זײַנען שוין געווען מער טויט, ווי לעבעדיק. כ׳האָב נאָר געפילט מאַרוסיעס האַנט, וואָס האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין מיר. כ׳האָב געטראַכט: ווּהין זשע וועלן מיר פאַלן, אַז דער ריוו איז שוין איבערגעפּולט? מיסטאַמע וועלן מיר פאַר זיך גראָבן א נײַעם.

ס׳איז געווען שטיל אפילע, ווען די סאָלדאַטן מיט די בלעכלעך האָבן דורכגעזיפּט אונדזערע רייען, איבערלאָזנדיק נאָר שוואַכע און אַלטע, און קליינע קינדער. אַלע איבעריקע אַוועקגעטריבן אַהין צום ריוו. אַז מ׳האָט ארויסגעפירט הריצקאָן, מאַרוסיען און די מאַמע, האָט מײַן שוועסטער מיך גיך אָפּגעלאָזט און שטילערהייט אויסגערעדט: „פּראָשטשײַ, שוראָטשקאָ!“. די מאַמע און הריצקאָ האָבן זיך געזעגנט מיט אונדז נאָר מיט די אויגן.

■

איבערוף פון צײַטן

א קאָמפּעטענטע מיינונג פון דער פירשטן־טאָכטער יעקאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מעשטשערסקאַיאַ

לויט דער כראָניק פון די געשעענישן אין דער צײַט פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין באַוווּסט, אַז די אַלמאָנע פונעם פירשט מעשטשערסקי, וועלכע שטעלט פאָר אַן אוראַלטן רוסישן אַדל־שטאַם, און די דרײַצניאָריקע טאָכטער יעקאַטערינע נעמען מיט פאַרשטאַנד אויף די רעוואָליוציע, בלײַבן אין רוסלאַנד און גיבן איבער פרײַוויליק זייערע אוניקאַלע ווערטן דער פאָלקס־מעלוכע.

אין די קומענדיקע יאָרן איז דער פירשטן־טאָכטער, יעקאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מעשטשערסקיאַן אויסגעפאַלן א ביז גאָר שווערער גורל. וועגן דעם האָבן לעצנטס געשריבן די זשורנאַלן „אָגאָניאָק" און „נאָווי מיר", ס'האָט דערציילט די טעלעוויזיע. איצט האָט אויך אונדזער זשורנאַל באַקומען די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען די ייִדישע לייענער מיט אָט דער ניט־געוויינלעכער פיר־און־אַכציקיאָריקער פרוי, וועלכע האָט אין די פּײַנלעכע ניסיונעס ניט פאַרלוירן איר ווירדע.

א גרויסן אינטערעס שטעלט פאָר אויך דאָס, וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט פון יעקאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונען בעשײַכעס מיט איר פּלימעניק גראַף אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש איגנאַטיעוו, וועלכער איז שפּעטער געווען א גענעראַל־לייטענאַנט פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

טײַערע רעדאַקציע!

וועגן דעם אויסגעצייכנטן ייִדישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" בין איך געווען גוט אָנגעהערט. קעדיי האַלטן פאַר א קאָוועד צו זען מײַן נאָמען אױף זײַנע זײַטן. איך וועל זיך באַנוצן מיט אײַער ליבלעכער האַסקאָמע אויסצוטיילן פאַר מיר אַן אָרט אין איינעם פון די נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און אינקורצן דערציילן די לייענער וועגן דעם, ווי־אַזוי עס האָט באַטראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם די רוסישע אַריסטאָקראַטיע (עפּשער וועט עס העלפן צו פאַרשטיין דעם רוסישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אין אַלגעמיין).

די זאַך איז אין דעם, וואָס ביז מײַן דרײַצניאָריקן עלטער האָב איך וועגן דעם דאָזיקן וואָרט קיין אַנונג ניט געהאַט. נאָך אין די צײַטן פון פּיאָטער דעם ערשטן האָבן כוואַליעס יונגע טאַלאַנטפולע אויסלענדער א שטראָם געטאָן קיין רוסלאַנד. דער האָלענדישער ייִד שאַפּיראָ איז געוואָרן בא פּיאָטערן זײַן בעסטער געהילף אין שיפבוי־וועזן, און פּיאָטער האָט אים צוגעייגנט דעם טיטל באַראָן שאַפּיראָוו. דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע איז פרעמד געווען אַנטיסעמיטיזם. אַרויסזאָגונגען אין אָט דעם גײַסט האָט מען געהאַלטן ביכלאַל פאַר א שלעכטן טאָן.

קעדיי האָבן דאָס רעכט צו לעבן און צו האַנדלען אױף דער גאַנצער טעריטאָריע פון רוסלאַנד און איבערשפּאַנען דעם טכום־האַמוישעוו, זײַנען ייִדן געצוווּנגען געווען זיך שמאַדן. זייערע ראַיעלע סקוירעס, שיינע וויטרינעס אין די קראָמען פלעגן אַרויסרופן צאָרן בא די אָרטיקע סאָכרים, און, ניט אויסהאַלטנדיק די קאָנקורענץ, פלעגן יענע אונטערקויפן די גאָראַדאָוואָיען, אַז זיי זאָלן אונטערהעצן דעם שיקערן האַמוין אױף דורכפירן ייִדישע פּאָגראָמען. לאָמיר דערמאָנען די בעסטע קראָם אין דער אַלטער מאָסקווע: „מיור און מערעליז" (איצט דער „צום"). די גאַנצע מיאַסניצקאַיאַ (איצט קיראָוו־גאַס, וווּ עס געפינט זיך אײַער רעדאַקציע) איז פול געווען מיט קראָמען פון טעכניק־סקוירעס. זייערע אייגנטימער זײַנען געווען די ברידער בראָבעץ, סימענס און גאַלסקע, אויך ראָבערט קענץ, זשאָרזש באָרמאַן. און דער אייגנטימער פון מאַגאַזינען מיכאַיל קישיניאָווסקי האָט באַפּוצט גאַנץ מאָסקווע מיט זײַנע גרויסע קײַלעכדיקע עלעקטרישע לויכטנדיקע זייגערס.

דער לעצטער רוסישער מיניסטער באַראָן וויטע האָט געהאַט א ווײַב א ייִדישקע און פלעג זיך מיט איר באַווײַזן אין קייסערלעכן פּאַלאַץ. פריִער איז געווען אײַנגעפירט, אַז אין יעדער מישפּאָכע

האט געלעבט אין הויז אן אייגענער דאקטער (פארשטייט זיך, ער האט געהאט דאס רעכט אויך פירן פריוואטע פראקטיק). אזא דאקטער פלעג היילן די מישפאכע, די שטוב־באדינער און אויך די הויף־באדינער. ער האט באקומען א גוטן געהאלט און פלעג ווערן אן אייגענער מענטש אין שטוב, אנטיילנעמען אין אלע פריידן און ליידן. אט אזא איז געווען אונדזער ליבער דאקטער זינאווי יאקאוולעוויטש ליובארסקי. איך דערמאן זיך זיינע עטוואס ארויסגעסטארטשעטע בלויע אויגן, די ברייטע רויטלעכע בארד און דעם ליבהארציקן שמייכל, מיט וועלכן ער פלעג, ווען איך בין קראנק געווען, צוערשט באטראכטן די ליאלקע, וואס איז געלעגן לעבן מיר, און דערנאך שוין מיך אליין. ער איז געווים געווען א ייִד, נאר קיינעם פלעג אפן זינען ניט קומען זיך ספעציעל וועגן דעם דערקונדיקן. ער איז געווען אונדזער פריינט און כאשעווער מענטש.

איצט אט וועגן וואס. ווי ס'האט געשריבן דער זשורנאל „אגאניאק", בין איך ניט איין מאל געזעסן אין טורמע (איבערהויפט דערפאר, ווייל איך בין ניט מאסקים געווען צו זיין אן אגענט פון לוביאנקע). געזעסן בין איך אין אן איינצל־קאמער, שלאפן האט מען ניט געלאזט, די פארהערן זיינען פארגעקומען באנאכט. שוין נאך דעם, ווי עס זיינען געווען פובליקירט די מאטעריאלן וועגן דעם, אז מע האט געכאפט אייכמאנען, האט מען מיך ארויסגערופן אף דער לוביאנקע. ס'איז פארגעקומען אזא דיאלאג:

יע. א. מעשטשערסקאיא אין דער יוגנט

אויספארשער: פארוואס האט איר אפגעדרוקט אן ארטיקל גראד וועגן דעם, וויאזוי מע האט געכאפט אייכמאנען?

איך: לויט מיינע אנשויונגען בין איך אן אינטערנאציאנאליסטקע און אן אנטיפאשיסטקע.

אויספארשער: שעמט זיך! א פירשטן־טאכטער, און דערהייבט אזוי די ייִדן. עפשער האט אייער מוטער געזינדיקט מיט א ייִדן.

איך: אלץ איז מעגלעך. בלויז די פרוי אליין ווייסט, פון וועמען זי טראגט א קינד אונטערן הארצן.

אויספארשער: מאכט זיך ניט טאמעוואטע און זאגט מיר דעם עמעס! פארוואס האט איר ליב ייִדן?

איך: פאר דעם, וואס איך האב מיט זיי אן אלצייִנעם גוירל. דער ייִד איז ניט שולדיק, וואס ער איז געבוירן פון א ייִדן, און איך בין ניט שולדיק, וואס איך בין געבוירן פון א פירשט.

דא האט זיך דער אויספארשער צעווילדעוועט, ווי א בייזע כייע זיך אף מיר צעשריגן, א קלאפ געטאן מיטן פויסט אין טיש: „און פאר אונדז זיינען אזעלכע, ווי איר, ערגער פון ייִדן! אזעלכע רופן מיר жидовствующие!

מיט דעם אויסגעשריי האט ער א קוועטש געטאן די קנאפקע פונעם גלעקל און אויסגעכריפעט צווישן די ציין: „צוריק... אין איינצל־קאמער!"

די ייִדן זיינען אן אוראלט פאלק, זיי האבן געגעבן דער וועלט די ביבל, פון וועלכער ס'איז אופגעקומען סיי די קולטור, סיי די רעליגיעס. עס איז קלאר, אז קיין איין גלויביקער מענטש קאן ניט זיין קיין אנטיסעמיט.

בא מיר האט זיך פארהיט דער טעקסט פון אלעקסיי איגנאטיעווס (ער איז געווען מיין פלימעניק) ארויסטרעטונג אף דער לעוויע פונעם פריינט פון אונדזער מישפאכע סאלאמאן מיכאעלס. דער טעקסט וועט אייך צוניץ קומען, ווייל ער איז, ווארשיינלעך, אין ערגעץ ניט געווען פארעפנטלעכט.

מיט טיפער אכטונג

יע. מעשטשערסקאיא

א וואָרט וועגן מיכאָעלסן

ארויסטרעטונג אפן טרויער־מיטינג דעם 16 יאנואר 1948 יאָר פונעם גענעראל־לייטענאנט א. א. איגנאטיעוו

Восстань, пророк, и виждь, и внемли,
Исполнись волею моей
И, обходя моря и земли,
Глаголом жги сердца людей.

А. С. Пушкин

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באווײַזט זיך פאר מיר ניט דער נאָווי פונעם טאנאך, וועלכער האָט באגײַסטערט דעם גרויסן שרײַבער אף איינעם פון זײַנע בעסטע ווערק, נאָר דאָס געשטאלט פון דעם הײַנטצײַטיקן אוועקגעגאנגענעם פון אונדז אף אייביק דענקער, וואָרט־מײַסטער, פרײַנט פון דער מענטשהײַט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש מיכאָעלס.

פושקינען האָט באגײַסטערט די פארוואָרצלטע אין דער טיף פון יאָרהונדערטער ייִדישע קולטור, וועלכע האָט געגעבן אין אונדזערע טעג אָט דעם ווירדיקן יורעש פון קלוגשאפטלעכע דענקער — פון צווישן די, וועמען אין אלע צײַטן האָט ארויסגעגעבן דאָס ייִדישע פאָלק. אגעוו, האָבן זיי געהערט

ש. מיכאָעלס און דער גענעראל א. איגנאטיעוו

ניט נאָר די ייִדן, נאָר דער גאנצער מענטשהײַט, און דעם טויט פון מיכאָעלסן באווײַנט ניט בלויז דאָס ייִדישע פאָלק, נאָר אלע פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, וואָס האָבן מיט אים שטאָלצירט, און אויך זײַנע אויסלענדישע פרײַנט און מיטדענקער. עס וועלן פארגיסן טרערן אלע אונטערדריקטע, בארויבטע פון רעכט אף גליק, אָרעמע מענטשן. זיי האָבן אין אים פארלוירן די זון, וואָס באלײַכט און דערוואָרעמט ניט זיך אליין, נאָר די ארומיקע. זיי האָבן פארהוירן אין אים דעם, וואָס דערוועקט גלויבן אין ערדישן גליק, דעם וועגווײַזער, וואָס אזא קאָן זײַן בלויז אזא הויך־געבילדעטער, טיף איבערצײַגטער קאָמוניסט, ווי עס איז געווען סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש.

זאָל זשע דער טיפער גלויבן דינען אלס בעסטער דענקמאָל דעם גרויסן הומאניסט, וועלכער האָט זײַנע געדאנקען און ווערטער פארווירקלעכט אין טאָט, פול מיט זעלבסטאָפּפערונג.

עס וועלן אים דערמאָנען און טיף א זיפץ טאָן וועגן זײַן טויט יענע אַרטיסטן און שרײַבער, וואָס באַציִען זיך פונקט אַזוי פלאַמיק, ווי ער, צו זייער מי, וועלכע זעען אין דער קונסט ניט בלויז א באַפוצונג פונעם לעבן, נאָר א קוואַל פון באַגײַסטערונג.

אַזא קוואַל איז געווען אונדזער אומפאַרגעסלעכער פרײַנט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש, וועלכער האָט דערוואַרעמט די נעשאָמע מיט זײַן בליק, א צאַרטן און מילדן, מיט זײַן אומפאַרגלײַכלעכער שטים, וואָס איז געווען אַזוי אין אײַנקלאַנג מיט זײַנע טיפע געדאַנקען און געפילן.

נאָכמאַכן מיכאָעלסן קאָן מען ניט, נאָר שעפן גײַסט וועט בא אים יעדערער, ווער עס האָט אופריכטיק ליב די מענטשהײַט.

כראָניק

שלוימע מיכאָעלסעס אָנדענק

• • •

דעם 13־טן יאַנוואַר און דעם 15 יאַנוואַר ד.י. זײַנען אפן בעסוילעם פונעם דאָנסקאָי מאָנאַסטיר פאָרגעקומען אָנדענק־צערעמאָניעס, געווידמעט דעם 40־טן יאָרצײַט פונעם טראַגישן טויט פון דעם גרויסן ייִדישן שוישפּילער שלוימע מיכאָעלס. צו מיכאָעלסעס קייווער זײַנען געקומען טוער פון דער ייִדישער קולטור און טעאַטער־וועזן.

די אָראַטאָרן אף די מיטינגען האָבן גערעדט וועגן די שווערע פאָלגן פון דער סטאַלינשטשינע, וועגן דעם בײַטראָג פונעם באַרימטן בינע־מײַסטער אין דער ייִדישער און אַלוועלטלעכער קולטור. ס'איז באַרירט געוואָרן אויך די פראַגע וועגן דעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן קולטור־לעבן אין לאַנד.

• • •

דעם 14־טן פעוורואַל איז אין מאָסקווער צענטראַלן קינעמאַטאָגראַפיסטן־הויז פאָרגעקומען אן אָנדענק־אָוונט, געווידמעט שלוימע מיכאָעלסן.

אינעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט געוועזענע אַקטיאָרן פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, דער פאָלקסאַרטיסט פון פּסּר איוואַן קאָזלאָווסקי, דער שרײַבער אַלעקסאַנדער באָרשטשאַגאָווסקי און אַנדערע.

אַרטיסטן פונעם ייִדישן מוזיקאַלישן קאַמער־טעאַטער, פון די טעאַטערס „שאַלאָם" און „ערמיטאַזש" האָבן באַוויזן סצענעס פון די ספּעקטאַקלען „טעוויע פון אַנאַטעווקע", „דער צוג צום גליק" און „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי". די צושויער האָבן זיך אויך באַקאַנט מיטן פילם „ייִדישע גליקן" און מיט דער דאָקומענטאַלער קינאָ־לענטע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן צום 15־יאָריקן יובילײ פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

אפן אָוונט איז בײַגעווען שלוימע מיכאָעלסעס טאָכטער נאַטאַליע וואָווסי, וועלכע לעבט איצט אין ייִסראָעל, ווי אויך אַנדערע אויסלענדישע געסט, וואָס זײַנען געקומען קיין מאָסקווע אף דער עפענונג פונעם ייִדישן קולטור־צענטער אף ש. מיכאָעלסעס נאָמען.

●

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

עמעס

אילוסטרירטע וועכנטלעכע ביילאגע

אָרגאַן פון צ. ב. פון ר. אי. רישע סעקציעס באַם צ. ק. פון אַל ק. פּ (ב.)

№ 27—28. דעם 27-טן יולי 1927



פון דער רעדאקציע:

סאָף 20־ער יאָרן פלעג דערשיי־נען א וועכנטלעכע איליוסטרירטע ביילאגע צו דער צייטונג „דער עמעס". פון מאָל צו מאָל וועלן מיר אָפּפרישן אין זיקאָרן פון אונדזער הייַנטצייַטיקן לייענער אייניקע פאָטאָ־דאָקומענטן פון דער דאָזיקער אויס־גאבע.

אויבן — א. ריקאָוו. די פאָטאָגראַ־פיע האָט אין 1912 געמאכט דער פּאָליציי־דעפּארטאמענט.

אונטן פון לינקס אף רעכטס: א. בובנאָוו, ק. וואָראָשילאָוו, א. יענו־קידזע, נ. בוכארין, ל. קאראכאן און דער קאָמאנדיר פונעם מאָסקווער מיליטער־קרייַז ב. שאפּאָשניקאָוו בעשאס דעם פאראד אפן אָקטיאבער־פעלד אין מאָסקווע, מייַ 1927.

א פרײַנטלעכע בליץ־רײַזע קײן מאָסקווע

(לײב דאָמב־טרעפּערס אַלמאָנע אין דער רעדאַקציע פֿון
„סאָוועטיש הײמלאַנד")

אין יענעם ווינטער־טאָג, אין דעקאַבער 1988,
האָט געשאָטן א שטאַרקער שניי, געדיכטע ווײַסע
„טעפּיכער" האָבן פֿון קאַיאָר דורכויס צוגעדעקט
די מאָסקווער גאַסן און בולוואַרן, די דעכער פֿון די
הײַזער, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז צו אָט דעם
שניי־אַנוואַלגער וועט ניט נעמען קײן סאָף.

אין שערעמעטיעווער אַעראָפּאָרט האָט מען
אונדז באַרויִקט: דער אַעראָפּלאַן פֿון קאָפּענהאַגען
וועט זיך אױף לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן מאַכמעס דעם
אומוועטער, ניט זײַן קײן נײַער באַריער אױפֿן לאַנגן
וועג פֿון „אונדזער" פּאַסאַזשירקע צו מאָסקווע.

מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אױף
דער אומבאַקאַנטער פֿאַר מיר פֿרוי, וועמענס אויס־
זען איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט בלויז לויט די
דערציילונגען פֿון די פֿרײַנט פֿון איר מאַן, דעם לע־
גענדאַרן סאָוועטישן אויסשפּירער לעאָפּאָלד טרע־
פּער — לײב דאָמב. דורכלייענענדיק די פּובליקאַ־
ציע פֿון דאָמב־טרעפּערס בוך אין „סאָוועטיש הײמ־
לאַנד" און די מיטיילונג אין זשורנאַל וועגן דעם,
אַז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד גרייט זיך אַן אויסגאַבע
אױף רוסיש, איז געקומען קײן מאָסקווע זײַן אַלמאָנע
און מיטקעמפֿערן ליובע ברוידע־דאָמב.

דער אַעראָפּלאַן פֿון קאָפּענהאַגען האָט פֿאַר־
שפּעטיקט אױף א שעה. א מיטאַרבעטערן פֿון דער
מאָסקווער טאַמאָזשניע האָט מיך דורכגעפֿירט אין
זאַל, ווו ס'האָט א שפּאַן געטאָן אַנטקעגן מיר א
באַיאָרטע פֿרוי, אַנגעטאָן אין א רויטן דעמיסעזאָן־
מאַנטל. אירע אופֿמערקזאַמע שפּירנדיקע אויגן אױפֿן
פֿאַרברוינטן פּנים האָבן שאַרף מיך באַקוקט.

ליובאַוו ברוידע־דאָמב האָט מיר א דריק געטאָן
די האַנט. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, טראַכטנדיק
וועגן דער באַדײַטונג פֿון דער געשעעניש: די פֿרוי
פֿונעם „גרויסן שעף פֿון דער רויטער קאַפּעלע" איז
ווידער אין מאָסקווע!

אין דער מאַשין, אױפֿן וועג צום האָטעל „נאַ־
ציִאָנאַל", האָט ליובאַוו יעווסייעווונע דערציילט, אַז
זי האָט זיך קימאַט צופֿעליק דערוווּסט וועגן מײַן
פֿאַרצייכענונג „דער עמעס וועגן דעם רויטן אָר־
קעסטער", וועלכע איז אָפּגעדרוקט אין דעם אוי־
גוסט־נומער פֿון „סאָוועטיש הײמלאַנד" פֿאַרן פֿאַריקן
יאָר. עמעצער פֿון אירע באַקאַנטע האָט צוגעשיקט
אין קאָפּענהאַגען אָט דעם נומער פֿונעם זשורנאַל.
דאָס איז געווען די ערשטע פּובליקאַציע וועגן איר
מאַן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך דורכ־
געריסן דורך א פֿיליאָריקן פֿאַרהאַנג פֿון שווײַגעניש,
און זי האָט עס אופֿגענומען ווי א גרוס פֿון פֿרײַנט,
וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט א ברידערלעכע האַנט.
צי האָט זי פֿריִער געקאָנט וועגן דעם אַפֿילע טרוי־
מען? פֿון איר זײַט, האָט זי באַשטימט אַרויספֿליִען
קײן מאָסקווע אױף דרײַ־פֿיר טעג, באַזוכן די רעדאַק־
ציע פֿון „סאָוועטיש הײמלאַנד", זײַן אין סאָוועטנ־
פֿאַרבאַנד, אינעם לאַנד, ווו זי האָט אַמאָל פֿאַרבראַכט
שווערע, אומפֿאַרגעסלעכע יאָרן — באַנאַנד מיטן
מאַן און אָן אים, צוזאַמען מיט דרײַ קינדער. אין

ליובע ברוידע־טרעפּער און איר זון עדוואַרד טרעפּער
באַם מעמאָריִאַל פֿון דער „רויטער קאַפּעלע" אין ירושלים

7*

מאָסקווע און אויפֿן אוראַל האָט זי איבערגעלעבט די שווערלעכע צײַטן — די מילכאָמע, דאָס קעגנדערדיקע וואַרטן אויף אַ יעדן פֿונעם מאַן, אויף יעדנס וועגן זײַן גורל. לעאָפּאָלד טרעפּער האָט זיך אומגעקערט צו זײַנע אייגענע און נאָענטע בלויז אין 1954, נאָך דעם ווי מע האָט אים באַפֿרײַט פֿון דער טפּיסע־קאַמער אויף לוביאַנקע.

איצט, אין פֿיל יאָרן אַרום, האָט אונדזער באַזוך, אונדזער איבערבויונג ווידער געעפֿנט די טירן פֿאַר די אַלטע און געטרײַע פֿרײַנט.

אין יענעם אָוונט האָבן מיר אינעם נומער פֿון דעם פֿרעסטיזשפֿולן מאָסקווער האָטעל „נאַציאָנאַל" גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט וועגן פֿיל זאַכן, וועגן די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, וועגן די טראַגישע צײַטן פֿון דער סטאַלינשטשינע, וועגן דעם העלדנטאַט פֿון ליובעס מאַן, וועלכן ער איז באַגאַנגען אין טיפֿן הינטערלאַנד פֿון דעם היטלערישן רײַך, אין די טפּיסע־קאַמערן נאָך דער מילכאָמע, נאָכן אומקערן זיך קיין פּוילן, ווען לעאָפּאָלד טרעפּער דאַמאָלט האָט אומבייגזאַם פֿאַרטיידיקט דעם עמעס, די פּרינציפּן פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם קעגן שעקער, שאָוויניזם און ראַסיזם פֿון פֿאַרשיידענע מינים נאַציאָנאַליסטן, אַנטיסעמיטן און פֿאַשיסטיש געשטימטע „ריכטער".

— אונדזערע זין האָבן באַקומען הויכבילדונג, אָבער ניט געקאָנט אַרבעטן אין פּוילן. זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. מישעל איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דענעמאַרק, פּיאָטער — קיין קאַנאַדע, עדגאַר — קיין ייִסראָעל, — האָט דערציילט ליובאָוו ברוידע־דאָמב. אויך מיר און מײַן מאַן איז אויסגעקומען זיך צעשיידן מיט דער לײַבלעכער ערד. אונדזער מישפּאָכע איז צעוואָרפֿן געוואָרן איבער פֿאַרשיידענע לענדער. אַפֿילע איצט, אין יאָרן אַרום, איז ניט לײַכט צו דערמאָנען זיך וועגן דעם.

די פֿרוי איז אויף אַ סעקונדע אַנשוויגן געוואָרן, נאָכדעם פֿאָרגעזעצט:

— אָבער מײַן מאַן האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און איז געווען טרײַ די פּרינציפּן ביזן כאָף, ביז זײַן לעצטער שאָ. לעאָפּאָלד טרעפּער איז געשטאָרבן דעם 19 יאַנואַר 1982 און איז געבראַכט געוואָרן צו קווורע אויפֿן בעסוילעם, ניט ווײַט פֿון ירושאָלאַיִם. אויף דער לעווײַע זײַנען געקומען הונדערטער מענטשן פֿון אַ כאָך לענדער אין דער וועלט, אַלע, וועמען עס זײַנען געווען טײַער די אידעאַלן פֿון די העלדן פֿונעם „רויטן אָרקעסטער".

ערשט ניט לאַנג צוריק, פֿרילינג־צײַט 1988, איז אין ירושאָלאַיִם אָפֿיציעל דערעפֿנט געוואָרן אַ דענקמאָל די קעמפֿער פֿון דער אַנטיפֿאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן מענטשן פֿון 14 נאַציאָנאַליטעטן. אויפֿן פֿײַערלעכן מיטינג, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג, זינט דעם אָנהייב פֿון דער קאַמפֿס־טעטיקײַט פֿונעם „רויטן אָרקעסטער", זײַנען אַרויסגעטראָטן אָנטיילנעמער פֿון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, וועטעראַנען פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, אָנפֿירער פֿונעם אַנטיהיטלערשן ווידערשטאַנד. די פֿאַרשטייער פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכקײַט האָבן מיט צופֿרידנקײַט אָפּגעמערקט, אַז לעבן ירושאָלאַיִם וואַקסט שוין אונטער אַ יונגער וואַלד — 12 טויזנט ביימער, וועלכע זײַנען פֿאַרזעצט געוואָרן לעקאָוועד די קעמפֿער פֿונעם „רויטן אָרקעסטער".

מיר האָבן אָפּגערעדט מיט דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", אַז די באַגעגעניש מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס וועט פֿאַרקומען איבערמאָרגן בײַ אים אינדערהיים, ווײַל אַ קראַנקײַט דערלויבט אים ניט קומען אין רעדאַקציע. הערצווײַל, אויף מאָרגן, פֿאַרנעמען מיר זיך מיט דעם ביז גאָר וויכטיקן איניען בעשײַכעס דער פּלאַנירטער פּובליקאַציע פֿונעם בוך אינעם פֿאַרלאַג פֿון פּאָליטישער ליטעראַטור באַם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. עס נעמט אונדז אויף דער דירעקטאָר פֿונעם פֿאַרלאַג א. פּ. פּאָליאַקאָוו. דאָ געפֿינען זיך אויך דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם פֿאַרלאַג א. מ. סאָסקין, דער באַוווּסטער סאָוועטישער שריפֿטשטעלער אָווידי גאָרטשאַקאָוו, דער שוין אָנגעמערקטער רעדאַקטאָר פֿון דער אויסגאַבע פֿונעם בוך „די גרויסע שפּיל" אויף רוסיש קאַרען מעליקיאַן...

אונדזער געשפּרעך גייט לאַנגזאַם און ניט געײַלט, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך פֿאַרזאַמלט ניט צום ערשטן מאָל און זײַנען פֿון לאַנג שוין באַקאַנט צווישן זיך. אויפֿן טיש ווערט קאַלט די שטאַרקע מאָסקווער טיי, עס וואַרטן וואַזאָטשקעס מיט וואַפֿליעס און קאָנפֿעטן, און מיר הערן, וואָס עס זאָגט אַלעקסאַנדער פּראָקאָפּיעוויטש פּאָליאַקאָוו. ער דערציילט אונדז פֿאַרבײַגייענדיק וועגן דעם, וויאַזוי עס אַרבעט איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿאַרלאַגן אין לאַנד, וואָס פֿאַר אַ ביכער ער לאָזט אַרויס, וועלכע נײַס טראָגט אַרײַן אין זײַן אַרבעט די איבערבויונג. ער טיילט מיט, אַז לעאָפּאָלד טרעפּערס בוך, „די גרויסע שפּיל" דאַרף דערשײַנען אויף רוסיש סאָף 1989 יאָר, דער טיראַזש — 200 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

מיר באַטראַכטן די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וועלכע ס'האָט געבראַכט מיט זיך פֿון קאָפּענהאַגען ליובאָוו יעווסייעוונע און זיי וועלן אײַנגעשלאָסן ווערן אין אָט דער סאָוועטישער אויסגאַבע צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן, געפֿונענע אין די אַרכיוון. אויף אַלע פֿאָטאָבילדער — נאָך גאָר אַ יונגער און שוין שפּעטער אין די רײַפֿע יאָרן — איז לעאָפּאָלד טרעפּער קאָנצענטרירט און ערנסט, זײַן בליק פֿאַרמאָגט אַ מאַגנעטישע קראַפֿט. דעם דיריזשאָר פֿונעם „אָרקעסטער" האָבן ניט־ווילנדיק געאַכטעט אַפֿילע די סאָנים, — דערציילט זײַן אַלמאָנע.

דער בוך וועגן די העלדן פֿונעם „רויטן אָרקעסטער" איז דערשינען אין 18 לענדער אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער בעמעשעך פֿון יאָרצענדליקער — גאַנצע 45 יאָר — איז לעאָפּאָלד טרעפּערס נאָמען געווען אויסבאַהאַלטן פֿונעם סאָוועטישן לייענער, אויפֿן העלדנטאַט פֿונעם אָנגעזעענעם קעמפֿער־אַנטיפֿאַשיסט איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ „טאַבו". ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די געטרײַע דינער פֿונעם סטאַלין־בעריאַ־רעזשים האָבן אים פֿאַרמויערט אויף אייביק. אָבער דאָס איז געווען אומעגלעך, די פֿאַרשווערונג פֿון שווײַגן איז איצט אײַנגעבראָכן, און דער נאָמען פֿונעם העלד איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון פֿאַרגעסעניש, ער איז אומגעקערט די

סאוועטישע מענטשן, לעשעם וועלכע טרעפער האט געקעמפט און געלעבט.

מיר אלע, וועלכע האבן זיך פארזאמלט אין „פאליטיזדאט", האבן אויסגעצייכנט פארשטאנען, וואס פאר א גרויסע גײַסטיקע באנײַונג עס טראגט אונדז אלעמען די איבערבײַזונג, — דער גאנצער געזעלשאפט אונדזערער, מיליאנען סאוועטישע מענטשן.

ליובאוו יעווסייעוונע האט אונדז איבערגעגעבן, אז זי קלײַבט זיך אנשרײַבן א בוך, אין וועלכן זי וויל דערציילן די לייענער וועגן איר גורל, וועגן איר מישפאכע, וועגן איר מאן און זײַנע כאווירים לויטן „רויטן ארקעסטער", וועגן דעם סאוועטישן פאלק, צוזאמען מיט וועלכן ס'איז איר אויסגעקומען דורכלעבן קימאט א פערטל יארהונדערט, געפינען געטרײַע פרײַנט.

דאס דערשײַנען פונעם בוך „די גרויסע שפיל" אף רוסיש באטײַט ניט נאר א מאראלישע רעאביליטאציע פון לעאפאלד טרעפערן, אדאנק דעם וועט ער ווערן באוווסט מיליאנען סאוועטישע מענטשן.

ניט לאנג פאר זײַן טויט, ארומקוקנדיק זיך אף דעם דורכגעגאנגענעם וועג, האט לייב דאמב מיט פולער רעכט געזאגט: „אויב איך האב אין לעבן געטאן עפעס עכטס, לעשעם וואס ס'איז קעדײַ געווען צו לעבן, — איז עס פארגעקומען אין די יארן, ווען איך בין געווען א סאוועטישער אויסשפירער".

מיט א באזונדערן געפיל האט ליובאוו יעווסייעוונע איבערגעטראגן די שוועל פון דער דירע פונעם אלטן כאווער פון איר מישפאכע, דעם הויפט־רעדאקטאר פון „סאוועטיש היימלאנד". לייב דאמב און ליובאוו ברוידע האבן אים ברייטהארציק אופגענומען בא זיך אין שטוב, אף דער יערושאלאיִמער אלייע, ווען זיי האבן געוווינט אין ווארשע. באגריסנדיק זיך, האבן ביידע פרײַנט גלײַך אנגעהויבן דערמאנען יענע יארן, די כאווירים, מיט וועלכע זיי זײַנען געגאנגען צוזאמען, אופשטעלנדיק נאכן קריג די דווירעסדיקע יידישע קולטור.

באם טיש, בא דער יאמטעוודיקער סודע, האבן זיי גערעדט וועגן דעם איבערגעלעבטן און זיך ניט געקאנט אנרייזן. די צײַט איז געלאפן אומבערעכנמאנעסדיק גיך, אײַנשרומפנדיק ווי שאגרענלעדער.

ליובאוו יעווסייעוונע האט גענומען אין די הענט א פאפקע מיט א קסאוויאד און דערלאנגט דעם באלעבאס פונעם הויז:

— דאס האב איך דיר געבראכט פאר „סאוועטיש היימלאנד". עפשער וועט עס זײַן אינטערעסאנט פארן זשורנאל. לייב האט א לאנגע צײַט געשריבן די דאזיקע ארבעט וועגן ריכארד זארגע — אן אנאליז פון דער טעטיקײַט פונעם אויסשפירער־אנטיפאשיסט, א דערציילונג וועגן דעם גורל פון א כאווער. דער מאנוסקריפט איז אין ערגעץ ניט פובליקירט. לייב האט זיך געקליבן אים אפדרוקן נאך אין פוילן, אבער ניט באוויזן. שפעטער האבן אונדזערע כאווירים געראטעוועט דעם קסאוויאד און אים איבערגעגעבן אונדז. דאמב־טרעפער, ווי דו פארשטייסט, האט זייער ליב געהאט ריכארד זארגען.

ווערגעליס האט פארזיכטיק גענומען אין די הענט דאס דיקע פעקל מאשין־זײַטלעך, געשריבענע אף יידיש.

— א דאנק, ליובע, — האט ער געזאגט, — הײַנט האב איך שוין וואס צו לייענען.

די דרײַ־פיר טעג פונעם באזוך אין מאסקווע זײַנען דורכגעפלויגן ווי איין רעגע. שוין צײַט זיך קלײַבן צוריק קיין קאפענהאגען. אינעם האטעל איז געקומען דאס אייניקל — עדגארס טאכטער נאדיע מיט איר מאן מישע וואסיליעוו. איר פאטער און מוטער לעבן איצט אין מײַרעוו־דײַטשלאנד, ניט ווײַט פון פראנקפורט־אפן־מײַן, ניט לאנג צוריק זײַנען ביידע געקומען קיין מאסקווע, טרוימען אף שטענדיק זיך אריבערקלײַבן אהער.

מיר פארן אלע צוזאמען צום שערעמעטיעווער אעראפארט, אהין, ווו איך האב צום ערשטן מאל באגעגנט ליובאוו יעווסייעוונע ברוידע־דאמב. ווידער שווינדלען די פעלדער און וועלדער פון דער פארשנייטער ווינטערדיקער הינטערמאסקווע. מיר ריידן וועגן די פארגעקומענע טרעפונגען. אונדזער ארבעט הייבט זיך ערשט אן, מיר — די יארשים פונעם „רויטן ארקעסטער" — האבן נאך ניט אפגעשפילט אונדזער סימפאניע פארן סאוועטישן פאלק; די רעוואליוציאנערע איבערבויונג געפינט זיך אין סאמע אנהייב פונעם וועג. די פארטיטורן זײַנען פאנאנדערגעלייגט אף די פיופיטרען, די אינסטרומענטן געפינען זיך אין די הענט. אלץ איז אפהענגיק פון אונדז אליין.

די זאלן פונעם שערעמעטיעווער אעראפארט זײַנען איבערפולט מיט מענטשן און זאכן. זייער א סאך געסט, וועלכע זײַנען געקומען פון אויסלאנד, ריכטיקער געזאגט, אפילע ניט קיין געסט, נאר אייגענע און נאענטע, וואס זײַנען געקומען צו היקף דעם ארמענישן פאלק, כפעציעל גרייטע צו אפזוכן קארבאנעס פון דער שוידערלעכער קאטאסטראפע. מאנצבלען און פרויען, זין און טעכטער פון אמעריקע און אייראפע, זײַנען זיי געקומען צו אונדז לויטן רוף פון דער נעשאמע און פונעם הארצן. אין געציילטע שאען ארום וועלן זיי ארויספליען אהין, ווו מעווארט אף זיי, ווו עס בלוטיקט נאך די אפענע וווּנד פונעם סאוועטישן פאלק.

ליובאוו ברוידע־דאמב גייט דורך דעם טאמאזשני־קאנטראל. איינגאנצן נאך יונגע כעוורע, אמעריקאנער, כאפן אונטער איר טשעמאדאן און העלפן איר גיין ווײַטער, דורכן גרענעץ־פאסט, אין זאל, ווו ס'האבן זיך פארזאמלט פאסאזשירן, וועלכע פליען קיין שטאקהאלם און קיין קאפענהאגען.

מיר פאכען מיט די הענט: „א גליקלעכן וועג!" מיר וועלן אומבאדינגט זיך זען נאכאמאל, איך גלייב אין דעם.

פון די אָפּרופן אין דער סאָוועטישער פּרעסע

די סאָוועטישע פּרעסע האָט מיט באַגײַטיקונג באַגעגנט די פּובליקאַציע אין אונדזער זשורנאַל פון לייב דאָמבס בוך „די גרויסע שפּיל". ווײַטער ברענגען מיר אָן אָפּרוף אין דער טאָג־צײַטונג פונעם רויטפאָניקן בײַקאַרפּאַטישן מיליטער־קרײַז «Слава Родины», וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פון דער פּרעסע־אַגענץ „נאָוואָסטי" א. איגנאַטאָוו.

וואַלענטין טאָמין

עפנטלעך וועגן דער „רויטער קאַפּעלע"

דער ארכיוו פון דער סאָוועטישער מיליטערישער אויסשפּירונג מאכט א טראָט צו עפנטלעכקײַט. אין מאָסקווע ווערן צום ערשטן מאָל געדרוקט די מעמוארן פונעם אָנפירער פון דער אנטיפאַשיסטישער גרופּע פון אויסשפּירער און פּאַטריאָטן לעאָפּאָלד טרעפּער.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אין די נומערן 9—12 פאַרן 1988 אָפּגעדרוקט לעאָפּאָלד טרעפּערס (לייב דאָמבס) זיכרוינעס „די רויטע קאַפּעלע", וועלכע זײַנען צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּאַריזש אין 1975־טן יאָר. איינע פון די גרעסטע פאַרלאַגן פונעם לאַנד — דער פּאָליטיזדאַט — פּלאַנירט אַרויסלאָזן די מעמוארן אין א באַזונדערן בוך אין 1989. פאַרן סאָוועטישן לייענער איז דאָס א נײַס. טרעפּערס נאָמען איז געווען באַוווּסט בלויז ווייניק מענטשן, כאָטש וועגן דער עקזיסטענץ פון אָט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע האָט מען בא אונדז שוין געשריבן.

פאַרוואָס זשע זײַנען בא אַזא ברייטן און באַשטענדיקן אינטערעס צום העראָישן קאַמף פון די אַנטיפאַשיסטן, די גויראָלעס פון דער מערהײַט מיטגלידער פון דער גרופּע, וועלכע די היטלעריסטן האָבן אָנגערופן „די רויטע קאַפּעלע", פאַרבליבן אין שאָטן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקײַט? סיבעס זײַנען דאָ, לויט מײַן מיינונג, עטלעכע, נאָר אַלע זײַנען זיי פאַרבונדן מיט די נעגאַטיווע דערשײַנונגען פונעם פּעריאָד פון סטאַלין־קולט און פון די סטאַגנאַציע־יאָרן.

ערשטנס, איז די גרופּע פּאַטריאָטן, וועלכע איז געשאַפן אין די לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע ערעוו דער מילכאָמע, צעגראָמירט געוואָרן אין לעצטן סאַכאַקל דורך די נאַציסטן.

א ניט קיין באַדײַטנדיקער טייל פון די אַרעסטירטע איז אונטער א טויט־געפאַר איבערווערבירט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע ספּעצאָמטן. לעבן זײַנען געבליבן ניט קיין סך. ניט ביים דער מילכאָמע, וואָס איז פאַרשטענדלעך, ניט אין די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן האָט מען אין מאָסקווע נישט ליב געהאַט צו אָנערקענען וועלכע־ניט־איז דורכפאַלן.

צווייטנס, האָבן די סטאַלינישע רעפּרעסיעס, וואָס האָבן ניט אויסגעמיטן די מיליטערישע אויסשפּירונג נאָך ערעוו דער מילכאָמע, ניט געקאָנט פאַרבײַגיין דעם דאָזיקן אַמט אויך נאָך דעם, ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט דער קריג. טרעפּערן האָט מען אַרעסטירט, געמישפּט צו טפיסע לויט פאַלשע באַשולדיקונגען. ער האָט פאַרבראַכט אין טורמע־קאַמער בא א צען יאָר. נאָך סטאַלינס טויט האָט מען אים פולשטענדיק רעאַביליטירט, נאָר א פּסיכישע טראַוומע איז פאַרבליבן. דער געוועזענער אויסשפּירער האָט זיך אומגעקערט אין זײַן היים־אָרט, קיין פּוילן, און אין די 70־קער יאָרן — ניט אָן שוועריקײַטן — אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן אַף מײַרעוו און געשטאָרבן אין יִסראָעל.

ענדלעך, דריטנס, טאָר מען ניט אַראָפּוואַרפן פונעם כעזשבן אויך אַזא פאַקטאָר, ווי דער אומווילן אָפן צו אָנערקענען דעם פאַקט פון פאַראַט פון צוויי סאָוועטישע לעאָפּאָלדס געהילפן, וועלכע זײַנען נאָכן דורכפאַל איבערגעגאַנגען אַף דער זײַט פון די היטלעריסטן.

אָט דאָס זײַנען די הויפּט־סיבעס, לויט וועלכע די פּובליקאַציע וועגן דער „רויטער קאַפּעלע" האָט מען א סך יאָרן ניט געלאָזט אין גאַנג בא אונדז אין לאַנד. צום גליק, האָט אָן אָפּפרישנדיקער ווינט פון עפנטלעכקײַט א בלאָז געטאָן אויך אין די אַרכיוון פון דער אויסשפּירונג.

פאַרשטייט זיך, ווי יעדע געשיכטע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט אויסשפּירונג, פאָדערן טרעפּערס זיכרוינעס א דורכקאָנטראָלירונג און א געוויסן כײַלעק פון קריטישער אופּאַסונג, ביפּראַט, אַז זיי זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אָפן „מײַרעוו־פראָנט פון קאַלטן קריג", אין סאַמע ברען פון די אידעאָלאָגישע צוזאַמענשטויסן צווישן מײַרעוו און מיזרעך. אָפּטיילן דעם יאָדער פון דעם מיסטגראָזן אין אַזעלכע פאַרצײַטיקע און ניט פּראָסטע געשעענישן, ווי דער קאַמף פון א גרופּע פּאַטריאָטן און מיליטערישע אויסשפּירער, איז א קאָמפּליצירטע זאַך. נאָר אָפּגעבן, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, די אומגעקומענע זין און טעכטער פון דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך, בעלגיע און אַנדערע לענדער, דערציילן וועגן די גויראָלעס פון די לעבעדיקע און טויטע העלדן, אָנרופן מיט די אייגענע נעמען די פאַרעטער און די, וועמען עס האָט ניט אויסגעהאַלטן די אויספּרוּוון, — איז א פאָדערונג פונעם זיקאָרן.

אַלעקסאַנדער איגנאַטאָוו

איסדויער

אף יאגד

באַ דעם נאקעטן בוים פאַראַקשנט,
מיט פּאַרקישעפטן כוש און געהער,
דריק איך די ביקס צו דעם אקסל
און שטעל אַן אַף דעם האָז די רער.

אין דעם פּראַסטיקן באַר אין שטילן
פּלוצלינג האָבן אין מיר זיך צערייצט
קעגנזעצלעכע צווייַ געפילן,
ווי די שפּאָגעס זייַ וואָלטן געקרייצט.

איינער קילט מיר דעם שאַרפן זינען:
„דו ניט טשעפּע, אים לעבן לאָז!
וואָס שטערט דיר אין בלויען באַגינען
אָט דער שוואַכער אומשולדיקער האָז?

זאָג, פאַר וואָסערע זינד? פאַר וועלכע?
ס'איז אַזוי אויך זייַן לעבן קורץ.
וועסט זיך אייסעקן דען מיט זייַן פעלכל?
וואָס דאַרפסטו פון אים די נוץ?"

נאָר דער צווייטער געפיל קערט וועלטן:
„לאָז ניט דורך, און זאמען ניט וואַגו!
אויך האָזן הייַנט טרעפן זיך זעלטן.
ווער קומט עס מיט פּוסטן פון יאַגד?"

און דער האָז אין זייַנס איז פאַרייסעקט:
שאַרט דאָס נעזל אַהער און אַהין
און איז אין דער רעגע ניט כּוישעד,
אַז דאָ איז זייַן יום־הדין.

עס בריט מיר אַזוי אין די שלייפן,
און עס האַלט מיך אָפּ און עס שטויסט,
ווען ראַפּטאָם ער לאָזט זיך לויפן,
און איך קוק אַף אים בייז און צערייצט.

ס'האָט אין מיר זיך דער קאַס צעצונדן,
דער יאַגדישער ווילדער ברען.
ניט־ווילנדיק כ'קוועטש אַפן צינגל:
אַף א רעגע בלייַב שטיין פאַרבלענדט.

און פון מאַטערניש א באַפרייַטער,
באַמערק איך מיט פרייד און פאַרדראָס,
ווי שנעל פון מיר ווערט דערווייַטערט
דער אָנגעשראָקענער פלינקער האָז.

נאָך שענער און העלער

אַף איר שיינעם האַלדז, דעם ניט פאַרשטעלטן,
א שטיינדל פון רייַנסטן בריליאַנט:
אָט שטראַלט עס, אָט בליצט עס, אָט העלט עס, —
לעשט אויס זיך און ווידער צעשייַנט.

ניט אומזיסט ציט עס צו א סאַך בליקן
פון די יינגלעך, וואָס זיצן אין זאַל,
ס'קוקן עלטערע אויך מיט אַנציקונג
אַפן וווּנדערלעך שייַנעם געשטאַלט.

פון דיעם מיידל, וואָס טראָגט דאָס שטיינדל,
אַזאַ אַכטונג געוויס אימפּאָנירט.
נאָר זי מאַכט אַזאַ אָנשטעל א שטרענגן
ווי עס אַרט זי קיין קאָפּעטשקע ניט.

„קויפט זשע, קויפט זשע פּאַפּיראָסן!" —
פון מאַגנעטאָפאָן זיך פּלוצלינג דערהערט
די ליד פון פאַרוואַרטיילטן יאָסעם,
וואָס איז אין געטאָ געווען פּאָפּולער.

אומזיסט די געפאַרבטע ברעמען
האָט די שיינהייַט פאַרשטעלט מיט דער האַנט:
איר טרער איז נאָך שענער און העלער
פון איר וווּנדערלעך שיינעם בריליאַנט.

ס'איז פרײַער געװאָרן דער אָטעם

אין צײַטן פון צופלוס און אָפפלוס,
זינט דערזען כ'האָב די ליכטיקע װעלט,
אָפט געװען בין איך זײער הילפלאָז, —
אָבער קײער אַצינד מיר ניט פעלט.

און ס'איז פרײַער געװאָרן דער אָטעם.
הײַנט עס האָבן שוין װײניק די װערט
די געשװוירענע שװאַרצע שאָטנס,
װאָס האָבן די ליכט אונדז פאַרשטעלט.

און איך פיל זיך שוין דרײסטער לעסאַטע,
און אױף הײנטן מיט שרעק קוק איך ניט,
װײַל עס ליגט אין דער צענטער פיאַטע,
װער עס שפּירט דאָרט נאָך מײַנע טריט.

און בא זיך בין איך שטאַרקער, פעסטער
אין אופגעמונטערטן פרײַען אַרום,
און איך גלײב, אַז אין מײַנע פענצטער
װעט נאָך העלער שײַנען די זון. —

ניט נאָר די, װאָס לױכט פונעם הימל,
נאָר װאָס הערצער פון מענטשן באַשײַנט
און הילכט אין די מאַרשן און הימנען,
און דעראָבערט איז נעכטן און הײַנט.

און זי עפנט פאַר אונדז נײַע װעגן.
אײביק שײַנען זי װעט אױף דער װעלט.
און זי אױסלעשן איז אומעגלעך,
װי די זון, װאָס פון הימל העלט.

װי אַפּסנײַ געבױרן

זוי לאַנגזאַם קײַקלען זיך מעסלעסן.
פון גאַנצע טעג אַרומגײן סטאַם
װערט סאַפּקאָלסאַף אױך שטאַרק דערעסן
דאָס געלע זאַמד, דער בלױער יאַם.

און טראַכטנדיק אַזױ באַם שװימען,
האָב איך אַפילע ניט באַמערקט,
װי אונטער בלױען שטילן הימל
האָט זיך דאָס װאַסער אױפגערעגט.

און װי אַ בײזע װילדע כײַע
באַמערקנדיק באַטאַמטן רױב,
האָט מוידעדיק אַ שטאַרקע כװאַליע
זיך איבער מיר געטאָן אַ הױב.

זי האָט מיך גלײַך אַ צי געגעבן,
װי נאָר זי האָט צו מיר דערגרײכט —
און כ'האָב דערפילט אַ סאָף צום לעבן,
צו אַלץ, און צו די לידער אױך.

נאָר ס'טראַכט די װעל: אַזאַ פאַרמעגן
פאַר איר איז ניט דאָס בעסטע גליק,
האָט זי מיט קראַפט גלײַך אין אײן רעגע
אַרױסגעשלײַדערט מיך צוריק.

און װען ס'איז לײַכטער מיר געװאָרן,
פאַרשװוינדן איז די שטאַרקע קעלט,
כ'האָב זיך דערפילט אַפּסנײַ געבאָרן,
און װי ס'איז װוּנדערלעך די װעלט.

װי שײן דאָס זאַמד! װי פײַן דאָס װאַסער!
װי װױל און גוט איז יעדעס אָרט.
װען אַלץ איז רויִק און געלאַסן
און קײן געפאַר שוין מער ניט דראָט!

דאָך אײן זאַך פאָרט באַמערקן דאַרף מען:
כאָטש גוט און צױבערדיק איז אַלץ.
נאָר װען די װעלט האָט גאָט באַשאַפן,
האָט ער דעם יאַם איבערגעזאַלצט.

אַ מאָדנע מענטש

װען דאָס לעבן איז בא מיר ניט גוט,
קומט ער גלײַך צו גײן אין גוטן אױפן,
אַרום מיר ער האָװעט, טױװעס טוט
און איז גרײט פאַר מיר אין פײַער לױפן.

װען די גױרל־ראָד זיך דרײט אַרױף,
און עס גײט מיר, װי בא לײַטן —
קאָכט די קינע אין אים אױף,
און ער קאָן מיך ניט פאַרלײַדן.

דאָך, װאָס איז ער פאַר אַ מענטש,
װען מע גיט אַ טאָפּ בא אים אין װאָגן?
כ'צענעם די הענט, מיט די אַקסל כ'קװעטש,
און כ'װײס ניט, װאָס צו זאָגן.

אין בלומען־גאָרטן

דעם אלטן גערטנער איז געוואָרן שווער:
די ביינער ברעכן אים, דער רעוומאַטיזם מאַטערט.
א גאַנצן ווינטער ליגט ער, ווי א בער,
און זעלטן גייט ארויס שוין פון דער כאַטע.

נאָר ווען ס׳צעלאַכט זיך אין פרילינג די זון
און אַפן בוידעם טויבן צאַרטע וואָרקען,
דאַן פילט ער מונטער זיך, ס׳איז בעסער דאָס געזונט,
און אופגעלעבט ווערט אין זיין גאָרטן.

עס דוכט, אז ניט פון בינען קומט דער זשום,
נאָר פון די בלומען גופא טריפט ארויס דער ניגן,
און אויסגעפוצט עס שפרייט זיך דער אַרום,
פול מיט אופקום, כיין און פאַרגעניגן.

אהער די מוזע מיך אַפטמאָל פאַרשלעפּט,
און שאָענווייז איך קאָן זיך פאַרהאַלטן:
באַגייסטערונג בא יונגע בלומען כ׳שעפ
און אויסדויער באַם גערטנער בא דעם אלטן.

אויב פאַראַנען אנטיוועלטן

ניט קיין שאָטן, ניט קיין מאַלפע,
ניט קיין רוער, ניט קיין שעד,
נאָר א גרויער זשוואַווער אלטער
מיט האָווייעס נאָך מיר שוועבט.

מיט א מאָדנעם גאַנג און היילער
ער אנטפלעקט זיך אף מיין שוועל.
ווער איך כמורנע — ווערט ער פריילעך,
ווער איך טונקל — ווערט ער העל.

און עס זידט אין אים, און קאָעסט.
וואָס אים קימערט — גיי פאַרשטיי!
אויב ער איז שוין מיר מעקאַנע,
איז צו אים דאַן אָך און ווי.

פון מיין דורכפאַל מאַמעש קוועלט ער,
און אזוי די גאַנצע צייט...
אויב פאַראַנען אנטיוועלטן,
איז ער פון די אנטיליים.

אונדזערע הייליקע ווערטער

אונדזערע הייליקע ווערטער זיינען ניט גלאַט קיין רייד,
ס׳איז טאַט, געראַנגל און שטרעבונג,
און יעדערער הייַנט איז גרייט
אין אַן אויסשליסלעכער נויט
אָפגעבן דאָס לעבן.

מיט אזעלכע רייד די ווירדע מע מעסט.
ווי קאָן מען אין פאָלק אף א רעגע פאַרגעסן?
און אויב ס׳געפינט זיך אזא, וואָס אף לינקס און אף רעכטס
בראַווירט ער מיט זיי צוליב אייגענע אינטערעסן,

אבי די ליד זאָלן קרוויוּים דערזען,
אבי מע זאָל צום אָמעד לאָזן. —
איז ווי דינט אים די האַנט צו נעמען די פען?
ווי נעמט אים ניט אָפ דאָס לאָשן?

■

אין די בײַבאַלטישע רעפּובליקן

די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ ליטווא" האָט מיטגעטיילט וועגן דעם, אַז אין קלײַפּעדע איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פֿון דער רעפּובליקאַנישער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט, וואָס עס וועט בעל־ספֿק מיטווירקן דער ווידערופֿלעבונג און דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור אין ליטע. אויף דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זײַנען מיט באַגריסונגס־רעדעס אַרויסגעטראָטן פֿאָרשטייער פֿון אַנדערע אָרטיקע געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

פֿון דער זעלבער צײַטונג דערוויסן מיר זיך, אַז סאַמע יאַנוואַר ד. י. איז אין ווילנע פֿאָרגעקומען די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די געוועזענע געטאָ־אַסירים און ווידערשטאַנדלער. די נײַע אָרגאַניזאַציע וועט פֿונקציאָנירן בײַ דער רעפּובליקאַנישער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט.

• • •

די צײַטונג „ריגאַס באַלס" האָט אָפּגעדרוקט אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן דער טעטיקײַט פֿון דער לעטלענדישער געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישער קולטור. בײַ דער געזעלשאַפֿט זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קינדער־כאָר, טאַנץ־קרײַזלעך, גרופּעס פֿאַר דערלערנען ייִדיש און איווריט. עס ווערט מיטגעטיילט אויך וועגן אַ קאָנצערט, וועגן אַ באַגעגעניש מיט דער מאָסקווער ייִדישער שרײַבערין שירע גאָרשמאַן און וועגן אַן אָוונט, געווידמעט דעם 80־טן געבורטסטאָג פֿונעם ייִדישן פּעדאַגאָג יויסעף פּיסעצקי.

אין די אַרבעט־פּלאַנען פֿון 1989 פּלאַנירט די געזעלשאַפֿט דורכפֿירן אַן אויסשטעלונג „ייִדישע קונסט אין לעטלאַנד".

• • •

אין ווילנע איז פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג, אויף וועלכער די אָנפֿירער און ספּעציאַליסטן פֿונעם רעפּובליקאַנישן מעלוכע־קאָמיטעט פֿאַר די אינייניאַנים פֿון פֿאַרלאַגן, פּאָליגראַפֿיע און ביכער־האַנדל, פֿון דער רעפּובליקאַנישער ביכער־פּאַלאַטע און פֿון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט בײַם קולטור־פֿאָנד פֿון דער ליטווישער ססר האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגן פֿון דערלערנען די רײַכע זאַמלונגען פֿון ייִדישע און העברעיִשע ביכער, וואָס ווערן אָפּגעהיט אין דער ביכער־פּאַלאַטע.

„סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 7, 1988 — ע. זינגעריס, „ביכער און מענטשן") האָט שוין געשריבן וועגן אָט דעם אוצר פֿונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט, — אַן ערך 50 טויזנט ביכער, הונדערטער זשורנאַלן־ און צײַטונגס־קאָמפּלעקטן. איצט גייען די פֿאָנדן איבער אין רעשות פֿונעם סעקטאָר פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור, וועלכן מע האָט ווידער געשאַפֿן בײַ דער ביכער־פּאַלאַטע. די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון דעם נײַעם קאָלעקטיוו באַשטייט אין צוגרייטן אַ ביבליאָגראַפֿישן אָנווײַזער פֿון די ייִדישע ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

• • •

אַ פּראָגראַם אין ייִדיש וועט רעגולער טראַנסלירט ווערן איין מאָל אין כוידעש אין דער רעפּובליקאַנישער ראַדיאָ פֿון דער ליטווישער רעפּובליק. איר ציל איז באַקאַנען די צוהערער מיט דער רײַכער ייִדישער קולטור, וועלכע האָט איבערגעלעבט אַן אופֿבלי אין ליטע אין אָנהייב פֿונעם XX יאָרהונדערט, העלפֿן דער פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן בײַ די סאָוועטישע ייִדן.

די צוהערער פֿון דער טראַנסלירונג וועלן זיך באַקאַנען מיט דער טעטיקײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון ייִדישער קולטור בײַם ליטווישן קולטור־פֿאָנד.

אַ היפּש אָרט וועלן פֿאַרנעמען די ווערק פֿון די קלאַסיקער און פֿון דער הײַנטצײַטיקער פּראָזע, פּאָעזיע, מוזיק, עסטראַדע.

צי וועט די קאנטאניזירונג ברענגען שאלעם פאר ייִסראעל

באטראכטנדיק די דערפארונג פון פיר יארצענדליקער פון געשפאנטקייט אפן נאענטן מיזרעך, לייגט פאר דער פראפעסאר פונעם מאנטרעאלער אוניווערסיטעט, מיטארבעטער פון דעם יערושאלאימער אינסטיטוט פון פעדעראלע פארשונגען יאקאוו ראבקין: צוליב אפשטעלן דעם ייִסראעל־אראבישן קאנפליקט דארף מען פארוואנדלען דעם היינטצייטיקן ייִסראעל אין א קאנפעדעראציע פון פארהעלטנישמעסיק אויטאנאמע קאנטאנען. זיין מיינונג וועגן דעם זאגט ארויס דער סאוועטישער פובליציסט אלעקסאנדער זאטאוו, וועלכער פארנעמט זיך מיט צווישנפעלקערלעכע פראגן.

יאקאוו ראבקין

די קוואדראטור פונעם קרייז

אין ייִסראעל געניסן די ייִדן פון ווייניקער געפארלאזיקייט, איידער אין א באליביקן גאלעסלאנד. די סיבע שטעקט אין דער סטרוקטור פון דער מעלוכע גופע: אן אייראפעישע מאדעל פון נאציאנאלער מעלוכישקייט פאסט ניט פארן מיזרעכדיקן מיטללענדישן יאם־געביט.

איצטער פאדערן זייער לייזונג ניט די פראבלעמען פון „שטאכים", נאר די פראבלעם פון דער קאנצעפציע פון „גאנץ ערעץ־ייִסראעל", וואס דארף זיך ציען פון דעם יארדן ביזן יאם. די נייע פארשטעט פון יערושאלאים — גילא אדער מיזרעך־טאלפיאט, די ייִדישע שטעט אריעל אדער עמאנועל, אופגעבויטע אף די אקופירטע זינט 1967 געביטן, זיינען ייִסראעלדיקע אנקלאזן און אונטערשיידן זיך קימאט ניט פון די ייִסראעלדיקע שטעט גופע.

אין דער זעלבער צייט אידענטיפיצירן זיך אלץ מער אראבישע בירגער פון ייִסראעל מיט די פאלעסטינישע אראבער פון די אקופירטע שטאכים. איינער פון די לעצטע באווייזן פון דער „פאלעסטיניזאציע" פון די ייִסראעלדיקע אראבער איז די פאליטישע און פינאנסיעלע הילף, וואס זיי ווייזן ארויס דער „אינטיפאדא" (אופשטאנד). דער קאנפליקט ווערט פארוואנדלט שנעל אין א צווישנאציאנאלער מילכאמע פון ייִדן און אראבער.

בא די פאלעסטינישע אראבער, וועלכע פארמאגן ניט קיין גרינטלעכע מיטלען אויסצודריקן זייער פאליטישן ווילן, וואקסט די אנגעהעריקייט דער אידיי פון זעלבשטענדיקייט „אף דעם ייִסראעלדיקן אופן". פונדעסטוועגן אבער קאן די גרינדונג פון נאך איין נאציאנאלער מעדינע, פון דער פאלעסטינישער, — אף די געביטן פונעם מיירעווברעג פון דעם טייך יארדן און אף דעם אזא־פאס בלויז פארגרעסערן די ליידן און די סינע. ס'איז אומפארמיידלעך די ליקווידאציע פון ייִשוווים, די צוואנג־איבערפירונג פון זייערע איינוווינער אין אנדערע ערטער און אנדערע מאסמיטלען, וואס באגלייטן געוויינלעך די גרינדונג פון א זעלבשטענדיקער מעדינע אין עטניש פארשיידנארטיקע ראיאנען.

ביידע צדאדים מוזן איינגיין אף א קאמפראמיס און זיך אפזאגן פון זייער ראמאנטישן נאציא־

נאַליזם מיט זײַן גרונטפּרינציפּ „אַלץ אָדער גאָרניט". מע מוז זוכן נײַע װעגן פֿאַרן אַרױסגײן פֿון דעם הײַנטצײַטיקן פֿאַרקישעפֿטן קרײַז פֿון צװישנאַציאָנאַלן געװאַלט. סײַ די ייִסראָעלדיקע רעגירונג, סײַ די אָרגאַניזאַציע פֿאַר באַפֿרײַען פּאַלעסטינע זײַנען פֿאַרבלענדט מיט דער אידיי פֿון אַ נאַציאָנאַלער מעדינע, זעענדיק אין איר אַן אינסטרומענט פֿון מאַכט. ס'איז אַ גרױסער סאָפּעק, צי זײ װעלן גײן אַף אַ קאָמפּראָמיס. בלױז פֿאַרײניקטע פּאָליטישע באַמיִונגען פֿון מאָסקװע און װאַשינגטאָן זײַנען פֿעיִק סטימולירן די אײַנרעגולירונג פֿונעם קריזיס, װאָס דראָט ניט נאָר די אַראַבער און די ייִדן, נאָר אין פֿאַל פֿון אַ נוקלעאַרן צוזאַמענשטױס — אױך די בײדע גרױסמאַכטן.

אַן עפֿעקטיװע, האַגאַם ראַדיקאַלע לײזונג קאָן װערן דאָס פֿאַרװאַנדלען די נאַציאָנאַלע ייִסראָעלדיקע מעלוכע אין אַ קאָנפֿעדעראַציע לױטן מוסטער פֿון קאַנאַדע, פֿון דער שװײץ אָדער יוגאָסלאַװיע. ניט קײן ברידערלעכע געפֿילן האָבן געשטױסן אָט די לענדער אָננעמען די קאָנפֿעדעראַטיװע פֿאָרם פֿון דער מעלוכישער אײַנאָרדענונג. מע האָט פּאָשעט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מין סטרוקטור װעט זײַן אַמערסטן אָננעמבאַר, קעדײ אָפּשװאַכן די געשפּאַנטקײַט אין די צװישנאַציאָנאַלע באַציִונגען. די דאָזיקע נײַע ייִסראָעל־פּאַלעסטינישע פֿעדעראַציע דאַרף באַשטײן פֿון באַזונדערע קאַנטאָנען, זעלבשטענדיקע אין ענינים פֿון קולטור, בילדונג, רעליגיִעזע גלױבונגען, אינערלעכע זיכערקײַט. זײ װעלן האָבן אײגענע אָרטיקע געזעצן. אַראַבער־מוסולמענער, גלױביקע ייִדן, אַראַבער־קריסטן און ניט־גלױביקע ייִסרעײלים װעלן פֿאָרשטעלן מיט זיך בלױז פֿאַרשײדענע סאָציאַלע גרופּעס און װעלן לעבן אַנטשפּרעכיק צו זײערע איבערצײַגונגען און טראַדיציעס. אין דער קאָנסטיטוציע פֿון דער נײַער מעלוכע דאַרף מען אַרײַנטאָן גענוג בײַגעװדיקײַט און ליבעראַליזם, קעדײ אױסמײַדן דעם טהאָם אַפֿן מאַניר פֿון ליװאַן.

ס'פֿאָדערט זיך פֿאַרברײטערן די רעמלעך פֿונעם געזעץ „װעגן צוריקקערן זיך", אַרײַנשליסנדיק אינעם קרײַז פֿון זײַן גילטיקײַט אױך פּאַלעסטינישע אַראַבער. זײ מוזן באַקומען גלײַכע רעכט און פֿאַרפֿליכטונגען, האָבן דאָס רעכט באַזעצן זיך דאָרט, װוּ זײ װעלן קאָנען דינגען װױנונגען אָדער אַף אַ געזעצלעכן אױפֿן קױפֿן זײ. פֿאַר פּאַלעסטינישע אַראַבער איז פֿאַראַן אַ זינען צו זײַן בלוטיק פֿאַראינטערעסירט אינעם דערפֿאָלג פֿון דעם קאָנפֿעדעראַציע־פּראָיעקט — אין אָט דעם פֿאַל װאָלטן זײ געװאָרן באַפֿרײַט פֿון דערנידעריקטן קאָנטראָל מיצאַד ייִדישע ביוראָקראַטן, מיצאַד דער אַרמײ און באַװאָפֿנטע באַװױנער פֿון די שטאָכים.

יענע ייִדן, װעלכע װילן לעבן אין ערעץ־ייִסראָעל, אױספֿילנדיק גאָטס געבאָטן, װאָלטן געקאָנט פֿירן אינגאַנצן אַן אָרטאָדאָקסישן אַרט לעבן אין די ראַמען פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע. אַפֿילו די ייִדן, װאָס זעען אין דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעלדיקער מעלוכע זײער רעטונג, טאָרן אױך זיך ניט אָננעמען מיט ייִעש. זײ װעלן האָבן אַ מעגלעכקײַט זיך באַזעצן אין אַ באַליביק אָרט צװישן דעם יאַרדן־טײַך און דעם מיטללענדישן יאַם, פּונקט װי אַלע אַנדערע מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט.

די מערהײַט ניט־גלױביקע בירגער פֿון ייִסראָעל, װעלכע װילן פּאָשעט „זײַן פֿרײַע מענטשן בײַ זיך אין לאַנד" (װערטער פֿונעם נאַציאָנאַלן הימן), װעלן קאָנען פֿאָרזעצן צו „לעבן אַפֿן ייִסראָעלדיקן נוסעך" אין זײערע קאַנטאָנען. די מאַכט פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע װעט בעשום־אױפֿן ניט טאָרן אָנבינדן זײ טראַדיציעס פֿונעם יודאַיִזם, װײַל לױט דער קאָנסטיטוציע װעט מען ניט האָבן קײן רעכט אַרײַנמישן זיך אין די ענינים פֿון גלױבן און בילדונג, װאָס עס װעט װערן בלױז אַ פּריװוילעגיע פֿון די קאַנטאָנען.

די רעגירונג פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע, אַן אױסגעװײלטע מיצאַד אַלע בירגער, װעט זיך פֿאַרנעמען מיט אױסלענדישע ענינים, מיט לאַנד־שוץ, פֿינאַנסן און קאָמוניקאַציעס. אַזאַ ניט־פּאָשעטע פּראַגע, װי לאַנד־שוץ, קאָן װערן געלײזט עטאַפּנװײַז. אין משך פֿונעם ערשטן יאָרצענדליק װעט די אַרמײ זײַן אונטערן קאָנטראָל פֿון די ייִדישע קאַנטאָנען, װײַל ניט די אַראַבער, נאָר די ייִדן דראָט מען אַראָפּװאַרפֿן אין יאַם אַרײַן.

אַלנפֿאַלס, די אַרמײ — די פֿעסטונג קעגן אױסלענדישער אינװאַזיע — טאָר ניט זײַן אױסגענוצט אין דער קאָנפֿעדעראַציע װי אַ פּאָליצײיִשער קױעך. אָפּטײלונגען פֿון דער קאַנטאָנאַלער פּאָליצײ און ניט קײן גרױסע מאַנשאַפֿטן פֿון דער קאָנפֿעדעראַטיװער פּאָליצײ, װעלכע װעלן זײַן אונטערגעהאַלטן מיצאַד צװישנפֿעלקערלעכע קױכעס, װעלן באַזאָרגן די אָרדענונג און די שאָלעמדיקע באַציִונגען צװישן די קאַנטאָנען. די שוץ־קױכעס װעלן אַרומכאַפּן די גאַנצע באַפֿעלקערונג, ביז װאַנען די דערמאָנונגען װעגן דער ביטערער דערפֿאַרונג װעלן אָפּגײן אין דער געשיכטע.

אַ גאַרניזאָן־מעלוכע, אַ באַזעצטע מיט אַן אַלץ קלענער װערנדיקער צאָל פֿאַרצװײפֿלטע ייִדישע פּרײַװיליקע, אַפֿילו װען זי װאָלט פֿאַרמאָגט נוקלעאַר־געװער, קאָן דערפֿירן די זאַך בלױז צו אַ קאָלעקטיװן זעלבסטמאָרד. די צוקונפֿט פֿון די ייִדן, סײַ אין ערעץ־ייִסראָעל, סײַ אין אַנדערע ערטער, איז צו טײַער, מע זאָל זי צובינדן צו אַ ניט־שטאַנדהאַפֿטיקער ייִדישער מעדינע. די פּרײַז, װעלכע ס'קומט אױס צו צאָלן פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון אַ נאַציאָנאַלער מעלוכע אַנטקעגן דעם װילן פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, איז געװאָרן צו הױך און װעט אומבאַדינגט װערן העכער אין דער צוקונפֿט.

איצטער איז געקומען די צײַט, װען ייִדן פֿון אַמעריקע און פֿון דער גאַנצער װעלט, אין װעמענס אינטערעסן ס'איז געגרינדעט געװאָרן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע מעלוכע, מוזן באַגרײַפֿן די געפֿאַר פֿון אַ ניט־קריטישער אונטערשטיצונג פֿון דער מעדינע. דאָס שאַפֿן פֿון אַ קאָנפֿעדעראַציע װעט געבן אַ רעאַלע האָפֿענונג אַף דעם, אַז עס װעט אָפּגעהיט װערן און זיך אַנטװיקלען דאָס לעבן פֿון די ייִדן אין ערעץ־ייִסראָעל.

אַלעקסאַנדער זאַטאַוו

רעמי, אָבער ניט קיין גלײַכער

מיט שטוינונג באַבאַכטעט די וועלט־געמיינשאַפט שוין אין מעשעך פון א יאָר צײַט די סצענעס פון ווילדער נעקאָמע איבער די אופגעשטאַנענע אײַנוווינער פון די אָקופּירטע מיצאד ייִסראָעל שטאָכים. ס'ווערט אַלץ פעסטער די איבערצײַגונג, אַז די צוויי פעלקער, וואָס באַזעצן פּאַלעסטינע, — די ייִדן־ייִסרעיילים און די אַראַבער־פּאַלעסטינער — מוזן געפינען אַזאַ פאָרם פון שכײנעשאַפט, וואָס זאָל באַוואָרענען א גערעכטן באַלאַנס פון זייערע נאַציאָנאַלע רעכט און אינטערעסן, אײַנשליסלעך דאָס רעכט אויף א זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

דער פּראָפעסאָר יא. ראַבקין שטעלט פאַר זיך, לויט מײַן מיינונג, א פולקום געזעצמעסיקע פראַגע וועגן דער פּרײַז, וואָס עס קומט אויס צו צאָלן פאַר אָנהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, די נאַציאָנאַלע מאַכט איבער פּאַלעסטינע. געוויינלעך פלעגט מען אַדרעסירן אַזאַ פראַגע די אַראַבער־פּאַלעסטינער, אַרויסשטעלנדיק זיי אַלס עקסטרעמיסטן אַפילע דעמלט, ווען זיי האָבן בלויז דערמאָנט וועגן זייער אַנטשלאָסנקײַט צו פירן א קאַמף פאַר זעלבסטבאַשטימונג ביז שאַפן א זעלבשטענדיקע מעדינע. א ראַבקין מאַכט א פּרווו צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע אויך פאַר די, ווער עס האָט זײַנערצײַט געהאַלטן פאַר בעסער איגנאָרירן דעם „אַראַבישן פאַקטאָר" אין פּאַלעסטינע, ווער עס איז געווען פאַרבלענדט מיט אַן אידיי צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע געביטן אין א מעדינע א טרוים, א מעדינע, אין וועלכער, ווי ס'האָט געשריבן טעאָדאָר הערצל, דאָס ווילזײַן פון די איבערגעוואַנדערטע אַהין ייִדן וועט זיך אַרויסווײַזן ווי א בראָכע אויך פאַר די שכײנים און פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט.

יא. ראַבקין זעט גאַנץ גוט, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט דער דאָזיקער אומשולדיקער און אַפילע דערהויבענער אידעאַליזם. אַגעוו, ניט ער דער איינציקער זעט עס. אָט איז, אַשטייגער, אַן אַרויסזאָגונג פונעם געוועזענעם ייִסראָעלדיקן דיפּלאָמאַט און הײַנט־צו־טאָג פּראָפעסאָר פונעם אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט אין וואַשינגטאָן א. פּערלמוטער אין זײַן לעצטנס דערשינענעם בוך „ייִסראָעל: א צעטיילטע מעלוכע". „אויב ייִסראָעל, — שרײַבט ער, — איז געווען פאַרטראַכט ווי א מאָקעם־מענוכע פאַר פּלייטים, איז ער אַזאַ געוואָרן פאַר א צאָל ייִדן. אויב מע האָט זיך אים געמאָלט אַלס א צונויפזאַמלונג פון ייִדישער „גײַסטיקער" עליטע, האָט עס ניט פּאַסירט. און אויב ער איז געווען פאַרטראַכט ווי א מעדינע, אין וועלכער מוזעט אָפּפירן אָרעמע ייִדן און די הוצאָעס פאַר דעם וועלן אָפּצאָלן רײַכע ייִדן, איז ייִסראָעל גראָד אַזאַ אין א גרויסער מאָס געוואָרן".

באַם איבערפלעכלעכן לייענען יא. ראַבקינס אַרטיקל שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אַז ער פּריידיקט דעמאָנטירן ייִסראָעל, האַלטנדיק, אַז דאָס איז א היסטאָרישער עקספּערימענט, וואָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. ס'קאָן זיך אויסדוכטן, אַז עס איז א געדאַנק, וואָס דראָט דער הויפּט־האַנאָכע פון די ציִעניסטן — גרינדן א מעלוכע פאַר ייִדן. צי איז דאָס ניט צוציִענדיק פאַר די אַראַבער־פּאַלעסטינער — דערפירן די שפּיל מיט די ציִעניסטן ביז צו א „רעמי", אָנעמענדיק דעם פּלאַן פון קאַנטאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע?

דער איקער פון דער ציִעניסטישער דאָקטרינע איז געווען — אײַנשטעלן א ייִדישע העגעמאָניע איבער גאַנץ פּאַלעסטינע (וואָס איצט איז עס דערגרייכט געוואָרן). אַלע אַנטפּלעקונגען פון „בייגעוודיקײַט", וואָס דרינגען אַרויס פון דער אוממעגלעכקײַט צו אָפּרייניקן פּאַלעסטינע פון די אַראַבער, האָבן אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס פאָרויסגעזען די גרינדונג פון „באַנטוסטאַנען" פאַר אַראַבער מיט א געוויסן כיילעק פון אַדמיניסטראַטיווער זעלבשטענדיקײַט, אָבער אונטער דעם ייִסראָעלדיקן מיליטעריש־פּאָליטישן „קאָלפּעק". „ראַבקינס פּלאַן", אויב ער איז ניט פון דער זעלבער קאַטעגאָריע, איז ער צו נאָענט צו איר, האָגאַם די „קאַנטאָניזאַציע" בויט זיך קלוימערשט אויף גלײַכבאַרעכטיקטע, דעמאָקראַטישע יעסוידעס. דאָס פאַרשפּרייטן דעם „געזעץ וועגן צוריקקערן זיך" אויף די אַרויסגעשטויסענע פון פּאַלעסטינע אַראַבער איז עפּשער דאָס סאַמע נאָוואַטאָרישע אין יא. ראַבקינס פּלאַן.

אָבער וווּהין זאָלן זיי זיך צוריקקערן? די בעסטע ערד איז שוין פון לאַנג ניט זייערע — זי איז אָפּגעגעבן פאַר באַזאָרגן די ייִדישע אימיגראַציע, די ייִסראָעלדיקע ייִשוּווים, וואָס אַפילע די אַדמיניסטראַציע פון פשא רופט זיי אָן „אומגעזעצלעכע" און „א שטערונג פאַר שאָלעם", לייגט יא. ראַבקין פאָר ניט טשעפּען. דער אַראַבישער טייל פון ירושאָלאַיִם האָט זיך אַרויסגעוויזן געדיכט אַרומגערינגלט מיט א רינג פון פאָרשטעט מיט אַן אויסשליסלעך ייִדישער באַפעלקערונג. די פעדעראַלע אַרמיי, וועלכע דאַרף, לויטן פאָרגעלייגטן פּלאַן, „קאָנטראָלירט ווערן מיצאד ייִדישע קאַנטאָנען", וועט נאַטירלעך אָפּהיטן פּילצאָליקע מיליטעריש אָביעקטן, אַזויגערופענע „זיכערקײַט־זאָנעס", א נעץ פון סטראַטעגישע קאָמוניקאַציעס. שוין אָפּגערעדט פון דעם, ווער עס וועט קאָנטראָלירן די ווירטשאַפטלעכע אינפראַסטרוקטור, די פינאַנסן און אַנדערע גרונטעלעמענטן. מע קאָן זײַן זיכער, אַז קיין אַראַבישע קאַנטאָנען וועלן ניט זײַן דאָרט, וווּ ס'געפינען זיך רעסורסן פון וואַסער און אַנדערע רײַכטימער. אַראַבישע קאַנטאָנען וועלן זײַן רעזערוואַרן פון ביליקן אַרבעטס־קויעך, נעסטן פון פּראָטעסט (א פאַרבילד פון אַזא מין „קאַנטאָן" איז דער אַזאַ־פּאַס). און ווער וועט ביכלאַל זיך נעמען צעפּאַסעווען פּאַלעסטינע אויף שטיקלעך, גאַראַנטירנדיק גלײַכצײַטיק, אַז ס'וועט זיך ניט באַקומען א נײַער ליוואַן.

י. ראַבקין לייגט פֿאָר אָנבינדן די אַראַבער און די ייִסראַעלים די נײַע קאָנטאָנעלע אָרדענונג דורך עפּעס אַ מאַגישער אויפֿטוירקונג מיצאַד פּסטר און פּשאַ. די אומרעאַלקײַט פֿון אַזאַ פֿאָרטראַכט איז פּונקט אַזוי קלאָר, ווי די אומנאָרמאַלקײַט פֿון דער איצטיקער לאַגע אין פּאַלעסטינע, וועלכע איז פֿולקום אונטערגעפֿאַלן אונטערן ציִוניסטישן קאָנטראָל, אָבער בלײַבט טיף צעטיילט.

און דאָך עקזיסטירט אַ רעאַלע מעגלעכקײַט צו אויסבאַלאַנסירן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון די פּאַלעסטינער און ייִסראַעלים, ניט וועגנדיק זיך צו דער קונץ פֿון פּסעוודאָ־דעמאָנטירונג פֿון דער ייִסראַעלדיקער מעלוכישקײַט און ניט פֿאַרמאַכנדיק דעם שלאַגבוים פֿאַרן פּאַלעסטינישן טרוים וועגן אַ זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. מע דאַרף זיך דערמאָנען, אַז דער רעכטלעכער יעסאָד פֿאַרן גרינדן די ייִסראַעלדיקע מעלוכע — דאָס איז דער באַשלוס פֿון דער אונאָ, וואָס האָט אויך פֿאָרגעזען דאָס גלײַכצײַטיקע שאַפֿן אַ פּאַלעסטינער אַראַבישער מעדינע. ס'איז פֿאַראַן אויך אַ רעאַלער טעריטאָריאַלער גרונט פֿאַרן רעאַליזירן מיצאַד די פּאַלעסטינער זייער רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג. די שטאַכים, וואָס ייִסראַעל האָט פֿאַרכאַפּט אין 1967, דאַרפֿן באַפֿרײַט ווערן לויט דער רעזאָלוציע 242 פֿונעם זיכערהײַטס־ראַט.

די ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פֿאַכעד אויף דעם מעכטיקן אין מיליטערישן זין ייִסראַעל איבער דער פּערספּעקטיוו פֿון שאַפֿן אַ קליינע פּאַלעסטינישע מעדינע. ס'זײַנען אָבער פֿאַראַן פּילצאָליקע באַווײַזן, אַז די פּאַלעסטינישע אָנפֿירונג איז גרייט צו האַנדלען אין דער ריכטונג פֿון אַ שאָלעמדיקער פּאַלעסטיניש־ייִסראַעלדיקער קאָעקזיסטענץ אויפֿן גרונט פֿון קעגנזײַטיקער אַכטונג פֿון די רעכט און אינטערעסן, פֿון ניט־אַרײַנמישונג און גלײַכער זיכערקײַט. און אויב רעדן וועגן אַ בייגעוודיקן און שעפֿערישן צוגאַנג צו דער לייזונג פֿון דער פּראָבלעם, זײַנען די פֿאָרשלאָגן פֿון דער אָנפֿירונג פֿון פּבאָ וועגן איבערגעבן די פּאַלעסטינער שטאַכים אונטערן צײַטווײַליקן קאָנטראָל פֿון דער אונאָ, וועגן באַשטימען אַ גענוגנדיקן איבערגאַנגס־טערמין, וועגן קאָאָרדינירן קאָמפּלעקסנע זיכערהײַט־מיטלען אויף די אונטערהאַנדלונגען אין די ראַמען פֿון אַ צווישנפֿעלקערלעכער קאָנפֿערענץ, וועגן פֿאָרויסזען אַ מעגלעכקײַט פֿון אַ פֿעדעראַלן יאַרדאַניש־פּאַלעסטינישן בונד — אַ סאַך מער פּראָדוקטיווער, איידער דער אויסערלעך דרייסטער, אָבער ניט רעאַליזירבאַרער און ניט יושערדיקער פּלאַן, וועלכן ס'לייגט פֿאָר י. ראַבקין.

כראָניק

נײַע מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פּסטר

דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָר האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער מישפּאָכע פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פֿיר נײַע מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד: די מאָלדאַווישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרײַנגענומען אין אירע רייען דעם יונגן פּראָזאַיקער באָריס סאַנדלער, די אוקראַיִנישע — דעם נאָוועליסט יוסעף בורג; מיטגלידער פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן שרײַבער־פֿאַריין זײַנען געוואָרן די מאָסקווער ייִדישע דיכטער כאַיִם ביידער און באָריס מאָגילנער.

מיר באַגריסן האַרציק אונדזערע כאַווײרים און ווינטשן זיי נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

ייִדיש אין ייִשראל: צוויי נאָטיצן אינעם נומער פון דער ייִשראלדיקער פּראָגרעסיווער צײַטונג „דער וועג" פון 29 אָקטיאָבער 1988

דאָס נײַע ייִדישע טעאַטער ווערט ליקווידירט?

די צײַטונג „לעצטע נײַעס" (17.11.88) טיילט מיט, אַז „דאָס נײַע ייִדישע טעאַטער ווערט שוין ליקווידירט", און אַז דאָס געשעט „צוליב מאַנגל אין פינאַנסן", און אַז „דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט ניט אויסגעצאָלט די צוגעזאָגטע סובסידיע".

איך האַלט פאַר נייטיק איבערצוגעבן די גאַנצע ידיעה אַזוי, ווי זי איז דערשינען אין די „לעצטע נײַעס", וואָס עס איז, ווײַזט אויס, אַ קאָמוניקאַט פון דער דירעקציע פונעם ייִדישן טעאַטער.

„דאָס ייִדישע טעאַטער אין ייִשראל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק, האָט מוידיע געווען וועגן אָפּשטעלן די טעטיקײַט נאָך דעם, ווי ס'איז ניט אַרײַנגעקומען די איינמאָליקע סובסידיע פונעם בילדונגס־מיניסטעריום — 50.000 שעקאָלים.

נאָכן אָפּוואַרטן צוויי כאָדאָשים האָט דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער שמועל אַצמאָן באַשלאָסן אָפּצושטעלן די טעטיקײַט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זײַנען אָפּגערופן געוואָרן אַלע פאָרשטעלונגען פון דעם ספּעקטאַקל „מעגילע" און עס זײַנען אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן די צוגרייטונגען פון די ווײַטערדיקע פאָרשטעלונגען אין טעאַטער.

אַצמאָן טײַנעט, אַז די אונטערשטיצונג פון דער איריאַ פון תל־אביב איז ניט גענוגנדיק פאַר דער לויפנדיקער טעטיקײַט פונעם טעאַטער און אַז „אויב אין רוסלאַנד ווערן אויסגעהאַלטן פיר ייִדישע טעאַטערס, איז שוין די העכסטע צײַט, אַז מעדינאַס ייִשראל זאָל אונטערשטיצן כאָטש איין ייִדיש טעאַטער".

דאָס איז די ידיעה, וואָס מיר דרוקן איבער פון דער צײַטונג „לעצטע נײַעס". ס'איז נאָך אַ באַווײַז וועגן דער ניט־ערנסטקײַט פון די פײַערלעכע דעקלאַראַציעס וועגן דער אָנערקענונג פון ייִדיש און פון דער ייִדישער קולטור מיצאַד פאַרשיידענע הויכע רעגירונגס־פּערזענלעכקײַטן בעשאַס פײַערונגען פון צוטיילן פאַרשיידענע פּרעמיעס. עס שטעלט זיך דערבײַ נאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס שווײַגט דער וועלט־ראַט פאַר ייִדיש אין אָנבליק פון שליסן דאָס טעאַטער, מיט וועלכן מע האָט פאַרבונדן אַזויפיל האָפענונגען און וועלכער האָט אָנגעהויבן ווערן אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר אין ייִשראלדיקן לעבן? צי וואָלט ניט צײַט געווען אונטערצונעמען אַן אַקציע און ניט דערלאָזן צו שליסן דאָס נײַע ייִדישע טעאַטער, וועלכער איז אַנטשטאַנען מיט אַזויפיל מי און אָנשטרענגונגען, מיט וועלכן מע האָט פאַרבונדן אַזויפיל האָפענונגען?

יודלאַמעד

וועגן ייִדיש

מיט אייניקע יאָרן צוריק, זײַענדיק אויף אַ ייִדישער קולטור־אונטערנעמונג אין „בייס לייוויק", האָט דער דיכטער יוסעף פּאַפּערניקאָוו דערקלערט, אַז „מע וועט גיכער זען אין די שויפענצטער פון די בוך־געשעפטן אין דער מעדינע היטלערס בוך „מײַן קאַמף", איידער אַ ייִדישן בוך". ווי *באַוווסט, האָט מען לעצטנס געפײַערט דעם 90־טן* געבורטסטאָג פון יוסעף פּאַפּערניקאָוון, וועלכער וווינט שוין צענדליקער יאָרן אין ייִשראל.

די ווערטער פונעם דיכטער האָבן אַרויסגערופן אומצופרידנקײַט צווישן די אָנוועזנדיקע, און, צווישן אַנדערע, אויך באַם שרײַבער פון אָט די שורעס ס'איז ניט צו פאַרשטיין, וויאַזוי עס קאָן אַ ייִדישער שרײַבער אין לאַנד אַזוינס זאָגן עפנטלעך. און דאָך זײַנען גוט באַקאַנט די פאַקטן. פון דער טעגלעכער צײַטונג „אַל האַמישמאַר" (פון 30.8.88) דערוויסן מיר זיך אין אַ לאַנגן אַרטיקל פונעם זשורנאַליסט ראוון אַשור, אַז היטלערס „מײַן קאַמף" ווערט איבערגעזעצט אויף איוורים. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז „אין ייִשראל זײַנען פאַראַן אַ סאַך אַנטי־ייִדישע איבערזעצונגען, ווי, צום בײַשפּיל, „די פּראָטאָקאָלן פון זיקניי־ציאָן", ווײַל דער יונגער לייענער אין לאַנד דאַרף זײַן באַקאַנט מיט דער אַנטי־ייִדישער טעמאַטיק".

די פראַגע פון ייִדיש ווערט אָן איבעררײַס באַ*האַנדלט אין די לענדער, אין וועלכע ס'לעבן גרע*סערע צאָלן ייִדן. צום באַדויערן, האָט אַפילע אין אַמעריקע (מיט 6 מיליאָן ייִדן) אויפגעהערט דערשײַנען די „מאָרגן־פרײַהײַט", וועלכע איז אַרויסגעגאַן אין מעשעך פון 66 יאָר. פיל יאָרן איז די אויסגאַבע דערשינען אַלס טאָג־צײַטונג און, איבערגייענדיק אין אַ וואָכן־צײַטונג, ניט געקאָנט פאַרזעצן איר עקזיסטענץ און זיך געמוזט שליסן. אין זייער אַ שווערער לאַגע געפינען זיך אויך אַנדערע ייִדישע אויסגאַבעס.

אין ייִשראל, וווּ ס'לעבן אַן ערעך 800 טויזנט ייִדיש־ריידנדיקע, האָט די מעלוכישע ראַדיאָ גע-

קירצט די צײַט פון דער יידישער טראנסליאציע. 6 פרי יעדן טאָג און שאבעס 8 פרי האָט מען אין משך פון 15 מינוט איבערגעגעבן נײַעס אין יידיש — דאָס אלץ איז אנולירט געוואָרן. ס'איז געבליבן בלויז די יידיש־אאודיציע אין אָוונט. ס'איז צו באדויערן, וואָס עס זעט זיך ניט פאָר קיין פארבעסערונג אין דער מאראָכע פון יידיש.

ס'איז דעריבער פריידיק צו פארצייכענען, אז דער מאָסקווער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט שוין ארויסגעגעבן דעם דריטן נומער מיט שאפונגען פון יונגע יידישע שריפטשטעלער. דער שרײַבער פון די שורעס האָט שווער איבערגעלעבט די גרויסע טראגעדיע פון דער יידישער קולטור אין דער סטאלין־טקופע, פארצייכענענדיק אָבער די קלאָרע טענדענץ אופצולעבן יידיש. גענוג צו נעמען דעם ארטיקל פונעם שעף־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס אינעם נומער 7 (פארן 1988) וועגן דער זאָרג פאר יידיש און דעם פראָגנאָז אפן 21־טן יאָרהונדערט, אין וועלכן ס'ווײַזט זיך אָן אף די מיטלען אויסצוברייטערן יידיש אין פארשיידענע געביטן.

א. ווערגעליס שרײַבט אין זײַן זאכלעכן ארטיקל, אז אין רעזולטאט פון דער אקטיוויזירונג פון דער יידישער ליטעראטור ווערן געמאכט באמיזונגען צו שאפן טריבונעס אין קיעוו, אין מינסק פאר יידישע שרײַבער און פאר יידיש־ריידנדיקע.

צום גרויסן באדויערן, ווערט אין יִיסראָעל אײַנגעשרומפּן דאָס יידישע געזעלשאפטלעכע און קולטור־לעבן. ס'זײַנען פאראן גרופּעס, וואָס לערנען יידיש אין געוויסע שולן און אין עטלעכע הויכשולן, דאָס איז אָבער א טראָפּן אין יאם. ס'איז ניט געשאפן געוואָרן און ס'ווערט ניט געשאפן אן אטמאָספער פאר יידיש. ס'וואָלט שוין בעעמעס צײַט געווען, אז סײַ דער יידישער שרײַבער־פאריין און סײַ דער וועלט־ראט פאר יידיש זאָלן ווערן אקטיווער אפן געביט פון אנטוויקלען יידיש אין יִיסראָעל.

בען־צווי

פון דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד"

ווען דער דאָזיקער נומער פון אונדזער זשורנאל איז שוין געווען אין דרוק, האָבן מיר באקומען די צײַטונג „דער וועג" פארן 3 יאנואר 1989 מיט פאָלגנדיקער נאָטיץ:

דער יידישער טעאטער באַנײַט זײַן טעטיקײַט

מיט א צײַט צוריק איז אין דער פרעסע איבערגעגעבן געוואָרן, אז דער נײַער יידישער טעאטער האָט אָפּגעשטעלט די אופירונג פון דער „מעגילע" פון איציק מאנגער, ווײַל די דירעקציע האָט ניט באַקומען די צוגעזאָגטע סובסידיע. אויך אין „דער וועג" איז איבערגעגעבן געוואָרן די ידיעה מיט א קאָמענטאר.

ווי די דירעקציע פונעם יידישן טעאטער אינפאָרמירט איצט, האָט „דער יידישער טעאטער אין יִיסראָעל באַנײַט זײַן טעטיקײַט מיט א גרויסער דערפאָלגרײַכער אופירונג „שווער צו זײַן א ייד" אונטער דער רעזשי פון יִיסראָעל בעקער". די ערשטע אופירונג — דעם 7־טן יאנואר 1989.

אין קאָמוניקאט פון דער דירעקציע פונעם טעאטער ווערט געזאָגט, אז אין מארט—אפּרעל וועט באַנײַט ווערן די אופירונג פון דער „מעגילע" פון איציק מאנגער און אז עס ווערט שוין צוגעגרייט א נײַער רעפּערטואר, וואָס שליסט אײַן די אופירונג „דער לעצטער פון די שיידים" פון יִיצחאָק באשעוויס־זינגער, „זײַן נאָמען גייט פאָרויס" פון עפראַים קישאָן און די דראמע „א שיין מיידל" פון בארבארא לייבא.

דער יידישער טעאטער איז ווידער פארבעטן געוואָרן צום פעסטיוואל אין וויסבאדען און וועט אויך אין דער זעלבער צײַט גאסטראָלירן אין פראנקרײַך און אין בעלגיע.

מיר שליסן זיך אָן אינעם ווונטש פון דער דירעקציע פונעם יידישן טעאטער אין יִיסראָעל, אז: „ס'איז צו האָפן, אז מיט דער הילף פון דער יידישער עפנטלעכקײַט און פון די אינסטאנצן וועט דער טעאטער ווידער זוכא זײַן צו א בעקאָוועדיקן סעזאָן".

ציטאטעס פון דער סאָוועטישער פרעסע

ר. נ. נישאנאָוו, ערשטער סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּארטיי פון אוזבעקיסטאן: ...מער פון 55 מיליאָן מענטשן פון פארשיידענע נאַציאָנאליטעטן לעבן אויסער זייער נאַציאָנאלער טעריטאָריע. איז פארוואָס ניט אָרגאַניזירן פאר זיי נאַציאָנאלע ראַיאָנען, אפילו נאַציאָנאלע דאָרפראַטן אין די גרענעצן פון רעפּובליקן און געגנטן?

וו. א. מיכײַלאָוו, פארטרעטער פונעם פארוואלטער פון דעם אָפּטייל אין צק קפּסס פאר אָרגאַניזאַציאָנעל־פּארטיײִשער ארבעט, פארוואלטער פונעם אונטעראָפּטייל פאר צווישננאַציאָנאלע באַציִונגען: אגעוו, מיר האָבן געהאט א דערפארונג, ווען עס האָבן פונקציאָנירט נאַציאָנאלע ראַיאָנען, נאַציאָנאלע ראטן. פיל פון די בײַזוועזנדיקע געדענקען אפאָנעם די פארמילכאָמעדיקע גריכישע ראַיאָנען, דײַטשישע, ייִדישע... בלויז אין דער רוסלענדישער פעדעראַציע און אף אוקראַיִנע זײַנען געשאפן געווען אריבער דרײַ הונדערט ראַיאָנען און בא דרײַ טויזנט דאָרפישע ראטן. אדאנק זיי פלעגן געלייזט ווערן א סאך פראגן פון קולטור־ און שפּראך־אנטוויקלונג, פון באפרידיקן אנדערע נאַציאָנאלע באדערפענישן. און פארוואָס קאָן מען ניט אין די שטעט האָבן נאַציאָנאלע קלובן, קולטור־צענטערס?

(„פּראַוודא“, פון די מאטעריאלן פונעם „רונדן טיש“: „פּססר — געמיינזאמע שטוב“)

אין א באַליביקער נאָרמאלער געזעלשאפט דארף עקזיסטירן א באשטימטער מינימום פון נאָרמעס און קלאָלים, וועלכע זײַנען אנערקענט מיצאד אלע מיטגלידער פון אָט דער געזעלשאפט, צי זיי ווילן עס, צי ניט. אין דעם באשטייט דער סייכל־האַיאָשער, אף וועלכן עס האלט זיך די געבײַדע פון די מענטשלעכע באַציִונגען. צו אזעלכע אומבאשטרײַטבארע נאָרמעס געהערט — אויב ניט דער אינטערנאַציאָנאליזם פון דענקען, איז יעדנפאלס די ניט־דערלויבטקײַט פון שאָוויניסטישער פּראָפּאגאנדע און פון אומטאָלעראנץ בענעגייע אנדערע פעלקער און פעלקערשאפטן. פארוואָס זשע דארפן מיר ארויסווײַזן טאָלעראנץ צו אזא מין אומטאָלעראנץ, וועלכע איז נאָענט צום נאַציזם? פארוואָס דארף מען איגנאָרירן אין די באדינגונגען פון דעמאָקראטיזאַציע דעם אנטשפּרעכיקן פּאראגראף פון דער קאָנסטיטוציע און אָפּשאצן די אומגעזעצלעכע מײַסים, נעמלעך, — די מענטשן־פײַנטלעכע פּראָפּאגאנדע פון „פּאמיאט“ — בלויז אלס הויצאָעס פון דעם פּליוראליזם פון מיינונגען?

(„מאָסקאָווסקיִע נאָוואָסטי“)

אין זײַן ארטיקל (זשורנאל „מאָסקווא“, נום. 9, 1988) שרײַבט וו. באָנדארענקאָ, אז אי. באבעלס שאפונג איז א „דערשײַנונג פון דער ייִדישער ליטעראטור“. ס׳באקומט זיך, אז דער אווטאָר „זעצט ארויס“ פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראטור ניט נאָר „די אָדעסער דערציילונגען“, נאָר אויך „די רײַטער־ארמיי“, און עפּשער איז „דערלויבט“ צוצורעכענען פארשיידענע ווערק פון איינעם און דעם זעלבן שרײַבער צו פארשיידענע נאַציאָנאלע ליטעראטורן?

ניט שוין זשע איז ניט קלאָר, אין וועלכע טיפענישן עס קאָן פארפירן אזא פּראקטיק פון „ליטערארישע דעפּאָרטאציעס“?

(„סאָוועטסקאיא קולטורא“)

אין די צווישננאַציאָנאלע באַציִונגען זײַנען (אין ביראָבידזשאן) פאראן פּראָבלעמען, ווי אין א באַליביקער אנדערער ספערע. איינע פון זיי איז די באדײַטנדיקע פארקלענערונג פונעם טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג (אין דער באפעלקערונג פון דער געגנט איינגאנצן גענומען). די הויפּט־סיבע איז דאָ די נאטירלעכע אסימיליאַציע אפן כעזשבן פון די צווישננאַציאָנעלע הייראטן. פון איין זײַט, איז דאָס א פּאָזיטיווער פּראָצעס, פון דער צווייטער זײַט, פאָדערט זיך א דערקלערונג און אן אנאליז. וואָס טאָן, קעדיי צוציִען אין דער געגנט ייִדן און בירגער פון אנדערע נאַציאָנאליטעטן — דאָס איז א פראגע, וועלכע ווארט אף איר לייזונג.

פּ. טעמצין,
לעקטאָר פון געגנטקאָם קפּסס
(„ביראָבידזשאנער שטערן“)

■ ■ ■

ליטעראַטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

מיראָן ווײַסמאַן

באָבעל און הערשעלע אָסטראָפּאָליער

עס איז אַלעמען גוט באַוווּסט, אַז די באָבעס שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָליע אינעם ליטעראַטור־לעבן. פאַרוואָס עפּעס ניט די זיידעס, נאָר גראָד די באָבעס? מאַנצבילן־שרײַבער זײַנען דאָך, לויט דער סטאַטיסטיק, אַ סאַך מער, איידער פרויען־שרײַבער. נאָר אויב בעסער זיך פאַנאַנדערקלײַבן, קאָנען די פרויען, אָן צווייפל, מיט פולער רעכט שטאָלצירן מיט זייער בײַטראָג אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. און דאָס אַלץ איז, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אונדז וועט אויסקומען ווילנדיק, ניט־ווילנדיק אינעם אַרטיקל ריידן וועגן אַ פרוי, וואָס איז, ווייך גערעדט, ניט גאָר קיין כאַכאָמע... נאָר דאָס וועט זײַן שפּעטער. דערווײַל וועלן מיר דערמאָנען ניט נאָר פּושקינס און גאָרקיס באָבעס, נאָר אויך איסאַק באַבעלס. אין זײַן פריִער קינדהײַט פלעגט די פרוי אין אַ פּאַטשיילע ניט מיד ווערן אים דערציילן „מײַסעס". שרעקלעכע — וועגן האָנטע קאָזאַק, וואָס האָט אין אומאַן דערשטאָכן זײַנע אייגענע קינדער, און פריילעכע — וועגן דעם לוסטיקן קאַפּצן הערשעלע פונעם ייִדישן שטעטל אָסטראָפּאָליע.

דאָס קינד האָט באַזונדערס געקוועלט פון די מײַסעלעך, אין וועלכע הערשעלען פלעג זיך אײַנגעבן קונציק אָפּפּריצעווען אַ גוויר, ניין, ניט סתם אַ גוויר, נאָר פון יענע, וואָס ווילן בעשום־אופן ניט העלפן אַן אָרעמאַן. בײַ דער באָבען איז דאָס שוין געווען אַ מין ריטואַל: ווי נאָר דעם אייניקלס פּנעמל פלעג בלייך ווערן פון האָנטעס שוידערלעכע מײַסים, איז זי גלײַך איבערגעגאַנגען אויף הערשעלע אָסטראָפּאָליערס שפּיצלעך, וועלכע האָבן געפרייט די נשמה.

די מײַסע, וואָס הערשעלע האָט אָפּגעטאָן מיטן שטעטלדיקן פּראַצענטניקס גאָלדענעם בעכער, האָט דאָס אייניקל פאַרווײַלט מער פון אַלע אַנדערע. קוקנדיק אויפן אויסדרוק פון זײַן נײַגעריק פּנעם, האָט די באָבע געשמאַקעוועט יעדעס וואָרט, און כאָטש דאָס איז דערציילט געוואָרן שוין ניט צום ערשטן מאָל, האָט דאָס ייִנגל מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן...

פריִער האָט הערשעלע אַנטליִען בײַם פּראָצענטניק אַ זילבערנעם לעפל און אין אַ צײַט אַרום האָט ער אים אָפּגעבראַכט צוויי לעפל און האָט דערבײַ גאַנץ ערנסט דערקלערט, אַז דער גרויסער לעפל האָט געבוירן אַ קליין לעפעלע, און אויף וויפל ער, הערשעלע, איז אַן אָרנטלעכער מענטש, דאַרף ער ניט האָבן קיין פרעמדס. נאָכדעם האָט הערשעלע דורכגעמאַכט דאָס זעלבע מיט אַ זעלצערל, באַווײַזנדיק דעם פּראָצענטניק, אַז דאָס נאָרוואָס געבוירענע פּיצינקע זעלצערל איז, ווי מע זאָגט, „די מאַמע מיט די ביינער". די אַלע וווּנדערלעכע „געבורטן" זײַנען אַזוי געפעלן געוואָרן דעם פּראָצענטניק, אַז ער האָט שוין אַליין געבעטן הערשעלען אַנטלײַען בײַ אים עפּעס מער ווערטפולס, נו, לאָמיר זאָגן, אַ גרויסן גאָלדענעם בעכער...

ס'איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, און פּלוצעם קומט הערשעלע צו לויפן מיט אַ גרויס געוויין און, ווישנדיק די ביטערע טרערן, לאָזט ער צו וויסן דעם געפּלעפטן באַלעבאָס, אַז דער גרויסער בעכער איז נעבעך... געשטאָרבן פון קימפּעט. דאָס הייסט, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען!

— וואָס בעבעסטו, משוגענער?! — האָט אויסגעשריגן דער גוויר. — ווו האָסטו געזען, אַז אַ בעכער זאָל שטאַרבן?!

אויף דעם האָט הערשעלע רויִק געענטפערט:

— און ווו האָט איר געהערט, אַז אַ לעפל זאָל געבוירן אַ לעפעלע?..

דער קינפּטיקער שרײַבער האָט געפרעגט בײַ דער באָבען, וויאַזוי האָט עס הערשעלע געוווּסט פאַרפריִער, אַז דער פּראָצענטניק וועט זיך כאַפּן אויף דער וועגעטקע און וועט ניט דערווידערן, אַז אַ לעפל קאָן ניט געבוירן קיין לעפעלע?

— זעסטו, ליבינקער, — האָט אים דערקלערט די באָבע, — הערשעלע האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן טיפּ פּראָצענטניקעס, וואָס זאָגן זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון אַ פאַרדינסטל און מיינען, אַז זיי זײַנען קליגער פונעם אָרעמאַן.

— זאָג זשע מיר, באָבעניו, אויב די אָרעמע זײַנען קליגער, פאַרוואָס ווערן זיי ניט קיין גווירים?

— ווײַל זיי זײַנען גוטהאַרציקער!

די באָבע האָט געהאַט אויך אַנדערע מײַסעלעך.

לעמאַשל, וויאַזוי איינמאָל באַנאַכט זײַנען צו הערשעלען אין שטוב אַרײַנגעקראָכן גנאָווים. זיי האָבן געניִשטערט אין אַלע ווינקעלעך און גאָרנישט ניט געפונען. דאָס ווײַב האָט אויפגעוועקט הערשעלען און שטיל געזאָגט, אַז אין שטוב זײַנען אַרײַן גנאָווים. הערשעלע האָט איר פֿאַרשטופּט דאָס מויל: שאַ, עפּשער וועלן זיי עפּעס איבערלאָזן פֿאַר אונדז...

אָדער וועגן דעם, ווי הערשעלע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ קרעטשמע, און די קרעטשמערקע האָט אים ניט געוואָלט אָנהאָדעווען, האָט הערשעלע זיך אָפּגעקערט פֿון איר און אַ זאָג געטאָן אינדערהויך: „אויב אַזוי, וועל איך מוזן טאָן, וואָס מײַן טאַטע האָט געטאָן!" דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט זיך די באַלעבאָסטע דערשראָקן: ווער ווייסט וואָס זײַן טאַטע האָט געטאָן? און האָט אים געגעבן גוט אָפּצועסן און נאָך ווײַן צו פֿאַרטרינקען. נאָך דער װאַטער װעטשערע פֿרעגט זי בײַ אים: זאָגט, זײַט אַזוי גוט, וואָס זשע האָט אײַער טאַטע געטאָן?

— זייער פּאָשעט, — האָט געענטפֿערט דער שעלמאַק, — ווען מײַן טאַטע האָט ניט געהאַט קיין וועטשערע, פֿלעגט ער זיך לייגן שלאָפֿן אַ הונגעריקער.

און נאָך אַ סאַך אַזעלכע מײַסעס פֿון די פּאָשעטע ייִדן, וועלכע האָבן בײַ שאָלעם־אַלייכעמען באַקומען דעם טיטל: „אָרעמע און פֿריילעכע".

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעזעצט אין דער קינדערשער נעשאָמע, און שפּעטער, ווען דער גוירל זאָל אים ניט פֿאַרוואַרפֿן, האָט איסאַק באַבעל, אַפֿילע אונטערן פֿײַער פֿון ביקסן און האַרמאַטן, געטראַכט וועגן הערשעלען פֿון אָסטראָפּאָליע.

ווען מאַקסים גאָרקי האָט געזייצט דעם יונגן שרײַבער גיין „צווישן מענטשן", פֿלעג באַבעל קעסיידער אויסקלײַבן די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און אייגנאַרטיק געפֿערלעכסטע ערטער, ווי מע זאָגט, אין סאַמע גענעם־פֿײַער, נאָכפֿאָלגנדיק, ווײַזט אויס, דעם קלאַל, אַז אין גענעם דערקענט מען דעם מענטשן בעסער, איידער אין גאַניידן.

אין 1920, קימאַט גלײַך נאָך דער כאַסענע, ווערט באַבעל פֿרײַוויליק אַן אָנטיילנעמער אין בידגערקריג אויפֿן פּוילישן פֿראָנט אין די שלאַכט־שערענגעס פֿון דער ערשטער רײַטער־אַרמיי. דאָרט באַווײַזט ער סײַ גיין אין אַטאַקעס אויף די ווײַספּאָליאַקן, סײַ שרײַבן פּלאַמיקע נאָטיצן אין דער צײַטונג „קראַסני קאַוואַלעריסט", סײַ... טראַכטן וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

אַלפּי נײַעס האָט זיך פֿאַרהיט זײַן רײַטער־אַרמייִשער טאָגבוך[1]. אין די פֿאַרנאָטירונגען פֿאַרן 23 יולי 1920 (אונטער דער שטאָט דובנאָ, אין דאָרף וועבאַ, „אַ פֿאַרפּליצטעס מיט טויזנטער פֿערד און וועגענער"), שטויסן מיר זיך אָן, צווישן אַנדערס, גראָד אויף די ווערטער: „איך טראַכט וועגן הערשעלען".

דאָס זײַנען געווען ניט קיין פּוסטע געדאַנקען, נאָר שפּעפֿעריִשע. די זאַך איז אין דעם, וואָס האָבנדיק אַ נייגונג צו ציקלווײַזע שעפֿעריִשע פֿאַרטראַכטן, האָט באַבעל קימאַט אייגנאַרטיק פּאַראַלעל געאַרבעט איבער עטלעכע דערציילונג־ציקלען, פֿון וועלכע איייניקע זײַנען שפּעטער פּובליקירט געוואָרן (אַזעלכע זײַנען די „רײַטער־אַרמיי", „אָדעסער דערציילונגען", „אויפֿן פֿעלד פֿון ערע"), און אַנדערע זײַנען געבליבן ניט קיין פֿאַרענדיקטע (צווישן זיי — דער ציקל „הערשעלע").

און איבערן ציקל „הערשעלע" האָט דער שרײַבער געאַרבעט, זאָגט איידעס ניט בלויז דער טאָגבוך, נאָר אויך די דערציילונג „ראַבי".

לאָמיר זיך דערמאָנען דאָס אָרט אין דער דערציילונג, ווען דער אַלטער זשיטאָמירער ייִד געדאַליע פֿירט אויף דעם 26־יאָריקן באַבעלן צום צאַדיק רעב מאָטעלע, צום לעצטן רעבע פֿון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע.

„דער רעבע איז געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און זיך געגריבלט מיט די דאַרע פֿינגער אינעם געלן בערדל.

— פֿונוואַנען קומט אַ ייִד? — האָט ער געפֿרעגט און האָט אויפֿגעהויבן די ווײַעס.

— פֿון אָדעס, — האָב איך געענטפֿערט.

— אַן ערלעכע שטאָט, — האָט געזאָגט דער רעבע, — דער לײַכטשטערן פֿון אונדזער גאָלעס, דער אומשולדיקער קוואַל פֿון אונדזערע אומגליקן!.. מיט וואָס באַשעפֿטיקט זיך אַ ייִד?

— איך לייג איבער אין פֿערזן די אויפֿטועכץ פֿון הערשל אָסטראָפּאָליער"[1].

מיר דענקען, אַז מיטן ענטפֿער „איך לייג איבער אין פֿערזן" האָט באַבעל אָמפּינקטלעכסטן באַשטימט דעם זין פֿון זײַן אַרבעט — ניט אומזיסט האָבן איליאַ ערענבורג און אַנדערע מײַסטערס פֿונעם קינסטלערישן וואָרט אָנגערופֿן באַבעלס דערציילונגען „פֿערזן אין פּראָזע".

ס'איז מערקווירדיק, אַז באַבעלן איז לאַכלוטן פֿרעמד געווען דאָס געפֿיל פֿון אוטאָרישן ערגײַץ, ער האָט שטענדיק געטראַכט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן דעם לייענער. אָט פֿאַרוואָס ער האָט ניט געהאַלטן פֿאַר קיין אומקאָוועד זיך פֿאַרנעמען מיט איבערזעצונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן, זיך ניט געיאָגט נאָך אָריגינעלע שאַפֿונגען, און אַז אַ פֿרעמדע שאַפֿונג איז ווערט, מע זאָל זי איבעראַרבעטן צוליב אַ מער שטאַרקערער עסטעטישער אויפֿווירקונג אויפֿן לייענער, פֿלעגט ער גערן „איבערלייגן" — אַן ערעך אַזוי, ווי עס פֿלעג דאָס טאָן קרילאָוו מיט לאַפֿאָנטענען. און דערבײַ פֿלעג באַבעלן קיינמאָל נישט קימערן ניט די ליטעראַרישע אַוטאָרשאַפֿט, ניט די פֿאָלקלאָרישע אָפּשטאַמונג פֿונעם ווערק.

איסאַק באַבעלן האָט אויך ניט אָפּגעשטעלט די שפּראַך פֿון דעם אָריגינאַל, ווײַל ער איז געווען אַ טיף־געבילדעטער מענטש און האָט באַהערשט סײַ די גרונטיקע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, סײַ ייִדיש און העברעיִש. ער האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש שאָלעם־אַלייכעמס איייניקע דערציילונגען, ווען ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די איבערזעצונגען, וואָס עמע־

---

[1] ער געפֿינט זיך בײַ דעם שרײַבערס אַלמאַנע. א. נ. פּיראָזשקאָוואַ — אַ געדיכט פֿאַרשריבענער מיט אַ בלייער קאָנטאָר־בוך.

[1] ציטירט לויט דעם בוך: «И. Бабель. Избранное. Москва, 1966.

צער האָט שוין געמאַכט, זײַנען ניט אינגאַנצן געלונגענע. ס'האָט זיך אויך באַוויזן דער ציקל „אויפֿן פֿעלד פֿון ערע"[1] — דערציילונגען וועגן די שלאַכטן אויף דער פֿראַנצייזישער ערד און דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, וואָס דער קאַפּיטאַן ווידאַל האָט אָנגעשריבן אויף פֿראַנצויזיש, און באַבעל האָט זיי „איבערגעלייגט" אויף רוסיש.

איצט פֿאַרשטייען מיר, וויאַזוי באַבעל האָט אויפֿגענומען די רײַכע פֿאָלקלאָר־ירושע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, וועלכע האָט זיך מינדלעך איבערגעגעבן פֿון דור צו דור. איינע און די זעלבע מײַסעס פֿון הערשעלע אָסטראָפּאָליער פֿלעג יעדער דערציילער איבערמאַכן אויף זײַן אויפֿן. פֿאַרוואָס זשע זאָל ער, איסאַק באַבעל, ניט זײַן דער הונדערטערשטער און איבערגעבן די דאָזיקע פּערל פֿונעם פֿאָלקס־הומאָר אויף זײַן מאַניר — שעפֿעריש, ווי א ליטעראַטאָר, א שרײַבער!

אין דער נייטיקײַט פֿון אַזאַ אַרבעט איז קיין צווייפֿל ניט געווען. דאָ איז צום אָרט זיך דערמאָנען, ווי דער רעבע רעב מאָטעלע טשערנאָבילער האָט אונטערגעהאַלטן דעם יונגן שרײַבער אין זײַנע שעפֿערישע קאַוואָנעס: „דאָס איז א גרויסע זאַך, — האָט שטיל געזאָגט דער רעבע און אַראָפּגעלאָזט די וויִעס. — א שאַקאַל קרעכצט, ווען ער איז הונגעריק, יעדן שוטע קלעקט גענוג נאַרישקײַט פֿאַר מאַרעשכוירע, און בלויז דער כאָכעם איז בעקויעך מיט דער היליף פֿון געלעכטער צערײַסן דעם פֿאַרהאַנג פֿונעם טאָגטעגלעכן לעבן". אין דעם רעבנס מויל האָבן די ווערטער געקלונגען, ווי א הויכע אָפּשאַצונג פֿונעם פֿאָלקס־הומאָר — און באַבעל אַלס שרײַבער איז דאָך געווען טאַלאַנטפֿול קודעמקאָל אין דעם דאָזיקן פּראַט.

צום גרויסן באַדויערן, איז צווישן באַבעלס דערשינענע ווערק פֿאַראַן בלויז איין דערציילונג פֿונעם פֿאַרטראַכטן ציקל „הערשעלע". דאָס איז די נאָוועלע „שאַבעס־נאַכמו". צום ערשטן מאָל איז זי פּובליקירט געוואָרן דעם 16 מאַרט 1916 אין דער צײַטונג „וועטשערניאַיאַ זוועזדאַ". מיר געפֿינען זי אויך קימאַט מיט א האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער אין די איבערדערמאָנטע „געקליבענע ווערק". די דערציילונג איז געגעבן מיט אַזאַ אָפּמערקונג: „שאַבעס־נאַכמו איז א ייִדישער יאָמטעוו". איינדערעמעסן איז דאָס ניט אינגאַנצן אַזוי. דאָס איז ניט קיין באַזונדערער יאָמטעוו, נאָר פּאָשעט דער ערשטער פֿון די זיבן שאַבאָסים נאָך די נײַן טעג אין כוידעש אָוו, וועלכע ווערן אָפּגעמערקט אַלס טרייסט־שאַבאָסים. „ער רעכנט זיך פֿאַר א פֿריילעכן שאַבעס, אין וועלכן ס'קומען קלוימערשט פֿאַר פֿריילעכע געשעענישן" — אַזוי איז געזאָגט וועגן שאַבעס־נאַכמו אין דער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע". אין דעם דאָזיקן שאַבעס לייענט מען אין דער סינאַגאָגע די האַפֿטוירע, אין וועלכער עס שטייען אַזעלכע ווערטער: „נאַכמו, נאַכמו אמי", דה. „טרייסט זיך, טרייסט זיך, מײַן פֿאָלק".

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס נאָך די דרײַ טרויעריקע שאַבאָסים ביז די נײַן טעג אין אָוו האָט דאָס פֿאָלק געוואַרט אויפֿן שאַבעס פֿון טרייסט.

[1] זשורנאַל «Лава». 1920, ז. 10—13.

מיר מערקן עס אָפּ, קעדיי דער לייענער זאָל זיך לײַכטער פֿאָרשטעלן די נאַיִווע דערוואַרטונגען פֿון א קליינשטעטלדיקער גאָטספֿאַרכטיקער ייִדענע, וועגן וועלכער ס'וועט גיין א רייד. כוץ דעם, קעדיי בעסער פֿאַרשטיין די סיטואַציע, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז עס איז פֿאַראַן אַן איינקלאַנג צווישן דעם וואָרט „נאַכמו" און די ייִדישע נעמען „נאַכמען" און „נעכאָמע", פֿון וואָס עס קאָן זיך פֿאַרדרייען דער קאָפּ בא א נאַריש ווײַבל, זי זאָל פֿאַרפּלאָנטערן דעם „שאַבעס־נאַכמו" מיטן נאָמען נאַכמען, וואָס איז קלוימערשט אַראָפּגעקומען פֿונעם הימל. אייגנטלעך האָט דאָס אַלץ איניינעם געשאַפֿן דעם אַנעקדאָטישן גרונט פֿאַר דער קאָמישער דערציילונג וועגן הערשעלעס שפּיצל.

איסאַק באַבעל האָט פֿאַרוואַנדלט דעם אַנעקדאָט אין א ליטעראַריש ווערק, איבערטראָגנדיק דעם טראַדיציאָנעל־פֿאָלקלאָרישן סוזשעט אין א טיף־רעאַליסטישער דערציילונג.

דער פֿאָרשער פֿון איסאַק באַבעלס שאַפֿונג פֿיאָדאָר לעווין מערקט אָפּ: „אין דער דערציילונג איז ביז גאָר פּינקטלעך געשילדערט דער ביזרעוואָליוציאָנערער ייִדישער שטייגער, זײַנע מינהאָגים, טראַדיציעס און דער אַרט לעבן. אין דער דערציילונג באַצויבערט אונדז די הויכע קונסט פֿון איבערגעבן די אינטאָנאַציעס, דעם שפּראַך־געבוי פֿון דעם שטעטלדיקן ייִדנטום און דעם אייגנאַרטיקן הומאָר, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אין שפּרוכן און גלײַכווערטלעך פֿון דעם דאָזיקן שיכט ייִדן, און איז מיט א ברייטער האַנט באַוויזן אין די שאַפֿונגען פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרים, שאָלעם־אַליכעם און אַנדערע ייִדישע שרײַבער"[1].

אַגעוו, די אויפֿגאַבע צו פֿאַרגלײַכן דאָס ליטעראַרישע ווערק מיט די מינדלעכע מוסטערן פֿון דער פֿאָלקס־שאַפֿונג איז א גאַנץ שווערע, מאַכמעס די פֿילצאָליקע פֿאָלקלאָרישע וואַריאַציעס. אונדז האָט אָבער אָפּגעגליקט צו געפֿינען א געדרוקטן, אַלטן, אַזוי צו זאָגן, קאַנאָניזירטן טעקסט פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסמײַסע וועגן דעם קאַפּצן הערשעלע און דעם טרייסט־שאַבעס — „שאַבעס־נאַכמו".

אין 1897 האָט ב. שוכמאַן אַרויסגעגעבן א בוך אין ייִדיש. אויפֿן שאַרבלעטל איז געווען אַן אויפֿשריפֿט אין רוסיש: «Анекдоты о весельчаке Гершеле Астропольского» (אַנעקדאָטן וועגן דעם פֿריילעכן הערשעלע אָסטראָפּאָלסקי). דער טעקסט איז געווען געדרוקט מיט דער אַלטער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, מיט נעקודעס. אין דער קליינער האַקדאָמע (אין רוסיש) איז געזאָגט, אַז דער בוך דרוקט זיך צום ערשטן מאָל און אַז די לייענער וועלן האָבן פֿאַרגעניגן, מע וועט פֿאַרשפּאָרן גיין אין טעאַטער. און ווירקלעך, דער לייענער האָט דאָרט געפֿונען א סאַך פֿריילעכע וואָדעווילאַרטיקע געשיכטעס, וועלכע פֿלעגן דאַן געוויינלעך פֿאַרגעשטעלט ווערן אין די פּראָווינציעלע טעאַטערס. אויפֿן ערשטן אָרט האָבן מיר דערזען די דערציילונג „שאַבעס־נאַכמו", דה. גראָד דאָס, וואָס מיר האָבן געזוכט — דעם געדרוקטן אורקוואַל.

[1] Ф. Левин. «И Бабель. Очерк творчества». Москва, 1972, стр. 24—25.

נו, ווי קאָן מען צווייפֿלען אין דעם, אַז אי. באַבעל האָט געהאַט בײַ זיך דעם דאָזיקן בוך — ווײַל, אַרבעטנדיק איבערן ציקל „הערשעלע", האָט ער זיך אַף געוויס ניט געקאָנט פֿאַרלאָזן בלויז אויפֿן זיקאָרן — זאָל זײַן אַפֿילע א גלענצנדן. ס'איז דאָך קלאָר, אַז די ווערטער אין טאָגבוך „איך טראַכט וועגן הערשעלען" באַטײַטן ניט, אַז באַבעל האָט געטראַכט וועגן הערשעלען בלויז ווי וועגן א פּערזענלעכקײַט (האַגאַם אַסאָציאַטיווע געדאַנקען פֿלעגן אויפֿקומען בײַ די באַגעגענישן מיט ענלעכע טיפּן און סיטואַציעס, ווען די רײַטער־אַרמייִשע טיילן פֿלעגן אַרײַנטרעטן אין די שטעטלעך פֿנעם „טכום־האַמוישעוו") — ניין, דאָס זײַנען בעלי־סאָפֿעק געווען געדאַנקען שעפֿערישע, און דעם נאָמען הערשעלע וואָלטן מיר דאָ באַדאַרפֿט שרײַבן אין גענדזנפֿיסלעך, ווי א באַצייכענונג פֿון א ציקל דערציילונגען, איבער וועלכן באַבעל האָט געאַרבעט בײַ די קורצע פּריוואַלן. אָן שום סאָפֿעק האָט ב. שוכמאַנס ווערק זיך געפֿונען צווישן די ביכער און קסאַוויאַדן, וואָס זײַנען געלעגן אין דעם באַוווּסטן מאַרשעווע קופּערטל, וועלכס, ווי מיר געדענקען לויט דער דערציילונג „מײַן ערשטע גאַנדז", האָט איינמאָל אַרויסגעוואָרפֿן פֿונעם הויף „א יונגער באָכער מיט לײַנענע האָר און מיט א פּרעכטיק־ריאַזאַנער פּאָנעם".

מײַסעס, אַנעקדאָטן און וויצן זײַנען אין דעם בוך פֿאַראַן גענוג, און ס'איז קלאָר, אַז די מערהײַט פֿון זיי האָט באַבעל געקאָנט באַאַרבעטן אין זײַן ציקל.

באַקאַנענדיק זיך מיט דעם געדרוקטן פֿאָלקלאָר־וואַריאַנט פֿון „שאַבעס־נאַכמו" און פֿאַרגלײַכנדיק אים מיט באַבעלס דערציילונג אונטערן זעלבן נאָמען, איבערצײַגן מיר זיך, אַז גערעכט געווען איז פֿ. לעווין אין דער אויבנדערמאָנטער אָפּשאַצונג פֿון באַבעלס שטייגער־באַשרײַבונג. עמעס, דער פֿאָרשער האָט ניט פֿאַרגלײַכט די ליטעראַרישע דערציילונג מיט איר פֿאָלקלאָרישן פֿאָרגייער — מיר האָבן אַזאַ מעגלעכקײַט באַקומען.

די מײַסע וועגן דעם, ווי הערשעלע פּריצעוועט אַף די נאַרישעוואַטע קרעטשמערקע, אויסגעבנדיק זיך פֿאַר א מענטשן פֿון יענער־וועלט, וואָס ברענגט איר גרוסן פֿון דער גאַנצער מישפּאָכע, זעט אויס בײַ ב. שוכמאַנען קאַמיש, נאָר בלויז ווי א געוויינלעכער אַנעקדאָט. באַבעל פֿאַרהיט די הויפּט־פֿאַבולע פֿון דער מערקווירדיקער אומוואַרשײַנלעכער געשעעניש, אָבער אַרום איר וואַקסן אויס פֿיל רעאַליסטישע דעטאַלן, אַדאַנק וועלכע זי ווערט פֿאַרוואַנדלט אין עכטער ליטעראַטור און שפּיגלט אָפּ, זאָל זײַן מיט הומאָר, נאָר עמעסדיקע בילדער פֿון דעם ביזרעוואָליוציאָנערן ייִדישן שטייגער. אָנווענדנדיק זײַן גאַנצע פּראָפֿעסיאָנעלע מײַסטערשאַפֿט, האָט באַבעל אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס ניצט אויס אין איר שאַפֿונג דעם פֿאָלקלאָר, שטעלט מיט זיך פֿאָר א צווייטע און א מער העכערע מאַדרייגע.

באַבעלס דערציילונג אין די „געקליבענע ווערק" פֿאַרנעמט אינגאַנצן זעקס זײַטלעך, נאָר שטייגער־בילדער אַנטהאַלט זי עטלעכע.

שוין אין סאַמע אָנהייב צעעפֿנט זיך פֿאַרן לייענער אַן אייגנאַרטיקע וועלט: „ס'איז געווען אינדערפֿרי, ס'איז געווען אָוונט — דער טאָג דער פֿינפֿטער. ס'איז געווען אינדערפֿרי. ס'איז געקומען די נאַכט — דער טאָג דער זעקסטער. אין זעקסטן טאָג — פֿרײַטיק־צונאַכטס — דאַרף מען אָפּדאַוונען: אָפּגעדאַוונט, גייט מען זיך דורך איבערן שטעטל אין דער שאַבעסדיקער יאַרמעלקע, און מע קומט אַהיים צו דער וועטשערע. אינדערהיים טרינקט א ייִד אויס א גלעזל בראַנפֿן — ניט גאָט און ניט דער טאַלמוד פֿאַרווערט אים ניט אויסטרינקען צוויי, — ער עסט אָפּ געפֿילטע פֿיש און קוגל מיט ראָזשינקעס..."

אין יענעם אָרט פֿון דער דערציילונג, ווו די נאַרישע קרעטשמערקע איז שוין פֿולקום „איבערצײַגט", אַז „שאַבעס־נאַכמו" איז גאָר ניט קיין שאַבעס, נאָר א מענטש (אין געשטאַלט פֿון אונדזער הערשעלען!), און אַז א געקומענער פֿון יענער־וועלט איז דער מענטש טויט־הונגעריק, — האָט זי אָנגעהויבן אויפֿגעבן צום טיש אָן א שיר עסנוואַרג, — דאָרט איז באַבעל ווידער טרײַ דעם פּרינציפּ פֿון קינסטלערישער דעטאַליזאַציע, באַשרײַבנדיק דעם אומגעזעענעם פֿאַרן קאַפּצן הערשעלען מאָלצײַט אין א סטיל, וואָס מע קאָן פֿאַרגלײַכן אָדער מיט גאָגאָלן, אָדער מיט שאַרל דע קאָסטער („טיל אולענשפּיגעל"), בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ זײַנען די מײַכאָלים ייִדישע, — און מיט זיי קאָן זיך אויסגעצייכנט באַקענען דער לייענער לויט דעם פֿאָלגנדיקן זאַפֿטיקן בילד:

„צום אָנהייב האָט הערשעלע אויפֿגעגעסן א טעלער געהאַקטע לעבער מיט דין־געבראָטן שמאַלץ. נאָכדעם האָט ער אויסגעטרונקען א גלעזל פּאַנסקע בראַנפֿן (אין דעם בראַנפֿן זײַנען געשווומען שטיקלעך מאַראַנצן־שאָלעכץ). די פֿיש האָט ער אויסגעמישט מיט פֿיש־יויך און מיט ווייכע קאַרטאָפֿל. אַפֿן ראַנד פֿנעם טעלער האָט ער אויסגעגאָסן א האַלבן סלאָי רויטן כריין, אַזאַ מין כריין, וואָס פֿון אים וואָלטן פֿינף טשובאַטע פּריצים אין קונטושן געגאָסן טרערן. נאָך די פֿיש האָט הערשעלע געכליאַבעט הייסע יויך מיט שווימענדיקע טראָפּנדלעך פֿעטס. די וואַרעניקעס, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין צעשמאָלצענער פּוטער, זײַנען געשפּרונגען צו הערשעלען אין מויל, ווי א האָז שפּרינגט אַוועק פֿון א יעגער. מע דאַרף דען ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען מיטן פּיראָג, וואָס עס האָט געקאָנט מיט אים געשען, אויב הערשעלע האָט יאָרנלאַנג קיין פּיראָג אין די אויגן ניט געזען?.."

דאָס אַלץ איז שײַך צו די מײַכאָלים, וועלכע זײַנען געווען אויפֿגעגעבן, אַזוי צו זאָגן, דאָ אויפֿן אָרט, און מיט וועלכע עס האָט זיך העלדיש ספּראַוועט דער מאָגערער הערשעלע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַן אַפּעטיט פֿון גאַרגאַנטויאַ. נאָר אויב מענטשן פֿון יענער־וועלט עסן אַזוי גוט דאָ, אַף דער־וועלט, דאַרפֿן זיי דאָך דאָרט, אויפֿן הימל, אויך עפּעס נעמען אין מויל — דאָס האָט אַפֿילע די קרעטשמערקע זעלדע פֿאַרשטאַנען!

8—1399

„נאָך דער װעטשערע האָט די באַלעבאָסטע אָפּגעקליבן זאַכן, װעלכע זי האָט באַשלאָסן שיקן מיט הערשעלען אױף יענער־װעלט — דעם טאַטן, דער מומע גאָלדען און דער מומע פּעסיען. דעם טאַטן האָט זי געשיקט א נײַעם טאַלעס, א פֿלעשל װישניק, א סלאָי מאַלינע־אײַנגעמאַכטס און א זעקעלע מיט טוטין. פֿאַר דער מומע פּעסיען זײַנען געװען צוגעגרײט װאַרעמע זאָקן, פֿאַר דער מומע גאָלדען — אַן אַלטער פּאַריק, א געדיכטער קעמל און א טכינע. כּוץ דעם, האָט הערשעלע באַקומען א פּאָר שטיװל, א לאַבן ברויט, גריװן און א זילבערנע מאַטבייע".

אַזאַ צילגעװענדטקײַט צו קינסטלערישער דעטאַליזאַציע איז ניט קײן צופֿעליקײַט אין דער שפּעטערישער מאַניר פֿון באַבעלן, זי דרינגט ארויס פֿון זײַן עסטעטישער קרעדאָ: ער איז געװען איבערצײַגט, אז באַם באַשרײַבן עפּעס אַן אומגלייבלעכס דאַרף דער ליטעראַטאָר גיין מיטן װעג פֿון ריאַליסטישער װאָרהאַפּטיקײַט. אפֿילע װען מע האָט צו טאָן מיט ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן, װאָס איז געשאַפֿן אין דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע.

דער דאָזיקער פּרינציפּ מערקט זיך באַ באַבעלן ניט בלויז באַם באַשרײַבן דעטאַלן, נאָר אויך אין די דעליקאַטע אויסבעסערונגען פֿון דעם פֿאָלקלאָרישן אָריגינאַל לעטויוועס דער פּאָבוליאַרער עמעסדיקײַט. באַבעל האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אז װיפֿל ער זאָל ניט „אויסבעסערן", װעט דער לייענער ניט זײַן אזוי נאַיװ, װי די קרעטשמערקע זעלדע, און װעט ניט גלייבן, אז א מענטש איז אַראָפּ פֿונעם הימל אָפּצוגעבן א גרוס פֿון די פֿאַרשטאָרבענע קרויװים. דעריבער האָט ער עטװאָס געביטן די סוזשעט־ליניע פֿון דער פֿאָלקלאָרישער דערציילונג, קעדיי אויסגלײַכן די אומגלייבלעכע ערטער. לעמאָשל, דאָרט, װוּ עס דערציילט זיך װעגן דעם, װיאַזוי דער קרעטשמער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און זיך געלאָזט נאָכיאָגן הערשעלען און װיאַזוי הערשעלע האָט אים נאָך שענער אָפּגעשלעמעװעט...

עס װאָלט געװען קעדײַ פּאַראַלעל אנטקעגנשטעלן די צװיי סוזשעטישע געענג און פֿאַרגלײַכן דעם פֿאָלקלאָרישן מאַטעריאַל מיט דער דערציילונג פֿונעם שרײַבער, נאָר צוליב מאַנגל אין אָרט װעלן מיר דאָס ניט טאָן. מיר װעלן אָבער זאָגן, אז די ערטער, צו װעלכע עס האָט זיך צוגערירט די האַנט פֿון דעם איידלסטן סטיליסט איסאַק באַבעל, האָבן באַקומען א נײַע שעפֿערישע אנטװיקלונג, א הויכע פֿאַרפֿולקומונג.

כראָניק

אַן אויסשטעלונג און װיטעבסק

אין װיטעבסק איז עקספּאָנירט געװאָרן א קינסטלערישע אויסשטעלונג פֿון די פֿאָנדן פֿונעם געגנטלעכן קאַנטקענטעניש־מוזיי. די ליבהאָבער פֿון מאָלערײַ האָבן זיך באַקאַנט מיט נאָך איין ציקל פֿונעם גרינדער פֿון דער װיטעבסקער קינסטלערישער שול יעהודע פּען — זײַן „אויטאָפּאָרטרעט", „די בלינדע זקיינע", „א מיידל מיט אַסטרעס", „די פֿלייטע", „א פּאָרטרעט פֿון א פּויערטע", „װיטעבסק", „א ציגײַנער מיט א ציבעק" און אנדערע.

באַם אוילעם האָבן אויסגענומען די אַקװאַרעלן און געמעלן פֿון דאָװיד יאַקערסאָן (1896 — 1947), װעלכער איז מער באַװוּסט געװען אַלס סקולפּטאָר. אויף דער אויסשטעלונג זײַנען עקספּאָנירט דעקאָראַטיװע קאָמפּאָזיציעס, װעלכע דער קינסטלער האָט געשאַפֿן אין װיטעבסק און אין מאָסקװע, צװישן זיי — „א קאָמפּאָזיציע מיטן געקרייציקטן קריסטוס" (1918), „א קאָמפּאָזיציע מיטן טעמפּל און מיט דער טרויער־פּראָצעסיע" (1918), עסקיזן און פּאַנאָען פֿאַר די פֿײַערונגס־דעמאָנסטראַציעס אין װיטעבסק אין 1918—1919, א ריי „סופּרעמאַטישע קאָמפּאָזיציעס" אאַ.

אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקײַט אויף דער אויסשטעלונג האָט צוגעצויגן שלוימע יודאָװינס (1892—1954) גראַפֿיק: קסילאָגראַװיורן פֿון דער סעריע „ייִדישער פֿאָלקס־אָרנאַמענט" און „דער אַלטער װיטעבסק".

עס זײַנען אויך באַװיזן געװאָרן באַזונדערע װערק פֿון ע. ליסיצקי (1890—1941), א. בראַזער (1892—1942), ז. גאָרבאָװעץ (1897—1979) אאַ.

מאַרק שאַגאַלס שאַפֿונג האָבן פֿאָרגעשטעלט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אייניקע זײַנע בילדער.

אַרקאַדי זעלצער

סצענעס פֿונעם ספּעקטאַקל „דער אונטערגאַנג“, וועלכן עס האָט אין 1988 אופֿגעפֿירט דער אָדעסער רוסישער דראַמאַטישער טעאַטער אױף א. איוואַ־נאָווס נאָמען (פֿון אויבן); א סצענע פֿונעם ספּעקטאַקל פֿון דעם ביראָ־בידזשאַנער ייִדישן מוזיקאַלישן דראַמאַטישן פֿאָלקס־טעאַטער „ווי אַזוי איז דאָס געטאָן געוואָרן אין אָדעס“ לויט א. באַבעלס „אָדעסער דערציילונגען“ (פֿון אונטן)

כראָניק

זיצונג פון דער אַרבעטס־גרופּע

אין ביראָבידזשאן איז פאָרגעקומען אן אָרדנטלעכע זיצונג פון דער ארבעטס־גרופע אף צו דערלערנען און פאראלגעמיינערן די פאָרשלאָגן און באמערקונגען וועגן פארפולקומען די צווישנאציאָנאלע באציִונגען.

ס'איז געגאנגען א רייד וועגן עפענען אין ביראָבידזשאן א פיליאל (פארייניקונג) פונעם כאבאראָווסקער ביכער־פארלאג. עס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן א ביטע דער קולטור־פארוואלטונג פונעם קאנט־אויספירקאָם, אז באם פלאנירן די גאסטראָלן פון די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון פונעם קאנט זאָל מען האָבן אין זינען די ביראָבידזשאנער פאָלקס־טעאטערס — דעם ייִדישן און רוסישן, דעם פאָלקס־אנסאמבל פון פידלער און די כאָר־קאפעלע פונעם שטאָטישן קולטור־פאלאץ.

די אָנטיילנעמער פון דער זיצונג האָבן אָנגעוויזן, אז די קאנטישע פארוואלטונג פון פאָליגראפיע און בוך־האנדל צוזאמען מיטן מעלוכע־פארלאג פון רספסר לייזן די פראגן וועגן פארשנעלערן דאָס ארויסגעבן לערן־מעטאָדישע און קינדער־ליטעראטור אף דער ייִדישער שפראך. די ארבעטס־גרופע האָט זיך געווענדט מיט א באקאָשע צום אלפארבאנדישן קאָמיטעט פון פאָלקסבילדונג, ער זאָל מיטהעלפן אין דער צוגרייטונג פון וויסנשאפטלעך־פעדאגאָגישע קאדרען לויט די ספעציאליטעטן ייִדיש און ייִדישע ליטעראטור פארן ביראָבידזשאנער פעדאגאָגישן אינסטיטוט.

געפירט האָט די זיצונג פון דער ארבעטס־גרופע איר פאָרזיצער, דער צווייטער סעקרעטאר פונעם געגנטקאָם קפסס ר. ל. סאנדיק.

נאָך איין ייִדישער אנסאמבל אין קעשענעוו

„כ'בין געגאנגען צו אײַך זייער לאנג...“, — מיט אָט די ווערטער הייבט אָן די פראָגראם „זינגט מיט מיר“ די אָנפירערן און סאָליסטקע פונעם ייִדישן אנסאמבל „וווּנדער“ אנע גינזבורג. די ערשטע באקאנטשאפט מיטן נײַעם קאָלעקטיוו איז פאָרגעקומען סאָף יאנוואר אינעם קעשענעווער קולטור־הויז „סטיאווא ראָשיִע“ („רויטער שטערן“). די שעפערישע וואָרצלען פארבינדן דעם אנסאמבל מיטן קעשענעווער ייִדישן מוזיקאליש־דראמאטישן פאָלקס־טעאטער, וועלכער האָט עקזיסטירט ביזן 1972 און ווו עס האָט אין מעשעך פון פיל יאָרן געשפילט אנע גינזבורג.

דער אנסאמבל „וווּנדער“ פילט אויס ייִדישע לידער און טענץ, עס קלינגען פון דער בינע ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע פאָעטן. צוגרייטן די פראָגראם האָט דעם נײַעם קאָלעקטיוו געהאָלפן דער וועטעראן פונעם ייִדישן טעאטער זשעניע זלאטאיא, וועמענס שאפונג איז געווען ברייט באוווסט אין די 20־ער—40־ער יאָרן.

אן אָוונט פון ייִדישער מוזיק אין כערסאָן

דער קלוב „לירא“, וועלכער ארבעט בא דער כערסאָנער געגנטלעכער וויסנשאפטלעכער ביבליאָטעק אף מ. גאָרקיס נאָמען, האָט דורכגעפירט א באגעגעניש מיטן אָרטיקן ייִדישן זעלבסטעטיקן פאָלקלאָר־אנסאמבל „לאָמיר אלע אינאיינעם“. אינעם אָוונט האָבן זיך באטייליקט הונדערטער ליבהאָבער פון דער ייִדישער פאָלקסליד. דער אנסאמבל האָט אויסגעפילט בא צוויי צענדליק פאָלקסלידער. דער ייִדישער דיכטער אווראָם קאצעוו האָט באקאנט די בײַוועזנדיקע מיט א ריי זײַנע פאָעטישע ווערק, אין יעסאָד פון וועלכע עס ליגן מאָטיוון פון דער ייִדישער פאָלקסשאפונג.

ס'איז באשלאָסן געוואָרן צו אָרגאניזירן באם כערסאָנער געגנטלעכן לערער־הויז א קלוב פון ליבהאָבער פון דער ייִדישער קולטור.

ס. נײַשטאדט

אונדזערע מיטטײלונגען

וסעוואלאד וויכנאוויטש

ווּ געפינט זיך הארקאַוויס וויכטיקסטע ווערק?

אינעם בוך „די אימפּעראַטאָרישע עפנטלעכע ביבליאָטעק פאַר 100 יאָר (1814—1914)", וועלכער איז דערשינען אין פּעטערבורג אין 1914, ווערט מיטגעטיילט:

„מיט דער אָפּטיילונג פון ייִדישע ביכער פאַרוואַלטעט, אָנגעהויבן פונעם 9 יאַנוואַר 1876 און ביזן טאָג, ווען ס'ווערן געשריבן די דאָזיקע שורעס, אַווראָם יאַקאָוולעוויטש הארקאַווי. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 15 נאָיאַבער 1839, פאַרענדיקט אין 1863 דעם קורס אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אין 1870 האָט ער פאַר זײַן ווערק „לעגענדעס פון מוסולמענער שרײַבער וועגן די סלאַוויאַנער און רוסן" באַקומען דעם טיטל פון א מאַגיסטער און אין 1872 פאַרן ווערק „וועגן דעם אורשפּרינגלעכן וווינאָרט פון די סעמיטן, אינדאָאייראָפּעיער און כאַמיטן" — דעם טיטל דאָקטאָר פון דער געשיכטע פון מיזרעך. אין דער ביבליאָטעק פאַרנעמט ער זיך מיט איבערקלײַבן און באַשרײַבן פירקאָוויטשעס קאָלעקציע. א סאַך טעקסטן פון דער קאָלעקציע האָט ער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס".

אין אָט די קאַרגע שורעס האָט זיך פּינקטלעך אָפּגעשפּיגלט דער איקער אין דער טעטיקײַט פונעם באַרימטן אָריענטאַליסט — זײַן וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון די אַנטדעקונגען, וואָס עס האָט געמאַכט דער קאַראַימישער האַמלער און רײַזנדער אַווראָם פירקאָוויטש. אַגעוו, די דאַטע 1876 איז ניט קיין צופעליקע. גראָד דאַן, צוויי יאָר נאָך דעם קאָלעקציאָנערס טויט, האָט זײַן אַרכיוו געקויפט די אימפּעראַטאָרישע עפנטלעכע ביבליאָטעק, און ס'איז נייטיק געווען וויסנשאַפטלעך אים באַאַרבעטן. הארקאַווי זעלבסט האָט זיך באַצויגן צו פירקאָוויטשעס פּערזענלעכקײַט ווײַט ניט גלײַכגילטיק. אין זײַן פונדאַמענטאַלער מאָנאָגראַפיע „אוראַלטע ייִדישע דענקמעלער פון קרים, וועגן וועלכע עס האָט דערציילט אַווראָם פירקאָוויטש" (דערשינען אױף דײַטש אין פּעטערבורג אין זעלבן יאָר), האָט ער זייער שאַרף קריטיקירט פירקאָוויטשן, באַשולדיקט אים אין דעם, אַז זײַנע קרימער געפינסן זײַנען פאַלסיפיצירטע און אַז געטאָן האָט ער עס צוליב פאַרהערלעכן די קאַראַימער און דערנידעריקן די אָנהענגער פון די ראַבאָנים. פאַרשטייט זיך, אַז אײַנצײַטיק האָט באַקומען דעם עמעסן פּסאַק פירקאָוויטשעס וויסנשאַפטלעכער הויפּט־אונטערשטיצער ד. א. כוואָלסאָן.

לויט דער פּיליאַריקער פאַרביסענער פּאָלעמיק האָט זיך אײַנגעשטעלט א מיינונג, אַז הארקאַווי באַציט זיך נעגאַטיוו צו פירקאָוויטשעס ירושע. הארקאַווי האָט אָבער אַליין אונטערגעשטראָכן די פאַרדינסטן פונעם קאַראַימער געלערנטן, וועלכער האָט אָפּגעהיט פאַר דער וויסנשאַפט טויזנטער אומשאַצבאַרע מאַנוסקריפּטן און דאָקומענטן. נאָך מער, ווי ס'איז שוין געווען געזאָגט, איז הארקאַוויס קימאַט גאַנצע וויסנשאַפטלעכע טעטיקײַט אַזוי אָדער אַנדערש געווען פאַרבונדן מיט די פאָרשונגען פון די רײַכע קוועלן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר פירקאָוויטשעס קאָלעקציע.

עס איז נאַטירלעך, אַז אין רעזולטאַט פון דער פופציקיאָריקער אַרבעט איבערן פאָנד, וועלכער ציילט בא 14.000 דאָקומענטן, האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן דאָס פונדאַמענטאַלע ווערק, וועלכן הארקאַווי האָט געווידמעט זײַן שפּעטעריש לעבן.

וועגן דעם, אַז אַזא ווערק עקזיסטירט, דערוויסן מיר זיך פון ד. מאַגידס אַרטיקל „הארקאַווי" אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. מאַגיד שרײַבט: „...מע דאַרף דערמאָנען וועגן זײַן (הארקאַוויס) פונדאַמענטאַל נאָך ניט באַוווּסט ווערק, וואָס נעמט אַרום א דעטאַלע באַשרײַבונג פון אַלע אוראַלטע ייִדישע און אַראַביש־ייִדישע קסאָווים, וועלכע זײַנען פאַרגעשטעלט אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. אַכוץ די באַשרײַבונגען, אַנטהאַלט דאָס ווערק אויך אויסצוגן פון קסאָווים. אָן אָנגעשריבנס אין ייִדיש, דערגרייכט עס צום הײַנטיקן טאָג א קאָלאָסאַלע גרייס (העכער 200 דרוקבויגנס).

די אויסערגעוויינלעכע ווערט פון דעם דאָזיקן ווערק פאַר פיל צווײַגן פון דער מיזרעך־קענטעניש איז אַלעמען קלאָר. אָבער אויך הײַנט, העכער 70 יאָר נאָך דעם, ווי עס איז געווען אָנגעשריבן, איז עס נישט נאָר ניט פאַרעפנטלעכט, נאָר מע ווייסט אַפילע ניט, ווּ דער קסאַוויאַד געפינט זיך.

אין אויסלאַנד זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם פאַרשיידענע האַשאָרעס. צום בײַשפּיל, ס. שישמאַן האָט אין א פאָרטראָג, וואָס איז געווען געווידמעט דעם 100־טן יאָרטאָג פון פירקאָוויטשעס

טויס, ארויסגעזאָגט א מיינונג, אז דער קסאָוויאַד פון האַרקאַווים קאַטאַלאָג, וועלכער דערגרייכט, לויט זיין כעשבן, 4000 זייטן און איז פאַרשוווּנדן פון דער ביבליאָטעק נאָך דער רעוואָליוציע, געפינט זיך, קאָן זיין, „ערגעץ אין א מיערעוו־לאַנד".

צום גליק פאַר אונדזער פאַטערלענדישער וויסנשאַפט, האָבן מיר פאַקטן, וועלכע דערלויבן אָפּטימיסטיש אָפּשאַצן דעם וואַרשיינלעכן גורל פונעם קסאָוויאַד.

אינעם בוך „מיזרעך־קענטעניש אין פּעטראָגראַד 1918—1922", וועלכער איז דערשינען אין פּעטראָגראַד אין 1923 מיט אן אונטערקעפּל „א דערמאָן־צעטל פון דער קאָלעגיע פון מיזרעכקענער באַם אזיאַטישן מחיי פון דער רוסלענדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע", איז געגעבן א כאַראַקטעריסטיק די פאַרשיידענע אנשטאַלטן און געזעלשאַפטן פון מיזרעך־קענטעניש. אין דעם אַרטיקל „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן אין רוסלאַנד" ווערט געמאָלדן, אז „בא דער געזעלשאַפט געפינט זיך די יידישע אַקאַדעמישע ביבליאָטעק (סטרעמיאַני־געסל, 18): 50.000 בענדער אף 15 שפּראַכן וועגן אלע פראַגן פון יודאַיזם; זעלטענע אַלט־געדרוקטע ביכער און קסאָוויאַדן. אין 1919 איז אָנגעקומען האַרקאַווים א ווערטפולע קאָלעקציע ביכער און קסאָוויאַדן... ס'איז דאָרט פאַראַן אן אַרכיוו וועגן דער געשיכטע פון דער פאָלקס־בילדונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד, איבערהויפּט פאַר די לעצטע 20 יאָר ביז דער רעוואָליוציע".

אפן סמך פון דער דאָזיקער מיטיילונג קאָן מען ארויסזאָגן א השערה, אז צווישן אנדערע האַרקאַווים קסאָוויאַדן, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין דער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק, געפינט זיך אויך דער אויבנדערמאָנטער מאַנוסקריפּט. די דאָזיקע השערה נעמט אָן דער אויבנדערמאָנטער ד. מאַגיד, וועלכער האָט אין דער אויסגאַבע „דער יידישער געדאַנק פאַרן 1922 יאָר" פאַרעפנטלעכט א נעקראָלאָג וועגן האַרקאַווין. ריידנדיק וועגן דער וויסנשאַפטלעכער יעדושע פונעם פאַרשטאָרבענעם, מעלדעט מאַגיד, אז „דער סאַמע ווערטפולער טייל פון האַרקאַווים שאַפונג שטעלט מיט זיך פאַר זיין קסאָוויאַד — א מאַטעריאַל, ווי ער האָט אליין פעסטגעשטעלט, פון 300 (?) דרוקבויגנס. דאָס איז א דעטאַלע באַשרייבונג פון פירקאָוויטשעס קסאָוויאַדן מיט פיל אויסצוגן פון זיי. דאָס דאָזיקע פונדאַמענטאַל ווערק, אינאיינעם מיט האַרקאַווים אנדערע מאַנוסקריפּטן און מיט זיין פּערזענלעכער קאָלעקציע פון ביכער, געפינט זיך איצט אין רעשוס פון דער פּעטערבורגער ביבליאָטעק, וועלכע געהערט צו דער געזעלשאַפט פון בילדונג פאַר יידן אין רוסלאַנד".

מע דאַרף אָפּמערקן, אז האַרקאַווי איז געווען אן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, אָנהייבנדיק פונעם 1864, דאָס הייסט פּראַקטיש פון איר אויפקומען (די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1863). דעריבער איז נאַטירלעך, פאַרוואָס זיין פּערזענלעכע ביבליאָטעק און דער אַרכיוו זיינען אָנגעקומען אין די פאָנדן פון דער געזעלשאַפט. פון דעם מאָמענט אָן איז דער גורל פונעם קסאָוויאַד, וועלכער אינטערעסירט אונדז, פאַרבונדן מיטן גורל פון דער געזעלשאַפט פון בילדונג פאַר יידן און פון איר ביבליאָטעק. דאָס לעצטע מאָל ווערט דערמאָנט די געזעלשאַפט אינעם האַנטבוך „גאַנץ לענינגראַד" פאַרן 1929. פון דער מעלדונג דערוויסן מיר זיך די פאַמיליע־נעמען פון די ביבליאָטעקערס: מ. ל. קאַפּלאַנסקי און ע. א. ווויסלאָוויטש. אין זעלבן האַנטבוך פאַרן 1930 דערמאָנט מען שוין ניט די געזעלשאַפט. וווּהין זיינען אהינגעקומען די ביכער און קסאָוויאַדן פון איר אַקאַדעמישער ביבליאָטעק?

דער פאַקט, וואָס ניט אין די פאָנדן פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק, ניט אין די פאָנדן פון דער ביבליאָטעק פונעם אינסטיטוט פאַר מיזרעך־קענטעניש האָט מען ניט געפונען קיין איין בוך פון דער ביבליאָטעק פון דער געזעלשאַפט, ווייזט באַשיימפּערלעך אָן אף דעם, אז דעם גאַנצן פאָנד האָט מען איבערגעגעבן אן אנדער וויסנשאַפטלעכן אנשטאַלט, וועלכער געפינט זיך אין אן אנדער שטאָט פון פסער.

אָבער אין וועלכן אנשטאַלט און אין וועלכער שטאָט?

בא היינטיקן טאָג ווייסן מיר אָט וואָס. דער היסטאָריקער שימען דובנאָוו טיילט מיט אין זיינע מעמוארן, אז סאָף דעקאַבער 1929 איז אף א פאַרזאַמלונג פון דער יידישער סעקציע אין לענינגראַד אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס איבערצוגעבן די אַרכיוון און די ביבליאָטעק פון דער געזעלשאַפט פון בילדונג פאַר יידן און פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט דער „מאַרקסיסטישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט". דובנאָוו ווייסט ניט, וואָס דאָס איז פאַר א געזעלשאַפט. אָבער פון זיין מיטיילונג איז קלאָר, אז סיי די ביבליאָטעק, סיי דער אַרכיוו זיינען איבערגעגעבן געוואָרן איין און דעם זעלבן אנשטאַלט. הייסט עס, נאָכשפּירנדיק נאָכן גורל פונעם אַרכיוו פון דער געזעלשאַפט פון בילדונג פאַר יידן, קאָן מען זיך דערוויסן וועגן דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך איר ביבליאָטעק.

צום גליק, קאָנען מיר אויך דאָ זיך שטיצן אף דאָקומענטן. אין וועגווייזער „דער צענטראַלער מעלוכישער היסטאָרישער אַרכיוו פון פסער", אין „צעטל פון די פאָנדן, וואָס פאַרהיטן זיך אין צענטראַלן מעלוכישן היסטאָרישן אַרכיוו פון פסער אין לענינגראַד און זיינען ניט אַריין אין דעם הויפּט־טייל פונעם וועגווייזער", אונטערן נומער 355 שטייט: „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן אין רוסלאַנד (1863—1929), נומער פונעם פאָנד — 1532, די צאָל דאָקומענטן — 1816, עקסטע דאַטעס פון דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן פונעם פאָנד — 1863—1929". דורכקוקנדיק דעם פאָנד פונעם אַרכיוו, קאָן מען פעסטשטעלן, אז דאָס איז דער „אַרכיוו וועגן דער געשיכטע פון פאָלקס־בילדונג צווישן יידן אין רוסלאַנד, הויפּטזאַכלעך פאַר די לעצטע 20 יאָר פאַר דער רעוואָליוציע", וועגן וועלכן עס האָט מיטגעטיילט דאָס איבנאָנגעוויזענע דערמאָן־צעטל פון דער קאָלעגיע פון מיזרעך־קענער.

אָבער אינטערעסאַנטער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אין די דאָקומענטן פונעם אַרכיוו געפינט זיך א

נאָטיץ װעגן דעם, אַז מע האָט אים איבערגעפֿירט פֿון לענינגראַד קיין קיִעוו שוין נאָך דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע.

די גוטע פֿאַרהיטונג פֿון אַלע דאָקומענטן פֿאַרנעם אַרכיוו פּראַקטיש אין משך פֿון אַלע פֿאַררעוואָלוציאָנערע יאָרן קאָן זאָגן אײדיעס װעגן דעם, אַז די פֿאָנדן פֿון דעם אַנשטאַלט, צװישן װעלכע ס'האָט זיך געפֿונען דער אַרכיוו, האָבן בעשאָלעם איבערגעלעבט די אומגליקן פֿון די מילכאָמע־יאָרן.

אָבער צו װעלכן אַנשטאַלט האָט געקאָנט געהערן דער אַרכיוו און, אַזויאַרום, די ביבליאָטעק פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון בילדונג פֿאַר ייִדן? עס איז ניטאָ קיין סאָפֿעק, אַז אין דער ראָל פֿון דער „מאַרקסיסטישער װיסנשאַפֿטלעכער געזעלשאַפֿט" האָט געקאָנט אַרויסטרעטן דער אינסטיטוט פֿון ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור בײַ דער אַלוקראַיִנישער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, װעלכער איז געװען טעטיק אין די 30־ער יאָרן. אַגעװ, דער „אינפֿאָרמאַציע־ביולעטען" פֿון דער ייִדישער גרופּע פֿון דער נאַציאָנאַליטעטן־אָפּטײלונג בײַ דער מעלוכישער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אױף סאַלטיקאָװ־שטשעדרינס נאָמען, װעלכער איז דערשינען אין 1935, מיטײלנדיק װעגן די ענגע װיסנשאַפֿטלעכע קאָנטאַקטן פֿון דער ביבליאָטעק מיטן אינסטיטוט, רופֿט אָן אויך די פֿאַמיליע־נעמען פֿונעם דירעקטאָר פֿון דעם אינסטיטוט — גאָראָכאָװ און פֿונעם פֿאַרװאַלטער פֿון דער היסטאָרישער סעקציע — מאַרגולים.

װאָרשײַנלעך איז דער אַרכיוו פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר בילדונג צװישן ייִדן, נאָכן פֿאַנאַנדערלאָזן דעם אינסטיטוט, אַפּגעשיקט געװאָרן קיין לענינגראַד, און די ביבליאָטעק פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט מען איבערגעלאָזט אין די פֿאָנדן פֿון דער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוססר, װוּ מע דאַרף זי זוכן.

עס קאָן זײַן, אַז האַרקאַװיס װערק האָט צעטײלט דעם גורל פֿון אַלע ביכער און קסאַװיאָדן, װעלכע געהערן צו דער ביבליאָטעק, צום באַדויערן, זײַנען ביזן הײַנטיקן טאָג ניט דערלערנט די פֿאָנדן פֿון דער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוססר. אָבער די זוכענישן װעצן זיך פֿאָר, און מע קאָן האָפֿן, אַז זיי װעלן ברענגען אַ דערפֿאָלג.

אַ גרויסע קולטורעלע װערט האָט אויך די ביבליאָטעק גופֿע. מיר װעלן דערמאָנען, אַז אין 1923 האָט זי זיך אָנגערופֿן „די ייִדישע אַקאַדעמישע ביבליאָטעק", און לויטן אָנװײַזער „די מיזרעך־קענטעניש אין פּעטראָגראַד" האָט זי אין דעם יאָר געציילט 50.000 דאָקומענטן אױף 11 שפּראַכן װעגן אַלע פּראָבלעמען פֿון העברעיִסטיק און יודאַיִזם, אײַנגעשלאָסן אַלטגעדרוקטע ביכער און אוראַלטע קסאַװיאָדן. װי עס טײלט מיט דער „יעװרײסקי װעסטניק" פֿונעם 1928, איז דאָס געװען אײנע פֿון די רײַכסטע ביבליאָטעקן אין אײראָפּע אין געביט פֿון דער דאָזיקער טעמאַטיק. אין די 20־ער יאָרן האָבן די פֿאָנדן פֿון דער ביבליאָטעק דערגאַנצט די זאַמלונגען, װעלכע האָבן געהערט צו יאַ. גאַלפּערינען, ל. קאַמענעצקין, ס. װײַסנבערגן אאַ. בלויז די ביבליאָטעק װעגן העברעיִסטיק, װעלכע ס'האָבן איבערגעגעבן דער ביבליאָטעק יאַ. יאַנאָװסקיס יאָרשים, האָט אַנטהאַלטן 400 בענדער. די ביבליאָטעק האָט אַקטיוו געביטן זיך מיט ביכער מיט די גרעסטע ספּעציאַליזירטע ביבליאָטעקן פֿון דער װעלט. ס. דינבערג האָט באַשריבן קימאַט 900 אוראַלטע קסאַװיאָדן און פֿראַגמענטן, װעלכע געפֿינען זיך אין מאַנוסקריפּטן־פֿאָנד פֿון דער ביבליאָטעק. צװישן זיי — שלוימע גאַביראָלס װערק, אײַנשליסנדיק זײַנע ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע לידער, אויסצוגן פֿון מוישע איבן עזראָס װערק, לעכנאָס היסטאָריש װערק אאַװ.

װיבאַלד אַ. האַרקאַװי האָט געגרינדעט די ביבליאָטעק נאָך אין 1878, װאָלט איר צװײטע אַנטדעקונג ניט נאָר אומגעקערט דער פֿאָטערלענדישער מיזרעך־קענטעניש דאָס פֿאַרלוירענע, לאָמיר זאָגן — ציִטװײַליק, אַשירעס, נאָר איר צװײטע אַנטדעקונג װאָלט װי געהעריק באַלויכטן די טעטיקײַט און דעם אָנדענק פֿונעם אויסערגעװײנלעכן געלערנטן.

ווערק פון אונדזערע לייענער

באָריס כאַיס איז אין אונדזער זשורנאַל אַ נײַער נאָמען. מיט זײַן ציקל „קינדער־לידער" דעביוטירט ער. דרוקט זיך צום ערשטן מאָל אויף ייִדיש. אַ „יונגער שרײַבער", כאָטש ער איז שוין ווײַט ניט קיין יונגער־מאַן. געבוירן אין 1920 אין בעסאַראַבער שטעטל יעדינעץ, האָט ער אַלע יאָרן געאַרבעט אַלס פעלדשער (אין דער פאַטערלענדישער מילכאָמע — אין פראָנט־שפּיטאָלן, פאַרמאַגט צוועלף באַלױנונגען, איז אַ מילכאָמע־אינוואַליד פון דער צווייטער גרופּע). שרײַבן אָנגעהויבן אין די לעצטע פאָר יאָר, ווען ער איז אַרויס אויף פּענסיע.

עס זײַנען געשען דרײַ כידושים מיטאַמאָל. ערשטנס: אָנגעהויבן שרײַבן דיכטונג אויף דער עלטער, קאָן מען זאָגן. צווייטנס: אויף דער עלטער גראַד קינדער־דיכטונג. דריטנס: אויף ייִדיש.

דרײַ זאַכן, וואָס רעדן וועגן יונגקייט און האַרפּעדיקייט, וועגן גלייבן און האָפן.

ייִדיש האָט ער שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן. און גאָר מיט אַ קורץ שטיקל צײַט צוריק זיך דערמאָנט. רעסטאַווירט אין זיך אַ גראַמאַטנעם, היימישן און זאַפטיקן ייִדיש. זײַנע קינדער־לידער פאַרמאָגן אי טמימעסדיק־קינדערשע נאַיִווקייט, אי מיטליאַריק־דערוואַקסענע סײַכלדיקייט און מוסער־האַסקלדיקייט. זיי רופן זיך דאָ און דאָרט איבער מיט עליעזער שטיינבאַרגס מעשאָלימדיקייט, און קניפּן זיך אָן אין שיקע דריזס פאָלקס־טימלעכער פּאַשטעס. דער איקער: מע פילט אין זיי דאָס קערנדל טאַלאַנט, וואָס איז זעלטן און דעריבער טײַער, און וואָס פאַר אַן עלטער עס זאָל זיך ניט אַנטפּלעקן.

מיט פאַרגעניגן רעקאָמענדיר איך אונדזער לייענער דעם נײַעם ייִדישן קינדער־דיכטער, מײַן בען־איר באָריס כאַיס, און האָף, אַז זײַנע שאַפונגען וועלן נאָך ניט איין מאָל ברענגען פרייד אי גרויס, אי קליין.

אין אַ גוטער מאַזלדיקער שאָ!

יעכיעל שרײַבמאַן

באָריס כאַיס

(קעשענעוו)

קינדער-לידער

קלעזמער

עסטער, בערל פּינקלס שוועסטער,
דיריגירט מיט אַן אָרקעסטער.
יעדער שפּילט אויף וואָס ער וויל:
פּײַוויש גרילצערט ווי אַ גריל,
יאַנקל דרימבלט אויף זײַן פידל,
אויף אַ פּײַקל פּײַקלט פרידל,
דינע — אויף אַ באַלאַלײַקע,

אויף אַ מאַנדאָלינע — כײַקע,
און די לאַנגע, דאַרע צייטל
רײַבט אַ ברעטל אין אַ ברעטל.

קינדער זײַנען זיי מעקאַנע.
— כ׳וויל אויך שפּילן! — בעט זיך כאַנע.
— קום און שפּיל. נאָר זאָג, אויף וואָס?
— כ׳פּײַף און פאָנפע מיט דער נאָז...

אף א טעפיך

אף א טעפיך אויסגעצויגן,
בין איך היינט באנאכט געפלויגן.
איבער פעלדער, וועלדער, דעכער.
איבער בערג. אלץ העכער, העכער.
כ׳האב דערגרייכט ביז דער לעוואנע,
איר א קוש געטאן אין פאנעם,
און זיך אומגעקערט בעשאלעם.
חי געפעלט אייך אזא כאלעם?

בערקע

בערקע פון דעם הינטערגעסל,
אין דער טאמעוודיקער היץ,
טרייבט א רייפל פון א פעסל
און איז רויט, ווי נאך א שוויץ.

קיין שום שפילעכל, קיין צאצקע,
האט בא אים ניט אזא ווערט,
ווי דאס רייפל, וואס ער קאטשעט,
און די ערד...

די פלוידערקע

כ׳האב געזאגט מיין שוועסטער:
— טו צוליב מיר, עסטער,
שוויינ! דו רעדסט צופיל.
הודעסט, ווי א מיל.

— באליידיקסט מיך זייער, ארן,
איך האב אוש א פארדראס.
וואס ווילסטו, כ׳זאל פארשפארן
דאס מויל מיינס אף א שלאס?

— נו, פלוידער, פלוידער, עסטער, —
האב איך געזאגט דער שוועסטער, —
קאלזמאן דו ביסט נאך יונג,
קאלויטשע מיט דער צונג.

דאדל מיט דער דודע

אף דער לאנקע, דאדעלע
טרילערט אף זיין דודקעלע.
זאג איך דאדלען: „דאדעלע,
מאך מיר אויך א דודעלע!"
גוידערט ער זיך, ווי א האן:
— כ׳האב שוין מער ניט וואס צו טאן!
— אויב אזוי, זיי וויסן, דאדל,
עס איך אוף אליין דעם שטראדל.
ווערט ער בייז: „וואס הייסט אליין?
ס׳איז ניט כאוועריש, ניט שיין!"

דאס שוסטערל

גיט מיר א העמערל,
דראטוועס און צוועקלעך,
א נאל מיט א נאדל,
הילצערנע פלעקלעך,

וועל איך אייך אזעלכע
מעשטעס אופנייען,
וואס טאנצן און שפרינגען,
וואס לויפן אליין...

דער פלאפלער

א מאשל־קאפאשל,
א מאשל־קאבאק,
ער שיט מיט זיי, ווי
פון א שיטערן זאק.
ער שטופט אומעטום
זיך אריין מיט זיין מאשל,
אזוי ווי נאך זשאבעס
דעם שנאבל — דער בושל.

כ׳האב שוין ניט איין מאל
אים זאגן געוואלט,
אז פלאפלען איז בלאטע
און טראכטן איז גאלד.



די מויז און די פלעדערמויז

— פלעדער, פלעדער, פלעדערמויז,
זע, גיב אכטונג! — שרייט א מויז. —
ווײַל נאָך דיר שפּירט נאָך דער קאָטער,
ער איז, ווי א פּיפּערנאָטער!

לאַכט די פלעדערמויז פון איר:
— זאָרג ניט, שוועסטערל, פאַר מיר.
וויפל ער זאָל זיך ניט מיִען,
איז אומזיסט. ער קאָן ניט פליִען!

די הוידלקע

הוידע, הוידלקע, מיך, הוידע,
הוידע, הוידע ביז צום בוידעם.
פון דעם בוידעם ביז צום דאך
הוידע, הוידע מיך א סאך.
ביז דעם הימל, ביז די שטערן,
כ'וועל ניט זאגן, זאָלסט אופהערן.

די עלנטע

קומט צו מיר, קינדערלעך, טאָמער
באַדאַרפט איר א זעג צי א האַמער,
א דאָלעטע, צוועקעס, א ברעטל
צו מײַסטערן א טאַבורעטל...
קומט צו מיר, קינדערלעך קליינע —
און טאָמער האָט איר פאַרגעסן
טיי טרינקען צי עפּעס עסן, —
קומט צו מיר, קינדערלעך שיינע,
וועט דאָס אײַך געבן די שכײנע,
די עלנטע שכײנע, די זקיינע,
וואָס לעבט נאָך און האָט מער ניט קיינעם...

מײַן פערדל

ווען איך טו א טשמאָקע, א וויאָקע
אף מײַן „אָרליקל", מײַן פערד,
פליט ער, ווי א פײַל פון בויגן,
אז עס ציטערט אזש די ערד.

ווען איך טו אף אים א וויאָקע
און איך טו צו אים א טשמאָקע,
יאָגט מײַן פערדעלע מיט מיר
פון מײַן בעטל ביז דער טיר.



דער קאָמפּאָזיטאָר

כ'האָב צוגעטראַכט א ניגן.
א ניגן שעבעניגן.
דער ניגן הייבט זיך אָן:
אוי־דילי־דילי־דאָן...
און ס'ענדיקט זיך דער ניגן
אזוי, ווי ער הייבט זיך אָן...

דער האָז און דער צאַפּ

— וואָס טוסטו דאָס? —
פרעגט דער האָז.
— וואָס זשע, זעסט ניט?
כ'פּאַשע גראָז. —
האָט געענטפערט אים דער צאַפּ.
— דרײַ, דו ציג, מיר ניט דעם קאָפּ.
כ'זע, דו מוטשעסט זיך זייער שווער
מיט מײַן לעצטן זיסן מער.
ניט אומזיסט זאָגט מען: א צאַפּ
האָט געהירן ניט אין קאָפּ.
— כ'ווייס ניט, צי דו ביסט גערעכט,
אָן געהירן איז דען שלעכט?

דאָס ציגעלע

זויגט און זויגט א ציגעלע
די בריסטן בא זײַן מאמע.
זויגט שוין לאנג, גאָר לאנג — א שאָ,
פעסטעט זיך מיסטאמע.
זאָג איך: „ציגעלע, גענוג!
מוטשע ניט דײַן מאמען".
מעקעט עס: „ווער ביסטו?
אויב ביסט מיר מעקאַנע,
שטעל זיך אויך אף אלע פיר,
זויג אזוי, ווי איך בא איר...

בינען

האָניק איז זיס,
ער שמעקט נאָך מיט בלומען.
א לעפעלע האָניק,
א טרונק פונעם ברונעם,
דערוועקט אונדזער קויער,
מאכט לײַטער דעם מויער.
צו אַלע כאַלאַסן
איז האָניק א מיטל.
דערפאַר הייב איך אויף
פאַר די בינען דאָס היטל.

בא דער קוזניע

קלאַפּט דער שמידער מיט זײַן האַמער,
בייגט מעטאַלן פונקט ווי טייג,
פּלעכט פּאַדקאָוועס פאַר א פערדל,
גרייט דאָס פערד אין ווײַטן וועג.

פרעגט: „וואָס קוקסטו, גוטער־ברודער?
ווילסט זיך לערנען זײַן א שמידער?"
האָב איך אים געזאָגט: „כ'וויל זייער.
נאָר דײַן האַמער איז שטאַרק שווער.

כ'וועל דערווײַל נאָר קוקן, פעטער,
און פּאַדקאָוועס קאָוועז שפּעטער!"

דאָס פערד און די פליג

א פויער אין סטעפּ מיט דעם פלוג,
מיטן פערד,
האָבן געאַקערט, באַאַרבעט די ערד.
ניט גרינג פאַר איין פערדל אַהין און צוריק,
צו שלעפּן דעם פלוג.
איז דערצו נאָך א פליג
צו דעם צוגעשטאַנען, צעביסן ביז בלוט,
געזשוזשעט, געשריגן: „דו אַרבעטסט ניט גוט!"
צום סוף האָט די פליג זיך באַרימט,
און דאָס פערד,
וואָלט קיינמאָל און איר,
ניט צעאַקערט די ערד...

אן אופגאַבע

כ'וויל סאַפּקאַלסאַף שוין וויסן,
וויפל איך בין אַלט.
ביז פינף, זאָגט מען, פעלט מיר
א יאָר מיט א שפּאַלט.
כ'קאָן ציילן ביז די הונדערט,
אי צוויי, אי דרײַ, אי פיר...
— נאָר דעם שפּאַלט אויסרעכענען
דאָס איז ניט גרינג פאַר מיר.

אונדזער מאַמע

קיינער איז צו מיר ניט גלײַך,
קיינער איז, ווי איך, ניט רײַך.
כאָטש מײַן שוועסטערל נעכאַמע,
וואָס האָט אויכעט אַזא מאַמע...

דער טאַכשיט

— אָט דער טאַכשיט, ווי איך זע,
שטייט שוין א מעסלעס אין שנײַ! —
זאָגט די באָבע דווירע.
זי האָט זייער מוירע:
— פון אַזוינע שפּילן,
קאָן מען זיך פאַרקילן.
— נעם זיך, באָבע, ניט צום האַרצן,
ווײַל נאָך נעכטן אָפּדערנאַכט
איך אָט דעם טאַכשיט
אַליין פון שניי געמאַכט...

דעם בערעלעס פאַרדראָס

— בערעלעבו,
באַרעך־האַבאָ!
וווּ ביסטו געווען?
וואָס האָסטו געזען?
— איך ליג לאַנג בא דיר,
פון יענער זײַט טיר,
אין שטויב, אין דער בלאָטע,
אַזוי ווי א שמאַטע.
איך בין שוין ניט מער,
דײַן פליושענער בער...

זשמורקעס

מוישע־קוישע־לאָמפּאַפּיר,
כ'זע, דו שטייסט הינטער דער טיר,
זשמורע דו, אַזוי ווי איך,
צייל ביז צען און גיי, זוך מיך.

מוישע־קאפּוישע

— מוישע־קאַפּוישע, כ׳האָב טײַנעס צו דיר
דערפאַר, וואָס דו ווילסט ניט זיך שפּילן מיט מיר.
— ביסט דאָך ניט נאַריש, שוין צײַט צו פאַרשטיין,
אַז איך בין א גרויסער, און דו ביסט נאָך קליין.
— און אַז איך וועל וואַקסן א דרײַ יאָר, צי פיר,
איז וואָס זשע, וועסט זיצן און וואַרטן אויף מיר?..

א פאַרליבטער זיידע

איך קוק אויף מײַן אייניק,
און זע זיך אַליין,
ווען איך בין געווען,
אַזוי ווי ער, קליין.
איך טראַכט: ווי דערלעב איך
צו זען אים שוין גרויס,
אַזוי ווי איך זע
באַ די פופציק יאָר אויס.
איך קוק אויף מײַן אוצער,
און קאָן ניט פאַרשטיין,
געשיקט זיך, אַזוי שטאַרק
האָב איך ליב זיך אַליין?

א גוטע נאַכט

אָנגעשפּילט זיך, און גענוג.
ס׳איז שוין פינצטער. טו א קוק,
אויף דעם הימל שײַנען שטערן,
וועלכע לויכטן, ווי לאַמטערנס.
אַלע שלאָפן שוין. ווער — זוג.
אין שטאַל — דאָס לאַשעקל, די קו,
דאָס ווײַסע קעלבעלע, די ציגן...
אין נעסט — דאָס שוועלבעלע... זיי ליגן
מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך.
שלאָף, מײַן קינד, מײַן פייגעלע.
א גוטע נאַכט, א נאַכט פון רו,
ביז אַכט אַזייגער אינדערפרי...

דער „פישער”

באַ דעם טײַך איינער אַליין
זיצט דאַווידקע אויף א שטיין
מיט א ווענטקע, וואָס כאַפּט פיש.
וויל אויף שאַבעס צו דעם טיש
כאַפּן א מאַרענע.
נאָר, ווײַזט אויס, אַז יענער
איז ניט אַזאַ פיש,
וואָס אײַלט זיך צו דעם טיש.
— ס׳א מעכײַע, — זאָגט זײַן שוועסטער, —
זיצן זומער באַ דעם דניעסטער!
ווען איך דאַרף ניט וואַשן, פּרעסן,
וואָלט איך אויך מיט אים געזעסן.
און אויף שאַבעס צו דעם טיש
וועט דער טאַטע ברענגען פיש.

דער אַלעפבייס

פון פאַנעם רינען ריטשקעס שווייס —
כ׳וויל גיכער זײַן דעם אַלעפבייס,
דעם „גימל”, „דאַלעד”, „היי” און „כאַף”,
די „שין”, די „נון”, די „פּיי” און „וואָוו”.
נאָר ס׳איז ניט גרינג. פיל גרינגער איז
צו טרייסלען פון דיביימער ניס,
צו לויפן, שפּרינגען, שווימען, פליִען...
כ׳וועל נאָר, ווי ווײַט איך קאָן, זיך מיִען,
ווײַל אָנעם אַלעפבייס דאָס קינד
איז, ווי א העלצל, שטום און בלינד.

א פאַרלויפעניש

כ׳האָב אַליין געזען, ווי שלוימע
האָט געפרעסן גרינע פלוימען,
ווי דערנאָך איז ער געלאָפן —
כ׳שעם זיך זאָגן אײַך וווּהין, —
און וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן,
ניט הערלויפנדיק אהין...

ווער אין דער מאָלער?

א וואָראָבייטשיק האָט אין סאָד
געפרעגט א בלויערל: „זאָג מיר,
אויב דאָס איז ניט קיין סאָד,
ווער האָט באַמאָלט דעם מאָלבעש דיר?
מיר זײַנען פרײַנט און גוטע שכיינים,
איך וויל מײַן פייגעלע דאָס קליינע
אַזוי די פליגעלעך באַמאָלן.
ניט אומזיסט. איך קאָן באַצאָלן”.
האָט זיך דאָס בלויערל צעלאַכט:
— מ׳האָט מיר דאָס אָפּגעטאָן באַנאַכט,
און איך אין שלאָף האָב ניט געזען,
וואָס פאַר א מאָלער ס׳איז געווען...



●

ר ו ו ן ק ו י ע נ מ א ן
(ווינ יצע)

דאָס בלינדע הינטעלע

דאָס שטובּיקע הינטל, אַ געמישטן פּינטשער און אַ הויף־הונט, האָבן אַלע ליב געהאַט. באַזונדערס זאַינקע.

דער פּינטשער האָט געבוירן דרײַ הינטעלעך, און די פרייד פונעם מיידעלע האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. פּינטשער איז אַ מאַמע!

די הינטעלעך זײַנען, געוויינלעך, געבוירן געוואָרן בלינדע און האָבן גאָרנישט ניט געזען. עס זײַנען דורכגעגאַנגען צען טעג — די אייגעלעך בײַ די הינטעלעך האָבן זיך אופגעעפנט נאָר בײַ צוויי — באַם דריטן זשע זײַנען זיי געווען פאַרמאַכטע.

עס זײַנען פאַרלאָפן נאָך צוויי וואָכן, נאָר די אייגעלעך האָבן זיך באַם הינטעלע ניט אופגעעפנט. זאַינקע איז צוגעקאָכט געוואָרן צו דעם בלינדן הינטעלע. זי האָט עס געגעבן אַ נאָמען: „קליינינק פּינטשערל", זיך ניט באַרויִקט, בײַז די מאַמע האָט ניט צוגעזאָגט באַווײַזן דאָס „קליינע פּינטשערל" דעם וועטערינאַר־דאָקטער.

דער דאָקטער האָט אופמערקזאַם באַטראַכט דאָס הינטל און האָט געמוזט זאָגן דעם עמעס:

— דאָס הינטעלע איז געבוירן געוואָרן אָן אויגן.

— וואָס הייסט, אָן אויגן? — האָט וויינענדיק געפרעגט זאַינקע.

— די אויגן־דעקלעך זײַנען דאָ, נאָר נאָך זיי איז אַ האַרטער קערפּער. אַ זעלטענער, אויסשליסלעכער פאַל, נאָר...

וויִאַזוי זשע וועט עס לעבן?

זאַינקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער וועטערינאַר גיט אָנצוהערן וועגן עפּעס זייער שרעקלעכס: אַז דאָס „קליינינק פּינטשערל" דאַרף ניט לעבן, אויב עס איז אָן אויגן. נאָר, — האָט זי געטראַכט, — אויב ער ווייסט ניט, אַז דאָס הינטל קאָן לעבן אַ בלינדס, הייסט עס... ניין! זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס „קליינע פּינטשערל", ווי פון אַ סרייפע, אַרויסגעלאָפן פון דער וועטערינאַר־קליניק. אויפן גאַנצן וועג האָט זי געוויינט. ניין, ניט פון דעם, וואָס דאָס הינטעלע איז בלינד. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ קאָן קיינער ניט העלפן. קיינער? און זי, זאַינקע, אויך? ניין, קיינעם וועט זי עס ניט אָפּגעבן. זי וועט העלפן דעם הינטעלע לעבן.

...סע קאָן זיך טרעפן, אַז די זאָאָלאָגן וועלן הײַנט זיך ניט וווּנדערן אויפן געזונטן, פריילעכן הונט, וואָס ווייסט אַ סאַך, קען אַ סאַך און פאַרשטייט אַ סאַך מער פון אַנדערע פירפיסיקע פרײַנט זײַנע. די נאַטור, ווען זי וויל, וועט ניט אָנערקענען אוממעגלעכס.

פאַרשיידנקײַט — יאָ.

אַ סאַך לערער קאָנען זיך באַרימען, אַז זיי האָבן זיך דערשלאָגן דערפאָלגן אין דערציִען אין אַ יונג האַרץ לאַנגיאָריקע איבערגעגעבנקײַט? און צולעצט: צי אַלע דערוואַקסענע ווייסן, וואָס עס הייסט עמעצן העלפן לעבן?..

דאָס מיידעלע, וועגן וועלכן מיר האָבן דערציילט, ווייסט! און ווער האָט געקאָנט טראַכטן, אַז אויף אַזעלכע הויכע שטאַפּלען וועט העלפן זאַינקען זיך אופהייבן אַ געוויינלעך בלינד הינטל!

ייִדישע געשיכטע

פּראָפ. נ. מ. ניקאָלסקי

דאָס אוראַלטע פֿאָלק ייִסראָעל

5. דאָוויד האַמעלעך

איינמאָל נאָך א ניצחון איבער די פּלישתּים איז שויעל מיט זײַן חיל געגאַנגען אין זײַן הויפּט־שטאָט גאַוואַ. דאָס חיל האָט געפֿירט און געטראָגן אױף זיך א רײַכן רויב, און נעבן שויעלן זײַנען געגאַנגען זײַנע נאָענטסטע און חשובֿסטע קריגסלײַט, צווישן זיי איינער פֿון די הויפּט־קריגס־אָנפֿירער דער יונגער העלד דאָוויד. ווי ס'איז געווען דער מינהג דעמאָלט, זײַנען די פֿרויען און מיידלעך אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן די זיגער מיט געזאַנג, טענץ און פּויקן; זעענדיק דעם שיינעם דאָווידן, וועלכער איז געגאַנגען האַנט בא האַנט מיט שויעלן, האָבן זיי דאָ אױף אָן אָרט אימפּראָוויזירט א ליד: „געשלאָגן האָט שויעל אין די טויזנטער, און דאָוויד אין די צענדליקער טויזנטער". די דאָזיקע ליד איז באַלד באַקאַנט געוואָרן גאַנץ ייִסראָעל, און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זי אױפֿגעכאַפּט. דער, לעקאָוועד וועמען מע האָט די ליד געזונגען, איז נאָך געווען זייער יונג, נאָר ער האָט שוין געהאַט א נאָמען פֿון א העלדישן קריגס־פֿירער. שויעל האָט שוין אָנגעהויבן קרום קוקן אױף דאָווידן, זעענדיק אין אים זײַנעם א צוקינפֿטיקן קעגנער.

אין די שפּעטערדיקע דורות איז דער שם פֿון דאָוויד האַמעלעך געוואָרן לעגענדאַריש גרויס און מע האָט אים צוגעשריבן אויסערגעוויינלעכע גבֿורות, וועלכע ער האָט קלומערשט אָנגעהויבן אַרויסצוווײַזן נאָך אין זײַנע קינדער־יאָרן. ווי אַרום יעדן אומגעוויינלעכן מענטשן, איז אַרום דאָווידן אויך געשאַפֿן געוואָרן פֿיל לעגענדעס. מע האָט דערציילט, אַז יאַהווע האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט שויעלן פֿאַר א קיניג, ווײַל יענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר א ניט גאָר איבערגעגעבענעם גאָטס קנעכט, און יאַהווע האָט געשיקט שמועלן קיין בייס־לעכעם, וווּ דאָוויד איז געבוירן געוואָרן און וווּ ס'האָט זיך געפֿונען זײַן מישפּאָכע, און געהייסן אים זאַלבן דאָרט דאָווידן פֿאַר א קיניג אױף ייִסראָעל. דאָוויד איז געווען דער ייִנגסטער אין דער מישפּאָכע, נאָך גאָר א ייִנגל; נאָר גלײַך ווי שמועל האָט אים געזאַלבט, האָט אױף אים אָנגעהויבן רוען דער גײַסט פֿון יאַהווע, און דאָס דאָזיקע שוואַכע ייִנגל האָט אין עטלעכע טעג אַרום גוויוער געווען אין צווייקאַמף דעם פּלישטישן ריז, גאָליאַטן. די דאָזיקע וווּנדערבאַרע גבֿורות האָבן געמאַכט דאָווידן א נאָמען אין גאַנץ ייִסראָעל, און פֿון דאַן האָט מען אָנגעהויבן קוקן אױף אים, ווי אױף אָן אויסדערוויילטן פֿון גאָט. אַזעלכע מײַסעס האָט מען דערציילט וועגן דאָווידן, און די פֿאָלקסמאַסן, וועלכע זײַנען שטענדיק נוטה צו גלייבן אין אַלערליי ניסים, וועלכע האָבן שטענדיק ליב צו באַשײַנען זייערע העלדן מיט

פֿאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1, 2, 1989.

די מאפע פון דער יִסראָעלדיקער מעלוכע אין שויעלס צײַטן

קאַלעראָליי אומנאַטירלעכע גחורעס, האָבן זאָרגזאַם אָפּגעהיט די אַלע דערציילונגען און האָבן אינגאנצן קימאט פאַרגעסן װעגן דעם, װיאַזוי דאָװיד איז װירקלעך דערהויבן געװאָרן. און אינדערעמעסן איז די מײַסע געװען א סאך פּאַשעטער. שויעל פלעגט אָפט לײַדן פון דעם, װאָס ער פלעג אַרײַנפאלן אין אומעט און מעלאַנכאָליע; אין יענע צײַטן האָט מען געגלייבט, אז ס'האָט זיך אין אים אַרײַנגעלאָזט א בייזער גײַסט און פלעגט אים פּײַניקן; קעדיי צו פאַרטרײַבן דעם בייזן גײַסט, האָט מען אים געייצעט אײַנצולאַדן א מענטשן, װאָס שפּילט גוט אַף א האַרפּע, — דער בייזער גײַסט װעט דערהערן דאָס שפּילן און װעט פאַרלאָזן שויעלן. נאָך אדהײַעם פּרוּװן די װילדע און האַלב־װילדע פעלקער מיט אַזעלכע מיטלען, װי שפּילן, פּויקן אין א פּויק, פאַרטרײַבן די „בייזע רוכעס". דאָװיד האָט געהאַט א נאָמען פון אן אויסגעצייכנטן מענאַגן (שפּילער), געשטאַמט האָט ער פון שײוועט יעהודע און האָט געלעבט ניט װײַט פון שײוועט בינימין. שויעל האָט געשיקט נאָך אים און האָט אים גענומען צו זיך. דאָװידס שפּילן פלעגט העלפן שויעלן, און דער קיניג האָט אים טכילעס באַשטימט פאַר זײַן װאָפנטרעגער, און דערנאָך, װען דאָװיד האָט זיך אַרויסגעװיזן פאַר א גיבער מילכאָמע, האָט ער אים געמאַכט פאַר אן אָנפירער פון א גאנצער מיליטער־אָפּטיילונג און האָט אפילע געגעבן פאַר א פרוי זײַן טאָכטער מעלכאָלע.

נאָך דאָװידס רום האָט ניט געלאָזט רוען שויעלן. אײנמאָל איז אַף שויעלן אָנגעפאַלן דער בייזער גײַסט, דער קיניג איז געװען זייער אומרויִק, און דאָװיד האָט װי געװיינלעך געשפּילט אַף דער האַרפּע. שויעל האָט געהאַלטן אין האַנט א שפּיז, האָט ער א טראַכט געטאָן: „איך װיל מיט דער שפּיז צושלאָגן אים צו דער װאַנט", און ער האָט א װאַרף געטאָן אין דאָװידן די שפּיז. נאָר דאָװיד האָט זיך אויסגעדרייט און איז געבליבן גאַנץ: נאָך דעם צופאַל איז אים געבליבן אַנטרונען צו װערן. צו דאָרעם־מיזרעך פון שײוועט בינימין, אין מײַרעװ־עק פון מידבער יעהודע, אַף דער סאַמע גרענעץ מיטן לאַנד פון פּלישטים, זײַנען געװען די בערג אדולאַם — א װילדע און װיסטע געגנט. אהין איז אנטלאָפן דאָװיד. אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלײַבן ארום אים אַלע אומצופרידענע און געדריקטע. דאָס זײַנען געװען דאָסראָװ געמיינע מענטשן, װעלכע האָבן ניט געהאַט מיט װאָס צו צאָלן זייערע כויװעס און ניט געװאָלט װערן קנעכט; נאָר ס'פלעגן אויך קומען שויעלס קריגסלײַט, װעלכע זײַנען געװען ניט צופרידן מיטן קיניג און פלעגן דעריבער איבערגיין צו זײַן קעגנער; אַף אזא אויפן האָט זיך צונויפגעקליבן ארום אים א היפּשער כאַיִל, און בעראָש פון דעם כאַיִל האָט דאָװיד אָנגעהויבן פירן אין די בערג א פרײַ לעבן פון א רויבער. אינגיכן האָט ער באַקומען אן אומגעװאַרטע הילף. שויעל האָט זיך צעקריגט מיט אכימעלעכן, דעם הויפּט־קויהען פון דעם כאַשעװוסטן דעמלטיקן מאָקעם־קוידעש אין נעװאָ, װײַל אכימעלעך האָט געהאָלפן דאָװידן בא זײַן אנטרונען װערן. שויעל האָט מוירע געהאַט, אז אכימעלעך װעט אויך װײַטער העלפן דאָװידן, װעט פאַר אים בעטן יאַהװע, ברענגען פאַר אים קאָרבאָנעס, און דעריבער האָט ער געשיקט קיין נעװאָ א באַפעל צו פאַרניכטן אכימעלעכן און די איבעריקע דאָרטיקע קויהאַנים פון יאַהװע. פון דער דאָזיקער בלוטבאָד איז ניצל געװאָרן נאָר איין אכימעלעכס זון, אװיטאַר, ער האָט פאַרכאַפּט דעם אייפאָד און איז מיט אים אנטלאָפן צו דאָװידן. דאָװיד איז געװען זייער צופרידן. איצטער האָט ער געהאַט די מעגלעכקײַט אָנצופרעגן בא יאַהװע בײַס יעדער אַרויסטרעטונג, שויעל אָבער האָט איצט שוין מער זיך ניט געקאָנט שטיצן אַף די קויהאַנים, ער האָט געפּרוּװט אפילע אַליין אָנפרעגן יאַהװע, נאָר ער האָט ניט געװוּסט, װיאַזוי זיך צו באַגיין מיטן אורים װעטומים; ער האָט פאַרטראַכט זען אין כאַלעם, איז פון דערפון אויך גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען: יאַהװע איז געװען מיט דאָװידן, מיט שויעלן איז געבליבן מער ניט װי דער בייזער רועך.

אַז אַרום דאָווידן האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפּשע צאָל מענטשן, איז פֿאַר זיי ענג געוואָרן דער ווּיסטער אַדולאַם, ווּ ס'איז ניט געווען בײַ וואָס אַרויסצוווײַזן זייער העלדישקײַט און ווּ זיי האָבן ביכלאַל ווייניק־וואָס געקאָנט באַקומען. זיי האָבן געהאַט אַפֿילע אַ מעגלעכקײַט אַרויסווײַזן זייער גבֿורע אין מילכאָמע מיט די פּלישטים, נאָר מיט זיי האָט זיך דאָווּיד ניט געוואָלט קריגן — זיי זײַנען דאָך געווען סאָנים פֿון שויעלן, וועלכער האָט אַזוי גערוידעפֿט דאָווידן. אין מידבער אַדולאַם איז ניט געווען וואָס צו טאָן. און דאָווּיד מיט זײַן כאַיִל זײַנען אַוועק נעענטער צום יאַם־האַמעלעך, דערנאָך צום באַרג קאַרמעל, אויף די בליִענדיקע זײַטן פֿון וועלכן ס'האָבן זיך געפּיטערט גרויסע סטאַדעס, וואָס האָבן געהערט צו די אָרטיקע סראָרים. דער רײַכסטער פֿון זיי איז געווען נאָוול; ער האָט געהאַט דרײַ טויזנט שעפּסן און טויזנט ציגן; זײַן פֿרוי אַוויגײַל איז געווען אַ קלוגע און אַ שיינע, און ער אַליין איז געווען אַ שלעכטער און אַ נאַרישער מענטש (נאָוול איז דער טײַטש — אַ נאַרישער מענטש). פֿרילינגצײַט איז געקומען דער טאָג, ווען מע שערט די שעפּסן; בײַ די, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט האָדעווען בעהיימעס, איז דער טאָג אַ גרויסער יאָמטעוו, און מע מאַכט דאַן גרויסע מאָלצײַטן פֿאַר דעם גאַנצן הויזגעזינד. דאָווּיד האָט געשיקט נאָוולען צען פֿון זײַנע יונגען און געהייסן זיי זאָגן: „שאָלעם צו דיר און צו דײַן הויזגעזינד. איך האָב געהערט, אַז מע שערט בײַ דיר די שעפּסן; זע, דײַנע פּאַסטעכער זײַנען געווען אינאיינעם מיט אונדז — מיר האָבן זיי ניט באַליידיקט, און בײַ זיי האָט גאָרנישט אויסגעפֿעלט, קאָלזמאַן זיי זײַנען געווען באַם באַרג קאַרמעל — פֿרעג דײַנע יונגען, און זיי וועלן דיר זאָגן. און לאָזן מײַנע יונגען געפֿינען כיין אין דײַנע אויגן, זיי זײַנען דאָך געקומען צו דיר אויף אַ יאָמטעוו! גיב פֿאַר דײַנע קנעכט און פֿאַר דײַן זון דאָווידן, וואָס בײַ דיר אונטער דער האַנט געפֿינט זיך". נאָר נאָוול האָט זיי גראָב אָפּגעזאָגט: „ווער איז דאָס דאָווּיד? ווער איז דאָס דער זון פֿון יעשײַע? הײַנט זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך קנעכט, וואָס אַנטלויפֿן פֿון זייערע הערן! זאָל איך נעמען מײַן ברויט, מײַן וואַסער און מײַן שעכטונג, וואָס איך האָב געשאָכטן פֿאַר מײַנע שערער, און אָפּגעבן עס מענטשן, וואָס איך ווייס ניט, ווער זיי זײַנען?"

אַז די שעליכים האָבן זיך אומגעקערט צו דאָווידן און איבערגעגעבן אים נאָוולס טשוווע, האָט ער גלײַך געהייסן זיך גרייטן אויף אָנצופֿאַלן אויף נאָוולען. אַוויגײַל האָט זיך דערוווּסט פֿון אַלץ, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען, און זי האָט גלײַך אָנגעהויבן זוכן אַ מיטל, ווי אויסצומײַדן די סאַקאָנע. זי האָט געשווינד גענומען צוויי הונדערט לאַבנס ברויט, צוויי לאָגלען ווײַן, פֿינף פּאַרטיק געמאַכטע שעפּסן, פֿינף סאָך געטריקנטע זאַנגען, הונדערט הענגלעך געטריקנטע ווײַנטרויבן, צוויי הונדערט בינטלעך געטריקנטע פֿײַגן, האָט דאָס אַלץ געהייסן אָנלאָדן אויף קעמלען און אין באַגלייטונג פֿון אירע יונגען איז זי אַוועק אין מידבער צו דאָווידן; דעם מאַן אירן האָט זי גאָרנישט ניט דערציילט. אין די באַרג האָט זי זיך געטראָפֿן מיט דאָווידן. ער איז שוין געגאַנגען מיט זײַן כאַיִל, קעדיי אָנצופֿאַלן אויף נאָוולען און האָט געשוווירן, אַז ביז פֿרימאָרגן וועט בײַ נאָוולען אין הויז קיין איין לעבעדיקער זייכער ניט בלײַבן. אַז אַוויגײַל האָט דערזען דאָווידן, איז זי אַראָפּ פֿונעם אייזל, האָט זיך געבוקט ביז צו דער ערד און האָט געבעטן אים ראַכמים: „הער זיך ניט צו צו די ווערטער פֿון מײַן מאַן, — האָט זי געזאָגט, — ער איז אַ נאַר, און זײַן נאַרישקײַט איז שטענדיק מיט אים; און איך האָב ניט געזען די יונגען פֿון מײַן האַר, וועלכע דו האָסט געשיקט צו נאָוולען, נאָר יאַהווע וועט ניט דערלאָזן, אַז דײַן האַנט זאָל פֿאַרגיסן בלוט, און זאָלן זײַן, ווי נאָוול, אַלע דײַנע סאָנים און אַלע די, וואָס באַגערן בייז אויף מײַן האַר! און אָט זײַנען די מאַטאָנעס, וועלכע דײַן דינסט האָט געבראַכט פֿאַר דײַנע יונגען". און אַוויגײַל האָט נאָכאַמאָל געווונטשן דאָווידן, ער זאָל מאַצליעך זײַן, און זײַנע סאָנים זאָלן גיך האָבן די מאַפּאָלע. דאָווּיד איז ווייכער געוואָרן. „געבענטשט איז יאַהווע, דער גאָט פֿון יִסראָעל, וואָס האָט דיך געשיקט מיר אַנטקעגן: אויב דו וואָלסט ניט געקומען, וואָלט, ווי גאָט לעבט, ביזן פֿרימאָרגן בײַ נאָוולען אין הויז קיין לעבעדיקער הונט אַפֿילע ניט געבליבן". דאָווּיד האָט גענומען די מאַטאָנעס און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין זײַן לאַגער.

אַז אַוויגײַל איז געקומען צוריק אַהיים, האָט זי דערזען, אַז בײַ נאָוולען איז אַ מאָלצײַט, און נאָוול אַליין איז טויט שיכּער, און נאָר אויף מאָרגן האָט זי אים געקענט דערציילן פֿון דער שרעקלעכער געפֿאַר, וועלכע ער האָט נעכטן אויסגעמיטן. אַז נאָוול האָט עס דערהערט, איז זײַן האַרץ געוואָרן ווי אַ שטיין, און אין צען טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. אַז דאָווּיד האָט זיך דערוווּסט פֿון נאָוולס טויט, האָט ער גלײַך געשיקט זײַנע יונגען צו דער אַלמאָנע; אַוויגײַל איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן, און ער האָט געהייסן זי ברענגען, קעדיי כאַסענע צו האָבן מיט איר. אַוויגײַל איז מערוצע געווען און איז גלײַך געפֿאָרן צו דאָווידן, און אויף אַזאַ אויפֿן איז דאָווּיד געוואָרן דער רײַכסטער האַר אין דער גאַנצער געגנט.

איצטער קאָנען מיר ניט וויסן גענוי, צי איז טאַקע געשען דאָס אַלץ, וואָס איז באַשריבן אין דער דאָזיקער פּאָעטישער דערציילונג. אַפֿילע לאָז זײַן, אַז די גאַנצע מײַסע מיט נאָוולען און אַוויגײַל איז אויסגעטראַכט פֿון דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע; מיט וואָס פֿאַר אַ העלע פֿאַרבן איז דאָך דאָ געשילדערט דאָס פֿרײַע לעבן פֿונעם צוקינפֿטיקן קיניג, וועלכער שאַפֿט זיך אַ כאַיִל, אַשירעס און אַ

נאָמען. ס'קאָן זײַן, אַז ניט נאָר בײַ קאַרמעל האָט דאָװיד באַװיזן זײַנע גבורות; ס'קאָן זײַן, אַז ניט נאָװל אַלײן איז געװאָרן זײַן קאָרבן, און ניט נאָר נאָװלס יונגען האָבן געציטערט, דערהערנדיק זײַן נאָמען. לױט די באַגריפן פֿון יענע צײַטן, איז אין דאָװידס לעבנשטײגער גאָר קײן בײז ניט געװען; ניט נאָר ער אַלײן האָט געלעבט פֿון רױב, אַזױ האָבן אױך געטאָן אַלע זײַנע שכײנים; צעקריגט זיך אײנער מיט דעם צװײטן — הײבט זיך אָן אַ מילכאָמע, און דער זיגער באַהערשט דאָס גאַנצע האָב און גוטס פֿון דעם באַזיגטן, און ער אַלײן, זײַן פֿאַמיליע און זײַנע קנעכט װערן אָדער אױסגעהאַרגעט אָדער זײ װערן קנעכט פֿון די זיגער. אַזױ האָט נאָך פֿאַר דאָװידן געטאָן אױמער־לעך, אַזױ האָט געװאָלט טאָן מיט די אײַנװױנער פֿון יאָװיש דער קיניג פֿון אַמאָלעק. נאָר דאָך איז געװען אַ גרױסער אונטערשײד צװישן דאָװידן און אַלע איבעריקע הארן פֿון דאָרעם־פּאַלעסטינע; דאָװיד איז געװען אַ קריגס־אָנפֿירער בײַ שױעלן, באַם קיניג פֿון בינ־אָמין און עפֿראַיִם; ער איז געװען באַרימט שױן פֿון פֿריִער מיט זײַנע גבורות, און אין דער צוקונפֿט האָט ער געקענט פֿאַרנעמען שױעלס אָרט. אין זײַן באַיִל האָט זיך געפֿונען אַ קױהען פֿון אײנעם פֿון די כאַשעװסטע הײליקע ערטער; דעריבער האָט מען געהאַלטן, אַז אים העלפֿט דורכױס יאַהװע. „דו פֿירסט די מילכאָמעס פֿון יאַהװע", האָט אים נאָך אַװיגײַל געזאָגט. און דאָװיד האָט ביסלעכװײַז געקראָגן אַ שעם אין גאַנץ דאָרעם־ייִסראָעל, און אַרום זײַן נאָמען איז באַשאַפֿן געװאָרן אַ גאַנצער קראַנץ פֿון לעגענדעס.

שױעל האָט ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק, זעענדיק, װי דאָװיד װערט דערהױבן. ער איז אַװעק מיט זײַן כײַל אין מידבער רודפֿן זײַן קעגנער. דאָװידס אױסקוקער האָבן אים איבער־געגעבן, אַז דער קיניג פֿון בינ־אָמין זוכט אים; דאָװיד האָט געמוזט אַנטלױפֿן, און ער האָט זיך געטראַכט אין האַרצן: „איך װעל דאָך אַמאָל אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון שױעלן; בעסער װעל איך אַנטרונען װערן אין לאַנד פֿון די פּלישטים". דאָס לאַנד פֿון שױעלס סאָנים איז טאַקע געװען דאָס בעסטע באַהעלטעניש פֿאַר דאָװידן. דער קיניג פֿון געגנט גאַסאַכיש האָט זײער גערן אױפֿגע־נומען דאָװידן און געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך; אַכיש אַלײן האָט געלעבט אין אַ גרױסן באַפֿעסטיקטן שלאָס, נאָר ער האָט געהאַט נאָך קלײנע שלעסער, מיט װעלכע ער פֿלעגט באַטײלן זײַנע קריגסלײַט פֿאַר זײער דינסט; צוזאַמען מיטן שלאָס פֿלעגט ער געװײנלעך אױך אָפּגעבן די אַרומיקע געגנט מיט אירע האַכנאָסעס. אַזױ פֿלעגן אין יענע צײַטן טאָן אַלע קיניגן און פֿירשטן, אױך שױעל און אױך די פּלישטישע פֿירשטן, אױך די פֿירשטן און קיניגן פֿון אַנדערע לענדער פֿלעגן אַזױ האַנדלען און פֿלעגן באַלױנען מיט ערד אין אַזעלכע פֿאַלן. װען ס'האָט זײ אױסגעפֿעלט געלט. פֿאַר זײַן דינסט האָט אַכיש אָפּגעגעבן דאָװידן דעם שלאָס צעקלאַג; דער דאָזיקער שלאָס איז געשטאַנען אױף דער סאַמע גרענעץ פֿון מידבער און האָט פֿאַרטײדיקט דאָס לאַנד פֿון די אַנ־פֿאַלן פֿון די אַמאָלײקים, װעלכע האָבן אױך די פּלישטים ניט געלאָזט רויִק צו זיצן. דאָװיד פֿלעגט אָפֿט מאַכן אָנגריפֿן אױף די אַמאָלײקים אין מידבער און יעדעס מאָל פֿלעגט ער זיך אומקערן מיט אַ רײַכן רױב; דעם רױב פֿלעגט ער ברענגען אין גאַס צו זײַן האַר אַכיש, װעלכער פֿלעגט זיך מיט אים טײלן. נאָר ניט אַלע פּלישטישע פֿירשטן האָבן אַזױ געטרױט און געשעצט דאָװידן, װי אַכיש; װען ס'האָט זיך װידער אָנגעהױבן אַ מילכאָמע צװישן שױעלן און די פּלישטים, האָט אַכיש געװאָלט מיטנעמען אױף מילכאָמע אױך דאָװידן. נאָר װען די איבעריקע פֿירשטן האָבן צװישן אַכישעס כײַל דערזען אױך דאָװידן מיט זײַנע יונגען, האָבן זײ מוירע געקראָגן, אַז דער באַרימטער העלד װעט נאָך איבערגײן צו די בנײ־ייִסראָעל און װעט בױגעד זײַן אין די פּלישטים. „קער אום דעם מאַן, — האָבן זײ געזאָגט צו אַכישן, — און לאָז ער זיצן אױף דעם אָרט, װאָס דו האָסט אים געגעבן, און לאָז ער ניט גײן מיט אונדז אױף מילכאָמע, און אױבּ ניט, קאָן ער נאָך װערן אונדזער קעגנער". אַכיש האָט געפֿאָלגט זײער אײצע און האָט אַװעקגעשיקט דאָװידן מיט זײַנע יונגען צוריק אין צעקלאַג. און די פּלישטים זײַנען אַרױסגעטראָטן קעגן שױעלן.

בײַ די בערג גילבאָאַ האָבן זיך געטראָפֿן שױעל מיט די פּלישטים, אַז שױעל האָט דערזען די מאַכנע פֿון די פּלישטים, האָט ער זיך זײער דערשראָקן. ער האָט נאָך קײנמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ גװאַלדיקן סױנע. די פּלישטים האָבן צונױפֿגעזאַמלט אַלע זײערע קױכעס, קעדײ אָפּצו־האַלטן אַ זיכערן ניצאָכן איבער שױעלן און זיך נױקעם זײַן אין אים פֿאַר זײערע פֿריִערדיקע מאַפּאָלעס. שױעל האָט מוירע געהאַט אָנצוהײבן די שלאַכט, ניט אָנפֿרעגנדיק זיך פֿריִער בײַ גאָט. שױעל האָט אָנגעפֿרעגט יאַהװע, נאָר גאָט האָט אים ניט געענטפֿערט ניט דורך אַ כאָלעם און ניט דורך די אורים װעטומים; דער קיניג האָט גערופֿן געװײִם, װעלכע האָבן זיך געדרײט אין װילדע טענץ, געזונגען, געפֿאַלן אױף דר'ערד מיט אַ שױם אין מױל, געפּײַניקט זיך, נאָר דאָס האָט אױך ניט געהאָלפֿן — יאַהװע ענטפֿערט ניט. אַ שרעק איז אָנגעפֿאַלן אױף שױעלן; געװיס האָט זיך שױן יאַהװע אינגאַנצן אָפּגעקערט פֿון אים. ס'איז געבליבן נאָר אײן מיטל, װי זיך צו דערװיסן דעם ראַצױן פֿון יאַהװע: אַרױסרופֿן די נעשאָמע פֿון שמועלן, פֿון דעם זעלבן נאָװי, װעלכער האָט אַמאָל אים געהאָלפֿן װערן אַ קיניג. שױעלן האָט מען איבערגעגעבן, אַז אין אײן־דאָר איז דאָ אַ קישעפֿמאַכערן, װאָס קאָן

קינסטלער סטאַסיס קראַסאָוסקאַס

אילוסטראַציעס צו „שיר־השירים"

אַרויסרופן די נעשאָמעס פון די פאַרשטאָרבענע. באַנאַכט איז שויעל מיט צוויי פון זײַנע לײַט אַוועק צו איר; זי האָט געלעבט צווישן די בערג אין אַ הייל, צו וועלכער ס׳איז געווען זייער שווער צו־צוגיין. אַז די קישעפמאַכערן האָט דערזען שויעלן, האָט זי אָנגעהויבן ציטערן פאַר שרעק און זי האָט אַפּ קיין אויפן ניט געוואָלט אַרויסרופן שמועלן. ערשט דאַן, ווען דער קיניג האָט איר צו־געזאָגט, אַז ער וועט איר גאָרנישט ניט טאָן, וואָס פאַר אַ נעווײַעס זי זאָל אים ניט זאָגן, האָט זי אָנגעהויבן מאַכן איר קישעף. דער בעסטער מיטל אַרויסצורופן די נעשאָמע פון פאַרשטאָרבענעם — איז ברענגען אַ קאָרבן און פאַרשווערן די נעשאָמע, זי זאָל קומען צו דער צוגעגרייטער סודע. די קישעפמאַכערן האָט געמאַכט אַ פײַער, אוועקגעלייגט אָפן פײַער אַ קאָרבן און האָט אָנגעהויבן ווילד צו טאַנצן אַרום אים און אויסשרײַען עפּעס מעשונעדיקע פאַרשווערונגען. און אָט דוכט זיך איר, אַז פון דער ערד באַווײַזט זיך שמועלס געשטעלטער שאָטן; ער איז אָנגעטאָן אין דעם זעלבן אייבער־העמדל (מעיל), אין וועלכן מע האָט אים מעקאַבער געווען, און הייבט זיך פּאַמעלעך־פּאַמעלעך פון דער ערד. „צו וואָס האָסטו מיך באַמרויִקט?" — פרעגט דער שאָטן פון שמועלן. שויעל האָט גע־זאָגט, אַז יאַהווע ענטפערט אים ניט דורך אַ כאָלעם, ניט דורך די אורים וועטומים און ניט דורך די נעוויִים, און זאָל אים שמועל אָנווײַזן, וואָס ער האָט צו טאָן. שמועלס טשוווע איז געווען ניט קיין פריילעכע: „מאָרגן וועסטו מיט דײַן זון זײַן מיט מיר, און די מאַכנע פון די בני־יִסראָעל וועט גאָט איבערגעבן אין די הענט פון די פלישטים". און אַפּ מאָרגן איז טאַקע אַלץ מעקאַיעם געוואָרן אַזוי, ווי ס׳האָט געזאָגט שמועל. שויעלס כאַיל האָט געליטן אַ מאַפּאָלע, און ער מיט זײַן זון יאָנאַטאַן זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן. וועגן דעם געפאַלענעם העלד האָבן זיך דערמאָנט די אײַ־חוינער פון יאַוויש, וועלכע שויעל האָט אַמאָל אויסגעלייזט פון די הענט פון די בני־אַמוין. זיי האָבן צוגענומען זײַן קערפּער פונעם שלאַכטפעלד און אים מעקאַבער געווען אונטער אַ ברייט־צווײַגיקן דעמב; אין פאָלק האָט זיך וועגן שויעלן און יאָנאַטאַנען פאַרשפּרייט אַ ליד, און דאָס פאָלק מיינט, אַז די דאָזיקע ליד איז פאַרפאַסט געוואָרן פון דאָווידן.

דער גלאַנץ, אָ יִסראָעל, ליגט אַפּ דײַנע בערג דערשלאָגן —
ווי זײַנע זגעפאַלן די העלדן!
זאָגט עס ניט אָן אין גאַס,
דערציילט עס ניט אין די גאַסן פון אַשקעלאָן,
עס זאָלן זיך ניט פרייען די טעכטער פון די פּלישטים,
ס׳זאָלן ניט לוסטיק זײַן די טעכטער פון די אָרלים!
איר, בערג פון גילבאָאַ,
קיין טוי און קיין רעגן זאָל פאַלן אַפּ אײַך, פעלדער איר פאַלשע,
דאָרט ליגט דאָך אַוועקגעוואָרפן דער שילד פון די העלדן —
שויעלס שילד, אין בוימל ניט געזאַלבט,
אָן בלוט פון דערשלאָגענע, אָן פעטקײַט פון העלדן
האָט יאָנאַטאַנס בויגן ניט אָפּגעטראָטן
און שויעלס שווערד ליידיק זיך ניט אומגעקערט.
שויעל און יאָנאַטאַן, די ליבע און ווילע,
בא לעבן און טויט האָבן זיי זיך ניט געשיידט,
פון אָדלער געווען זײַנען זיי שנעלער און פון לייב שטאַרקער,
איר, טעכטער פון יִסראָעל, שויעלן באַוויינט!
ער האָט אײַך אין פורפור ליבלעך אָנגעטאָן,
ער האָט דאָך מיט גאָלד־צירונג אײַערע קליידער באַפּוצט.
ווי זײַנען עס די העלדן געפאַלן אין שלאַכט —
יאָנאַטאַן אַצ דײַנע בערג דערשלאָגן!
עס טוט מיר ווי פאַר דיר, ברודער יאָנאַטאַן, ווי ליב ביסטו מיר געווען!
רײַן ליבע איז מיר געווען ווונדער־קרעפטיקער פאַר פרויען־ליבע!
וויִאַזוי זײַנען עס געפאַלן די העלדן, צו נישט געוואָרן דאָס געצײַג פון קריג.

(ב. דינאַבורג. יִדישע געשיכטע)

שויעלס מאַפּאָלע און זײַן טויט האָבן פרײַ געמאַכט פאַר דאָווידן דעם וועג צו דער מאַכט און הערשאַפט. ער האָט גלײַך פאַרלאָזן צעקלאַג; ער האָט מער ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן; און די שוואָטים, וועלכע זײַנען געבליבן אָן אָן אָנפירער, האָבן מיט סימכע אים אויפגענומען. דער שייוועט יעהודע, פון וועלכן ער האָט אָפּגעשטאַמט, האָט אים גלײַך דערקלערט פאַר אַ קיניג אין כעווראָן; זיבן מיט אַ האַלב יאָר האָט ער געקיניגט איבער יעהודע, און די גאַנצע צײַט האָט ער

געפירט מילכאָמע מיט שויעלס יוירעש איש־באַאַל[1], וועמען ס'האָבן אנערקענט פאַר א קיניג די ער שייוועט ביניאָמין און א טייל שוואָטים צו צאָפן־צו פון יעהודע. נאָר איש־באַאַל איז געווען א מינדעריעריקער[2], און אין זײַן נאָמען האָט געוועלטיקט אייגער פון שויעלס קריגסלײַט, אַווגער. קאָלזמאַן אַוונער האָט געהאַלטן איש־באַאַלס צאַד, האָט ער נאָך ווי־ניט־איז געקעמפט מיט דאָווידן; נאָר אַוונער האָט בויגעד געווען אין איש־באַאַלן און איז איבערגעגאַנגען אויף דאָווידס צאַד, דערנאָך איז ער גאָר דערהאַרגעט געוואָרן. דאָ האָט איש־באַאַל פאַרלוירן זײַן לעצטע שטיצע, זײַנע יונגען האָבן געזען, אז מער לוינט פאַר זיי ניט דינען איש־באַאַלן, זײַנען זיי אָנגעפאַלן אויף אים און האָבן אים דערהאַרגעט און אויך איבערגעגאַנגען צו דאָווידן, און אויף אַזאַ אויפן איז דאָוויד געוואָרן קיניג פון יעהודע און פון די צאָפנדיקע שוואָטים.

זײַן גאַנץ לעבן האָט דאָוויד, אַזוי ווי שויעל, פאַרבראַכט אין מילכאָמעס. אונטער זײַן אָנפירונג האָבן די בנײ־יִסראָעל אינגאַנצן גווירער געווען די פּלישטים, אונטערטעניק געמאַכט די בנײ־עדאָם און אָפּגעטריבן א נײַעם סוינע אין צאָפן־מיזרעך, די אַראַמייער (סיריער) פון דאַמעסעק. נאָר דאָס פאָלק האָט געשעצט דאָווידן דערהויפּט דערפאַר, וואָס ער האָט געגרינדעט די שטאָט ירושאָלאַיִם. די האַטכילע פון דער דאָזיקער „אייביקער שטאָט" האָט געמאַכט דאָוויד, דער שוואָך וועגן דעם הייליקן ירושאָלאַיִם האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און פון אַלע עקן וועלט שטרעבן קיין ירושאָלאַיִם פּיליגרימען, אַזוי ווי זיי שטרעבן אין דער „אייביקער שטאָט" רוים, נאָר ירושאָלאַיִם פאַרדינט מער, ווי רוים, דעם נאָמען פון אַן „אייביקער שטאָט". ירושאָלאַיִם איז שוין געשטאַנען דאָ, ווען פון רוים איז נאָך קיין זייכער ניט געווען; נאָר א טייל פון די קריסטן האַלטן רוים פאַר אַן אייביקער שטאָט, ירושאָלאַיִם איז אָבער הייליק פאַר אַלע קריסטן, אַלע יידן און טיילווײַז אויך פאַר די מוסולמענער, נאָר באַזונדערס איז ירושאָלאַיִם טײַער דעם יידישן פאָלק: ווען ער דערמאָנט זיך אָן ציִען, דעם פעלדז, אויף וועלכן ס'איז געגרינדעט געוואָרן ירושאָלאַיִם, דערמאָנט ער זיך ניט נאָר אָן דעם בייס־האַמיקדעש, וועלכער איז דאָרט אַמאָליקע יאָרן געווען, ניט נאָר אָן דעם, וויאַזוי ער האָט דאָרט געדינט זײַן גאָט, ניט נאָר אָן די נעוויִים, וועלכע האָבן דאָרט אַמאָל געהאַלטן זייערע פײַערדיקע רעדעס. ער דערמאָנט זיך אויך אָן די אַמאָליקע יאָרן, ווען עפראַיִם און יעהודע זײַנען געווען אומאָפּהענגיקע פעלקער, האָבן געהאַט זעלבשטענדיקע מעלוכעס און האָבן גלײַך מיט אַנדערע פעלקער געלעבט אין אַן אייגענעם לאַנד און געווען באַלעבאַטים בא זיך אינדערהיים, דערײַבער איז דער קיניג דאָוויד געווען פאַר די קומענדיקע דוירעס ניט נאָר א קיניג ווי אַלע אַנדערע, נאָר אויך דער גרינדער פון ציִען, דער קיניג צווישן די קיניגן. די קומענדיקע דוירעס האָבן זיך פאָרגעשטעלט דאָווידן ניט אַזאַ, ווי ער איז געווען אינדערעמעסן. פון א קריגסמאַן א רויבער, פון א העלד א גיבער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גאָטספאָרכטיקן מאַן. מע האָט דערציילט, אז אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון זײַן האַרפע האָט ער געזונגען הייליקע מיזמוירים, וועלכע ער האָט אַליין פאַרפאַסט; מע איז געווען איבערצײַגט, אז ער האָט געוואָלט בויען דעם בייס־האַמיקדעש, נאָר ס'איז קיין צײַט ניט פאַרבליבן. ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון בייס־האַמיקדעש, צוגעגרייט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, אויסגעגאָסן די קיילים, אָרגאַניזירט כאָרן פון זינגער און לייווים, און פאַר זײַן זון שלוימע איז געבליבן מער ניט, ווי מאַכן דעם בנין. ווען די בנײ־יִסראָעל האָבן פאַרלוירן זייער פּאָליטישע זעלבשטענדיקײַט און געוואָרן אונטערטעניק פרעמדע פעלקער, האָבן זיי אָנגעהויבן האָפן אויף אַן אויסלייזער, וועלכער וועט שטאַמען פון דאָווידס הויז, וועט זײַן אַזאַ הייליקער מענטש, ווי דאָוויד, און וועט פאַרריכטן אויף דער וועלט די גאַנצע אומגערעכטיקײַט. אַדאַנק די ווערק פון פיל געלערנטע מענטשן, ווייסן מיר איצט, וואָס האָט מיט זיך אינדערעמעסן פאָרגעשטעלט דאָוויד, נאָר דאָס בילד פון דעם הייליקן דאָוויד, וועלכן ס'האָבן זיך געמאָלט די קומענדיקע דוירעס, איז מער אַלעמען באַוווּסט, איידער דאָס ווירקלעכע בילד פון דאָווידן. און עס קאָן זײַן, אז די פאָרשטעלונג וועגן דאָווידן, וועלכע מיר געבן, וועט אַרויסרופן א געפיל פון אַנטוישונג בא פיל לייענער, וועלכע האָבן וועגן אים גאָר אַן אַנדער פאָרשטעלונג, נאָר דאָס דאָזיקע בילד איז פאַרביק און בוילעט, דאָס איז א בילד פון א לעבעדיקן מענטשן, וועלכער האָט געלעבט, געקעמפט און געליטן, פונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן; נאָר אַפילע אויך אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג איז דאָוויד מיט א קאָפּ העכער פון די מענטשן פון זײַן צײַט. דער הייליקער דאָוויד, דאָוויד דער זינגער און דער אָנפירער פונעם לייווים־כאָר, איז גיכער געראָטן אין א טויט פּאָנעם פון א הייליק בילד, איידער אין א לעבעדיקן מענטשן; אַרום אים איז א שײַן, און ער זעט אויס, ווי די איבעריקע הייליקע, וועלכע זײַנען אַזוי געראָטן איינער אין דעם צווייטן.

---

[1] אין טאַנאַך איז אין איין אָרט זײַן נאָמען אָנגעוויזן איש־בעשעס, און אין דעם צווייטן איש־באַאַל.

[2] אין טאַנאַך ווערט אָנגעוויזן, אז ער איז אַלט געווען פערציק יאָר.

6. אוראַלטער ירושלאַיִם

מיט אַ יאָר טויזנט פֿאַר ישועס געבורט, ווען דאָווידֿ איז געוואָרן קיניג פֿון ייִסראָעל, איז נאָך אין קנאַאַן ניט געווען אַזעלכע שטעט, ווי איצטער בײַ אונדז און דורכויס. מיר האַלטן פֿאַר אַ שטאָט אַזאַ מין ייִשעוו, אין וועלכן ס'געפֿינט זיך, אין פֿאַרגלײַך מיטן דאָרף, אַ גרויסע צאָל אײַנוווינער, אַפֿטמאָל מער ווי אַ מיליאָן, ווי, צום בײַשפּיל, אין אונדזערע הויפּטשטעט, מאָסקווע און פּעטערבורג, אָדער אין די הויפּטשטעט פֿון אַנדערע מעלוכעס. מיר שטעלן זיך געוויינלעך פֿאָר, אַז אין שטאָט געפֿינען מיר אַלץ דאָס, וואָס פֿעלט אויס אין דאָרף, און נאָך וואָס דער דאָרף־אײַנוווינער קומט צו פֿאָרן אין שטאָט: אין שטאָט באַקומט מען אַלערליי סכוירעס, סײַ אַזעלכע, וועלכע זײַנען אומבאַדינגט נייטיק צום לעבן, סײַ אַלערליי לוקסוס־זאַכן; אין שטאָט געפֿינען מיר געשעפֿטן, קראָמען, דאָרט געפֿינען זיך פֿאַבריקן און זאַוואָדן, וועלכע אַרבעטן אויס אַלערליי פּראָדוקטן; אין שטאָט זײַנען דאָ אַלערליי קולטורעלע אַנשטאַלטן: לערן־אַנשטאַלטן, גוט־אײַנגעאָרדנטע שפּיטאָלן, ביבליאָטעקן, מוזייען, בילדער־גאַלערייען; אין שטאָט געפֿינט זיך די הויפּט־מאַכט פֿון דער געגנט, פֿונוואַנען זי פֿאַרוואַלטעט מיט דער גאַנצער געגנט. נאָר אין דאָווידס צײַטן איז נאָך אין קנאַאַן קיין איין שטאָט ניט געווען, וואָס זאָל זײַן גלײַך צו דער, וואָס מיר האָבן דאָ באַשריבן. אויך אונדזערע שטעט, אויך די שטעט אין אַנדערע לענדער זײַנען ניט שטענדיק געווען אַזעלכע; ס'איז געווען אַ צײַט, ווען פֿיל פֿון הײַנטיקע שטעט זײַנען נאָך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, און די, וואָס זײַנען שוין געווען, האָבן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּאָנעם, ווי איצטער: אַזעלכע זײַנען אויך געווען די שטעט אין פּאַלעסטינע אין דאָווידס צײַטן.

הײַנטיקע צײַטן זײַנען די שטעט — צענטערס פֿון האַנדל, אינדוסטריע און קולטור. אין דאָווידס צײַטן איז אין פּאַלעסטינע קימאַט קיין האַנדל נאָך ניט געווען. די באַפֿעלקערונג איז נאָך ניט אויף אַזויפֿיל גרויס געווען, אַז זי זאָל זיך נייטיקן אין אַרײַנגעפֿירטן ברויט; אירע באַדערפֿעניש זײַנען נאָך געווען אַזוי איינפֿאַך, אַז אַלץ, אין וואָס זי האָט זיך גענייטיקט, האָט מען געקענט אויסאַרבעטן בײַ זיך אינדערהיים, מיט אייגענע מיטלען. אין דאָרעם־טייל פֿון קנאַאַן, אין באַרגיקן לאַנד, אויף דער גרענעץ מיטן מידבער, איז די באַפֿעלקערונג ביכלאַל געווען אַ קליינע ניט נאָר אין דאָווידס צײַטן, נאָר אויך פֿריִער און שפּעטער זער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, וועלכער האָט זיך דאָ, אין אָרעמען באַרגיקן לאַנד, ניט געקאָנט מעפּאַרנעס זײַן, פֿלעגט אויסוואַנדערן אין דער פֿרעמד, אין אַנדערע לענדער; נאָך אין דאָווידס צײַטן זײַנען שוין אין די פֿיניקייִשע ייִשוווים אויפֿן ברעג פֿונעם מיטללענדישן יאַם געווען אַ סך אַזעלכע אויסוואַנדערער פֿון דאָרעם־פּאַלעסטינע, צו צאָפֿן פֿון יעהודע, אין די נאַכלעס פֿון עפֿראַיִם, איז טאָל איזרעעל און נאָך ווײַטער צו צאָפֿן צו, אַרום דעם יאַם קינערעס, איז דאָס לאַנד געווען אַ סך רײַכער, און דאָ האָט די באַפֿעלקערונג געקאָנט זיך נאָך אַ לאַנגע צײַט פֿאַרגרעסערן און אַלץ זיך נאָך באַגיין מיט אייגענע פּראָדוקטן. די געמיינע מענטשן האָבן געלעבט אין דערפֿער, וועלכע זײַנען געווען צעוואָרפֿן איבער די מיזרעך־זײַטן פֿון די בערג. העכערס די פּרוכטבאַרע ערד איז געווען, ווי אינדזלען, צעוואָרפֿן איבער דעם גאַנצן לאַנד, האָט זיך די באַפֿעלקערונג ניט־ווילנדיק געטוליעט צו די דאָזיקע אינדזלען און פֿלעגט זיך באַזעצן ניט אין פֿאַלוואַרקן, נאָר אין דערפֿלעך. די הײַזלעך אין די דאָזיקע דערפֿער פֿלעגט מען, מיסטאָמע, בויען אויף דעם זעלבן אויפֿן, ווי ס'בויען אויך איצטער די אַראַבער, וואָס וווינען אין פּאַלעסטינע: קליינינקע, מיט ליים באַדעקטע, מיט אַ פֿלאַכן דאַך, נאָר די ביבל דערציילט ווייניק פֿון די דערפֿער, דאָרט רעדט זיך מער וועגן שטעט. וואָס זשע זײַנען עס געווען פֿאַר אַ שטעט?

איצטער קאָנען מיר האָבן אַ גענויע פֿאָרשטעלונג פֿון די דאָזיקע שטעט, ווײַל ניט לאַנג צוריק זײַנען געמאַכט געוואָרן אויסגראָבונגען אויף דעם אָרט, וווּ ס'האָבן זיך אַמאָליקע יאָרן געפֿונען דרײַ פּאַלעסטינישע שטעט: טאַנאַך, געזער און מעגידאָ. בײַ די אויסגראָבונגען האָט מען אַנטדעקט די מויערן פֿון די שטעט און פֿון אייניקע ביניאָנים: מ'האָט אויך געפֿונען רעשטלעך פֿון שטאָטישע אײַנריכטונגען, ווי וואַסערלייטונגען, ציסטערנעס און אַ סך אַלערליי הויז־קיילים. אָט די אַלע רעשטלעך גיבן אונדז די מעגלעכקײַט צו האָבן אַ געהעריקע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס אַן אוראַלטע ייִדישע שטאָט; דערבײַ וועט אונדז אויך העלפֿן די העברעיִשע שפּראַך.

אַ שטאָט הייסט אין העברעיִש איר, און דאָס זעלבע וואָרט באַטײַט אויך אַ שלאָס, אַ פֿעסטונג. אַ שטאָט, אַלקאַלפֿאַבעס, אין די אַלטע צײַטן, איז געווען אַ באַפֿעסטיקטער ייִשעוו, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער. הייסט עס, אַז בײַ די אוראַלטע בני־ייִסראָעל, ווי אויך בײַ די רוסן, האָט אַ שטאָט געהייסן אַ ייִשעוו, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, אָדער וואָס האָט אין מיטלאַלטער געהייסן בורג, דאָס הייסט אַ גרויסער שלאָס, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, אין וועלכן ס'פֿלעגט זיך באַהאַלטן די אַרומיקע באַפֿעלקערונג, ווען ס'פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף איר סאָנים.

ווי מיר ווייסן שוין, האָבן די ייִדישע שוואַטים שטענדיק געליטן פון פאַרשיידענע סאָנים, און קעדיי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן זיי, פלעגן זיי בויען פעסטונגען. אין מיזרעך־אייראָפּע, און אויך אין רוסלאַנד, פלעגן אַזעלכע פעסטונגען בויען די פירשטן, גראַפן און אַנדערע גרויסע האַרן. די אַרומיקע באַפעלקערונג פלעגט זיך באַהאַלטן אונטער דער שוץ פון אַזאַ פעסטונג און דערפאַר פלעגט זי ווערן אונטערטעניק דעם האַר פון דער פעסטונג אָדער בורג. אַז די בנײ־ייִסראָעל זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד קנאַאַן, האָבן זיי שוין דאָרט געפונען אַ סאַך אַזעלכע בורגן, וועלכע האָבן געהערט צו די פירשטן, פון וועלכע איך האָב שוין דערציילט אין צווייטן קאַפּיטל. יעריכאָ, שכעם, שילאָ, ראַמאַ, גאַוואַאַ, אַפּירא — דאָס זײַנען אַלץ געווען אַזעלכע בורגן. קעדיי צו באַהערשן דאָס לאַנד, האָבן די בנײ־ייִסראָעל געמוזט אײַנעמען די דאָזיקע פעסטונגען. די בנײ־ייִסראָעל האָבן זיך אונטערטעניק געמאַכט די באַפעלקערונג פון די דערפער, נאָר אַ סאַך שווערער איז עס אָנגעקומען מיט די פירשטן, וועלכע זײַנען געזעסן אין די פעסטונגען. ווען זיי האָבן אײַנגענומען די פעסטונגען, האָבן זיך דאָרט באַזעצט די אָנפירער פון די שוואַטים; נאָר ניט גלײַך האָבן זיי באַקומען די זעלבע מאַכט, ווי די קנאַאַנישע פירשטן, וואָס זײַנען דאָרט פריִער געזעסן. די פעסטונגען, וועלכע מע פלעגט צעשטערן אין דער צײַט פון באַלאַגערונג, פלעגט מען ניט אַזוי גיך צוריק אָפּבויען; כוץ דעם, איז צווישן די אָנפירער פון די בנײ־ייִסראָעל אָפּט קיין אַכדעס ניט געווען. נאָר מיר ווייסן, אַז גידעאָנען האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַפעסטיקן זיך אין אַפּירא, שויעלן — אין גאַוואַאַ, און דאָווידן האָט זיך טכילעס באַפעסטיקט אין כעווראָן. פאַרנעמענדיק אוואָסער־ניט־איז פעסטונג, האָט יעדער אָנפירער געזען אונטערטעניק מאַכן זיך די אַרומיקע פעסטונגען און אויסבויען נײַע, וועלכע ער פלעגט אָפּגעבן זײַנע קריגסלײַט: מיר ווייסן שוין, אַז אַזוי האָבן געטאָן די פּלישטישע פירשטן; אײנער פון זיי, אָכיש, האָט אָפּגעגעבן דאָווידן צעקלאַג. נאָר אַזוי האָט אויך געטאָן שויעל; ער פלעגט מאַכן זײַנע קריגסלײַט פאַר עלטסטע איבער הונדערטער און טויזנטער, פלעגט אָפּגעבן אין זייער רעשוס פעסטונגען און קליינע שלעסער, און זיי פלעגן פאַרוואַלטן מיט די אַרומיקע געגנטן, די באַפעלקערונג פון די דאָזיקע געגנטן פלעגט זיי צאָלן צינש.

די דערפער האָבן זיך געפונען אויף די זײַטן בערג אָדער זײַנען געווען צעוואָרפן אין די טאָלן, די שטעט פלעגט מען בויען אין דער הייך איבער די דערפער אויף אַ פעלדז אָדער שפּיץ באַרג, וואָס מעשופּעדיקער און אומצוטריטלעכער איז דער באַרג, איז אַלץ בעסער: אַלץ שווערער וועט זײַן די סאָנים צוצוטרעטן. נאָר איין זאַך האָט געמוזט זײַן — וואַסער, ווײַל די איבעריקע זאַכן האָבן די בויער פון דער פעסטונג ווייניק געזאָרגט. דער הויפּט־טייל פון יעדער פעסטונג איז באַשטאַנען פון אַ דיקער מויערנער וואַנט; קיין האַרמאַטן זײַנען נאָך דאַן ניט געווען, און פײַלן און שטיינער פון אַ שטיינערוואַרפער האָבן געשלאָגן ניט ווײַטער ווי אויף אַ האַלבן וויאָרסט. קעדיי צוצופירן צו די ווענט ברעך־מאַשינען, האָט מען געמוזט נאָענט צו זיי צוגיין, און דאַן האָבן די פאַרטיידיקער פון דער פעסטונג געקאָנט פאַרשיטן דעם סוינע מיט פײַלן און שטיינער. בײַס מע האָט אָנגעהויבן בויען דעם מויער אַרום שטאָט פלעגט מען ברענגען אַ קאָרבן גאָט, דעם באַשיצער פון דער שטאָט: ער האָט געזאָלט העלפן אויסבויען די שטאָט און באַשיצן זי פון די סאָנים, דער קאָרבן האָט געמוזט זײַן גאָר אַן אויסערגעוויינלעכער: אויב ניט, וועט גאָט אַרײַנקומען אין צאָרן און וועט איבערגעבן אַלע אײַנוווינער פון דער שטאָט אין די הענט פון זייערע סאָנים. און דעריבער איז געוווּנטשענער ברענגען אַ מענטשישן קאָרבן. דער דאָזיקער שרעקלעכער מינהעג האָט זיך נאָך לאַנג אָפּגעהיט בײַ די בנײ־ייִסראָעל: נאָך אין אַכאַוס צײַטן, אין 150 יאָר אַרום נאָך דאָווידס טויט, האָט כאיאל, וועלכער האָט אָפּדאַסנײַ אויפגעבויט די צעשטערטע פעסטונגען פון יעריכאָ, געבראַכט פאַר אַ קאָרבן זײַן עלטסטן זון אַווירעם בײַם בויען די ווענט און זײַן ייִנגסטן זון שגיוו בײַם בויען די טויערן פון דער שטאָט. מע פלעגט היטן דעם מינהעג אויך בײַם בויען די הײַזער; בײַ די אויסגראָבונגען אין טאַנאַך, געזער און מעגידאָ האָט מען געפונען אונטער די מויערן פון דער שטאָט און אונטער דעם פונדאַמענט פון די הײַזער קינדערשע סקעלעטן און ליימענע קרוגן מיט בעכערס און שיסלען, וועלכע מ׳פלעגט מיט זיי צוזאַמען לייגן אין קייווער. אַ מויער, וואָס איז געבויט אויף מענטשלעכן בלוט, וועט זײַן ניט צו צעשטערן — אַזוי האָבן געמיינט די אוראַלטע בנײ־ייִסראָעל, און ניט זיי אַליין האָבן אַזוי געמיינט. אויך די אוראַלטע אַשורער, רוימער, גריכן און עפּשער אויך די סלאַוון פלעגן אויך ברענגען אַזעלכע שרעקלעכע קאָרבאָנעס.

אין די געגנטן, ווו ס׳זײַנען געווען אַ סאַך קאַלכשטיינער, פלעגט מען מאַכן די ווענט פון שטיינער; נאָר דאָרט, ווו די קאַרקע איז געווען פון גראַניט אָדער באַזאַלט, איז געווען אַ סאַך שווערער צו אַרבעטן. קאַלכשטיין איז ווייך, ער ליגט אין פּלאַסטן, וועלכע ס׳איז לײַכט פאַנאַנדערצוטיילן; די קאַלכשטיינער איז גרינג צו צעהאַקן אויף שטיקער און מע קאָן גאַנץ גרינג צוגעבן די געווּנטשענע פאָרם. אַרבעטן מיט גראַניט איז פיל שווערער. אין אונדזערע צײַטן רײַסט מען אויף די גראַניט־מאַסן מיט פּולווער און אָפּט אַפילע מיט דינאַמיט; מיט האַנט־אינסטרומענטן איז שווער צו ברעכן גראַניט, און נאָר אַזעלכע מעכטיקע הערשער, ווי די פאַרעס פון מיצראַיִם, וועלכע האָבן



האר־האצויפים מיטן בייס־האמיקדעש אין שלוימע־האמעלעכס צײַטן (רעקאָנסטרוקציע)



די עלטסטע מאַפּע פון ירושלים (פראַגמענט פון א מאָזאיק אין דער סינאַגאָגע פון מאַדאַבא)

געהאַט די מעגלעכקייט שיקן אַף דער אַרבעט טויזנטער קנעכט, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו מאַכן בינייאָנים פון גראַניט. דאָרט, וווּ ס'איז קיין קאַלכשטיין ניט געווען, פלעגט מען געוויינלעך מאַכן די ווענט פון ציגל. ניט שטענדיק פלעגט די גאַנצע וואַנט באַשטיין פון איינעם און דעם זעלבן מאַטעריאַל: דאָס קאָסט טײַער און דויערט לאַנג. די וואַנט פון געזער, איז געמאַכט געוואָרן אַף אַזאַ אויפן: פון ערד איז אָנגעשאָטן א וואַל אַזוי, אַז די אויסערלעכע זײַט זײַנע גייט ווערטיקאַל, און די אינעווייניקסטע — איז רונד מעשופּעדיק, דעם דאָזיקן וואַל האָט מען אַרומגעלייגט מיט קאַלכשטיין־פּלאַסטן — און די וואַנט איז פאַרטיק. די ווענט זײַנען געווען זייער דיקע: אין געזער, למשל, איז די וואַנט געווען קימאַט א קלאַפטער די ברייט, נאָר די הייך פון דער וואַנט איז געווען ניט גרויס: זעלטן־זעלטן האָט זי געהאַלטן צוויי קלאַפטער די הייך; העכער מאַכן זי איז ניט נייטיק געווען, ווײַל הינטער אַזאַ וואַנט האָט זיך שוין לײַכט געקאָנט באַהאַלטן א מענטש. אַף די ווענט פלעגן זײַן, ווי אומעטום אין דער גאַנצער וועלט, אַזעלכע שפּיצן, הינטער וועלכע ס'פלעגן זיך באַהאַלטן די פאַרטיידיקער פון דער פעסטונג, און אין די ווינקלען פלעגט מען בויען טורעמס. אַזאַ וואַנט האָט אויסגעצייכנט באַשיצט די שטאָט. ברעך־מאַשינען פלעגן ניט קאָנען דורכברעכן די דיקע ווענט, און די שפּיצן מיט די טורעמס פלעגן געבן די פאַרטיידיקער די מעגלעכקייט צו באַשיטן דעם סוינע פון אויבן מיט פײַלן און שטיינער. די יעוווסים, וועלכע זײַנען געזעסן אין דער פעסטונג, אפן אָרט פון וועלכער דאָוויד האָט נאָכדעם געבויט ירושלים, האָבן זיך באַרימט, אַז זייער שטאָט קאָנען אויסגעצייכנט פאַרטיידיקן אפילע בלינדע און הינקעדיקע.

די געגנט, אין וועלכער ס'איז אויסגעבויט געוואָרן דאָווידס שטאָט (איר דאָוויד), איז פון שטענדיק אָן באַוווסט געווען. אַלס זייער אַן אומצוטריטלעכער אין די אוראַלטע צײַטן האָט ירושאַלאַים מיט זײַנע אומגעגנטן געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזען, ווי איצטער. ער האָט זיך געפונען צווישן די נאַכלעס פון שייוועט בינאָמין און יעהודע, דאָ איז דורכגעגאַנגען דער וועג, וואָס פירט פון מיטללענדישן יאַם קיין דאָרעם־פּאַלעסטינע. דאָס אָרט, ווו ס'איז אויסגעבויט געוואָרן ירושאַלאַים, איז פון דאָרעם, מיזרעך און מײַרעװ אַרומגערינגלט מיט הויכע ווילדע בערג. אויב מע זאָל פון די בערג א קוק טאָן אַראָפּ אין טאָל אַרײַן, וואָלטן מיר דאָרט אין דאָווידס צײַטן דערזען עטלעכע בערגלעך, וועלכע זײַנען געווען אָפּגעטיילט פון די בערג און אויך איינס פונעם אַנדערן דורך טיפע שפּאַלטן, קימאַט אָפּגרונטן. איצטער איז דער גרעסטער טייל פון די טאָלן פאַרשאָטן; זייערע מעשופּעדיקע זײַטן זײַנען קימאַט אינגאַנצן אויסגעגלײַכט געוואָרן און איבער זיי פאָרן שטענדיק מענטשן, קעמלען מיט מאַסעס און וואָגנס. נאָר אין דאָווידס צײַטן איז זייער שווער געווען צוצו־

טרעטן צו די דאזיקע בערגלעך: שווער איז געווען אראפצוקריכן פון די בערג, דורכגיין די טיפע טאלן און ערשט נאכדעם האט זיך אנגעהויבן דער שווערסטער וועג: ארופצוקלעטערן אף די מעשופעדיקע זייטן פון די בערגלעך. אין די אוראלטע צייטן זיינען געווען ניט ווייניקער ווי פיר אזעלכע בערגלעך, אף וועלכע ס'איז נאכדעם געבויט געווארן די שטאט ירושלאים. די פרומע ייִדן, וועלכע זיינען נאך גאלעס באוול, אוילע לערעגל געווען אין דער הייליקער שטאט, האבן אף די בערג, אפן וועג צו ירושלאים, ניטווילנדיק געזונגען די ליד: „ארום ירושלאים זיינען בערג, דארט רוט יאהווע ארום זיין פאלק מעאטא לעוילעם וועאד". דער, וואס גייט פון צאפן צווישן די הויכע בערג, האט געמוזט דורך א שמאל בארג־שטעגעלע זיך אופהייבן אף ארוף, אף א פלאטא און פון דארט אראינטערטן אין א שמאלן טיפן טאל; פון רעכטס און פון לינקס האבן זיך געהויכט בערגלעך איינער צו מיזורעך־צו, דער אנדערער צו מיירעוו־צו. דאס מיזורעכדיקע בערגל איז געווען זייער מעשופעדיק. א טיפער שפאלט האט אים געטיילט אף צוויי טיילן: דער דארעם־טייל, וועלכער האט זיך, ווי א שמאלער פאס, געצויגן צו דארעם, איז געווען דער זעלבער, אף וועלכן ס'האט זיך געפונען ציון, דער שלאס פון די יעווסים, וועלכן דאוויד האט געמאכט פאר זיין שטאט. ווען מיר וואלטן ארופקלעטערן אפן שפיץ פון דעם דאזיקן בערגל, וואלטן מיר נישטוימעם געווארן פון דעם ווילדן בילד, וואס וואלט זיך פארגעשטעלט פאר אונדזערע אויגן. צו מיזורעך־צו וואלטן מיר דערזען א טיפן אפגרונט, אין וועלכן ס'פליסט מיט א טומל און גערויש דער טייך קעדראן; הינטער אים הייבט זיך צום הימל דער האר־האזייסים; זיין מיירעוו־זייט, וועלכע איז געווענדט צו אונדז, איז געדיכט באוואקסן מיט איילבערטביימער, און נאר דער שפיץ פונעם בארג איז הויל און אן געוויקסן. וואלטן מיר צוגיין צום שפיציקן דארעמדיקן עק פונעם בערגל, וואלטן מיר אונטן דערזען א טיפן און ברייטן טאל, ווו ס'פארייניקן זיך דער טאל קעדראן, נאך א טאל הינום, וועלכער ציט זיך פון צאפן־מיירעוו, און דער בארג־שפאלט, וואס גייט פון צאפן, און פון צאפן־זייט פונעם דארעמדיקן היגל געפינט זיך א טיפער טאל, וועלכער טיילט אפ פון אים דעם צאפן־מיזורעכדיקן טייל זיינעם, ווו שלוימע האט שפעטער אויסגעבויט זיין פאלאץ און דעם בייס־האמיקדעש. אויך דער מיירעווודיקער היגל ווערט צעטיילט דורך א פארטיפונג אף צוויי טיילן: דער דארעמדיקער טייל פונעם מיירעוו־היגל ווערט אפגעטיילט פון די ארומיקע בערג מיטן טאל הינום, אף דעם פירעקיקן היגל האט זיך געפונען א דארף פון די יעווסים, וועלכע האבן געצאלט צינש דעם הערשער פון שלאס, וואס אפן דארעם־מיזורעכדיקן, און דא איז נאכדעם אויסגעוואקסן א ייִשעוו, א שטאט אין איצטיקן זין פון ווארט. הייסט עס, אז דער אוראלטער ירושלאים האט פארנומען דריי היגלען: דעם דארעם־מיזורעכדיקן ציון, דאווידס פעסטונג, דעם צאפן־מיזורעכדיקן — די רעזידענץ פון שלוימען און דאס ארט, וואס האט פארנומען דער בייס־האמיקדעש, און דעם דארעם־מיירעווודיקן — די שטאט גופע. פאר גאלעס־באוול איז שוין דער צאפן־מיירעווודיקער היגל אויך געווען פארבויט, און נאך גאלעס־באוול האט שוין די שטאט פארנומען א שעטער וויים הינטער די היגלען צום צאפנדיקן טאל.

דער סאמע אומצוטריטלעכער היגל איז געווען דער דארעם־מיזורעכדיקער. וואלט מען אין די אוראלטע צייטן אף מילכאמעס באנוצט הייַנטיקע הארמאטן, וואלט ער, פארשטייט זיך, לאנג ניט געקאנט אויסהאלטן קיין באלאגערונג; מע וואלט ארופגעשטעלט אף די ארומיקע בערג שווערע הארמאטן און פון דארטן געמאכט א טעל פון די מויערן און באפעסטיקונגען. נאר מיט א יאר טויזנט פאר קריסטוסעס געבוירן איז דאס איינציקע געווער אף צו צעשטערן די מויערן פון א פעסטונג געווען הילצערנע מיט מעטאל ארומגעשלאגענע טאראנען (ברעך־מאשינען): די מאשינען האט מען געמוזט אוועקשטעלן נעבן סאמע מויער פון דער פעסטונג. און די פארטיידיקער האבן געהאט די מעגלעכקייט צו באשיטן די אנפאלער מיט פיילן און שטיינער. און נעמענדיק אין באטראכט די ארומיקע היגלען, די טיפע טאלן מיט זייערע מעשופעדיקע זייטן, ווערט קלאר, אז די יעווסים האבן זיך ווירקלעך געקענט בארימען, אז די בלינדע און די הינקעדיקע וועלן זיין גענוג אף צו פארטיידיקן זייער פעסטונג קעגן דאווידן; און ס'איז פארשטענדלעך, פארוואס די בניי־ייִסראעל האבן ביז דאווידן ניט איינגענומען די היגלען, אף וועלכע ס'האבן זיך געפונען די פעסטונג און דאס דארף פון די יעווסים. די יעווסים האבן געהערט צו די קנאאנים, און אט דאס ווינקל איז אלץ נאך פארבליבן א קנאאניש אינדזל אין ייִדישן יאם. פאר דאוויד איז זייער וויכטיק געווען איינצונעמען די דאזיקע היגלען; ער וואלט דאן באקומען א שטארקע פעסטונג, אן אומצוטריטלעכע פאר זיינע סאנים; כוץ דעם, וואלט זיין נאמען, אלס א באפרייער פון די פלישטים, נאך דערהויבענער געווארן בא ייִסראעל דורך דעם, וואס ער האט אונטערטעניק געמאכט דאס רעשט פון די קנאאנים.

אין טאנאך ווערט ניט דערציילט גענוי, וויאזוי דאוויד האט איינגענומען ציון: „דאוויד האט מיט שטורעם איינגענומען דעם שלאס ציון... דערנאך האט ער זיך באזעצט אין דעם דאזיקן שלאס און אים א נאמען געגעבן די שטאט פון דאוויד". די שטאט פון דאוויד האט זיך געפונען אפן ארט

פון ציִען, און דער לעצטער נאָמען איז באַזונדערס טײַער געוואָרן די ייִדן. ווען אין גאָלעס פלעגן זיי זיך מיט בענקשאַפט דערמאָנען אָן די פאַרגאַנגענע טעג פון זייער גרויסקייט און זעלבשטענדיקייט, ווען די שטאָט האָט זיך פאַרבויט און פאַרגרעסערט, האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן אָנרופן זי מיטן זעלבן נאָמען, וועלכן זי האָט געטראָגן אין די אוראַלטע צײַטן, בײַ די ערשטע אָנפאַנג פון די בני־ייִסראָעל אויף קנאַאַן. דאַן האָט זי געהייסן יערושאָלעם, איצטער איז פאַרבליבן דער זעלבער נאָמען, נאָר ס'האָט עטוואָס געביטן די אויסשפּראַך — יערושאָלאַיִם.

אין זײַן נײַער שטאָט האָט דאָוויד אויסגעבויט פאַר זיך א נײַ הויז, וואָס מ'האָט נאָך אַזוינס ניט געזען אין פּאַלעסטינע. די געמיינע לײַט פלעגן פאַר זיך בויען קליינע ליימיקע הײַזלעך, ווו מע האָט געקאָנט פאַרברענגען די נאַכט אָדער זיך באַשירמען קעגן רעגן; אַמאָליקע יאָרן, ווי אויך איצטער, פלעגט די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע דעם גרעסטן טייל טאָג פאַרברענגען אונטערן פרײַען הימל, און זי האָט זיך ניט גענייטיקט אין אַזעלכע פעסטע און גרויסע הײַזער, ווי אונדזערע. די רײַכע לײַט פלעגן זיך בויען הײַזער אויך צוליב דעם זעלבן צוועק; זיי האָבן זיך גענייטיקט אין א הויז, קעדיי צו פאַרברענגען דאָרט די נאַכט און צו באַשיצן זיך קעגן א שלעכטן וועטער. נאָר די רײַכע לײַט האָבן נאָך דערצו געוואָלט, אַז דאָס הויז זאָל זיי באַשיצן אויך קעגן דער היץ; דעריבער האָבן זיי געבויט פאַר זיך שטיינערנע הײַזלעך, נידעריקע, מיט א פלאַכן דאַך. די דילן זײַנען אויך אין זייערע הײַזער סראָוו געווען ערדענע, די ווענט נידעריקע און געוועלבטע. אין אַזא הויז איז געוויינלעך טונקל, קיל און פײַכט. דאָס הויז פון א געמיינעם מענטשן פלעגט באַשטיין סראָוו פון איין צימער; אין דעם איינציקן צימער פלעגן די באַלעבאַטים עסן, שלאָפן און זיך באַהאַלטן פון רעגן. די רײַכע לײַט פלעגן צעטיילן זייער הויז אויף צוויי־דרײַ צימערן; ס'זײַנען געווען באַזונדערע צימערן פאַר די פרויען און אויף אויפצונעמען געסט. אַלע הײַזער זײַנען געווען מיט פלאַכע דעכער, און אין פאַרנאַכטן, ווען די לופט ווערט קילער, פלעגט מען אויף די דעכער זיצן און רוען.

אַזא מין הויז האָט אויסגעוויזן דעם קיניג פאַר צו געמיין, און ער פאַרטראַכט אָן אומגעהערטע אין יעהודע און ייִסראָעל זאַך: ער האָט געשיקט שעליכים צום קיניג פון צור, און יענער האָט צוגעשיקט צעדערביימער פון לעבאַנאָן מיט מײַסטערס, וואָס זאָלן אויסבויען פאַר דעם קיניג א הילצערן הויז. פּונקט ווי אַמאָליקע יאָרן אין רוסלאַנד, איז א שטיינערן הויז געווען א זעלטענער כידעש, און די אייגענע מײַסטערס האָבן ניט געוווּסט ווי עס צו בויען, אַזוי איז אין קנאַאַן געווען א כידעש א הילצערן הויז. און מע האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי עס אויפצושטעלן. און אַז די פיניקיישע מײַסטערס האָבן אויסגעבויט פאַרן קיניג דאָווידן א הויז, האָט דאָס דאָזיקע הויז בײַ אייניקע געוויס אַרויסגערופן גרויס היספּײַלעס, און אַנדערע זײַנען געוויס געווען אומצופרידן מיט דער נײַער מאָדע. דאָס נײַע הויז איז לאַכלוטן ניט געווען ענלעך צו די אַלטע פּאַלעסטינישע הײַזער. אַנשטאָט א נידעריקער, פינצטערער, געוועלבטער געבײַדע מיט אָן אַרײַנגאַנג, וועלכער האָט גיכער געקענט דינען פאַר אָן אַרײַנגאַנג אין א קוואָרים־הייל, איידער אין א מענטשלעכער וווינונג, איז דאָ געווען א שיינער, הויכער ביניען אויף הילצערנע געשניצטע זײַלן: לופט און ליכט איז אין דעם הויז געווען א סאַך און די קופּערנע באַשלאָגן פון די טירן און פענצטער, די קופּערנע באַפּוצונגען אויף די ווענט און די זײַטן האָבן געפינקלט אין העלער זונען־שײַן און פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט זייער שיינקײַט. אַנשטאָט ענגע, שמאָלע און נידעריקע צימערלעך פונעם אַלטן שטיינערנעם הויז טרעט מען דאָ אַרײַן אין א גרויסן זאַל, וואָס איז אויך געווען אונטערגעשפּאַרט מיט עטלעכע רייען געשניצטע זײַלן; די איבעריקע צימערן זײַנען אויך געווען גרעסער און ליכטיקער, ווי די צימערן פון די שטיינערנע הײַזלעך.

איין זאַך האָט נאָך אויסגעפעלט דאָווידן, קעדיי דער קיִעם פון זײַן נײַער שטאָט זאָל פעסט געזיכערט זײַן: ס'האָט אויסגעפעלט גאָט, וועלכער זאָל באַשיצן די שטאָט, און ער האָט באַשלאָסן איבערצוטראָגן צו זיך די גרעסטע הייליקײַט פון פאָלק, דעם זעלבן אָרן, וועלכער האָט אין פריִערדיקע צײַטן באַגלייט די בני־ייִסראָעל בעשאַס זיי האָבן געוואַנדערט איבערן מידבער, אײַנגענומען דאָס לאַנד קנאַאַן און געפירט מילכאָמעס מיט די פלישטים. דאָס איז געווען אַזאַ הייליקײַט, וואָס איז גלײַך געשעצט געווען פון דעם גאַנצן פאָלק ייִסראָעל. כויך דעם איז דאָס געווען די הייליקײַט, וואָס האָט מער פאַר אַנדערע געקאָנט העלפן אין דער צײַט פון א מילכאָמע. דער אָרן האָט זיך דאַן געפונען אין קיריאַט־יאָרים; אַהין איז עס אַוועק דאָוויד מיט זײַנע מעקוראָווים און אין א פײַערלעכער פּראָצעסיע האָט ער גענומען איבערטראָגן דעם אָרן אין זײַן שטאָט. ניט קיין פּאַשעטע זאַך איז געווען איבערצוטראָגן אַזא מוירעדיקע הייליקײַט. דאָווידן און די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער פּראָצעסיע איז אַרײַנגעפאַלן דער געדאַנק: און עפשער וויל גאָר ניט גאָט, וואָס רוט אין אָרן, אַז מע זאָל אים איבערטראָגן אויף א נײַ אָרט? עפשער געפעלן אים גאָר ניט די מענטשן, וועלכע טראָגן אים איבער? און דאָוויד האָט געזען טאָן אַלצדינג, וואָס קאָן נאָר זײַן אָנגענעם פאַר גאָט, ער אַליין און די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער פּראָצעסיע האָבן געטאַנצט אַרום אָרן, געזונגען הייליקע לידער, געשפּילט אויף צימבלען, האַרפעס און

האַלפֿן. אַפֿן װעג האָבן די אָקסן, װעלכע האָבן געפֿירט דעם װאָגן מיטן אָרון, זיך צעבושעװעט, און װען אוזיע, אײנער פֿון די, װאָס האָבן באַגלײט דעם אָרון, האָט געװאָלט אים אײַנהאַלטן, ער זאָל ניט פֿאַלן, איז ער אַלײן געפֿאַלן אױף דר׳ערד און דערהאַרגעט געװאָרן. ס׳איז קלאָר געװען, אַז יאַהװע איז אין צאָרן. דעם אָרון האָט מען אָװעקגעשטעלט אין דעם ערשטן הױז, װאָס מע האָט געטראָפֿן אין װעג. אינגיכן אָבער האָט זיך פֿאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז דער אָרון האָט געבראַכט גליק דעם הױז, װוּ מ׳האָט אים אָװעקגעשטעלט, דאַן האָט דאָװיד באַשלאָסן, אַז דער צאָרן פֿון יאַהװע האָט זיך אײַנגערױקט, און ער האָט װײַטער גענומען איבערצוטראָגן דעם אָרון. טכילעס האָט ער געבראַכט אַ קאָרבן פֿאַרן אָרון: אַ רינד און אַ פֿעטע קאַלב, דאָס איז געװען אַן אױסערגעװײנלעכער קאָרבן, װעלכער װעט יאַהװען צופֿרידנשטעלן גאָט. נאָכדעם האָט מען װײַטער גענומען טראָגן דעם אָרון מיט די זעלבע טענץ, געזאַנג און מוזיק. דאָס מאָל איז אַלץ דורכגעגאַנגען בעשאָלעם: דעם אָרון האָט מען געבראַכט אין דאָװידס שטאָט און אָװעקגעשטעלט אין געצעלט, װאָס דאָװיד האָט ספּעציעל פֿאַר אים אױפֿגעשלאָגן. אױף דעם נײַעם אָרט האָט מען קודעם־קאָל װידער געבראַכט אַ קאָרבן און געמאַכט אַ מאָלצײַט פֿאַר אַלע אָנטײלנעמער פֿון דער פּראָצעסיע. איצטער האָט שױן דאָװידס שטאָט באַקומען אַ מעכטיקן באַשיצער; דאָװיד האָט געהאַט ניט נאָר אַן אײפֿאָד מיט אַ קױהען צו אים — אָװיטאָרן (דאָס האָט, אײגנטלעך, געראַט יעדער האָר), נאָר ער האָט אױך נאָך געהאַט אַזאַ הײליקײַט, װאָס איר גלײַכן איז ניט געװען אינעם גאַנצן לאַנד. פֿאַרן פֿאָלק איז ציִען נאָכדעם געװאָרן אַ הײליקער באַרג; מ׳האָט געזאָגט, אַז צוזאַמען מיטן אָרון האָט זיך אױך יאַהװע איבערגעטראָגן קײן ציִען, און פֿאַר דאָװידן איז פֿון יענער צײַט אָן קײן שום סאַקאָנע ניט שרעקלעך געװען.

ניט קוקנדיק אַפֿילע אױף די ביניאָנים, װעלכע דאָװיד האָט אױפֿגעשטעלט אין זײַן שטאָט, האָט זי זיך דאָך נאָך גאַנץ װײניק אָפּגעשײדט פֿון די איבעריקע שטעט. עמעס, ציִען האָט זיך געמעגט גרױס האַלטן מיטן קיניגס הױז, װאָס איז געװען געבױט פֿון צעדערבײמער פֿון לעבאַנאָן, און װאָס האָט זיך געװאָרפֿן אין די אױגן צװישן די אַרומיקע הײַזער פֿון דעם קיניגס קריגסלײַט, װעלכע האָבן נאָך אַלץ געבױט זײערע הײַזער לױט דער אַלטער מאָדע. נאָר דערפֿאַר האָבן זיך די איבעריקע שטעט געמעגט גרױס האַלטן אַנטקעגן דער יונגער הױפּטשטאָט מיט זײערע „גאָטס הײַזער" (באַטײ עלאָהים). װי מיר װײסן שױן, האָט יעדע פֿעסטונג געהאַט איר הײליקײַט, הינטער די מױערן פֿלעגט מען אױף אַ הױך אָרט אײַנריכטן אַ „באַמע" און אױף איר אַ מיזבײעך פֿאַרן אָרטיקן גאָט, און אױב אין שטאָט גופֿע אָדער ניט װײַט פֿון איר פֿלעגט זײַן אַ הײליקער בױם, אָדער אַ הײליקער קװאַל, אָדער אַ הײליקער שטײן, האָט מען דאָרט געמאַכט דעם מיזבײעך. נאָר אײניקע סאָרים, הערשער פֿון פֿעסטונגען, פֿלעגן מאַכן פּסאָלים פֿאַר גאָט, פֿון מעטאַלן; אױב מע זאָל לאָזן אַזאַ טײַערן פּאָסל אונטערן פֿרײַען הימל, װאָלט מען אים געקאָנט לײַכט צוגאַנװענען; דעריבער האָט מען פֿאַר אַזאַ מין אײפֿאָד געבױט אַ טעמפּל, אַ הױז פֿאַר גאָט. אַזאַ הױז איז געװען אין אָפֿראַ בײַ גידעאָנען, אין דאַן בײַ מיכע, אין נעװאָ בײַ אַכימעלעכן; דער אײפֿאָד פֿון נעװאָ איז אַרײַנגעפֿאַלן, װי מיר װײסן, אין דאָװידס הענט, נאָך דעם װי שױעל האָט אױסגעהאַרגעט די גאַנצע מישפּאָכע אַכימעלעכס. דאָס הױז פֿון גאָט פֿלעגט געװײנלעך זײַן ניט קײן גרױס: די סטאַטוע איז ביכלאַל געװען אַ קלײנע, און פֿאַרן קױהען, װעלכער פֿלעגט אָפּהיטן דעם אײפֿאָד און אים דינען, איז גענוג געװען אײן צימער. די שכײנים פֿון די בנײ־יִסראָעל, די פֿיניקיער, האָבן אָפֿט געמאַכט פֿאַר זײערע קלענערע געטער פֿיצינקע הײַזלעך פֿון לײם, אָפֿטמאָל ניט גרעסער װי אַ קלײן קעסטל. אַ הױז פֿאַר גאָט איז אין יענע צײַטן געװען זײער אַ װיכטיקע אײַנריכטונג: דאָס איז געװען אַן אָרט ניט נאָר פֿאַר גאָטס געשטאַלט, נאָר פֿאַר גאָט גופֿע, װײַל דאַן האָט מען געמײנט, אַז גאָט אַלײן געפֿינט זיך אין אײפֿאָד און באַזעצט זיך מיט אים אין דעם הױז. דעריבער פֿלעגט מען זען װאָס רײַכער צו באַפּוצן דאָס הױז פֿאַר גאָט, קעדײ פֿאַר גאָט זאָל קײן שאַנד ניט זײַן צו געפֿינען זיך אין דעם הױז; מע פֿלעגט אױך זען, אַז דינען זאָל דאָ גאָט אַ פּראָפֿעסיאָנעלער קױהען פֿון שיװעט לײװי: ברענגען אַ קאָרבן גאָט האָט געקאָנט איטלעכער, װײַל דערינען האָט קײן גרױסע כאָכמע ניט געשטעקט; נאָר שטענדיק דינען גאָט, װעלכער האָט זיך באַזעצט אין זײַן הױז, דערװיסן זיך זײַן װוּנטש, אַרומגײן אַרום זײַן געשטאַלט, — דאָס זײַנען שױן ניט אַלע געװען בעיכױלעס אױסצופֿירן. און ניט איטלעכער האָט זיך געקאָנט דאָס אױסלערנען, ביפֿראַט די פֿירשטן, װעלכע האָבן גוט געװוּסט, װי זיך צו באַגײן מיט אַ שװערד, נאָר האָבן גאַנץ װײניק פֿאַרשטאַנען אַנדערע כאָכמעס. אַזאַ הױז פֿון גאָט מיט פּראָפֿעסיאָנעלע קױהאַנים איז אױך געװען פֿאַרן אָרון אין דער צײַט, װען ער האָט זיך געפֿונען אין שילאָ. געדינט האָבן דאָרט קױהאַנים פֿון עליס מישפּאָכע; װען די דאָזיקע מישפּאָכע איז אומגעקומען אין די מילכאָמעס מיט די פּלישטים, איז אױך צעשטערט געװאָרן דאָס הױז אין שילאָ. דאָװיד, װעלכער האָט איבערגעטראָגן צו זיך דעם אָרון, האָט ניט געקענט אױסבױען פֿאַר אים און פֿאַרן גאָט, װאָס אין אים, קײן הױז;

ס׳קאָן זײַן, אַז ער האָט געהאַט צו ווייניק מיטלען דערצו, אָדער שטענדיק פאַרטאָן אין מילכאָמעס, האָט ער עפּשער פּאַשעט קיין צײַט ניט געהאַט. און דער אָרן איז געשטאַנען אין דאָווידס שטאָט אין אַן איינפאַכן געצעלט, אין דער צײַט, ווען קלענערע הייליקטימער, ווי, לעמאָשל, אַלערליי איפאָדן, האָבן געהאַט פאַר זיך פעסטע הײַזער, וועלכע האָבן זיי באַשיצט פון שלעכטע וועטערס, העזן פון שלעכטע מענטשן. מעגלעך, אַז דאָוויד האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט צו בויען אַ הויז פאַר יאַהווע דערפאַר, ווײַל ער האָט געוואָלט איבערשטײַגן אַלע די, וואָס האָבן שוין געהאַט הײַזער פאַר זייערע געטער, און ער האָט מוירע געהאַט, אַז אים וועט אויספעלן מיטלען און צײַט, קעדיי אויסצובויען אַ הויז, וואָס זאָל זײַן ווי געהעריק איז צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער הייליקײַט. ווי די מײַסע איז, נאָר דאָוויד איז געשטאָרבן און האָט ניט אויסגעבויט קיין הויז פאַר גאָט, אויסבויען אַ בייס־האַמיקדעש און פאַרגרעסערן יערושאָלאַים איז שוין אויסגעקומען זײַן זון שלוימען.

שלוימע האָט געקאָנט פאַרענדיקן דאָס, וואָס דאָווידן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויפצוטאָן; זײַן הערשאַפט האָט שוין קיין ווידערשטאַנד ניט באַגעגנט; ער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין מערידעס, ווי דאָוויד, קעגן וועלכן ס׳האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד אַפילע זײַן אייגענער זון אַווישאָלעם. שלוימע האָט אונטערטעניק געמאַכט די קליינע פירשטן. אייניקע פון זיי האָבן אים געמוזט צאָלן צינש, אַנדערע האָט ער פאַרביטן מיט זײַנע פּראַוואַלטערס. ער האָט געוועלטיקט איבער גאַנץ יִיסראָעל, פון דאַן ביז בעער־שעווע, און ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט רויִק צו באַקומען די גרויסע אָפּצאָלונגען, וועלכע ס׳פלעגן אים צושיקן די פּראַוואַלטערס פון באַזונדערע געגנטן; דאָס גאַנצע רעגירן פונעם קיניג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן די אָפּצאָלונגען פון זײַנע אונטערטאַנען און פלעגט מישפּעטן דאָס פאָלק. יעדן טאָג פלעגט מען צושטעלן פאַרן קיניגס טיש קאָרעוו צו צוויי פוד זעמל־מעל און קאָרעוו צו פיר פוד גראָבע מעל. מע פלעגט פאַר אים ברענגען צו פירן צען רינדער אײַנגעפּיטערטע און צוואַנציק רינדער פון דער פּאַשע, הונדערט שעפּסן און אָן אַ צאָל געווילד און געשטאָפּטע אָריפּעס. בײַ אַזאַ אַשירעס איז גאַנץ מעגלעך געווען צו זאַמלען גענוג מיטלען אויף אויסצובויען אַ פּרעכטיקן בייס־האַמיקדעש פאַר יאַהווע.

אין דער ענגער אַלטער פעסטונג ציִען האָט שלוימע ניט געפונען קיין פּאַסיק אָרט פאַר זײַן בינין. אויך דאָס הויז, וואָס זײַן פאָטער האָט אויסגעבויט, האָט אים אויסגעוויזן פאַר צו קליין און ענג. זײַן פאָטער, וועלכער איז געוווינט געווען צו פירן אַ וואַנדער־לעבן פון אַ קריגסמאַן, האָט זיך באַנוגנט מיט אַ גאַנץ באַשיידענעם הויז: נאָר שלוימע איז אויסגעוואַקסן ווי אַ קיניגס זון, וועלכער האָט פון קיינע דײַגעס ניט געוווּסט, און דאָווידס הויז האָט אים אויסגעוויזן צו קליין פאַר זיך און פאַר זײַן הויף. מ׳מוז געפינען אַ פּאַסיק אָרט פאַר דעם נײַעם בינין. אַזאַ אָרט איז געווען גאַנץ נאָענט אויפן צאָפן־טייל פון דעם מיזרעכדיקן הײגל, וועלכער איז אָפּגעטיילט פון דאָווידס שטאָט נאָר מיט אַ שמאָלן קעסל־טאָל. דאָ איז נאָך פון לאַנגע צײַטן אָן געלעגן אַ שוואַרצער שטיין, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, אַ מעטעאָריט, ווי מע רופט עס הײַנט: דעם שטיין האָט מען גערעכנט פאַר אַ הייליקן און אייניקע פלעגן אַפילע אים ברענגען קאָרבאָנעס. אין דאָווידס צײַטן איז דאָס דאָזיקע אָרט לעבאַמרע פאַרהייליקט געוואָרן. ס׳האָט זיך געטראָפן דאַן אַ מאַגייפע. יאַהווע איז פאַר עפּעס אַרײַן אין גרימצאָרן אויף זײַן פאָלק און האָט געשיקט זײַן מאַלעך, דעם גײַסט פון מאַגייפע, באַשטראָפן דאָס זינדיקע פאָלק; אַז דער גײַסט פון דער מאַגייפע איז צוגעגאַנגען ביז יערושאָלאַים און איז שוין געשטאַנען בײַם שײַער פון אַרונע, אויפן צאָפן־טייל פונעם מיזרעכדיקן הײגל, האָט יאַהווע כאַראַטע געהאַט און האָט געהייסן דעם מאַלעך אַראָפּלאָזן זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט. די מאַגייפע האָט געמיטן יערושאָלאַים, און דאָס אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען אַרונעס שײַער, האָט מען אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ הייליקן. דאָוויד האָט אים אָפּגעקויפט בײַ אַרונען, אויסגעבויט דאָ אַ מיזבייעך און געבראַכט פיל קאָרבאָנעס. דאָ אויף דעם אָרט האָט שלוימע באַשלאָסן צו בויען דעם בייס־האַמיקדעש; און נעבן דעם בייס־האַמיקדעש איז בײַ אים געבליבן צו בויען פאַר זיך אַ נײַעם פּאַלאַץ און די איבעריקע ביניאָנים, אין וועלכע ס׳נייטיקט זיך די קיניגלעכע רעזידענץ. אַלע ביניאָנים האָט שלוימע באַשלאָסן בויען ניט אַזוי, ווי מע האָט געבויט אין די אַלטע צײַטן, נאָר נאָך דער אויסלענדישער מאָדע. אַפילע זײַן פאָטער דאָוויד האָט שוין אויך אויסגעבויט פאַר זיך אַ הילצערנעם בינין; און שלוימע האָט נאָך מער גרונטן געהאַט נאָכצומאַכן די אויסלענדער. איינע פון זײַנע פרויען איז געווען פּאַרעס אַ טאָכטער; די צווייטע האָט געשטאַמט פון דער פּיניקײשער שטאָט צידאָן; בײַ זיך אינדערהײם זײַנען זיי צוגעוווינט געווען צו לוקסוס, צו רײַכע און קינסטלעריש באַפּוצטע הײַזער, צו דעם אויסגעצײדלטן קולט פון די געטער. די פּאַשעטע הײַזער אַפילע פון די רײַכע ייִדן פלעגן זײַן ווײַט ניט נאָך זייער געשמאַק; די איינפאַכע גאָטס אָווידע, צוליב וועלכער ס׳איז מער ניט נייטיק געווען, ווי אַ מיזבייעך פון ניט אַרומגעהאַקטע שטיינער, האָט זיי אויסגעוויזן פאַר צו פּאַשעט און ווייניק פּאַסיק. און בעשאַס שלוימע איז צוגעטראָטן אויפצושטעלן זײַנע ביניאָנים, האָט ער זיך קוידעמקאָל געווענדט צו כיראַמען, דעם

קיניג פון צור, מיט א באקאשע צו שיקן אים די נייטיקע צאל צעדער־ און קיפאריסן־ביימער און גוטע בוי־מייסטערס און מעטאלגיסער; דערפאר האט שלוימע געגומען אף זיך צוצושטעלן יעדעס יאר כיראמען ביז 15.000 פוד איילבערט־אייל. דעם דאזיקן ציגש האט שלוימע ארופגעלייגט אף דעם גאנצן פאלק און האט געפאדערט, אז מע זאל אים צושטעלן אף דער ארבעט 30 טויזנט מאן (לויט אן אנדער מיינונג 70 טויזנט), די ארבעטער האבן געדארפט ברענגען צו פירן פון לע־באנאן די ביימער, פון די ארומיקע בערג גרויסע שטיינער פארן פונדאמענט און די ווענט, און נאכדעם האבן זיי לויט דער אנווייזונג פון די פיניקיישע מייסטערס געבויט די ביניאנים גופע.

לאמיר זיך איין אונדזערע געדאנקען איבערטראגן אין דער נייער שטאט, וואס שלוימע האט אויסגעבויט. ווען מיר גייען ארויס פון דאווידס שטאט און גייען דורך איבער א באוועגלעכער בריק, דורכן קעסל־טאל, וועלכער טיילט אפ דאווידס שטאט און שלוימעס שטאט איינע פון דער אנדערער, קומען מיר דורך א טויער, וואס אין דער נייער וואנט, מיט וועלכער שלוימע האט ארומגערינגלט זיין נייע שטאט, צו א גרויסן ביניען, דורכויס צוגיפגעשטעלט פון צעדער־האלץ. ער איז ניט קלענער פון א מאדערנעם פירגארנדיקן מויער: 100 איילן (25 קלאפטער) די לענג, 50 איילן (12 מיט א האלבן קלאפטער) די ברייט און 30 איילן (7 מיט א האלבן קלאפטער) די הייך. עטלעכע טרעפלעך פירן צום אריינגאנג, און מיר גייען אריין אין א גרויסן זאל, וועלכער האלט זיך אף דריי רייען פיינע זיילן פון צעדער־האלץ צו פופצן אין א ריי. די שיין גיסט זיך אריין אין זאל אכוץ די שמאלינקע פענצטערלעך אין די זייטיקע ווענט, פון פארנט און פון אונטן דורך דעם אריינגאנג, אין וועלכן מיר זיינען אריין, און דורך דעם אנטקעגנדיקן אריינגאנג, ווייל קיין טירן זיינען ניטא — אנשטאט טירן אויך זיילן, — רייען. אין זאל איז איצט קיינער ניטא, נאר אין די טעג פון די קיניגלעכע אופנאמען און גרויסע יאמטויווים אין בייס־האמיקדעש קלייבט זיך צונויף אין זאל א גרויסער עוילעם: דא געפינען מיר די הויפלייט פון קיניג, די סאריסים פון די קיניגן, הארן, אנגעקומענע פון פארשיידענע געגנטן אין לאנד און אויך אויסלענדישע שעליכים; דער גאנצער עוילעם טומלט און רוישט, מאכט מיט די הענט און לאכט. און איצטער איז אלץ שטיל. אין זאל איז קיינער ניטא, אכוץ די וועכטער, וועלכע שטייען ווי אומבאוועגלעכע סטאטועס און קוקן אופמערקזאם ארום איטלעכן, וואס קומט אריין אין זאל. די וועכטער געפינען זיך דא שטענדיק. איבערן זאל, אפן צווייטן גארן, זיינען זייערע קאזארמעס, און נעבן זיי דער ארסענאל, וווּ ס'געפינט זיך אלערליי געווער, סיי אייגנס, סיי אפגענומענע בא די סאנים. דורך דעם ארויסגאנג, וואס אין דער אנטקעגנדיקער וואנט, גייען מיר ווידער ארויס אף א פלאץ, און פאר אונדזערע אויגן איז ווידער א ביניען, נאך א גרעסערער פון ערשטן. דאס איז דער טראן־זאל, ווו דער קיניג מישפעט דאס פאלק. עטלעכע טרעפלעך פירן אונדז אריין אין א קלענעם זאל (50 איילן די לענג און 30 די ברייט), אין וועלכן ס'ווארטן אף די באליי־דוינים און די, וואס קומען צום קיניג מיט באקאשעס. פונדאנען קומען מיר אריין אין טראן־זאל גופע. דאס איז זייער א גרויסער זאל, נאך גרעסער פון דעם, וועלכן מיר האבן געזען אין דעם ערשטן ביניען. ער איז איינגאנצן באדעקט מיט געשניצטע ברעטער פון צעדער־האלץ, דער דיל איז אויך פון צעדער־ברעטער; אין טיפעניש פון זאל שטייט דער קיניגלעכער טראן באפוצט מיט אינקרוסטאציעס פון קופער און העלפאנדביין. אף דעם דאזיקן טראן זיצט דער קיניג און מישפעט. דא פלעגט שלוימע ארויסטראגן זיינע פסאקדינים, וועלכע האבן אים פארשאפט א נאמען פונעם גרעסטן כאכעם. א גערעכטער און קלוגער שויפעט איז אין יענע צייטן געווען א זעלטנהייט בא ייסראעל. די קיניגלעכע פארוואלטערס פלעגן באם מישפעטן נויסע פאנעם זיין די שטארקע און דריקן די שוואכע. שלוימעס פסאק־דינים האבן געהאט א שעם פאר זייער קלוגע און גערעכטע; און דאס פאלק האט געמיינט, אז גאט אליין האט באשענקט דעם גוטן שויפעט מיט כאכמע: „און גאט האט געגעבן שלוימען פיל קלוגשאפט, כאכמע און פארשטאנד, ווי זאמד אפן ברעג יאם; און שלוימעס כאכמע איז געווען גרעסער פון דער כאכמע פון די מיזרעך־פעלקער און פון דער גאנצער כאכמע פון מיצראים. און ער איז געווען קליגער פאר אלע מענטשן, קליגער איידער אייטאן, דער זון פון עזרעך, און היימאן און כאלקעל, און ער האט געזאגט דריי טויזנט מעשאלים, און די צאל פון זיינע שירים איז געווען טויזנט, און ער האט גערעדט וועגן די ביימער, פון צעדערבוים פון לעבאנאן ביזן מאך, וואס וואקסט ארויס פון וואנט. און ער האט גערעדט וועגן פי, וועגן פייגלען, וועגן שעראצים און וועגן פיש. און פון אלע פעלקער פלעגט מען קומען הערן שלוימעס כאכמע, און ער פלעגט באקומען מאטאנעס פון אלע קיניגן פון דער וועלט, וועלכע האבן געהערט פון זיין כאכמע". און ווען אין די שפעטערע צייטן האבן די געלערנטע סאפרים געזאמלט אין גרויסע ביכער אלע פאלקס־מעשאלים און שפריכווערטער, האבן זיי געזאגט, אז דאס האט אלץ שלוימע פארפאסט. נאר אזא כאכעם, האבן זיי געזאגט, קאן זיין דער מעכאבער פון אזעלכע קלוגע מעשאלים.

ווען מיר גייען ארויס פון טראן־זאל, זעען מיר פאר זיך א הויז, אין וועלכן ס'האט געלעבט דער קלוגער קיניג מיט זיינע פרויען. דאס הויז איז ארומגערינגלט מיט א וואנט, און דורכדרינגען דורך דער וואנט איז געווען אומעגלעך פאר א פאשעטן מענטשן. גאר ווייניק מענטשן האבן געוווסט,

וויאַזוי איז אײַנגעריכט דער קיניגלעכער פּאַלאַץ; מע האָט דערציילט, אַז ער איז ווייער אַ גרויסער, גרעסער פאַר אַלע ביניאָנים אין שלומעס שטאָט. ער באַשטייט פֿון דרײַ טיילן: פֿון אַ זאַל מיט זײַלן, אַזוי אָן ערעך ווי דער טראָן־זאַל, פֿון די צימערן פֿונעם קיניג און פֿון די צימערן פֿון דער קיניגין, פּאַרעס טאָכטער, שלומעס הויפּט־פֿרוי. אין דעם אונטערשטן טייל וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, איז געווען אַ טויער, וועלכער האָט געפֿירט אין אַ גרויסן הויף. אויף דעם הויף איז געשטאַנען דער בייס־האַמיקדעש, דאָס הויז פֿון יאַהווע. פֿאַרן פּאַלאַץ איז געווען אַן אַנדער טויער אין מיזרעך־זײַט פֿון וואַנט.

דער בייס־האַמיקדעש איז געווען ניט קיין גרויסער; ער איז געווען קלענער פֿאַר אַלע ביניאָנים אין שלומעס שטאָט. פֿון אינווייניק האָט ער געהאַלטן סאַכאַקל 60 איילן (15 קלאַפֿטער) די לענג, 20 איילן (5 קלאַפֿטער) די ברייט און 30 איילן (7 מיט אַ האַלבן קלאַפֿטער) די הייך; נאָר יעדערער, ווער עס ס׳איז אויסגעקומען צו זײַן אינווייניק, האָט באַשײַמפּערלעך געזען, וואָס פֿאַר אַ כאָכעם איז געווען שלוימע. די בנײ־ייִסראָעל האָבן נאָך אַזוינס, ווי דער בייס־האַמיקדעש, ניט געזען ניט אין אַפּירע, ניט אין נעווע, ניט אין שילאָ. אַזוי ווי דעם בייס־האַמיקדעש האָט מען געבויט פֿאַר דער גרעסטער און כאַשעווסטער הייליקײַט, פֿאַרן אָרן פֿון יאַהווע, האָט מען אים ניט געקאָנט בויען פֿון האָלץ: האָלץ צינדט זיך לײַכט אָן און דאָס איז ניט קיין מאַטעריאַל פֿאַר אַ הויז פֿון גאָט. כוץ דעם, געפֿעלט יאַהווע ביכלאַל ניט האָלץ: מער פֿון אַלץ געפֿעלן אים שטיינער, פֿון וועלכע מע דאַרף פֿאַר אים בויען די מיזבייכעס און וועלכע געפֿינען זיך אַזויפֿיל אויפֿן באַרג סינײַ, אויפֿן אַלטן וווינאָרט פֿון גאָט. און דעריבער האָט שלוימע געבויט דעם בייס־האַמיקדעש פֿון שטיינער. נאָר דער דיל איז געווען געמאַכט פֿון קיפּאַריסן־האָלץ, און די אינווייניקסטע ווענט זײַנען געווען באַדעקט מיט צעדער־האָלץ. נאָר ווען מיר זאָלן אויפֿמערקזאַם באַטראַכטן דאָס הויז פֿון אינווייניק, וועלן מיר זען, אַז בענוגייע צו אַלע איבעריקע זאַכן האָט שלוימע קלאָר ניט געשטערט די פֿיניקיישע מײַסטערס, וועלכע האָבן אויסגעבויט דאָס הויז פֿאַר דעם ייִדישן גאָט פּונקט אויף אַזאַ אויפֿן, ווי זיי וואָלטן געבויט אַ הויז פֿאַר זייערע היימישע געטער, — דעם האַר פֿון צור, מעלקאַרט, אָדער דער האַרן פֿון צידאָן אַסטאָרעס.

דער אַרײַנגאַנג אין בייס־האַמיקדעש איז געווען פֿון מיזרעך־זײַט; פֿאַר דעם בייס־האַמיקדעש איז געשטאַנען אַ גרויסער מיזבייעך אויף צו ברענגען קאָרבאָנעס אין די גרויסע יאָמטויווים, ווײַל דער בייס־האַמיקדעש גופֿע איז אייגנטלעך באַשטימט געווען ניט פֿאַר דער אַוווידע, נאָר פֿאַרן וווינאָרט פֿון יאַהווע, וועלכער רוט אין אָרן. דורך צוויי שטיינערנע טרעפּלעך קומען מיר אין אַ קליינעם זאַל (אולעם) פֿון בייס־האַמיקדעש. באַם אַרײַנגאַנג אין זאַל זײַנען בײַ די זײַטן געשטאַנען צוויי קופּערנע זײַלן, וועלכע ס׳האָט אויסגעגאָסן אַ מײַסטער פֿון צור; דער זעלבער מײַסטער האָט אויך געמאַכט די איבעריקע קופּערנע קיילים פֿון בייס־האַמיקדעש. יעדער זײַל איז געווען קימאַט פֿיר קלאַפֿטער די הייך; יעדער זײַל איז געשטאַנען אויף אַ פֿירקאַנטיקן שטיינערנעם פֿאַסטאַמענט. די דאָזיקע זײַלן זײַנען געווען אײנע פֿון די מערקווירדיקסטע זאַכן אין בייס־האַמיקדעש. פֿאַר די בנײ־ייִסראָעל איז קיידעמקאָל געווען אַ כידעש די געקינצלטע פֿאָרם פֿון די זײַלן. ביפֿראַט מערקווירדיק זײַנען געווען די שפּיצן פֿון די זײַלן. יעדער שפּיץ האָט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קוגל מיט אַ נעצפֿאָרמיקער אינקרוסטאַציע; אין דער הייך האָט ער זיך געענדיקט מיט אַ קרויז פֿון ליליען־בלעטער, און אויפֿן קוגל גופֿע זײַנען געהאַנגען ווי האַלדזבענדער צוויי קייטן פֿון מילגרוימען; אַלץ איז געווען אויסגעגאָסן פֿון קופּער. פֿול מיט סוידעס זײַנען אויך געווען די אויפֿשריפֿטן אויף די זײַלן, אויפֿן רעכטן זײַל — יאַכין, אויפֿן לינקן זײַל — בעז. אַפֿילע אַ געלערנטער ייִד האָט אויך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן באַטײַטן, ווײַל זיי זײַנען געווען געשריבן ניט אין העברעיִש, נאָר אין פֿיניקייִש; געבויט האָט די זײַלן אַ מײַסטער פֿון צור; און קעדיי זיי זאָלן זיך פּעסט האַלטן, האָט ער אויף זיי געמאַכט טאַליסמאַנישע אויפֿשריפֿטן, פֿאַרשטענדלעכע נאָר פֿאַר אים אַליין. ס׳קאָן זײַן, אַז אין טאַקע זײַנען די אויפֿשריפֿטן איבערגעגעבן ניט ריכטיק, ווײַל נאָך ביז הײַנטיקן טאָג קאָנען אַפֿילע די בעסטע קענער פֿון דער פֿיניקייִשער שפּראַך ניט פֿאַרשטיין, וואָס זיי באַטײַטן. און מיר ווייסן נאָך אַדהײַנט ניט, צו וואָס האָט מען געדאַרפֿט האָבן די זײַלן. ווען מע זאָל זיי געווען אויפֿשטעלן ראַק פֿון שיינקײַט וועגן, וואָלט מען דאָן אויף זיי ניט געמאַכט קיין סוידעסדיקע אויפֿשריפֿטן; נאָר קאָלזמאַן מיר פֿאַרשטייען ניט די אויפֿשריפֿטן, ווייסן מיר אויך ניט, לעשעם וואָס זײַנען זיי געמאַכט געוואָרן. ס׳קאָן זײַן, אַז די זײַלן האָבן געדינט בעמאַקעם מאַצייוועס, וועלכע מע פֿלעגט געוויינלעך שטעלן אויף די באַמעס נעבן די מיזבייכעס. און עס קאָן זײַן, אַז דאָס האָט דער מײַסטער דערפֿאַר געמאַכט די צוויי זײַלן, ווײַל דער טראָן פֿון זײַן היימישן גאָט מעלקאַרט פֿלעגט זיך האַלטן אויף צוויי יעסוידעס, — עמעס און מישפּעט, וועלכע באַגלייטן אים שטענדיק; און באַם מײַסטער איז געבליבן אויך פֿאַר יאַהווע געבן אַזעלכע צוויי באַגלייטער, און בעטאַך זײַנען אַלס סימבאָלן פֿון די דאָזיקע צוויי יעסוידעס אויפֿגעשטעלט געוואָרן די צוויי זײַלן. דאָס איז אַלץ פֿרעמד געווען די בנײ־ייִסראָעל. נאָר איין זאַך האָט דער ייִד דאָ געפֿונען, וועלכע האָט זיך נאָך פֿון לאַנג אָן גערעכנט בײַ אים פֿאַר אַ גרויסער הייליקײַט: דאָס

איז געווען דער קופערנער נאָכאָש (שלאַנג), וועלכער האָט געהייסן נאָכאַשטאָן. מע דערציילט, אז דאָס האָט נאָך מוישע אין מידבער געמאַכט די שלאַנג, ווען גאָט האָט אַף די בנײ־ייִסראָעל אָנגעשיקט גיפטיקע שלאַנגען. ווער ס׳פלעגט א קוק טאָן אַף דער קופערנער שלאַנג, פלעגט בלײַבן לעבן. די דאָזיקע הייליקײַט האָט שלוימע אַרײַנגעשטעלט אין זײַן בייס־האַמיקדעש.

פון פאַלעש קומען מיר אין הויפּט־זאַל פון בייס־האַמיקדעש. אין דער טיפעניש איז א וואַנט פון צעדער־האָלץ; אינמיטן דער וואַנט איז א פינפעקיקע, צוויי־פליגלדיקע טיר פון אײלבערט־בוים־האָלץ, וועלכע פירט אין דוויר, דעם מאָקעם־קוידעש, ווו ס׳געפינט זיך גאָט. פאַר דער טיר איז געשטאַנען א גרויסער טיש, אַף וועלכן מע פלעגט יעדן טאָג אַוועקלייגן ברויט פאַר גאָט (לעכעם האַפּאָנעם); רעכטס און לינקס איז געווען צו פינף קופערנע מענוירעס, וועלכע האָבן שטענדיק געברענט סײַ בײַטאָג, סײַ בײַנאַכט. ווײַטער זעען מיר א גרויסן קופערנעם יאָם: דאָס איז א גרויסע שיסל, וועלכע שטייט אַף א פּאָסטאַמענט אין געשטאַלט פון צוועלף רינדער: דרײַ זײַנען געריכטעט צו צאָפן, דרײַ צו דאָרעם, דרײַ צו מיזרעך און דרײַ צו מײַרעוו. דער יאָם דינט פאַר א וואַסער־רעזערוואַר, און פון אים פלעגט מען אָנשעפּן וואַסער אין באַוועגלעכע קעסלען (כּאַיוירעס); אַזעלכע קעסלען זײַנען געווען צען, אויך קופערנע, אַלע אַף רעדער, מע זאָל זיי קאָנען איבערפירן פון איין אָרט אַף דעם צווייטן. פאַר די בנײ־ייִסראָעל איז דאָס אַלץ ווײַטער געווען א זעלטענער כידעש; דערפאַר אָבער איז דעם מײַסטער פון צור, וועלכער האָט עס געמאַכט, אַלץ געווען גוט באַקאַנט. אַזעלכע וואַשבעקנס אַף רעדער פלעגט מען באַניצן אין די פיניקיִישע טעמפּלען; בײַ די אויסגראָבונגען אפן אינדזל ציפערן האָט מען געפונען א סאַך אַזעלכע באַוועגלעכע בעקנס, זייער ענלעכע צו די בעקנס, וואָס אין שלוימעס בייס־האַמיקדעש. נאָר דער מײַסטער האָט ניט גענומען אין אכט דאָס, וואָס די קויהאַנים וועט זײַן שווער זיך אָנצושטויסן, צו וואָס דאַרף מען די בעקנס. אין די פיניקיִישע טעמפּלען איז דאָס וואַסער פון די בעקנס געווען הייליק; דאָס איז געווען א סימבאָל פון דעם מאַיִם־כאַיִם, וואָס זייער גאָט מעלקאַרט האָט באַקומען בײַ זײַן וואַנדערן איבער דער וועלט. די קויהאַנים אָבער האָבן געמיינט, אז דאָס זײַנען פּאַשעטע וואַשבעקנס, אײַנגעריכטעטע ספּעציעל פאַר זיי. דער קופערנער יאָם איז אויך געמאַכט געווען נאָך דעם מוסטער פון אַזאַ מין יאָם, וועלכן מע פלעג באַניצן אין די באַווילשע טעמפּלען לעקאָוועד דעם גאָט מאַרדוק. דאָרט איז דאָס געווען א סימבאָל פון דעם הימל־אָקעאַן, וועלכער האַלט זיך אַף צוועלף מאַזאָלעס, אַף דער הימלשער האַמבע, וואָס איז דורכגעפירט איבערן האָריזאָנט און האַלט אונטער די הימלשע וואַסערן; צוועלף רינדער — צוועלף מאַזאָלעס. נאָר די קויהאַנים האָבן ניט געוווּסט פון דעם סימבאָל און זיי האָבן באַניצט דעם יאָם, ווי א פּאַשעטן וואַסער־רעזערוואַר פאַר די וואַשבעקנס.

לעסאָף, זײַנען מיר בײַ דער טיר, וואָס פירט אונדז שוין צום גאָט יאַהווע גופע. די טיר עפנט

גוסטאַוו דאָרע. שלוימע־האַמעלעך נעמט אויף די מאַלקע שוואָ

גוסטאַוו דאָרע. שלוימע־האַמעלעך פירט א מישפּעט

זיך, און מיר זײַנען אין דוויר, אין א פינצטערן דורכגאנג, ווו ס'עפנט זיך דער אָרן פון יאהווע, איבער אים פון ביידע זײַטן האָבן פארשפרייט זייערע גרויסע פליגלען צווי קרווים, מיפּישע באַשעפענישן, אויף וועלכע יאהווע זעלבסט שוועבט און וועלכע האַלטן אונטער זײַן קיסע האַקאַוועד.

דער פיניקיייִשער מײַסטער האָט צוגעגעבן די קרווים אזא געשטאַלט, וועלכע איז געווען אָנגענומען בײַ די פיניקיער: באַשעפענישן מיט פליגלען, מיט א מענטשלעכן קאָפּ און מוראדיק גרויסע: צוויי מיִנ א האַלבן קלאַפטער די הייך און די פליגלען — צו איין קלאַפטער, צווישן די צוויי קאָלאָסאַלע קרווים פון איילבערטעבוים־האָלץ האָט דער אָרן, דאָס אַלטע, צעשעדיקטע אין מילכאָמעס וויינונג פון יאהווע, אויסגעוויזן אזוי קליין און נישטיק. נאָר שלוימע און דאָס גאַנצע פאָלק זײַנען געווען איבערצײַגט, אז אַט טאַקע אין דעם אָרן שטעקט די גאַנצע מעכטיקע און סודעסדיקע קראַפט: און פאַר דעם אומבאַמערקלעכן קאַסטן פון אַקאַציע־האָלץ האָט מען ס'אויסגעבויט דאָס גרויסאַרטיקע הויז.

און ווען מע האָט דעם אָרן פײַערלעך איבערגעטראָגן פון דאַווידס געצעלט אין דעם נײַעם פּרעכטיקן הויז און אוועקגעשטעלט אים אין דוויר, האָט אַלעמען זיך אויסגעוויזן, אז דער בייס־האַמיקדעש האָט זיך אָנגעפילט מיט א וואָלקן, אזוי אז די קויהאַנים מיטן קיניג האָבן א לאַנגע צײַט ניט געקאָנט צוטרעטן צו דער אַזוידע. דער קיניג, ווי ס'דערציילט די לעגענדע, איז נישטוימעם געוואָרן און האָט זיך געווענדט צום אָרן מיט אַט דעם שיר, וועלכער איז פארשריבן אין דער זאַמלונג פון די אוראַלטע יידישע לידער:

> גאָט האָט געוואָלט וווינען אין געדיכטן וואָלקן —
> געבויט האָב איך דיר א וווינונגס־אָרט,
> אַן אָרט פאַר דײַן רוען אויף אייביק.

און דערנאָך, דערציילט די לעגענדע, האָט שלוימע געבראַכט אָן א צאָל קאָרבאָנעס: 22 טויזנט רינדער און 120 טויזנט שעפסן, און אין דעם קאָרבאָנעס־מאָלצײַט האָט אָנטיילגענומען דאָס גאַנצע פאָלק. אַט אזוי האָט די לעגענדע פארפוצט דעם כאַנוקאַס־האַבאַיִס, אינדערעמעסן איז עס מיסטאָמע פאָרגעקומען ניט אזוי פײַערלעך.

דער בייס־האַמיקדעש, וועלכן שלוימע האָט געבויט, איז געווען א קיניגלעכער טעמפּל. דער קיניג האָט זיך באַזעצט ניט ווײַט פון גאָט, זײַן באַשיצער, און פאַר א פּאַשעטן מענטשן איז פונקט אזוי שווער געווען אַרײַנצודרינגען אין הויז פון יאהווע, ווי אין הויז פון קיניג. מע דאַרף מיינען, אַז די ערשטע צײַט האָט דאָס פאָלק געקוקט אויפן בייס־האַמיקדעש ווי אויף א מין כידעש, וואָס ווײַזט אַרויס שלוימעס גרויסע כאָכמע, נאָר ער האָט אים אַוודע ניט געהאַלטן פאַר מער הייליק, איידער זײַנע אַמאָליקע אַלטע הייליקע ערטער. אַלץ האָט אים דאָ אויסגעוויזן פרעמד און אומגעוויינלעך: זײַנע אַלטע הייליקײַטן, וועלכע ער האָט, ווי א שוואַרצאַפּל פון אויג, אָפּגעהיט אין גאַלגאַל, בעערשעווע און אַנדערע ערטער, זײַנען אים געווען א סאַך טײַערער און ליבער, די אַלטע אייזערע־ביימער, די מאַצייוועס האָבן שוין פיל מאָל באַוויזן זייער וווּנדערלעכע קראַפט: און די נײַע קופּערנע זײַלן מיט אופּשרײַפן אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך האָבן נאָך גאָרנישט ניט אויפגעטאָן. די אַלטע דעמבעס און די הייליקע ברונעמס זײַנען געווען צוטריטלעך פאַר אַלעמען, יעדער האָט געקאָנט צו זיי קומען און פּרוּוון אַרײַנגיין אין באַציִונגען מיט גאָט, וואָס האָט זיך אין זיי געפונען: זיך לייגן נעבן זיי שלאָפן אָדער צוהערן זיך צו דער שטים פון גאָט אין געדריש פון די בלעטער אָדער אינעם מורמלען פונעם וואַסער. און צו דעם אָרן פון יאהווע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער פינצטערניש פון דוויר, איז איצטער ניט צוצוקומען. דעריבער האָט די אָפּשטעלונג פונעם בייס־האַמיקדעש די ערשטע צײַט וויניק־וואָס געווירקט אויף די רעליגיעזע מינהאָגים פונעם פאָלק. ס'איז אפילו מעגלעך, אַז די ערשטע צײַט האָט זיך דאָס פאָלק פײַנטלעך באַצויגן צום נײַעם בייס־האַמיקדעש: קעדיי אויסצובויען אים, האָט דאָך דאָס פאָלק געמוזט אויספירן אזא שווערע אַרבעט, וועלכע איז אויף לאַנגע יאָרן פאַרבליבן אין זײַן זיקאָרן, און ניט אומזיסט פלעגט מען נאָך אין מעשער פון א לאַנגער צײַט דערמאָנען, ווי שלוימע האָט געפּײַניקט זײַנע אונטערטעניקע מיט ריטער. ערשט מיט א צײַט שפּעטער איז דער בייס־האַמיקדעש באַרימט געוואָרן, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אויך מיט דער שטאָט יערושאַלאַיִם. יערושאַלאַיִם האָט געמוזט פריער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ עמעסער שטאָט, קעדיי ער זאָל קאָנען ווערן דער צענטער פון יידישן לעבן, דערווײַל איז יערושאַלאַיִם געווען ניט מער, ווי א קיניגלעכער בורג, א שטאַרקע פעסטונג, וועלכע איז אָפּגעטיילט פון דער אַרומיקער וועלט מיט הויכע מויערן.

(פאָרזעצונג קומט)

דאָס איז טשיקאַווע

שאָלעם־אַלייכעמס א וויזיט־קאַרטל

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אין דער רע־דאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אָנגעקלונגען דער דאָקטער־פּענסיאָנער גריגאָרי כיאוסאָוו, א מאָס־קווער טוישעוו, און געזאָגט, אַז ער פאַרמאָגט שאָ־לעם־אַלייכעמס א וויזיט־קאַרטל. איך האָב זיך באַ־געגנט מיט גריגאָרי רווימאָוויטשן באַ אים אינ־דערהיים, און ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון אָט דעם וויזיט־קאַרטל.

בעשאַס זײַן רײַזע איבער רוסלאַנד אין 1908 האָט שאָלעם־אַלייכעם באַזוכט דווינסק (איצט — דאַוגאַוופּילס, לעטלענדישע ססר). אַרטיקע ייִדישע קערפּערשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט א באַגעגעניש מיטן גרויסן שרײַבער. צווישן די, וואָס זײַנען בײַגעווען אויף אָט דער באַגעגעניש, איז געווען א יונגער ליב־האָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — באָריס הער. שאָלעם־אַלייכעם האָט געשענקט זײַנע וויזיט־קאַרט־לעך די אָנטיילנעמער פון דער באַגעגעניש. באָריס הער האָט דאָס גאַנצע לעבן געהיט די מאַטאָנע. ער האָט שפּעטער געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט אין דער סאָוועטישער פּרעסע. ווען ס'האָט אָנגעהויבן דער־שײַנען „סאָוועטיש היימלאַנד", איז ער געוואָרן א שטענדיקער לייענער און געזעלשאַפטלעכער פאַר־שפּרייטער פונעם זשורנאַל. באָריס אַראָנאָוויטש הער איז געשטאָרבן אין 1975 אין מאָסקווע. פאַרן טויט האָט ער איבערגעגעבן די רעליקוויע גריגאָרי כיאָר־סאָוון.



אויפן וויזיט־קאַרטל איז טיפּאָגראַפיש אָנגעדרוקט אויף איין זײַט — „שלום עליכם" און אויף דער אַנ־דערער «Шоломъ-Алейхемъ» אויף רוסיש. אויף דער ייִדישער זײַט איז פאַראַן שאָלעם־אַלייכעמס אַן אייגנהאַנטיקער צושריפט „צום אָנדענקען פון דווינסק. 14.VI.08".

מיר גיבן דאָ א רעפּראָדוקציע פון דעם דאָזיקן וויזיט־קאַרטל, וואָס איז ביז איצט אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווילט זיך צוגעבן אָט וואָס.

גייענדיק נאָך די שפּורן פונעם וויזיט־קאַרטל, האָבן מיר דורכגעקוקט די שטאָט־צײַטונג „דווינסקי ליסטאָק" פאַרן 1908. צו מײַן כידעש איז אין יול כוידעש קיין נאָטיץ וועגן שאָלעם־אַלייכעמס באַזוך אין דווינסק אין דער צײַטונג ניט געווען. ווײַזט אויס, אַז די באַגעגעניש איז געווען דורכגעפירט פאַר אַן ענגן קרײַז און האָט ניט געהאַט קיין אָפי־ציעלן כאַראַקטער. די באַגעגעניש אָבער איז ניט דורכגעגאַנגען שפּורלאָז. ווי באַוווּסט, איז שפּעטער, אין נאָיאַבער 1908, געפײַערט געוואָרן דער זילבער־נער יוּבל פון שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישער טע־טיקײַט. אין דווינסק האָט די דאָזיקע פײַערונג גע־האַט א שטאַרקן אָפּקלאַנג. „דווינסקי ליסטאָק" פאַרן 1 נאָיאַבער 1908 האָט פאַרעפנטלעכט אַזאַ נאָטיץ (מיר זעצן זי איבער פון רוסיש):

„ווי מע טיילט אונדז מיט, וועט זונטיק דעם 2 נאָיאַבער, אינעם צירק־לאָקאַל פאָרקומען אַן אָוונט, אָרגאַניזירט פון דער דווינסקער ייִדישער „דראַמאַ־טיש־מוזיקאַלער און וואָקאַלער געזעלשאַפט" לעקאָוועד דעם 25־יאָריקן יוּבל פון דער ליטעראַרישער טע־טיקײַט פונעם ייִדישן שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם. דער נאָמען פונעם יוּבילאַר איז גוט באַקאַנט דעם ייִדישן לייענער־עולם, וואָס האָט ליב שאָלעם־אַלייכעמען און איז נאָענט מיט זײַנע ווערק, וועל־כע שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פונעם ייִדישן מאַסן־מענטש. דעם יוּבל פונעם שרײַבער פײַערט מען אין א סאַך שטעט...

די דראַמאַטישע סעקציע פון דער געזעלשאַפט וועט שפּילן די קאָמעדיע פונעם יוּבילאַר „א דאָק־טער". אייניקע דערציילונגען זײַנע וועלן געלייענט ווערן אינעם אָריגינאַל".

אַז דער אָוונט איז טאַקע פאָרגעקומען, דערוויסן מיר זיך פון דעם זעלבן „דווינסקי ליסטאָק" פאַרן 5 נאָיאַבער 1908:

„מע שרײַבט אונדז וועגן דעם יוּבל־אָוונט, וועלכן ס'האָט אָרגאַניזירט דעם 2 נאָיאַבער די

ייִדישע מוזיקאַל־דראַמאַטישע געזעלשאַפט לעקאָוועד דעם 25־יאָריקן יוביל פון דער ליטעראַרישער טעטיקײַט פונעם ייִדישן שטייגער־שרײַבער דעם הומאָריסט שאָלעם־אַליכעם. דער לאָקאַל פונעם צירק־טעאַטער איז געווען פולגעפּאַקט. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך געעפנט, האָט דער אוילעם דערזען א קינסטלעריש־אָנגעמאָלטן פּאָרטרעט פונעם שרײַבער, דעקאָרירט מיט סטענגעס.

הער ניגער (ש. טשאַרני) האָט דורכגעלייענט אַן אַרטיקל וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקײַט פונעם באַל־יוביל, אָנגעוויזן אַף דער וויכטיקער באַדײַטונג פון זײַן קונסט.

דער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט כ. לעווין האָט מיט דערפאָלג פאָרגעלייענט שאָלעם־אַליכעמס א הומאָריסטישע דערציילונג „פונעם פּריזיוו" און דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט הער אַלפּעראָוויטש — שאָלעם־אַליכעמס א מאָנאָלאָג „ווען איך בין ראָטשילד".

די דראַמאַטישע אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט האָט גאַנץ פֿײַן אופגעפירט שאָלעם־אַליכעמס איינאַקטער „א דאָקטער".

מע קאָן זיכער זאָגן, אַז צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם דאָזיקן אָוונט איז אויך געווען ב. הער, דער אייגנטימער פון *שאָלעם־אַליכעמס* וויזיט־קאַרטל.

ו. קאַפּלאַן

נײַס פון אויסלאַנד

א מאָנאָגראַפיע וועגן דער קולטור־געשיכטע פון די יוגאָסלאַווישע ספאַרדים

אינעם סאַראַיעווער פאַרלאַג „סוועטלאָסט" איז אין 1986 דערשינען א מאָנאָגראַפיע פון קרינקאַ ווידאַקאָוויטש־פּעטראָוו „די קולטור פון די שפּאַנישע ייִדן אַף דער יוגאָסלאַווישער ערד (XIX—XX יה.)", וועלכע איז באַגרינדעט אַף די רעזולטאַטן פון דער דאָקטאָר־דיסערטאַציע, וואָס די יונגע געלערנטע (זי איז געבוירן אין 1949) האָט אין 1982 פאַרטיידיקט אַפּן פילאָלאָגישן פאַקולטעט פונעם זאַגרעבער אוניווערסיטעט.

די ספאַרדישע געמיינדעס עקזיסטירן אַף דער יוגאָסלאַווישער ערד זינט XVI־טן יה., ווען אַהין האָבן איבערגעוואַנדערט די ייִדישע פּליטים פונעם פּירענעיִשן האַלב־אינדזל. ק. ווידאַקאָוויטש־פּעטראָוו דערציילט וועגן דעם אייגנאַרטיקן פּאָעטישן פאָלקלאָר פון די יוגאָסלאַווישע ספאַרדים, וועגן זייערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פּרעסע, טעאַטער־טעטיקײַט. די אָפּבילדונג פון זייער לעבן איז געבליבן אין די שאַפונגען פון די ייִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן געשריבן אַף דזשודעזמאָ (קאַפּאָן, גאַאָן, פּאַפּאָ און אַנד.), און אַף סערביש־כאָרוואַטיש (דאַוויטשאָ, סאַמאָקאָוולִיאַ). די וואָכנשריפט „יעוורייסקי גלאַס" („די ייִדישע שטים"), וועלכע איז געווען אַמערסטן פּאָפּולער צווישן די יוגאָסלאַווישע ייִדן אין די פאַרמילכאָמע־יאָרן, האָט געדרוקט א סאַך איבערזעצונגען פון ייִדיש און העברעיִש (מענדעלע מוכער־ספאָרים, שאָלעם־אַליכעם, אַש, ביאַליק, פּערעץ, מאַפּו און אַנד.).

דער בוך אַנטהאַלט א רײַכן ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל.

אן אנדענק־אוונט

אין לענינגראדער קלוב „קראסני פוט" („דער רויטער וועג") איז פארגעקומען אן אנדענק־אוונט, געווידמעט די קארבאנעס פון דער לעצטער וועלט־מילכאמע. אין פאיע איז פאנאנדערגעוויקלט געווארן אן עקספאזיציע „מיר געדענקען אלץ" (זע די פאסא). דער ערשטער אפטייל פון דער עקספאזיציע אנטהאלט פאטאגראפיעס פון די ברידער־קווארים, אין וועלכע ס'ליגט דאס געביין פון די קדושים פונעם גענאציד אף דער אקופירטער מיצאד די פאשיסטן סאוועטישער ערד. דאס זיינען סיי וועלט־באקאנטע מעמאריאלן אין „באבי יאר" און אין קאונער IX־טן פארט, סיי באשיידענע, צומאל אפילע, צום באדויערן, פארוואַרפענע דענקמעלער אין פילצאליקע שטעט און יישוווים פון ווייסרוסלאנד, אוקראינע, ביַיבאלטיק. אף אט די פאסא־סטענדן זיינען אויך פאראן קורצע נאטיצן וועגן די שוידערלעכע געשעענישן פון 1941—1943. די מאטעריאלן פונעם צווייטן אפטייל פון דער עקספאזיציע דערציילן וועגן די יערלעכע אנדענק־צערעמאניעס אין פיל שטעט פונעם לאנד, וועלכע מע פירט דורך אדער צום גיצאכן־טאג, אדער צו דעם יארצייט פון די מאסן־פארניכטונגען, אדער טישעבאוו.

די אנטיילנעמער פונעם אוונט האבן גערעדט וועגן די פאגראמען פון דער טרויעריק באוווסטער „קרישטאל־נאכט" אין 1938, וועגן די סטאלין־רעפרעסיעס, וועלכע האבן געטראפן אויך די יידישע קולטור־טוער, אין די פאר־ און נאכמילכאמעדיקע יארן. ס'איז באריררט געווארן די פראגע וועגן די פערספעקטיוון פאר דער אנטוויקלונג פונעם יידישן קולטור־ און געזעלשאפטלעכן לעבן אין די באדינגונגען פון די דעמאקראטיזאציע־פראצעסן אין אונדזער געזעלשאפט.

מיכאיל ריווקין, איינער פון די, ווער עס האט צונויפגעקליבן די מאטעריאלן פאר דער פאטא־עקספאזיציע, האט אפגעמערקט, אז, צום באדויערן, ווייסן מיר צומאל מער וועגן דער „קרישטאל־נאכט", איידער וועגן דעם, וואס עס איז פארגעקומען אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון אוקראינע און ווייסרוסלאנד, ביַיבאלטיק, מאלדאוויע און רוסלאנד. עס ווילט זיך האפן, אז אט דער „ווייסער פלעק" אין אונדזער געשיכטע וועט איצט אפגעווישט ווערן.

אפן אוונט האבן געקלונגען לידער פון סאוועטישע פאעטן. א גרופע סטודענטן פונעם לענינגראדער פאליטעכנישן אינסטיטוט האט אויסגעפילט א ליטעראריש־מוזיקאלישע קאמפאזיציע לויט א. גאליטשס פאעמע „קאדיש", געווידמעט יאנוש קארטשאקן. די צושויער האבן זיך באקאנט מיטן דאקומענטאלן פילם „גענאציד" (פשא).

גאסטראלן פון דעם ווילנער יידישן פאלקס־טעאטער

נאך א 20־יאריקן איבערייס האבן די לענינגראדער זיך ווידער באגעגנט מיט די יידישע ארטיסטן פון ווילנע. די גאסטראלן זיינען דורכגעגאנגען אינעם קולטור־פאלאץ אף קאפראנאווס נאמען. דער ווילנער פאלקס־טעאטער האט באוויזן דריי פארשטעלונגען: דעם וואדעוויל „א יידישער געט" לויט שאלעם־אלייכעמס פיעסע, די מוזיקאלע פארשטעלונג „בראדער זינגער" פון א. קאגאן און א. בארשטשאגאווסקיס דראמע „די נאכט ערעוו באבי יאר".

די אפרופן פונעם פובליקום זיינען געווען גאנץ פארשיידענע — פארשטייט זיך, אין דער מערהייט העכסט פאזיטיווע, אבער אויך קריטישע. ס'האבן זיך געלאזט הערן סקעפטישע מיינונגען וועגן דעם, אז דער דערפאלג פונעם טעאטער ווערט אין א גרויסער מאס דערקלערט מיט ספעקולירונג אף דער טעמע, ווי אויך מיט דער אפוועזנהייט פון יידישע פיעסעס אין די לענינגראדער טעאטערס און מיטן דעפיציט פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין דער שטאט ביכלאל. כאטש מע טאר ניט פארשוויַיגן די דאזיקע פאקטארן, אבער, לויט אונדזער מיינונג, פאסט ניט דער באגריף „ספעקולירונג" פאר דער פיליאריקער איבערגעגעבענער ארבעט פונעם קאלעקטיוו, וועלכער איז אין משך פון פיל יארן געווען צווישן די איינציקע און זעלטענע יידישע טעאטערס אין לאנד. דאכט זיך, אז די כעסרוינעס, וועלכע האבן ארויסגערופן טיינעס בא אייניקע צושויער (דעם איבערגעזעטיקטן מיט טעאטראלע געשעענישן לענינגראדער פובליקום איז שווער צו באפרידיקן), קאן מען דערקלערן עפשער דערמיט, וואס דער קאלעקטיוו האט זיך געקאכט אין אייגענעם זאפט. צוליב דעם אינטענסיוון שעפערישן וווקס פון א נאציאנאלן טעאטער דארף מען האבן א לעבעדיקע נאציאנאל־קולטורעלע סוויווע. אין דעם פראט גיט צו אפטימיזם די אקטיוויזירונג אין דער לעצטער צייט פונעם יידישן טעאטראלן לעבן אין פססר, דאס שאפן פון נייע פראפעסיאנעלע זעלבסטעטיקע קאלעקטיוון.

10—1399

די פאָרגעקומענע גאַסטראָלן האָבן באַלויכטן נאָך איין פּראָבלעם. די לענינגראַדער ייִדישע צושויער האָבן אויפֿגענומען די ייִדישע ספּעקטאַקלען מיט דער הילף פון א סינכראָנישער איבערזעצונג. ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אז די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן טעאַטער זעט פאָרויס באַמיִונגען ניט נאָר מיצד די קינסטלערישע קאָלעקטיוון, נאָר אויך מיצד די אויפֿנעמער פונעם לעבעדיקן וואָרט.

א כאַנעקע־אָוונט

אין דער געבײַדע פון דער טעאַטער־סטודיע אינעם לענינגראַדער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט איז פאָרגעקומען א כאַנעקע־אָוונט. דער זאַל, אויסגערעכנט אף 150 מענטשן, האָט אַרײַנגענומען קימאַט צוויי מאָל מער. אין דער פּראָגראַם איז געווען א מיטיילונג וועגן דער געשיכטע פונעם יאָמטעוו כאַנעקע, שימען פרוגס דערציילונג „כאַנעקע־שפּיל", אַן איינאַקטער־ספּעקטאַקל לויט אי. בעלאָווס פּיעסע „אַן אָפּמאַך" און, לעסאָף, די אַרויסטרעטונג פונעם אַנסאַמבל „כאַווײרים", וועלכער האָט אויסגעפּילט עטלעכע מאָדערנע לידער אף די טעקסטן פונעם טאַנאַך.

דעם אָוונט האָבן צוגעגרייט זעלבסטעטיקע אַקטיאָרן און מוזיקאַנטן, אָבער לויט זײַן גיוואָ איז ער בעפּיירעש פאָרויסגעגאַנגען די היימישע „קאַפּוסטניקעס".

און נאָך אָט וואָס דאַרף מען אָפּמערקן. די אַטמאָספער פונעם פריילעכן יאָמטעוו האָט ניט פאַרשטעלט פאַר די בײַוועזנדיקע די טראַגעדיע, וועלכע האָט געטראָפן אין יענע טעג דאָס ברידערלעכע אַרמענישע פאָלק. בייסן אָוונט האָט מען צונויפגעקליבן מער פון טויזנט רובל אין פאָנד פון העלפן די געליטענע פון דער ערדציטערניש.

אלעקסאַנדער פרענקעל,
מארינע ווײַנשטיין

<ins>א נײַס, וואָס פרייט אונדז...</ins>

אַזאַ וועט זײַן
דער צענטער פון פרײַנטשאַפט

לענינגראַד (קאָר. פון טאַסס ב. פּאַולאָוו). אין יובילײ־טאָג פון דער אויסבילדונג פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז אין דער שטאָט אף דער נעווא געמאָלדן געוואָרן וועגן שאַפן א פּאַלאַץ פון קולטור און פרײַנטשאַפט פון די פעלקער פון אונדזער לאַנד. די לענינגראַדער טוישווים, צווישן וועלכע מע קאָן באַגעגענען פאָרשטייער פון העכער הונדערט צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן, אַרײַנגערעכנט מער ווי הונדערט טויזנט ייִדן, האָבן אַרויסגעזאָגט ווונטשן, ווי אַזוי דער פּאַלאַץ זאָל אויסגעשטאַט ווערן.

עס איז פאָרויסגעזען, אז א באַזע וועט ווערן איינער פון די גרעסטע אין שטאָט קולטור־פּאַלאַצן אף ס. מ. קיראָווס נאָמען.

— אונדזער אויפגאַבע איז שאַפן א קאָמפּלעקס, וווּ אף די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם וועט געפירט ווערן א ברייטע אידעאָלאָגישע, קולטורעלע און אויפקלערערישע אַרבעט, — דערציילט דער דירעקטאָר פונעם פּאַלאַץ ג. טיטאָוו. — ביפּראַט, פאַרדינט אויפמערקזאַמקײַט דער פּראָיעקט פון די מיטאַרבעטער פונעם מוזיי פון עטנאָגראַפיע פון די פעלקער פון פססר, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „וועטשערני לענינגראַד". זיי זעען אײַן אינעם נײַעם צענטער א טעאַטראַלן זאַל, א ביבליאָטעק, א לעקטאָרי, קלובן פון לאַנדסמאַנשאַפטן. מע וועט דורכפירן אויסשטעלונגען פון אַרטיקלען פון קינסטלערישע פאָלקס־געווערבן, דעקאַדעס פון נאַציאָנאַלע קולטורן, אַרויסטרעטונגען פון פאָלקלאָר־אַנסאַמבלען, פעסטיוואַלן פון פילמען פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, באַגעגענישן מיט שרײַבער און קונסטטוער פון אונדזער פילנאַציאָנאַל לאַנד. מיר מערקן אָן אויסצוויילן א ראַט פון פרײַנטשאַפט.

דאָס קולטור־לעבן אין לענינגראַד
אין פֿאָטאָגראַפֿיעס

בא די סטענדן פון דער עקספּאָזיציע „מיר געדענקען אלץ״, געווידמעט די קאָרבאָנעס פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע

אפן כאנעקע־אָוונט אין דער טעאַטער־סטודיע פונעם לענינגראַדער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט

סצענעס פונעם
ספעקטאקל „די
נאכט ערעוו באבי
יאר״, וועלכן עס
האָט באוויזן אין
לענינגראד דער
ווילנער ייִדישער
פאָלקס־טעאטער



כראָניק

אַ ייִדישע דזשאַז־גרופּע אין אָדעס

אינעם אָדעסער אַקטיאָרן־הויז איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ טעמאַטישער קאָנצערט אונטערן נאָמען „אַן אַלטער ניגון”, אין וועלכן ס׳האָט צום ערשטן מאָל אָנטײלגענומען די נײַ־געשאַפֿענע וואָקאַל־אינסטרומענטאַלע דזשאַז־גרופּע אין באַשטאַנד פֿון דעם עסטראַדע־זינגער סעמיאָן פּאַליי (אָנפֿירער), דעם פּיאַניסט ראָמאַן קאַץ, דעם באַס־גיטאַריסט סערגיי קאַטשיאַשווילי און דעם צימבלער איגאָר איוואַנטשענקאָ.

דער יונגער קאָלעקטיוו האָט צוגעגרייט אַ נײַע שאָו־פּראָגראַם „גליקזוכער”, וואָס וועט אײַנגיכן פֿאָרגעשטעלט ווערן פֿאַר די אָדעסער צושויער און פֿאַר די אײַנוווינער פֿון אַנדערע שטעט. די פּראָגראַם שליסט אײַן פּילצאָליקע ייִדישע פֿאָלקסלידער אין דער דזשאַז־באַאַרבעטונג פֿונעם אַנסאַמבל.

אין דער פּערספּעקטיוו איז אָנגעמערקט צו שאַפֿן אין שטאָט אַ ייִדישן עסטראַדע־טעאַטער.

אינעם קאָנפֿערענץ־זאַל פֿון דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט

די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע באַם מאָסקווער פֿיליאַל פֿון דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט האָט דורכגעפֿירט אַ זיצונג, געווידמעט דעם *ייִדישן מוזיקאַלישן פֿאָלקלאָר.* דער יונגער דיכטער וועלוול טשערנין האָט דערציילט וועגן דער אַשקענאַזישער מוזיקאַלישער פֿאָלקס־שאַפֿונג, ווי אויך וועגן דער ראָליע, וואָס די ייִדישע פֿאָלקסליד און די אַווטאָרישע ליד שפּילט אינעם קולטור־לעבן פֿון די סאָוועטישע ייִדן.

נאָך דעם, ווי מע האָט אין די 40־ער יאָרן פֿאַרמאַכט אַלע ייִדישע וויסנשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, איז באַ אונדז אין לאַנד פּראַקטיש איבערגעריסן געוואָרן די טראַדיציע פֿון דערלערנען ייִדישן פֿאָלקלאָר. אין די לעצטע יאָרן פֿירט סיסטעמאַטיש אַזאַ אַרבעט דער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר ביטקין (קעשענעוו), וועמענס אַרטיקלען און זינגלידער זײַנען באַקאַנט די לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד”. לעצטנס האָט אַ געוויסע צאָל מוסטערן פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿאַרשריבן אַווי נעדזוועצקי, אַ קאָמפּאָזיטאָר פֿון טאַלין.

דעם צווייטן טייל פֿון דער זיצונג וואָלט מען געקאָנט אָנרופֿן „וויסנשאַפֿטלעכער קאָנצערט”. די יונגע זינגערין פּאָלינע בעלילאָווסקאַיאַ, וועלכע האָט געפֿירט אָט דעם טייל, האָט ניט בלויז גלענצנדיק אויסגעפֿילט ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿון פֿאַרשיידענע זשאַנרען, נאָר אויך געפֿירט אַ לעבעדיקן און אינהאַלטרײַכן שמועס וועגן די מינהאָגים און דעם שטייגער־לעבן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

פּאָלינע בעלילאָווסקאַיאַ פֿאַרנעמט זיך מיט ייִדישן מוזיקאַלישן פֿאָלקלאָר נאָך פֿון די סטודענטישע יאָרן. מיט דער דאָזיקער טעמאַטיק איז געווען פֿאַרבונדן איר דיפּלאָם־אַרבעט אינעם מאָסקווער מעלוכישן אינסטיטוט אָף וו. אי. לענינס נאָמען.

אין דער פּראָגראַם פֿון דער זיצונג האָבן זיך אויך באַטייליקט דער קלאַרנעטיסט וולאַדימיר פֿרידמאַן, די גיטאַריסטן סערגיי קאָסטיוכין און אָלעג בעלילאָווסקי. די זיצונג האָט געפֿירט דער סעקרעטאַר פֿון דער עטנאָגראַפֿישער סעקציע, קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן איגאָר קרופּניק.

אָף זי זײַטן פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ טיורקאָלאָגיאַ”

די וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פֿססר און די וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון דער אַזערבײַדזשאַנישער ססר גיבן בעשותּפֿעס אַרויס אין באַקו די דרײַמאָנאַטשריפֿט „סאָוועטסקאַיאַ טיורקאָלאָגיאַ” („סאָוועטישע טיורקאָלאָגיע”). אין דריטן באַנד פֿון דער אויסגאַבע פֿאַרן פֿאַריקן יאָר איז דערשינען אַן אַרטיקל פֿון די מאָסקווער פֿאָרשער מ. פּאָלינסקאַיאַ און וו. טשערנין — „די טערמינאָלאָגיע פֿון קרויוועשאַפֿט באַ די קרימטשאַקעס”. שוין פֿון די ערשטע שורעס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז „די קרימטשאַקעס זײַנען אַ טיורקיש־שפּראַכיקע סובעטנישע גרופּע ייִדן”. עס ווערן געבראַכט קורצע אָנגאַבן וועגן דער געשיכטע, צאָלבאַשטאַנד און שפּראַך פֿון די קרימטשאַקעס, באַזונדערע פּאַראַלעלן צווישן די דיאַלעקטן פֿון אָט דער שפּראַך מיט לאָשנקוידעש און ייִדיש.

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

שטערנבערג, יאַנקעוו
(1973—1890)

— דיכטער, דראמאטורג, טעאטראלער טוער, ליטעראטור־קריטיקער. געבוירן אין ליפקאן, בעסאראביע. זיך געלערנט אין א קאמענעץ־פּאָדאָלסקער גימנאזיע. אין 1914 זיך באזעצט אין רומעניע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן זײַן ליטעראריש און קולטור־געזעלשאפטלעכע ארבעט. דעביוטירט אין דער ליטעראטור אין 1908 מיט א מײַסעלע אין דער צײַטשריפט „אונדזער לעבן”. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך געדרוקט אין פיל צײַטונגען, זשורנאלן און זאמלביכער. אין בוקארעשט האָט ער געשאפן א ייִדישן רעוויו־טעאטער, פאר וועלכן געשריבן מוזיקאלע קאָמעדיעס, קליינקונסט־פּיעסעס, באקומען א שעם פון א טאלאנטפולן רעזשיסער. אין די יאָרן 1924 — 1926 אָנגעפירט מיטן טעאטראלן קאָלעקטיוו „ווילנער טרופּע” אין בוקארעשט, שפּעטער גאסטראָלירט מיט א טעאטראלער גרופּע אונטער זײַן אָנפירונג אין גרויסע שטעט פון מיזרעך־אייראָפּע. אין 1939 אנטלאָפן קיין סאָוועטנפארבאנד, געדרוקט לידער און ליטעראטור־קריטישע ארטיקלען אין דער צײַטונג „אייניקײַט”, אינעם אלמאנאך „היימלאנד”. זינט עס האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען „סאָוועטיש היימלאנד”, געווען אן אקטיווער אווטאָר פונעם זשורנאל. געשטאָרבן אין מאָסקווע.

ווערק: שטאָט אין פּראָפיל, לידער. בוקארעשט, פארלאג „די יואָך”, 1935; ליד און באלאדע אף די קארפּאטן, פאריזש, פארלאג „אפסנײַ”, 1968; אין קרײַז פון יאָרן, געקליבענע לידער, 1915 — 1970. בוקארעשט, פארלאג „קריטעריאָן”, 1970; לידער־ציקלען און פּאָעמעס אין „סאָוועטיש היימלאנד” — 1961, נומ. 1; 2, 1963, נומ. 2; 1964, נומ. 1; 1965, נומ. 4; 1966, נומ. 3, 12; 1968, נומ. 7; 1969, נומ. 1, 7; 1970, נומ. 5; 1971, נומ. 2; 1972, נומ. 2; ליטעראטור־קריטישע ארטיקלען: אן אָנהייב פון א שמועס וועגן ליטעראטור־קריטיק. 1961, נומ. 3; דער גרויסער פּראָזע־מײַסטער, שטריכן צו א פּאָרטרעט (80 יאָר ד. בערגעלסאָנען). 1964, נומ. 4; וועגן נאטור־מאָטיוון אין דער דיכטונג. 1971, נומ. 2; מײַנע ענטפערס (פון דער שעפערישער לאבאָראטאָריע). 1965, נומ. 5; דער פארקישעפטער שרײַבער (געדאנקען וועגן שאָלעם־אליינכעמען). 1969, נומ. 3; ווידעראמאָל י.־ל. פּערעץ (א פּאָפּולערער, נאָר דערפאר ניט ווייניקער גײַסטיקער שמועס), פּאָלעמישע נאָטיצן. 1970, נומ. 8; הונדערט יאָר „דאָס קליינע מענטשעלע — הונדערט יאָר מענדעלע. 1964, נומ. 6; מענדעלע, שאָלעם־אליינכעם, פּערעץ (וועגן דער רעוויזיע פון די קלאסיקער און באזונדערס פון פּערעצן אין דער אויסלענדישער ייִדישער קריטיק). 1968, נומ. 1; עליעזער שטיינבארג (צו זײַן 30־טן יאָרצײַט). 1962, נומ. 2; פארוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט? (וועגן דעם דיכטער א. נ. שטענצעל. 1969, נומ. 8, צו די שלוישים פון איציק מאנגער. 1967, נומ. 6; צו דער טעמע איציק מאנגער (זיכרוינעס). 1967, נומ. 6; ווערטער, שפּראַך, סטיל. 1968, נומ. 4; דער רומענישער עטאפּ אין גאָלדפאדענס טעאטער־שאפונג (צום 125־טן געבורטסטאָג פון א. גאָלדפאדן). 1965, נומ. 12.

ביבליאָגראפיע: י. באָטאָשאנסקי, פּאָרטרעטן פון ייִדישע שרײַבער. ווארשע, 1933; ש. ביקל, אין־זיך און ארום־זיך. בוקארעשט, 1936; י. פאנער, גאָלדענע קייט, 1950; א. קאהאן, „סאָוועטיש היימלאנד”, 1966, נומ. 4; מ. לאקס, מעמואריסטישע פעדערשפּריצן, בוקארעשט, 1973; י. בערקאָוויטש, הונדערט יאָר ייִדיש טעאטער אין רומעניע. דאָרט, 1976; ש. ביקל, לידער און עסייען פון יאנקעוו שטערנבערג. „סאָוועטיש היימלאנד”, 1970, נומ. 3; יאנקעוו שטערנבערג. דאָרט 1973, נומ. 5; לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור, אכטער באנד. ניו־יאָרק, 1981, שפּאלטן 649 — 652.

Урок IX

לימעד נײַן

Три формы прошедшего времени

Для выражения прошедшего времени глаголов в идише существуют три формы. Они называются многократно-прошедшее, общепрошедшее и предпрошедшее время. Каждая из этих форм выражает другой смысловой оттенок прошедшего действия. Все они соответствуют одной единой форме прошедшего времени в русском языке, сравните:

1. Я *делал* задания ежедневно (*многократно-прошедшее время*).	1. איך פלעג מאכן די א׳ופגאבעס יעדן טאָג (פרי׳ערדיקע פארג׳אנגענהײַט)
2. Я *(с)делал* задания (*обще-прошедшее время*).	2. איך האָב געמ׳אכט די א׳ופגאבעס (געוו׳ײנלעכע פארג׳אנגענהײַט)
3. Еще до того, как он пришел ко мне, я *уже сделал* все задания (*предпрошедшее время*).	3. נאָך א׳יידער ער איז צו מיר געק׳ומען, האָב איך שוין געמ׳אכט אלע אופגאבעס (פילמאָליקע פארג׳אנגענהײַט)

Многократно-прошедшее время

Форма многократно-прошедшего времени выражает действие, которое неоднократно повторялось (например, «ежедневно», «часто», «время от времени» и т. п.).

Форма многократно-прошедшего времени состоит из вспомогательного глагола [*флэгн*] и неопределенной формы основного глагола, например:

Единственное число	א׳יינצאָל
1. Я часто *бывал* в Москве.	1. איך פלעג אָפט זײַן אין מ׳אָסקווע.
2. Ты часто *ходил* в кино?	2. דו פלעגסט אָפט גיין אין קינאָ?
3. Он часто *приходил* ко мне.	3. ער פלעגט אָפט ק׳ומען צו מיר.

Множественное число	מ׳ערצאָל
1. Мы часто *ходили* гулять.	1. מיר פלעגן אָפט גיין שפאצ׳ירן.
2. Вы регулярно *получали* журнал?	2. איר פלעגט רעגול׳ער באקומען דעם זשורנ׳אל?
3. Они *изучали* идиш ежедневно.	3. זיי פלעגן יעדן טאָג לערנען יי׳דיש.

З а м е т ь т е! Составные части многократно-прошедшего времени имеют единое значение и отдельно не переводятся. Поэтому, встретив в предложении слово с корнем [*флэг-*], необходимо отыскать относящийся к нему основной глагол (неопределенную форму) и перевести их одним словом — соответствующим русским глаголом в прошедшем времени *несовершенного* вида, сравните:

1. Я делал (*а не* «сделал»!)	1. איך פלעג...
2. Он приходил (*а не* «пришел»!)	2. ער פלעגט... ק׳ומען
3. Мы посещали (*а не* «посетили»!)	3. מיר פלעגן... באז׳וכן

Задание 1. а) Прочтите текст «Как я работал над уроками идиша»;
б) выпишите из каждого предложения сочетание [*флэг-*] с неопределенной формой основного глагола;
в)* переведите текст, используя перевод новых слов.

וויאזוי פלעג איך 'ארבעטן א'יבער די יידיש־לימודים

1) י'עדעס מאל, ווען איך פלעג 'אנהייבן א נייעם לימעד, פלעג איך א'ופמערקזאם ל'ייענען די גראמאטישע קלאלים און דערנ'אך פלעג איך מאכן די א'יבונגען. 2) א'ייניקע א'יבונגען פלעג איך מאכן שר'יפטלעך, 'אנדערע פלעג איך מאכן מ'ינדלעך. 3) קאנטראל'ירן פלעג איך מיך לויט די של'יסלען צו די א'ופגאבעס. 4) י'עדעס ווארט פלעג איך 'עטלעכע מאל ל'ייענען, און דער־נ'אך פלעג איך עס אר'יינשרייבן אין מיין וו'ערטערהעפט. 5) די וו'ערטער פלעג איך ל'ערנען אף א'ויסווייניק. 6) די טעקסטן פלעג איך ל'ייענען 'עטלעכע מאל און פלעג זיך באמ'יען פארשט'ייען דעם א'ינהאלט. 7) ווען איך פלעג טרעפן א נייע ווארט, פלעג איך א'ופזוכן זיין באט'ייט א'ינעם וו'ערטערבוך. 8. די א'יבערז'עצונג פלעג איך מאכן שר'יפטלעך. 9) אפט פלעג איך מאכן צוריק־איבערז'עצונגען פון ר'וסיש אף י'ידיש. 10) אזוי פלעג איך 'ארבעטן א'יבער י'עדן שפראך־ל'ימעד.

נייע וו'ערטער

א — 1) די א'ופגאבע־ס; 2) א'ופזוכן
3) א'ופמערקזאם; 4) א'ויסווייניק;
5) די א'יבונג־ען; 6) די איבערז'עצונג־ען;
7) דער א'ינהאלט;
8) א'ייניקע

אַ — 'אנהייבן

ב — 1) דער באט'ייט; 2) באמ'יען זיך

ג — גראמ'אטישער

ד — דערנ'אך

ה — דער, די העפט־ן

וו — 1) וויאז'וי;
2) ווען

ט — טרעפן

י — י'עדער

מ — 1) מאכן; 2) מ'ינדלעך

פ — פארשט'ייען

ק — 1) קאנטראל'ירן;
2) דער קלאל (מצ. קל'אלים)

ש — 1) דער שליסל־ען; 2) ד'י שפראך־ן;
3) שר'יפטלעך

Новые слова

[А] 1) задание; 2) отыскать, найти;
3) внимательно; 4) наизусть;
5) упражнение; 6) перевод (*с языка на другой*);
7) содержание (смысл);
8) несколько, некоторые.

[О] начинать

[Б] 1) значение, смысл; 2) стараться.

[Г] грамматический

[Д] затем, потом

[h] тетрадь

[h] тетрадь

[В] 1) как, каким образом; 2) когда; если

[Т] встречать

[И] каждый

[М] 1) делать; 2) устно

[Ф] понимать

[К] 1) проверять;
2) правило

[Ш] 1) ключ; 2) язык (*речь*);
3) письменно

Ключ к заданию 1«в»

Как я работал над уроками еврейского языка

1) Каждый раз, когда я начинал новый урок, я внимательно читал грамматические правила и затем выполнял (делал) упражнения. 2) Некоторые (одни) упражнения я делал письменно, другие — устно. 3) Я проверял себя по ключам к упражнениям. 4) Каждое слово я читал по несколько раз, а затем записывал его в свою словарную тетрадь. 5) Слова я заучивал наизусть. 6) Тексты я читал по несколько раз и старался понимать (их) содержание. 7) Встретив (*буквально:* когда я встречал) новое слово, я отыскивал его значение в словаре. 8) Перевод я делал (выполнял) письменно. 9) Часто я делал обратные переводы с русского на идиш. 10) Так я работал над каждым уроком языка.

דאזענט ש. סאנדלער

●

brought for "Sovietish Heimland" the famous secret agent's manuscript about Richard Zorge, that has not been published yet.

The Soviet press received with satisfaction the publication of L. Domb's memories by "Sovietish Heimland". The current issue includes a review of this publication by the newspaper "Glory of the Motherland" of the Carpathian military district holding the Order of the Red Banner.

The current affairs materials of the issue are devoted to the problems of Israel. Yakov Rabkin (Canada) expounds the idea of cantonal division of the state. Polemizing with the Canadian scientist is the Soviet journalist Alexander Zotov (Moscow). Issue No 3 carries materials from the Israeli newspaper "Der Veg" speaking of the difficulties the development of culture in Yiddish encounters in that country.

The section "Literary Criticism. Biblilography. Problems of Art" opens with an article "Babel and Hershele Ostropoler" by Miron Vaisman (Tartu). Vsevolod Vikhnovich (Leninrad) contributed his hypothesis that the principal work of the outstanding orientalist Alexander Garkavi — investigation of the finds of the Karaite collector and traveller A. S. Firkovich — is to be searched in the archives of the Ukrainian Academy of Sciences which in the 1930s received the archives of the Institute of the Jewish Proletarian Culture affiliated to the All-Ukrainian Academy of Sciences.

The magazine continues to publish the book "The Ancient "Israel" People by professor N. M. Nikolsky. The current chapters of the book deal with the building of Jerusalem and the first Temple.

The "Items of Interest" section features a notice by Velvl Chernin (Moscow), entitiled "Sholom Aleichem's Visiting Card".

The magazine furnishes detailed information about the Jewish cultural life.

The current issue concludes with its traditional sections "Materials for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", "Chronicle", "Teach Yourself Yiddish".

★

Supplement to the issue:
Consile Yiddish-Russian Dictionary. Part 2

Investigator: Aren't you ashamed? You are a Russian princess and you extol the Jews. May be your mother sinned with a Jew?

I: Everything is possible. Only the woman herself knows whose child she is carrying under her heart.

Investigator: Stop fooling and tell me the truth, why do you love the Jews?

I: Because our destinies are similar: it is not the Jew's fault that he was born by a Jew, and it is not my fault that I was born by a prince.

Here the investigator flew into a terrible rage and began yelling at me, banging his fist on the table: "For us the likes of you are worse than Jews. We call such ones kike-lovers" and with this shout he pressed the bell button, hissing through his teeth: "Back . . . to solitary confinement".

The Jews are an ancient people, centuries old. They gave the world the bible from which culture and religion emerged. It is clear that not a single believer in God can be an anti-Semite.

I am sending you the speech, I have preserved, delivered by my nephew Alexei Ignatyev at the funeral of our family's friend Solomon Mikhoels. You may find this text interesting, for to my mind, it has never been published before.

Very sincerely yours
Ye. Meshcherskaya."

Lieutenant-General A. A. Ignatyev. Tribute to the memory of Mikhoels.

Speech delivered at the funeral of Mikhoels on January 16, 1948.

"It is the first time in my life that before my eyes appears not the image of a biblical prophet who inspired our great poet to create one of his finest works, but the image of a modern thinker, actor and friend of humanity Solomon Mikhailovich Mikhoels, who has departed from us, and alas, for ever.

Pushkin was captivated by the Jewish culture which descends into the depths of centuries, which in our time gave us a descendant worthy of the wise thinkers the Jewish people has bread from time immemorial. However, they belong not only to the Jewish people but to all mankind, and the loss of Mikhoels is mourned not only by the Jewish people, but by all the peoples of the Soviet Union who were proud of him, as well as by his foreign friends and followers.

Shedding tears over him will be all the oppressed and poor people who are deprived of the right to a happy life. They have lost in him a sun which shone and warmed not only himself, but all those who surrounded him. They have lost in the highly educated and convinced Communist Solomon Mikhailowich a teacher who inspires faith in earthly happiness.

May this faith serve as the best monument to this great humanist who invariably converted his words and thoughts into deeds full of self sacrifice.

His loss will be remembered and deeply bemoaned by the actors and writers who as ardently as he, treat their work, who look on art not only as an adornment of life, but as a source of inspiration.

Such an inspiration was our unforgettable friend Solomon Mikhailovich who soothed our souls by his glance which was full of kindness and indulgence, by his incomparable voice which was consonant with the deep feelings and ideas he expressed. It is impossible to imitate Mikhoels, but inspired by him will be everybody who loves people."

In 1988 "Sovietish Heimalnd" introduced the readers to the memories of the Soviet secret agent Leib Domb (Leopold Trepper), conductor of the "Red Orchestra" that operated deep in the nazi rear. In continuation of this subject the issue carries a notice by Valentin Tomin (Moscow) about the arrival from Copenhagen in Moscow of Liubov Broide-Domb, Leib Domb's widow, who

The historical chronicle of the Great October Revolution conveys the fact that the widow of princle Meshchersky, a representative of an ancient family, accepted the revolution with understanding, stayed with her thirteen-year old daughter Yekaterina in Russia and voluntarily gave her great valuables to the people's state.

Princess Yekaterina Alexandrovna Mesherskaya had a very hard life afterwards. Magazines "Ogonyok" and "Novy Mir" and a T.V. program dealt with her relentless fate. "Sovietish Heimland" has a possibility to introduce the readers to this extraordinary 84-year old woman who did not lose, in her dreadful ordeals, her courage or optimism. Of great interest is the text of the speech her nephew Alexei Alexeyevich Ignatyev lieutenant-general of the Soviet Army devoted to S. M. Mikhoels, which Yeakterina Alexandrovna handed over to "Sovietish Heimland" for publication.

The following is the competent opinion of princess Yekaterina Alexandrovna Meshcherskaya:

"Dear editors,

'I've heard a lot about the interesting and popular magazine "Sovietish Heimland". I wish to avail myself of the opportunity offered to me to tell your readers how the Russian aristocracy regarded anti-Semitism (it will probably help to understand the Russian national character in general).

The point is that until the age of thirteen I had no idea of this word. Since the reign of Peter the Great countless numbers of talented young foreigners had been flocking to Russia. The Dutch Jew Shapiro became Peter's best assistant in ship-building, and Peter conferred on him the title of baron Shafirov. There was no anti-Semitism among the Russian aristocrats. Anti-Semitic statements in general were considered bad form.

Many Jews were forced to be baptized in order to overcome "the pale" and to engage in trade on the vast territory of Russia. Their "overseas goods" and beautiful shop-windows infuriated the non-Jewish merchants who not being able to survive the competition, bribed the police into inciting the drunken mob to forment pogroms. Let us remember old Moscow's best shop "Mur and Merliz" (now TSUM). The entire Mysnitskaya street (now Kirov Street) was full of technical equipment shops owned by brothers Brabets, Siemens and Halske, Robert Kents, Georges Borman and others, and the shop owner Mikhail Vasilievich Kishinevsky adorned Moscow with his huge round electrical luminous clocks.

The last Russian minister baron Vitte was maried to a Jewess and he would appear with her at Court. Formerly the accepted order was for a doctor to live in the house of a family (he had a right, of course, to treat his private patients). The doctor treated all the family, the servants and also the menials. He received an adequate salary and became a member of the family, sharing in the family's joys and sorrows. Such a man was our dear doctor Zinoviy Yakovlevich Liubarsky. I still remember his somewhat bulging blue eyes, his bushy red beard and kind smile with which, whenever I was ill, he would first examine my doll lying near me, and then myself. He must have been a Jew, but it did not enter anybody's head to inquire about it—he was our Friend, a man respected by everybody.

Now I wish to tell you of another thing. As the "Ogonyok" article said, I was often thrown into prison (mostly for refusing to be a Lubyanka agent). I was in solitary confinement, prevented from sleeping for I was examined and cross-examined nights long. After the publication of the materials about the capture of Eichman (which I translated for the journal "Problems of History") I was once summoned to Lubyanka. The following dialogue took place.

Investigator: What for did you write an article about the capture of Eichman?

I: By my convictions I am an internationalist and anti-fascist.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 3, March, 1989

The March issue opens with a memorial list of Soviet Jewish writers and publicists, victims of the 1930s- 1950s stalinist repressions: A. Abchuk, Sh. Agursky, L. Abram, Sh. Alek, Z. Axelrod, E. Osherovich, D. Bergelson, A. Brakhman, Ya. Bronshtein, G. Bril, Kh. Gildin, Z. Grinberg, A. Damesek, M. Dubrovitsky, L. Dushman, Kh. Dunets, Sh. Dimantshtein, Kh. Golmshtok, F. Golmshtok, D. Gofshtein, A. Volobrinsky, A. Vainshtein, V. Zuskin, G. Zhits, A. Chemerinsky, I. Yakhinson, A. Yudelson, Ya. Yankelevich, I. Kharik, A. Khashin, I. Liberberg, M. Litvakov, L. Lev, L. Litvinov, M. Levitan, N. Levin, D. Mats, P. Markish, D. Marshak, A. Merezhin, V. Nodel, I. Nusinov, Der Nister (P. Kaganovich), G. Soloveichik, D. Slutsky, O. Strelits, V. Segalovich, E. Spivak, E. Frumkina (M. Lifshits), M. Erik (Z. Merkin), Sh. Persov, I. Fefer, Ts. Fridliand, L. Tsart, I. Tsinberg, M. Kadishevich, M. Kamenshtein, M. Kulbak, L. Kvitko, M. Kiper, Sh. Klitenik, B. Koblents, B. Kopelevich, I. Ravin, Sh. Ravin, M. Rafalsky, G. Rivkin, N. Rubinshtein, Kh. Shayevich, Z. Shneyer-Okun, E. Shprakh.

By publishing the memorial list of the killed Soviet Jewish men of letters, the publishers appeal to "Sovietish Heimland" readers to contribute information extending this memorial.

The issue concludes the publication of the autobiographical novella by the poet Iosif Bukhbinder (Kiev), entitled "Pages of my Diary". Its first part was published in the February issue.

"Sovietish Heimland" commemorates the 130th birthday anniversary of the great Jewish writer, classic of world literature Sholom Aleichem (1869-1916), by publishing the literary essays by Chaim Beider (Moscow) about little known episodes of the writer's life. Sholom Aleichem, as is known, corresponded with Lev Tolstoy, Chekhov, Kuprin, Gorky and many other Russian writers. Lyubov Pustilnik, Cand. S. (Philology) of Moscow, has found in the archives new interesting materials containing the letters (published in the current issue) of the talented fiction-writer and publicist Alexander Amfiteatrov to Sholom Aleichem, as well as Sholom Aleichem's letter-autobiography (written in Kiev, at the end of 1912) at the request of Maxim Gorky who was then at the head of the magazine "Znanye". "Music in Sholom Aleichem's Works" is the title of the article ocntributed by Victor Lenzon, Cand. S. (Art Criticism). The selection concludes with Irma Druker's two stories about the great writer, the continuation of Sholom Aleichem's novel "Bloody Joke".

Modern Jewish poetry is represented in this issue by the poems of Girsh Reles (Minsk) and the poetry of "Sovietish Heimland" readers Motl Kaplan (Minsk) and Boris Khais (Kishinev).

«Древний народ израиль». Очередные главы книги знакомят с историей строительства Иерусалима и первого Храма.

В рубрике «Это интересно» помещена заметка Велвла Чернина (Москва) «Визитная карточка Шолом-Алейхема».

Журнал подробно информирует читателей о новостях еврейской культурной жизни.

Завершается номер традиционными рубриками «Материалы для лексикона советской еврейской литературы». «Хроника», «Самоучитель еврейского языка».

★

Приложение к номеру:
Краткий еврейско(идиш)-русский словарь. Выпуск 2

К сведению читателей журнала «Советиш геймланд»!

В нынешнем, 1989 году в журнале «Советиш геймланд» будет завершена публикация малоизвестного романа Шолом-Алейхема «Кровавая шутка», книги Н. М. Никольского «Древний народ израиль».

Читатели смогут познакомиться с произведениями советских и зарубежных еврейских писателей, а также классиков еврейской литературы.

Будут публиковаться материалы о деятелях еврейской культуры, ставших жертвами сталинских репрессий 30-х — 50-х годов.

Журнал печатает литературно-критические статьи, рецензии, исследования по иудаике, фольклору, этнографии и демографии.

Читатель узнает о новостях еврейской культурной жизни в СССР.

Учётно-методические, справочные материалы помогут тем, кто преподает или изучает идиш.

Подписка принимается во всех отделениях «Союзпечати» и общественными распространителями на предприятиях и учреждениях.

Цена одного номера журнала с приложением 80 коп.
Индекс журнала — 70821.

народа. Впрочем, они принадлежали не ему, а всему человечеству, и потерю Михоэлса оплакивает не один еврейский народ, а все гордившиеся им народы Советского Союза и его зарубежные друзья и единомышленники.

Прольют о нем слезы все угнетенные и лишенные права на счастливую жизнь бедные люди. Они потеряли в нем солнце, светившее и согревавшее не самого себя, а всех окружающих. Они потеряли в нем того вселяющего веру в земное счастье наставика, каким являлся такой высокообразованный и глубоко убежденный коммунист, каким был Соломон Михайлович.

Пусть же эта вера послужит лучшим памятником для этого великого гуманиста, претворявшего неизменно свои слова и мысли в дела, полные самопожертвования.

Вспомянут и глубоко вдохнут об его утрате те артисты и писатели, которые столь же пламенно, как и он, относятся к своему труду, которые смотрят на искусство не только как на украсу жизни, но и как на источник всяческого вдохновения.

Таким же источником являлся сам незабываемый наш друг Соломон Михайлович, согревая душу своим взглядом, полным ласки и снисхождения, своим несравненным ни с чьим голосом, столь созвучным глубине передававшимся им мыслям и чувствам. Подражать Михоэлсу нельзя, но вдохновляться им будет всякий, искренне любящий человечество.

В 1988 году читатель «Советиш геймланд» познакомился с воспоминаниями советского разведчика Лейба Домба (Леопольда Треппера) — дирижера «Красной капеллы», действовавшей в глубоком гитлеровском тылу. Продолжая эту тему, журнал публикует заметку Валентина Томина (Москва) о приезде в Москву из Копенгагена Любови Бройде-Домб — вдовы Лейба Домба, которая привезла для журнала неопубликованную рукопись прославленного разведчика о Рихарде Зорге.

Советская пресса с удовлетворением встретила публикацию воспоминаний Л. Домба в «Советиш геймланд». В нынешнем номере журнала приводится отзыв об этой публикации газеты Краснознаменного Закарпатского военного округа «Слава родины».

Публицистические материалы номера посвящены проблемам Израиля. Яков Рабкин (Канада) выступает с идеей кантонизации этого государства. С канадским ученым полемизирует советский журналист Александр Зотов (Москва). «Советиш геймланд» знакомит читателей с материалами израильской газеты «Дер вег», рассказывающими о сложностях, с которыми сталкивается развитие культуры на языке идиш в этой стране.

Раздел «Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства» открывается заметкой Мирона Вайсмана (Тарту) «Бабель и Гершеле Острополер». Всеволод Вихнович (Ленинград) выступает в журнале с гипотезой о том, что главный труд выдающегося востоковеда Александра Гаркави — исследование находок караимского собирателя и путешественника А. С. Фирковича — следует искать в фондах Академии наук УССР, куда в 30-е годы были переданы фонды Института еврейской пролетарской культуры при Всеукраинской Академии наук.

Журнал продолжает печатать книгу проф. Н. М. Никольского

горестях. Таким был и наш дорогой доктор Зиновий Яковлевич Любарский. Я вспоминаю его чуть-чуть навыкате голубые глаза, пышную, рыжеватую бороду и ту добрую улыбку, с которой он, когда я болела, сначала выслушивал мою, рядом со мной лежавшую куклу, а потом уже и меня. Он наверно был евреем, но никому не приходило в голову об этом специально осведомляться — это был наш Друг и всеми уважаемый человек.

Теперь вот о чем. Как это было напечатано в журнале «Огонек», я много раз сидела в тюрьме (главным образом, за то, что не соглашалась быть агентом Лубянки). Сидела в одиночке, спать не давали, допрашивали по ночам перекрестным допросом. Уже после опубликования материалов о поимке Эйхмана (помещенных в моем переводе в журнале «Вопросы истории») я была однажды вызвана на Лубянку. Состоялся такой диалог.

Следователь. — Чего это ради Вы напечатали статью о том, как был пойман Эйхман?

Я: — По убеждениям я интернационалистка и антифашистка.

Следователь: — Стыдитесь! Русская княжна — и возвышаете евреев. Может быть, ваша мать согрешила с евреем?

Я: — Все возможно. Только сама женщина знает, от кого она носит под сердцем ребенка.

Следователь: — Вы мне не дурите, а говорите правду! За это вы любите евреев?

Я: — За то, что у меня с ним одна судьба: еврей не виноват, что родился от еврея, а я не виновата, что родилась от князя.

Тут следователь совершенно озверел и заорал на меня, стукнув по столу кулаком: «А для нас такие, как вы, хуже евреев! Мы таких зовем — жидовствующие!!», и с этим выкриком он, нажав кнопку звонка, уже прошипел сквозь зубы: «Обратно... в одиночку».

Евреи — многовековой народ. Они дали миру Библию, от которой пошли как культура, так и религии. И ясно, что ни один верующий человек не может быть антисемитом.

Посылаю вам сохранившийся у меня текст выступления моего племянника Алексея Игнатьева на похоронах друга нашей семьи Соломона Михоэлса. Этот текст должен оказаться вам интересным, ибо ранее он, по-моему, нигде не публиковался.

С глубоким уважением — Е. Мещерская.

Генерал-лейтенант А. А. Игнатьев. Слово о Михоэлсе
(Выступление на траурном митинге 16 января 1948 года)

Восстань, пророк, и вижддь, и внемли,
Исполнись волею моей,
И, обходя моря и земли,
Глаголом жги сердца людей.
А. С. Пушкин

Восстает передо мной впервые в жизни образ не ветхозаветного библейского пророка, вдохновившего великого писателя на одно из лучших его творений, а образ современного, ушедшего от нас, и, увы, навеки, мыслителя, мастера слова и друга человечества Соломона Михайловича Михоэлса.

Пушкина пленила та уходящая в глубь веков еврейская культура, которая дала нам в наши дни этого достойного наследника мудрых мыслителей, выходивших с незапамятных времен из среды Еврейского

с такой статьей выступает кандидат искусствоведения Виктор Лензон (Москва). Завершают подборку два рассказа Ирмы Друкера о великом писателе, продолжение романа Шолом-Алейхема «Кровавая шутка».

Современную еврейскую поэзию в этом номере «Советиш геймланд» представляют стихи Гирша Релеса (Минск), а также поэтические произведения читателей журнала Мотла Каплана (Минск) и Бориса Хаиса (Кишинев).

Из исторической хроники времен Великой Октябрьской революции известно, что вдова князя Мещерского, представителя древнего рода, с пониманием принимает революцию, остается с тринадцатилетней дочерью Екатериной в России и добровольно отдает ценности огромной стоимости народному государству.

Княжне Екатерине Александровне Мещерской выпала впоследствии тяжелая судьба. Об этом писали недавно журналы «Огонек» и «Новый мир», рассказывалось по телевидению. «Советиш геймланд» получил возможность познакомить читателей с этой необыкновенной восьмидесятичетырехлетней женщиной, не растерявшей в суровых испытаниях своей стойкости и жизнелюбия. Большой интерес представляет также переданный Екатериной Александровной для публикации в «Советиш геймланд» текст речи о С. М. Михоэлсе ее племянника Алексея Алексеевича Игнатьева, генерал-лейтенанта Советской Армии.

Компетентное мнение княжны Екатерины Александровны Мещерской

Дорогая редакция!

Я достаточно наслышана об интересном и содержательном еврейской журнале «Советиш геймланд». Хочу воспользоваться предоставленной мне возможностью вкратце рассказать вашим читателям о том, как расценивала антисемитизм русская аристократия (может быть, это поможет понять русский национальный характер вообще).

Дело в том, что до своего тринадцатилетнего возраста я об этом слове не имела понятия. Со времен царствования Петра Первого волны талантливых молодых иноземцев хлынули в Россию. Голландский еврей Шапиро стал лучшим Петру помощником в кораблестроении, и Петр дал ему титул барона Шафирова. В русской аристократии не было антисемитизма. Подобные высказывания вообще считались дурным тоном.

Чтобы иметь возможность торговать в огромной, обширной России, многие евреи были вынуждены креститься ради того, чтобы преодолеть «черту оседлости». Их «заморские товары» и красивые витрины магазинов приводили в ярость купцов, и, не выдерживая конкуренции, те подкупали городовых, подстрекавших пьяную чернь на еврейские погромы. Вспомним лучший магазин старой Москвы — «Мюр и Мерелиз» (сейчас ЦУМ). Вся улица Мясницкая (ныне Кирова) была полна техники. Их владельцами были братья Брабец, Сименс и Гальске, Роберт Кэнц, Жорж Борман и др., а владелец магазинов Михаил Васильевич Кишиневский украсил всю Москву своими огромными, круглыми электрическими светящимися часами.

Последний русский министр барон Витте был женат на еврейке и появлялся с ней при Дворе. Раньше было принято, чтобы в каждой семье жил в доме свой врач (конечно, он имел полное право ездить и по своим частным вызовам). Он лечил всю семью, всю прислугу, а также дворню. Получал хорошее жалованье и становился уже своим, родным человеком. Принимал участие во всех семейных радостях и

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 3, март, 1989

Мартовский выпуск журнала «Советиш геймланд» открывается мемориальным списком советских еврейских писателей и публицистов, жертв сталинских репрессий 30-х — 50-х годов. В список включены имена А. Абчука, Ш. Агурского, Л. Абрама, Ш. Алека, З. Аксельрода, Э. Ошеровича, Д. Бергельсона, А. Брахмана, Я. Бронштейна, Г. Брила, Х. Гильдина, З. Гринберга, А.-А. Дамесека, М. Дубровицкого, Л. Душмана, Х. Дунеца, Ш. Диманштейна, Х. Голмштока, Ф. Голмштока, Д. Гофштейна, А. Волобринского, А. Вайнштейна, В. Зускина, Г. Жица, А. Чемеринского, И. Яхинсона, А. Юдельсона, Я. Янкелевича, И. Харика, А. Хашина, И. Либерберга, М. Литвакова, Зискинда Лева, Я. Левина, Л. Литвинова, М. Левитана, Н. Левина, Д. Маца, П. Маркиша, Д. Маршака, А. Мережина, В. Ноделя, И. Нусинова, Дер Нистера (П. Кагановича), Г. Соловейчика, Д.-Б. Слуцкого, О. Стрелица, В.-Г. Сегаловича, Э. Спивака, Э. Фрумкиной (М. Лифшиц), М. Эрика (З. Меркина), Ш. Персова, И. Фефера, Ц. Фридлянда, Л. Царта, И. Цинберга, М. Кадишевича, М. Каменштейна, М. Кульбака, Л. Квитко, М. Кипера, Ш. Клитеника, Б. Кобленца, Б. Копелевича, И. Равина, Ш.-И. Равина, М. Рафальского, Г. Ривкина, Н. Рубинштейна, Х. Шаевича, З. Шнеера-Окуня, Э. Шпраха.

Публикуя мемориальный список погибших деятелей советской еврейской культуры, редакция обращается к читателям журнала с просьбой сообщить дополнительные сведения, уточняющие этот мемориал.

Журнал завершает публикацию автобиографической повести поэта Иосифа Бухбиндера (Киев) «Страницы моего дневника». Первая часть повести была опубликована в февральском выпуске журнала.

«Советиш геймланд» отмечает 130-летие со дня рождения великого еврейского писателя, классика мировой литературы Шолом-Алейхема (1869—1916). Публикуется цикл литературных очерков Хаима Бейдера (Москва) о малоизвестных эпизодах из жизни великого писателя. Как известно, Шолом-Алейхем переписывался с Львом Толстым, Чеховым, Куприным, Горьким и многими другими русскими писателями. Новые интересные материалы обнаружила в архивах кандидат филологических наук Любовь Пустыльник (Москва), которая публикует письма талантливого беллетриста и публициста Александра Амфитеатрова Шолом-Алейхему, а также письмо-автобиографию Шолом-Алейхема (Киев, конец 1912 года), которое писатель отправил в ответ на просьбу Максима Горького, возглавлявшего в то время журнал «Знание». «Музыка в творчестве Шолом-Алейхема» —

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон, Х. Меламуд,
Б. Могильнер, Г. Полянкер, Б. Сандлер,
А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер, Г. Эстрайх** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 928-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
В. Соколова, Н. Завадская
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 07.02.1989. Подписано к печати 23.02.1989. Формат 70X108$^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1399.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
В/О «Совэкспорткнига» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1989

Цена 70 коп.

70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

В комиссии Политбюро ЦК КПСС.
Мемориальный список советских еврейских писателей и публицистов, жертв сталинских репрессий 30-х — 50-х годов.
И. Бухбиндер. Страницы моего дневника (повесть, окончание).
Стихи М. Каплана, Г. Релеса.
К 130-летию со дня рождения Шолом-Алейхема (1869—1916). Х. Бейдер. Эпизоды из жизни великого писателя. Л. Пустыльник. Новые документы о Шолом-Алейхеме. В. Лензон. Музыка в произведениях Шолом-Алейхема. И. Друкер. Рассказы. Шолом-Алейхем. Кровавая шутка (роман, продолжение).
А. Иванченко. Расстрел в Богуславе (отрывок из книги).
Е. Мещерская. Компетентное мнение (русская аристократия и антисемитизм).
В. Томин. Несколько дней в Москве.
М. Вайсман. Бабель и Гершеле Острополер.
Наши сообщения. В. Вихнович. Где находится главный труд Гаркави?
Произведения наших читателей. Б. Ханс, Р. Коенман.
Еврейская история. Н. М. Никольский. Древний народ израиль.
Новости еврейской культуры. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. Самоучитель еврейского языка.
Резюме на русском и английском языках.

1989

№ 3